UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 12 06 25 01 011 2

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

by

PAULA MINTZ
(MINTZMACHER)

521

176/102
2825

יחזקאל קאטיק.

מיינע זכרונות.

ערשטער טייל.

דער שילער קלוב
פון דער טאראנטער
נאציאנאל-ראדיקאלע שולע

פערלאג א. גיטלין, ווארשוי,
נאלעווקי, איוואנאווסקי באזאר.

1913 — תרע"ג

געזעצט ביי א. שריפטגיסער. ווארשא סאפעזשינסקא 8.

LIBRARY
NOV 14 1995
UNIVERSITY OF TORONTO

МОИ ВОСПОМИНАНІЯ
соч. Х. КОТИКА.

Варшава, 1913.

Тип. Х. Кельтера, Варшава, Новолипье 11.

2825



דער שילער קלוב
פון דער טאראנטער
נאציאנאלע-ראדיקאלע שוהלע

אַרבעטער רינג
א. ליעסין-בראנטש

מיינע זכרונות.

געווידמעט דעם אָנדענקען פון
מײַן ליעבער באָבען ביילע-ראשע
— די שטילע און הארציגע ער-
ציהערין פון אונזער גרויסער
און רוישענדער משפחה.

בִּמְקוֹם הַקְדָמָה.

איך דערצעהל וואָס איך האָב געזעהן. איך ווייס אָבער נישט ווי איך דערצעהל. נאָר דאָס אַלטע, זאָגט מען, איז ווילכטיג פאַר'ן נייעם, אַז כדי צו בויען דאָס נייע, מוז מען וויסען דאָס אַלטע. אויב דאָס איז אַזוי — וועט מיר דער לעזער מוחל זיין דעם „ווי" צוליעב דיזעם „וואָס", און איך וועל מיך פיהלען בעפריעדיגט: איך האָב אויפגעדעקט אַ ווינקעלע פון דעם גרויען, ווייטען, נאָר ליעבען אַלטען...

מיין יוגענד האָב איך פערבראַכט אין אַ קליין כאַראַקטעריסטיש שטעדטיל, וואו יודען האָבען געלעבט אָרים, אָבער „רוהיג" און — אויב מען קען אַזוי זאָגען — מיט טעם... הייַנט איז שוין דאָס נישטאָ און עס איז אויך נישטאָ די פּאָעזיע פון די אַמאָליגע שטעדטליך. אַמעריקאַ האָט זיי שיטער געמאַכט און דאָס שווערע לעבען פאַר יודען אין רוסלאַנד, וואָס איז אָנגעגאָסען מיט'ן שוואַרצען בלײַ פון אַנטיסעמיטיזם, האָט זיי איינגאַנצען איינגעבראָכען. זיי, די חנ'עוודיגע יודישע שטעדטליך, וואָס זענען שוואַכער פאַר די יודישע שטעדט, זענען די ערשטע געבליבען טויט...

י. ק.

עֶרשטעֶס קאַפּיטעֶל.

מײַן שטעֶדטיל. — דער סלופּ. — די אַמאָליגעֶ „סקאַזקעֶ“. — װוּיסאָקעֶ. — אַמאָליגעֶ מסחרים. — יודעֶן און פּריצים. — דער רוסישער און פּױלישער קלױסטעֶר. — דער רוסישעֶר און פּױלישעֶר גלח. — אָסטרעֶװסקי. — אָסטרעֶװסקי'ס יורש. — דער אַסעֶסעֶר. — אין װאָס פלעֶגט בײַ יודעֶן אַװעֶק דער טאָג. — די קאַרגעֶ גבירים. — די כּבוד'עֶ פאַמיליעֶס פון שטעֶדטיל. — שעֶבסיל דער קלעֶזמעֶר. — מרדכי ליב. — ר' שמחה לײַזעֶר. — שבת אין שטעֶדטיל. — שטעֶדטילשעֶ אינטריגאַנטעֶן. — אַמאָליגעֶ מחלוקת'ן. — איטשעֶ שײַטעֶס דער מסור. — זאַסטאַװיעֶ. — מלמדים. — אַמאָליגעֶס לערנעֶן. — די גוים. — דער דאָקטאָר. — רופאים. — די תלמוד־תורה. — די באָד. — די מקוה. — דער טײַך. — קאַמעֶניצעֶר שװימעֶר. — דער הקדש. — דער רב. — מגידים. — דער בית־עולם. — חברה קדישא. —

קאַמעֶניץ, דאָס שטעֶדטיל, װאו איך בין געֶבױרעֶן געֶװאָרעֶן, איז בעֶװאוסט מיט איהר אַלטעֶן היסטאָרישעֶן סלופּ. פון װאַנעֶן האָט עֶר זיך געֶנומעֶן, װײס מעֶן נישט. אַפּנים, אַז דאָס איז אַ זכר פון אַן'אַמאָליגעֶר פעֶסטונג. דער דאָזיגעֶר סלופּ איז אַ געֶמױעֶרטעֶר, אַ דיקעֶר און

אַ הויכֿער, מיט לײַכֿער אויף צו שיסען פון האַרמאַטען און פון ביקסען. מען האָט נאָך אין מײַן זיידענ׳ס צײַטען געפונען קוילען ווי אַ צעהן־פונטיגער די גרויס — אַ סימן, אַז דורך די לײַכֿער האָט מען אַמאָל יאָ געשאָסען. די ציגעל פון דעם דאָזיגען סלופּ זענען אַזוי פעכט, אַז עס איז אונמעגליך אָבצוברעכֿען אַ שטיקעל, אין קאַמעניץ זאָגט מען, אַז מען האָט איהם געמויערט מיט „ווײַסלען” פון אייער — און דעריבער איז ער אַזוי שטאַרק... ווען דער קייזער אַלעכּסאַנדער דער צווייטער האָט צוזאַמען מיט אייראָפּעאישע פּרינצען געמאַכט אַ יאַגד אין וואַלד „בעלאָוועזש”, זיעבען מייל ווײַט פון קאַמעניץ, זענען אַלע מיניסטאָרען און גענעראַלען געקומען אין שטעדטיל אָנזעהן דעם דאָזיגען היסטאָרישען סלופּ.

איך האָב אומישנע גענומען דעם סלופּ צום ערשטען, וואָרום קוים דערמאָהן איך מיר אָן מײַן שטעדטיל, אַזוי שווימט ער מיר אַרויס פון מײַן זכרון, ווי עפּעס אַ צייכען, אַ סימבאָל, וואָס האָט עפּעס אַנ׳אונ־פערשטענדליכע בעדײַטונג. און איצט קען איך אַריבערגעהן צו מײַן שטעדטיל גופא. צוריק מיט אַ יאָהר זעכציג, די צײַט, פון וועלכע איך וועל אָנהויבען מײַנע זכרונות, איז קאַמעניץ בעשטאַנען פון אַ צוויי־הונדערט־און־פופציג הײַזער, אַלטע, שוואַרצע און קליינע, צוגעדעקטע מיט שינדעל־דעכער, און מענשען, „נפשות”, הייסט עס, פערשריבענע אין דער „סקאַזקע”, דער רייסטער פון דער רעגירונג, זענען געווען בײַ אַ פיער־הונדערט־און־פופציג. דאָ קומט אַרויף אַ לאָגישע פראַגע אויפ׳ן זינען: צוויי־הונדערט מיט פופציג הײַזער — און נפשות פיער הונדערט מיט פופציג? ווי שיקט זיך עס? דערויף איז דאָ זעהר אַ פשוט׳ע תשובה. איידער עס איז אײַנגעפיהרט געוואָרען דאָס נײַע רעקרוטען־סיסטעם, פאַר׳ן 1874־טען יאָהר, זענען יודען כמעט צוויי דריטעל נישט געווען צוגעשריבען. די רעגירונג האָט אייגענטליך געוואוסט דער־פון און עס אַזוי, ווי שווײַגענדיג, דורכגעלאָזט. פערשריבען האָבען זיך ערשט אָט די אַלע נעלמים (נישט־פערשריבענע) אין 1874־טען יאָהר, בעת עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון קייזער אַ מאַניפעסט, אַז די נישט־פערשריבענע וועלען קיין שטראָף נישט בעקומען, ווען זיי זאָלען זיך איצט פערשרײַבען אין „סקאַזקע”, און איבער אַלע שטעדט און דערפלעך זענען אַרומגעפאָהרען קאָמיסיעס און פערשריבען די נעלמים.

נאָר עס איז זעהר אינטערעסאַנט, ווי אַזוי עס האָבען אַמאָליגע יאָהרען געגעבען רעקרוטען פון זיך די פערשריבענע פיער-הונדערט-און-פופציג נפשות פון מיין שטעדטיל.

פיער מייל פון קאַמעניץ איז דאָ אַ שטעדטעלע וויסאָקע, האָט זיך איהר „סקאַזקע“ גערעכענט ביי אַ פינף-הונדערט-און-פופציג נפשות. וויסאָקע און קאַמעניץ האָבען געגעבען רעקרוטען אַלע יאָהר צוזאַמען, נאָר אַזוי ווי מען נעהמט דאָך סאָלדאַטען לויט אַ געוויסען פראָצענט, לאָמיר זאָגען, איינעם פון טויזענד, און אַזוי ווי וויסאָקע מיט קאַמעניץ האָבען אויסגעמאַכט צוזאַמען, לאָמיר זאָגען, אַ טויזענד, איז פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען געגעבען געוואָרען פון ביידע שטעדטלעך מאַקע בלויז איין זעלנער. נאָר אויף קאַמעניץ קומט דאָך אויס קנאַפער פון אַ האַלבען זעלנער און אויף וויסאָקע עפּעס מעהר פון אַ האַלבען — וויסאָקע איז דאָך גרעסער — איז פאַר די פּני געוועזען אַ שטיק אַרבייט, ביז מען פלעגט דורכקומען. און דורכקומען פלעגט מען אַזוי: אַ יאָהר האָט געגעבען קאַמעניץ דעם זעלנער, און אַ יאָהר וויסאָקע. און איין מאָל אין צעהן יאָהר האָט קאַמעניץ גאָרנישט בעדאַרפט געבען: דער חשבון איז אַ פּשוט'ער: פופציג מענשען יעדעס יאָהר ווייניגער. פאַר צעהן יאָהר קומט אויס — פינף הונדערט מענשען ווייניגער, הייסט עס, דאַרף מען גאָרנישט געבען. אָט אַזוי האָט מען געגעבען רעקרוטין אַמאָליגע יאָהרען: מען איז דורכגעקומען צווישען זיך...

ווי די מאָדע איז, זענען אין מיטען שטאָדט געשטאַנען צוויי ציילען קראָמען מיט די פאָדערשטע מהיר'ן אינווייניג. צווישען די ביידע ציילען האָט זיך געצויגען אַ שמאָל געסעלע און דאָרט האָט זיך קוים געקענט דורכשפּאַרען אַ פוהר. אַ דריי, פיער קראָמען האָבען געה'מסחר'ט מיט מאַנופאַקטור פון העכערן גראַד: פאַר יודען און פּריצים פון אַרום שטאָדט, אין אַ דריי, פיער האָט מען פערקויפט פאַרטוכער, טיכער, טיכלעך און דעסגלייכען. אין די איבעריגע האָט מען געה'מסחר'ט מיט צעלניק, מיט סמאָלע און מיט דזעגעכץ א. ז. וו.

געה'מסחר'ט אין די קראָמען האָבען בלויז די פרויען — אַלטע, יונגע, מיידען און מיידעלעך. און אָט די אַלע ווייבער זענען געזעסען איינע געגען די אַנדערע, צוקאָכטע און אויפגערעגטע. דערביי האָבען, פערשטעהט זיך, נישט געפעהלט קיין העלפערקעס — אַ מיידעל צו

אַ ווייַבעל, וואָס האָבען געשלעפּט, געצווינגען און גערופען צו זיך דעם קונה: אַממעהרסטען פויערים און פויערטעס. אָבער דער העכערער גראַד קונים, די יודען און די פּריצים, האָבען זיך יעדערער געהאַט אייַן קרעמער און אַזאַ מין קונה האָט שוין קיינער נישט געהאַט די העזה צו שלעפּען, ווי אַ הערינג, צו זיך אין קראָם אַריין. אין דער־שטיל האָט מען איהם אפשר שטילערהייד בעגלייט מיט אַ קללה צו־זאַמען מיט דער קרעמערקע, וואָס לייזט פון איהם.

לייזונג אויסער זונטאָג איז אייגענטליך געווען ווייניג. ווארום אויסער זונטאָג איז דער פויער כמעט אין שטעדטיל נישט געקומען. איז מען מאַקע געזעסען פאַר די קראָמען און נישט געהאַט וואָס צו טהאָן. זונטאָג אָבער פלעגען זיך שטעלען גרויסע מערק, עס פלעגען זיך צונויפקומען מאַסען פויערים און אַרום די טהירען פון די קראָמען פלעגט זיין אַזאַ געשטייסעניש און שטופּעניש, פונקט ווי פליעגען אויף אַ פענסטער, וואו עס איז אָנגעשטאָטען מעהל־צוקער.

צו די גרעסערע געשעפטען אין שטאָדט האָבען אויך געהערט די שיינקען. זיי זענען געווען אין אַ היבשער צאָהל. און פויערים האָ־בען דאָרט געפונען צובייסונג אויך: קעז, הערינג, אוגערקעס, נאָר זיסע בראָנפענם האָבען אויך נישט אויסגעפעהלט, און דאָס האָט זיך שוין פערגונען אַ שליאַכטיטש, צי אַ קליין פּריצ'ל, וואָס האָט צוגע־ביסען נאָכ'ן שנאַפּס נישט מיט קעז צי מיט הערינג, ווי דער פויער, נאָר מיט אַ גענזעל אָדער מיט פיש. די דאָזיגע שיינקען זענען אויך געפיהרט געוואָרען פון די ווייבער, פונקט ווי די קראָמען. זונטאָג אָבער, דער טאָג פון גרויסען פדיון, האָט שוין דער מאַנסביל אויך צוגעהאָלפען.

מיט וואָס־זשע פאָרט האָבען זיך בעשעפטיגט די מאַנען? זיי זענען אויך נישט געשטאַנען לעדיג. אַרום קאַמענייץ האָט זיך געפונען ביי אַ פּאָר הונדערט פּריצים, ביי יעדען פּריץ איז געווען אַ פּאָר הונדערט לייב־קנעכט (קרעפּאָסטניקעס) צי מעהר, האָבען די דאָזיגע לייב־קנעכט געטהאָן עבודת פרך, נישט געהאַט ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט, און די פּריצים, פערשטעהט זיך, האָבען בעדאַרפט לעבען אַ גוטען טאָג — האָט זיך יעדער פּריץ געהאַט אַ יודען, אָדער אַ פּאָר

יודען אין שטעדטיל, מיט וועלכע ער האָט זיך געשאָפּט און וועלכע האָבען דערפון מעהר אָדער וועניגער פערדיענט.

אויב אַרום פּריין האָבען זיך געדרעהט צוויי יודען, האָט איין יוד בעדאַרפט זיין אַ שענער יוד און אַ בכבוד'ער סוחר אין דער צווייטער שיין אַ „קליינערער יוד", סיי אין שענקייט און סיי אין סוחרות. ביידע יודען זענען געוועזען ביים פּריין די גאַנצע כל ולך'ס. דער שענערער יוד האָט איהם געדיענט מעהר צו עצות, דער צווייטער — צו פערשידענע אַרבּייטען און שפּיצלעך. נאָר ביידע יודען זענען געשטאַנען פאַר איהם אין גרויס אימה, און חאָטש זיי האָבען טיילוויז געלעבט פון איהם און ער איז ביי זיי געוועזען אַ גרויסער „צר" אין ענין נאַטשאַלסטוואָ, פונדעסטוועגען דאַרף מען צעהן מאָל אַ טאָג לויבען גאָט, וואָס דער ענין יוד־פּריץ איז אַראָב פון דער סצענע.

האָט זיך דעם פּריץ פערוואָלט, האָט ער אָבגעשמיסען זיין יודען און איהם דערנאָך געזאָגט:

— וועסטו מאַכען אַ שוויג, בלייבסטו ביי מיר ווייטער, און אַז ניט, נעהם איך אַן'אַנדערע יודען און דו וועסט מיט מיר סיי־ווי גאָרנישט אויספיהרען, וואָרום דער אַסעסער איז מיינער און דער איבּפּראַווניק איז מיינער.

דער יוד האָט געשוויגען און פאַר זיך געטראַכט: מילא, אָבגעשמיסען. דערויף איז ער דאָך אַ פּריץ, אָבער דערפאַר פערדיען איך דאָך אַ שטיקעל ברויט פון איהם. און ווידער, אַז איך וועל צו מאַכען מיט אַן'איג, וועט האָבען מיינס אַ קינד ביי איהם פּרנסה.

און דאָס איז אַפּילו ריכטיג געוועזען. איז געשטאָרבען ביים פּריין דער יוד, האָט דער פּריץ אויף זיין אָרט גענומען דעם יוד'ס אַ זוהן אָדער אַן'איידעם, ווי ווער עס איז איהם געוועזען געפעלען, ווי מען טהוט אַ שידוך. און דער יוד האָט דערווייל גע'ירשנ'ט דעם פּריץ. דער פּריץ איז געוועזען אַ מין ירושה.

דאָ איז אפשר אויך כדאי צו דערמאָהנען, אַז דער פּריץ האָט אויך געהאַט זיין בעל־מלאכה אין שטעדטיל, וואָס נאָר איהם האָט ער געגעבען זיין אַרבּייט. בעלי־מלאכות אין שטעדטיל זענען געוועזען אַ סך — שוסטער, שניידער, בלעכער א. ז. וו. פערשטעהט זיך, אַז זיי האָבען זיך מפרנס געוועזען אַ סך שוועהרער ווי דער קרעמער, און האָטש

דירה-געלד האָט מען געצאָהלט זעהר וועניג—אַ וואָסערע צעהן, צוועלף רובל אַ יאָהר פאַר אַ וואוינונג, פונדעסטוועגען זענען זיי נישט בכוח געווען צו בעוואוינען אַליין אַ דירה און אין איין הייזעל האָבען גע-וואוינט אַ צוויי — דריי פאַמיליעס.

אין יענע צייטען זענען געווען דער אַסעסער און דער איספּראַווניק די גאַנצע מושלים. אַז צוויי יודען האָבען זיך צוקריגט אין שטעדטיל, איז מען באַלד געלאָפען צום אַסעסער מיט די ווייבער און קינדער, מיט די בעהעלפערס און גוטע פריינד און קרובים—און דער אַסעסער האָט גע'משפט גוט פאַר דעם, ווער עם האָט געגעבען אַ גרעסערע מטבע, אָדער ווער עם האָט גלאַט נושא חן געווען ביי איהם. און טאָמער איז איינער געווען אַ תקיף און אַ גרויסער יאַבעדניק, האָט זיך נישט בענוגענט מיט'ן אַסעסער'ס משפט און איז געלאָפען אין בריסק צום איספּראַווניק מיט אַ זשאַלאָבע אויפ'ן אַסעסער, האָט עס זעלטען געהאָלפען, און אַזאַ חוואַט'ס לעבען איז שוין נישט ווערט געווען קיין האַלבען גראָשען, וואָרום דער אַסעסער האָט איהם געגראָבען און גע-רודפ'ט מיט וואָס ער האָט געקענט, ביז קלעפּ אפילו און ביז פער-אַרעסטירען. ווידער האָט דער איספּראַווניק שטענדיג געהאַלטען מיט'ן אַסעסער.

דער איספּראַווניק איז דעמאָלט געווען די גאַנצע קראַפט אין דער סביבה און פון אַ גובערנאַטאָר האָט מען דעמאָלט געהאַט אַ מאָדנע השגה. אַ גובערנאַטאָר איז אין יענע צייטען פעררעכענט געווען ווי אַ קייזער און צוניצען איהם צו יודישע ענינים איז גאָר אויפ'ן זינען נישט געקומען.

דער פּריץ האָט געהאַט אַ פאַקטער אַ יוד, וואָס האָט געוואוינט ביי איהם אין הויף. ווידער האָט ער געהאַט אַנ'אַרענדאַר, דאָס רוב אויך אַ יוד, און ווען ביים פּריץ זענען געווען עטליכע הויפען און עט-ליכע דערפער, זענען אויך דאָרטען געזעסען יודען — אַ פאַקטער און אַנ'אַרענדאַר. אַזוינע יודען האָבען, פערשטעהט זיך, פאַר'ן פּריץ גע-ציטערט.

דעמאָלט, ווען ביים פּריץ איז געווען אַ קלייניגקייט צו שמייסען פויערים מיט פויערטעס, אַלטע און יונגע, טאָ וואָס פאַר אַ ראָליע האָט געשפּיעלט אַזאַ יודעלע ביים פּריץ? מען קען זיך פאָרשטעלען ווי:

ווייט דער פאקטער מיט דעם ארענדאר און זייערע קינדער זענען געווען אין מויט־שרעק פאר דעם פריץ. האט דער פאקטייר און דער ארענדאר געהאט, חלילה, שיינע מעדליך, איז דאס געווען א שרעקליכע אנשיקעניש. מען האט בעדארפט ציטערן, אז די טעכטער זאלען נישט געפעלען ווערען דעם פריץ, וואס האט מיט זיין מאכט געקאנט אויספיהרען, וואס נאר איהם וואלט זיך פערוואלט.

זענען די שיינע מעדלעך ביי די ישוב'ניקעס געווען שטענדיג פערשנוצט, נישט ארומגעוואשען, פערסמאליעט, פער'חושכ'ט, כדי זייער שענקייט זאל זיך נישט ארויסזעהן. נאר ווען זיי זענען געפאהרען אין שטאדט און האבען זיך גוט ארומגעוואשען מיט זייף, האט מען געוואוסט, אז דעם ישוב'ניקס טאכטער איז א שען מיידעל.

דער פריץ האט אלץ, וואס ער האט בעדארפט, געשאפען דאס רוב דורך זיינע יודען, ווארום דער פריץ האט געהאלטען, אז א יוד איז א קלוג בעשעפעניש, ער איז היטרע און דאך עהרליך (יעדער פריץ האט געהאלטען, אז נאר זיינע יודעלעך זענען עהרליך, אבער די איבעריגע — שווינדלערם, גנבים).

זיי האט ער געשיקט אין שליחות צו די אנדערע פריצים, זיינע קאלעגעס. און חאטש ער האט געהאט אנ'עקאנאם, וועלכער איז געווען דער גאנצער בעל־הבית אין זיין הויף און דער בעל־הבית איבער די פויערים, פונדעסטוועגען האט ער ליעבער געהאט צו שאפען זיך מיט די יודען. א יוד קאן געשיקטער עפיס אויפטהאן, האט ער געהאלטען, און אהן „מאשקען" אדער „שמוליקען" האט ער זיך נישט גערירהרט פון ארט.

קאמעניצער פריצים זענען געווען דאס רוב נישט זעהר רייך, די קאמעניצער ערד איז זאמדיג און נישט פרוכטבאר: פון א מארג ערד שניידט זיך אוים נישט מעהר ווי ביז פיער שאק סנאפעס, יעדער שאק גיט ארויס פינף־זעקס פוד קארן. ווייץ וואקסט ווייניג אויף קאמעניצער ערד. נאר וואו־ניט־וואו פערווארפט זיך דאך א שטיקעל גוטע ערד אויף א שטח פון א פאר קוואדראטנע וויארסט און עס קאן ארויסגעבען א צוועלף־פופצעהן שאק פון מארג.

ווידער האבען די פריצים, וואס זענען געזעסען איינער נעבען דעם אנדערן א דריי־פיער וויארסט ווייט, אפטער „געוועהנליך" געמאכט

בעלער, אַמאָל דער פּריץ, אַמאָל יענער, און די בעלער זענען געווען גרויסאַרטיגע, רייַכע מיט די בעסטע ווייַנען. און אָט די בע-לער האָבען נישט ווייניג פּריצים אַרייַנגעבראַכט אין דחקות און זיי זע-נען שטענדיג געווען געאייַנגט אין געלד.

תּבואות, בּראָנפען, וואָהל און פּיה האָבען אייַנגעקויפט בייַ זיי די יודען. געצאָהלט האָבען די יודען מיט גרויס געלד, פאָראויס, און אָפטמאָל מעהר ווי די קניה האָט בעטרעפט.

עס האָבען אויך נישט געפעהלט קיין אויסדינגער, וואָס פלעגען פערלויפען צום פּריץ און אויסדינגען פון זיין שטענדיגען סוחר.

דערפאַר אָבער דאָס, וואָס דער פּריץ האָט בעדאַרפט קויפען פאַר זיך, האָט ער שוין געהאַט זיינע „חזקה"-יודלעך, וועלכע מען האָט נישט געקענט אויסקאָנקורירען.

ווי די מאָדע איז, האָבען די פּריצים ליעב געהאַט הינד. יע-דער פּריץ האָט געהאַט פערשידענע סאָרטען הינד. געווען יאַגד-הינד און הינד אַזעלכע, וואָס פלעגען אָנפאַלען אויף אַ פרעמדען אָהן אַ שום בילען און כמעט איהם צורייַסען. געווען אַ דריטער סאָרט הינד, וואָס פלעגען נאָר בילען און נישט בייַסען, און אויך אַזאַ סאָרט, וואָס האָבען אי געבילען אי געביסען — אַזוינע הינד-מדרגות האָט יעדער פּריץ געהאַט בייַ זיך אין הויף, און די יסורים, וואָס יודען זענען אויס-געשטאַנען פון די דאָזיגע הינד, בעת זיי זענען געגאַנגען צום פּריץ, קענען אויספילען אַ פייַן בלעטעל גלות-געשיכטע.

איז אַ יוד געפאָהרען צום פּריץ, האָט ער צוערשט אָבגעשטעלט זיין פוהר פאַר'ן טויער פון הויף און האָט געוואַרט, טאָמער וועט ער דערזעהן אַ פויער ציז אַ פויערטע. דער פויער ציז די פויערטע האָבען איהם אָבגעפיהרט צום פאַקטער ערגיץ אין אַ ווינקעל, און ערשט פון דאָרטען האָט שוין עמיצער איהם בעגלייט צום פּריץ. צוריק האָט שוין דער פּריץ אָבגעשיקט מיט אַ מענשען דעם יודען פון פאַראַד-אייַנגאַנג. איז דער יוד ווערט געווען אַרויסצוגעהן דורך דער פאַראַד-טהיר, האָט איהם דער פּריץ דורכגעלאָזט דורכ'ן הויף מיט אַ דינער, ווען דער יוד האָט אָבער די דאָזיגע זכיה נישט געהאַט, האָט ער געמוזט אין טויט-שרעק עמיגרירען פון פּאַלאַץ צום פאַקטער, אַז יענער זאָל איהם שוין אַרויסבעגלייטען צום טויער.

אָבער דער יוד, ביז ער נישט געקומען צום טויער, איז דאָך אַלין נישט זיכער געווען פון די בייזע הינד. האָט חלילה דער פריץ אויף איהם געהאַט אַ מינדסטען אומ'חן, איז שוין זיין לעבען נישט ווערט געווען אַ האַלבען גראָשען. דעמאָלט האָט ער געהייסען געהן דעם יודען צום טויער אָהן אַ בעגלייטער. און דאָ איז דורכגעגאַנגען אַ גאַנצעס סיסטעם פון חוזק מאַכען און פייניגען. פון אָנהויב פלעגט דער פריץ אַרויסשיקען עטליכע הינד, וועלכע בילען נאָר און בייסען נישט. באַלד נאָך זיי — הינד פון אַנ'אַנדער מדרגה און דערנאָך די אמת'ע בייסער. איז מען בעפאַלען דעם יודען פון אַלע זייטען און איהם נישט געלאָזען געהן נישט אַהין, נישט צוריק, און אַגב האָט ער שוין געחאַפּט אַ רעכטע פּאָרציע ביסען.

זיינע געשרייען זענען געווען אין הימעל אַריין, זיין שרעק איז געווען טויט-שרעק און דער פריץ איז זיך געשטאַנען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אויפ'ן גאַניק און געלאַכט.

אָדער אַמאָל פלעגט דער פריץ ביי אַ מינדסטען פערדראָס אויף אַ יודען, אַפילו אַ יחסן, שיקען אַ שליח איהם אַרויספיהרען פון טויער און אָנווינקען דעם שליח, אַז ער זאָל דעם יודען לאָזען אין מיטען הויף און נישט דערפיהרען. דעמאָלט האָט דער יוד, דער יחסן, געהאַט די אייגענע חתונה, ווי דער געוועהנליכער יוד. (מען קען נישט זאָגען אין כלל, אַז אַלע פריצים האָבען זיך אַזוי שלעכט אויפגעפיהרט מיט יודען, געווען אויך צוועלכע פריצים סאָלידערע, וועלכע האָבען זיך אַנדערש בעצויגען צו יודען.)

קומען אַהיים פלעגט מען, פערשטעהט זיך, נישט טויט, נישט לעבעדיג, און אַ סך פלעגען קראַנק ווערען פון די שרעק. דאָס ווייב און, איבערהויפּט, די קינדער, דערזעהענדיג דעם טאַטען, וואָס איז אַזוי צוטרייסעלט און בלאַס, האָבען זיך אַלע צעוויינט און אַ ווייליע איז אין שטוב געווען אַ מין יום-כפור. נאָר אין עטליכע טעג אַרום פלעגט טרעפען, האָט שוין דער פריץ ווייטער געשיקט נאָך דעמזעלבען יודען, ער זאָל וואָס גיכער קומען צו איהם, ווארום ער, דער פריץ, דאַרף איהם נויטיג האָבען. און דער יוד איז, אַוודאי, ווייטער געלאָפען העגדום-פעגדום, ווארום וואָס מהוט נישט אַ יוד צוליעב פרנסה.

דאָס ווײַב פֿלעגט דער יוד שטענדיג טרײסטען, אז דער פּריץ איז אין גרונד גאָר נישט קיין שלעכטער און מען קען בײַ איהם פּער־דיענען, נאָר אַז עס קומט איהם אָן די בײזע שעה, די קליפּה, דע־מאָלט איז שלעכט.

— נאָר מסתמא איז דאָך אַלץ פון גאָט. קיין זאַך טהוט זיך נישט אָהן גאָט'ס ווילען. אַז גאָט האָט געוואָלט מיך שטראָפען, האָט ער אַרײנגעשיקט דעם פּריץ אין קאָפּ אַ משוגעת, אַ קאַפּריז, זאָל איך שוין מיט דעם אָבקומען מײנע צרות, און גאָט זאָל מיך ווײַטער אָבהי־טען פון די בײזע הינד.

די פּריצים, וואָס אַרום קאַמעניץ, פלעגען קומען צופאָהרען אין קלויסטער כמעט אַלע זונטאָג. אין אַ גרויסער חגא פלעגען קומען צו־פאָהרען אַלע פּריצים. יעדערער האָט זיך געסטאַרעט, אַז זײַן קאַרעטע מיט די פערד און שפּאַן זאָל איבערשטײַגען דעם צווײטענ'ס און די רײַכקײט פון די דאָזיגע קאַרעטען מיט די פערד לאָזט זיך ווירקליך נישט בעשרײַבען. אָנהויבען צו פאָהרען פלעגט מען פון אַלע זײַטען שטאָדט און די קאַרעטעס פלעגען זײַן אויסגעשטעלט איבער דער גאַנ־צער לענג פון די גאַסען.

אײנער איז געפאָהרען אין אַ טײַערער קאַרעטע מיט פיער טײַערע פערד אין דער ברײט, און די פערד מיט דעם גאַנצען שפּאַן זענען געווען בעדעקט מיט זילבער און גאָלד; דער קוטשער מיט דעם לאָקײַ זענען אויך געווען בעפּוצט מיט גאָלד און זילבער.

אַ צווײטער פּריץ איז געפאָהרען מיט פיער פערד „נאַשפּיץ", צו צווײ פערד אין דער לענג, נאָך שענער אויסגעפּוצט, און בײַ אַ דריטען איז דער שפּאַן בעשטאַנען פון זעקס פערד: פיער בײַם קאַרעטע און צווײ פאָראויס.

כדי די בעפּוצונגען זאָלען זײַן נאָך גרעסער, האָבען אַנדערע לאָקײַען געהאַלטען אַ שענעם זילבערנעם טרומײט, און בײַם אַרײַנפאָה־רען אין שטעדטיל האָט מען געטרומײטערט, און די קוטשער'ס האָבען געקנאַקט מיט די לאַנגע בײַטשען — דאָס אַלץ האָט אָנגעוואָרפען אַ מורא אויף אַלעמען.

שליאַכטעס, וואָס האָבען פערמאָגט צו מאַיאָנטיקלעך מיט עטליכע

צעהנדליג לייב-פויערים, פלעגען אויך נישט זשאַלעווען קיין געלד אויף
אַ קאַרעטע מיט אַ פאָר פערד.

אַרויסגעגאַנגען פון קלויסטער, פלעגט מען זיך אָנהויבען פונאַנ-
דערצופאָהרען. אַנדערע פריצים זענען פערפאָהרען צו הײַטשע טריג-
קאָווסקי׳ן, מיטצונעהמען פון דאָרטען די גוטע פלעשער ווײַן מיט דעם
גוטען טהעע. נאָך די קאַרעטען פלעגען נאָכלויפען די הויכע לאַנג-פיסיגע
יאַגד-הינד, אָנגעטהאָן אין טײַערע זילבערנע האַלזבאַנדען.

אין קאַמעניץ זענען געווען צוויי קלויסטערס. איינער אַ פוילישער
קלויסטער, פאַר די פריצים. די קאַטוילישע פויערים פלעגען געהן אין
די דאָרפישע קלויסטערס, אָבער נישט, חלילה, אין פריצ׳ישען. מען
האָט גאָרנישט געטאָרט אָנזעהן אַ פויער אין דער גאַנצער גאַס פון
קלויסטער.

דער פוילישער גלח מיט זײַנע צוויי געהילפען האָבען געוואוינט
אין אַ גרויסען הויף נישט ווײַט פון קלויסטער. אין הויף איז געווען זעהר
אַ שענער פרוכט-גאָרטען און אַ בלומען-גאָרטען מיט די שענסטע און
שמעקעדיגסטע בלומען. פאַרבײַגעהן פאַר דעם גלח׳ס הויף, האָט אַזוי
פערשמעקט, אַז די יודישע נאָז פלעגט עס נישט קאָנען פערטראָגען
און עס פלעגט האַפּען דרעהען דער קאָפּ פון די ריחות.

דער גלח האָט געוואוינט פירשטליך מיט זילבערנע און גאָלדענע
געשיר — ער האָט ממש געלעבט ווי אַ קייזער.

די גרויסע פריצים פלעגען אַרײַנפאָהרען זונטאָג פון קלויסטער
צום גלח אויף פרישטאָגען.

בײַ איהם זענען געווען פערשידענע קאַרעטען — צוגעמאַכטע
און אָפענע, טײַערע גרויסאַרטיגע פערד צום פאָהרען. און פאָהרען
פלעגט ער „נאַשפּיץ" צו צוויי פערד אין דער לענג.

געהאַט האָט ער אויך פיעל פעלדער און לאָנקעס, און פויערים,
די פריצישע לײַב-קנעכט, פלעגען איהם בעאַרבײַטען די ערד. פון אַ
פריץ פלעגט ער אָפטער בעקומען אַ מתנה אַ פאָר פויערים. די דאָזיגע
מתנה איז געווען אויף ווי לאַנג ער וועט לעבען.

ווידער האָט ער געהאַט אַ סך בהמות און פערשידענע עופות
און אין הויף איז בײַ איהם געווען אַ געקינסטעלט טײַכעל מיט אַ סך
פיש. צו דעם אַלעם האָט דער גלח געהאַט שענע דינסטען, פויער-

טעם, געשענקטע פון די פריצים, פאקאיאוועס, אונגעהויער שענע.

אין מיינע צייטען, ווען איך בין געווען א יונגעל, האבען מיר געוואוינט אנטקעגען דעם גלח'ס הויף, טאקי אין זיין קרעטשמע. דאס איז געווען א שען הויז, וואס דער גלח האט אויסגעבויט אויף הכנסה. אזוי ווי דער גלח איז פריי פון אלע אבצאהלען, וואס האט געקומט דעם פריץ פון שטאדט, ווי, למשל, פון בראנפען, ביער, זאלץ, ליכט, טאבאק און נאך און נאך, און אזוי ווי מיר האבען געהאלטען די ארענדע אין שטאדט, האבען מיר געמוזט אבדינגען ביים גלח אויך זיין קרעטשמע, ווארום אז נישט וועט זיין א פרייער קאנקורענט. פלעגען מיר צאהלען דעם גלח דריי הונדערט רובל א יאהר פאר דער קרעטשמע, אין וועלכער מיר האבען געוואוינט. געדענק איך, אז דער גלח האט געהאט פיער שוועסטער הויכע, שלאנקע, אונגעוועהנליך שענע, און געגאנגען זענען זיי רייך געקליידט און אזוי געפוצט און געצאצקעט, וואס אזוי אנגעטהאן פלעגט נאר זיין זעהר א רייכע גוט-בעזיצערין.

פלעגען ביים גלח זיין סיי טאג און סיי נאכט פול די שטוב מיט געסט, וואס האבען ארומגעטאנצט ארום די וואונדער-שענע שוועס-טער. טאג און נאכט איז געווען ביים גלח הילולא וחינגא. מיט זייער שפיעלען אויף פערשידענע מוזיקאלישע אינסטרומענטען, און מיט די קנאקען פון די בייטשען פון די קוטשערם, און מיט דעם טרומייטערן פון די טרומייטערם פלעגט מען נישט לאזען שלאפען גאנצע נעכט.

נאר דער ארימער רוסישער גלח, וועלכער פלעגט פלאצען פאר קנאה פון דעם רייכען לוקסוס-לעבען פון דעם קאטוילישען גלח, האט פאר זיינע פויערים, די פריצישע לייב-קנעכט און די יודען געשוואוירען, אז די שענע פרייליינס זענען גארנישט זיינע שוועסטער, זיי זענען איהם ווילד-פרעמדע, „קאחאנקעס" זענען זיי איהם, נאר אזוי ווי א גלח טאר דאך קיין ווייב נישט האבען, האט ער ארויסגעלאזען א שם, אז זיי זענען זיינע שוועסטער. מען מוז מודה זיין, אז דער ארי-מער פראוואסלאוונער גלח האט געהאט רעכט: זיי זענען ווירקליך גע-ווען „קאחאנקעס" דעם פוילישען גלח און נישט זיינע שוועסטער.

דער צווייטער קלויסטער, א רוסישער און אנ'ארימער, איז געשטאנען אין שטאדט אויף א בארג (אין קאמעניץ זענען געווען

פִיער בערג אין מִיטעֶן שטאָדט : דעֶר סלופּ-באַרג , דעֶר קלויסטעֶר-
באַרג , אַדראָלעֶנעֶר-באַרג און דעֶר פּאַלאַץ-באַרג , וואו דעֶר קאָמיסאַר
פון פריץ האָט געֶוואוינט. די אַלעֶ בערג זעֶנעֶן געֶוועֶן הויכעֶ), אין דעֶם
קלויסטעֶר פלעֶגעֶן קומעֶן דאַוונעֶן די רוסישעֶ , פּראַוואָסלאַוונעֶ לייב-
קנעֶכט . עֶס פעֶרשטעֶהט זיך , אַז קיין פּראָוואַסלאַוונעֶ פּריצים אָדעֶר
שליאַכטעֶס זעֶנעֶן בכלל גאָרנישט געֶוועֶן — אַלזאָ , קעֶן מעֶן שוין פעֶר-
שטעֶהן , ווי רייך האָט געֶלעֶבט אָט דעֶר רוסישעֶר גלח מיט ווייב און
קינד .

געֶוואוינט האָט עֶר אין עֶפּעֶס אַנ׳אָרימעֶן הייזעֶל און געֶגאַנגעֶן
איז עֶר שטעֶנדיג צו-פוס . דעֶרצו איז עֶר געֶוועֶן אַ גרויסעֶר שלים-מזל :
האָט עֶר עֶפּעֶס יאָ אַמאָל געֶקויפט אַ פעֶרדיל מיט אַ בריטשקעֶ פאַר אַ
דרייסיג רובל , איז ביי איהם דאָס פעֶרדיל אַוועֶקגעֶ׳פגר׳ט און עֶר איז
ווייטעֶר געֶגאַנגעֶן צו-פוס, אָנגעֶטהאָן אין אָבגעֶבליאַקירטעֶ, אַלטעֶ, פעֶר-
לאַטעֶטעֶ בגדים, מיט אַ פּראָסטעֶן שטעֶקעֶן אין האַנד , וואָס אַ פּויעֶר
האָט איהם געֶבראַכט אַ מתנה , אויסגעֶשניטעֶן פון פּריצ׳ס וואַלד .

מעֶן זאָגט , אַז דעֶר פּריץ , געֶוואָהר געֶוואָרעֶנדיג פון דעֶם געֶ-
שעֶנקטעֶן שטעֶקעֶן , האָט געֶשיקט דעֶם אַסעֶסעֶר צום גלח , אַז יעֶנעֶר
זאָל אָבגעֶבעֶן דעֶם שטעֶקעֶן און דעֶרביי זאָל דעֶר גלח אויסזאָגעֶן ,
וועֶלכעֶר פּויעֶר האָט עֶס איהם דעֶם שטעֶקעֶן געֶגעֶבעֶן . נאָר אַזוי ווי
דעֶר אַסעֶסעֶר איז אַ פּראַוואָסלאַוונעֶר , האָט עֶר , פעֶרשטעֶהט זיך , די
חרפּה דעֶם גלח נישט געֶקאָנט טהאָן . דעֶם שטעֶקעֶן האָט דעֶר אַסעֶ-
סעֶר נישט אָבגעֶנומעֶן , נאָר דעֶם פּויעֶר האָט דעֶר גלח דאָך געֶמוזט
אַרויסגעֶבעֶן . און פאַר זיין אונשולדיגעֶ מתנה האָט עֶר געֶקראָגעֶן אַ
זעֶכציג שמיץ פון פּריץ , און טאַקי מיט דיזעֶלבעֶ ריטעֶר פון דעֶם-
זעֶלבעֶן בוים .

דעֶר גלח האָט געֶהאַט אַ שטיקעֶל פעֶלד , אויף וועֶלכעֶן עֶר
פלעֶגט זייהעֶן תבואה . די תבואה פלעֶגט עֶר פעֶרקויפעֶן . נאָר עֶר איז
געֶוועֶן אַזוי אָרים , אַז יודעֶן פלעֶגעֶן איהם געֶבעֶן געֶלד , נאָך איידעֶר
די תבואה פלעֶגט אויסוואַקסעֶן .

קאַמעֶניץ האָט געֶהעֶרט צו אַ פּריץ , אָסעֶרעֶווסקי האָט מעֶן איהם
געֶרופעֶן . געֶוועֶן איז עֶר אַנ׳אַלטעֶר בחור און אַ געֶוועֶזעֶנעֶר פּוילישעֶר
פּאָלקאָווניק פון פאַר׳ן עֶרשטעֶן אויפשטאַנד . לייב-קנעֶכט זעֶנעֶן ביי איהם

געווען ביז פינף טויזענד. אַרום קאַמעניץ האָט ער געהאַט זעהר פיעל גיטער און די שטאָדט קאַמעניץ גופא. אויך האָט ער געהאַט פערצעהן מיליאָן גילדען אין באַנק.

מען האָט געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע פערמעגען זיינס האָט ער אָנגעקליבען פון קאָרטען-שפּילען. דאָס האָט געמוזט זיין אַן אמת. ווארום ער איז געווען אַ גרויסער קאָרטען-שפּילער און דערביי אַ זעלטענער מצליח. שטענדיג פלעגט ער זיצען אין ווארשא און שפּילען מיט די רייכסטע פּריצים אין קאָרטען. מען האָט אויך געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ כשוף-מאַכער און זיין געלד האָט ער געוואונען דורך כשוף.

איין מאָל אין יאָהר פלעגט ער אַראָבפאָהרען אין זיין שענעם גוט פּרוסקע, אַלט וויאָרסט פון קאַמעניץ.

געווען אַ פּריץ, מאָציעווסקי, דאַכט זיך, האָט ער געהייסען, האָט ער זיך איינמאָל אין אַ נאַכט פונאַנדערגעשפּילט אין קאָרטען מיט אָסערעווסקי'ן. דאָס שפּיעל איז געגאַנגען אויף לעבען און טויט. האָט אָט דער מאָציעווסקי פריהער פערשפּיעלט דרייסיג טויזענד רובל מזומנים. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צו שטעלען אין קאָן קאַרעטען מיט פערד, דעם גרויסען מאַיאָנטעק מיט זעקס הונדערט לייב-קנעכט. ער האָט דאָס אַלץ פערשפּיעלט און דערנאָך גע'חתמ'עט אויף אַ פּאַפּיער מיט זיין פּוילען נאָמען און פאַמיליע.

פונדעסטוועגען האָבען אַזוינע פּאַפּירען דאָך קיין ווערט נישט, מחמת עס האָט געפעהלט די בעשטעטיגונג פון נאָטאַריוס. אָבער אָסערעווסקי, וואָס איז געווען אַ גוטער ברודער מיט'ן ווארשאָווער נאַמיעסטניק און דער ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר איז אויך געווען פון זיינע גרויסע פריינד, איז געווען זיכער מיט די פּאַפּירען. אויף אַזאַ אופן זענען די אַלע פּאַפּירען, וואָס דער פּריץ האָט אונטערגעשריבען, אייזען-שטאַרק געווען. דערמיט האָט זיך אָבער נישט געענדיגט. דערנאָך, אַז מאָציעווסקי האָט פון גרוים היץ אַלץ פערשפּיעלט און מעהר שוין נישט געהאַט וואָס איינצושטעלען אין קאָן, האָט ער געשטעלט אין קאָן זיין ווייב אויף אַ סומע פון פינף-און-צוואַנציג טויזענד רובל און האָט זי אויך פערשפּיעלט. דעמאָלט האָט ער געזאָגט אָסערעווסקי'ן:

— אַז איך וועל זיך שיסען, וועסטו געהן צו מיין לויה?

האָט איהם אָסערעווסקי, אַ טיפּישער פּוילישער פּריץ מיט רחמנות און געוואַלטיגער אַכזריות צוזאַמען געענטפערט:

—איך האָב אויף דיר רחמנות, נאָר מיר קענען מאַכען געשעפט, פאַר איין קלייניגקייט קעהר איך דיר צוריק אַלץ. אָט וואָס: זאָלסט מיר געבען אַ קוש אין...

מאָציעווסקי איז איינגעגאַנגען. נאָר אָסערעווסקי האָט צוגעגעבען:

— אָבער דו מוזט דאָס טהאָן פאַר אַלע פּריצים אין די אויגען, און אויך פאַר דיין ווייב אין די אויגען. זי מוז זיין דערביי, וואָרום דו האָסט זי פערקויפט אָהן איהר וויסען.

דאָס האָט שוין מאָציעווסקי'ן נישט געשמעקט.

— איך וועל זיך בעסער שיסען — האָט ער געזאָגט.

— וועל איך דיך נישט דערלאָזען — האָט אָסערעווסקי געסטראַשעט און באַלד טאַקי געהייסען, מען זאָל איהם אַריינפיהרען אין אַ בעזונדער צימער און פערשליסען. צוויי דיענער זאָלען זיין מיט איהם און היטען איהם.

אויף מאָרגען האָט ער פעררופען אַלע פּריצים און געמאַכט אַ באַל. אויפ'ן באַל האָט מען אַרויסגעפיהרט דעם פערשפּיעלטען פּריץ און דערביי איז געווען זיין פרוי אויך. ביים טיש האָט אָסערעווסקי דערצעהלט פון זיין אונגעוועהנליכען געווינס און דערביי געזאָגט, אַז ער דאַרף דאָס נישט. ער וויל נאָר, אַז ער זאָל איהם אַ קוש טהאָן— אין יענעם אָרט, וואָס ס'איז נישט שעהן אָנצורופען, און אויב נישט איהם, איז אפילו רעכט אַנ'אַלטען פויער.

עס פערשטעהט זיך, אַז די צעווילדעוועטע פּריצים איז געפעלען געוואָרען די מעשה. האָט מען אַריינגעבראַכט אַנ'אַלטען פויער, און דער פערשפּיעלטער פּריץ האָט נעבעך געמוזט קושען דריי מאָל... זיין ווייב האָט מען פונדערסטוועגען בעת מעשה אַרויסגעפיהרט, זי זאָל נישט זעהן די שרעקליכע סצענע מיט'ן קושען. נאָך דער עקזעקוציע האָט איהם אָסערעווסקי אומגעקעהרט צוריק דאָס געלד מיט די אַלע פּאַפּירען.

נאָר אַהיים האָט שוין דאָס ווייב נישט געוואָלט פאָהרען צוזאַמען

מיט׳ן מאַן, איז ער אַליין אַוועקגעפאָהרען און האָט זיך אויף מאָרגען דערשאָסען.

ס׳ווייזט אויס, אַז אָסערעווסקי׳ן קושען וואָלט ער שוין בעשטאַנען, אָבער קושען אַ לייב־קנעכט — דאָס האָט ער שוין נישט געקענט איבערטראָגען.

אויף דער לויה איז נישט געווען נישט אָסערעווסקי און נישט דעם דערשאָסענעמ׳ס ווייב. זיי זענען ביידע גיך אַוועקגעפאָהרען קיין וואַרשאַ. פון חרפה איז זי שוין קיינמאָל קיין קאַמעניץ נישט געקומען, חאָטש זי האָט דאָרט געהאַט פאָטער און מוטער, גרויסע פריצים, און אַ גאַנצע פאַמיליע.

אָסערעווסקי האָט געהאַט אין אַלע זיינע פופצעהן גיטער אַרום קאַמעניץ פופצעהן בעזונדערע קאָמיסאַרען, וואָס זענען געווען די גאַנצע פיהרער. ווידער איז געווען אַנ׳עקאָנאָם און אַ וואָיט. דער וואָיט פלעגט אויספיהלען די שטראָף, וואָס דער קאָמיסאַר אָדער דער עקאָנאָם האָט אַרויסגעגעבען. די שטראָף איז געווען שמיץ. דער וואָיט האָט מקים-פסק געווען, און קיין חסרון האָט ער נישט געטאָרט מאַכען, דאָס הייסט, חלילה, נישט צו מינערן. מעהר אָבער אַז ער האָט געגעבען, האָט קיינעם נישט געאַרט. ווידער האָט מען גאָרנישט געטאָרט זיך קלאָגען אויף מעהר. וואָרום פאַר יעדער מינדסטע אָנקלאַגע האָט ער ווייטער בעקומען פרישע שמיץ.

דער הויפט-קאָמיסאַר איבער אַלע מאַיאָנטקעס האָט געוואוינט אין מיטען שטאָדט, אויפ׳ן באַרג, אין אַ גרויסאַרטיגען פאַלאַץ.

אין קאַמעניץ האָט יעהרליך יעדערער געצאָהלט צינזען דעם פריץ פאַר׳ן פלאַץ פון זיין הויז, אויך האָט קיינער נישט געטאָרט קויפען קיין ביער און בראָנפען, אויסער ביים פריץ. דערצו זענען נאָך געווען פערשידענע אָבצאָהלונגען: אָבצאָהלען פון זאַלץ, פעהל — מיט איין וואָרט, אויף אַלץ, וואָס מען דאַרף האָבען צום מענשען׳ס געברויך איז געלעגען אַנ׳אָבצאָהל, און דער קלוגער אָסערעווסקי האָט אַ דאַנק זיין קאָנטראַקט אַזוי פיעל געצויגען פון די איינוואוינער, אַז אין דעם פרט איז אפשר קאַמעניץ געווען די איינציגע שטאָדט.

איבריגענס, האָט ער זיך אָפטמאָל גאָר פערגעסען אָן די אָבצאָהלונגען איבער זיין מורא׳דיגער רייכקייט. נו, וואָס האָט ביי איהם

געהאַט פּאַר אַ בעטרעף דאָס שטעדטיל-געלד פון די יורלעך, בעת ער איז געווען פערגאָסען מיט גאָלד?

ביי אַלע דריי עקען פון שטאָדט (אין איין זייט איז געלעגען דער טייך) איז געווען אַ „טאַרגאָוויע״, וואָס זונטאָג און אויך אין די ירידים-טעג איז גענומען געוואָרען צו פינף קאָפּ. פון דעם אַריינגעפּאָה-רענעם פערד, אויך איז געווען צווישען קאַמענ־ין און זאַסטאַוויע אַ לאַנ-גע הרבליע מיט דריי בריקען און דריי וואַסער-מיהלען. דאָס האָט אויך געהערט צום פּריץ, וועלכער האָט דאָס אַל'ן פערדונגען מיין זיידען, אהרן-לייזער קאָטיק. דאָס האָט געהייסען „די אַרענדע״, און דער זיידע מיט'ן ברודער און אַלע קינדער האָבען געלעבט דערפון.

אָסערעווסקי האָט אין די עלטערע יאָהרען אויפגעהערט קומען קיין קאַמעניץ.

ער דאַט ניש‌ט געהאַט מיט וועמען צו פערברענגען די צייט. פלעגט ער זיצען אין וואַרשאַ. איין מאָל אין דריי יאָהר פלעגט ער דאָך קומען אין שטעדטיל אויף אַ מאָנאַט צייט. געלעבט האָט ער פיר און-אַכציג יאָהר און איז געווען דאָס גאַנצע לעבען זיינס אַ בחור, און אַז ער פלעגט קומען קיין קאַמעניץ, פלעגט ער מיטפיהרען מיט זיך אין אַ בעזונדער גרויסער קאַרעטע זיין קיך-געשיר. פיער פערד האָבען קוים געשלעפּט די קיך-קאַרעטע און אין די גרויסע בלאָטעס האָט מען געמוזט איינשפּאַנען זעקס פערד.

אַז אָסערעווסקי איז געווען קרוב צו אַכציג יאָהר, האָט ער אָנגע-שריבען אַ צואה, אין וועלכער עס איז געווען געזאָגט, אַז ער צוטיילט זיין גרויס פערמעגען צווישען אַ דרייסיג נפשות פון זיינע בעקאַנטע פּריצים. עס פערשטעהט זיך, אַז צווישען די דאָזיגע נפשות זענען גע-ווען אַ סך, וואָס האָבען זיך גאָרניש‌ט גענויטיגט אין דער ירושה, נאָר פאַר זיין משפחה האָט ער אַ קאָפּיקע נישט איבערגעלאָזט. אַפילו זיינע לייבליכע שוועסטער, וואָס האָבען זיך אפשר גראָד גענויטיגט אין זיין מאַטעריעלער הילף, האָט ער גאָרניש‌ט איבערגעלאָזט.

דאָס געלד האָט ער אָבגעשריבען פאַר פערשידענע פּריצים, נאָר פאַר זיינע מאַיאָנטקעס, די פינף טויזענד לייב-קנעכט מיט דער שטאָדט קאַמעניץ, האָט ער אויסגעוועהלט אַ יורש פון די יחסנ'ישע געפאַלענע פּריצים. דער אויסגעוועהלטער יורש איז געווען אַ יתום פון

אַ יאָהר זיעבּעצעהן, און כּדי צו זעהען זיין אויפפיהרונג האָט ער איהם גענומען אויף אַ פּראָבּע. ער האָט איהם אַריינגעשיקט אין פּרוסקע מיט אַ בּריעף צו זיין הויפּט-קאָמיסאַר. אין בּריעף איז אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז ער, דער קאָמיסאַר, זאָל לאָזען דעם יונגען פּריץ פיהרען די מאַיאָנטקעס אונטער זיין השגחה. ווייטער זאָל ער איהם לערנען, ווי צו זיין אַ רעכטער בּעל-הבית, ווארום דאָס יונגעל איז דער קינפטיגער אייגענטימער פון די דאָזיגע מאַיאָנטקעס א. ז. וו.

דערבּיי אָבער, בּעמערקט אָסערעווסקי דעם קאָמיסאַר, אַז ער זאָל גוט אַבטונג געבּען אויף דעם יורש'ם אויפפיהרונג און יעדען מאָנאַט זאָל ער איהם צושיקען אַ ספּעציעלען בּעריכט פון זיין כאַראַקטער און אויפפיהרונג. האַלטען זאָל ער דעם יורש, געוועהנליך, אַזוי ווי דעם פּריץ'ם אַנ'אייגען קינד, און אַזוי ווי מען דאַרף דאָך האָבּען בּיי זיך עפּעס געלד אין קעשענע, זאָל ער, דער קאָמיסאַר, אַרויסגעבּען דעם יורש יעדען מאָנאַט צוויי הונדערט רובּל. דערבּיי אָבער זאָל ער זיך גוט צוקוקען אויף וואָס, צום בּיישפּיעל, וועט ער אויסברענגען די דאָזיגע סומע.

דער יורש איז געקומען צופאָהרען אין פּרוסקע און האָט זיך בּאַלד גענומען בּעקענען מיט די אַרומיגע פּריצים, און אין עטליכע מאָנאַטען אַרום איז ער שוין געווען בּעקענט מיט אַלע יונגע לעבּ-קינדער און איז שוין געפאָהרען אויף אַלע בּעלער פון די אַרומיגע פּריצים. איין חסרון נאָר: צו זיך אויף בּעלער האָט ער די פּריצים נישט געקענט פערבּעטען, ווייל אָסערעווסקי האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז די געוואַלטיגע ירושה וועט ער בּעקומען ערשט דעמאָלט, ווען אָסערעווסקי וועט איינזעהן, אַז ער פיהרט זיך אויף שטיל, סאָליד און בּעשיידען, און, איבּערהויפּט, ווען ער וועט זיך איבּערגעבּען צו דער ווירטשאַפט.

אָבער אַז ער האָט זיך צונויפגעפּאָרעט מיט די לעבּ-קינדער, איז איהם שוין געווען ווייניג צוויי הונדערט רובּל אַ מאָנאַט. אַלץ איינס ווי אַ טראָפּען אין ים. מען דאַרף שפּיעלען אין קאָרטען, מען דאַרף אויסגעבּען געלד אויף נאָך פערשיעדענע זאַכען, מען דאַרף פונדעווען, און די חברים זיינע, וואָס האָבּען געוואוסט זיין געלד-מאַנגעל, האָבּען איהם געראַטען, ער זאָל אָנהויבּען אַריינפאָהרען אין קאָמעניץ

און זיך בעקענען מיט די יודען, ביי וועלכע ער וועט זיכער קריגען געלד, וויפיעל ער וועט בעדאַרפען.

דער יורש האָט טאַקי אַזוי געטהאָן. קיין קאַמעניין איז ער אַריינגעפאָהרען אין אַ טייערער קאַרעטע מיט פיער פערד „נאַשפּיץ", מיט אַ שענעם לאָקיי און פערפאָהרען איז ער צו חייטשע טרינקאָווסקי'ן — אַ קענטיגער אָרט אין שטעדטיל. חייטשע טרינקאָווסקי'ן האָט דער יורש פערטרויט, אַז ער וואָלט וועלען מאַכען אַ הלואה אויף געוויסע פּראָצענטען און אַז זי זאָל איהם געבען דעם נויטיגען מענשען דערצו. יענע האָט גלייך געגעבען צו וויסען איינִיגע קאַמעניצער יודען, וואָס האָבען לאַנג נישט געלאָזט וואַרטען אויף זיך. פאַר די דאָזיגע יודען האָט דער יורש געזאָגט, אַז ער איז דער קינפטיגער בעל-הבית איבער אָסערעווסקי'ס מאַיאָנטקעס מיט דער שטאָדט, נאָר די ערשטע צייט האָט ער נאָך נישט, פערשטעהט זיך, די גאַנצע פאָלמאַכטען, וואָס איז אייגענטליך, גאָרנישט, וואָרום אָסערעווסקי איז שוין אַ זקן פון אַכציג יאָהר... וויפיעל לעבט אַ מענש?... בכן וויל ער, דער יורש, מאַכען אַ הלואה אויף גוטע צינזען, וואָס דאָס איז אייגענטליך נאָר אַ גליק פאַר דעם פערלייהער.

די יודען, וואָס האָבען גאָרנישט געוואוסט פון דער גאַנצער מעשה, אַז אָסערעווסקי האָט דעם יורש גענומען אויף אַ פּראָבע, האָבען געוועהנליך איהם געגעבען געלד וויפיעל דאָס צולאָזענע יונגעל האָט געבעטען, און אַז ער האָט אין אַ קורצער צייט דאָס געלד פערהוליעט מיט די יונגע פּריצים און פאַנעס און אַז ער האָט זיך שוין אין קאַמעניץ אַזוי פיעל אָנגעבאָרגט, אַז ער האָט מעהר נישט געקאָנט קריגען, איז ער צוגעטראָטען צו בריסק, וואָס איז אויך, גאָט צו דאַנקען, אַ שטאָדט, וואו ער האָט אָנגעחאַפּט ביז פופציג-טויזענד רובל.

פון אָנפאַנג האָט ער זיך געהיט פאַר'ן קאָמיסאַר. אָבער אין אַ קורצער צייט איז דער קאָמיסאַר געוואָהר געוואָרען, אַז דער יורש שאַרלאַטאַנעוועט גאָר אויפ'ן העכסטען אופן, אַז ער חאַפּט גרויסע סומען געלד, וואו ער קען, און אַז מיט איהם איז פול די גאַנצע אומגעגענד.

דעמאָלט האָט דער קאָמיסאַר געשריבען צו אָסערעווסקי'ן וועגען דעם יורש'ס אויפפיהרעכטס. דערויף האָט איהם אָסערעווסקי געענט-

פערט, אַז זאָל מודיע זײַן אַלע קרעדיטאָרען, װעלכע האָבען װעקסלען אויפ׳ן יורש, אַז זיי װעט אײַנגעצאָהלט װערען, אָבער אַ צװײטען מאָל, אויב זיי װעלען דעם יורש פערלײַהען געלד, װעלען זיי ניט קריגען בעצאָהלט. אַזוי זאָל זיי דער קאָמיסאַר מעלדען, און אַזוי איז געװען.

דער קאָמיסאַר האָט אָבגעשיקט דעם רײַסטער פון אַלע װעקסעל־נעהמער און אָסערעװסקי האָט פעראָרדענט דעם קאָמיסאַר אָבצוצאָהלען דאָס געליהענע געלד, און דערנאָך איין קלײניגקײַט: דעם יורש זאָל ער דערפאַר געבען פופציג שמיץ. נאָך די שמיץ זאָל ער תיכף ומיד אָבגעשיקט װערען אַהײם, אין קאַלישער גובערניע.

אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָט אָסערעװסקי אַרײַנגעשיקט אַן׳אַנדער יורש, שוין אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר צװײ־און־צװאַנציג. צוזאַמען מיט׳ן יורש האָט דער קאָמיסאַר בעקומען אַ בריעף, אין װעלכען עס איז געװען געזאָגט דאָסזעלבע. װאָס אין׳ם ערשטען בריעף בײַ דעם ערשטען יורש.

דער צװײטער יורש איז אָבער געװען נאָך אַ גרעסערער שאַרלאַ־טאַן, װי דער ערשטער, און אויך אַ סך אַ קליגערער פאַר יענעם. דער האָט אײַנגעזעהן, אַז אָהן דעם קאָמיסאַר קען מען גאָרניט אויפטהאָן, אַז מען קען האָבען אַזאַ װיסטען סוף װי דער ערשטער, און ער האָט בעשלאָסען צו־צוציהען דעם קאָמיסאַר צו זײַנע צװעקען און אַזוי אַרום װעט ער קענען טהאָן, װאָס ער װעט װעלען.

ער האָט אָנגעהויבען אַרײַנצוקומען צום קאָמיסאַר אין הויז, האָט זיך כּלומרש׳ט געהאַלטען מעשה עניו און פלעגט אַ סך צײַט אָבזיצען צוזאַמען מיט דעם קאָמיסאַר׳ס פאַמיליע. מיט דעם קאָמיסאַר׳ס װײַב, שוין אַן׳עלטערע נאָר אַ קלוגע פרוי, פלעגט ער אומישנע װאָס מעהר פערברענגען און זיך געסטאַרעט דערװײַזען איהר, אַז איהר מאַן איז בעגאַנגען אַן׳עולה געגען דעם ערשטען יורש. אַזוינע זאַכען טאָר מען נישט. איהר מאַן האָט יענעם יורש, אַ קינד פון אַזוינע יחסנ׳ישע על־טערן, אומגליקליך געמאַכט; װײַזענדיג אָסערעװסקי׳ן זײַן געטרײַשאַפט, האָט ער, דער קאָמיסאַר, גאָרנישט געזעהן, װאָס ער טהוט.

— איך האָב טאַקע געזאָגט מײַן מאַן, — האָט זי צוגעשטימט — אַז ער זאָל זיך מאַכען נישט װיסענדיג דערפון. װאָרום ער דאַרף דען פערזאָרגען דעם אַלטען בחור, װאָס פערמאָגט אַזוי פיעל מיליאָנען?

און מײַן מאַן האָט מיר טאַקע מודה געװען, אַז נאָכדעם שמײַסען דעם יורש, האָט ער עפּעס חרטה געקראָגען אויף דעם גאַנצען עסק.

און פון אַזױנע שמועסען האָט ער דעם קאָמיסאַר'ס װײַב איבער־געצױגען אויף זײַן צד. זי האָט פערשטאַנען זײַנע כונות און האָט צו־געגרײַט דעם מאַן. ער האָט איהר געװיזען אַ פשוט'ן חשבון. ער, דער יורש, מיט איהר מאַן װעלען קענען קריגען הונדערטער טױזענדער רובל געלד צו לײַהען, יעדער װעט לײַהען, און מען װעט אַזױ װי עס איז איבערקומען, ביז דער אַלטער װעט צומאַכען די אויגען. עס פער־שטעהט זיך, אַז פון אַ גרױסער סומע געליהענעם געלד װעט איהר מאַן קענען נעהמען פאַר זיך אַ היבשע סומע און נאָך אָסערעװסקי'ס טױט װעט איהר מאַן זײַן גאָר גליקליך. ער, דער יורש, װעט איהם אָבשרײַבען און שענקען און געבען און טײַלען. מיט אײן װאָרט, דאָס איז אַ גליק פאַר איהם.

מען האָט געשלאָסען „בלאַט" און צוזאַמענגעשטעלט אַ פּלאַן װי אַזױ צו בעקומען געלד.

עס איז געבליבען בײַ זײ, אַז דער יורש זאָל אָנהױבען אָפּטע־דער פאָהרען קײַן קאַמענעץ און בעקענען זיך דאָרט מיט אײנעם משה'לע ק., אַ יוד אַ פערדיענער, אַ געראָטענער און אַ געשיקטער, װאָס קען דעם יורש אין אַ סך פּרטים מיטהעלפען. בעזונדערס אין געלד לײַהען.

דער יורש האָט זיך בעקאַנט מיט משה'לען און האָט איהם גע־בראַכט צו זיך קײַן פּרוסקע. אויפ'ן װעג האָט ער איהם מסתמא אי־בערגעגעבען, אויף װאָס ער דאַרף איהם, און אין פּרוסקע האָט ער גלײַך פעררופען צו זיך דעם קאָמיסאַר, אום צו בעראַטען זיך זאַלבע־דריט אויף װאָס פאַר אַנ'אופן מען קען איצט קריגען געלד.

משה'לע האָט אויסגעגעבען, אַז מען זאָל לײַהען געלד און בפירוש זאָגען, אַז דאָס געלד װעט ערשט אָבגעצאָהלט װערען, װען אָסערעװסקי װעט שטאַרבען. לאַנג װעט סײַ־װי־סײַ נישט אויסקומען צו װאַרטען; ער איז שוין אַריבער אַכציג יאָהר, איז קראַנק און שװאַך, מען קען זיך ריכטען יעדען טאָג אויף זײַן טױט. לכן װעט ער, דער יורש, צאָלען ציזנען יעדעס יאָהר, פערשטעהט זיך, נישט קײן קלײנע, װאָס בײַ איהם דאַרף קײַן ראָליע נישט שפּיעלען. דערצו האָט נאָך אַ גרױסע בעדײַטונג דאָס, װאָס דער קאָמיסאַר איז אויף זײַן זײַט, אַלזאָ,

מען קען קריגען געלד און זיך דורכדרעהען ביז זיין טויט: מען קען אָבגעבען און ווייטער נעהמען, אָבגעבען און ווייטער נעהמען. אזוי אָהן אַ סוף. דער פּלאַן איז געפעלען געוואָרען און משה האָט געגעבען אַנ'עצה, אַז דער קאָמיסאַר זאָל אויסקלויבען פאַר'ן יורש דורכגעטריבענע לאָקייען, מיט וועלכע מען זאָל זיך קענען פערשאַפען, וואָס זאָלען קענען אויס..הרען גוט אַ שליחות, איבערהויפּט ביי געלד לייהען, און דער יורש זאָל קענען זיין רוהיג.

און מען האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען אויף אַלע כלים. משה'לע אַליין האָט אויפגעזוכט אַזעלכע יודען, וואָס האָבען געלד און וואָס ווייסען נישט וואָס צו טהאָן מיט'ן געלד. די דאָזיגע יודען האָבען איינגעשטימט און פאַר'ן יונגען פּריץ האָט זיך אויפגעעפענט אַ נייע וועלט.

איינמאָל איז אָסטרעווסקי'ן איינגעפאַלען קומען פּלוצלונג, אונגעריכט קיין פּרוסקע. אַזוי איז געווען איינגעפיהרט, אַז מיט דריי חדשים פריהער האָט מען אין פּרוסקע שוין געוואוסט פון זיין קומען, מען האָט זיך געגרייט דערצו און אָסטרעווסקי פלעגט אלץ געפינען אין דער בעסטער אָרדנונג.

נאָר איצט האָט אָסטרעווסקי געוואָלט פּלוצלונג קאָנטראָלירען די אויפפיהרונג פון יורש, פאַר וועלכען ער לאָזט איבער אַזאַ געוואַלדיג פערמעגען. מיט'ן ערשטען יורש האָט ער זיך גענאַרט און ער האָט נויטיג בעדאַרפט וויסען דעם חאַראַקטער פון דעם נייעם.

אַז אָסטרעווסקי איז אַריינגעפאָהרען אין הויף, האָט ער געטראָפען אין פּאַלאַץ דעם „פּאַניטש" מיט'ן קאָמיסאַר, דעם יוד משה'לע ק. מיט נאָך אייניגע יודען און פּריצים. זיין פּלעצליכער קומען האָט אַלעמען איבערגעשראָקען. אַ קוק טהוענדיג אויף זייערע פּנים'ער, האָט ער באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס נישט גאָר קיין גלאַטע זאַך און ער האָט גלייך גענומען דעם יונגען „פּאַניטש" אויפ'ן ציםבעל אין אַ בעזונדער חדר.

— וואָס פאַר אַ געשעפטען האָסטו דאָ מיט די יודען און מיט די איבעריגע, — האָט ער איהם שטרענג, ווי זיין שטייגער איז געווען, ג פרעג געטהאָן.

דער יורש האָט זיך פערלאָרען, און האָט נישט גאָר דייטליך

גענטפערט, אַז די יורען האַנדלען מיט'ן קאָמיסאַר, אַז זיי האָבען מיט איהם געשעפט און זעניען זיך איצט צוליעב דעם צונויפגעקומען. דערמאָלט האָט אָסערעווסקי אַרײַנגערופען די לאַקײען, אײַנציגווײַז, און יעדערן געפרעגט, וואָס ער ווייס פון דעם „פּאַניטש'ס" אויפפיהרונג. און דער לאָקײ, וואָס איז שטענדיג אומגעפאָהרען מיט'ן „פּאַניטש" און געוואוסט פון אַלע סודות מכח דעם פערליהענעם געלד און נאָך זאַכען, האָט אויספיהרליך פון אַלין דערצעהלט אָסערעווסקי'ן.

באַלד נאָכדעם האָט אָסערעווסקי אַרײַנגערופען צו זיך דעם קאָמיסאַר און האָט איהם געזאָגט, אַז ער ווייס פון אַלץ, אַז ער האָט געמאַכט מיט'ן „פּאַניטש" אַ יד-אחת צו הוליען און צו בעגנב'ענען איהם. נאָר זאָל ער, דער קאָמיסאַר, זיך מודה זײַן, וועט ער איהם שענקען דאָס לעבען, אַניט וועט ער איהם הייסען פערשמײַסען אויף טויט.

דער קאָמיסאַר איז געפאַלען צו די פיס און האָט זיך פריהער פונאַנדערגעוויינט און דערנאָך מודה געווען זיך, אַז דאָס אַלץ איז אמת, אַז ער איז שולדיג, איז ביי איהם, ביי אָסערעווסקי'ן אין האַנד און בעט איצט רחמים. אָסערעווסקי האָט געשיקט רופען דעם „פּאַניטש" און אויך דעם לאָקײ סטעפּאַן. דער „פּאַניטש" האָט נעבעך אויך געמוזט זיך מודה זײַן אויף אַלץ, וואָס סטעפּאַן מיט'ן קאָמיסאַר האָבען דערצעהלט. דעם קאָמיסאַר האָט אָסערעווסקי מוחל געווען און אַרויסגעשיקט, און דעם „פּאַניטש" אָבער האָט ער געהייסען געבען אַזוי פיעל שמיץ, וויפיעל יאָהר יענער איז אַלט: אַ צוויי-און-צוואַנציג שמיץ. נאָכדעם האָט נאָך אָסערעווסקי אַלץ געזוכט עפּעס אַ יורש, וואָס זאָל זיך פּאַסען פאַר אַזאַ גרויסע ירושה, וועלכע אָסערעווסקי וועט איהם אָבשרײַבען.

צום לעצט האָט ער יאָ עפּעס געקראָגען אַ יורש, אפילו שוין ניט אַזאַ יונגער. דער איז אַלט געווען אַ יאָהר אַכט-און-צוואַנציג. אָסערעווסקי האָט איהם אַרײַנגעשיקט קײַן פּרוסקע און אין אַ האַלב יאָהר אַרום איז אָסערעווסקי געשטאָרבען.

דער יורש איז געבליבען פריץ און די לײַב-קנעכט זענען בטל געוואָרען. דערמאָלט האָט ער פערקויפט די מאַיאָנטקעס מיט דער שטאָדט קאַמעניץ עפּעס אַ רוס. אָבער דער דאָזיגער רוס איז געווען

אַ גרויסער שכור, וואָס איז באַלד אַריינגעקראָכען אין גרויסע חובות און גיך אוועקגעשטאָרבען. די מאַיאָנטקעס זענען דערנאָך פערקויפט געוואָרען אייניציגווייז. יודען האָבען געקויפט אויף קריסטליכע נעמען.

דער אסעסער האָט פון די יודען געהאַט גאַנץ שען פרנסה, אויסער דעם געהאַלט. אזוי ווי עס זענען געווען מעהר פון הונדערט קראָמען, און פאַטענטען אין די קראָמען האָבען אפשר גענומען אַ פיער פינף קרעמער, האָט דער אסעסער גענומען דריי רובל אַ יאָהר פון יעדען קרעמער — און יוצא. און אזוי איז אויך געווען מיט די שיינקען: מען האָט געצאָהלט דעם אסעסער צעהן רובל אַ יאָהר און פאַרטיג. האָט בעדאַרפט קומען דער רעוויזאָר איין מאָל אין יאָהר אויף פאַטענטען, האָט שוין געוואוסט דער אסעסער מיט אַ פאָר טעג פריהער. דעמאָלט האָט ער אָנגעזאָגט, אז מען זאָל אויף דער צייט האַלטען אינגאַנצען צוגעמאַכט די קראָמען. פערפאָהרען, פערפאָהרט שטענדיג דער רעוויזאָר צום אסעסער, ביי דער רעוויזיע געהען זיי ביידע צוזאַמען מיט'ן קליוטש-וואָיט און מיט אַלצעהן ריעסיאַטניקעס, כדין וכדת, און אז מען קומט אַריין אין געסיל מיט די צוגעמאַכטע קראָמען, זאָגט דער אַסעסער דעם רעוויזאָר, אַז דאָס זענען שטעלכלעך און זיי שטעהען שוין אַזוי אַ צייט מיט יאָהרען. דערווייל פערפיהרט ער איהם אין די עטליכע קראָמען, וואָס האָבען יאָ פאַטענטען, און יענער שרייבט שוין אונטער: כשר! אַגב נעהמט דער רעוויזאָר אַ פופציגער. דאָס איז שוין אַ טאַקסע מדי שנה בשנה. דער אסעסער הייסט אויפקלויבען דאָס געלד נאָך איידער דער רעוויזאָר קומט און דערנאָך קומט שוין אַ יוד און זאָגט, אז ער איז אַ פאָרשטעהער פון שטאָדט און רוקט איהם אין יד אַריין דאָס געלד.

אויך האָט דער אסעסער געהאַט חכנסה פון דעם, וואָס ער איז געווען שטענדיג דער בעל-פשרן צווישען צוויי יודען, ווען זיי זענען געווען אין קריעג. פשרה-געלד האָט ער גענומען לויט דער „דיעלע”. עס פלעגט זיך אָנהויבען פון אַ דריידעריל און פלעגט געהן ביז העלער פון צעהן.

געוואוינט האָט דער אסעסער ווי אַ פירשט אין אַ גרויסען הויז מיט אַ גרויסאַרטיגען גאָרטען, מיט אַלע בעקוועמליכקייטען. דערפאַר האָט ער געצאָהלט פופציג רובל אַ יאָהר עפעס אַ פריצ'טע, וואָס ביי

אִיהר אִין הויז האָבּען געוואוינט אַלע אַסעֶסאָרען. האַלט ער אַ פּאָר קִיה אויף מִילך, אַ פּאָר פעֶרד מִיט אַ קאָליאַסקע, מִיט אַ פוּהרמאַן, וואָס האָט אִיהם אַ גראָשען נִישט געקאָסט.

די קאַמעֶנִיצער פּרִיצִים פלעֶגען אַריינשִיקען דעם אַסעסער הַי און האָבּער און פון אַלעם גוטען, וואָס זיי האָבּען געהאַט בּיי זִיך אִין די הויפען. קיין דִינער פלעגען אִיהם אויך נִישט פעהלען. די דיעסיאַטניקעס פלעגען בּעדִינען.

די פּרִיצִים האָבּען אויך געוואוסט, וואָס זיי טהוען. ווארום דער אַסעסער פלעגט זיי פאַר די מתּנות פערבּאָרגען אַלע זייערע פערבּרעכענס, האָבּען זיי שוין געמעגט פערשמייסען אַ פויער צו אַ פויער'טע אויף טויט, צופּראַשקען אַ יודען, וויפיעל עס איז אִין אִיהם אַריין, קיינער האָט נִישט געטאָרט קלאָגען און מאָהנען. אַזוי אַרום האָט דער אַסעסער געהאַט פון כּל-טוב.

צו די פּרִיצִים פלעגט ער זִיך אַלעמאָל פאָהרען אִין געסט און דאָרט פלעגט ער נאָך פון קאָרטען מאַכען אַ קערבּיל. ווארום פער־שפּיעלען פלעגט ער קיינמאָל נִישט — דער פּריץ פלעגט זיך עקסטרע סטאַרען, אַז דער אַסעסער זאָל אַוועקפאָהרען מִיט אַ פּאָר רובּל אִין קעשענע. גלאַט געבּען געלד אויף אַזאַ אָווענד פּאַסט דאָך נִישט, אָט פלעגט ער כּלומר'שט פערשפּיעלען בּיי אִיהם.

אִין מיינע צייטען, געדענק איך, איז געווען אַן אַסעסער שירינסקי. דאָס אִיז געווען אַ חִיטרער גוי, וואָס האָט געוואוסט ווי צו מאַכען געלד סיי בּיי די יודען, סיי בּיי די פּרִיצִים. ער האָט געהאַט ממש פעסלעך, אָנגעשטאָפּטע מִיט רענדלעך. אפשר אַ דרייסִיג טויזענד רענדלעך, האָט מען געזאָגט. ווער עס האָט בּעדאַרפט האָבּען רענד־לעך, צי יודען, צי פּרִיצִים, פלעגט שוין קריגען בּיי שירינסקי'ן, און יענער פלעגט נעהמען פאַר אַ רענדעל מִיט אַ רובּל מעהר.

דערנאָך האָט ער זִיך געלאָזט קאָסטען אַ סך געלד און אִיז גע־וואָרען אַ אִיספּראַווניק אִין סאָקאָלקע, גראָדנער גובּערניע.

דער טאָג בּיי מאַנסבּיל האָט זִיך אָנגעהויבּען, פערשטעהט זִיך, מִיט דאַוונען. געדאַווענט האָט יעדער אִין זיין בּית-המדרש. בּתי־

מדרשים זענען געווען צוויי, איינער א גרויסער, דער אלטער בית-המדרש האט מען איהם גערופען, און דער נייער בית-המדרש, א קלענערער. דערנאך איז געווען א קליין בית-המדרש'ל, ר' הירשעל'ס האט מען עס גערופען, און א שוהל און א פאר שטיבלעך. זיי אלע זענען געשטאנען אויף איין הויף, און פאר'ן שוהל-הויף האט זיך גע-צויגען ביים וועג א גרויסער גראבען — א טיעפער, עטליכע מאן די טיעף. דער דאזיגער גראבען האט זיך געצויגען ביז'ן טייך. אין גרויסע רעגענס האט דאס וואסער אראבגעשווענקט די ברעגעס פון גראבען, אזוי, אז אין גאס איז געווען שווער און געפעהרליך דורכצופאהרען א פוהר. קיין פערצוימונג צום גראבען האט מען נישט געמאכט. און נאך א בית-המדרש איז געווען שוין אין א ווייטערדיגער גאס, אראלינגע, וואס אין איין זייט גאס שטעהט זעהר א הויכער בארג.

אין דעם דאזיגען בית-המדרש האט מען שוין געשמועסט פון פאליטיק און נאכ'ן דאווגען האבען טייל געלערנט גמרא, טייל האבען געלערנט משניות. פאר א בעזונדער טיש האבען יודען צוגעהערט, ווי איינער האט פאר זיי געלערנט עין-יעקב. די איבעריגע האבען גע-רעדט פון שטאדט זאכען, פון צדיקים און גאונים. פאליטיקער איז גע-ווען גאר א בעזונדער קופקע יודען, וואס פלעגען אלע טאג, אויבענאן ביים טיש, פאר'ן און נאכ'ן דאווגען דערצעהלען פון מלחמות און פון שלום'ס, און פון וועלט-נייעס, און פון פאליטיק. די דאזיגע פאליטי-קער פלעגען פאהרען צוויי מאל אין וואך קיין בריסק געשעפטליך, האט מען שוין פון דארטען געשעפט גאר די נייעס.

און איין טיש איז געווען, וואס פאר איהם זענען געזעסען גאר אלטע יודען מיט ווייסע בערד און דערצעהלט מעשות פון די פער-צייטיטע קיסרים און קיסר'ינעס, פון יעקאטערינע און פעטער, און פון פאוולען, און פון דער מלחמה מיט רוסלאנד, וואס נאפאלעאן האט געפיהרט אין צוועלפטען יאהר.

און נאך א טיש איז געווען. דא זענען געזעסען פרומע יודען און פרושים, אזוינע וואס ווארפען אוועק ווייבער מיט קינדער, קומען לערנען אין אנ'אנדער שטאדט, עסען טעג און ווערען אויסגעהאלטען, פונדעסטוועגען בכבוד גדול. זיי דערצעהלען מעשות פון יענער וועלט, פון גן-עדן מיט'ן גיהנם, און נאך אזעלכע מעשות, שטילע און אומעטיגע.

אַרום די טישען דרעהען זיך אַרום יונגע לייטלעך, וועלכע עסען קעסט, בעל-בתישע זיהן און איידעמ'ס, און שמועסען פון די שוועהרען און שוויגער'ס און פון גוטע מאכלים, זיי האָבען נישט לאַנג געעפענט גמרות און מכין געווען זיך צו לערנען, נאָר ריידען איז געשמאַקער, לאָזט מען די גמרות אָפען.

אַ זייגער צעהן געהט מען אַהיים עסען. עסט מען אָב, און אויב עס איז נישט זונטאָג, האָט מען נישט וואָס צו טהאָן, געהט מען צוריק אין בית-המדרש, זעצט מען זיך ווידער אַרום די טישען, האָט מען כלומר'שט ברעה צו לערנען, עפענט מען פונאַנדער די גמרות, נאָר ביסלעכווייז פערררעדט מען זיך ווידער. און אַז עס נעהמען זיך אויס נאָר די רייד, רעדט מען פון חטאים אין שטאָדט, פון טרפה-ביכלעך, אַפיקורסות א. ז. וו.

אין מיינע צייטען זענען אין קאַמעניץ געווען דריי גבירים, קאַרגע יודען, וואָס האָבען זיך געפיהרט ווי קבצנים. איינער מ. ג. האָט פער-מאָגט אַ הונדערט טויזענד רובל, האָט ער געוואוינט אין אַ קליין נידע-ריג הייזעל מיט אַ שטרויענעם דאַך, אָנשטאָט אַ ליכט האָט מען גע-ברענט ביי איהם אייל; און געגעסען האָט מען שוואַרץ ברויט מיט נישט-געשיילטע קאַרטאָפּלעס, און געגאַנגען איז ער אין אַ צוריסענער קאַפּאָטע; און אַז ער האָט בעדאַרפט צו די פּריצים קויפען סחורה, איז ער געגאַנגען צו-פוס. ער איז געווען דער גרעסטער סוחר פון ווייץ און בראָנפען.

מען זאָגט, אַז ער איז געוואָרען אַ גביר פון ריסטיטשער פּריץ בוכעוועצקי, נעבען קאַמעניץ, פאַר וועלכען ער פלעגט אַלץ איינקוי-פען און די רעכנונגען פלעגט ער איהם מאַכען מיט אַ שטעקעלע אויפ'ן זאַמד. דאָס שטעקעלע איז געווען אויסגעשניטען פונ'ם פּריצ'ס אַ בוימעל, און מ. האָט איהם צוגעשריבען און געמעקט איבער'ן זאַמד. אַזוי אַרום האָט ער אין אַ צייט פון עטליכע יאָהר אָנגעקליבען דעם קאַפּיטאַל.

דער צווייטער קאַרגער גביר ש. ס. איז בעוואוסט געוואָרען פאַר אַ גביר פּלוצלונג, אויף אַ ברית ביי אַ גוטען פריינד. פריהער איז ער געווען אַ מיהלנער אין דעם פּריצ'ס מיהלען פאַר צעהן גילדען אַ וואָך, דערנאָך האָט ער געמאַכט אַנ'אָליוונע צו מאַכען אייל, מיט אַ דעפּטאַק

און מיט פערד. נאָר קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען עס האָט זיך צו איהם גענומען אַזוי פיעל געלד, אפשר פופצעהן הונדערט רובל, וואָס די דאָזיגע אָליוונע האָט אַנ׳ערך געקאָסט. דערנאָך איז זי אין איין נאַכט אָבגעברענט געוואָרען. האָט ער אָנגעהויבען פאָהרען מיט דעם סוחר א. ט. אין זיין בריטשקע. ש. ס. פלעגט טרייבען דאָס פערד און א. ט., וואָס האָט געהאַט אפשר אַ טויזענד רובל, איז פלוצלונג געוואָרען אַ גרויסער סוחר פון תבואה און בראָנפען. ער איז געזעסען אויבענאָן אין בריטשקע, איז אַרומגעפאָהרען צו אַלע פריצים און האָט געמאַכט געשעפטען אויף צעהנדליגער טויזענדער רובל. דאָ האָט אויך קיינער נישט געוואוסט פון וואַנען האָט זיך גענומען צו א. ט. אַזוי פיעל געלד, און אַזוי זענען אַוועק איינינע יאָהר.

איינמאָל איז געווען ש. ס. מיט א. ט. אויף אַ ברית. מען האָט געבראַכט עטליכע פלאַש שטאַרקען ספירט, געמאַכט אַ פּאָנש, טהיי מיט ספירט, ביז מען האָט זיך גוט אָנגע׳שכור׳ט.

האָט מען גענומען טאַנצען אַ רעדעל. אַזוי טאַנצענדיג איז ש. ס. געוואָרען בגלופנ׳דיג און ער האָט געזאָגט:

— ניט אומזיסט טאַנצט א. ט., וואָרום דאָס, וואָס ער האַנדעלט אויף אַזוי פיעל צעהנדליגער טויזענדער רובל, איז פאַר מיין געלד.

איז געוואָרען אַ מהומה און באַלד אויף מאָרגען איז מען געגאַנגען צו אַ דין-תורה, צוטיילען זיך מיט דעם געלד. עס איז געווען אַ סכסוך אין פינף טויזענד רובל, האָט א. ט. געשוואוירען ביי אַ ספר-תורה, און ש. ס. איז שוין געבליבען אַליין דער סוחר און דער גביר. און ביי איהם האָט מען שוין אָנגעהויבען עסען אַרבעס אָנשטאָט קאַרטאָפלעס מיט שאָלעכץ.

דער דריטער קאַרגער גביר איז געווען ד. ב., אַנ׳אויפגעקומענער גביר, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ פערמעגען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטענ׳ס יאַגד.

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ יאַגד, איז גאָר זיך שווער פאָרצושטעלען. אַזוינס איז נישט געווען זינט די וועלט שטעהט. אַ גאַנץ יאָהר איז אַהין געפאָהרען מיליטער, מען האָט אויסגעמויערט אַ פאַרקאַן אויף אַ קוואַדראַטנעם וויאָרסט אין אַלע פיער זייטען, און אין מיטען איז געווען אַ טיערען-גאָרטען, וואוהין עס זענען געבראַכט געוואָ-

רעֶן טויזענדער פערשידענע היות פון דער גאַנצער וועלט, און דער קיסר מיט אַלע אייראָפּייאישע פּרינצען זענען געשטאַנען אין דער הויך, אויפ'ן פּאַרקאַן און געשאָסען אין די היות, וואָס האָבען געהאַט גענוג פּלאַץ צו אַנטלויפען.

האָט ה. ב. געהאַט אַ קרעטשמע, נעבען ביעלאָוועזש, אַקוראַט וואו דער גאַנצער אָנגעפּאָהרענער עולם האָט זיך געפונען און וואו עס האָט אויך קוואַרטירט דאָס מיליטער.

אין דער צייט פון יאַגד האָט ער געליייזט פאַר אַ גלעזעל שנאַפּס דרייסיג קאָפּ. און אַ רובל פאַר אַ בעסערן שנאַפּס. פאַר אַ בולקע האָט ער גענומען דרייסיג קאָפּ., פאַר אַ בויגען פּאַפּיר אויף אַ פּראָשעניע שרייבען צום קיסר — אַ רובל. ער האָט גענומען וויפיעל ער האָט אַליין געוואָלט, און קיינער האָט איהם כמעט נישט געשטערט. און אַזוי האָט ער אָנגעקליבען צוויי-הונדערט-טויזענד רובל, און זיין פרוי, וואָס האָט אויך געמסחר'ט בעת-מעשה בעזונדער, האָט געמאַכט ביי אַ זעכציג טויזענד זילבערנע רובלס.

האָט שוין ה. ב. געקויפט אַ מאַיאָנטעק ביי אַ טייך, צוויי מייל פון קאַמעניץ און האָט אויפגעשטעלט אויפ'ן טייך אַ צילינדער-מיהל און פערדונגען זיינעם אַ קרוב פאַר זעכצעהן הונדערט רובל אַ יאָהר. נאָר, דערזעהענדיג, אַז דער קרוב האָט פּרנסה, האָט ער די מיהל אָבגענומען, און די זיהן זיינע האָבען געטראָגען די זעקלעך אין מיהל.

מיט די פיש פון טייך האָט ער אויך געמאַכט אַ תכלית. ער האָט אָנגעדונגען פּויערים אויף צו פאַנגען די פיש. די געפאַנגענע פישען האָט ער געהאַלטען אין טייך אין גרויסע קאַסטענס מיט קליינע לעכלעך, און יעדען דאָנערשטאָג זענען פון קאַמעניץ געקומען די פיש-סוחרים קויפען ביי איהם פיש. דער פּרייז איז געווען אָם-העכסטען צוועלף גראָשען אַ פונט.

פאַר פיש האָט ער זיך אָנגעליייזט גענוג, נאָר עסען פיש האָט ער זיך נישט פערגונען, אויסער שבת, ווען די בעל-הבית'טע פלעגט אויסטיילען צו פיצלעך פיש.

זיין קאַרגקייט איז שוין אַזוי אין אַלץ געווען. אַפילו דעם פּוטער פון זיינע דרייסיג בהמות האָט ער זיך אויך נישט פערגונען צו פער-זוכען נישט נאָר צו עסען.

געווען איז ער אָבער אַ גאַנץ קלוגער יוד און אפילו אַ משכיל. נאָך דעמאָלט האָט ער געלעזען אַ רוסישע צייטונג. גראָד דאָס האָט ער זיך פערגונען צו קויפען, און האָט גאָרנישט שלעכט פערשטאַנען אַ בלאַט גמרא.

אַז ער איז געפאָהרען קיין וואַרשא קויפען אַ פּאָר שטיינער צום מיהל פאַר דריי הונדערט רובל אין פּראַגע, ביי סאָרקינ'ען, איז ער איינגעשטאַנען אין אַ גאָרקיך, אין פּראַגע, דאָרט געשלאָפען און גע-געסען פאַר פופצעהן קאָפּ. אַ מיטאָג און קיין וואַרשאָ האָט ער ניט געוואָלט אַריינפאָהרען אָרער געהן צו-פוס: טאָמער וועט זיך פלוצלונג עפּעס פערוועלען קויפען. איז ער אַוועקגעפאָהרען פון פּראַגע און וואַרשאָ האָט ער נישט געזעהן.

פון די רייכע פאַמיליעס, וואָס האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין שטאָדט, איז די ערשטע געווען ר' יאָניע טרינקאָווסקי. ער האָט געהאַט אַ וויין-שיינק פאַר פריצים, דאָס הויז איז געווען מעבלירט אויפ'ן העכסטען אַרט. זיין ווייב, חייטשע, איז געווען די עקרת-הבית, אַנ'אשת-חיל, אַ געראָטענע און אַ קלוגע פרוי. דעם וויין-שיינק האָט זי געפיהרט. ביי איהר זענען שטענדיג געווען פריצים. זיי פלעגען קומען אין די טייערע פערד, מיט די אויסגעפּוצטע קוטשערס, נאַשפּיץ, צו צוויי פּאָר פערד אין דער לענג, מיט אַ לאָקיי. אַנדערע פלעגען נאָך קומען מיט אַ טרומייט.

ביי חייטשע'ן האָט מען געקענט קריגען טייערע ווייַנען, די בעסטע ציגאַרען און גוטע געריכטען, און פערדיענט פון די פריצים האָט זי איבער גענוג, דערצו נאָך איז איהר מאַן ר' יאָניע, געווען אַ משולח פון ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטען. ער פלעגט אויפקויפען וואָהל אין רוסלאַנד.

ער פלעגט פערדינען ביי אַמאָליגע יאָהרען, בעת אַ קאָפּיקע איז געווען ווי איצט אַ רובל — דריי טויזענד רובל אַ יאָהר. אָבער זיי האָבען געפיהרט אַנ'אונגעהויער רייך לעבען און די אַלע געלדער האָט מען פערלעבט.

איז יאָניע געקומען פון וועג, האָט ער געשיקט רופען דעם בעדער און איהם געגעבען דריי רובל אויף צוויי פוהרלעך האָלץ — צו בע-הייצען פאַר איהם די באָד, און דער בעדער איז געגאַנגען איבער די

גאַסען און געֶרופען אויפ׳ן קול אין באָד אַרײַן; און אַזוי ווי דאָס פלעגט דאָס רוב טרעפען אין מיטען וואָך, האָט שוין דער עולם געוואוסט, אַז ר׳ יאָניע איז נעקומען צופאָהרען, און תּאַטש דער בעדער פלעגט רופען אין באָד אַרײַן, פונדעסטוועגען פלעגען די בעלי-בתּים קומען בעטען בײַ ר׳ יאָניע׳ן, ער זאָל זיי ערלויבען געהן אין זײַן באָד אַרײַן. ר׳ יאָנע, וואָס איז בטבע געוועזן אַ גרויסער בעל-גאוה, האָט דערפון זעהר הנאה געהאַט.

בײַ זיך אין שטעדטיל האָט ער געשפּיעלט אַ מין ראָטשילד-ראָליע און אַזוי זענען שוין אויך געוועזן זײַנע זיהן, טעכטער, איידעמ׳ס און שניהר. און גאַנץ שענע נגיד׳ישע יונגעלײַט האָבען געהאַט אַ זכיה, אַז זיי האָבען גערעדט מיט ר׳ יאָניע׳ס קינדער, און ווען ר׳ יאָניע אָדער די קינדער האָבען מיט עמיצען גערעדט, האָט עס אויסגעוויזען, ווי ער טהוט יענעם אַ טובה, וואָס איז ניט אָבצושאַצען.

ר׳ יאָניע׳ן האָט מען קיינמאָל נישט געזעהן געהענדיג אין גאַס, ער האָט זיך געהאַט זײַן בית-המדרש, אויף אַנ׳אויבער-שטיבעל בײַ זיך אין הויף.

אין שטוב איז געוועזן זילבערנע טיש-געשיהר, לײַכטער און שבת׳ניקעס פאַר אַ פּאָר טויזענד רובל, אָבער אַ טויזענד רובל מזומן האָט ער מסתּמא זיכער נישט געהאַט.

אַ צווייטע פאַמיליע פון דעם שניט איז געוועזן ר׳ יאָניע׳ס איידעם, דוד-יצחק. ער האָט אויך געהאַט אַ ווײַן-שײַנק, און האָט אויך געשפּיעלט אַזאַ ראָליע ווי זײַן שווער.

בײַ איהם אין הויז איז נאָך געוועזן דער „פרעס״ בעסער ווי בײַ חײַטשע׳ן, דהיינו: מען האָט אינדערוואָכען געגעסען קאָטלעטען געפּרעגעלט אין שמאַלץ, און גענז, און הינער און ענדיקעס.

דוד-יצחק האָט אויך געהאַט אין טיקטין אַ רײַכען טאַטען, ר׳ שעיה-חיים.

יענער האָט אויך געהאַט אַ גרויסען ווײַן-שײַנק און אַ זעכציג טויזענד רובל מזומן. אויף איהם האָט מען געזאָגט, אַז זילבערנע כלים אין שטוב האָט ער אפשר ביז צעהן פוד. ער האָט נאָכגעטהאָן דעם גרויסען ביאַליסטאָקער גביר ר׳ איצעלע זאַבלודאָווסקי, וואָס האָט געשפּיעלט בײַ יודען אין רוסלאַנד אַ ראָליע פון אַ ראָטשילד.

מיט די גראָדנער גובערנאַטאָרען, וואָס האָבען זיך אין זײַן צײַט געביטען, האָט ער געלעבט ווי מיט ברידער, און אַז דער ביאַליסטאָקער פּאָליצמײַסטער האָט ניט נושא חן געווען בײַ די יודישע פּני-העיר, איז מען געקומען צו ר׳ איצעלע׳ן בעטען אַן׳אַנדער פּאָליצמײַסטער. האָט ער דערויף געזאָגט:

— איבער אַלט טאָג אין דער צײַט וועט איהר האָבען אַן׳אַנדער פּאָליצמײַסטער, יודעלעך.

און ער האָט געשיקט אַ בריוו צום גראָדנער גובערנאַטאָר, אַז דער פּאָליצמײַסטער טויג נישט. דער גובערנאַטאָר האָט באַלד משלח געווען דעם פּאָליצמײַסטער, אַוועקגעשיקט איהם אין אַן׳אַנדער שטאָדט און ביאַליסטאָקער יודען האָבען געקראָגען אַ נײַעם פּאָליצמײַסטער.

דוד-יצחק׳ס פֿאָטער, ר׳ ישעיה-חיים, האָט געלעבט מיט ר׳ איצעלע׳ן זעהר גוט און נאָכגעטהאָן יענעם אין דער פיהרונג. דעם זוהן האָט ער פיעל געשטיצט.

אַז דוד-יצחק האָט בעדאַרפט חתונה מאַכען אַ קינד, איז שוין ניט געווען זײַן דאגה. דער פֿאָטער האָט געגעבען טויזענד רובל נדן. דאָס איז דעמאָלט געווען פון די גרעסטע נדנ׳ען און דערבײַ האָט ער געגעבען אויף די גאַנצע חתונה-הוצאות מיט מלבושים, כיד הגבירים.

אַז דוד-יצחק האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, האָט דער פֿאָטער אַרײַנגעשיקט אַ פורגאָן זילבערנע געשיהר, לײַכטער, שבת׳ניקעס, און אויף דער חתונה זענען געשטאַנען זילבערנע שבת׳ניקעס אויף דער ערד, וואָס האָבען דערגרײַכט ביז איבער׳ן טיש, און אין אַלע פענסטער האָבען געגלאַנצט זילבערנע לײַכטער און אַנדערע זילבערנע געשיהר.

און אויב אַזאַ חתונה איז אויסגעפאַלען פאַר פּסח, בעת עס טרעפען גרויסע בלאָטעס, האָט מען אויסגעלעגט אויפ׳ן גאַס ברעטער פון דוד-יצחק׳ס הויז ביז דער שוהל.

און כלי-זמר פלעגען זיך צונויפפאָהרען פון די צוויי אויעזדנע שטעדט: ברינסק און קאָברין. עס האָט געקעהרט די שטאָדט.

דערהויפּט האָבען זיך אין יענע צײַטען אויסגעצײכענט די כלי-זמר פון קאָברין מיט ר׳ שעבסעל׳ען אין דער שפּיץ, וועלכער האָט גאָר קײַן נאָטען ניט געקענט. נאָר ער האָט מיט זײַן שפּיעלען געקענט מאַכען, אַז דער גאַנצער עולם זאָל זיך צעוויינען.

די זיסקייט פון זיין שפּיעלען איז אין לשער.

דער שעבסעל איז געוואָרען אַזאַ מפורסם, אַז עס האָט דער-גרייכט זיין נאָמען ביז פּאַסקעוויטש'ן, דעם פּוילישען נאַמעסטניק, יענער האָט געשיקט נאָך איהם, און שעבסעל האָט געשפּיעלט אַליין מיט זיין פידעל.

פּאַסקעוויטש איז איבערראַשט געוואָרען און האָט איהם פאָרגע-לעגט זיך טויפען. און באַלד האָט ער איהם געפרעגט, צי קען ער שפּיעלען אויף נאָטען. שעבסעל האָט אונשולדיג געענטפערט:

— איך קען נישט.

— ניטשעוואָ — האָט איהם פּאַסקעוויטש אָנגעפּאַטשט אין פּלייצע, איך וועל דיך אויסלערנען נאָטען, נאָר דו זאָלסט זיך טויפען.

דעמאָלט האָט שוין ר' שעבסלען פערדראָסען און ער האָט גע-זאָגט, אַז ווען מען זאָל איהם מאַכען פאַר אַ פירשט, וואָלט ער עס אויך נישט געוואָלט.

פּאַסקעוויטש האָט איהם דאָך אָבגעהאַלטען ביי זיך דריי טעג.

אַלע אָווענד פלעגט ער פערבעטען צו זיך די פאָרנעמסטע געסט און שעבסעל האָט געשפּיעלט צום מיטאָג ביים טיש אַ צוויי, דריי שעה.

קיין ווײַן, קיין שנאַפּס האָט שעבסעל נישט געוואָלט ביי איהם פערזוכען, עסען האָט פּאַסקעוויטש געהייסען ברייננען פאַר איהם פון אַ יודישען רעסטאָראַן.

אַז פּאַסקעוויטש האָט דערזעהן, אַז ער קען מיט איהם גאָרנישט מאַכען, האָט ער איהם געגעבען טויזענד רובל מיט אַ דיפּלאָם ווי ער האָט געשריבען, אַז שעבסעל האָט אַ געטליכען מוזיקאַלישען טאַלענט, נאָר ער איז נישט געלערנט.

ביים געזעגענען האָט ער איהם געזאָגט, אַז ער וואָלט איהם פאָרגעשטעלט דעם קיסר, און שעבסעל מיט זיין פאַמיליע וואָלטען געווען גליקליך, און אפשר דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. נאָר שעבסעל האָט זיך אַרויסגעמאַכט און איז בשלום אַוועקגעפאָהרען.

פון די טויזענד רובל האָט שעבסעל געקויפט אַ שטוב און איז ווײַטער געפאָהרען אויף אַלע גביר'ישע חתונות אין גאַנץ גראָדנער גובערניע. ס'איז נישט געווען קיין איין גבירי'שע חתונה, וואו שעבסעל

זאָל ניִשט שפּיִעלען. ער האָט געהאַט אַ קאַפּעליע ביִז אַלט פּערזאָן.

אויך האָט ער געהאַט אַ בדכן, איינער אַ טודרוס. דאָס איִז אויך געווען אַן׳אויסגעהאַפּטע זאַך, זעהר אַ געראָטענער, און אויף יעדער התונה פלעגט ער באַלד פּערפאַסען נייע קופּלעטען, וואו עס זענען געווען אָנגעוויזען די אַלע מחותנים, מיט זייערע נעמען און פאַמיִליעס.

ביים בעדעקען חתן-כלה פלעגט ער אַזוי ריִהרענד ריידען, וואָס אַז מען וואָלט געווען געקנאָטען פון אייזען, וואָלט מען אויך געמוזט צוגעהן פון געוויין, און דערביי נאָך שעפּסעל׳ס צושפּיִעלען!

ביי יעדער גביר׳ישער חתונה פלעגען ביי׳ן בעדעקען חתן-כלה די געוויינען מיט די יאָמערייען האַפּען עד לשמים, די ווייבער פלעגען פראָסט צוגעהן פון געוויינען, ביז מען האָט געבעטען טודרוס׳ען און ר׳ שעפּסלען, זיי זאָלען מאַכען אַנ׳עק, וואָרום די ווייבער האָבען שוין ניִשט קיין כח צו וויינען.

איִן דער קאַפּעליע האָט אויך ניִשט אויסגעפעהלט קיין וויצלער, ראובעלע, שוין אַנ׳עלטערער יוד אַפּיִלו, נאָר ביי זיינע וויצען, ביים טיש, ביי דער סעודה, פלעגט מען ווידער צוגעהן לאַכענדיג.

די ווייבער פלעגען זיך אַזוי פונאַנדערלאַכען, אַז זיי פלעגען בלייבען אָהן כחות. האָט מען ווידער געמוזט בעטען, אַז עס זאָל שוין זיין גענוג, וואָרום די ווייבער האָבען שוין מעהר קיין כח ניִשט צו לאַכען.

איינמאָל, געדענק איִך, אויף אַ חתונה ביי אונזער פאַמיִליע, איִך ביִן נאָך געווען אַ יונגעל, האָט ראובעלע געזאָגט פאַר׳ן עולם ביי דער וועטשערע.

— איִך וועל אייך פרעגען אַ רעטעניִש, — האָט ער געזאָגט — און ווער עס וועט ניִשט טרעפען דעם רעטעניִש, זאָל געבען צעהן קאָפּיִקעס.

מען האָט געשטעלט אַ טעלער, און ראובן האָט נעפרעגט:

— רבותי! ווי קאָן דאָס אויסקומען, אַז פיִער מענשען זאָלען זיִך צוטיילען מיט דריי עפּעל, און יעדער זאָל בעקומען אַ גאַנצען עפּעל?

געוועהנליִך, האָט קיינער ניִשט געוואוסט. האָט מען געוואָרפען צעהן קאָפּ. איִן טעלער, און אַז עס האָט זיִך צונויפגעקליִבען אַכצעהן

קערבלעך, גייט ראובן און נעמט זיך גאַנץ געלאַסען דעם טעלער מיט'ן געלד און שיט אַריין צו זיך אין קעשענע. דערנאָך שטעלט ער צוריק דעם ליידיגען טעלער אויפ'ן טיש און זאָגט.

— רבותי! איך ווייס אויך נישט, נאָר איך צוואַנציג גראָשען, ווי מיר האָבען אָבגערעדט.

געוועהנליך, איז געוואָרען אַ גרויס געלעכטער און ראובעלע האָט מיט דעם ווין פערדינענט אַזוי פיעל, וויפיעל ער פערדינט קיים אויף דריי חתונות.

אַז דוד-יצחק'ס ווייב, חייטשע'ס טאָכטער, די גרויסע בריה, איז געשטאָרבען, האָט ער גענומען אַ צווייטע ווייב. אין אַ קורצע צייט — אַ דריטע, אין האָט אָנגעהויבען פאַלען אין מעמד און שוין אויפגעהערט שפּיעלען אַזאַ גרויסע ראָליע.

נאָר שעיה-חיים האָט געשטיצט זיין זוהן און האָט איהם אויפגע-האַלטען אויף די פיס. אָבער ער האָט שוין נישט געשפּיעלט אין שטאָדט די פריהערדיגע ראָליע, ווי ווען זיין פרוי, ר' יאָניע'ס טאָכטער, האָט געלעבט. זי איז געווען אַ גרויסע בריה אין געשעפט און אַ חכמה; צו איהר פלעגען אויך פערפאָהרען פיעל פריצים, אָבער נאָך איהר טויט, בעת דוד-יצחק האָט גענומען טוישען די ווייבער, זענען, כמעט, אַלע פריצים אַוועק צו ר' יאָניע'ן, ביי וועלכען עס איז געווען דער עֶרשטער ווין-שיינק ביז'ן אויפשטאַנד אין דריי-און-זעכציגסטען יאָהר.

נאָך זיין ווייב'ס טויט. האָבען געפיהרט דעם געשעפט אַ שנור מיט אַ טאָכטער.

די דריטע פאַמיליע איז געווען מיין זיידע ר' אהרן-ליזער און זיין ברודער מרדכי-ליב קאָטיק. זיי האָבען זיך אויך ברייט געפיהרט, נאָר ביי זיי אין די גרויסע שטובען זענען געווען פּראָסטע, גרויסע טישען און בענק, און די גאַנצע הנהגה איז געווען מעהר אַ פאָלקס-טימליכערע. בעשעפטיגט האָבען זיי זיך אויך מיט שיינקען פון אַ פּראָס-טערן שניט, נאָר געלעבט האָט מען ברייט, רייך, גרויס, אַז עס מעג זיך אַפילו נאָך היינט שעמען אַ וואַרשאַווער גביר אַנטקעגען זייער לעבען.

זיין ברודער מרדכי-ליב קאָטיק, איז געווען אַ לערנער, און ווי

אַ לערנער האָט ער, פערשטעהט זיך, אין דער יוגענד צום לעבען קנאַפּ וואָס געטויגט. אַז זייער פאָטער איז געשטאָרבען, איז געבליבען אַ גרויס הויז אין מיטען מאַרק, מיט אַ שיינק און דריי טויזענד רובל געלד. האָט ער, דער זיידע, דאָס הויז אַוועקגעגעבען דעם ברודער, מרדכי-ליב, און דאָס געלד האָט ער צוטיילט פאַר די שוואָגערס, גרויסע לומדים, און פאַר דער פאַמיליע. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף קיין געלד נישט, וואָרום ער קען פערדינען צום לעבען און זיי קענען נישט.

דער ברודער, מרדכי-ליב, האָט שטענדיג געהאַט פרנסה בשפע, און אַזוי ווי די פרנסה איז געווען נאָר אין די זונטאָגען און אין די ירידים, האָט ער די גאַנצע וואָך געלעבט זעהר רוהיג. האָט ער גע־מאַלט ביי זיך אַ מנין די גאַנצע וואָך און שבת; געדאַווענט האָבען ביי איהם אַממיינסטען פון המון. ער אַליין איז געווען בעל-קריאה און בעל-תפלה און שופר-בלאָזער; שבת האָט ער געלערנט פאַר'ן עולם חומש.

אינדערוואָכען האָט ער אַלע טאָג געלערנט פאַר זיך אַ בלאַט גמרא און מדרש. דאָס איז געווען פאַר'ן דאַוונען, גאַנץ פריה און ביי־נאַכט, און דעם גאַנצען טאָג זענען ביי איהם געווען שטענדיג פולע שטובען מיט מענשען, בעלי-בתים און דאָרט פלעגט גערעדט ווערען פון אַלע נייעס, און פון ראָטשילד'ן, און פון וואָס דער קיסר עסט און טרינקט, און דערנאָך פלעגט ער, מרדכי-ליב, שפּיעלען אין „דאַמקעס" מיט זיינע בעלי-בתים.

ביי דעם גרויסען טיש האָט מען זיך פאָרטגעזעצט די מעשות פון מלכים און פירשטען און מכח די נסים ונפלאות פון אונזערע גאונים, און מרדכי-ליב, שפּיעלענדיג אין „דאַמקעס" פלעגט זיך אַגב צוהערען צו די מעשות.

ער איז געווען זעהר אַנ'ערליכער און אַ וואָרהאַפטיגער, און בעת ער פלעגט געהן אַ גאַנג מיט אַ פּעשקע, פלעגט ער אגב אונטער־האַפּען ווי עמיצער זאָלט איבער די מעשה, אָדער דערצעהלט גוזמאות, און ער פלעגט זיך בעטען:

— מען זאָל נישט ריידען קיין שקרים, גוזמאות, מאוס!

געווען איז ער דער ערשטער מוהל אין שטאָדט. כמעט אַלע

טאָג, פֿון אַלט אין דערפריה, ביז צוועלף אַ זייגער מיטאָג-צייט, פלעגט ער זיין אין שטאָדט אין אַרום, אין די דערפער אויף ברית׳ן, און דאָרטען פלעגט ער ניט פערזוכען פון געגרייטען טיש, וואָס אַ האָהר איז ווערט. טרינקען אַוודאי נישט. נאָר מיטנעהמען מיט זיך אַ שטיקעלע לעקעך — דאָס יאָ. דאָס שטיקעלע לעקעך פלעגט ער ברענגען אַהיים פאַר דאָס ווייב און קינדער. זאָלען זיי עסען חאָטש צו ביסלעך לעקעך פון אַ ברית.

— דאָס איז אַ מצוה! — פלעגט ער זאָגען.

אויף די שמחות אין דער אייגענער משפחה איז שוין זיין עובדה געווען סאַרווערייַ, און האָט זיך געמאַכט אַ חתונה ציַ אַ ברית, פלעגט ער שוין אַרומפליהען אַ פערשמייעטער, אַ פערשוויצטער, דערלאַנגען צום טיש, אויסשטעלען די טעלער, און יונגע-לייט, בחורים און מיידלעך, פלעגען איהם בעהילפיג זיין. איז געקומען צום בענטשען, האָט ער ערשט געמאַכט צו אַלעמען לחיים מיט אַ גלעזעל זיסען שנאַפּס און פערביסען מיט האַרטען קעז, וואָס איז ביי איהם שטענדיג געווען גרייט צו אַזאַ פאַל.

ביי איהם איז געווען איינגעפיהרט אַ מין לייה-קאַסע פאַר די מאַרק-קרעמער אין פערלייהען פלעגט ער ביז אַ פינף-און-צוואַנציגער. קיין געלד אַליין האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט, ווייל זיין אויסגעגעבענער זוהן, אַ בן יחיד, האָט זעהר ברייט געלעבט. פלעגט מרדכי-ליב שיקען לייהען ביי אַנדערע און פערלייהען די קרעמער. אָט אַזוי האָט ער זיך געפיהרט דאָס גאַנצע לעבען זיינס ביז עטליכע און זיעבעציג יאָהר.

עס איז שווער צו זאָגען, ציַ האָט מרדכי-ליב פאַר זיין גאַנץ לעבען, אויפגעגעסען ווען אַ פרעמדען מיטאָג, אַפילו פאַר געלד אויך נישט.

אַז ער פלעגט דאַרפען פאָהרען קיין בריסק. פינף מייל פון קאַמעניץ, פלעגט ער נעהמען אַ ביטקע, ד. ה. אַ וועגעל אויף צוויי רעדלעך מיט אַ גוטען פערד און געפאָהרען איז ער אַליין. ער האָט ליעב געהאַט גיך צו פאָהרען, און אין פינף שעה צייט איז ער געקומען קיין בריסק. אין בריסק האָט ער העכסטענס פערבראַכט אַ שעה צעהן.

אין ביטקע האָט ער מיט זיך געהאַט אַ פלעשעלע זיסען בראָנפען

מיט מאַגערען קעז, אַ פּאָר קיכלעך –– האָט ער אויפ׳ן וועג געגעסען. אין בריסק האָט ער שוין נישט בעדאַרפט עסען. און מעהר קיין נסעות האָט ער נישט געמאַכט, כּדי ער זאָל נישט דאַרפען עסען פּרעמד׳ס, אַפילו פּאַר געלד.

זיין ווייב, חיה־גיטעל, איז געווען אַ בריה און אַ גרויסע בעל־צדקה. זי פלעגט געבען גרויסע נדבות און אַ סך, און שטענדיג האָט זי געטראָגען אַ לעדערנע קעשענע, פון וואַנען זי האָט געשעפּט און געטיילט, נישט געצעהלטע, איינעם — אַ קלענערן הויפען געלד, אַ צווייטען — אַ גרעסערן הויפען קופּער.

ביי איהר פלעגען עסען אַ זעקס תלמוד־תורה־יונגלעך. אַלע טאָג האָט זי זיי געגעבען פון דאָס בעסטע און זעהר פריינדליך; אויך זענען געווען עלטערע, געמיינע יודען, וואָס פלעגען עסען ביי איהר. ווייטער האָבען נישט אויסגעפעהלט ביים טיש קיין מגידים און דרשנים, און חזנים, און רבנים, וואָס פלעגען אָפטער קומען צופאָהרען קיין קאַ־מעניץ.

און בעזונדער האָט שטענדיג געגעסען אַ פּרוש, וואָס האָט עטליכע און פיערציג יאָהר געלערנט אין קאַמעניץ, אין נייעם בית־המדרש. דער „פאַנטשאָשניק" האָט מען איהם גערופען. מען האָט איהם געהאַל־טען פאַר אַ מקובל, און אין בית־המדרש האָט ער געהאַט אַ גרויסען זאַק מיט קבלה־ספרים און פלעגט לערנען אַלע טאָג מיט אַ ניגון.

ביי איהם איז געווען אַ ריינער דינער קול, וואָס פלעגט אַלעמען צוציהען.

שבת פלעגט ער לערנען ביי מרדכי־ליב׳ן אין שטוב פּרק און מדרש. האָט ער דערצעהלט פון גן־עדן און דאָס איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס מען געפינט עס נישט אין קיין יודישען ספר. פון גיהנם האָט ער קיינמאָל נישט דערמאָהנט.

אין גן־עדן האָט זיך געפונען פון אַלע בעסטע, פיינסטע און גע־שמאַקסטע זאַכען, וואָס אַ מויל קאָן נאָר אַרויסריידען, און זאָגען פלעגט ער פאַר׳ן עולם מיט אַזאַ שענעם ניגון, מיט אַזאַ זיסען קול, אַז עס פלעגט זיך דאַכטען, אַז ער אַליין איז דערביי געווען.

אַז עס איז געקומען אַמאָל דער קעלעמער מגיד אין קאַמעניץ זאָגען מוסר, האָט איהם מרדכי־ליב אָבגעהאַלטען אַ חודש צייט ביי זיך.

מִיט האָט אִיהם גֶעגֶעבֶּען עֶסֶען און טרִינקֶען כּיד המלך, און אַז עֶר אִיז אַוועֶקגֶעפאָהרֶען פון קאַמעֶנִיץ, האָט עֶר אויסגֶעזֶעהֶען דִיק, ווִי נאָך אַ דאַטשֶע.

אִין מרדכי-לייב׳ס גְלִיקלִיך לֶעבֶּען אִיז דאָך גֶעוועֶן אַיין פעֶהלֶער: עֶר האָט נִישט גוט גֶעלֶעבּט מִיט זַיין ווַייבּ, חיה-גִיטעֶל. שטֶענדִיג פלֶעגט עֶר זַיין ברוגז מִיט אִיהר און אָבּטהאָן פלֶעגט עֶר אִיהר דעֶרמִיט, וואָס עֶר האָט נִיט גֶעגֶעסֶען.

אַייגֶענטלִיך האָט עֶר שוין אַזאַ טבע גֶעהאַט צו פִיהרֶען ברוגז׳ן, דאָ אִיז עֶר גֶעוועֶן ברוגז מִיט׳ן זוהן און דאָ מִיט דִי אַיינִיקלֶעך. דאָס האָט אִיהם אָפטעֶר גֶעשטעֶרט דאָס לֶעבֶּען. אָבּעֶר אויסעֶר אָט דִי גֶעווֶעהנהַייט זַיינֶע אִיז עֶר, אפשר, גֶעוועֶן דעֶר גלִיקלִיכסטעֶר אִין דעֶר וועֶלט. דעֶרצו אִיז עֶר גֶעוועֶן אויסעֶרלִיך זעֶהר שעֶן: אַ בּרַייטעֶר, מִיט אַ פרִישֶען פּנים, בלוט און מִילך, מִיט אַ גרויסעֶר שוואַרצעֶר באָרד— אַ פּאַרשוין!

נאָך אַ פִינפטֶע פאַמִילִיע אִיז גֶעוועֶן: חַייטשֶעס אַ שוואָגעֶר, ר׳ שמחה-לַייזעֶר. דאָס אִיז גֶעוועֶן אַ גרויסעֶר למדן, אַ פרומעֶר און אַ חכם, אַ גרויסעֶר בעל-מדה, אַ זעֶלטעֶנעֶר יוד. האָט אִיהם נאָך אָבּעֶר גֶעשפִּילט דאָס גלִיק, און אַיינמאָל האָט עֶר גֶעוואונֶען אויף דעֶר זאַקסִישעֶר לאָטעֶרִיי, מִיט אַ יאָהר אַכצִיג צורִיק — פִינף-און-צוואַנצִיג-טויזעֶנד רובּל רַיין געֶלד. האָט עֶר בּאַלד גֶעמאַכט אַ סך הכל מִיט דעֶם געֶלד אויף אַזאַ אופן: פִינף טויזעֶנד רובּל האָט עֶר אַוועֶקגֶעגֶעבֶּען צדקה. לויט דעֶם דִין פון תלמוד טאָר מעֶן מעֶהר ווִי אַ פִינפטעֶל צדקה נִישט גֶעבֶּען. דרַיי טויזעֶנד רובּל האָט עֶר גֶעגֶעבֶּען נדן זַיין טאָכטעֶר און האָט גֶענומֶען אַ גרויסֶען עלוי פון בּיאַלִיסטאָק. דעֶר אַיידעֶם אִיז אִין אַ קורצעֶר צַייט אַרום קראַנק גֶעוואָרֶען און גֶעשטאָרבֶּען. האָט עֶר אִיהם אָבּגֶעקאָסט זעֶקס טויזעֶנד רובּל און פאַר דִי רעֶשט געֶלד האָט עֶר אִין בּרִיסק גֶעקויפט צווִיי קראָמֶען גֶעמויעֶרטֶע. פון זֵיי האָט עֶר גֶעהאַט הכנסה פִינף הונדעֶרט רובּל אַ יאָהר.

האָט עֶר נאָך דעֶרצו גֶעקויפט אִין קאַמעֶנִיץ פעֶלדעֶר, אַ קלַיין מאַיאָנטִיק׳ל, מִיט זעֶהר פרוכטבּאַרעֶר עֶרד, אַזוי, אַז יודֶען האָבֶּען עֶס גֶערופֶען „עפרות זהב״, גאָלדעֶנֶע עֶרד, און האָט שוין גֶעהאַט זַיין פרנסה. דאָס ווַייבּ זַיינס, לַייקֶע, האָט גֶעפִיהרט דאָס גֶעשעֶפט פון דִי

פעלדער און ער איז געזעסען יומם ולילה און געלערנט. איך געדענק, ווי ער פלעגט זיצען אין אלטען בית-המדרש נאכ'ן דאווענען און לערנען ביז עלף א זייגער. איך האב איהם זעהר ליעב געהאט.

די גרויסע לומדים פלעגען קומען צו איהם ריידען פון תורה, וואס איז זיי געווען צומאל הארב פאר'ן מוח. דערנאך איז ער געגאנגען אהיים, זעהר וויים, אפשר מעהר ווי א ווייארסט וועג, האט אבגעגעסען פריש-טיג און ווייטער געלערנט. ספרים האט ער געהאט פאר א פינף טויזענד רובל. פון פריהער האט ער אויך געהאט א סך ספרים און נאכ'ן געווינס האט ער צוגעקויפט. די ספרים זענען געווען זעהר שען גע-בונדען.

געווען איז ער בטבע זעהר א גוטער און אנ'עניו. צו אלע מענ-שען האט ער זיך בעצויגען גלייך און קליינע קינדער האבען איהם ליעב געהאט, ווי שמואל הנביא, און טאמער האט ער גערעדט, איז עס געווען שטיל, בנחת, און קיין כעס, חלילה, האט זיך ביי איהם נישט געפונען, אזוי ווי עס איז נישטא אין וואסער קיין פייער.

אלע זומער פלעגט ער רופען די לומדים פון שטאדט צו מאכען שמורה: ווי בעוואוסט, איז דאס ווייצענע תבואה, נישט קיין איבערגע-וואקסענע, און דערויף טאר נישט ארויפקומען קיין וואסער. אבער די ווייץ, געווענהליך, האבען גוים געשניטען, גוים געדראשען און גוים געמאהלען — און דאס איז שוין אייגענטליך א שטיקעל פגימה געווען פאר אונזער ר' שמחה-לייזער'ן.

האט ער שוין אליין איינגעקויפט קליינע, שארפע סערפלעך אויף שניידען תבואה, און, פעררופענדיג א פאר מנינים לומדים, פרושים, יונגע-לייט, וועלכע זיצען און לערנען, איז ער מיט זיי געגאנגען אין פעלד, האט זיי געלערנט ווי צו שניידען און אבגעשניטען...

די אבגעשניטענע ווייץ האט ער סנאפעסווייז אריינגעלעגט צום טריקענען אין א שאפע. אז די ווייץ האט אויסגעטריקענט, האט ר' שמחה-לייזער און די לומדים געדראשען מיט שטעקענס, וואס זענען געמאכט געווען צום דרעשען, און נאכ'ן דרעשען, האט ער שוין גע-האט ביי זיך אין שטוב א טיט-מיהל, וואס ער האט זי אבגעקויפט פאר א פאר הונדערט רובל, מיט שטיינער, מיט א קאלבע און די לומדים האבען געדרעהט די קאלבע און א טייל האט אויפגעקליבען

אין שענע בעקענס די מעהל און אַריינגעשאָטען אין די שיפלאָדען פון אַ גרויסער שאַנק מיט לעכעלעך. די מעהל האָט געוואַרט ביז נאָך פורים. דעמאָלט האָט ער פעררופען דיזעלבע לומדים און מען האָט געבאַקט די שמורה; דערויף האָט ער געמאַכט גלעזערנע וועלגער-האָלצען, און ביי די אַלע אַרבייטען האָט מען זיך געפרעהט.

איידער מען איז געגאַנגען אַרבייטען, האָט מען געגעסען כּיד הגבירים און דערביי געדעדט תורה. און נאָך דער אַרבייט האָט מען ווייטער געגעסען און געדעדט תורה.

ווער עס האָט נישט געזעהן זייער שמחה ביים שניידען, טרי־קענען און מאָהלען די תבואה און דערנאָך דאָס באַקען, יענער האָט נישט געזעהן קיין שמחה אין זיין לעבען.

אַז די שמורה איז שוין אַרויסגעקומען פון אויווען, האָט ער דערפון אויסגעטיילט צווישען די לומדים-אַנטיילנעהמער חלקים אויף גאַנץ פסח. און אַזוי ווי די חלקים פלעגען זיין נישט גאָר קיין קליינע, פלעגען די לומדים פערקויפען שמורה-מצות און לייזען שטענדיג שענע געלטליכע רובל אויף יום-טוב.

אַזוי איז געווען אַלע יאָהר. און אַזוי האָט געלעבט אַ שענער יוד אַמאָליגע יאָהרען: זיין צדקה איז געווען גרויס, זיינע מצוות זענען געווען גרויס און זיין שענקייט איז געווען גרויס.

געשטאָרבען איז ר' שמחה-לייזער נישט קיין אַלטער: צו אַ יאָהר זעכציג.

אָט די פינף פאַמיליעס זענען געווען די פעריל אין שטאָדט. דערצו זענען זיי נאָך אויך געווען רייך. אָבער דאָס שטעדטיל גופא איז געווען אָרים און מען האָט זיך געמאַטערט אויף דעם אָרימען שטיקעל ברויט. אַ גאַנצע וואָך האָט קיינער נישט פערזוכט קיין פלייש. אפילו זעמעל און פריש געבעקס האָט מען נאָר געגעסען אין געציילטע הייזער. אַ גאַנצע וואָך האָט מען געגעסען שוואַרץ ברויט, וואָס יעדע־רער פלעגט באַקען פאַר זיך איין מאָל אין וואָך, אָדער איין מאָל אין צוויי וואָכען, ווייל מען האָט געהאַלטען, אַז וואָס דאָס ברויט איז עלטער, אַלץ וועניגער וועט מען עס עסען. אין דער-פריה האָט מען געגעסען קרופניק, גריץ מיט קאַרטאָפעל, אָדער מען האָט אַריינגע־טהאָן אין אַ גרויסען טאָפּ קרופניק פאַר אַ פאַמיליע פון אַ זעקס פערזאָן

אפשר צוויי לויט פוטער, אָדער אַ האַלבע קוואָרט מילך, אָדער אַם-העכסטען אַ גאַנצע קוואָרט מילך, וואָס האָט געקאָסט אַ קאָפּיקע.

מיטאָג האָט מען געגעסען באָרשט מיט ברויט, און פערביסען מיט אַ שטיקעל הערינג צי אַ שטיקעלע פוטער. אויף וועטשערע האָט מען געקאָכט פאַרפעל צי לאָקשען מיט דערזועלבער פּאָרציע מילך. די געמיינערע האָבען נעמאַלט לאָקשען פון קאָרענע מעהל.

שבת האָבען אַלע יודען, אפילו די אָרימסטע, געגעסען פיש, נגידים האָבען געקויפט די גרויסע פיש און די אָרימע — די קליינינטשקע פישעלעך, וועלכע מען האָט צוהאַקט מיט ציבעלעס און געמאַלט דערפון אַזוינע קוילען. פיש האָט מען געהאַט פון איינענעם טייך. אַ האַלבע גילדען אַ פונט איז שוין געוועזען טייער, און אַז עס האָט אַמאָל געהאַפּט צוואַנציג גראָשען אַ פונט פיש, איז געוואָרען אין שטאָדט אַ מהומה און אַ געפילדער אויף דער גרויסער רציחה, וואָס די פישער קויפען אוים די פיש, פיהרען אַרוים קיין בריסק און דאַדורך האָט די שטאָדט נישט צו עסען שבת קיין פיש; האָט מען געסטראַשעט די פישער מיט קלעפּ און אויך דערמיט, אַז קיינמאָל וועלען זיי נישט אויפגערופען ווערען צו דער תורה, ווען זיי וועלען ווייטער אַרויספיהרען די פיש פון קאַמעניץ און מאַכען אַ יקרות.

פלייש איז געוועזען קעלבערנעס, שעפּסענס און רינדערנעס, אָבער מאָגערעס. די קצבים פלעגען אויסקויפען די מעגערסטע בהמות, וואָס האָבען שוין נישט קיין כח געהאַט צו האַלטען זיך אויף די פים. אַ כהמה האָט מען געקענט קויפען פאַר זעקס אָדער אַכט רובל; צעהן רובל איז שוין געוועזען דער העכסטער פּרייז. די נגידים האָבען, פערשטעהט זיך, געקויפט רינדערן פלייש און די אָרימע קאַלבענס, און די גאַנץ אָרימע, ווידער, למשל, מלמדים און בעלי-מלאכות, וואָס האָבען נישט געהאַט קיין פריצים, האָבען געקויפט שעפּסען-פלייש.

קוגלען זענען געוועזען פערשידענע, נאָר פעטע און געשמאַקע, אפילו ביי אָרימע לייט. שבת האָבען אַלע יודען אָבגעלעבט. אַנטקעגען דעם, ווי מען האָט געגעסען אינדערוואָכען, איז דער שבת'דיגער מאָלצייט געוועזען אַ פירשטליכער.

אין יעדער שטוב האָט מען געבאַקען חלה און געשטעלט טשאָלענט.

פרײַטאָג פאַרנאַכֿט איז דער שוהל-רופער געגאַנגען איבער די גאַסען און אויסגערופען:

— בענטשט ליכֿט!

זענען אַלע יודען געגאַנגען דאַוונען אין די בתי-מדרשים, אײַנגעוואַשענע און אויסגעצוואָגענע, און דערנאָך האָט מען געגעסען די גרויסע סעודה. מען האָט געזונגען זמירות בײַם עסען, חלב'נע ליכֿט האָט בײַ יעדערן געברענט אין שטעהענדיגע לײַכֿטער און הענגלײַכטער — און מען האָט זיך געפרעהט מיט'ן טײַערן און ליבען שבת.

די מרה-שחורה מיט דער נענזיע פון דער גאַנצער וואָך האָט מען אַוועקגעוואָרפען, דעם גאַנצען שבת'דיגען טאָג איז מען געזעסען פרעהליך, פון אַלע ווינקעלעך האָט געוועהט מיט שבת, מיט הײליגקײַט, פון געשעפט האָט זיך קײנער נישט ערלויבט צו רײדען, דאָס איז פערערעכֿענט געווען פאַר אַ גרויסען חטא.

אין דעם טאָג האָט מען בעסער אַ סך געלערנט און אַ סך געשלאָפען. אין די ווינטער-טעג און אין די זומער-טעג האָט מען געלערנט נאָכֿ'ן שלאָפען און אַלץ קאָמפּאַניעסווײַז. בײַ אײן טיש האָט מען אין בית-המדרש געלערנט גמרא צוזאַמען מיט אַ רבי, בײַ אַ צווײטען טיש האָט מען געלערנט משניות, בײַ אַ דריטען — מדרש, בײַם פירטען — שולחן ערוך, און אַלץ מיט רבּיים. אַרום די איבעריגע טישען זענען געזעסען פּראָסטע יודען פון המון, וואָס האָבען גאָרנישט געקענט לערנען. דערפאַר האָבען זײ אָבער געקענט זאָגען תהלים מיט אַ שעהנעם ניגון, מיט התלהבות, מיט אַ געשמאַק, אַ פסוק נאָך אַ פסוק, כסדר, אַז עס פלעגט ריהרען בײַם האַרצען. דערנאָך האָט מען געדאַוונט מנחה און נאָכֿדעם געגאַנגען עסען שלש-סעודות, אַ שטיקעלע פיש פאַר'ן בעל-הבית און די איבעריגע האָבען געגעסען הערינג מיט חלה, וואָס איז שוין אויך געווען קאַרג.

דערנאָך איז מען געגאַנגען דאַוונען מעריב, און פאַר מעריב האָט מען געזאָגט דעם גרויסען קאַפּיטעל תהלים „אשרי תמימי דרך" מיט יענעם טרויעריגען פערקומערטען ניגון, וואָס זאָגט אָן, אַז עס געהט שוין די וואָך מיט איהרע זאָרגען און צרות: עס הויבט אָן אַרויסצוקריכֿען די וואָכֿעדיגע מרה-שחורה.

שבת-צו-נאַכֿט האָט מען אין די גרעסערע הײַזער געמאַכט

טהיי, אויפגעקאָכט אין אַ קריגעל און צוגעביסען מיט אַ האַרטען שטיקעל צוקער. מיט איין שטיקעל צוקער האָט מען געקענט אויסטרינקען אַ צוויי, דריי גלאָז טהיי. אויב מען האָט זיך נישט געפּוילט, האָט מען נאָכאַמאָל אויפגעקאָכט אַ קרוג וואַסער און ווידער געזופּט.

אָבגעפּטר'ט דעם טהיי, האָט מען זיך גענומען צו די וואָכעדיגע חשבונות, די מאַנען די קרעמער האָבען שוין צונויפגעשטעלט מיט די ווייבער אַ צעטעל, וועלכע סחורה מען דאַרף ברייַנגען אויף אַ גאַנצע וואָך צום לייזען, די שיינקערס — מכה בראָנפען און די יודען, וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט פּריצים האָבען מכדר געווען, וואָס מען האָט צו טהאָן ביים פּריץ, ווי דאַרף מען זיך בעגעהן מיט איהם און ווי אַזוי לוינט זיך איצט מיט איהם צו ריידען. האָט מען שבת-צו-נאַכט אָבגערעדט מיט די ווייבער און זונטאָג פריה האָט זיך שוין אָנגעהויבען די געוועהנליכע וואָכעדיגע אַרבייט.

קאַמעניץ איז געווען מפורסם פאַר אַ שטאָדט פון לומדים און די רבנים זענען געווען שטענדיג פון די גדולים מפורסמים, חאָטש זי האָט מעהר נישט געגעבען קיין שכירות ווי דריי, פיער רובל אַ וואָך.

האָט בעדאַרפט קומען אַ רב, האָבען זיך שוין די קאַמעניצער לומדים, עלטערע און יונגערע, צוגעגרייט מיט גרויסע קשיות און שאלות, אויסצופּרובען דעם רב, און אַז עס האָט געהאַלטען ביים אָנגענומען ווערען, איז איהם ביים זאָגען די ערשטע דרשה שיער נישט אַרויסגע-פאַלען דאָס האַרץ פאַר פּחד, מחמת די קאַמעניצער לומדים. די ערשטע דרשה איז געווען אַ מין פּראָבע. די ערשטע דרשה האָט בע-דאַרפט בעשטעהן פון חריפות, פון טיעפע פּשט'לעך, און אַז די לומדים זענען געבליבען צופריעדען מיט איהר, האָט ער שוין געוואוסט, אַז ער איז פעסט געבליבען רב.

אין יענע צייטען פלעגען יונגע לייט, האָבענדיג ווייבער מיט קינדער, אַוועקוואַרפען זייער הויז און פאָהרען לערנען אין אַנדערע שטעדט. ווייל אין דער-היים קען מען נישט רוהיג לערנען, זענען זיי אַוועקגעפאָהרען אין פרעמדע שטעדט און געזעסען יומם ולילה און גע-לערנט. פאַר'ן עסען האָט מען נישט בעדאַרפט דאגה'ן. יעדער פרומ

האָט שוין געקראָגען צו עסען טעג, לויט זײַן קענטעניס אין גמרא. דער בעסערער האָט געקראָגען אין נגיד׳ישע הײַזער צו עסען, און דער קלענערער אין אָרימערע הײַזער. און יעדער מינדסטער בעל-הבית האָט געגעבען ווענינסטענס אַ טאָג אָדער צוויי אין וואָך צו עסען אַ פּרוש, פּונקט ווי דער אָרימסטער בעל-הבית האָט געגעבען אַ תלמוד-תורה-יונגעל עסען. געוועהנליך, איז אַ פּרוש בעסער אויסגעהאַלטען געוואָרען, איידער אַ תלמוד-תורה-יונגעל.

אויסער זײַן לערנען האָט אַ פּרוש געהאַט נאָך אַ רעכענונג. דעמאָלט, ווי בעוואוסט, האָבען די פּני-העיר געגעבען רעקרוטען, וועמען זיי האָבען געוואָלט און צו דעם ציעל האָבען זיי געהאַט האַפּערס, מיט וועלכע מען האָט געהאַפּט די יונגע-לײַט, וואָס די פּני האָבען געוואָלט נעהמען. אום צו חאַפּען די דאָזיגע יונגע-לײַט האָבען זיך די האַפּערס נישט בענוגענט מיט דער אייגענער שטאָדט. מען איז געפאָהרען זיי זוכען אויך אין אַנדערע שטעדט, אויב זיי האָבען זיך בעהאַלטען, און האָטש אין דער „סקאַזקע" זענען די יונגע-לײַט נישט געוועזען אײַנגעשריבען, האָט עס דאָך נישט אויסגעמאַכט; בײַם פּרנס הודש זענען זיי יאָ געווען פערשריבען, און אַז מען האָט אָבגעגעבען אַזאַ נישט-פערשריבענעם נפש, האָט מען שוין איהם געגעבען אַ נאָמען פון די גרויסע בעלי-בתי׳שע יונגע לײַט, וועלכע זענען יאָ געווען אײַנגעשריבען אין דער „סקאַזקע". דער נפש איז געוואָרען דעם בעל-הבית׳ס זוהן און איז נעבעך אַוועקגעגאַנגען דינען. אַזוי איז דער בעל-הבית פּטור געוואָרען פון צו געבען זעלנער אפילו ווען ער האָט געהאַט זעקס זיהן, נאָר דערפאַר האָט ער געגעבען אויף דער שטאָדט געלד — אַ הונדערטער איז געווען גענוג...

אין יענער צײַט האָט מען אָבגעגעבען יונגע-לײַט אפילו אין עלטער פון דרײַסיג יאָהר, וואָס האָבען שוין געהאַט אַ פינף, זעקס קינדערלעך. אַ דרײַסיג-יעהריגען בחור איז בכלל שווער געוועזען צו קריגען. אַ בחור פון זיעבצעהן יאָהר האָט שוין געהייסען אַן אַלטער בחור און דאָס איז שוין געווען אַ גרויסע חרפּה. די אָנגענומענע אין סאָלדאַטען זענען דערױבער געוועזען טאַטעס טײַלמאָל פון פיעל קינדער.

פערשטעהט זיך, אַז אַ פּרוש האָט מען דעמאָלט געשאָנעוועט און פאַר קיין זעלנער נישט אָבגעגעבען. אין זײַן אייגענער שטאָדט

האָט ער אָבער דאָך מורא געהאַט צו זיצען. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַמאָל איז אײַנער פון די פני-העיר אין כעס אויף זײַן פאָטער, אָדער אויף זײַן שווער, און יענער קען נאָך איהם אָבגעבען פאַר אַ זעלנער. אַזוינס האָט געטראָפען און קײן זאַך האָט נישט געהאָלפען.

אין קאַמעניץ זענען געווען פיעל פּרושים, וואָס פלעגען זיצען און לערנען. מײַנע זײדעס, וועלכע זענען געווען פריהער פרנסי-חדשים און דערנאָך איסבאָרשטשיקעס, האָבען קײנמאָל נישט אָבגעגעבען קײן אײן יונגענמאַן, וואָס זאָל אַפילו פיעל ווענין קענען לערנען. קוים איז ער נאָר געזעסען אין בית-המדרש און האָט עטוואָס געקענט לערנען, איז ער שוין געווען זיכער, אַז ער איז פרײַ פון דינען.

אין קאַמעניץ זענען געווען די בעסטע פּרושים, די גרעסטע לערנערס. אין גרויסען בית-המדרש זענען געווען איבער זעכציג שפּ'ן, אַפילו אַלטע און ערטערווײַז איסגעריסען. נאָר מען האָט זיך אַנ'עצה געגעבען. דער, וואָס האָט געהאַלטען בײַ דעם צוריסענעם אָרט, האָט געליהען בײַ אַ צווייטען אויף אַ ווײַלע די גמרא און אַזוי האָבען זײ זיך געטוישט. איז טאַקע אין גרויסען בית-המדרש געווען אַ הדרת-הקדש; די גרעסטע לומדים האָבען דאָרט געלערנט, די גרעסטע בעלי-בתים האָבען דאָרט געדאַווענט און די עלטסטע לײַט זענען דאָרטען געזעסען בײַם גרויסען טיש נעבען גרויסען אויווען און דערצעהלט מעשיות.

בדרך כלל איז קאַמעניץ געווען די אײַדעלסטע שטאָדט אין גאַנץ גראָדנער גובערניע - דאָרט זענען געווען חקרנים און פילאָזאָפען, וועלכע האָבען געפיהרט שטענדיג חקירות אין פילאָזאָפיע און אויך פלעגט מען זיך שטענדיג מפלפל זײַן בײַ דער גמרא און חנ'דלען זיך אין חריפות. אַז מען איז אַרײַנגעקומען אין בית-המדרש, האָט מען שטענדיג געטראָפען בײַ אַלע טישען יודען, וואָס האָבען זיך מתוכח געווען אָדער בײַ אַ גמרא, אָדער בײַ אַ תוספות, אָדער בײַ אַ מהרש"א. עס זענען געווען בעזונדערס אויסגעצײכענטע יונגע-לײַט אין מהרש"א, וואָס מען האָט זײ גערופען — מהרש"א-קעפּלעך. די פלעגען גאַנצע טעג און נעכט זיך קליגען אין די „ודוק"ס און אין די „ויש לישב'ס" פון מהרש"א.

דער נײַער בית-המדרש, וואָס האָט זיך מתקנא געווען אין אַלטען. האָט, אַ דאַנק זײַן גבאי, זעהר אַנ'ענערגישער יוד, אָבגעצויגען

די פּרושים און די לומדים צו זיך. זענען שוין דאָרט געווען די פּיינע־רע בעלי-בתי'שע יונגע-לייט. די עלטערע לומדים אָבער און סתם אַלטע לייט האָבען דעם אַלטען בית-המדרש נישט אַוועקגעוואָרפען, און אַזוי זענען געוואָרען צוויי בתי-מדרשים, וואָס זענען פול געווען מיט תורה.

פריהער איז געזאָגט, אַז קאַמעניץ איז געווען די אייִדעלסטע שטאָדט אין גראָדנער גובערניע. פונדעסטוועגען האָבען קיין מחלקותן נישט געפעהלט. צוליעב אַ שטאָדטישע זאַך פלעגט דאָס שטעדטיל באַלד פונאַנדערפאַלען אויף צוויי לאַגערן, און חל-המועד, בעת קיין גרויסע אַרבייטען טאָר מען נישט טהאָן, פלעגט מען זיך אויפקלייבען אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ אין מיטען שטאָדט, ביי די קראָמען, גרופּעסווייז און מען האָט אָנגעהויבען עפּעס אויסצוקלערען ווי אַזוי צו פיהרען די מחלקות'ן. עס זענען געווען, פערשטעהט זיך, אייניגע אינטריגאַנטען, ד. ה. זיי האָבען געקענט געבען מיט'ן קולאַק אין זייט אַריין, אַזוי, אַז יענער זאָל קראַנק ווערען, האָבען געהאַט געשליפענע צינגער, זע־נען געווען בעוואוסטע עזות-פּנים'ער, און אַז עס איז געווען אַנ'אספה אין שטאָדט. וואָס דער אָרט איז געווען דער אַלטער בית-המדרש, זענען זיי אַרויס מיט זייערע קולאַקעס און געשרייען און צו־שלאָגען די גאַנצע אספה. געווען איינער אַ מולער, איז ער שטענדיג געווען דער שטאָדט-שייגעץ, און שטענדיג האָט ער זיך אָנגענומען פאַר די אָרימע-לייט, וועלכע ער האָט נישט געמיינט. געמיינט האָט ער נאָר צו אינטריגירען; און געוואוסט האָט ער, אַז מיט זיין שרייען וועט ער גאָרנישט פועל'ן, נאָר ער דאַרף שרייען און דער עולם האָט גע־זאָגט, אַז ער איז גערעכט.

אויך זענען געווען שטילע אינטריגאַנטען, וואָס האָבען נישט גע־קענט אַ מויל עפענען אויף אַנ'אספה, נאָר צווישען זיך, אויפ'ן מאַרק האָבען זיי געקעהרט וועלטען, אויפגעהעצט אייִנע געגען די אַנדערע, און עס איז כמעט נישט אַוועקגעגאַנגען אַ חול-המועד אָהן אַ מחלוקת. מען האָט שוין געפונען פאַרוואָס זיך צו קריגען.

אין קאַמעניץ זענען געווען נישט ווייניג בעלי-מלאכות, אָבער זעהר אָרימע. די פּריצים פלעגען דאָס רוב אָבגעבען צו בעלי-מלאכות אין בריסק.

אמאָליגע יאָהרען איז גאָרנישט געווען אַ שטעדטיל אָהן אַ מסור, און קאַמעניץ האָט, פערשטעהט זיך, אויך געהאַט אַזוינעם. איטשע שייטעס האָט מען איהם גערופען. ער איז געווען אַ שניידער אַ לאַטוט־ניק און האָט זיך ווענינ פערנומען מיט זיין מלאכה. די רעכטע ארבייט זיינע איז געווען צו מסר'ן. אָבער ער האָט זיך נישט בענוגענט בלויז מיט מסר'ן איינצעלנע מענשען. ער פלעגט מסר'ן גאַנצע שטעדט. צו־פוס פלעגט ער געהן קיין גראָדנע און מסר'ן אַ גאַנצע שטאָדט, איבער־הויפט מכח דער „סקאַזקע”. פלעגט שוין קומען פון גובערנאַטאָר אַ רעוויזיאָנע קאָמיסיע אויף דער „סקאַזקע”, און די שטאָדט פלעגט בדלות ווערען. די טשינאָווניקעס פון דער קאָמיסיע פלעגען נעהמען אין האַנד אַריין און מען האָט בעדאַרפט גוט בעצאָהלען. לסוף האָט מען געמוזט זיך אויסקויפען פון דעם דאָזיגען איטשע שייטעס און זאָל ער שוין אַמאָל אויפהערען צו מסר'ן. ער האָט פראָסט אונגליקליך געמאַכט כמעט גאַנץ גראָדנער גובערניע. מען האָט פון איהם געהאַט יגון ואנחה, נאָר זיין שטאָדט קאַמעניץ האָט ער פונדעסטוועגען געשאַנעוועט און אַלע האָבען דערפאַר געהאַט פאַר איהם אָבשיי. חניפה'לעך האָט מען איהם נישט געקאַרגט און יעדערער האָט געדאַנקט גאָט אין האַר־צען, וואָס דער מסור לאָזט קאַמעניץ צו־רוה.

ראש־השנה און יום־כפור פלעגט ער שטעהן ביים דאַוונען אין שוהל אויף דער בימה און פלעגט וויינען דעם גאַנצען דאַוונען מיט אַזאַ יאָמערדיגען קול, אַזוי הויך און מיט אַזאַ קוויטש, אַז אפילו יענער, וואָס האָט נישט געקענט וויינען אין דאַוונען, פלעגט מוזען וויי־נען פון איטשע שייטעס געוויינען און יאָמערייען. מיט זיינע געוויינען פלעגט ער מאַכען אויפציטערן אַלע ביינער פון די דאַוונער. ער האָט געוויינט ווי אַ מענש, וועלכען מען האַלט אין שלאָגען און מען טהוט איהם אָן גרויסע יסורים. איך געדענק, אַז איך בין אַלט־געווען אַ יאָהר ניין, האָב איך צוליעב אָט דעם איטשע שייטעס געוויינען, זיך אַזוי צוגאָסען מיט טרעהרען ערב יום־כפור צו מנחה, אַז איך בין זיך פער־גאַנגען, און מען האָט מיך געמוזט נעהמען אַהיים אין מיטען מנחה. נאָר באַלד נאָך יום־כפור איז ער אַוועקגעגאַנגען צו־פוס קיין גראָדנע מסר'ן אַ שטאָדט.

קאַמעניץ האָט געהאַט אַ פאָרשטאָדט, „זאַסטאַוויע” האָט זי געהיי־

סען, זי האָט זיך אָנגעהויבען נעבען טײַך, אויף וועלכען עס זענען געשטאַנען דרײַ בריקען און דרײַ וואַסער־מיהלען. אויף דעם ראָזיגען טײַך האָט מען געפיהרט די גרויסע קלעצער פון ביעלאָוועזשער וואַלד. פון דעם דאָזיגען וואַלד זענען געליפערט געוואָרען פאַר אײראָפּא פער־שידענע געהילצען, אפילו ביז זעגעל־בוימער צו שיפען. די הויכע בוימער זענען אָבער פערוועהרט געווען צו האַקען, האָבען די סוחרים פון ביעלאָוועזשער וואַלד, פריהער ר' יצחק זאַבלודאָווסקי פון ביאַליס־טאָק, וואָס איז געוואָרען אַ מיליאָנער פון דעם וואַלד, גע'גנב'עט די הויכע בוימער און געגעבען האַבאַר די וואַלד־שומרים. זאַבלודאָווסקי'ן האָט מען גע'מסר'ט, אַז ער גנב'עט זעגעל־בוימער. איז געקומען אַ קאָמיסיע פון פעטערבורג און זאַבלודאָווסקי האָט די קאָמיסיע־מיטגליע־דער אָבגעקויפט מיט געלד. אַזוי אַרום האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט פון פלאָנטער, וואָס האָט געשמעקט מיט קאַטאָרגע.

נאָך איהם האָט אַ דײַטש געקויפט וואַלד צו האַקען. זיגמונד האָט ער געהייסען. האָט ער נאָכמעהר גע'גנב'עט. ער האָט אַזוי ברייט געלעבט, אַז אין שטעדטיל האָט מען דערצעהלט, אַז דער פרײַסישער קייזער האָט געלאָזט מאָהלען זײַן פאַלאַץ, לויט דעם מוס־טער פון זיגמונד'ס פאַלאַץ.

ער איז געווען פון די ערשטע לעב־קינדער אין פרײַסען און האָט אַזוי פיעל גע'גנב'עט די מאַסטען, אַז ער פלעגט פערדינען אַ מיליאָן רובל אַ יאָהר, פערשטעהט זיך, פערלעבענדיג זיי דערנאָך. אַז קאַזנאַ האָט אויפגעהערט צו פערקויפען וואַלד אין ביעלאָוועזש, האָט זיגמונד געקויפט אַ מאַיאָנטעק אין סעלץ, גראָדנער גובערניע, פאַר אַ האַלבען מיליאָן רובל און האָט זיך איבערגעצויגען פון בערלין. פאַר בערלין איז איהם געווען צו ווענינ געלד. איינינע יאָהר האָט ער געוואוינט אין זײַן מאַיאָנטעק און דערנאָך, אַ דאַנק זײַנע גרויסאַרטיגע בעלער, וואָס ער פלעגט מאַכען, האָט ער דאָס אויך פערהוליעט. געשטאָרבען איז ער אַנ'אָרימאַן.

די אַלע ביעלאָוועזשער קלעצער, וועלכע זענען געגאַנגען קיין דאַנציג, זענען דורכגעשוואומען דורך קאַמעניץ. פון זיגמונד'ען מיט די רײַטשען האָט די שטאָדט געהאַט פיעל פרנסה. אין דער צײַט, וואָס דאָס האָלץ איז געגאַנגען איבער קאַמעניצער וואַסער, איז זיגמונד'ס

בטאַנציע געווען בײַ ר׳ דוד־יצחק׳ן, וועלכער האָט דערמאָלט נישט וועניג פערדינט.

זאַסטאַווייע איז געאָגראַפיש וועניג וואָס אָבגעטײלט געווען פון קאַמענין. האָט זי אָבער אַ כאַראַקטער געהאַט כרחוק מזרח למערב. כאָטש זאַסטאַוויע האָט נישט געהאַט קיין בעזונדער רב, און קיין דין, און קיין שוחט און קיין בית־עולם, זאָגאַר סחורה האָט אויך זאַסטאַוויע געקויפט אין קאַמעניץ, פונדעסטוועגען האָבען די זאַסטאַוויער געהאַט גאָר אַנדערע זיטען. בײַ זיי זענען געווען גערטנער, און אַלע האָבען כמעט געלעבט פון די דאָזיגע גערטנער. די ווײַבער מיט די מיידלעך פלעגען זיצען דעם גאַנצען זומער אין גאָרטען און פילעווען איהם. אין גאָרטען האָט מען מיטגענומען ראָזעווע ברויט און געגעסען דאָרט מיט אוגערקעס און מיט רעטעך. אַלע זענען געווען קאַרגע מענשען און אַלע האָבען געהאַט פרנסה. נאָר אַ פּאָר פאַמיליעס זענען דאָרט געווען גרויסע בעלי־בתים, מיוחסים, וואָס פלעגען האָבען אַ דעה אין שטאָדט און האָבען געהאַט שענע קינדער. נאָר זיי האָבען שטענדיג אינטריגירט אין שטאָדט און אין אַלע מחלוקת׳ן זענען זיי געווען די ערשטע קרי־גער. אָנהענגער האָבען זיי געהאַט מאַסען, און האָבען זיי אָנגעהויבען צו פיהרען אַ מחלוקת, האָט דאָס געקענט זיך אַוועקציהען פיעל יאָה־רען. נאָר שטענדיג האָבען זיי געפיהרט מחלוקת מיט מײַן זיידען, וואָס איז געשטאַנען אין דער שטאָדט־אָנפיהרונג — בראש; נאָר אַזוי ווי פאַר איהם האָבען זיי יאָ מורא געהאַט, האָט מען איהם געגראָבען פערבאָר־גען, אַזוי, אַז זיי האָט מען קיינמאָל נישט אַרויסגעזעהן.

קינדער־ערציהער זענען, געוועהנליך, געווען די מלמדים. דער ערשטער פון זיי איז געווען יעקב־בער דער מלמד, וואָס כמעט די גאַנצע שטאָדט קינדער האָט זיך צום ערשטען געלערנט בײַ איהם. אַ קינד פון דרײַ יאָהר אָדער נאָך וועניגער האָט שוין בײַ איהם אָנגע־הויבען לערנען אלף־בית, געלערנט בײַ איהם ביז עס האָט שוין גוט און גיך געדאַווענט. דאָס האָט געדויערט אַנ׳ערך פון אַ צוויי יאָהר צײַט. דערנאָך האָבען די קינדער איבערגענומען די מלמדים פון חומש און אויך אָנפאַנג גמרא; אויסגעקליבענע גרינגע משנות פאַר קינדער,

וואָס הייסט לקח-טוב. פון אַזוינע מלמדים איז מען אַריבערגעגאַנגען צו גרעסערע און נאָך גרעסערע, ביז מען איז אָנגעקומען צו די גרויסע לומדים מופלגים, ביי וועלכע עס האָבען געלערנט דערוואַקסענע בחורים און בעלי-בית'לעך. אָבער די גרויסע מופלגים זענען געווען גרויסע כעסנים.

פון די גרויסע מלמדים זענען געווען צוויי אין שטאָדט, וואָס פלעגען שלאָגען די קינדער מכות-רצח און שמייסען און שטעלען אין פעקעל. דאָס איז געווען די ערגסטע שטראָף. דער מלמד פלעגט דעם יונגעל אַראָבלאָזען די הייזלעך און פערקאַטשען דאָס העמד מיט דעם קאַפּטעל אַרויף, מאַכענדיג דערפון אַ פעקעל. בעת מעשה האָט דער רבי געהאַלטען אַ גוטע רוט אין האַנד אָדער אַ גוטען קאַנטשיק, און אַזוי האָט דאָס יונגעל גענומען לערנען דעם שיעור גמרא, און ווען ער האָט נישט געוואוסט אַ וואָרט, האָט דער רבי געגעבען אַ שמיץ מיט כח, אַזוי, אַז דאָס לייב איז באַלד פערלאָפען מיט אַ בלוטען צייכען. אַזוי האָט ער געלערנט אַ שעה נאָכאַנאַנד. דאָס איז געווען שטענדיג אום דאָנערשטאָג: דעמאָלט האָבען די יונגלעך געמוזט אַליין זאָגען די גמרא, וואָס דער רבי האָט מיט זיי געלערנט די גאַנצע וואָך, וואָרום שבת פלעגט דער מלמד מוזען קומען מיט יעדען יונגעל צו זיין פאָטער פערהערן איהם די גמרא. דער פאָטער, וואָס האָט נישט געקענט לערנען, האָט שוין אָנגעבעטען איינעם אַ למדן, אָדער אַ פרוש, יענער זאָל פערהערן, און ווען דאָס יונגעל האָט נישט געקענט, האָט דער פאָטער נישט געקוקט און האָט בעשולדיגט דעם מלמד. געוועהנליך האָט דאָס נישט געשמעקט דעם מלמד, האָט ער אויסגעלאָזען דעם גאַנצען כעס צו יענעם אָרט ביים יונגעל, וואָס ווערט נישט אָנגערופען אין ליטעראַטור.

פון די דערמאָהנטע צוויי כעסנים-לומדים איז געווען דוד מיט די קאָלטענעס. ער האָט געהאַט אַ פולען קאָפּ מיט קאָלטענעס. אַ כעס'ן איז ער געווען אַ מורא'דיגער און די יונגלעך האָט ער פראָסט גע'ממית'ט. ביי איהם איז רעכט געווען אויפהויבען אַ יונגעל אין דער הויך און מיט כעס אַראָבלאָזען אויף דער ערד, אַזוי, אַז יענער זאָל פאַלען מיוט; געווען טאַקי אַזאַ פאַל. נאָך דער לויה פון דעם דער'הרג'עטען יונגעל האָט דער פאָטער און מוטער פונ'ם קינד אַפילו

נישט נעוואַגט צו זאָגען ר׳ דוד׳ן, פאַרוואָס האָט ער גע׳הרג׳עט זײַער קינד. אַזוי האָט מסתמא גאָט געוואָלט, אז דער רבי האָט איהם גע׳הרג׳עט, אַזוי האָט מסתמא בעדאַרפט זײַן, און קײנעם אין שטאָדט איז נישט אײַנגעפאַלען צו טראַכטען, אז דוד מיט די קאָלטענעס האָט געטהאָן אַ רציחה. אפילו אַז מ. ס. זיהן, וועלכע האָבען אויסגעזוכט אַלע חטאים אין שטאָדט צו מאַכען אינטריגעס און מחלוקת, האָבען דאָ אויך געשוויגען, און ר׳ דוד מיט די קאָלטענעס איז געבליבען דער אײַגענער מלמד. בײַ איהם האָבען געלערנט גרויסע בחורים און בעלי-בית׳לעך, און אַלע זענען אַרויס פון איהם קאַליקעס.

דער צווייטער מלמד, אַ גרעסערער למדן פאַר ר׳ דוד׳ן, איז געוועזן דוד דער בלינדער. אויף אײן אויג האָט ער נאָר געזעהן, ער איז געוועזן אַ גרויסער למדן, און אַ סך קינדער זענען פון איהם אַרויס-געקומען לומדים. אָבער ער איז געוועזן אַנ׳אונגעהויערער כעסן און האָט שטענדיג געשלאָגען און געשמיסען דאָס קינד אָהן רחמנות. בײַ אָט דעם מלמד האָב איך אויך געלערנט, נאָר וועגען דעם שפּעטער.

ווי געזאָגט, האָט מען חתונה געהאַט זעהר פריה, סײַ די יונג-לעך און סײַ די מײדלעך, דהיינו: אין עלטער פון דרײַצעהן ביז זיעבעצעהן יאָהר. די יונגלעך האָבען געגומען נדן נאָך זײער לערנען נאָך, פון צוויי הונדערט ביז טויזענד רובל, און דער שווער האָט געגעבען קעסט. אין די תנאים האָט מען געשריבען, אַז דער שווער, אָדער דער פאָטער דאַרף האַלטען פאַר׳ן בעל-הבית׳ל אַ מלמד און אַז דאָס יונגעל האָט חתונה געהאַט און געבליבען עסען קעסט בײַם פאָ-טער, האָט ער ווײַטער געלערנט בײַ דעמזעלביגען מלמד, וואו ער האָט געלערנט פאַר דער חתונה און דער רבי האָט געשמיסען דאָס בעל-הבית׳ל שוין נאָך דער חתונה, ווי פאַר דער חתונה.

אין מײַנע צײַטען איז שוין אפילו געוועזן אַרויס פון דער מאָדע, אַז נאָך דער חתונה זאָל מען געהן לערנען אין חדר, און מײַן רבי, ר׳ דוד דער בלינדער, האָט טאַקי געקלאָגט און געבענקט נאָך אמאָ-ליגע גוטע צײַטען, ווען ער פלעגט שמײַסען בעלי-הבית׳לעך. ער פלעגט דערצעהלען, בײַ וואָסערע אומשטענדען ער פלעגט אַמאָל שמײַסען אַ בעל-הבית׳ל, אַזוי, למשל, פלעגט דעם תלמיד׳ס מוטער קומען אין חדר אַרײַן אָבגעבען דעם זוהן מזל-טוב פון זײַן אָקאָרשט-

נעבּווירענעם זוהן. בּעת מעשה איז אָבער געווען די טהיר פון הדר פערשפּאַרט, און בּעת — דערצעהלט דער רבי — זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער אָנקלאַפּען אין די שויבּען און אָבּגעבּען מזל-טוב, האָבּ איך איהם מיט די ריטער אָבּגעגעבּען מזל-טוב. בּיי יעדען שמיץ האָבּ איך געזאָגט:

— מזל-טוב דיר מיט אַ יונגעל! שווייגען איינער! מזל-טוב דיר מיט אַ יונגעלע!

קיין שרייבּער איז אין גאַנץ קאַמעניץ נישט געווען. שרייבּען יודיש האָבּען געלערנט די-זעלבּע מלמדים.

דאָס איינציגע לערנען איז געווען נאָר גמרא מיט די מפרשים. חומש האָט מען געלערנט, אָבער אויך נישט די גאַנצע סדרה, נאָר אַ האַלבּע. און עשרים-וארבעה האָט נאָר איין מלמד געלערנט, מאָטקע מלמד. ער האָט געלערנט מיט מיטעלע יונגלעך, ניין און צעהן יעהריגע, גמרא מיט אַ שטיקעל תוספות, האָט ער אַ שעה אין טאָג געלערנט עשרים-וארבעה און אַ שעה אין טאָג האָט ער דערצעהלט נסים ונפלאות פון גאונים און האָט פאַרגעשטעלט, אַזוי ווי לעבּעדיג, דעם גיהנם (פון גן-עדן האָט ער אַ קנאַפּע ידיעה געהאַט). ער האָט ואָגאַר אויסגעמאָהלט אויף אַ פּאַפּיר די תמונה פון גיהנם, וויפיעל מאָס ער האַלט און אין וועלכער זייט עס געפינט זיך אפילו די טהיר. אָבער די מאָס פון גן-עדן און אין וועלכער זייט עס געפינט זיך די טהיר האָט ער, נעבּעך, נישט געוואוסט. און פון די עשרים-וארבעה האָט ער אויך מעהר נישט געלערנט ווי נביאים ראשונים: יהושע, שופטים, שמואל א׳ וב׳, מלאכים א׳ וב׳. און מעהר נישט. אָבער די איבּעריגע מלמדים, וועלכע האָבּען געלערנט מיט די גרויסע בּחורים גמרא מיט תוספות און כל המפרשים האָבּען קיין תנ״ך מיט זיי גאָרנישט געלערנט. תנ״ך לערנען איז געווען אַפּיקורסות.

שכר-למוד איז געווען פון זעכציג רובל אַ זמן בּיז הונדערט. יענער מלמד, וואָס האָט געהאַט קנאַפּע פיער רובל אַ וואָך, האָט זיך שוין גערעכענט פאַר אַ רייכען מלמד.

די מלמדים, וואָס האָבּען אָנגעהויבּען לערנען מיט די קינדער אלף-בּית, האָבּען געהאַט פון זעכציג בּיז אַכציג דריי-יעהריגע יונגלעך פאַר אלף-בּית לערנען. פאַר אַזעלכע יונגלעך האָט מען געצאָהלט

שכר-למוד אַ רובל אַ זמן. נגידים האָבען געצאָהלט צעהן גילדען אַ זמן. אַז אַ יונגעל איז אַלט געווען פינף יאָהר, האָט מען איהם אָבגעגעבען צו אַ חומש-מלמד, וועלכער האָט געהאַט פון צוואַנציג ביז דרייסיג יונגלעך. געצאָהלט האָט מען איהם אַ דריי רובל פון אַ יונגעל.

אַז מען האָט אָנגעהויבען לערנען מיט דעם יונגעל חומש, האָבען די טאַטעס געמאַכט אַ סעודה פאַר'ן מלמד מיט די אַלע יונגלעך פון חדר און אויך איז געווען די פאַמיליע דערביי. יעדער בעל-הבית האָט געמאַכט די חומש-סעודה נאָך זיין פערמעגליכקייט.

מיין זיידע, אהרן-לייזער, פלעגט צו אַזאַ סעודה פון אַ קינד, אָדער אַנ'אייניקעל, לאָזען קוילענען אַ קליין עקסעל, און ביי טרינקאָווסקי'ן זענען געווען ווייַנען מיט טייערע פּאַטראָנעם.

האָבען די יונגלעך געלערנט אַ יאָהר אָדער צוויי חומש ד. ה. די ערשטע פרשה אָדער אָם-העכסטען דריי פרשות פון דער סדרה, און דערנאָך האָט מען זיי אַוועקגעגעבען צו די אָנפאַנגער, גמרא-מלמדים, וועלכע האָבען געהאַט פון פופצעהן ביז צוואַנציג יונגלעך. געצאָהלט האָט מען פאַר אַזאַ יונגעל שכר-למוד פיער רובל, די נגידים פינף רובל אַ זמן.

געווען אַזעלכע מלמדים, וואָס האָבען געלערנט אי חומש, אי מיט אָנפאַנגער גמרא. זיי פלעגען שוין אָנהויבען מיט די בעסערע חומש-יונגלעך צו לערנען לקח-טוב.

האָט דאָס יונגעל אָבגעלערנט אַ צוויי דריי זמנים ביים אָנפאַנגער גמרא-מלמד, האָט איהם דער פאָטער אַוועקגעגעבען צו אַ גרעסערן מלמד, וואָס לערנט שוין מיט די יונגלעך דעם ערשטען זמן אַנ'עמוד גמרא און דעם צווייטען זמן אַ בלאַט גמרא. אַזאַ מלמד האָט שוין געהאַט אַ צוועלף יונגלעך, פאַר יעדעם יונגעל שכר-למוד זעקס-זיעבען רובל אַ זמן. אָבלערנענדיג אַ דריי זמנים, האָט דער פאָטער אָבגעגעבען דאָס קינד צו אַ העכערן מלמד, וועלכער לערנט גמרא מיט תוספות. אַזאַ מלמד האָט געהאַט אַ צעהן יונגלעך צו אַכט רובל אַ זמן, א. ז. וו. יעדער מלמד האָט געלערנט מיט די יונגלעך אַנ'אַנדער מסכתא, נישט פרעגענדיג ביי די תלמידים וואָס פאַר אַ מסכתא זיי האָבען פריהער געלערנט ביי יענעם מלמד. עס פערשטעהט זיך, אַז דעריבער איז אין לערנען קיין אָרדנונג נישט געווען און דאָס בייַטען

די מסכתות ביי יעדען מלמד אלע יאהר, צי מעהר, האט איינגאנצען צובראכען דאס סיסטעם פון לערנען.

פראסטע קעפ פלעגען בלייבען זיצען לאנג אין איין חדר. אבער פראסטע קינדער פון די גרעסערע בעלי־בתים זענען אריבער צו העכע־רע מלמדים, גלייך ווי די גוטע יונגלעך, און די פאטערס האבען געבעטען דעם גרעסערן מלמד, ער זאל מיט זיין יונגעל לערנען דאס, וואס יענער קען בעגרייפען און נישט דאס, וואס מען לערנט מיט די בעסערע יונגלעך. דערפאר גיט ער איהם מיט דריי רובל מעהר אויפ'ן זמן. די בעלי־בתים האבען זיך געשעמט, אז זייער זוהן, דער גרויסער בחור, זאל לערנען ביים קליינעם מלמד. זענען געווען אין יעדען חדר יונגלעך פראסטע, גראבע, וואס פלעגען לערנען צוזאמען מיט די גוטע יונגלעך. פונדעסטוועגען האט מען זיי נישט פערשעמט. ווייל דאס רוב גוטע יונגלעך זענען געווען פון די ארימערע קלאסען מענשען, האט זיך דעריבער אויסגעגלייכט ביי די יונגלעך דער יחוס. די גוטע יונג־לעך האבען זיך נישט נעגרויסט געגען יענע מיט זייער לערנען און די מיוחסים האבען זיך נישט געגרויסט מיט זייער יחוס, אדער פערקעהרט, און עס איז אלץ געווען גלייך.

געלערנט האבען די יונגלעך פון ניין א זייגער אין דערפריה ביז צוויי א זייגער בייטאג. דעמאלט איז מען געגאנגען מיטאג עסען אויף א שעה צייט. פונקט דריי א זייגער האט מען געמוזט קומען ווידער אין חדר, אניט האט מען געקראגען מורא'דיגע קלעפ, פעטש אדער גאר שמיץ.

פון דריי א זייגער האט מען געלערנט, זומער: ביז זון־פערגעהן, ווען די מלמדים האבען בעדארפט געהן מנחה דאוונען אין בית־המדרש, ווינטער האט מען געלערנט מיט די קלענערע יונגלעך ביז אכט א זייגער און מיט די גרעסערע ביז ניין. מנחה און מעריב האט מען שוין ווינ־טער געדאוונט אין חדר צוזאמען מיט די יונגלעך. אזוי האט זיך געפיהרט די גאנצע וואך, אויסער פרייטאג. פרייטאג האבען די יונגלעך געלערנט: ווינטער ביז צוויי א זייגער, און זומער ביז דריי — פיער א זייגער בייטאג. נאר שבת האבען די יונגלעך אויך נישט געהאט קיין מנוחה. ערשטענס, איז יעדעס יונגעל פערהערט געווארען פון מלמד פאר'ן פאטער אין די אויגען, אדער פאר א ווייטיגען א מבין, דערביי

האָט דאָס יונגעל געמוזט איבערזאָגען דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אַ גאַנצע וואָך. און דערנאָך האָט ער בעדאַרפט געהן אין חדר לערנען מיט׳ן מלמד פרק אָדער מדרש.

די יונגלעך האָבען קיינמאָל נישט געהאַט קיין פרייע צייט, אויסער יום־טוב: פורים, פסח, שבועות, ראש־השנה, יום־כפור און סוכות. צוזאַמען, הייסט עס, זעקס־און־צוואַנציג טעג אין יאָהר.

די גוים, וואָס האָבען געוואוינט אין שטאָדט צוזאַמען מיט די יודען, זענען נישט געווען קיין לייב־קנעכט. זיי זענען בעשטאַנען אַנ׳ערך אַ פיערט־חלק פון די יודישע איינוואוינער. געוואוינט האָבען זיי אין צוויי זייטען שטאָדט, און די דעכער פון זייערע הייזלעך זענען געווען בעדעקט מיט שטרוי. אַממייסטענסטען זענען זיי געווען קאַטוילען. פראַוואָס־לאַווונע איז אפשר געווען אַ פּאָר צעהנדליג.

יעדער גוי האָט געהאַט אייגענע פעלדער מיט אַ הויז, מיט שייערן און שטאַהלען, אָקסען, בהמות און עופות — און זיי זענען אַלע געווען נגידים. עס האָט זיי קיין זאַך נישט געפעהלט.

צווישען זיי זענען אפילו געווען אייניגע גבירים, וואָס האָבען פערמאָגט צו עטליכע טויזענד רובל און די קינדער האָבען זיי געשיקט לערנען קיין בריסק. געווען בײַ זיי איינער אַ יערמאָלאָוויטש, האָט קיינער נישט געוואוסט, וויפיעל ער פערמאָגט. געזאָגט האָט מען, אַז ער האַנדעלט מיט שדים און זיי, די שדים, ברענגען איהם פיעל געלד.

אין יענער צייט, אַז איינער האָט געהאַט אַ סך געלד און מען האָט נישט געוואוסט פון וואַנען דאָס געלד האָט זיך צו איהם גענומען, האָט מען געזאָגט, אַז ער האַנדעלט מיט שדים. האָט מען טאַקי מורא געהאַט אַזאַ איינעם צו דער׳רגז׳נען, טאָמער וועלען זיך איינ־שטעלען פאַר איהם זיינע שדים.

פאַר יערמאָלאָוויטש׳ן האָבען אַלע מורא געהאַט און יעדערער האָט איהם אָבגעגעבען כבוד, צוליעב זיינע שדים; דאָס איז שוין גע־ווען בעוואוסט אין קאַמעניץ בײַ גרויסע און קליינע, אַז יערמאָלאָוויטש האַנדעלט מיט שדים. האָט מען פערביי זיין הויז מורא געהאַט צו

געהן, אַזוי ווי מען האָט מורא צו געהן אין וואַלד, וואָס איז פול מיט חיות רעות.

ער האָט זיך אָבער געלעבט מיט אַ חשבון. אַ זוהן האָט ער אײַנגעשיקט אין ווילנא, אין אַ גימנאַזיום. דאָס איז געווען יאַש, אַ ווילד צולאָזען יונגעל, וואָס יונגלעך און שקצים האָבען פאַר איהם מורא געהאַט. דאָס גימנאַזיום האָט ער געענדיגט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, און אַ דאַנק זײַנע גרויסע פראָטעקציעס איז ער געוואָרען אַנ׳אַסעסער אין אַ שטעדטיל, גראָדנער גובערניע.

לויט די דעמאָלדיגע פיהרונגען, האָט אַנ׳אַסעסער בעדאַרפט האָבען אַלצעהן דיעסיאַטניקעס מיט אַ קלוטש-וואָיט בראש. די דיעסיאַטניקעס זענען אַלע געווען פון קאַטויליקען גענומען, ווײַל אַזוי האָבען געוואָלט די פריצים, וואָס דער איספראַווניק האָט, פערשטעהט זיך, געפאָלגט. דאָס ביסעל פראַוואָסלאַווגע האָט געקוקט דערויף אָהן פרעטענזיעס, וואָרום זיי האָבען זיך סײַ-ווי געהאַלטען נידריגער פון די קאַטויליקען און זענען טאַקי געווען אָרימער אויך.

אַ דאָקטאָר האָט קאַמעניץ געהאַט גראַדע אַ גוטען. געווען איז ער, אייגענטליך, אַ בעריהמטער ווילנער דאָקטאָר, לאַסאָווסקי האָט ער געהייסען. נאָר בעזעצט האָט ער זיך אין קאַמעניץ צוליעב זײַן פרוי, וועלכע האָט געהאַט אַ קליין פאָלוואַרק׳ל נעבען דער מעשטשאַנסקער גאַס און האָט פערמאָגט אַ דרײַסיג-טויזענד רובל געלד. האָט ער געוואוינט אַ לאַנגע צײַט אין קאַמעניץ. אַ רעצעפּט האָט מען בעדאַרפט ברענגען פון בריסק, און אַז דער דאָקטאָר האָט געהייסען בײַ אַ קראַנקען, אַז מען זאָל עקסטרע שיקען קיין בריסק נאָכ׳ן רעצעפּט, האָט מען עקסטרע געשיקט אַ בעל-עגלה קיין בריסק — פינף מײַל. עס האָט געטראָפען פיעל מאָל, אַז פיהרענדיג די רפואה, האָט זיך דאָס פלעשעלע צובראָכען, איז מען געפאָהרען נאָכאַמאָל, און אין דער צײַט איז אָדער דער קראַנקער געזונד געוואָרען, אָדער ער איז געשטאָרבען.

דער פרײַז פון דעם דאָקטאָר׳ס וויזיט איז געווען פופצעהן קאָפּיקעס, פלעגט ער קומען צופאָהרען אין אַ קאָליאַסקע מיט אַ פּאָר גוטע פערד.

רופאים אין שטאָדט זענען געווען עטליכע. דער בעסטער פון

זיי — יאַשקע דער רופא איז געווען אַ מפורסם. ער איז געווען ביים דאָקטאָר לאַסאָווסקי.

אַבינדור, חאַצקעל און דוד, די פּראָסטערע רופאים, פלעגען קומען פרייטאָג אין באָד אַריין און פלעגען שטעלען געהאַקטע באַנקעס, ווער עס האָט בעדאַרפט. צעהנדליגער יודען, בעלי-בתים, געזונדטע מענשען, פלעגען זיך שטעלען פרייטאָג אין באָד געהאַקטע באַנקעס. צי עס האָט עמיצען וועה געטהאָן אַ האַנד, צי אַ פוס, צי דער מאָגען, צי דער קאָפּ, די איינציגע רפואה איז געווען — געהאַקטע באַנקעס, און וואָס מעהר, און בלוט פלעגט רינען איבער די פּלייצעס, פונקט ווי מען וואָלט געקוילעט אַ מענשען.

אָבער די גרויסע בעלי-בתים, ווי מיין זיידע אָדער יאַניע טריניקאָווסקי, פלעגען שוין רופען דעם רופא צו זיך אַהיים. מיין זיידע האָט זיך עטליכע מאָל אין יאָהר געשטעלט געהאַקטע באַנקעס. האָט איהם נאָר עפּעס אָנגעהויבען וועה טהאָן, האָט מען באַלד גערופען דוד דעם רופא צו האַקען באַנקעס.

אין זונטאָגען פלעגען די רופאים און אויך די רופא'טעס, זייערע ווייבער, שטעלען פּאָקען אָדער לאָזען די אָדערן די פויערים און פויערטעס.

דוד און אַבינדור האָבען געוואוינט אין אונזער גאַס, בריסקער גאַס, און דורך איהר פלעגען אַממעהרסטען אָנקומען די פויערים. געדענק איך, ווי ביי די רופאים אין די שטובען פלעגט זיין פול געפּאַקט מיט פויערים און פויערטעס. זומער, די פענסטער זענען אָפען, פלעגט מען קענען זעהן. אויפ'ן גאַניק זענען זיי אויך געווען פול געפּאַקט. די רופאים האָבען געהאַלטען גרויסע שיסלען בלוט אונטער די הענד פון די פויערים און פויערטעס, וואָס האָבען אַפילו פון געהאַקטע באַנקעס וועניג געהאַלטען. געהאַקטע באַנקעס, לויט זייער מיינונג, נעהמען אַרויס וועניג בלוט, בעת מען דאַרף מעהר!... געהאַלטען האָבען זיי נאָר פון לאָזען דעם אָדער. יעדער פויער און פויערטע, האָט זיי נאָר עפּעס וועה געטהאָן, פלעגען זיי באַלד לאָזען דעם אָדער, פון וועלכען עס פלעגט אַרויסגעהן כמעט אַ האַלבער טאָפּ בלוט.

די רופא'טעס האָבען אפשר נישט געקענט שטעלען באַנקעס און

מאַכֿען קליסטירען, אָבער אָרערן לאָזען האָבען זיי יאָ געקענט, האָבען זיי געהאַקט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

יאָשקע דער רופא אָבער איז געווען אַ גאַנצער דאָקטאָר. ער האָט שוין אַליין די אָפּעראַציעס נישט געמאַכֿט. דערויף האָט ער געהאַט אַ בחור, וואָס האָט זיך געלערנט פֿאַר אַ רופא, און אָט דער בחור פֿלעגט שוין האַקען די אָרערן.

אַז דער דאָקטאָר איז געשטאָרבען, איז געוואָרען יאָשקע דער רופא דער גאַנצער דאָקטאָר אין קאַמעניץ. ער האָט שוין געקענט מאַכֿען אַלע מאַסטען, וועלכֿע ער האָט זיך אויסגעלערנט ביים דאָקטאָר לאַסאָווסקי.

די תּלמוד-תּורה אינזע״ע האָט פֿערמאָגט אַ צוואַנציג גמרא-יונגלעך מיט אַ צוויי מלמדים. די יונגלעך האָבען געגעסען טעג. אויף דער תּלמוד-תּורה זענען געווען בעזונדערע דריי גבאים, וועלכֿע פֿלעגען שאַפֿען געלד. אַממייַנסטען פֿלעגען זיי אויפֿקלייַבען געלד אויף די דערפֿער, ביי די ישובים. חנוכּה-צייַט האָבען די דריי גבאים גענומען צו זיך נאָך דריי בעלי-בתּים חשובים צו פֿאָהרען אינאייַנעם איבער די דערפֿער קלייַבען געלד אויף דער תּלמוד-תּורה. האָבען זיי נישט אויסגעמידען קיין איין דאָרף אַרום קאַמעניץ און געבעטען געלד. די ישובים האָבען אויסגעהאַלטען די תּלמוד-תּורה, וואָס איז אייגענטליך געפֿיהרט געוואָרען אין אָרדנונג.

די תּלמוד-תּורה האָט זיך געפֿונען אין אַ גאַנץ שענעם הויז און די יונגלעך זענען אויך געגאַנגען גאַנץ אָנגעטהאָן, כּמעט גלייַך מיט די בעל-הבית׳ישע יונגלעך, און צו עסען האָבען זיי אויך געהאַט.

צוויי גוטע מלמדים האָבען געלערנט מיט די יונגלעך. איינער, אַ קלענערער, האָט געלערנט מיט אָנפֿאַנגער גמרא און דער צווייטער, אַ גרעסערער, האָט גוט געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תּוספֿות.

שבת פֿלעגען שוין די גבאים ברענגען לומדים צו פֿערהערען די יונגלעך.

אָט די תּלמוד-תּורה פֿון פֿאַר זעכֿציג-זיבעציג יאָהר צוריק מעג

זיכער פערשעמען די היינטיגע תלמוד-תורות, אפילו אין די גרויסע שטעדט.

נאך דער תלמוד-תורה קומט שטענדיג נישט ווילענדיג אויפ'ן זינען די באד. די קאמעניצער באד איז געשטאנען הינטער'ן שוהל-הויף, אראב, נעבען טייך. די שוויץ-באד איז אפילו געווען נישט שלעכט. ביים אריינגאנג איז אין איין זייט געלעגען א בארג הייסע שטיינער, וואס זענען אונטערגעבערענט געווארען פון דעם אויווען, וועלכער איז געווען אונטער די שטיינער. יעדער, ווער עס האט נאר געוואלט, האט א גאס געגעבען א שעפעל וואסער, און א צווייטס, און א דריטס— איז געווארען „פארע״ זיך אבצובראטען. אין דעם באד-צימער איז געווען א מקוה, א קאלטע. אין פאדער-צימער איז געווען איינגעמויערט אנ'אייזערנער קעסעל, וואס האט זיך דעם גאנצען טאג, פרייטאג, געקאכט. דארט האבען אלע אנגעשעפט הייס וואסער אין די שעפלעך. דער בעדער האט אלעמאל דערגאסען מיט א קלוטש, וואס איז געשטאנען אין א ברונען, אין צווייטען עק פאדערהויז.

אין דעם גרויסען פאדער-צימער זענען ארום געשטאנען ברייטע בענק. דארט האבען זיך אלע אויסגעטהאן. די ווענד פון דעם פאדער-צימער זענען געווען אלטע, מיט גרויסע לעכער און שפארעס, און דער ווינד האט שטארק געבלאזען פון אלע זייטען. פלעגען אלע ציטערן ביים אנטהאן זיך, ארויסגעהענדיג פון דער הייסער באד. און יעדער פרייטאג האבען זיך פיעל פערקיהלט און עס איז קיינעם נישט איינגעפאלען צו זאגען, אז מען דארף די ווענד פערריכטען, אז עס זאל אזוי נישט בלאזען.

ווידער זענען די שטיגלעך פון דעם קאלטען ברונען, וואס אין פאדער-צימער, געווען געפרוירען, גראב אייז, איז מען אום ווינטער געגאנגען מיט נאקעטע פיס אויף די אלט שטיגלעך אייז נאך וואסער. פערשטעהט זיך, אז מען פלעגט געהן צו ריטליכע מאל און עס איז ממש א וואונדער, וואס מען איז נישט אויסגעשטארבען.

דער בעדער האט געהאלטען די באד אין ארענדע פון שטאדט. געצאהלט האט ער הונדערט רובל א יאהר. דאס איז געווען צושטייער אויפ'ן רב'ס שכירות. באד-געלד איז געווען א פרייז פון א דרייער ביז דריי קאפיקעס.

דאָס וואַסער פון טייך, נעבען באָד, איז געווען פלאַך און זעהר שמוציג, קויטיג, גרין און פערשימעלט. פערשטעהט זיך, אַז היינטיגע צייטען, בעת די היגיענע איז געוואָרען אַ וויכטיגע לעבענס-פראַגע, און יעדער פערשטעהט איהר בעדייטונג, וואָלט מען געזאָגט, אַז פון דעם שטיק לוזשע, וואָס איז דעמאָלט געווען אין קאַמעניץ, קומען אַלע עפּידעמיעס אין שטאָדט. עפּידעמיעס אויף קליינע קינדער זענען טאַקי יעדעס יאָהר געווען, און אין קיין שטאָדט זענען נישט געשטאָרבען אַזוי פיעל קינדער, ווי אין קאַמעניץ. עס זענען אומגעגאַנגען מאָזלען, פּאָקען, שקאַרלאַטינע, און נאָך פערשיעדענע קינדערשע קראַנקהייטען.

נאָר ווער האָט דאָס אין יענער צייט עפּעס געקלערט וועגען אַזאַ זאַך, וואָס פון איהר זאָל קענען אַרויסקומען אַ קראַנקהייט. אַ קראַנקהייט, האָט מען געוואוסט, קומט פון גאָט און די פערשימעלטע לוזשע איז געבליבען לוזשע.

ווייטער אַביסעל פון דער לוזשע איז שוין געגאַנגען דער טייך, וואָס דורך איהם האָט מען איבערגעפיהרט פון ביעלאָוועזש קיין דאַנציג די גרעסטע זעגעל-בוימער. נישט וויים פון שוהל-הויף און אַנטקעגען דעם גרויסען בית-המדרש איז געווען אין טייך אַ ריינער אָרט מיט אַ זאַמדיגען גרונד. האָבען זיך דאָרט מאַנסביל געבאָדען. אויסגעטהאָן האָט מען זיך אונטער'ן פרייען הימעל. די זאַכען האָט מען געלעגט אויף די ברעטער, וואָס די האָלצהענדלער האָבען דאָרט געהאַט, און וועגען גנב'ענען זאַכען אָדער זייגערלעך האָט מען גאָר קיין בעגריף נישט געהאַט.

מען האָט זיך אויסגעטהאָן, איינגעפּאַקט די זאַכען אין קאַפּאָטע, אָדער גאָרנישט איינגעפּאַקט און אַזוי געבאָדען זיך, שעה'ען-ווייז. דער-נאָך איז זיך יעדער געקומען צו זיינע זאַכען.

די ווייבער האָבען זיך געבאָדען ווייט פון די מאַנסביל, אָבער דאָרט איז געווען דאָס וואַסער כמעט ווי נעבען באָד: פלאַך, קויטיג און פערשימעלט. ווייטער, אַרויף-וואַסער, איז געווען ריינער. דאָרט האָט דאָס האָלץ געשוואומען. אָבער אַהין איז געווען ווייט צו געהן און ווידער איז שוין דאָרט געווען ערטערווייז טיעף דאָס וואַסער.

איינענטליך, נאָך מיין איצטיגען שכל, האָבען די מענער זיך בעדאַרפט טוישען מיט די ווייבער. די מאַנסביל האָבען זיך בעדאַרפט

באָדען דאָרט, וואו די ווייבער, וואָרום זיי וואָלטען זיך נישט געפּוילט און וואָלטען אַוועק צו דעם ריינעם וואַסער, וואָס איז פאַר די ווייבער געווען צו־ווייט און צו־טיעף, און די ווייבער וואָלטען זיך נישט בעדאַרפט באָדען אין אַזאַ קויט און שרעקליכער שמוץ. דעמאָלט זענען נאָך אָבער די מאַנסבּיל נישט געווען אַזוי ריטעריש געשטימט, אַז זיי זאָלען געהן פערזאָרגען די ווייבער מיט ריין וואַסער צום באָדען זיך.

קאַמענעצער זענען געווען בעריהמטע שווימערס. דער טייך האָט אין איין זייט געהאַט אַ שמאָל, טיעף, שטיל וואַסער, וואו די יונגלעך האָבען זיך געקענט שווימען אַ וויאָרסט אָדער צוויי ווייט, און אַז איינער איז מיעד געוואָרען שווימענדיג, פלעגט ער זיך גלייך אַראָפּגעהן אויף דער לאָנקע, וואָס ביי ביידע זייטען טייך, האָט זיך אָפּגערוהט און ווייטער געשוואומען.

נעבען דער באָד איז געשטאַנען דער הקדש. דאָס איז נישט, חלילה, פאַר קראַנקע, נאָר פאַר די אורחים, פאַר די אָרימע לייט, וואָס פלעגען דורכפאָהרען די שטאָדט, האָבען זיי זיך דאָרט אויפגעהאַלטען. דאָרט האָבען זיך שטענדיג געפונען אַ דריי־פיער פאַמיליעס אָרימע־לייט.

די מראה פון הקדש איז געווען אַנ'אימה'דיגע. עפּעס אַנ'אַלטע חורבה מיט אַ צובראָכענעם דאַך, מיט אויסגעבראָכענע שויבען, פערשטאָפּט מיט שוואַרצע שמוציגע שמאַטעס און מיט אַ צובראָכענער טהיר. דאָרט האָט מען פיעל מאָל געוואוינט מיט קליינע עופה'לעך. עס איז אונבעשרייבליך, און איך קען מיך נאָך איצט נישט דערמאָהנען אָהן אַ שוידער אָן דער פערקומערטקייט, אָן דעם אומעט, אָן דעם שרעקליכען דלות פון די גרויסע נפשות מיט די קליינע נפשות'לעך, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען און קיינער פון די „פני" און די בעלי־בתים, די גרויסע דעות־זאָגער אין שטאָדט, האָבען זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם הקדש, פונקט ווי ער וואָלט אַזוי בעדאַרפט זיין.

דער רב איז געווען אַ גרויסער בקי אין ש"ס און פוסקים, אויך אַ גרויסער יחסן — דעם יסוד־שורש־העבודה'ס אַנ'איידעם. זיין פאָטער איז געווען ר' יחזקאל, דעם ווילנער גאונ'ס אַנ'איידעם און ר' שמואל מינסקער גליל רבי'ס אַ זוהן. האָט ר' יחזקאל מיט זיין ווייב, דעם

גאָנ׳ס טאָכטער, אָבגעריבֿט גלות. זיי פלעגען געהן צו-פוס איבער די דערפער, ווינטער אין זומער-קליידער און זומער אין פעלצען, געגעסען ברויט מיט וואסער און געשלאָפען אויף דער ערד.

איז ר׳ יחזקאל׳ס ווייב פון אזא אָבקומעניש געשטאָרבען. האָט ר׳ יחזקאל גענומען ר׳ שמחה, דעם גראָדנער רב׳ס טאָכטער. דער ר׳ שמחה האָט געמאָהנט ביים פירשט ראַדזיוויל הונדערט-טויזענד דוקאַטען, וואָס יענער האָט ביי איהם געליהען. פאַר׳ן מאָהנען האָט איהם ראַדזיוויל געוואָלט פערשטעקען. איז ר׳ שמחה אַנטלאָפען און געוואָרען גראָדנער רב. ר׳ יחזקאל האָט געהאַט פיער זיהן, אַלע זענען געוועזען גאונים, רבנים אין אַנדערע שטעדט, און איינער פון זיי איז געוועזען קאַמעניצער רב.

שבירות האָט ער גענומען דריי רובל אַ וואָך און איז געזעסען ימים ולילה און געלערנט. קינדער האָט ער געהאַט פינף זיהן און איין טאָכטער, וואָס האָבען געלעבט אין גרויס דחקות. די רבי׳צין איז צוגעשטאַנען צום מאַן, אַז ער זאָל בעטען אַ הוספה חאָטש נאָך אַ רובל אַ וואָך, אָבער ער האָט אַלץ נישט געוואָלט בעטען. דערנאָך, אַז זי האָט איהם שוין פיעל דאָקוטשעט, האָט ער אָנגעהויבען צו ריידען מכח דעם, אַז מען זאָל איהם געבען אַ הוספה אַ רובל אַ וואָך.

ער האָט געדאַרפט לאַנג ריידען און בעטען. לסוף האָט מען געמאַכט אַנ׳אסיפה גדולה אין אַלטען בית-המדרש. און עס איז געבליבען, אַז יעדער בעל-הבית, פון די רייכערע, זאָל געבען פון ליכט-בענשען אַ קאָפּיקע פאַר׳ן רב׳ס-וועגען? פלעגט אַ שמש געהן אַלע פרייטאָג און קלייבען די קאָפּיקעס, פון וועלכע מען האָט מיט צרות צונויפגעשלאָגען דעם רובל, וואָס איז לסוף שוואַכער געוואָרען. אַזוי האָט דער רב געלעבט דאָס גאַנצע לעבען אין דחקות.

אַז ער האָט בעדאַרפט חתונה מאַכען אַ קינד, פלעגט ער פאָהרען צו זיין רייכע פאַמיליע. דאָרט האָט מען איהם געגעבען אויף חתונה-הוצאות.

קאַמעניץ האָט געהאַט ליעב מגידים און חזנים. אַלע מגידים,

וואָס פלעגען אַמאָל אַרומפאָהרען איבּער דער מרינה זאָגען מוסר פאַר׳ן עולם, האָבּען קאַמעניץ נישט אויסגעמידען. און אַזוי אויך די חזנים, וואָס פלעגען אַרומפאָהרען מיט די משוררים איבּער די שטעדט און שטעדטליך פערדינענען געלד, זענען געקומען אויך אין קאַמעניץ.

פלעגט קומען אַ מגיד אין שטאָדט, האָט ער זיך צום ערשטען געמאָלדען צום רב און אויפגעגעבּען, אַז ער וויל, למשל, מאַכען אַ הספד אויף דעם און דעם רב, אָדער צוויי, דריי רבנים, וואָס זענען, צום בּיישפּיעל, אין דעם יאָהר געשטאָרבּען. געוועהנליך, האָט דער רב געוויאָלט, מען זאָל מספיד זיין, און האָט געשיקט צום גבאי פון גרויסען בית-המדרש אָנזאָגען, אַז עס איז דאָ אַ מגיד. דער שמש האָט שוין אויסגערופען אין בית-המדרש, אַז אין דעם טאָג וועט צווישען מנחה און מעריב זאָגען אַ מגיד.

איז שוין דער בית-המדרש געווען געפּאַקט מיט מענשען און אין דער ווייבּער-שוהל איז אויך געווען קאָפּ אויף קאָפּ. דאָס רוב פלעגט אַזאַ מגיד אויפהויבּען מיט זיין הספד אַ גרויסע יללה מיט אַ געוויין און אַליין פלעגט ער זיך ממש צוגיסען: „דער רב איז געשטאָרבּען! רבּותי, דאָס איז שוין דער לעצטער קרבּן. ווער וועט שוין איצט אויסקויפען אונזערע גרויסע זינד“! (ער האָט זיך פערגעסען, אַז עס קענען שטאַרבּען נאָך צוואַנציג רבנים) האָט דער עולם געטהאָן און געוויינט.

און אַז דער מגיד האָט געקענט „מאַכען“ אַזוי פיעל מענשען צו וויינען, איז ער דאָך אַ גוטער מגיד, האָט מען איהם געבּעטען אויף מאָרגען ווידער. און אַזויערנאָך האָט מען ווידער געוויינט. נאָך יעדען מאָל זאָגען, פלעגט מען אויפזאַמלען געלד פאַר׳ן מגיד און אַז ער איז אַוועקגעפאָהרען, איז אין דריי טעג אַרום געקומען אַ נייער מגיד מיט אַ נייעם הספד. שטעלט זיך אַרויס, אַז דער צווייטער מגיד האָט נאָך אַ בּעסערן מענה-לשון, וואָס קען מאַכען וויינענדיגער, לכן האָט די שטאָדט דעם גאַנצען יאָהר כּסדר געוויינט.

איינמאָל, געדענק איך. האָט אַ מגיד געמאַכט אַ הספד איבּער דריי רבנים מיט אַמאָל. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען כּח-הדיבּור, מיט עפּעס אַ קוויטשיגען קול, און ער האָט געשריען, אַז דער צדיק שטאַרבּט נישט פאַר זיינע זינד, נאָר ער געהט אַוועק אַלס קרבּן פאַר די זינד פון כלל-ישראל, און אַזוי ווי די דריי גאונים און צדקים זענען שוין

צוגענומען געוואָרען פאַר אונזערע זינד, זענען שוין ערשט גאָרנישט געבליבען אַזעלכע גרויסע צדקים, וואָס זאָלען קענען גענומען ווערען פאַר אַ קרבן פאַר אונזערע חטאים, וועט שוין ערשט דער רבונו־של־עולם צונעהמען די קליינע קינדערלעך אויך פון דער מוטערס שויס. דאָס אַלץ האָט ער אויסגעלאָזען מיט אַ שרעקליכען קוויטש. האָבען זיך אַלע צעוויינט אויפ׳ן קול. מען וועט שוין צונעהמען די קליינע קינדערלעך אויך!... און די ווייבער ז'האָבען שיער נישט גע׳חלש׳ט, וויינענדיג.

איך האָב אויך געהאַט אַ קליין שוועסטעריל, פייגעלע האָט זי געהייסען, אַ קינד פון אַ יאָהר, מיט שענע העהרעליך. איך האָב זי זעהר האָלט געהאַט, און אַז איך האָב דערהערט, אַז גאָט וועט שוין צונעהמען די קליינינטשקע קינדערלעך, איז דאָך מיין ליעב שוועסטער׳ל אויך... האָב איך זיך אַזוי פונאַנדערגעוויינט, אַז איך בין אַזש געפאַלען אויף דער ערד און געבליבען אָהן כחות.

דער מגיד איז אַוועקגעפאָהרען און גאָט האָט געהאָלפען, עס איז אַוועק אַנ׳עפידעמיע פון מאָזלען און אַ סך קליינע קינדער זענען געשטאָרבען, און טאַקע בתוכם מיין שוועסטער׳ל אויך. די שטאָדט איז געוואָרען בייז אויף דעם מגיד, מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט זי פערשאָלטען. האָט מען איהם געוואָלט יאָגען און ברענגען קיין קאַמענייץ, זיך אָבּרעכענען מיט איהם, נאָר דאָס האָט נישט געלונגען, און אָט אַזוי האָבען, נעבעך, אונזערע קאַמעניצער יודען, שטענדיג געוויינט.

עטליכע מאָל אין יאָהר פלעגט קומען אויף אַ שבת אַ גרויסער חזן מיט משוררים. פון זיי פלעגט שוין זיין פרעהליך אין שטעדטיל. דורכגעפאָהרען זענען אַזוינע חזנים, ווי ר׳ ישראל שקודער, ר׳ ברוך קאַרלינער, יאָשע פינסקער און נאָך, און נאָך. אַזאַ חזן פלעגט נעהמען פינף־און־צוואַנציג רובל פאַר אַ שבת.

דעם חזן פלעגט שוין שטענדיג דער זיידע בעטען צו זיך אויף שבת, און די משוררים האָבען געגעסען ביי אַנדערע גרויסע בעלי־בתים. שבת־צו־נאַכט פלעגט שוין דער זיידע מאַכען אַ מין זמירו׳ת, פעררופען די גרעסטע בעלי־בתים פון שטאָדט, מען האָט געטרונקען טהיי, געגעסען מלוה־מלכה, און דער חזן מיט די משוררים האָבען

געזונגען ביז אין טאג אריין. אויפ'ן צווייטען אָוונד איז דאָס איינענע געווען ביי טרינקאָווסקי'ן. אַ דריטען אָוונד ביי דוד-יצחק'ן א. ז. וו. יעדער בעל-הבית פלעגט רעדרווייל אריינרוקען דעם חזן אַ זילבערנע מטבע און אַזוי פלעגט אַ חזן אוועקפאָהרען פון קאַמעניץ אַ זאַט, אַ מיט געלד.

געווען אַ מנהג אין שטאָדט, אַז דער בחור, וואָס האָט חתונה און פאָהרט אַרויס אין אַנ'אַנדער שטאָדט אויף קעסט, בעדאַרף זיך זענענען פאַר דער חתונה מיט אַלע חשובה בעלי-בתים. דער שמש פון גרויסען בית-המדרש פלעגט געהן מיט דעם התן אין אַלע היייזער זיך זענענען.

אַ חופה פלעגט מען שטעלען נעבען גרויסען בית-המדרש. און דער רב, וואָס האָט געוואוינט דערביי, פלעגט קומען מסדר קדושין זיין. יעדער חתן האָט געמוזט זאָגען אַ דרשה ביים קבלת-פנים, ביים בערעקענס. האָבען זיך שוין די חתנים מיט אַ פאָר חדשים פריהער געלערנט די דרשות. געוועהנליך, האָבען זיך די בעסערע יונגלעך צוגעגרייט מיט גרויסע דרשות און מיט פלפול. אפילו די פראָסטערע בחורים-חתנים האָט מען אויך אויסגעלערנט עפּעס אַ דרשה צו זאָגען. זאָל זיין אַ קליינע דרשה, אַ גרינגע דרשה, אַבי אַ דרשה. מען זאָל נישט די דרשה-געשאַנק וואַרפען אומזיסט. דאָס איז טאַקע געווען אמת'ע דרשה-געשאַנק.

דער בית-עולם איז געווען גענוג גרויס, לויט דער „סקאַזקע". אָבער אַזוי ווי די נישט-איינגעשריבענע אין דער „סקאַזקע" זענען אויך געשטאָרבען, האָט מען טאַקי בעדאַרפט אַ גרעסערן בית-עולם.

ער איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן, געוועהנליך, אַ הילצערנער און מצבות זענען געווען אַלע כמעט פון איין פאָרם: פראָסטע שטיינער, נישט קיין גרויסע, מיט אַנ'אויסגעקריצטען טיטול.

פאַר פסח, אין די גרויסע געוויסערן, האָבען גרויסע וואַסערן דורכגעפלייצט דעם בית-עולם, דורכגעריסען די מצבות און דורכגע-שווענקט די קברים, דוקא פון די מיוחסים. ווייטער אַ ביסעל איז גע-ווען דער פלאַץ העכער, דאָס וואַסער האָט נישט געקענט אַהין קומען,

האָבען אָבער די קאַמענִיצער געהאַלטען דעם אָרט פאַר פּחיתות הכבוד, און דוקא דאָרט, וואו דאָס וואַסער האָט שטענדיג דורכגעשווייַנקט, האָט מען מקבר געווען די אַלע יחסנים. דערויף האָט מען עפּעס נישט געקוקט. זיי איז געווען געפעלען בעגראָבען צו ווערען אין דערנידער. פאַרוואָס, ווייס איך עד־היום נישט.

קיין חברות, ווי היינט, זענען נישט געווען, אויסער איין חברה קדישא. זיי פלעגען נעהמען געלד פון די נגידים, און עס האָט זיי נישט געפעהלט קיין ברויט מיט באָרשט. דער מקח פאַר נגידים איז געווען פון דריי ביז צעהן רובל. איך געדענק, אַז עס איז געשטאָרבען אַ בעוואוסטען קמצן׳ס ווייב, אַזוי אַרום ערב ראש־השנה, האָט די שטאָדט געוואָלט ביי איהם נעהמען פינף הונדערט רובל, אָבער ער האָט געשטעלט אַ פּרייז צעהן. איז דער מת אָבגעלעגען דריי טעג, און דער קמצן איז געקומען צו מיין זיידען, דעם ראש־הקהל, און געשריען:

— זאָלצט זי איין... איך וועל אייך אַזוי פיעל נישט געבען.

נאָר הונדערט און פופציג רובל האָט ער דאָך געגעבען. אַזאַ סומע געלד איז נאָך זינט קאַמעניץ שטעהט נישט געווען.

אַלע חול־המועד פּסח, פלעגט די חברה מאַכען אַ פּאָנש. איך געדענק, מען פלעגט טרינקען הייסען מעד. עס איז געווען נישט שלעכט, און איין מאָל אין דריי יאָהר פלעגט מען מאַכען הנוכה־צייט אַ סעודה גדולה. אויף דער דאָזיגער סעודה פלעגען זיך צונויפקומען מאַסען מענשען. געגעסען האָט מען גרויסע פּאָרציעס פיש און געזונגען. איינער פון די גבאים פון חברה־קדישא האָט געהאַט אַ גרויסען בויך, און איז געווען אַ גרויסער עסער, האָט ער געוואוכט, אַז דאָ איז אַן אָרט, וואָס מען קען עסען וויפיעל מען וויל. אָבער וואָס טהוט מען, אַז עס געהט נישט מעהר? איז ער אין מיטען דער סעודה אַרויס פון שטוב, האָט אַריינגעשטעקט דעם פינגער טיעף אין האַלז און גלייך אויסגעבראָכען דאָס געגעסענע. דערנאָך איז ער אַריינגעקומען און געגעסען אויף דאָס ניי נאָך אַ האַלבע גאַנז.

די דאָזיגע סעודה האָט אָבגעקאָסט אַ שלל מיט געלד.

די אַבערגלויבעריי אין שטאָדט איז געווען זעהר גרויס. מען האָט געגלויבט אין שדים, אין טייוולאָנים, אין אַלע רוחות רעות. די מלמדים

פלעגען אַרייַנקלאַפּען אין די קעפּ פון זייערע תּלמידים פערשיעדענע מעשׂות פון שדים. און אויך האָבען אַלע געוואוסט וואָס עס טהוט זיך אויף יענער וועלט מיט דעם מענשען פון דעם טאָג אָן, וואָס ער שטאַרבט, ווי אַזוי עס פיהרט זיך מיט איהם באַלד ווי ער קומט אויפ'ן הימעל, פונקט ווי יעדער וואָלט עס אַליין געזעהן מיט די אויגען.

ווען דער מענש שטאַרבט, לעגט מען דאָך איהם אויף דער פּאָדלאָגע, נישט אויף דער בלויזער פּאָדלאָגע, נאָר אויף שטרוי. איז יעדער שטרוי שטעכט איהם ווי שפּילקעס, און באַלד קומען אַרום איהם רוחות רעות און זיי געהען מיט נאָך איהם אויף דער לויה, און אַז מען לעגט איהם שוין אַרייַן אין קבר, קומט דער מלאך הדומה און פרעגט איהם:

— מה שמך?

פערגעסט ער אָבער צום שלים־מזל. צושפּאַלט איהם דער מלאך הדומה דעם בויך און נעהמט אַרויס די קישקעלעך און וואַרפט איהם אין פּנים. דערנאָך קעהרט ער איהם איבער און שלאָגט איהם מיט אייַזערנע און געברענטע שטעקענס, מזיק'ט, פּייַניגט און צורייַסט איהם אויף פּיץ־פּיצלעך א. ז. וו. יעדער איז געווען אין דעם אַלעם זיכער, ווי יעדער איז, למשל, זיכער אין דעם, אַז ער לעבט אויף דער וועלט.

ביי אונז האָט מען געטראָגען דעם מת ביז'ן בית־עולם. געוועהנליך, האָט מען זיך געביטען ביים טראָגען און, געוועהנליך, אַזאַ שטאָדט, האָבען אַלע באַלד געוואוסט, און אַזוי ווי עס איז אַ מצוה צו בעגלייַטען אַ מת, איז די גאַנצע שטאָדט געגאַנגען צו דער לויה. פאָראויס איז געגאַנגען דער קברות־מאַן, מיט דער גרויסער בלעכענער פּושקע און געקלאַפּט מיט די גרויסע ניקאָלאַיעווסקע דרייַערם און פּיעטערם, וואָס דער עולם וואַרפט, און האָט געשריען מיט אַ יאָמערדיגען קול:

— צדקה תּציל ממות!

אַ שרעק, געדענק איך, האָט דורכגענומען די בייַנער. יעדער האָט מורא פאַר די מלאכי־חבלה, וואָס דרעהען זיך דאָ אַרום דעם מת, און יעדערער האָט בערעכענט די שרעקליכע לאַגע פון דעם געשטאָרבענעם און דערביי האָט מען זיך דערמאָהנט, אַז דער אייגענער סוף וועט אויך אַזוי זיין.

צווייטעס קאַפּיטעל.

דער עלטער-זיידע ר׳ וועלוויל. — מיין זיידע אהרן-לייזער. — ר׳ יודעל. — אהרן-לייזער׳ס יוגענד. — די חתונה. — די באָבע ביילע-ראַשע. — אהרן-לייזער׳ס פערענדערונג. — דעם עלטער-זיידענס טויט. — דער איספּראַווניק. — זיינע בעציהונגען צום זיידען. — דער זיידע אַלס פּרנס-חודש. — דער באָבעס עצות. — דער זיידע אַ איסבאָרשטשיק. — דער שרייבער. — די מחלוקת צוליעב דעם שרייבער. — דעם זיידענס השפּעה. — דער זיידע מיט די פּריצים. — דער רעוויזאָר. — אַ נייער איסבאָרשטשיק. — מחלוקת אין שטאָדט. — דער נייער איספּראַווניק. — מיין זיידע ווידער איסבאָרשטשיק.

מיין זיידע, ר׳ אהרן-לייזער, איז געווען אַ קלוגער און אַ געראָטענער יוד און ער האָט געהאַט אַן׳אונגעהויערע גרויסע השפּעה אויפ׳ן שטעדטיל. געבאָהרען איז ער געוואָרען אין יאָהר תק״ס, 1798-טען יאָהר. זיין פאָטער, ר׳ וועלוויל-אהרנ׳ס, איז געווען פּרנס-חודש אין קאַמעניץ. איין מאָל אין דריי יאָהר איז אין יענע צייטען ביי יודען אין יעדער שטאָדט געווען אויסגעוועהלט אַ פיהרער, וואָס פלעגט בעשטעטיגט ווערען פריהער דורכ׳ן איספּראַווניק, און דערנאָך פון גובערנאַטאָר.

דער פּרנס-חודש איז געווען דער גאַנצער בעל-הבית אין שטאָדט, הן אין די יודישע אינטערעסען צווישען זיך, הן אין אַלע אינטערעסען, וואָס די שטאָדט האָט געהאַט מיט דער נאַטשאַלסטווא.

דער פרנס-חודש האָט בעדאַרפט אויפקלייבען און צושטעלען אַלע שטייערן און אָבצאָהלונגען, וואָס זענען געלעגען אויף דער קהלה, און ביי איהם האָט דער איספּראַווניק אַלץ אויפגעמאָהנט. מען קען דערי־בער שוין פערשטעהן, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָליע האָט געשפּיעלט אַ פרנס-חודש אין שטאָדט.

וואָס אָנבעלאַנגט זיין מאַכט, איז געװען צו זאָגען, אַז ער האָט געהאַט רעכט ביז דריי טעג אַרעסטירען, און אויף מעהר אַרעסט האָט ער בעדאַרפט צו שיקען צום איספּראַווניק קיין בריסק, און דערביי שרייבען, אַז דעם מענשען קומט, לויט זיין מיינונג, אַ חודש אַרעסט. האָט דער איספּראַווניק ממלא געווען דעם פרנס-חודש'ס משפט. דער פרנס-חודש האָט אַפילו געמעגט שמייסען אויך, אַ יודען, פערשטעהט זיך, חאָטש קיין אָפיציעלע רעכט האָט ער געוויס נישט געהאַט דערצו, נאָר יעדער איספּראַווניק איז געווען אין יענע צייטען ביי זיך אין אויעזד גרעסער ווי היינט אַ גובערנאַטאָר, און ער האָט שטענדיג געגעבען דעם פרנס-חודש א גרויסע ממשלה. וואָס דער פרנס-חודש האָט געטהאָן, האָט אַלץ דער איספּראַווניק בעשטעטיגט.

איז געווען אַ געשיכטע אין ווילנער גובערניע, אַז אַ פרנס-חודש, אַ מתנגד, האָט געשמיסען אַ חסידישען רבי, וועלכער איז געקומען אַהין צו די חסידים, און עס האָט נישט געהאָלפען דאָס חסידישע וויינען און בעטען.

חאָטש דאָס געזעץ האָט געזאָגט, אַז אַ פרנס-חודש דאַרף אויסגע־וועהלט ווערען איין מאָל אין דריי יאָהר, דאָך האָט דער איספּראַווניק נישט געקוקט דערויף און האָט דעם ערשטען מאָל געהייסען וועהלען דעם, וואָס איז איהם געפעלען און אַזוי איז יענער שוין פערבליבען אויף ווייטער, ווי לאַנג ער האָט געהאַט חן ביים איספּראַווניק.

דער עלטער-זיידע ר' וועלוויל איז געווען דאָס גאַנצע לעבען פרנס-חודש אין שטאָדט, און איז געווען אַ יוד אַ נגיד: זיין פערמעגען האָט מען געשאַצט אין דריי טויזענד רובל. נאָר געלעבט האָט ער גאָר אויפ'ן ברייטען אופן. ער האָט געהאַט אַנ'איינגענעם בריוועל צו מאַכען בראָנפען, קיין אַקציז איז נאָך דעמאָלט נישט געווען, פלעגט ער לייזען צוועלף גראָשען אַ טאָפּ בראָנפען. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז געוואָרען ביז אַכצעהן גראָשען אַ טאָפּ. געוועהנליך, צום

ברויז האָט מען בעדאַרפט האָבען בהמות, עס איז דאָך געווען בראַגע פון ברויז. האָט ער געהאַט אַ צעהן-צוועלף קיה, וואָס האָבען געגעסען בראַגע און יעדע בהמה האָט געגעבען אַ פיער טעפ מילך אַ טאָג. פון די מילך און די קעז און די פוטער האָט מען זיך ממש נישט געהאַט וואוהין צוטהאָן, אויך האָט ער געהאַנדעלט מיט וואלד, פלעגען די לעס־ניטשעס ברענגען האָניג פון די בינשטאָקען. ער האָט אויך געהאַלטען די קאַראָבקע אין שטאָדט, און ביי איהם האָט זיך פראָסט געגאָסען פון חלב ודבש, און בשר אויך. ביי איהם אין הויז איז געווען אַזאַ „פרעסאַרניע", וואָס מען קריגט עס זעלטען.

דער עלטער-זיידע איז אין נאַטור געווען אַ סך אַ ווייכערער, איידער דער זיידע, און צו די אָרימע קלאַסען מענשען ווי: בעלי-מלאכות, מלמדים האָט ער זיך בעצויגען מיט רחמנות. די גאַנצע שטייערן און אַלע אָבצאָהלונגען האָט ער אָנגעוואָרפען אויף די בעלי־בתים חשובים, און גראַדע נאָר אויף די תקיפים פון שטאָדט האָט ער אָנגעלעגט אַמ־מייִנסטען די צאָהלונגען.

זיין ממשלה האָט דערגרייכט אומעטום. ווען מען האָט נישט געוואָלט געהן צו אַ דין-תורה, האָט ער יענעם געשיקט רופען און אָנגעזאָגט דערביי:

— איך גיב דיר צייט דריי טעג צו האָבען מיט דיין בעל-דבר אַ דין-תורה.

און יענער האָט שוין געמוזט געהן.

געווען אַ פאַקט מיט איינעם א ר. מ., אַ גביר און אויך אַ גרויסער למדן, נאָר זעהר אַ שלעכטער מענש, וואָס האָט זיך נישט גאָר אָרענטליך בעגאַנגען מיט די, וואָס האָבען מיט איהם געהאַנדעלט. ער האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט געהן צום דין-תורה, האָט מען איהם אָפטער אָנגעקלאָגט פאַר'ן פרנס־חודש, מיין עלטער־זיידען, האָט ער געשיקט רופען די אָנקלאָגערס און זיי געזאָגט:

—איהר זאָלט איהם אַלע רופען צום דין־תורה. און נישט בלויז פאַר דאָס יאָהר. די סכסוכים, וואָס איהר האָט נאָך אַמאָל געהאַט מיט איהם און ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַ דין־תורה, קענט איהר איצט אויסגלייכען. מיט איין וואָרט, איצט קענט איהר ביי איהם מאָהנען, און ער וועט שוין ביי מיר געהן צום דין־תורה.

דער עלטער-זיידע האט איהם באלד געשיקט רופען, נאר יענער האט זיך געמאכט נישט וויסענדיג. האט ער געשיקט זיינע דיעסיאטניקעס, דריי יודען, חצקיל, מאשקע און אהרן-ליב, און מע האט איהם געבונדען מיט שטריק די הענד מיט די פיס ביי איהם אין שטוב, און קיינער האט נישט געהאט קיין העזה צו שטעלען זיך געגען. וואָרום מען האט געוואוסט, אז אויב מען וועט זיך ווערהען, וועט באלד זיין גאנץ פאליציי אין שטוב. דעם געבונדענעם ר. מ. האט דער פרנס-חודש אָבגעשיקט צום איספראווניק מיט א בריעף, אז יענער זאל איהם אריינזעצען און לאָזען זיצען אזוי לאנג, ביז ער וועט זיך בעטען אין א בריעף צום זיידען, אז מען זאל איהם ארויסלאָזען.

מען קען זיך פאָרשטעלען, אז אזא שענעם יודען, א גביר און א למדן, און א יחסן האט מען געבונדענערהייד געפיהרט פון זאסטאוויע דורכ'ן שטאָדט אין דער בריסקער גאס אריין. עס איז געוואָרען א מהומה, א מישמאש. די גאנצע פאמיליע זיינע האט זיך צונויפגעזאמעלט, און דער טומעל איז געווען גרויס. נאטירליך, איז דאס געווען א גראָב שטיקעל ארבייט, הגם פאר אמאָליגע צייטען איז עס געווען חאראקטעריסטיש. דער שטאָדט האט, פערשטעהט זיך, פערדראָסען די מעשה, עס האט גערוישט און גע'רעש'ט, נאר פונדעסטוועגען בעפרייען איהם מיט געוואלד האט קיינער די העזה נישט געהאט. און מען האט איהם אָבגעפיהרט קיין בריסק, וואו ער איז פעסט אריינגעזעצט געוואָרען.

האָבען זיך אויפגעהויבען גאנץ זאסטאוויער יודען און אָנגעשריבען א פאפיר צום איספראווניק אויפ'ן פרנס-חודש, אז ער טהוט אין שטאָדט וואס ער וויל און מען קען פון איהם נישט לעבען. נאר מיט א פאפיר אליין האט מען זיך נישט בענוגענט. פינף פארשוין מיט געשלייפענע צינגער זענען אוועקגעפאָהרען צום איספראווניק. דער איספראווניק האט זיי אויפגענומען קאלט און געזאָגט:

— עס וועט אייך גארנישט העלפען, און אז איהר וועט אפילו אָנגעבען צום גובערנאטאָר, וועט ער דאָך אויך אָנפרעגען ביי מיר, וועל איך איהם זאָגען, אז דער פרנס-חודש איז א בראווער יוד. און, זעהט איהר, פאר דער העזה, וואס איהר זענט זיך געקומען קלאָגען, וועל איך אייך אָנלערנען, — און האט זיי אין די אויגען צוריסען דאס פאפיר.

ר. מ. איז אַזוי אָבגעזעסען צוויי וואָכען, ביז ער האָט געבעטען דעם איספּראַווניק, ער זאָל איהם ערלויבען אָנשרייבען אַ בריעף צום פּרנס-חודש און איהם איבערבעטען. האָט ער געשריבען, אַז ער וועט מיט אַלעמען געהן צו דין-תּורה אַפילו פאַר די אַמאָליגע סכסוכים. און בכלל וועט ער פון היינט אָן מיט אַלעמען געהן צו דין-תּורה. דעמאָלט האָט דער פּרנס-חודש געשיקט אַ בריעף צום איספּראַווניק, ער זאָל דעם ר. מ. פריי לאָזען. דער בעפרייטער איז געקומען גלייך פון בריסק צום זיידען און איהם געגעבען אַ תּקיעת-כּף פאַר צעהן מענשען, אַז ער וועט מקיים זיין, וואָס ער האָט געשריבען אין בריעף.

מיט די פינף זאַבטאַוויער עזות-פּנים'ער האָט ער זיך אויך אָבגערעכענט. ער האָט געשטעלט יעדערן צו צאָהלען פינף-און-זיבעציג רובל פּאָדאַטקעס, אָנשטאָט אַ רובל אָדער צוויי. אַזאַ גרויסע סומע געלד אין יענער צייט האָט מען נישט געקענט באַלד אַריינטראָגען. אַגב ווילט זיך דאָך אויך נישט.

און אין איין שעה צייט זענען שוין אַלע בעבעלעס מיט אַלע כּלי-בית געווען אין קהל-שטוב. נאָך פיעל געוויינען און בעטען האָבען זיי געגעבען יעדער צו פינף-און-צוואַנציג רובל און דאָס געלד האָט ער אַוועקגעגעבען אויף קויפען ספרים אין גרויסען בית-המדרש.

אין אַלע סכסוכים צווישען מאַן און ווייב, פאָטער מיט קינדער, ברידער מיט שוועסטער, איז מען געקומען צו איהם. אין אַזוינע פעלען האָט ער שטענדיג פעררופען קלוגע בעלי-בתּים און מיט זיי זיך מיישב געווען. און אַמאָל, ווען עס איז געווען אַ שווערער סכסוך, האָט ער גערופען צו זיך דעם רב. און זיין פּסק איז געווען גלייך ווי פון גובערנאַטאָר.

מיט יתומים פלעגט ער זיך שטאַרק אינטערעסירען. ער האָט נאָכגעקוקט, אַז זיי זאָלען נישט ווערען בעליידיגט פון די שטיף-מוטערס, און האָט ער געפונען אַ רשעת פון זיי, האָט ער זי אַריינגעזעצט און געהייסען דערנאָך, נאָכ'ן בעפרייען, אַז מען זאָל זי אין בית-המדרש אויך נישט אַריינלאָזען. דאָס האָט גענומען, און דאָס רוב פלעגט אַזאַ קומען מיט געוויינען און צוזאָגען, אַז זי וועט שוין זיין בעסער צו די יתומים, וועלכע זי האָט איבערגעבעטען — און געוואָרען שלום.

ער איז געווען אַ למדן און האָט אַלע טאָג געלערנט אין דער-

היים אַ בלאַט גמרא. אין מדרש איז ער געווען קלאָר אויסוועניג, און אַלע ערב ראש-חודש פלעגט ער פאַסטען און אָפּרײַבטען חצות.

ער האָט אויך אָפּגעהיט אַלע יודען פון די פּריצים, אַז קיינער זאָל ניט בעלייִדיגט ווערען. ווען אַ יוד האָט געהאַט אַנ'עולה פון אַ פּריץ, איז ער געגאַנגען צום פּרנס-חודש און דער פּרנס-חודש האָט די פּרעטענזיע באַלד איבערגעגעבען צום איספּראַווניק, און מען האָט זיך געסטאַרעט, פיעל עס איז אויפצוטהאָן דערין, פערשטעהט זיך, אויף וויפיעל מען קען אויפטהאָן ביי אַ פּריץ. צוליעב דעם, וואָס דער עלטער-זיידע איז געווען בעליעבט ביי „נאַטשאַלסטווא", האָט ער גע-האַט לפי ערך אַ געוויסע מאַכט ביי די פּריצים.

אַליין האָט ער מיט די פּריצים וועניג מגע ומשא געהאַט, קיין בעזונדערע געשעפטען מיט זיי האָט ער ניט געפיהרט, נאָר ווען ער האָט בעדאַרפט בעטען פאַר אַ יודען ביים פּריץ, פלעגט ער פאָהרען צו איהם און דאָס רוב פועל'ן.

ביי איהם אין שטוב פלעגט רוישען פון מענשען. דאָס זענען אַלץ געווען אָרימע, אביונים. אַז בראָנפען האָט געקאָסט אַכציען גראָ-שען אַ טאָפּ, און געבראָטענע קעלבערנע פרייִדיקלעך פלייש צו פער-בייסען נאָכ'ן שנאַפּס האָט געהאַנגען שטענדיג אויפ'ן בוידעם, האָט געלוינט ביי איהם צו זיצען, און זיי אַלע זענען איהם טאַקע געווען איבערגעגעבען ביז גאָר.

אָבער די גרעסערע בעלי-בתים זענען איהם געווען דם-שונאים פאַר זיינע תקיפות און פאַר זיין רייסען געלד ביי זיי, וויפיעל ער האָט געוואָלט.

דער רב פון שטעדטיל איז געווען אַ יוד אַ גאון, און דער על-טער-זיידע האָט איהם שוין געגעבען געגוג צום לעבען. עצות פלעגט ער זיך האַלטען נאָר מיט'ן רב, וועלכער פלעגט שטענדיג קומען צו איהם אויף טהיי. לפי ערך איז אין זיין צייט געווען אין קאַמעניץ אַנ'אָרדנונג, און יודען האָבען מעהר אָדער ווייניגער געלעבט בשלום. אַלס פּרנס-חודש איז אפשר ר' וועלוויל-אהרון'ס געווען דער בעסטער און דער אָרענטליכסטער.

קינדער האָט ר' וועלוויל געהאַט צוויי זיהן און צוויי טעכטער. דער עלטערער זוהן, אהרן-לייזער, מיין זיידע, וואָס איז אייגענטליך די

צענטראַלע פיגור פון מיינע זכרונות, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ זעהר גערעכטען יונגעל. לערנען האָט ער אַפילו נישט געוואָלט און האָט געמעגט נישט וועלען, ווייל דער פאָטער האָט איהם זעהר גע־פיעשטשעט און די מלמדים האָבען מורא געהאַט פאַר איהם אימת־המלכות, און אַז ער האָט נישט געוואָלט לערנען איז אויך נישט גע־ווען זייער דאגה.

דערום איז דער זיידע אהרן-לייזער אַרויסגעקומען נישט קיין למדן, חאָטש ער האָט געהאַט דעם טייערן גוטען קאָפּ. ער האָט אַפילו נישט געקענט קיין גמרא, אַזוי ווייט האָט ער נישט געוואָלט לערנען און אַזוי ווייט האָט מען איהם נאָכגעגעבען און צולאָזען. ער האָט ליעב געהאַט צו לערנען עשרים-וארבעה, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס לערנען תנ"ך איז דעמאָלט געווען אַפּיקורסות. אַמאָל פלעגט ער אַריינ־קוקען אין אַ פרק משניות און עין-יעקב.

אַז ער איז אַלט געווען עלף יאָהר, האָט ער התונה געהאַט מיט ר' יודיל'ס טאָכטער, פון סעמיאַטיטש, גראָדנער גוב.

ר' יודיל איז געווען אַ גרויסער למדן און האָט קלאָר אויף אויס־ווענדיג געוואוסט אַ פּאָר הונדערט בלאַט גמרא נזיקין, דערצו איז ער אויך געווען אַ חקרן און האָט געלערנט פיעל אַסטראָנאָמיע פאַר יענער צייט. לויט זיין פּראָפעסיע איז ער געווען אַ לייפּציגער סוחר און צוויי מאָל אין יאָהר פלעגט ער פאָהרען קיין לייפּציג אין אַן אייגענער בויד מיט דריי פערד און אַ קוטשער. מיט זיך פלעגט ער פיהרען אַ גרויסען קאַסטען מיט זילבער-געלד און אַ קליין קעסטעל מיט רענדלעך און דערצו פערשיעדענע גמרות מיט פערשיעדענע חקירה-ספרים און אויפ'ן וועג פלעגט ער לערנען. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו דעם אינ־סטרומענט, וואָס הייסט קלאַרנעט, אויף וועלכען ער האָט מאָדנע ליעב געהאַט צו שפּיעלען.

דערנאָך האָט ער אויפגעהערט צו האַנדלען מיט לייפּציג און איז געוואָרען אַ מיליטער-פּאָדריאַטשיק. דעמאָלט פלעגט ער אָפט זיין אין פּעטערבורג, פלעגט ער שטענדיג דערצעהלען מעשיות פון דאָרטען און פון קיסר מיט זיין פאַמיליע. נאָך זיין טויט בין איך אַלט געווען צוועלף יאָהר. געדענק איך, אַז וואָלענדיג ביי איהם אין די שופלאָדען, האָבען מיר געפונען בריעף פון פּאָדריאַדטשיקעס פון גאַניץ ווילנער אָקרוג, אין

אַנדערע בריעף איז געווען געשריבען, אַז זיי, די פּאָדריאַדטשיקעס, גיבען איהם איבער זייערע פּרעטענזיעס, וואָס זיי מאָהנען ביי קאַזנאַ און ער זאָל פאָהרען קיין פּעטערבורג דאָס אויפמאָהנען. עס זענען אויך געווען בריעף פון פערשיעדענע שטעדט, אין וועלכע ער איז געבעטען געוואָרען אַריבערצוציהען זיך צו זיי אין די שטעדט, וואו זיי וועלען איהם אָבגעבען גרויס כבוד. ער איז שוין דעמאָלט געווען אויף דער עלטער.

דאָס יונגע פּאָר-פאָלק, ד. ה. מיין זיידע מיט דער באָבע'ן זענען געווען אין עלטער פון עלף און צוועלף יאָהר, און קעסט האָבען זיי געגעסען ביים עלטער-זיידען אין קאַמעניץ.

דער זיידע אהרן-לייזער, זענענדיג אַ גרויסער שטיפער, פלעגט ער זיך הוידען אין די הייזער, וועלכע מען האָט געהאַלטען אין אויפבויען. נאָר די באָבע, וואָס האָט איהם געהיט און מורא געהאַט פאַר זיין הוידען זיך, פלעגט איהם נישט לאָזען. פלעגט ער זיך בעהאַלטען פון איהר און געהן ערגעץ ווייטער, אַז זי זאָל איהם נישט געפינען. איינמאָל, האָט זי דערצעהלט, האָט זי איהם לאַנג געזוכט און קוים מיט צרות ערגעץ געפונען. ער איז דעמאָלט געזעסען אויף אַ הויכען ברעט און געהוידעט זיך, און אַז ער האָט זי דערזעהן, האָט ער זיך דער-שראָקען און האָט אַ שפּרונג געטהאָן. פון דעם שפּרונג איז ער געפאַ-לען און האָט זיך גוט צושלאָגען. האָט דאָס „ווייב" אָנגעהויבען וויינען, און ער האָט איהר דעמאָלט געשוואוירען, אַז ער וועט זיך שוין מעהר נישט הוידען. צו צוועלף-דרייצעהן יאָהר איז ער געווען זעהר אַ צו-לאָזען און ווילד יונגעל. די באָבע איז אָבער געווען זעהר אַ קלוגע, נישט נאָך איהרע יאָהרען נאָך, האָט זי איהם פּאָרזיכטיג און פּאַמעלעך אָבגעוועהנט פון אַ סך שטיפעריייען און צולאָזענקייט. אַז זיי זענען גע-וואָרען נאָך דער חתונה פאָטער און מוטער, האָט זי איהם געזאָגט, אַז איצט דאַרף ער שוין אָנהויבען פיהרען אַ שטאַט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָטער פון קינדער, און אַזוי ווי צום טאַטען קומען דאָך אַזוי פיעל מענשען, וואָס צווישען זיי געפינען זיך אַנדערע גאָר געהויבענע און עס ווערט גערעדט אין שטוב פון אַזוי פיעל שטאָדטישע ענינים, טאָ דאַרף ער זיך אָנהויבען אַריינצומישען אין דעם טאַטען'ס געשעפטען, מעשה מענש. האָט ער איהר געפאָלגט. און איהר צו פערדאַנקען,

איז ער געוואָרען אַ מענש, האָט זיך אָנגעהויבען מישען אין דעם פּאָ־טערס ענינים און אין שטאָדטישע ענינים, און האָט לפי ערך נושא־חן געווען ביים עולם.

דער פאָטער ווידער איז געווען זעהר צופריעדען, וואָס זיין זוהן אהרן־לייזער, האָט אָנגעהויבען פיהרען אַ שטאַט און ער האָט שוין מיט וועמען צו ריידען און אויסצופיהרען אַמאָל אַ שטאָדטישען ענין, תּאָס פערנעהמט דאָס רוב זעהר פיעל צייט. ער האָט נאָך געהאַט אייגענע געשעפטען אויך. האָט ער אָנגעהויבען ביסלעכווייז איבערצוגעבען דעם זוהן אַלע שטאָדטישע עסקים. ער האָט געזעהן, אַז דער זוהן ווערט מעהר לייט און אַז פאַר דעם יונגען בעל־הבית׳ל הויבט מען אָן צו קריגען דרך־ארץ. איינמאָל האָט ער אפילו פאַר אַ גרויסען עולם זיך אַרויסגעזאָגט:

— איך זעה, אַז איך האָב אויף וועמען איבערצוגעבען די שטאָדט (פונקט ווי די שטאָדט מיט די מענשען וואָלטען געווען זיין אייגענטום).

אַזוי האָט זיך דער זיידע, אהרן־לייזער, אָנגעהויבען מישען אין אַלע שטאָדט־ענינים, איז געוואָרען אַ שטאָדט־מענש, וואָס איז געווען דער פונדאַמענט פון זיין שפּעטערדיגער קאַריערע.

די באָבע, ביילע־ראשע, איז געווען, ווי מען האָט אַמאָל געזאָגט — קלוג, גוט און איידעל. זי, דאָס יונגע ווייבעל, האָט זיך אַלץ צוגעקוקט, ווי איהר מאַן פיהרט זיך, און פאַר מענשען אין די אויגען האָט זי זיך גאָרנישט געמאַכט וויסען, אַז זי פערשטעהט עפּעס. זי האָט איהם נישט אָנגעוויזען, ווען ער האָט געהאַלטען ביים טהאָן די גרעסטע נאַרישקייט, ווי אַ יונגעל. נאָר ביי זיך אין צימער האָט זי איהם אויפגעוויזען אַלע פעהלערן, וואָס ער האָט פאַר׳ן טאָג אָבגעטהאָן. נאָר פריהער פאַר׳ן אויפווייזען, האָט זי איהם איבערגעבעטען און דער־ביי צוגעוואָרפען, אַז ער זאָל נישט נעהמען פאַר אומגוט, וואָס זי, אַ יודענע, לערנט איהם, אַ מאַנסביל, ווי צו טהאָן, און ווי צובעגעהן זיך.

— אָבער דו ביזט דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש, — האָט זי מיט איהם שטיל איינגע׳טענה׳ט, און דערצו נאָך יונג. יעדער מענש קאָן טהאָן אַ נאַרישקייט. לכן איז גוט, אַז איך קוק זיך צו אויף דיין

פיהרונג מיט אויגען פול ליעבע און וויל דיר מעהר ניש אנוויזען, וואס דו האסט געטהאן גוט, און וואס שלעכט.

און אזוי כסדר, און וויטער, רוהיג און שטיל האט זי מיט איהם איינגע'טענה'ט.

איהרע גוטע קלוגע רייד פלעגען דעם יונגען בעל-הבית'ל אזוי צונעהמען. אז ער פלעגט אפטמאל אנהויבען וויינען. דעמאלט פלעגט די באבע זאגען:

— נו שא, וויין ניט, מיין טייערער מאן, איך האף אז דו וועסט קענען טהאן פיעל גוטס. נאר ריידען ווי א גוטע, א געטרייע ווייב דארף איך דאך מיט דיר.

פון דעם אלעם איז ארויסגעקומען, אז דער זיידע פלעגט זיך שוין קיינמאל צו קיין זאך ניט נעהמען, וואו ער פלעגט זיך פריהער ניט מישב זיין מיט דאס ווייב.

אלעמען פלעגט ער מודיע זיין, אז ער וועט זיך מישב-זיין ביז מארגען. בייינאכט פלעגט ער מיט בייליע-ראשע'ן אלץ איבערריידען, און ווי עס פלעגט בלייבען בעשלאסען, אזוי פלעגט ער טהאן.

שטאדט האט שוין אבער געוואוסט, אז דאס פיהרט ער א ישוב-הדעת מיט זיין קלוגער ביילע-ראשע'ן, און דאס איז איהם פעררע- כענט געווארען פאר א מעלה: א מאן דארף לעבען אין הסכם מיט'ן ווייב.

מיט דער צייט, אז אהרן-לייזער איז געווארען עלטער און האט שוין געהאט א פאר קינדערלעך, האט ער אנגעהויבען צו קלערען פאר זיך עפעס א פרנסה. פרנסה פון שטאדט-זאכען איז אייגענטליך שווער געווען צו ציהען ביי די אמאליגע גראשענדיגע בעלי-בתים. אגב, האט ער די שטאדט-ענינים, וואס האבען זיך איהם אנגעהויבען צו צועסען, ניט געוואלט מאכען פאר א פרנסה. ווידער דעם פאטערס געשעפטען מיט וואלד, וואס זענען געווען אין קליינעם מאסשטאב, זענען איהם אויך ניט געווען געפעלען און דאס ברייזעל מיט די בהמות האט ער גאר פיינט געהאט.

זעהענדיג דאס ברייטע פריצ'ישע לעבען, וואס ארום שטעדטיל, האט ער זיך א טראכט געטהאן, פארוואס זאל מען מיט אזוינע לייט ניט מאכען קיין געשעפט. די פריצים קענען דאך דעם פרנס-הודש'ס

זוהן, מען קען איהם אומעטום צונעהמען בכבוד, אפשר וועט דערפון עפּעס רעכטס אַרויסשפּרינגען. זענען דאָך פאַרהאַן אַזוי פיעל יודען, וואָס לעבען פון פריצים און זענען רייך, פאַרוואָס זאָל ער זיין ערגער פון זיי? (אין שטאָדט האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז אויך זיין ווייב׳ס ביילע-ראַשע׳ס קאָפּ).

קורץ, דער יונגערמאַן האָט געבעטען ביים פאָטער אַ דריי הונ-דערט קערבלעך און האָט אָ-גּעהויבען אַרויסצופאָהרען צו די פריצים, געוועהנליך, פריהער צו יענע, וועלכע זענען געווען מעהר בעקאַנט און די נעהנטערע פריצים פון שטאָדט. אויפגענומען דעם יונגענמאַן האָבען זיי גאַנץ העפליך. ער האָט אַפילו ביי זיי נושא-חן געווען, און ביסלעכווייז, אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט ער אָנגעהויבען מאַכען מיט זיי געשעפט. נאָר פערדיענט האָט ער וועניג — ער איז ביי זיך געווען זעהר גדול׳דיג און האָט ניט געוואָלט, אַז דער פריץ זאָל, חלילה, זאָגען אויף איהם, אַז ער האָט איהם אָבגענאַרט. אַנ׳אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט געגאַנגען אין גאָלד, האָט מען געזאָגט. אַמאָל האָט ער דערויף געענטפערט:

—אַנ׳אַנדערן אויף מיין אָרט וואָלטען די פריצים אויפ׳ן שוועל ניט אַרויפגעלאָזען. נישקשה, איך וועל זיך ביסלעכווייז בעקענען מיט זיי, וועט נאָך זיין געצוג אָרט, וואו צו פערדינען געלד. דערווייל דאַרף איך נאָך ניט קיין סך.

אַזוי איז ער זיך ביסלעכווייז געוואָרען פאָפּולער ביי די פריצים. ער האָט זיך געהאַלטען מיט זיי טאַקטיש, רוהיג און ערנסט.

דער זיידע, אהרן-לייזער, האָט געהאַט נאָך איין ברודער, יונגער פאַר איהם מיט אַ יאָהר זעקס. נאָר יענעם האָט מען געהאַלטען פאַר אַ שלימזל׳ניק, אין שטאָדטישע ענינים האָט ער זיך בכלל גאָרניט געמישט, ביים פאָטער איז ער געזעסען און געגעסען קעסט און טייל-מאָל צוגעהאָלפען דעם פאָטער. דער עלטער-זיידע האָט איהם ניט ליעב געהאַט, נאָר איין אהרן-לייזער איז ביי איהם געווען דאָס לעבען, ער האָט אויך ליעב געהאַט די שנוהר, אהרן-לייזער׳ס ווייב און זי שטענדיג גערופען די צדקת.

צוויי טעכטער האָט ער געהאַט, און פאַר זיי האָט ער גענומען מאַנען גרויסע לומדים. די דאָזיגע לומדים האָבען איהם אָבגעקאָסט

פיעל געלד. נאָך פערציַיטען האָט ער זיך ערלויבט צו געבען אַ טאָכ־טער טויזענד רובל נדן, און גענומען איידעמ'ס עלוים, וועלכע ער האָט אויך געגעבען קעסט, און זיי זענען געזעסען יומם ולילה און געלערנט.

דער זיידע, אהרן־לייזער, האָט שוין דערנאָך נישט געוואָלט זיַין בײַם פאָטער און עסען מיט אַלע שוועסטער, איידעמ'ס קעסט. איז ער אַוועק פאַר זיך, איבערגעבענדיג זיך אינגאַנצען צו די געשעפטען מיט די פריצים.

געווען איז דער זיידע פון דער נאַטור זעהר אַ ברייטער מענש, און זיין איינציגער פערלאַנג איז געווען, אַז פון זיינע קעשענעס זאָל זיך שיטען געלד און אַלע זאָלען קלייבען.

ער האָט שוין געהאַט עטליכע קינדער און אין שטאָדט האָט מען געוואָלט, אַז ער זאָל זיך מישען אין די שטאָדטישע ענינים; דער זיידע מיט זיין אויסזעהן, מיט זיַין ברייטקייט האָט זיך זעהר געפּאַסט פאַר אַ שטאָדט־מענש.

דער עלטער־זיידע, ר' וועלוויל, איז געשטאָרבען צו זעכציג יאָהר, אַז ער איז קראַנק געוואָרען, האָט זיך דערוואוסט דער איספּראַווניק און איז שוין נישט אָבגעפאָהרען פון שטאָדט. ער האָט זעהר געזשאַלעוועט דעם חולה, וואָס איז געווען געפעהרליך. פאַר'ן טויט האָט ר' וועלוויל געשיקט רופען דעם איספּראַווניק צו זיך און געבעטען, אַז ער זאָל נעהמען אַ פּרנס־חודש אויף זיין אָרט אַ קלוגען און אָרענטליכען מענשען, וואָס זאָל קענען פיהרען די שטאָדט, דערביי האָט ער איהם אָנגעוויזען אויף אַ פּאָר קלוגע בעלי־בתים. דער איספּראַווניק, וואָס האָט וואַהרשיינליך געהאַט אַ קוק אויפ'ן זיידען, האָט געזאָגט:

— מיר איז געפעלען צו מאַכען דיין זוהן, אהרן־לייזער'ן, פאַר אַ פּרנס־חודש, האָטש ער איז אַפּילו זעהר יונג. אָבער ער איז מיר געפעלען.

ר' וועלוויל האָט אָנגעהויבען צו וויינען און געזאָגט:

— לאָז צו־רוה מיין ליעבען זוהן. די שטעלע איז אַ שווערע. ווי מען זאָל נישט זיין גוט, איז מען אַלץ נישט יוצא. מען איז אַרום־געריננעלט דורך פון שונאים.

דער איספּראַווניק האָט זיך אָבגעזעגענט און איז אַוועקגעפאָהרען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער פּרנס-חודש געשטאָרבען. דעמאָלט האָט דער אַסעסער אַוועקגעשיקט אַ שטאַפעט צום איספּראַווניק, אַז דער פּרנס-חודש איז געשטאָרבען. איז ער געקומען מיט׳ן סטראַפּטשע און בײדע האָבען איהם בעגלײט צוזאַמען מיט׳ן אַסעסער ביז׳ן בית-עולם.

אויף מאָרגען האָט דער איספּראַווניק געשיקט רופען דעם זײדען, אהרן-לײזער׳ן, װעלכער איז צו דער צײט אַלט געװען אַ יאָהר אַכט-און-צװאַנציג, און האָט איהם פאָרגעלעגט דעם פּױטע״ס אָרט. דער זײדע האָט זיך אײנגאַנצען אָבגעזאָגט דערפון, ערקלערענדיג דעם איספּראַווניק, אַז ער איז נאָך צו-יונג, פאַר אַזאַ פעראַנטוואָרטליכע שטעלע.

— איך האָב מיר מײנע געשעפטען, — האָט ער געערעדט צום איספּראַווניק — איך שלאָף רוהיג, עס רוהיג, און דאָס איז פאַר מיר אַ צו-גרויסע אַרבײט.

דער איספּראַווניק האָט זיך אָבער געהאַלטען בײ זײנס.

— הער-זשע, — האָט ער ערקלערט דעם זײדען — איך האָב נישט קײן אַנדערן אויסער מ., װעלכער איז אײך אַ דם-שונא. װעט ער זײן פּרנס-חודש, װעט דײן משפחה געװיס דערפון לײדען. — דער איספּראַווניק האָט געװאוסט װי צו רײדען מיט אַ יורען. — און אַזױ װי איך האָב ליעב דײן טאַטען, — האָט ער געערעדט, — און װײס, אַז דו ביזט אַ בראַװער יונגערמאַן און אַ חואַט, דאַרפסטו זיך נישט אָבזאָגען. װעט װערען מ. פּרנס-חודש, װעסטו זיכער לײדען, — האָט ער חבר׳לעך געסטראַשעט.

דאָס האָט דעם זײדען שוין גאָרנישט געשמעקט. מ. איז געװען אַ שרעקליכער שונא דעם עלטער-זײדען און דער גאַנצער משפחה. דאָס איז געװען דערזעלבער מ., װעלכען ר׳ װעלװיל האָט אַרעסטירט פאַר נישט װעלען געהן צו אַ דין-תורה. דעם זײדען האָט עס אין גאַנצען מוטלאָז געמאַכט, און ער האָט צוגעזאָגט דעם איספּראַווניק נאָך הײנט צו געבען אַ תשובה.

ער האָט זיך לאַנג מישב געװען מיט זײן בײלע-ראַשע׳ן. עס איז געװען נישט אַהין, נישט אַהער. נעהמען די שטעלע איז געװען ביטער װי דער טויט, נישט נעהמען איז װײטער שלעכט. טראַכטענדיג און קלערענדיג, רעכענענדיג און איבערלעגענדיג, איז דאָך לסוף

געבליבען, אז מען מוז אננעהמען די שטעלע. עס פערשטעהט זיך, אז ווען מ. וואלט נישט געווען קיין קאנדידאט, וואלט דער זיידע זיכער זיך אבגעזאגט. דערביי איז געבליבען, אז דער זיידע, אננעהמענדיג די שטעלע, זאל זיך זעהן האלטען בנוגע צו דער שטאדט רוהיג, געלאַסען, ארענטליך און פארזיכטיג.

דעמאלט האט אהרן-לייזער מודיע געווען דעם איספראווניק, אז ער נעהמט אן די שטעלע. דער איספראווניק האט איהם מיט אמאליגער אפענהערציגקייט א קוש געגעבען אין קאפ און צוגעוואונשען אלדאס גוטס אויף דער נייער שטעלע. ער האט באלד געהייסען מאכען אן אספה אין שטאדט און... אויסוועהלען דעם אלטען פרנס-חודש'ס זוהן, אהרן-לייזער'ן.

שטאדט האט איהם „אויסגעוועהלט", זאגאר מיט גרויסער צופרידענקייט. ער איז זיי געווען געפעלען פאר זיין שכל און געשיקטקייט.

דער איספראווניק האט גענומען אהרן-לייזער'ן, דעם נייעם פרנס-חודש, אין זיין קארעטע און איז אוועקגעפאהרען מיט איהם קיין בריסק, אבגעהאלטען איהם דארט ביי זיך עטליכע טעג, איבערגעגעבען אלע ארבייט בנוגע צו דער שטאדט. דערביי האבען איהם ממש ענטציקט די מיינונגען פון דעם יונגענמאן.

אהרן-לייזער איז געקומען קיין קאמעניץ און האט אנגעהויבען פיהרען די שטאדט ווי דער פאטער. ער איז אבער געווען קליגער פון פאטער און ענערגישער, און די פני-העיר, וואס פלעגען גאנצע אוועגדען פטר'ן אויף די אספות מכח קהל'שע געשעפטען, האבען זיך איצט אליין געפונען פאר איבעריג. די ארבייט פון שטאדט האט אהרן-לייזער אויסגעפילט גרויסארטיג. עס איז אוועק אזוי גוט, אז עס איז לחלוטין איבעריג געווען יעדע אספה, וואס איז אזוי נויטיג געווען ביי יעדען פרנס-חודש.

אט אזוי האט זיך ביסלעכווייז אהרן-לייזער אבגעוועהנט פון די פני-העיר און פלעגט זיי שוין גארנישט רופען, אפילו אויף א ישוב-הדעת. סיידען אז עס פלעגט זיך מאכען זעהר א פערפלאנטערטער ענין. דעמאלט פלעגט ער שוין זיין געצוואונגען זיי צו רופען.

— אפשר האט איהר בעסערע עצות? — פלעגט ער זיי פרעגען — מיין עצה איז אזוי און אזוי...

אָבער דער גרעסטער בעל-יועץ איז בײַ איהם געװען זײַן װײַב, בײלע-ראַשע. אין די אָװענדען פלעגט ער מיט איהר איבערשמועסען אויג אויף אויג, און אַ מאָרגע זאַך — ער איז געװען אַנ'ענטשלאָסענער מענש, אַ מעלטיגער און אַ גרויסער דעספאָט, דאָך האָט ער װאונדער־ליך געהערט דאָס װײַב, און דאָס גאַנצע לעבען איז בײַ איהם געװען הײליג דאָס, װאָס דאָס װײַב האָט געזאָגט אָדער געראַטען. זײַן פרנס־חודש'עריי האָט געדויערט צװײ יאָהר מיט אַ האַלב'ס, ביז עס איז בטל געװאָרען אָט די אונבעגרענצטע ממשלה. דער פרנס-חודש איז שוין מעהר נישט געװען די פעראַנטװאָרטליכע פערזאָן פאַר דער גאַנ־צער שטאָדט און האָט געקראָגען אַ נײַעם נאָמען „איסבאָרשטשיק״, װאָס האָט נאָר בעדאַרפט אויפקלײַבען אַלע נאַלאָגען פאַר קאַזנאַ, און דאָס איז ער אויך נישט געװען פעראַנטװאָרטליך, נאָר די שטאָדט.

אהרן-לײזער האָט נישט געװאָלט זײַן קײן איסבאָרשטשיק. דער איספראַװניק האָט איהם װידער שטאַרק געבעטען און אפילו איהם צו־געזאָגט, אַז זײַן ממשלה װעט אויף װײַטער בלײַבען דיזעלבע װי פרי־הער. פאַר דער שטאָדט איז אַזאַ שטעלע געװען גאָר אונבעקאַנט, זי האָט נישט געװאוסט, װאָס מען טהוט מיט איהר און װי עס דאַרף זיך איצט, למשל, אַזאַ איסבאָרשטשיק פיהרען, און די שטאָדט-לײַט האָבען איהם אויסגעװעהלט ברצון הטוב.

איז אהרן-לײזער געבליבען איסבאָרשטשיק, אָבער געפיהרט האָט ער אַלעס װי פריהער, אַ האָהר נישט װעניגער, און איך װײס נישט, צי האָט נאָך אַ איסבאָרשטשיק אין דער ליטא געהאַט אַזאַ מאַכט, װי ער. אַנדערע בעלי-בתים האָבען אָנגעהויבען קוקען אויף איהם בײז. זײ האָבען געװאוסט, אַז די רעכט, װעלכע אהרן-לײזער נעהמט זיך, האָט נאָך קײן איסבאָרשטשיק נישט. דערפון האָט ער אָנגעהויבען צו קריגען שונאים.

אהרן-לײזער האָט זיך דערויף נישט אומגעקוקט. בײַ איהם האָ־בען זײ קײן ראָליע נישט געשפּילט. ער האָט דעם איספראַװניק — און גענוג! נאָר פונדעסטװעגען האָט זיך עס איהם צוגעגעסען, און עפּעס אײנעם, װעלכען ער זאָל קענען איבערגעבען די שטעלע, האָט ער נישט געפונען. אַגב װאָלט פון אַזאַ אַרבײט נישט געװען צופרידען דער איספראַװניק. דער דאָזיגער איספראַװניק האָט אויך געװאוסט, אַז

אהרן-לייזער איז אַ חוואַט אויף אויפצומאָהנען די שטייערן, וואָס אַנ'אַנ־דערער אויף זײַן אָרט האָלט עס אפשר נישט געקענט, און דאָס איז פאַר איהם געווען בעזונדערס וויכטיג.

ביי אהרן-לייזער'ן איז פערבליבען, ער זאָל נעהמען אַנ'ענערגי־שען שרייבער און יענער זאָל פיהרען די שטאָדט-ענינים. דעמאָלט וועט ער אַליין, אהרן-לייזער, זיין אַ פרייער און וועט זיך רוהיג קענען פיהרען זיינע געשעפטען מיט די פריצים. מען דאַרף דאָך האָבען עפּיס אַ זייטיגע פרנסה אויך. אַ בעל-הוצאה איז מען אַ גרויסער.

ער איז געפאָהרען קיין בריסק צום איספראַווניק, דערצעהלט איהם פון זײַן פּלאַן, אַז ער זוכט אַנ'ענערגישען, קלוגען מענשען. אפשר האָט ער עמיצען אין בריסק? דער איספראַווניק האָט איהם גע־געבען איינעם אַ יונגערמאַן: י. ח. פ., וואָס האָט געשריבען פראָשעניעס און געפיהרט דיעלעס, אַ פריוואַטער אַדוואָקאַט. ער איז געפעלען גע־וואָרען דעם זיידען און ער האָט איהם געבראַכט קיין קאַמעניץ. דעם פריהערדיגען שרייבער, וואָס איז געווען אַ פשוט'ער יוד און האָט גע־קאָנט שרייבען רוסיש מיט זיבען גרייזען, האָט ער אָבגעזאָגט, גע־קויפט איהם אַ הויז פאַר צוויי-הונדערט רובל, געמאַכט איהם אַ שענק און געזאָגט:

— אַ פאַטענט דאַרפסטו נישט. וועסטו האָבען מעהר פרנסה ווי פריהער.

דער נייער שרייבער איז געקומען קיין קאַמעניץ מעשה-אַריסטאָ־קראַט: קורץ געקליידט, מיט אַ רונג אויפ'ן פינגער, און אין קהל־שטיבעל איז ער געזעסען אָהן אַ היטעל. דאָס האָט אויפגעבראַכט די שטאָדט. דער כעס, פערשטעהט זיך, איז געפאַלען אויפ'ן זיידען. דער כעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַנדערע האָבען איינגעפונען, אַז מען מעג אהרן-לייזער'ן הרג'ענען אין רעכטען יום-כפור. נאָר וואָס טהוט מען אָבער מיט'ן איספראַווניק?

ווי די מאָדע איז, האָט דער זיידע זיך גאָרנישט וויסענדיג גע־מאַכט און איבערגעגעבען די קאָמאַנדע דעם דאָזיגען י. ח. פ. דער לעצטער איז געווען אַ קלוגער יונגערמאַן, אַ וואויל-לערנער, האָט רעכט פערשטאַנען אַ בלאַט גמרא, נאָר ער האָט זיך גענומען צו קענטעניש, און ווערענדיג „אַנ'אַדוואָקאַט", איז ער געוואָרען „אַנ'אַפּיקורס".

דער שרייבער האָט געפֿיהרט און דער זיידע האָט זיך גענומען צוריק האַנדלען מיט די פּריצים. אַ דריי טעג אין וואָך פֿלעגט ער אַרומפֿאָהרען אַרום די פּריצים, און די איבעריגע צייט האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט'ן שרייבער. פֿאַר די שׂונאים זיינע האָט ער געהייסען דעם שרייבער שטעלען שטייער צעהן מאָל אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל זיי האָבען ביז אַהער געצאָהלט. דאָס איז געווען אַ מין נקמה, און ערשט דעמאָלט איז געוואָרען די רעכטע מהומה. דאָס פֿייער פֿון מחלוקת האָט זיך צושפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט, און געשריען האָט מען גאָר:

— סטייטש, אהרן-לייזער האָט גענומען אַ גוי פֿאַר אַ שרייבער!

ביילע-ראַשע, דעם זיידענס ווייב, האָט זיך גענומען צום האַרצען. זי האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט הערען די דאָזיגע טענות מיט די געשרייען, מיט'ן שעלטען, און וויינענדיג פֿאַר'ן זיידען, האָט זי פֿער-לאַנגט, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פֿון איסבאָרשטשיקעריי.

— די שטאָדט איז נישט דיינע, — האָט זי געוויינט — און די יודען פֿון שטאָדט זענען אויך נישט דיינע. דו זאָלסט נישט זיין פֿער-זאָרגער און זאָלען זיי זיך אַליין פֿיהרען ווי זיי ווילען. איך קען דאָך נישט צוזעהן, ווי דו זעהסט אויס! וואָס איז דאָס פֿאַר אַן'אומגליק!

דעמאָלט איז אהרן-לייזער אַוועקגעפֿאָהרען צום איספּראַווניק און איבערגעגעבען איהם ווי די זאַך איז. דערביי האָט איהם דער זיידע דייטליך אָנגעזאָגט, אַז ער וויל זיך בעפֿרייען. שטאָדט איז נישט צו-פֿריעדען, און דאָס ווייב וויינט — ער קען מעהר נישט. זיי קענען איהם נישט מוחל זיין דעם שרייבער. דער איספּראַווניק האָט מסכּים געווען.

— נאָר, — זאָגט ער, — זעה אָקאָרשט, דו זאָלסט ווידער ביי מיר נישט ווערען קיין איסבאָרשטשיק. נישטאָ, נישטאָ קיין אַנדע-רער אויף דיין אָרט.

דער איספּראַווניק איז ווירקליך אַראָבגעקומען קיין קאַמעניץ און געשיקט רופֿען די פּני-העיר. די פּני-העיר האָט ער געהייסען אויף מאָרגען אויסוועהלען אַן'אַנדער איסבאָרשטשיק אויף אהרן-לייזער'ס אָרט. דער שרייבער אָבער זאָל בלייבען דער אייגענער. דאָס איז, פֿערשטעהט זיך, געווען אַ שפּיצעל.

— וואָס הייסט ? — האָט זיך שטאָדט אָנגעצונדען, — אָז דעם שרייבער ווילען מיר ניט ! מיר גיבען איהם צוויי-הונדערט רובל — און זאָל ער געהן !

דער איספראַווניק האָט געשיקט רופען דעם שרייבער און איהם קאַטעגאָריש געפרעגט, צי וויל ער בלייבען שרייבער, אָדער נעהמען די צוויי-הונדערט רובל און אַוועקגעהן. דער שרייבער האָט דערויף געגעבען גאָר אַן'אונגעריכטען ענטפער :

— אפילו אַז מען זאָל מיר גאָר קיין געלד ניט געבען, וויל איך אויך ניט זיין קיין שרייבער ביי אַזעלכע בהמות !

ער איז געווען אַן'אפיקורס...

אין שטאָדט איז געוואָרען ששון ושמחה : אַן'אַנדער איספּראַ-שטשיק, אַן'אַנדער שרייבער, און קאַמעניץ האָט זיך בערוהיגט.

דער זיידע האָט אָנגעהויבען מעהר פאָהרען צו די פריצים, מאַ-כען מיט זיי געשעפטען און וואָס ווייטער, איז ער אַלץ מעהר מפורסם געוואָרען ביי זיי, אַזוי, אַז טייל מאָל פלעגען זיי איהם אַליין צו-וואַר-פען אַ פערדיענסטעל און ראַטען איינער דעם צווייטען, צו שליסען נאָר מיט איהם געשעפט.

מיט דער צייט איז ער ביי די פריצים פון דריי אויעזדען געוואָ-רען דער גאַנצער רבי. ער האָט זיי געגעבען עצות, געהאָלפען דרע-הען מיט'ן קאָפּ (פריצים דרעהען אַמאָל אויך מיט'ן קאָפּ), און עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגען, אַז מאַנכע פון זיי, געפאַלענע, וואָס האָבען זיך מסתמא אין קאָרטען פערשפּיעלט, האָט ער צוריק אויף די פיס געשטעלט. אָט דאָס, וואָס ביי זיי אין די הויפען האָבען זיך געגומען בעוויזען ברייזער פון בראָנפען און פון ביער, און אָליוונעס, און טאַרטאַקען, און וואַסער-מיהלען מיט ציליג-דערס — אין דעם אַלעם האָט געווים געשטעקט זיין קאָפּ.

געווען ביים זיידען אָט דער אונפערשטענדליכער פעהלער : פאַר זיך האָט ער גאָרניט געקוקט, פונקט ווי איהם וואָלט נאָר געלעגען אין זינען צו מאַכען פון די פריצים לייט. מאָטאָווירט האָט ער עס אויך ווילד און אונפערשטענדליך : באשר די פריצים וועלען זיין רייך, וועלען די יודען אויך האָבען פרנסה... וואָרום וואו וועט אַוועקגעהן זייער געלד ? אַלץ צו יודען ! און איצט איז פערשטענדליך, אַז ווען

צװײ פּריצים האָבען געהאַט אַ מחלוקת, האָבען זײ אױסגעװעהלט אהרן-לײזער'ן פאַר אַ שליש אין'ם עהרנגעריכט. און אַז אַ פּרײַז האָט זיך צוקריגט מיט'ן װײַב, איז ער, דער זײדע, געװען דער שלום-מאַכער.

איצט האָט ער, אײגענטליך, גאַנץ היבש פּערדיענט, נאָר פערלעבט האָט ער אױך אַ סך, אָבער ער מיט בײלע-ראַשען זענען געװען זעהר צופרידען, װאָס זײ זענען פּטור געװאָרען פון די שטאָדט-ענינים. אַ סוף! איצט איז שױן נײַיזט זײַן דאגה װער עס געהט צום דין-תורה און װער נישט, און צי די נגידים צאָהלען פּאָדאַטקעס צי נישט. אַזױ איז אַװעק אַ יאָהר דרײַ.

בײַ די פּריצים פלעגט ער זײַן אַלע טאָג. קומען צו זײ פלעגט ער אױף אַ ברִיטשקע מיט אַ פּאָר פערד, מיט אַ יוד אַ פוהרמאַן. דאָס רוב פלעגט ער קומען נעכטיגען אַהײם, פלעגט מען טרינקען טהײ און פערברענגען. בײַ איהם אין שטוב זענען נאָך אַלץ געװען אַ סך מענשען, װאָס פלעגען קומען רײדען, פרעגען אַן עצה און האַפּען עפּעס אין מויל אַרײַן. און ביסלעכװײַז האָט מען זיך װידער צוגעבונדען צו איהם אין שטאָדט. האָט אַ יוד געהאַט עפּעס אַ קריװדע מיט אַ פּרײַז, האָט מען אָהן אהרן-לײזער'ן נישט געקענט אױסקומען. װידער איז געװען אײן זאַך, װאָס קײנער אין שטאָדט, אױסער איהם, האָט דאָס נישט געקענט אױספיהרען. דאָס איז געװען דער רעװיזאָר, װאָס פלעגט קומען רעװידירען די „סקאַזקע", צי קאַמעניץ האָט טאַקי נישט מעהר װי פיער-הונדערט-פופציג נפשות אײַנגעשריבענע אין דער „סקאַזקע". „רײדען" מיט'ן רעװיזאָר איז שױן געװען דער זײדע אַ מײַסטער װי קײנער נישט. אַזאַ „רײדען" האָט זיך שטענדיג געענדיגט מיט צװײ-הונדערט רובל, װאָס דער רעװיזאָר פלעגט געשװינד פערשלינגען אין קעשענע. אין דעם רעװיזיע-טאָג פלעגען צוגעמאַכט װערען פיעל הײַזער, דער עולם איז זיך אַרױסגעגאַנגען פון שטאָדט, יעדער װאו די אױגען האָבען געטראָגען און די שטאָדט האָט אױסגעזעהן טויט, װי אױף אַ בית-עולם. מען האָט נישט אָנגעזעהן כמעט קײן לעבעדיגען נפש אין גאַס, דער רעװיזאָר איז געגאַנגען מיט דער גאַנצער שטאָדטישער פּאָליצײ און געצעהלט די נפשות. געפונען האָט מען שטענדיג אַן ערך פיער-הונדערט. פופציג האָבען געפעהלט. און

אויף זײ האָט מען געזאָגט, אַז זײ זענען אַװעקגעפאָהרען געשעפטליך.
אַזױ פלעגט זיך דער רעװיזאָר אַלע יאָהר אַװעקפאָהרען, אָנשרײַבענדיג אין פּראָטאָקאָל, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

און אָט דאָס טראַדיציאָנעלע „רײדען" מיט'ן רעװיזאָר האָט אָנגעהערט, װי געזאָגט, דעם זײדען, אַפילו בעת עס איז געװען אַנ'אַנדער איסבאָרשטשיק. געװען אַפילו צײַטען, װען ער פלעגט זיך אָבזאָגען פון דעם שטיקעל אַרבײַט, אוים כעס אויף דער שטאָדט, אָבער סוף-כל-סוף פלעגט ער נאָכגעבען. מען האָט דאָך נישט געקענט לאָזען אַ שטאָדט אין מיטען װאַסער.

דער נײַער איסבאָרשטשיק מיט'ן נײַעם שרײַבער האָבען צוגענומען אַלע ביכער מיט די פּאַפּירען מיט'ן זיגעל צו זיך און אָנגעהויבען אַרבײַטען. דער איסבאָרשטשיק האָט פערױפען די דעפּוטאַטען, דאָס הײסט, די פני, װעלכע זענען אויסגעװעהלט געװאָרען צו פיהרען די שטאָדטישע ענינים, — און געמאַכט אַנ'אספּה. האָט מען זיך צום ערשטען גענומען איבערקוקען דעם רײסטער פון די שטײַערן נאָר פאַר די נגידים. פון דעם המון האָט ער גאָרנישט גענומען. איז פערבליבען, אַז מען זאָל אָנהויבען נעהמען פון די מיטעלע און אָרימערע קלאַסען, און די בעלי-בתים-חשובים זאָל מען פערגרינגערן.

און מען האָט אָנגעהויבען שיקען מאָהנען שטײַערן פון די אָרימערע, פון בעלי-מלאכות. קײן אײן אָרימאַן האָט מען נישט דורכגעלאָזען. איז װײַטער געװאָרען אַ מהומה אין שטאָדט. האָט יעדער געגומען לויפען טאָג-טעגליך אין קהל-שטוב אַרײַן און געשריען, און געפילדערט, און װײַבער זענען געקומען מיט געװײנען און מיט קללות: סטײַטש, זײ האָבען קײן ברױט נישט, און װעניג נגידים זענען דאָ, װאָס זײ קענען צאָהלען! עס האָט געקאָכט!

עס האָט אָבער נישט געהאָלפען, פערקעהרט, מען האָט אָנגעהויבען שלעפּען משכנות פון די אָרימע-לײַט: פאַנען, לײַכטער, געשיר און נאָך אַזעלכע שטוב-זאַכען, און די געשרײען האָבען דערגרײכט ביז אין הימעל אַרײַן. ביז דער אַסעסער האָט געמוזט קומען אין קהל-שטוב און אַרעסטירען די קבצנים. (בײַם אַסעסער זענען געװען צװײ שטאַהלען, אײנער אַ קלענערער פאַר פערד און דער צװײטער איז געװען אַ מין אַרעסט-הויז), דעמאָלט איז געװאָרען רוהיגער. דער אָרימער

עולם האָט געקרעכצט, געקריצט מיט די ציינער און געצאָהלט. עס פערשטעהט זיך, אַז די נגידים און די בעלי-בתים זענען געווען צופריע־דען מיט'ן נייעם איסבאָרשטשיק.

אָבער דאָס גוט-לעבען פון די נגידים מיט'ן איסבאָרשטשיק האָט לאַנג נישט געדויערט. די פני-העיר האָבען אינגאַנצען געוואָלט פער־שטעקען דעם איסבאָרשטשיק. זיי זענען געווען נגידים און יחסנים, טאָ פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין בלויז ביי זיי אַ געציַיג אין די הענד, און זיין דעה, אַלס איסבאָרשטשיק, זאָל אויך געהערן צו זיי? דער איס־באָרשטשיק האָט געוועהנליך נישט געוואָלט אינגאַנצען איינגעשלונגען ווערען, ווי שוואַך ער איז נישט געווען. און עס איז נישט אַוועקגע־גאַנגען קיין איין אספה, וואָס מען זאָל זיך נישט קריגען. האָט מען זיך שטענדיג אַרומגעקריגט און אַרומגעריסען, און דער אַסעסער, וואָס האָט דאָס אַלץ געוואוסט, האָט געשריבען דעם איספראַווניק, אַז מען טהוט כסדר און מען קריגט זיך.

דער סוף איז געווען, אַז די פני האָבען זיך צוטיילט אויף צווייַ לאַגערן: די האָבען געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט נעהמען ביי די אָרימע-לייט און די האָבען געזאָגט, אַז מען דאַרף יאָ נעהמען. יעדע־דער פון די פני האָט זיך גענומען צו הילף זיין צד און דערפון איז אַרויסגעקומען אַ גראַנדיעזע שטאָדט-מהלוקת, אַ מין מלחמה.

און די דאָזיגע מחלוקת האָט געוואַקסען אַלץ גרעסער און גרע־סער, און דעמאָלט ערשט איז געקומען דער איספראַווניק. האָט מען אַרעסטירט אַ דריי פון די פני און אַ פינף פון המון, אַוועקגעשיקט זיי קיין בריסק און דאָרט זענען זיי אָבגעזעסען אַ חודש. דעמאָלט איז געוואָרען רוהיגער אין שטאָדט, אויב נישט אינערליך, איז לכל הפחות, אויסערליך.

דער איספראַווניק האָט זיך געביטען, ער איז אַוועק אין סלאָני־מער אויעזד און יענער איז געקומען קיין בריסק. געוועהנליך, האָט איינער דעם צווייטען איבערגעגעבען דעם חאַראַקטער פון די שטעדטי־שע יודען ווי אויך פון די פריצים. דער בריסקער איספראַווניק האָט זיך, אפנים, אָבגערופען שלעכט וועגען די קאַמעניצער יודען און האָט געמוזט אָנווייזען אויף אהרן-לייזער'ן ווי אויף אַ יוד, וואָס פערשטעהט אַנ'עסק, וואָרום אַז דער נייער איספראַווניק איז געקומען צום ערשטען

מאָל קיין קאַמעניץ, האָט ער געשיקט רופען פריהער דעם איסבאָר-שטשיק מיט די פּני, זיי אויסגע'מוסר'ט און האָט זיי געזאָגט: אַז יענער איספּראַווניק האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט וועגען זיי, און דער-נאָך האָט ער געשיקט בעטען אהרן-לייזער'ן, ער זאָל קומען צו איהם. דעם זיידען האָט ער פאָרגעלעגט די שטעלע פון איסבאָרשטשיק. דער זיידע האָט זיך פער'עקשנ'ט אָבגעזאָגט. דעמאָלט האָט איהם דער איס-פּראַווניק בעמערקט:

— אַז דו וועסט זיין אין בריסק, זאָלסטו אַריינגעהן צו מיר.

אין דערזעלבער צייט האָבען בעדאַרפט זיין נייע וואַהלען אויף אַ נייעם איסבאָרשטשיק מיט דעפּוטאַטען. אויסגעוועהלט האָט מען איינעם א. ב.

דער נייער איסבאָרשטשיק, אַ מעהר ענערגישער מענש, האָט אָנגעהויבען פיהרען מיט די פּני פון אָנפאַנג בשלום. עס איז אָבער נישט אַוועק אַ האַלב יאָהר, ווי מען האָט זיך אָנגעהויבען אַרומצוריי-בען. ווידער דאָסזעלבע ליעדעל. און אַז עס איז געקומען צום נאַבאָר, בעת מען האָט בעדאַרפט געבען אַ זעלנער, האָט זיך דערפון אָנגעהוי-בען אַ גאַנצעם פייער. מען האָט צוגענומען איינעם אַ שניידער, וואָס האָט געהאַט דריי קינדערלעך, און פערצייטישער דיענסט איז געווען פינף-און-צוואַנציג יאָהר. פערשטעהט מען, וואָס פאַר אַנ'אומגליק דאָס איז געווען פאַר אַ מענשען, וואָס איז געווען אַ פאָטער פון קינדער. האָט מען געמאַכט גרויסע גוואַלדען, מען האָט אויסגעשלאָגען אַלע שויבען פון קהל-שטוב און גענומען פּאַטשען דעם איסבאָרשטשיק מיט די פּני. עס איז אַוועק אַ שרעקליכער געשלעג, דער אַסעסער האָט באַלד אַוועק-געשיקט אַ שטאַפעט צום איספּראַווניק, ער זאָל וואָס גיכער קומען. ער איז געקומען און האָט אָנגעשריבען אַ פּראָטאָקאָל אויף דרייסיג פּערזאָן, די סאַמע רעכטע פּני פון שטאָדט, און אַרעסטירט. האָט ער זיי אַלע-מען געוואָלט אָבשיקען קיין בריסק, דערביי איז זיי אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז אויב זיי וועלען נישט אויפנעהמען אהרן-לייזער'ן פאַר א איסבאָר-שטשיק, וועט ער איבערגעבען דעם אַסעסער מיט זיין געהילף, אַז זיי זאָלען פיהרען די שטאָדט.

האָט מען געבעטען דעם איספּראַווניק, ער זאָל וואַרטען אַ טאָג. מען וועט מאַכען אַנ'אספּה רבה, וועט מען זעהן. נאָך לאַנגע געשרייען

האָט מען זיך אויף דער אספּה אַרומגעזעהן, אַז זינט אהרן-לייזער איז אַוועק פון דער שטעלע, איז די שטאָדט געבליבען ווי אַ שיף אָהן אַ רודער, און אין שטאָדט איז קיין ברעקעל מאָלק נישטאָ. די בתי-מדרשים און, להבדיל, די באָד זענען אָבגעלאָזען. מען טהוט און מען לעבט אין קריעג, אהרן-לייזער איז אָבער אַ גוטער בעל-הבית, פאַר איהם זענען נישטאָ קיין בעזונדערע צדדים, וואָס זאָלען זיך כסדר אַרומרייסען, און אַגב איז ער גוט מיט'ן איספּראַווניק, וואָס איז געוויס וויכטיג.

דער איספּראַווניק האָט געקראָגען אַנ'ענטפער, אַז זיי ווילען אהרן-לייזער'ן.

— טאָ געהט איהם בעטען. — האָט זיי דער איספּראַווניק געהייסען, — וואָרום ער וויל נישט.

די פני העיר, די בעלי-בתים-השובים מיט'ן רב בראש זענען געקומען בעטען אהרן-לייזער'ן, אַז ער זאָל נעהמען צוריק די לייצעס אין האַנד. אָבער ער האָט נישט געוואָלט. נאָר נאָכדעם ווי דער איספּראַווניק האָט איהם געסטראַשעט, אַז ער וועט איבערגעבען די פיהרונג צום אַסעסער און וועט צונעהמען איינעם פון דעם זיידענס משפחה פאַר אַ זעלנער, האָט ער זיך ווידער געמוזט אונטערגעבען. נאָך די נאַכט האָט ער זיך מישב געווען מיט זיין ביילע-ראַשע'ן און עס איז ביי זיי פערבליבען, אַז ער מוז אָננעהמען צוריק דאָס איבּאָרשטשיקעריי.

— נאָר זי זעהט איין, — האָט זי געקלאָגט, — אַז דאָס איז אַנ'אומגליק פון גאָט.

ער האָט געהייסען וואַרפען גאַלקעס און איז איינשטימיג אויסגעקליבען געוואָרען. אַזוי איז ער צוריק געוואָרען איבּאָרשטשיק.

האָט ער באַלד נעשיקט נאָך יענעם שרייבער קיין בריסק, וואָס האָט זיך דאָרט פערנומען מיט פריוואַטער אַדוואָקאַטעריי. זיין ווייב און קינדער האָבען געוואוינט אין קאַמעניץ. דער זיידע האָט אָנגעהויבען אויף דאָס ניי צו פיהרען די שטאָדט ביד רמה, ווי פריהער, און עס איז אַוועק כשורה. קאַמעניץ האָט אָבגערוהט.

זענענדיג געוועהנט צו געוועלטיגען, האָט ער ווייטער געפיהרט ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען פרנס-חודש, וואָס די שטאָדט האָט

עס שוין לאַנג פערגעסען. נאָר לפנים וועגען פלעגט ער אַמאָל איינלאַדען די פּני אויף אַנ׳אספה. אויף דער אספה פלעגט מען זיצען און שווייגען, מען האָט מורא געהאַט אַ מויל אויפצועפענען און זאָגען עפּעס דאַגעגען. מען האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר זיין שכל, פאַר זיין מאַכט, און דערביי האָבען אַלע געוואוסט, אַז ער נעהמט פון דער שטאָדט קיין געלד ניט, אַז ער פערדינט פון זיינע געשעפטען גענוג און אַז בכלל שפּילט ביי איהם געלד קיין ראָליע ניט. און ווייטער קען מען זיך גלאַט אויף איהם פערלאָזען. זאָגט ער עפּעס, ווייס ער עס געוויס אויספיהרען.

דער זיידע האָט שוין געהאַט אַזעלכע מענשען, וואָס פלעגען איהם קומען דערצעהלען אַלץ, וואָס מען רעדט אויף איהם אין שטאָדט, און טאָמער האָט איינער געזאָגט אַ שלעכטע מיינונג אויף איהם, האָט מען איהם שוין געשטעלט אין אַזאַ מין „שוואַרצען צעטעל״. יענער זאָל צאָהלען צעהן מאָל אַזוי פיעל, ווי ער צאָהלט, און די מענשען, וואָס זענען איהם געווען איבערגעגעבען, דאָס הייסט, זיינע אמת׳ע גוטע פריינד, זענען כמעט געווען פריי פון אַלע אָבצאָהלונגען אין שטאָדט און אויך פריי פון מיליטער-דיענסט.

די געשעפטען מיט די פּריצים האָט ער ניט אַוועקגעוואָרפען, און די שטאָדט-ענינים האָט געפיהרט דער שרייבער. דאָסמאָל איז אַוועקגעגאַנגען אַ צאָהל יאָהרען כמעט אָהן קריגעריי.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז אהרן-לייזער האָט געפיהרט אַ ברייט לעבען, ער האָט געהאַט אַ חלק אין דער קאָראָבקע און פלייש האָט איהם קיין געלד ניט געקאָסט. אַז ער האָט בעדאַרפט חתונה מאַכען אַ טאָכטער, האָט ער פאַר דער חתונה געשיקט אין אַלע שטעדט אַרום אויסרופען אין די בתי-מדרשים, אַז אַלע אָרימע-לייט זאָלען קומען קיין קאַמעניץ צו איהם אויף אַ סעודה, לכבוד דער טאָכטער׳ס חתונה, און דריי טעג האָט מען געפּראַוועט סעודות. ער האָט געקוילעט אָקסען, און אָרימע-לייט האָבען געגעסען פלייש גאַנצע בערג.

אויף צוויי בערג — אויפ׳ן סלופּ-באַרג און אויפ׳ן אָדראָליענער-באַרג — האָט מען געקאָכט קעסלען, ווי סאָלדאַטען, פאַר די אָרימע לייט, און עס איז געווען געפּאַקט פון זיי. די שטאָדט האָט אויסגעזעהן ווי אַ לאַגער פון קבצנים.

אויף דער חתונה זענען געווען קאָברינער כּלי־זמר און צו די מאַהלצייַטען פון גאַנץ שבעת ימי המשתּה האָט קיין איינער פון די שטאָדט־בעלי־בתּים נישט געטאָרט פעהלען.

דריטעס קאַפּיטעל.

די „בהלה". — אײַזיק'ל דער קצב. —

אײַן טאָכטער האָט ער חתונה געמאַכט אין דער „בהלה". פּלוצלונג איז אַרויס אַ קלאַנג וועגען אַ נײַעם אוקאַז, אַז מײַדלעך און יונגלעך טאָרען נישט חתונה האָבען פֿאַר צוואַנציג יאָהר. און אָט דער אוקאַז, וואָס איז אַרויס אין יאָהר תקצ"ב, 1842, האָט אַרויסגערופען די בעריהמטע בהלה אין גאַנץ ליטאָ און וואָהלין. ווער עס האָט געהאַט אַ טאָכטער אָדער אַ זוהן ביַי אַכט יאָהר אַלט, האָט חתונה געמאַכט, און כּדי פּאָליציַי זאָל זיך נישט דערוויסען, האָט מען די חתונות געמאַכט שטילערהייד, פֿערבאָרגען, אָהן קיינע צערעמאָניעס.

עס זענען זיך צונויפגעקומען מחותּנים און מען האָט געבראַכט דאָס יונגעלע מיט דאָס מײַדעלע אין הויז פֿון אײַנעם פֿון די מחותּנים, געשטעלט אַ חופּה אין שטוב מיט אַ מנין יודען, און פֿערטרונקען מיט בראָנפען, צוגעביסען מיט אַ שטיקעל לעקעך — און גענוג. נאָכדעם האָט דייַער פֿאָטער צוגענומען דאָס יונגעל צו זיך, געקויפט איהם אַ טלית און ער האָט שוין אויף מאָרגען געדאַווענט אין אַ טלית, אָהן תּפילין. דער פֿאָטער, ווידער, פֿון דער כּלה, האָט צוגענומען צו זיך דאָס „ווײַבעל", אָבגעגאָלט איהר די האָהר פֿון קאָפּ און איהר אָנגעטהאָן אַ האָרבאַנד מיט אַ טשעפּיק'ל, און דאָס „ווײַבעל" מיט'ן „מאַנדעל" האָבען נישט געוואוסט, אַז זיי זענען מאַן און ווײַב.

די מחותּנים פֿלעגען אָפּט צוזאַמען-ברענגען די קינדער, ד. ה. דעם „מאַן" מיט דעם „ווײַב", אַז זיי זאָלען מעהר בעקאַנט ווערען

אײַנע מיט די אַנדערע. דאָס פּאָר-פּאָלק פלעגט צווישען זיך, פּער-שטעהט זיך, שפּילען ווי קינדער און שטיפּען, און יענס פּאָר-פּאָלק, וואָס איז געווען שכנים פון פריהער, האָבען זיך אודאי ווײַטער גע-שפּילט צוזאַמען, ווי אַמאָל.

און אָפּטמאָל פלעגט אין אַ געשלעג דאָס „מאַנדעל" אָבריַיסען דעם טשעפּיק און דעם האָרבאַנד פון דעם „ווײַבעל", און לאַכען פון איהר, וואָס זי געהט מיט אַנ'אָבגעגאָלטען קאָפּ, שרײַענדיג, אַז זי האָט אַ פּאַרך. זי פלעגט קומען אַהיים מיט אַ געוויין, און מען פלעגט איהר אָנזאָגען, אַז זי טאָר נישט געהן מיט דעם בלויזען קאָפּ, און צוריק אָנגעטהאָן איהר דעם האָרבאַנד מיט'ן טשעפּיק, דערבײַ איז איהר אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז אויב זי וועט נאָכאַמאָל קומען מיט אַ בלויזען קאָפּ אַהיים, וועט זי קריגען געשמיסען. אַז דאָס פּאָר-פּאָלק איז אַלט געוואָרען אַ צוועלף יאָהר, האָט מען זיי אויסגעזאָגט, אַז זיי זענען מאַן און ווײַב, אָנגעוואונשען זיי, אַז עס זאָל פון זיי אַרויסקומען אַ גוטער דור. דאָס ווײַבעל האָט מען אויסגעלערנט אַלע ווײַבערשע דינים, דער-בײַ האָט מען זיי מיהר געווען און אויסגעלערנט דעם יחוד.

אין דעם יאָהר פון דער בהלה, האָבען אין קאַמעניץ חתונה געהאַט אַלע קלײנע קינדער. עס פלעגען זיך צונויפקומען אַ פּאָר בעלי-בתים אין אַנ'אָווענד און אָבגערעדט צו ווערען מחותנים נאָך הײַנטיגע נאַכט. און בײַנאַכט, צעהן אַ זייגער, האָט מען שוין אויפגעוועקט די יונגע קינדער פון שלאָף.

— שטעה אויף און געה צו דער חופּה, — האָט מען צו די שלאָפעדיגע קינדער גערעדט.

אײַזיק דער קצב האָט דערצעהלט, — איך געדענק עס — ווי אַזוי ער האָט חתונה געהאַט:

— איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר אַכט און בין געלע-גען אויפ'ן בעט און געשלאָפען אין אָנטהאָן. האָט מיך די מאַמע אויפ-געוועקט:

— אײַזיק'ל, אײַזיק'ל, שטעה אויף און געה צו דער חופּה.

ווייס איך נישט, וואָס חופּה, ווען חופּה, און וויל נישט אויפ-שטעהן. האָט די מאַמע גערופען דעם טאַטען, ער זאָל מיך וועקען. שרײַט ער שוין, ווי אַ טאַטע:

— שטעה אויף, אײַזיק, וועסטו געהן צו דער חופה.
זאָג איך:
— איך וויל אין ערגעץ נישט געהן. איך וויל שלאָפען.
זאָגט דער טאַטע:
— שטעה אויף, זאָג איך דיר.
זאָג איך:
— איך וויל נישט.
האָט דער טאַטע מיר געגעבען אַ קניפּ מיט כעס און אַ זאָג:
— שטעה אויף!
האָב איך אָנגעהויבען וויינען, נעהמט דער טאַטע דעם קאַנטשיק און שמייסט מיך אָב. בין איך שוין, פערשטעהט זיך, וואַך און שטעה שוין מיט פערוויינטע און פערשלאָפענע אויגען. פרעג איך:
— וואוהין געהן?
זאָגט דער טאַטע:
— צו דער חופה.
— וואו חופה? — פרעג איך.
זאָגט דער טאַטע:
— מען וועט געהן צום מחותן, דאָרט וועט זיין חופה.
פערשטעה איך נאָך אַלץ נישט, וואָס דער טאַטע רעדט מיט מיר, „מהותּנים", „חופה", זאָג איך נאָכאַמאָל:
— איך וועל נישט געהן.
האָט אָבער דער טאַטע גענומען נאָכאַמאָל דעם קאַנטשיק אין דער האַנד און איך בין אַנטשוויגען געוואָרען.
די מאַמע האָט מיך איינגעוואַשען, אָנגעטהאָן דעם קאַפּטעל, פערשפּילעט די הייזלעך און הייסט מיר אָנטהאָן דאָס היטעל. מיין היטעל איז נישט געווען, איך האָב עס ערגיץ פערלוירען שטיפענדיג, איידער איך בין געגאַנגען שלאָפען. איז אַוועק אַ סדרה מיט דעם היטעל, און דער טאַטע זאָגט:
— ווען דו וואָלסט נישט דאַרפען ערשט געהן צו דער חופה, וואָלט איך דיך פאַר'ן היטעל רעכט אָבגעשמיסען.
דערווייל זענען געקומען שלוחים פון מחותן, פאַרוואָס געדויערט דאָס אַזוי לאַנג. האָבען אַלע אָנגעהויבען צו זוכען דאָס

היטעל און אַליין נישט געפונען, איז געוואָרען אַ מהומה. וואָס טהוט מען? דאָ איז שוין געוואָרען אַרום צוועלף אַ זייגער, און דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען שטאַרק מורא, טאָמער וועט דערווייל דער מחותן חרטה קריגען, איז זיי געוואָרען שלעכט אויפ׳ן האַרצען.

הייגט מען אָן צו קלערען: וועמען געהט מען אויפוועקען און באָרגען אַ יונגעל׳ס אַ היטעל, ביז אין דער-פריה. האָט מען געקלערט, געקלערט און נישט געוואוסט צו וועמען. אגב איז געווען שפּעט.

בכן איז שלעכט, נישטאָ קיין היטעל. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען נישט געקענט איבערטראָגען דעם עגמת-נפש. עס העלפט אָבער נישט. אָהן אַ היטעל קען מען נישט געהן צו דער חופּה. איז דער טאַטע אַוועקגעגאַנגען צום מחותן און געבעטען אָבלעגען די חתונה אויף מאָרגען, ווייל זיין ווייב, די מחותנת, איז נישט געזונד, און די מאַמע האָט מורא געהאַט, אַז דער מחותן זאָל דערווייל קיין חרטה נישט קריגען.

דער טאַטע האָט זיך דאָרט פערזאַמט, און די מאַמע האָט נישט געקענט איינזיצען. גאָט צו דאַנקען, דער טאַטע איז געקומען און געזאָגט, אַז די חופּה וועט זיין מאָרגען צעהן אַ זייגער בייטאָג.

אויף מאָרגען האָט מען מיר געקויפט אַ היטעל. אין דער-פריה בין איך געגאַנגען אין חדר אין דעם טאַטענס יאַרמאָלקע, און האָב דערצעהלט די יונגלעך אין חדר, אַז דער טאַטע האָט מיך געוואָלט נעהמען צו דער חופּה, נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין היטעל, בין איך נישט געגאַנגען. היינט וועט מיר דער טאַטע קויפען אַ היטעל, וועל איך היינט געהן צו דער חופּה.

זאָגט בייניש דעם בלעכער׳ס יונגעל, אַז ער איז געווען נעכטען ביי דער חופּה. ער איז געשטאַנען אונטער דער חופּה מיט דבורה׳ן, ברוך דעם סטאָלער׳ס מיידעלע. אַרום זיי האָט מען זיך געדרעהט און מען האָט עפּעס געזאָגט, און מען האָט געגעבען אַ פינגערינג, און ער האָט אָנגעטהאָן אויף דבורה׳ס פינגער, און דער טאַטע האָט געמאַכט מיט איהם אַ ברכה, און דערנאָך האָט מען געטאַנצט, און מען האָט געגעסען לעקעך און קיכעל מיט הערינג, און עס איז געווען זעהר געשמאַק.

אַז איך בין געקומען פון חדר, האָט מיר שוין די מאַמע אָנגע-

טהאָן דאָס נײַע היטעלע מיט אַ פרענזעלע.

האָב איך געפרעגט דער מאַמען:

— ווען װעל איך שוין געהן צו דער חופּה?

זאָגט די מאַמע:

— זאָלסט נאָר היינט נישט אַזוי אײַנשלאָפען, ווי נעכטען, מען האָט דיך נישט געקענט אויפוועקען.

זאָג איך:

— איך װעל שוין היינט נישט געהן שלאָפען פאַר דער חופּה.

אָבער נײַן אַ זייגער בין איך ווידער איינגעשלאָפען, און מען האָט מיך קוים אויפגעריסען פון שלאָף. בין איך געגאַנגען מיט דעם טאַטען און מאַמען צו דער חופּה. קום איך אַריין, זעה איך זיסלען, אַ מיידעלע, וואָס מיט איהר האָב איך זיך פאַראַכטאָגען שבת צושלאָגען ביי איהר פעטער אין שטוב. זי איז אַ שלעכטע, בין איך געװען מיט איהר ברוגז.

דערנאָך האָט מען אויפגעשטעלט די חופּה. מען פיהרט מיך אונטער, און אין אַ ווײַלע אַרום ברענגט מען זיסלען אונטער דער חופּה און מען שטעלט זי נעבען מיר. לויף איך אַוועק און זאָג:

— איך וויל נישט שטעהן מיט זיסלען אונטער דער חופּה, איך בין ברוגז מיט איהר.

זאָגט די מאַמע:

— אײַזיק'ל, דאָס איז דאָך דײַן כּלה.

זאָג איך:

— איך וויל נישט זיסלען פאַר אַ כּלה, גיב מיר אַנ'אַנדער כּלה. און איך האָב נישט געוואָלט שטעהן מיט זיסלען אונטער דער חופּה. האָט שוין דער טאַטע אָנגעהויבען אויף זײַן שטייגער צו ריידען מיט מיר מיט כּעס, אָבער איך האָב נישט געוואָלט, זאָגט דער טאַטע:

— איך װעל שיקען ברענגען פון דער־היים דעם קאַנטשיק און װעל דיר גוט אַריינלעגען, אויב דו וועסט נישט שטעהן אונטער דער חופּה, אָדער גיט מיר אַהער אַ פּאָר ריטער, וועל איך איהם באַלד, דעם חתן, מקיים־פּסק זיין.

זאָגט יוסעל:

— גוט, גוט. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס ער האָט מיך געריסען שבת פאַר די האָהר און איך וויל מיט איהם נישט שטעהן אונטער דער חופה.

איז געווען די אייגענע געשיכטע מיט דער כלה. פריהער האָט די מאַמע געבעטען, דערנאָך האָט דער טאַטע געסטראַשעט מיט'ן קאַנטשיק.

קורץ, עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר שעה צייט און די „חתן-כלה" ווילען נישט שטעהן אונטער דער חופה. די גערופענע געסט צום מנין ווילען שוין אַוועקגעהן. האָט מען אַריינגענומען אַ בעזים און מען האָט אָנגעהויבען אויסצורייסען ריטער פאַר מיר מיט זיסלען. האָבען מיר זיך פונאַנדערגעוויינט און, וויינענדיגע, ביידע געשטעלט זיך אונטער דער חופה.

האָט מען מיר געהייסען נעהמען איהר פינגער און אָנטהאָן דאָס פינגערל. האָב איך נישט געוואָלט נעהמען איהר פינגער. האָט מיר דער טאַטע געגעבען אַ פּאַטש און וויטער געסטראַשעט מיט ריטער, האָב איך שוין גענומען איהר פינגער און בין געוואָרען בייז, פאַרוואָס מען נויט מיך אָנצונעהמען איהר פינגער. האָב איך איהר געגעבען אַ קניפּ. האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען. האָט זיסעלעס טאַטע איהר געגעבען צוויי גילדען און מיין טאַטע האָט מיר געגעבען צוויי גילדען, אַז מען זאָל ווערען שלום. האָב איך שוין גענומען איהר פינגער און געמאַכט די ברכה מיט'ן זיידען, געזאָגט מזל-טוב און אָנגעהויבען טאַנצען. דערנאָך האָט מען מיך געזעצט ביים טיש מיט זיסלען און מען האָט געגעסען לעקעך און איינגעמאַכץ. האָט זיסעל פּלוצלונג אָנגעהויבען צו וויינען. זאָגט די מוטער:

— וואָס וויינסטו זיסעלע?

זאָגט זי:

— איך וויל פּ...

האָט מען איהר אַרויסגעפיהרט.

זאָג איך:

— איך וויל אויך.

האָט מען מיך אויך אַרויסגעפיהרט און דערנאָך געזעצט אונז אײנע נעבען די אַנדערע. דערנאָך זענען מיר אײַנגעשלאָפען, האָט

מײַן שװעסטער חיה מיך אװעקגעפֿירט אַהײם און זיסלען האָט מען אויך געלעגט שלאָפֿן.

אויב איך האָב געהאַט אַ שטיקעל שמחה, איז עס געװען דאָס, װאָס איך בין אין דער װאָך נישט געגאַנגען אין חדר פֿון דינסטאָג ביז זונטאָג. אויף מאָרגען איז געקומען צו אונז אויף מיטאָג דער מחותן, די מחותנת׳טע און זיסעל מיט אַנ׳אָפּגעגאָלטען קאָפּ און מיט אַ טשע־פּיק׳ל ביז די אויגען. די מאַמע האָט געקאָכט אַ הוהן אויף מיטאָג. אַ הוהן, װײַל אַ גאַנצע װאָך איז קײן פֿלײש נישטאָ, סײַדען, אַז עס מאַכט זיך אַ שמחה. גיט דער בעל־שמחה דעם קצב געלד אויף אַ קוה, אָדער אַ קאַלב און װערט מיט איהם מושוה, װי טײַער ער װעט איהם רעכענען אַ פֿונט פֿלײש. פֿאַרהאַן אײן קצב, װאָס קוילעט פֿאַר דער גאַנצער װאָך אײן קיהעלע. דאָס איז בעשטעלטע פֿלײש פֿאַר די פּריצים, װי דער אַסעסער, דער שרײַבער, אַ פּאָר רײַכע מעשטשאַ־נעס. און טאָמער בלײַבט אױס פֿון דעם דאָזיגען בעשטעלטען קיהעלע, פֿערקױפֿט ער דאָס איבערגעבליבענע די עקאָנאָמעס פֿון די פּריצים.

נאָכ׳ן עסען איז איבערגעבליבען זיסעלע בײַ אונז. זי איז מיר אָבער מיט איהר טשעפּיק נישט געפֿעלען געװאָרען. אַז מיר האָבען זיך גענומען שפּיעלען, האָב איך דאָס ערשטע אַראָפּגעריסען בײַ איהר דאָס טשעפּיק׳ל און איך טהו אַ קוק — אַ װײַסער אָפּגעגאָלטער קאָפּ. האָב איך אָנגעהויבען שרײַען:

— פֿע, אַ פֿאַרך, אַ פֿאַרך.

האָט זי זיך פֿערשעמט און אָנגעהויבען צו װײנען. איז דער טאַ־טע געװאָרען בײז אויף מיר און האָט מיך אָפּגעשמיסען פֿאַר זיסלען אין די אויגען. (דער טאַטע פֿלעגט מיך אָפֿט שמײַסען). בעת שמײַ־סען האָט ער מיר אויסגערעכענט מײַנע עבירות:

— אַ יונגעלע, אַ יונגעלע װעט װײַטער נישט אָברײַסען דעם טשעפּיק זיסלען, און נישט רופֿען זי פֿאַרך...

שרײַ איך װײנענדיג אונטער די שמיץ:

-- נײן, טאַטעלע, איך װעל שוין װײַטער דאָס נישט טהאָן.

און זיסעל האָט פֿון גרויס געװײן אָנגעהויבען צו לאַכען, בשעת מען האָט מיך געשמיסען. דערנאָך האָט מען איהר אַװעקגעפֿירט אַהײם און מיר זענען װײַטער געװאָרען ברוגז, ז׳ פֿאַר דער חרפּה,

וואָס איך האָב איהר אָנגעטהאָן און איך פאַר די שמיץ, וואָס איך האָב צוליעב איהר געקראָגען.

אויף מאָרגען איז דער טאַטע מיט דער מאַמען געגאַנגען צום מחותן אויף אַ מיטאָג, און איך האָב נישט געוואָלט געהן. האָבען זיך נאָר די מחותנים אַליין געפרעהט, אָבער איך מיט זיסלען זענען זיך נישט צונויפגעקומען. שבת האָט דער מחותן געמאַלט ביי זיך אַ מנין און דער טאַטע האָט מיך גענומען צום דאַוונען. מען האָט מיך אויפ־גערופען ששי, ווי עס קומט אַ חתן נאָך דער התונה. נעבען טיש, וואו מען לייענט, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ בענקעלע און דער טאַטע האָט געמאַלט מיט מיר די ברכה. אַ טלית'ל פאַר מיר האָט שוין דער טאַטע בעשטעלט דורך דעם בעל־עגלה, ער זאָל מיר ברענגען פון בריסק, און נאָכ'ן דאַוונען געגעבען לעקעך און בראַנפען. מען האָט מיך געזעצט ביים טיש, אָבער זיסעל האָט נישט געוואָלט זיצען ביים טיש מיט מיר.

אַזוי איז אַוועק אַ פּאָר חדשים, מיר זענען געווען ברוגז. עס איז געקומען פסח, האָט די מאַמע געבעטען זיסלען צו זיך אויף פסח. מען האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלען שוין שלום ווערען. די מאַמע האָט אונז געגעבען ניס און די שוויגער האָט אונז אויך געגעבען ניס צום שפּיעלען זיך. איך בין געווען אַ בן־יחיד און האָב געפרעגט די פיער קשיות. איז זיסלען, ווי ס'ווייזט אויס, געפעלען געווען מיינע קשיות פרעגען, און דערנאָך האָבען מיר זיך ביידע געשפּיעלט אין ניס, ביידע טעג יום־טוב. אויף די אַנדערע טעג פסח האָט מיך פערבעטען דער שוועהר. האָט מיך די מאַמע אַוועקגעפיהרט. דעם גאַנצען טאָג בין איך געווען ביים שוועהר, געשפּיעלט מיט זיסלען, און אין אָווענד איז געקומען די מאַמע מיך אָבפיהרען אַהיים שלאָפען און אין דער־פריה האָט זי מיך ווייטער געבראַכט צום שוועהר.

דעם לעצטען טאָג פסח האָב איך פערשפּיעלט די גאַנצע ניס ביי זיסלען. זי איז געווען אַ קלוגע, און האָט כמעט בעסער געשפּיעלט פאַר מיר, בין איך געוואָרען בייז, און ווייטער איהר אַראָבגעריסען דעם טשעפּיק און נישט ווילענדיג אַ געשריי געגעבען:

— פאַרך!...

דאָ האָב איך זיך געקויפט אַ מפטיר. זיסעל איז צוגעלאָפען צו

דער מוטער מיט אַ גרויס געוויין. האָט די מוטער מיר געגעבען אַ פּאַטש פון גרויס כעס.

דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיר שוין צושטעלען אַ געשמיסענעם ביים רבי'ן, בין איך אַנטלאָפען אַהיים און דער שוועהר איז באַלד געקומען צום טאַטען מיט אַ „ספּראַווע" אויף מיר:

— סטייטש, אַזאַ צולאָזען יונגעל, מען מוז איהם איין מאָל פאַר אַלעמאָל אָנשמייסען, אַז ער זאָל האָבען צו געדענקען.

האָט מען שוין איבערגעגעבען דעם רבי'ן, אַז ער זאָל מיך גוט אָבשמייסען פאַר מיין רייסען זיסלען דעם טשעפּיק און רופען פאַרך. דער רבי האָט מקיים־פּסק געוועזען נאָך ביתר־שאת, און פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין קיינמאָל איהר נישט געריסען דעם טשעפּיק און נישט גערופען זי מיט'ן מיאוס'ען נאָמען. און מיר זענען געוועזען ברוגז אַ גאַנץ יאָהר ביז איבעראיאָהר פּסח.

האָט די שוויגער ווידער געבראַכט זיסלען צו אונז אויף פּסח און ביידע מאַמעס העבען זיך אַריינגעלעגט צו מאַכען צווישען דעם „פּאָר־פאָלק" אַ שלום. מיר זענען שלום געוואָרען און האָבען זיך שוין מעהר נישט געקריגעט. די האָהר זענען ביי איהר דערוויל אונטערגעוואַקסען, האָט זי שוין אַלעמאָל אויסגעטהאָן דעם טשעפּיק און מיר האָבען אין דעם געשפּיעלט אין ניס. פריהער פלעגען מיר שפּיעלען אין מיין יאַר־מאָלקע.

אַז מיר זענען אַלט געוואָרען אַ יאָהר צוועלף, האָט מיין טאַטע מיר אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז מיר זענען מאַן און ווייב. דאָסזעלבע האָט זיסלען געזאָגט איהר מאַמע, און מען האָט אונז צונויפגעבראַכט.

די מאַמע האָט זיסלען אויסגעלערנט, ווי זי דאַרף זיך בעגעהן מיט'ן מאַן און מיך האָט דער טאַטע אויסגעלערנט, ווי איך זאָל מיך בעגעהן. זענען מיר געבליבען מאַן און ווייב און אַזוי לעבען מיר ביז אויף היינטיגען טאָג, געלויבט דער אויבערשטער. זי גיט מיר אַפילו קללות צייטענווייז, נאָר איך בין שוין צוגעוועהנט. איך ענטפער איהר נישט, און איצט, געלויבט דער אויבערשטער, מאַכען מיר חתונה אַ טאָכטער, זאָל זיין מיט מזל.

אָט די אמת'ע מעשה, וואָס איך האָב הומישנע אויספיהרליך געבראַכט, איז העכסט האַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט.

אַזוי האָבּען זיך אַלע פאַר-פאָלק געפיהרט. דאָס יונגעלע האָבּען זיינע עלטערן צוגענומען און דאָס מיידעלע — איהרע עלטערן. און מען פלעגט זיי שטענדיג צוזאַמענבּרענגען, אַז זיי זאָלען זיך שפּיעלען, און אַז זיי זענען געווען שכנים, האָבּען זיי זיך ווייטער געשפּיעלט ווי בּריהער. זיי פלעגען זיך צושלאָגען פיעל מאָל און ער פלעגט אָבּרייסען דעם טשעפּיק און די טאַטעס פלעגען זיי בּעשטראָפען מיט ריטער, ווי פערציַיטענס.

שמייסען קינדער איז געווען אַ געוועהנליכע זאַך. פאַר אַ מינדסטע קליינינגקייט פלעגט מען בּאַלד שמייסען. מען פלעגט שמייסען יונגלעך, בּעלי-הבית׳לעך, הייסט עס, פון פערצעהן-פופצעהן יאָהר, וואָס האָבּען שוין אַליין קינדער, און שמייסען מאַמעס פון קינדער.

מען מוז אָבּער אָנערקענען, ווי דאָס איז נישט מאָרנע, אַז דאָס רוב פון די דאָזיגע חתונה-געהאַטע האָט זיך דערנאָך, אויסוואַקסענדיג, גאַנץ גוט איינגעלעבּט. מאַן און ווייב האָבּען איינע די אַנדערע געשעצט און זיך האָלט געהאַט. נאָר אַ מעוט האָט זיך דערנאָך אַרומגעריסען פאַר די נעזער און האָט זיך געמוזט גט׳ן.

די בּהלה האָט, ווי געזאָגט, מעהר נישט געדויערט ווי איין יאָהר.

אַז דער קלאַנג וועגען אוקאַזו איז געקומען אין קאַמעניץ, זענען שוין די פּני געקומען פרעגען דעם זיידען וועגען דעם. מחמת די זאַך איז געווען זעהר אַ וויכטיגע פאַר יענער צייט, איז אהרן-לייזער געפאָהרען קיין בּריסק און אָנגעפרעגט דעם איספּראַווניק. דער לעצטער האָט געענטפערט, אַז עפּעס אַזוינס איז יאָ אָנגעקומען פון מיניסטער, למשל, עס איז געקומען פון פּעטערבּורג אַ פּאַפּיר צו די גובּערנאַטאָרען, אין וועלכען עס ווערט געבּעטען מעלדען דער רעגירונג צו וויפיעל יאָהר האָט מען בּיי יודען חתונה, ווייל מען האָט זיך דערוואוסט, אַז די יודישע זעלנער זענען כמעט אַם-מיינסטען פאָטער׳ס פון עטליכע קינדער, און לויט דעם איספּראַווניק׳ס השערות, וועט דער מיניסטער אַוודאי אַרויסגעבּען אַנ׳אוקאַז, אַז פאַר צוואַנציג יאָהר זאָלען יונגלעך נישט חתונה האָבּען, און אַזוי אויך, פערשטעהט זיך, מיידלעך, און אַז אהרן-לייזער איז געקומען קיין קאַמעניץ, האָט זיך בּאַלד אָנגעהויבּען די בּהלה.

אין בריסק האט זיך די בהלה אנגעהויבען פריהער, און די קא־מעניצער האבען גארנישט פארגענומען. זיי האבען געקוקט אויף אהרן־לייזער'ן. ער האט אבער נישט געוואלט אבשטעהן פון אלע יודען און האט חתונה געמאכט זיין טאכטער צו עלף יאהר.

פירטעס קאַפּיטעל.

מיין פאָטער משה. — זיין נייגונג צו חסידות. — דער שידוך. — ר׳ לייזער דער גראָדנער רב. — מיין מוטער. — מיין פאָטער אַלס הייסער חסיד. — זיין אַנטלויפען צום רבי׳ן. — זיין קאַמפף מיט׳ן זיידען. — די אַרענדע. — דער רעוויזאָר. — קאַמענעצער חסידים.

אהרן-לייזער האָט געהאַט אַ זוהן משה, וואָס איז געווען אַ געראָטען יונגעל. צו צוועלף יאָהר האָט שוין דער זיידע אָנגעהויבען צו צולאָזען שדכנים, וועלכע ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל פאַר זיין זוהן משה׳ן נעהמען אַ רב׳ס אַ טאָכטער, און דוקא אַ גרויסען רב׳ס.

דער שדכן, ר׳ בעריל-מיכל, האָט איהם מודיע געווען, אַז דער היגער רב האָט אַ ברודער, גראָדנער מורה-הוראה, ר׳ לייזער, וואָס איז ר׳ הילל׳ס אַנ׳איידעם. ר׳ הילל אַליין איז ר׳ חיים וואָלאָזשינער׳ס אַנ׳איידעם. אַלזאָ, איז דאָס גאָלע יחוס. דער דאָזיגער ר׳ לייזער האָט אַ טאָכטער. אַ מיידעל, וואָס שטעהט אין שדוכים. וויים ער אָבער נישט, דער שדכן, צו יענער וועט זיך לאָזען רעדען אַ שידוך מיט אַ איסבאָר-שטשיק׳ס אַ זוהן.

— איהר וואָלט דאָס געקענט אפשר אויספיהרען, — האָט דער שדכן געגעבען צו פערשטעהן, — מיט אונזער רב, אַז ער זאָל וועלען, קען אפשר זיין דער שידוך.

אהרן-לייזער׳ן איז דאָס געפעלען געוואָרען, האָט ער געשיקט דעם שדכן צום רב. דער רב האָט דעם שדכן אַרויסגעטריבען.

אַ העזה אַביסעל — האָט דער רב געכעס׳ט, — צו ריידען מיין ברודער, דעם גאון, מיט אַ קאַמעניצער איסבאָרשטשיק.

אהרון-לייזער האָט קיין סך נישט געקלערט, איז אַליין אַוועק צום רב און האָט איהם געזאָגט בזה הלשון:

— איהר ווייסט, רבי, אַז איך האָב זעהר אַ גוט יונגעל פון צוועלף יאָהר... איהר האָט אודאי פון איהם געהערט...

דער רב האָט גוטמוטהיג געענטפערט:

— איך האָב געהערט, אַז אייער יונגעל האָט אַ גוט קעפּעל.

— איך האָב אָבער געהערט, — רעדט ווייטער אהרון-לייזער, — אַז אייער ברודער, ר׳ לייזער, דער גראָדנער רב, האָט אַ מיידעל, וואָס שטעהט אין שידוכים, וויל איך זיך מיט איהם מתחתן זיין. געלד, פיעל מען וועט מיר הייסען, וועל איך געבען. בעט איך אייך טאַקע, אַז איהר זאָלט זיין דער שדכן פון דעם שידוך. וואָרום איך ווייס, אַז ווען איהר וועט ראַטען אייער ברודער, וועט ער׳ אייך פאָלגען. דער שדכן בעריל-מיכל האָט מיר אַפילו איבערגעגעבען, אַז איהר האָט זיך שטאַרק „אָנגעבייזערט״ אויף איהם, — האָט זיך דער זיידע ווייטער גערעדט, — ווי קומט ער ריידען זיין ברודער דעם גאון מיט אַ איס-באָרשטשיק? זאָג איך אייך אָבער, רבי, קורץ: איך גיב אייך צוויי ברירות, אָדער איהר זאָלט זעהן אויספיהרען דעם שידוך, אָדער איהר זאָלט זיך זוכען אַן אַנדער שטאָדט. איך גיב אייך צייט ביז איבער שבת. אויב איהר וועט מיר אָבזאָגען דעם שידוך, זאָלט איהר גלייך אין דעמזעלבען טאָג אַרויספאָהרען פון קאַמעניץ.

אין דעם פאַל האָט זיך, פערשטעהט זיך, אַרויסגעוויזען דער זיידע מיט זיין גאַנצען דעספּאָטיזם און ווילדקייט.

דער רב איז געבליבען טויט ווי די וואַנד. ער האָט געוואוסט, אַז קיים האָט אהרון-לייזער אַרויסגעזאָגט, וועט ער זיך שוין האַלטען אָן דעם, וואָרום ביי איהם איז געזאָגט — געטהאָן, און ווער קען זיך דאָס געגען איהם שטעלען?

האָט דער רב געבעטען, אַז אהרון-לייזער זאָל איהם וואַרטען צוויי וואָכען צייט, וועט ער זאָגען אַ תשובה. דערמיט איז אהרון-לייזער מסכים געוואָרען.

דער רב האָט געשיקט רופען אַ פּאָר בעלי-בתים חשובים, האָט

זײַ פּערטרויט די גאַנצע געשיכטע און האָט זיך מיט זײַ געהאַלטען אַנ׳עצה. די בעלי-בתּים האָבען בעוואונדערט דעם זײַדען׳ס אַכזריות, אַז עס איז אַ רציחה׳דיגע זאַך צו נויטען אַזאַ גאון, וואָס איז אויסגע-קנאָטען דורך און דורך מיט די גרעסטע גאונים: דער גרויסער גאון ר׳ ליב-איטשע איז דער רבי׳צענס אַ ברודער, ר׳ הילל איהרער אַ פֿאָ-טער, ר׳ חיים וואָלאָזשינער — אַ זײַדע, ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער — אַ פֿעטער, דער גרויסער גאון ר׳ יחזקאל, וועלכער איז געווען פריהער דעם ווילנער גאון׳ס אַנ׳אײַדעם, איז ר׳ לײַזערס אַ פֿאָטער, ר׳ שמואל מינסקער גליל-רב איז זײַנער אַ זײַדע, ר׳ שמחה, גראָדנער געוועזענער רב אויך אַ זײַדע און נאָך אַ דרײַ ברידער זעניען גאונים און רבנים אין די גרעסטע שטעדט — זאָל טהאָן אַ שידוך מיט אַ איסבאָרשטשיק. נאָר פּערפאַלען. אהרן-לײַזער זאָגט, וועט ער אויספיהרען זײַנס, וואָרום וואָס פיהרט ער דען ניט אויס? און זײַ האָבען איהם קיין עצה ניט גע-קענט געבען.

דאָך איז געבליבען, אַז ער זאָל שרײַבען דעם ברודער, ר׳ לײַ-זער׳ן, קיין גראָדנע מכּח דעם און ווי יענער וועט זאָגען, אַזוי וועט ער טהאָן. ער האָט געשיקט אַ בריעף און בעקומען גאָר אַנ׳אונגעריכטע תּשובה, אונגעפעהר מיט אַזאַ אינהאַלט:

„איך זעה, ברודער, אַז דאָס איז בעשערט פון גאָט. מסתּמא וויל אַזוי גאָט. דאַרפען מיר זײַן צופריעדען מיט זײַן משפּט. איז דער חתן חאָטש אַ גוט יונגעל? אויב עס קען פון איהם אַרויסקומען אַ רעל-טער למדן, קען מען דעם שידוך טהאָן״.

דער רב האָט אָבגעטראָגען דעם בריעף צו אהרן-לײַזער׳ן און געוויזען איהם. אהרן-לײַזער איז געווים געוואָרען מלא שמחה.

— איצט, קריגט איהר בײַ מיר, רבי, נאָך אַ רובל אַ וואָך שכירות — האָט ער געגעבען די הענד מיט התפּעלות, — איך וועל פאָהרען קיין גראָדנע זעהן דאָס מיידעל. טאָמער איז דאָס מיידעל, חלילה, אַ קאַליקע, אָדער זעהר אַ העסליכע? איך האָב מײַן משה׳ן זעהר ליעב, וויל איך איהם געבען אַ רעכט ווײַב, אויסער דעם יחוס.

קיין גראָדנע איז ער געפאָהרען צוזאַמען מיט׳ן רב און דאָס מײַ-דעל איז איהם געפעלען געוואָרען. מען האָט געשריבען תּנאים און צו-געזאָגט טויזענד רובל נדן. דרײַ יאָהר קעסט דאַרף ער זײַ געבען בײַ

זיך אין קאַמענִיץ און האַלטען דעם זוהן אַ מלמד און דערנאָך זאָל ער זיי אָבשיקען קיין גראָדנע, אַז דער אײדעם זאָל לײַרנען בײַם שוועהר און ער וועט שיקען געלד פאַר די קעסט.

דער חתן משה איז אַלט געווען צו די תּנאים דרײַצעהן יאָהר און די כלה שרה אַכצעהן אָדער נײַנצעהן יאָהר. נישט אומזיסט האָט איהר פאָטער אַזוי גיך אײַנגעשטימט.

צו דער חתונה זענען אַראָבגעפאָהרען רבנים פון דער גאַנצער פאַמיליע, און די חתונה איז געווען אַזוי גרויס, אַז די גאַנצע אַכט טאָג האָט שטאָדט געטהאָן און געהוליעט. בראָנפען איז געווען גאַנצע פעָ-סער. דער עולם האָט געטרונקען אױף וואָס די וועלט שטעהט.

די מחותּנים מיט די רבנים זענען אַוועקגעפאָהרען צופריעדען, זיי האָבען נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזאַ ברײַטע חתונה און האָבען נאָך קיינמאָל נישט געזעהן, אַז אַ גאַנצע שטאָדט זאָל הוליען אויף אַ שמחה. אָבער זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז כמעט אַלע, וואָס זענען געקומען צו די מאָהלצײַטען, האָבען דאָס נאָר געטהאָן פון אימה און נישט פון אהבה.

פאַר משה'ן האָט אהרן-לײַזער געזוכט עפּעס אַ גרויסען למדן פאַר אַ מלמד. ער האָט געוואָלט, אַז זײַן זוהן זאָל אויך ווערען אַ רב. עפּעס אַ קלײַניגקײַט, ער פאַלט איצט אַרײַן צו אַזאַ חברה רבנים און גאונים. האָט ער אַראָבגעבראַכט פון בריסק אײנעם אַ ר' אָרעלע, אַ זעלטענער למדן, האָט צוגעקליבען צום זוהן נאָך אַ דרײַ נגיד'ישע און גוטע יונגלעך, און מען האָט געגעבען ר' אָרעלע'ן הונדערט רובל אַ זמן, ער זאָל לערנען מיט די פיער יונגלעך, וועלכע זענען שוין געווען חתנים. און אין יענע צײַט איז פינף-און-צוואַנציג רובל פאַר אַ זמן געווען אַ שלל מיט געלד.

אָבער אהרן-לײַזער האָט זיך אינגאַנצען אָבגענאַרט. ער האָט נישט געוואוסט, אַז ר' אָרעלע איז אַ גרויסער חסיד, און ער וועט נאָר מאַכען זײַנע תּלמידים פאַר חסידים און נישט פאַר רבנים. ר' אָרעלע האָט אײַנגעפלאַנצט אין זײַנע תּלמידים חסידות און האָט זיי געמאַכט פאַר הײסע חסידים, און אַז זיי וועלען חתונה האָבען, וועלען זיי גאָר באַלד מאַכען אַ הײַדאַ צום רבי'ן, ר' משה'לע קאָברינער, וואָס איז געווען ר' אָרעלע'ס רבי.

אהרן-לייזער איז, פערשטעהט זיך, געווען א גרויסער מתנגד אוי דער רב נאך א גרעסערער, אזוי, אז צו איהם איז געקומען א יורענג פון זאסטאוויע און געקלאגט זיך פאר איהם, אז דער זוהן איהרער איז געווארען א חסיד, האט דער רב געהייסען דער מוטער רייסען קריעה און זיצען שבעה. און דער ברודער, ר' לייזערקע, דער גראדנער רב, איז אוודאי געווען א פערקאלטער מתנגד, דאס איז דאך עפעס פון ר' חיים וואלאזשינערס קינדער!

און טאקע באלד, נאך דער חתונה, האט זיך דער זוהן משה ארויסגע׳גנב׳עט פון דער-היים און אוועקגעפאהרען קיין קאברין צום רבי׳ן. משה האט געוואוסט, וואס פאר א מלחמה ער וועט דא האבען מיט זיין פאטער, ער האט איהם גוט געקענט.

ער האט אויך געוואוסט, אז ער מאכט-אן א חורבן ביים שווער׳ס פאמיליע, די מתנגד׳ישע גאונים, אז ער גיט ממש א קלאפ דערמיט זיין שוועהר דעם צדיק, וואס וויל, אז זיין איידעם זאל זיין א רב, וואס איז גאר אונמעגליך פאר א חסיד. פונדעסטוועגען אבער האט ער אויף קיין זאך נישט געקוקט און האט געטהאן זיינס. ער איז נישט געווען עהנליך אין פאטער. ער איז אפשר געווען דער היפך, ער איז געווען אנ׳אידעאלעס קינד, א שטילס און זעהר א רעליגיעזעס, און אז ווען ער וואלט עמיצען פערשאפט נאך א גרעסערן עגמת-נפש דערמיט, וואס ער האט זיך איבערגעגעבען צו חסידות, וואלט ער אויך דערויף נישט געקוקט. אזוי האט איהם געטריבען דאס הארץ, און ער האט געמוזט.

עס איז איבעריג צו זאגען, וואס פאר א קלאפ דאס איז געווען פאר אהרן-לייזער׳ן. דער זוהן האט איהם דא איבערגעדרעהט אלע זיינע פלענער. יענער האט מיט אזא ענערגיע אויסגעארבייט צו האבען מחותנים גאונים און א זוהן א רב — דארף מען דען בעסער? און פלוצלונג — נא דיר!

ער האט גלאט קיינמאל נישט משער געווען, אז מיט זיין זוהן זאל זיך דאס טרעפען, דאס איז פאר איהם געווען שרעקליך אונער-ווארטעט. ר' ארעלע, דער רבי, האט געוואוסט, אז קוים וועט משה׳לע אוועקפאהרען צום רבי׳ן, וועט איהם אהרן-לייזער אויסרייסען דער-פאר, און ער האט טאקע די רגע געמאכט פליטה.

פון דער פליטה האָט אהרן-לייזער נישט געוואוסט, האָט ער געשיקט צוויי דיעסיאַטניקעס צו ר׳ אָרעלען ברענגען איהם. אָבער אַז מען האָט איהם געזאָגט, אַז ר׳ אָרעלע איז אַנטלאָפען, האָט ער באַלד געשיקט צום אַסעסער, ער זאָל איהם געבען זעקס דיעסיאַטניקעס און דערביי זאָל ער זיי אָנזאָגען, אַז וואָס אהרן-לייזער וועט זיי הייסען, זאָלען זיי טהאָן. אַזאַ זאַך טאָר דער אַסעסער נישט טהאָן. אָבער געהמענדיג אין אַכט, אַז דער זיידע האָט אַזוי גוט געלעבט מיט׳ן איספּראַווניק, האָט דער אַסעסער ערפילט די בקשה.

האָט אהרן-לייזער געשיקט די דיעסיאַטניקעס אַראָבנעהמען דעם דאַך פון ר׳ אָרעלעס הויז, וואָס ער האָט געקויפט באַלד ווי ער איז געקומען קיין קאַמעניץ. נאָר אהרן-לייזער׳ס ברודער, מרדכי-ליב, האָט עס נישט דערלאָזט. מען טאָר דאָס נישט טהאָן. עס איז נישט יודישליך. עס פערשטעהט זיך, ווען מרדכי-ליב פערשפּעטיגט איין שעה צייט, וואָלט שוין אָרעלע׳ס הויז געווען צונומען.

דעמאָלט האָט אהרן-לייזער אַוועקגעשיקט אַ שליח, איינעם אַנ׳אָנגעזעהענעם בעל-הבית קיין קאָברין, אָנזאָגען דעם רבי׳ן, אַז אויב ער וויל זיצען אין קאָברין רוהיג און פיהרען דאָרטען זיינע רבי׳רייען, טאָ זאָל ער איהם שוין, די מינוט, אָבשיקען דעם זוהן און שווערען, אַז ער וועט איהם שוין מעהר קיינמאָל נישט פערנאַרען צו זיך.

אָבער דער רבי האָט, נעבעך, דאָ גאָרנישט געקענט העלפען. דער יונגער פערצעהן-יעהריגער משה איז געוואָרען אַ פערברענטער חסיד און האָט מיט גרויס מסירת-נפש געזאָגט:

— רבי, נפשי קשורה בנפשך, איך וועל נישט אָבטרעטען פון אייך, סיידען מיט׳ן טויט.

דער שליח האָט דעמאָלט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי אָנזאָגען משה׳ן אין נאָמען פון פאָטער, אַז אויב ער וועט נישט קומען גלייך אַהיים און וועט נישט שווערען, אַז ער וועט מעהר קיין חסיד נישט זיין, טאָ זאָל זיין פוס מעהר נישט איבערטרעטען דעם טאַטען׳ס שוועל.

אָבוועזענדיג אַ פּאָר וואָכען ביים רבי׳ן, איז משה געוואָרען נאָך פערברענטער אין חסידות. אַז אַהיים קען ער נישט קומען, האָט ער געוואוסט. פלעגט ער שרייבען צום פאָטער׳ס מחותן ר׳ זעליג אַנדער-

קעם און פרעגען, צי קען ער קומען צו זיי און צי נעהמט ער זיך אונטער אָבצוהיטען איהם פון פאָטערס צאָרן. זעליג האָט געשריבען, אַז ער נעהמט איהם אויף זיינע פּלייצעס, ער מעג קומען קיין קאַמעניץ און גלייך פערפאָהרען צו איהם. אַזוי איז משה אָבגעווען עטליכע חדשים ביי זעליג'ן און ביים רבי'ן אין קאָברין.

דער שוועהר זיינער, ר' לייזער דער גראָדנער מורה-הוראה, האָט פון דעם נישט געוואוסט. מען האָט נישט געוואָלט איהם מצער זיין.

דערווייל האָט שרה, משה'ס ווייב, געהאַט אַ יונגעל, און מען האָט געגעבען צו וויסען ר' לייזער'ן. איז ער געקומען אויפ'ן ברית קיין קאַמעניץ און פערפאָהרען צום ברודער, צום רב. דאָ איז ער געוואָהר געוואָרען פון דער גאַנצער מעשה און עס האָט איהם געקאָסט אַ סך געזונד. מאָרגעז איז ער אַריינגעפאַלען מיט דער טאָכטער: אַ מחותן אַ איסבאָרשטשיק, און אַ חסיד אַנ'איידעם, וואָס איז ערגער פון אַלץ אין דער וועלט. עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז קוים ווערט איינער אַ חסיד, וועלען דאָך זיינע קינדער, זיינע אייניקלעך א. ז. וו. אויך זיין חסידי'ם. און אַזוי וועלען דורות אַוועקגעהן מיט הסידים, און ביי איהם איז בעשלאָסען געוואָרען אָב'גט'ן דער טאָכטער מיט'ן מאַן, אויב זי וועט וועלען. אַז ער איז געקומען צו אהרן-לייזער'ן זעהען זיך מיט דער טאָכטער, האָט איהם אהרן-לייזער צוגענומען מיט גרויס פּאַראַד און דער גראָדנער רב האָט געפּרובט אַ רעדט טהאָן מיט דער טאָכטער, זעהן וויאַזוי פאַר אַנ'איינדרוק דאָס וועט מאַכען אויף איהר. נאָך אַלע רייד הוט ער אָבער איינגעזעהן, אַז די טאָכטער שׂרה האָט שרעקליך ליב דעם מאַן, אַז זי קלאָגט גאָר דערויף, וואָס ער וואַלגערט זיך אין דער פרעמד און דער שוועהר לאָזט איהם אויפ'ן שוועל נישט אַריין, און גוט, אויפ'ן ברית, וויל איהם דער שוועהר אויך נישט צולאָזען.

דאָ האָט ר' לייזער דייטליך געזעהן, אַז דאָס איז פערפאַלען, און זיין התנגדות'דיגע ווידער, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט, און אַז ווי גרויס יחוס, אַזוי דאַרף זיין, האָט ער, דער גרויסער מתנגד, זיך גענומען מאַכען אַ שלום צווישען מחותן מיט זיין זוהן. נאָך גרויס מאַטערניש האָט זיך איהם קוים איינגעגעבען מפצה זיין דעם מחותן, אַז ער זאָל זיך לאָזען איבערבעטען פון זוהן.

און אַז דער רב מיט ר' לייזער'ן מיט משה'ן זענען געקומען צו אהרן-לייזער'ן, איז משה צוגעפאַלען צום פאָטער מיט אַ געוויין, ווי פערצייטען, און געבעטען, ער זאָל איהם זיין אַ פאָטער ווי געווען. מכח די חסידות איז שוין פערפאַלען, דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס מען קען נישט אַרויסרייסען, נישט איבערמאַכען אפילו מיט'ן טויט. דעמאָלט האָט דער פאָטער זיך געלאָזט איבערבעטען און עס איז געוואָרען שלום.

אהרן-לייזער האָט, פערשטעהט זיך, געמאַכט אַ ברית אַנ'אויסגעצייכענטען, כיד-המלך, נאָר אַז עס איז געקומען צו אַ נאָמען געבען דאָס יונגעלע, האָט ר' לייזער געוואָלט, מען זאָל עס רופען נאָך זיין פאָטער ר' יחזקאל, דעם ווילנער גאון'ס איידעם, און אהרן-לייזער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל איהם אַ נאָמען געבען נאָך זיין טאַטען דעם פרנס-חודש, ר' וועלוויל. איז מען ענדליך דורכגעקומען אויף צוויי נעמען: יחזקאל זאב. דאָס יונגעלע, פאַר וועלכען מען האָט זיך געקריגט, בין איך געווען, און מיין פאָטער איז עלטער געווען פאַר מיר מיט פערצעהן-און-אַ האַלב יאָהר.

דער זיידע האָט דעם טאַטען צוריק ליעב געקריגען און דער טאַטע האָט שוין פראַנק און פריי געפיהרט זיין חסידות. ער איז געגאַנגען אַלע טאָג ווינטער-צייט אין דעם קאַלטען ברונעם, וואָס אין באָד, זיך טובל'ען אויף די אַכט שטיגלעך, וועלכע זענען געווען גראָב געפרוירען מיט אייז, מיט די שפאַרעס און גרויסע לעכער אין די ווענד. ער איז אפילו געפאָהרען צום רבי'ן קיין קאָברין בעטען איהם, אַז ער זאָל עקסטרע פאָהרען צום פאָטער אין קאַמעניץ, אום יענער זאָל ערלויבען ר' אָרעלע'ן זיך אומקעהרען צוריק אין שטאָדט אַריין לערנען מיט קינדער.

ר' משה'לע, דער רבי, האָט אַזוי געטהאָן. ער איז אַרויסגעפאָהרען קיין קאַמעניץ און פערפאָהרען גלייך צו אהרן-לייזער'ן צוזאַמען מיט'ן זוהן. דעם רבי'ן האָט מען פיין אויפגענומען און אפילו אָנגענומען זיין בקשה. דער קאָברינער רבי, ר' משה'לע, האָט געשפיעלט זעהר אַ גרויסע ראָליע צווישען די רביים. מען האָט געשריבען ר' אָרעלע'ן, אַז ער מעג קומען, און יענער האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען. ער איז געקומען און פון דאָס ניי אָנגעהויבען

לערנען מיט בעלי-הבית׳לעך, פון וועלכע ער האט זיך אזוי פאמעלעך און פארזיכטיג „געמאכט" א צוועלף חסידים, צווישען זיי אויך דעם קאמעניצער רב׳ס זוהן, יחזקאל, וואס איז געוועזן אנ׳עילוי, זעהר א געראטענער, ממש א גאונ׳ישער קאפ.

דעמאלט האבען זיך די פריש-אויסגעבאקענע יונגע-לייט-חסידים געדונגען א בעזונדער שטיבעל צום דאווענען. דער טאטע האט גע׳פו׳על׳ט ביים פאטער, אז ער זאל ערלויבען די חסידים דאווענען אין א בעזונדער שטיבעל. דער טאטע האט שוין אוועקגעווארפען לערנען גמרא. ער האט זיך בעסער גענומען צום זוהר און דעם מדרש, און געפראוועט חסידות מיט מקואות און מיט זינגעריי. אט אזוי האט ער שוין פערבראכט די גאנצע טעג און נעכט — און פון א רב ווערען האט גאר קיין רייד נישט געקענט זיין.

דער זיידע האט איהם געוואלט אנהויבען פיהרען מיט זיך צו די פריצים. דער זוהן האט אבער נישט געוואלט ריידען מיט די פריצים—און מיט די פריצ׳טעס אוודאי און אודאי נישט. פאר איין ברירה האט שוין דער זיידע אנגעהויבען קלערען פאר משה׳ס וועגען עפעס א געשעפטעל.

דערוויייל האט דער זיידע חתונה געמאכט א צווייטען זוהן יאסעל. דא האט ער זיך שוין אויסגעקליבען א מהותן אנ׳אריסטאקראט, פון ביאליסטאק. גערופען האט מען איהם ר׳ שמעון „דייטש", ווייל ער האט שוין דעמאלט געפיהרט אנ׳אריסטאקראטיש לעבען. ער האט געהאט שענע טעכטער. זיין עלטסטע טאכטער יוכבד איז געוועזן א בעריהמטע שענהייט, און ווייל מיין זיידענס ערשטע שנוהר, די בת הרב, איז נישט געוועזן קיין שענע, וועלכע ער האט נישט ליעב געהאט, האט איהם שוין געצויגען צו טהאן א שידוך גאר מיט אנ׳אנדער ארט משפחה, וואו מען האט געטראגען בריליאנטען אויף די הענד און א גוטען שנור פערל אויפ׳ן האלז.

יאסעל איז אויך געוועזן א חסיד, האט מען פאר ביידען בעדארפט עפעס אנזוכען א געשעפט. דעמאלט איז דעם זיידען ארויפגעקומען אויפ׳ן זינען א גאנצער פלאן:

קיינער האט אין קאמעניץ ערגעץ נישט געטארט קויפען קיין בראנפען, ביער, אויסער ביי אסערעווסקי׳ן, דעם פריץ פון שטאדט.

אויך האָט איהם געקומט, ווי עס איז פריהער געשריבען, דער אָבצאָהל פון זאַלץ, פון טאַבאַק, פון ליכט א. ד. גל. און אַזוי אויך די פינף קאָפּיקעס פון פערד, וואָס זענען אַריינגעפאָהרען אין שטאָדט, זונטאָג יריד-צייט, און אויך די דריי וואַסער-מיהלען. דאָס אַלץ האָט געהערט צו אָסערעווסקי'ן, און איבער דעם אַלעם איז געווען געשטעלט אַ פער-וואַלטער. אָבער דער פערוואַלטער האָט מיט דעם אַלעם אַזוי פער-וואַלטעט, אַז דעם פריץ איז כמעט גאָרנישט אַריינגעקומען. דער פער-וואַלטער האָט עס בעסער צו זיך אין קעשענע אַראָבגעלאָזט, און אָסע-רעווסקי'ן האָט ער, ווי די מאָדע איז, אויסגענאַרט.

איינמאָל, בעת אָסערעווסקי איז געקומען אין זיין גוט „פּרוסקע", איז דער זיידע אַוועק צו איהם און פאָרגעלעגט, ער זאָל איהם איבער-געבען די אַרענדע אויף אָט די אַלע זאַכען. פאַר דער אַרענדע גיט ער איהם צוועלף הונדערט רובל אַ יאָהר, בעת איצט האָט ער פון איהר אַ קרחת. אָסערעווסקי'ן איז עס געפעלען געוואָרען און מען האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָהר.

דער זיידע האָט איבערגענומען די אַרענדע, וואָס איז פאַר דאָס שטעדטיל געווען אינגאַנצען אַ נייעס. דערביי האָבען אַלע בעוואונדערט זיין מוט. ווארום ווער קען זיך דאָס איינרייסען מיט אַ גאַנצער שטאָדט און ווי איז, אַז מען וועט יאָ גנב'ענען בראָנפען און אַז מען וועט נישט וועלען צאָהלען? ווער האָט דאָס כח צו אַזאַ שווערע אונטער-נעהמונג — איינהיטען אַ גאַנצע שטאָדט, אַז מען זאָל צאָהלען פּינקט-ליך, און אַז מען זאָל נישט גנב'ענען, ווי מען האָט שטענדיג גע-גנב'עט.

בעקומען דעם קאָנטראַקט, האָט דער זיידע געהייסען אויסרופען דעם שמש אין אַלטען בית-המדרש, אַז דינסטאָג אָוועגד זאָלען אַלע קומען אויף אַנ'אספה. געוועהנליך, איז געקומען די גאַנצע שטאָדט. אַז אהרן-לייזער מאַכט אַנ'אספה, מוז מען קומען, אַנישט וועט מען צאָהלען מעהר שטייערן.

האָט ער געשיקט דעם שרייבער י. ח. אויסרופען אויף דער בימה, אַז פון היינט אָן טאָר קיינער אין ערגעץ אַנדערש נישט קויפען קיין בראָנפען, אויסער ביי ר' אהרן-לייזער'ן, און עס קאָסט אָבצאָהל-געלד פון יעדען טאָפּ — זיבען-און-צוואַנציג גראָשען פאַר די שענ-

קערם — און אַבֿצעהן גראָשען פאַר אַזוי מענשען. אַזוי אויך פון בית און פון אַלץ, ווי עס איז געצאָהלט געוואָרען ביז אַהער דעם פּריצ'ס פערוואַלטער. איצט געהט איבער די אַרענדע צו איהם. און דערביי גיט ער אויף צדקה פאַר דער שטאָדט דריי הונדערט רובל, אַ סומע, וואָס ער איז גרייט צו געבען אַלע יאָהר.

עס איז געוואָרען אַ מהומה. נאָר שטאַרק שפּרינגען אין די אויגען האָט מען מורא געהאַט. איז מען זיך בּיסלעכווייז צוגאַנגען.

דערנאָך האָט ער געשיקט רופען צו זיך אַלע שענקערס און אָנגעזאָגט זיי, אַז דעם האַנדעל מיט בראָנפען דאַרף מען אַנדערש אַוועקשטעלען, ווארום ביז איצט האָבען אַלע, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ הויז, געהאַלטען בראָנפען צו פערקויפען פאַר די פּויערים. דערפון איז געפאַלען דאָס געשעפט, פאַר אַ גלעזיל האָט מען גענומען אַ וואַסערע פיער גראָשען. איצט אָבער אַז ער נעהמט איבער די אַרענדע, וועט מען בראָנפען נעהמען ביי איהם און ער וועט צורעכענען אַ וואַסערע זיבען-און-צוואַנציג גראָשען אויפ'ן טאָפּ. זיי זאָלען אָבער היטען, אַז מען זאָל נישט אַריינפיהרען קיין גע'גנב'עטע בראָנפען, ווען זיך די דאָזיגע זיבען-און-צוואַנציג גראָשען זעהר לייכט זיי אומקעהרען.

און דערנאָך האָט ער זיי שוין מתרה געווען:

— פריהער, אַז דער רזאָנצע פּאָטשאָשע האָט אייך געחאַפּט, האָט איהר געקריגען געשלאָגען. איך וועל אייך, חלילה, נישט הייסען שלאָגען, נאָר דער וועט זיין אויס שיינקער, וואָס וועט אַריינ'גנב'ענען בראָנפען. און לייזען זאָלט איהר צו דריי קאָפּיקעס אַ גלעזעל. איך האָב געבראַכט פאַר אייך גלעזלעך פון בריסק, וואָס זעהען אויס גרויסע, אָבער אין אַ גלעזעל געהט אַריין גאַנץ ווייניג. איהר זאָלט אַלע האַלטען נאָר די גלעזלעך און נישט קיין אַנדערע. אַלע גלייכע גלעזלעך, וועט איהר האָבען פּרנסה. איבערהויפּט דאַרף מען וואָס ווייניגער קאָנקורירען איינע מיט די אַנדערע, וועט זיין פּרנסה.

די שענקערס האָבען זיך ביים זיידען אויפגעקליבען און בעשטימט אַ צאָהל אויף גאַנצע דריי יאָהר צייט, מעהר טאָרען נישט זיין. יעדער שענקער דאַרף נעהמען אַ פּאַטענט, אום מען זאָל קענען פערקויפען פראַנק און פריי. דערביי האָט זיך דער זיידע מתחיב געווען אויסלייהען געלד יענע שענקערס, וואָס וועלען נישט האָבען קיין געלד אויף אַ

פּאַטענט. דער זיידע האָט געוואוסט ווי אַוועקצושטעלען אַנ'עסק.

אַז אַלץ איז איינגעאָרדענט געוואָרען, האָט דער זיידע איבערגע־גענען דעם טאַטען, ער זאָל פיהרען די אַרענדע און צוגענומען אין שותפות דעם ברודער, מרדכי־ליב. עס איז אָבגעמאַכט געוואָרען מיט'ן פריץ, אַז יענער דאַרף איהם צושטעלען בראָנפען, וויפיעל ער וועט פאָדערן.

מיט'ן אַקציז פון בראָנפען איז דעמאָלט געווען איינגעפיהרט אַזוי: ביים איינענטימער פון ברויז איז געזעסען אַנ'אויפזעהער פון אַקציז (כמאָמרימעל), וואָס האָט בעדאַרפט אויפקוקען וויפיעל בראָנפען עס ווערט פערקויפט. אַז מען איז געקומען קויפען בראָנפען מיט אַ פעסעל, האָט דער אויפזעהער אויסגעמאָסטען דאָס פעסעל, וויפיעל עמער עס האַלט און האָט פערזיגעלט מיט'ן אַקציז־זיגעל און אַרויסגעגעבען אַ מין שיין דעם איינענטימער, אַז זיין פעסעל האַלט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל עמער. דערנאָך האָט ער פערציייכענט, אַז עס איז פערקויפט געוואָרען אַזוי פיעל עמער. דעם אַקציז־אָבצאָהל פלעגט דער ברויז־איינענטימער אַריינטראָגען אַלע חודש אין בריסק אין אַקציזנע פּאַלאַטע.

אין שטאָדט, ווידער, איז אויך געווען אַזאַ אויפזעהער, וואָס האָט בעדאַרפט אויפקוקען, צו די שענקערס פערקויפען ריכטיג דעם בראָנפען פון דעם פערזיגעלטען פעסעל. און אַז ער האָט געטראָפען אַ פיעכעל משקה אָהן דעם אַקציזנעם זיגעל, האָט דאָס געהייסען גע־גנב'עטע בראָנפען.

דער זיידע האָט געהאַלטען אַ שענק אין קאַמעניץ און מען פלעגט ברענגען גרויסע קויפען בראָנפען—צו פופציג עמער אַ קויף ד. ה. צוויי הונדערט טעפּ. נאָר אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער אָבנעהמער, האָט דער פריץ נישט געוואָלט נעהמען אויף זיך די אַקציז־רעכענונג, האָט עס דער זיידע גענומען אויף זיך. פלעגט ער אַריינשיקען קיין בריסק יעדען חודש דאָס אַקציז־געלד און אין שפּייכלער פלעגען שטעהן גרויסע זעק מיט קופּער־ און זילבער־געלד צום אָבפיהרען מיט אַ פּאָר פערד.

פרייטאָג פלעגט קומען די גאַנצע שטאָדט קויפען בראָנפען אויף שבת. דעם טאָג האָט געהאָלפען לייזען די גאַנצע פאַמיליע. גאַנצע באַליעס מיט בראָנפען פלעגען שטעהן און פון דאָרטען פלעגט מען

טעָפּען צום מעָסטען אין די פּלעָשער אַרײַן.

איצט, אַז דער זיידע האָט זיך איבערגענומען צו פירעָן די אַקציז־רעָכנונג, איז שוין דער אויפזעָהער ביי אונז געָזעָסען און האָט פערזיגעָלט די קויפען מיט די קראַנען מיט'ן אַקציז־זיגעָל. און אַז די שעַנקערס פלעָגען קומען, יעדער מיט זיין פעָסעָל, האָט דער סמאָטרי־טעָל פערזיגעָלט די פעָסער און אַלטונג געָגעָבען, אַז די שעָנקערס זאָל נישט גנב'ענען קיין אַקציז. און דער טאַטע ווידער האָט פערזיגעָלט די פעָסער מיט זיין זיגעָל, אַז דער שעָנקער זאָל נישט גנב'ענען ערגעָץ אַנדערש בראָנפען אָהן אַרעָנדע; און אַזוי האָט יעדעָס פעָסעָל געָהאַט צוויי זיגלען מיט אַ לאַנגען שטעָקעָל, וואָס מיט איהם האָט מען אויס־געָמאָסטען, וויפיעל עָמער דאָס פעָסעָל האַלט.

און דער טאַטע מיט'ן אויפזעָהער פלעָגען איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך, ווי עס האָט זיך פערגלוסט, מאַכען אַ רעָוויזיע איבער'ן שטאָדט. פלעָגט מען ביי די שעַנקערס אויפרייסען די זיגלען פון שטאָ־פּעָק און אָבמעָסטען מיט די שטעָקלעָך, צו זעָהן, וויפיעל בראָנפען איז נאָך געָבליבען אין פעָסעָל.

אַזוי האָט זיך שטענדיג געָפיהרט. אמאָל פלעָגט זיך פערוועָלען מאַכען אַ פּלוצלונגע רעָוויזיע, פלעָגט געהן דער „מענש" חצקיל מיט אַ פּאָר גוים, וואָס דער רזאָנצע האָט געָגעָבען, פיעל מען האָט בעָ־דאַרפט. אין דיעָסיאַטניקעָס האָט מען זיך קיינמאָל נישט געָנייטיגט. דורכ'ן איספּראַווניק האָט דער זיידע געָנומען ביים אסעָסער וויפיעל דעָסיאַטניקעָס עָר האָט געָוואָלט, מען האָט איהם קיינמאָל נישט אָבגעָ־זאָגט. אָבער די שעַנקערס האָבען זיך גוט געָהיט, דאָס איז איינס. צווייטענס, פלעָגען זיי שטעָנדיג זיצען ביי אונז אין קאַנטאָר און האָ־בען זיך געָסטאַרעָט אויסצוגעָבען זיך פאַר אייגענע מענשען, גוטע פריינד, וואָס דאָס איז געָווים געָוועָן אַ מניעה צו רעָוויזיעָס.

אַז די שעָנקערס זיצען ביי אונז אין קאַנטאָר און בראָנפען איז פאַרהאַן — האָט מען געָשיקט נאָך געָבראָטענע געָנזלעָך, און ס'איז שטעָנדיג געָוועָן ליהודים. מען מוז דערביי בעָמערקען, אַז די אַלע שעָנקערס איז פאַר'ן זיידען ווירקליך אַוועק זעָהר גוט, און אַנדערע שעָנקערס זענען געָוואָרען נגידים.

אויף די איבעריגע אָבצאָהלונגען, ווי למשל, זאַלץ, ליכט,

טאַבאַק און אַנדערע זאַכען — דאָס איז איהם וועניג אָנגעגאַנגען. אַזוי איז זיך אָבער אַלץ געגאַנגען אין אָרדנונג.

איינמאָל איז דער זיידע געווען אין בריסק ביים איספּראַווניק. האָט איהם דער איספּראַווניק דערצעהלט, אַז עס ווערט אַראָבגעשיקט פון גובערנאַטאָר אַ בעזונדער רעוויזאָר מיט בעזונדערע גרויסע פּאָלמאַכ־טען צו קאָנטראָלירען די סקאַזקע פון דער גאַנצער גובערניע. וואָרום עס זענען ערהאַלטען געוואָרען אַ סך מסירות, אַז מעהר ווי צוויי דריי־טעל מענשען זענען אומישנע נישט צוגעשריבען. לכן האָט ער, דער איספּראַווניק, מורא, אַז ביי איהם אין אויעזד וועט דער רעוויזאָר גע־פינען גרויסע גנבות אין דעם פּרט, און ער קען נאָך אַמאָל צוליעב אַזא מעשה פערלירען די שטעלע.

פרעגט איהם דער זיידע, צי קען ער דעם רעוויזאָר, און וואָס פאַר אַ מענש איז ער. דער איספּראַווניק האָט געענטפערט, אַז ער קען איהם גוט. דאָס איז אַ גרויסער בעל־גאוה, נישט קיין קלוגער, בעלייידיגט זיך באַלד פאַר יעדע האָהר, נאָר אַן אָרענטליכער און אַנ־אָנשטענדיגער.

— נו, אויב אַזוי — האָט דער זיידע געזאָגט, — דאַרפסטו זע־הען, אַז די ערשטע רעוויזיע אין בריסקער אויעזד זאָל ער מאַכען אין קאַמעניץ. עס וועט זיין גוט.

ויהי היום, און דער רעוויזאָר האָט אָנגעהויבען פאָהרען איבער דער גובערניע, און מען האָט שוין געהערט, אַז ער האָט אין פיעל שטעדט געפּאַקט פאַלשע „סקאַזקעס״ און עס שטעהט פאָר, אַז די פני פון די שטעדט זאָלען אַוועקגעשיקט ווערען קיין סיביר... עס פער־שטעהט זיך, אַז עס איז געפאַלען אַנ׳אימה מיט אַ פּחד אויף דער גאַנ־צער גובערניע. מען האָט גערעדט, אַז דער רעוויזאָר האָט פּראָסט אָנגעמאַכט אַ חורבן.

דער איספּראַווניק, וואָס האָט אַפילו געלעגט האָפנונגען אויפ׳ן זיידען, האָט זיך דאָך שטאַרק דערשראָקען פאַר דעם רעוויזאָר. אַ קליי־ניגקייט, ער קען איהם מאַכען פאַר אוים איספּראַווניק, ווען די סקאַז־קע וועט זיך אַרויסשטעלען פאַר פאַלש. האָט ער אַריינגעשריבען צום

קאַמעניצער אַסעסער, אַז ווען דער רעוויזאָר וועט קומען קיין קאַמעניץ, זאָל ער, דער אַסעסער, איהם צוגרייטען אַ וואוינונג ביי יאָנע טרינקאָווסקי'ן און נישט ביי זיך, ווי עס פיהרט זיך אַלעמאָל. דער אַסעסער זאָל אויך זיך האַלטען גאָר אין דער זייט פון איהם, און דעסיאַטניקעס, וואָס זאָלען שטעהן ביי זיין טהיר, זאָל ער איהם אויך נישט געבען. מיט איין וואָרט, ער זאָל זיך מאַכען גאָרנישט וויסענדיג, דאָס אַלץ איז געוועזן לויט דעם זיידענס עצה.

ענדליך איז דער רעוויזאָר טאַקי געקומען. דער אַסעסער איז איהם באַלד אַנטקעגען געפאָהרען און האָט איהם געבראַכט צו טרינקאָווסקי'ן אויף סטאַנציע. דאָרט זענען געווען פיינע מעבלירטע צימערן מיט זילבערנע געשיהר פאַר פריצים.

פון זיין קומען האָט דער זיידע שוין געוואוסט נאָך מיט צוויי טעג פריהער. דעמאָלט האָט ער פעררופען די פני העיר, פאַר וועלכע ער האָט פאָרגעלעגט זיין עצה, אַז אַלע נישט קיין צוגעשריבענע זאָלען שוין טאַקי מיט אַ טאָג פריהער פערלאָזען די שטאָדט, אַפילו מאַמעס מיט קליינע קינדער. ער טאָר נישט געפינען קיין איין מענשען נישט קיין צוגעשריבענעם, און אַזוי ווי מען גיט שטענדיג אַ רעוויזאָר צוויי הונדערט רובל, וועט ער, דער זיידע, איהם דאָסמאָל געבען דריי הונדערט רובל און ער פערהאָפט, אַז עס וועט זיך ענדיגען גוט.

די עצה איז אָנגענומען געוואָרען, און די פני זענען אַוועק אַרויסשיקען פון שטאָדט די אַלע נעלמים. געקומען איז דער רעוויזאָר אין אַנ'איינענער קאַרעטע מיט דריי פערד אַ זייגער צעהן אין דער-פריה, זייגער צוועלף האָט שוין דער זיידע אַריינגעשיקט דעם לאָקיי, אַ יוד, צום רעוויזאָר אין צימער אַריין — מעלדען, אַז דער איסבאָרשטשיק איז געקומען און וויל מיט איהם עפּעס ריידען. דער רעוויזאָר האָט געהייסען אַריינגעהן.

דער זיידע, וואָס האָט נאָך פריהער אָנגעזאָגט טרינקאָווסקי'ן, דעם בעל-הבית פון גאַסט-הויז, אַז יענער זאָל אַכטונג געבען, אַז קיינער זאָל זיך נישט געפינען אין די אַרומיגע צימערן, בעת ער וועט ריידען מיט'ן רעוויזאָר, איז ער אַריינגעגאַנגען און האָט צוגעמאַכט די טהיר הינטער זיך.

אָנגעהויבען האָט דער זיידע זעהר דרייסט און זעהר אָריגינעל, ווי זיין שטייגער איז:

— פריצ'ל, די סקאַזקע איז טאַקע ביי יודען אַ פאַלשע און עס ווייס אַפילו דער קיסר אויך פון דעם, וואָס דאָס איז די בעסטע ראיה, אַז מען קען דערצו נישט העלפען. אַזוי פיהרט זיך עס שוין פון שטענדיג אָן. נאָר די אַלע רעוויזאָרען, וואָס קומען קאָנטראָלירען אַלע יאָהר די סקאַזקע, נעהמען צוויי הונדערט רובל און חתמ'ענען זיך אונטער, אַז זיי האָבען געפונען אַלץ אין אָרדנונג און פאָהרען בשלום אַוועק, און דו ביזט עפּעס אַנ'עקשן. גיב איך דיר דריי הונדערטער און לאָז אונז געמאַך, וואָרום, ווי דו זעהסט מיך אַ'יודען, אַז דו וועסט דאָ גאָרנישט אויספיהרען. און אויב דו ווילסט, וועט עס טאַקע זיין אַנ'עולה, אויב דו וועסט דאָ אָנמאַכען אַ חורבן און ברענגען עמיצען צו טורמע.

דער רעוויזאָר איז אויפגעקאָכט געוואָרען:

— איך וועל אייך אַלעמען, מאַשעניקעס, פערשיקען קיין סיביר, — האָט ער געשריען, — און דיך דעם ערשטען!

האָט דער זיידע נישט לאַנג געטראַכט און האָט איהם אַראָבגעלאָזט צוויי הייסע פעטש און דערביי, פון דער זייט, גיפטיג און שטיל בעמערקט:

— זאָלסט וויסען, אַז ביים טהיר שטעהען גרייט מיינע מענשען, מען וועט דיך אין ליילעכער אַוועקטראָגען, ממש דיין סוף איז געקומען... נאָר אויב דו ווילסט זיך ראַטעווען, פערלאַנג איך פון דיר איין זאַך: דו זאָלסט מיר שווערען, אַז דו פאָהרסט באַלד אַוועק און זאָלסט זיך אינגאַנצען אָבזאָגען פון אַזאַ מין גזלנ'ישער שטעלע.

און כדי נאָכמעהר איהם צו דערשרעקען, האָט דער זיידע אָנגעהויבען שרייען:

— קיוועק, חצקיל, מאָשקע, בערקע — סקאָרוי!

דער רעוויזאָר, וואָס איז געווען אינגאַנצען צוטרייסעלט פון די פעטש, איז געשטאַנען אויף ציטערדיגע פיס, און אַ טויטער, אַנ'איינגעהויקערטער, האָט ער געגעבען זיין עהרנוואָרט דעם זיידען, אַז ער פאָהרט שוין אַוועק.

ברענגענדיג זיך עטוואָס אין אָרדנונג, איז ער גלייך אַרויס מיט'ן זיידען פון צימער און געהייסען שפּאַנען די פערד. אין אַ האַלב שעה

אַרום איז ער שוין נישט געווען אין קאַמעניץ.

און דערנאָך, אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט דער איספּראַווניק אַרײַנגעשיקט דעם זײדען אַ בריוו מיט אַ דאַנק, מיט אַ סך קאָמפּלימענטען, און האָט פערבעטען איהם קומען קײן בריסק.

אין בריסק האָט ער איהם דערצעהלט, אַז דער רעוויזאָר איז געקומען צו איהם, צום איספּראַווניק, און איבערגעגעבען זײַנע אײַנדריקען פון דער רײַזע. פון די פּעטש האָט ער נישט דערצעהלט. זײַן מײנונג איז געווען, אַז די סקאַזקע איז אומעטום אַ פאַלשע און אַז כּדי װי צו ברענגען אין אָרדנונג, מוזען אָנגענומען װערען גאָר אַנדערע מיטלען. עס דאַרף אין גרונד איבערגעאַנדערשט װערען דער אַרט פערשרײַבען זיך. פאָהרען אײן מאָל אין יאָהר קאָנטראָלירען האָט קײן ממשות נישט. אַפילו אײנער אַ יוד, דער איסבאָרשטשיק פון קאַמעניץ, האָט איהם דײַטליך געזאָגט, אַז די סקאַזקע איז פון אײביג אָן אַ פאַלשע...

דאָ האָט איהם שוין דער זײדע דערצעהלט די גאַנצע מעשה מיט די פּעטש און סטראַשונקעס, פון וואָס דער איספּראַווניק איז אַרײַן אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער האָט דעם זײדען עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד אַ קוש געטהאָן אין קאָפּ, טרײסלענדיג זיך פון געלעכטער.

— ביזט קלוג ווי די וועלט! — האָט ער נישט געקענט זיך אָבלויבען פון זײדען, — קײן גלײַכען האָסטו נישט! אָבער זאָג מיר נאָר פונדעסטוועגען, ווי אַזוי האָסטו זיך געקענט אײַנשטעלען און טהאָן אַזאַ געפעהרליכע זאַך?

דערױף האָט איהם דער זײדע געענטפערט, אַז ער האָט אײגענטליך געבויט אויף דעם איספּראַווניק׳ס רײד. דער איספּראַווניק האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט איבעריג קלוג, אַ בעל-גאוה, און אַזאַ בחור איז שטענדיג גוט אָנצופּאַטשען און דערשרעקען. דאָס לײַכטסטע איז, אײגענטליך, געבען פּעטש, אויג אויף אויג, וואָרום ער וועט זיך דאָך שעמען אויסצוזאָגען. דער איספּראַווניק איז געווען ענטציקט.

אין אַ פּאָר מאָנאַטען אַרום איז געקומען אַנ׳אַנדער רעוויזאָר. דער זײדע האָט איהם געגעבען צוויי הונדערט רובל און יענער איז אַוועקגעפאָהרען בשלום.

דער זײדע האָט פערפעסטיגט די אַרענדע אויף די בראָנפען. די

איבּעריגע פּערדיענסטען פון די אָבּצאָהלונגען מיט די מיהלען און נאָך אַזוינע זאַכען, האָט ער פּערדונגען פאַר נײַן הונדערט רובּל אַ יאָהר. אַזוי איז איהם נעבּליבּען די גאַנצע אַרענדע אין דרײַ הונדערט רובּל.

דער זיידע אַליין האָט געהאַלטען אַ שענק, און זײַן בּרודער אַ שענק, און בּיידע האָבּען קיין פּאַטענטען נישט געהאַלטען... מען האָט געליזט פראַנק און פרײַ. פּאַר אָט דער פרײַהייט און פאַר געבּען הילף ווען מען דאַרף, האָט דער זיידע געצאָהלט דעם אַסעסער פינף רובּל אַ מאָנאַט.

קויפען אין אַ גרויסער מאָס בּראָנפען —— דאַרף מען אויך אַרײַנ־טראָגען אַקציז־געלד אַ גרויסע סומע, און אָפטמאָל איז עס געווען שווער. פלעגט דער זיידע קויפען מאַסען בּראָנפען אין פּוילען, וואָס דאָרט איז קיין אַקציז נישט געווען און פלעגט די משקה בּײַנאַכט אַרײַנגיסען אין די קויפען, און דעם זיגעל פלעגט מען נעהמען בּײַם אויפזעהער מיט דעם אויסרייד, אַז מען וויל איהם דאָ פערשפּאָרען אַ טרחה. דערווײַל פלעגט מען אָנגרייטען אַ סך זיגלען אויף אַזוינע בּלעטלעך טריוואַקס, וועלכע מען פלעגט אָנקלעפּעז אויף די שפּונטען. אויף אַזאַ אופן זענען שטענדיג געווען פערזיגעלט די קויפען מיט'ן אַקציז־זיגעל. נאָר אַמאָל פלעגט דער סמאָטריטעל גלאַט איבּערלאָזען פאַר'ן אַהיים־געהן, בּײַנאַכט, דעם זיגעל. צו־וואָס זאָל ער איהם אייגענטליך שלעפּען מיט זיך, אַז ער בּעקומט פופצעהן רובּל אַ חודש פון זיידען, אויסער זײַן געוועהנלי־כע פּענסיע...

אַזויערנאָך האָט מען געבּראַכט פון פּוילען שפּירט, וואָס פלעגט פערקויפט ווערען צוזאַמען מיט די בּראָנפען, פאַר וועלכען מען האָט געצאָהלט אַקציז.

דער פּוילישער בּראָנפען האָט געהאַט אַ בּעסערן ריח. דאָס איז אַפילו אַ חסרון, דאָס קען אַרויסגעבּען. האָט מען עס בּעוואָרענט דער־מיט, וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אינ'ם שפּירט ווערט אַרײַנגעלאָזט אַזאַ שמעקענדיגער טראָפּען, און דעם עולם האָט זיך גע־וואָלט נאָך מעהר טרינקען.

אַלע צוויי וואָכען פלעגט קומען אַנ'אַנדער בּראָנפען־רעוויזאָר אויף אַ רעוויזיע. זיי זענען אָבּער געווען גרויסע שוחד־נעהמער, און בּעקו־

מענדיג אין יד אַריין, פלעגען זיי אונטערשרייבען, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

צו דער אַרענדע האָט דער זיידע צוגענומען אַלע קינדער. מען האָט אמת גוט געלעבט. דער גאַנצער פיהרער פון געשעפט אין בול-האַלטער איז געווען מיין טאַטע, משה. דער זיידע פלעגט זיך מישען מעהר אין היטען דאָס געשעפט, איידער אין פיהרען.

אין דער צייט, האָט זיך דער זיידע איבערגעגעבען מעהר דער שטאָדט. אַפילו די געשעפטען מיט די פריצים האָט ער אויך פערוואָרפען. געווען איינינע פריצים, וואָס האָבען זיך געהאַלטען נאָר מיט איהם.

די אָוועגדען פלעגט ער איצט פערברענגען אין דער-היים. עס פלעגט זיין פול די שטוב מיט מענשען, וואָס פלעגען קומען נאָך פערשיעדענע עצות. דער האָט בעדאַרפט אַ פערזענליכע זאַך, יענער אַ שטאָדט-זאַך, אַ דריטער איז געקומען מיט אַ כעס, אַ פערטער האָט בעדאַרפט האָבען אַן עצה, און אַזוי איז געשטאַנען אין שטוב אַ הו-האַ, און עס האָט געראַושט פון מענשען.

דער טאַטע האָט געשפּיעלט גאָר אַן אַנדערע ראָליע אין שטאָדט. ער איז געווען אַ שטילער און אַ גוטער מענש, און אַ זעלטענער עהר-ליכער מאַן. רעדען פלעגט ער גאַנץ וועניג, ממש געצעהלטע ווערטער, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז שטענדיג ווערט געווען צו הערען. עפּעס אַ טיפע בוררות — האָט מען שטענדיג דעם טאַטען גענומען פאַר אַ שליש. מיט זיין געלאַסענקייט, אויסגערעכענטקייט און מיט זיינע וועלכע רייד איז ער שטענדיג דערגאַנגען, ווער דער שולדי-גער איז, און האָט שטענדיג געקענט מאַכען, אַז ביידע זאָלען בלייבען צופריעדען: אי דער שולדיגער, אי דער בעשולדיגער. אין דעם פּרט איז ער שוין געווען אַזוי מפורסם, אַז מען פלעגט קומען צו איהם אויף בוררות פון בריסק און זאָגאַר פון ביאַליסטאָק, דרייצעהן מייל ווייט פון קאַמעניץ.

אויפ'ן טאַטענס פנים איז שטענדיג געווען עפּעס אַ ליעבער שמייכעל, און נישט ווילענדיג האָבען איהם אַלע ליעב געהאַט. האָט ער עפּעס געזאָגט, האָבען זיך אַלע צוגעהערט און מען האָט געוואויגען זיין וואָרט...

זײַן פיִהרונג איִן שטוב איִז געווען אַ חסידישע. געדאַוועֶנט האָט עֶר איִן חסידיִש שטיִבעֶל, און פרײַטאָג צו נאַכט, פלעֶגען שוין קומען צו איִהם צום טיִש אַ פּאָר מנינים מענשען — אַלע חסידים. האָט מען געזונגען און געגעסען, און געטאַנצט ביִז נאָך האַלבע נאַכט. שבת צו מיִטאָג איִז מען וויִדער געקומען, געגעסען פערשיִעדענע קוגלען, גע-טרונקען בראָנפען און געזונגען און געטאַנצט ביִז פאַר-נאַכט. דעמאָלט איִז מען געגאַנגען איִן שטיִבעֶל דאַוונען מנחה, און נאָך מנחה האָט מען שוין איִן שטיִבעֶל געגעסען שלוש-סעודות. פון טאַטען האָט מען געבראַכט אַ גרויסע חלה מיִט הערינג, מיִט עטליִכע פלאַש בראָנפען און דערנאָך האָט מען אָבגעזונגען איִן שטיִבעֶל ביִז מעריב. אַ שעה נאָך מעריב זענען שוין אַלע חסידים געווען וויִדער בײַם טאַטען, מען האָט געקאָכט אַ קרופּניִק מיִט פלײַש, משקה איִז געווען צו באָדען זיִך, האָט מען פון דאָס נײַ אָבגעזונגען און אָבגעטאַנצט די גאַנצע נאַכט, און פאַרטאָג, אַז די חסידים זענען געגאַנגען אַהײם, האָבען זײַ אויפ'ן יועג אויפגעוועקט אַלע בעלי-בתים פון שלאָף.

איך געדענק, אַז יונגעלווײַז פלעג איך נאָכלויפען נאָך זײַ. מיר איִז זעהר געווען געפעלען, וואָס מען וועקט אַלעמען אויף פון שלאָף אויף אַזאַ אופן: מען האָט געוואוסט, וועלכער פריץ עס האַנדעלט מיִט וועלכען בעל-הבית, פלעגט מען אויפוועקען, אַ שטײַגער, ר' לײַזער פּרוסקער, אַ שענער יוד און אַ נגיד:

— ר' לײַזער, — פלעגט מען איִהם אָנקלאַפּען איִן די לאָדען — דימאַנסקי דאַרף אײַך האָבען.

עס פערשטעהט זיִך, אַז ר' לײַזער פלעגט באַלד אויפשטעהן, ניִשט טויט ניִשט לעבעדיִג, און עפענען די טהיר. דעמאָלט פלעגט ער בעגעגענען אַ גרויס געלעכטער פון די חסידים, וואָס פלעגען איִהם הײַסען טהאָן אַזאַ זאַך, וואָס עס איִז ניִשט שען אָנצורופען בײַם נאָ-מען...

אַזוי פלעגט מען אויפוועקען די גרעסטע בעלי-בתים און קײנער פלעגט זיִך דאָס רוב ניִשט בעלײַדיִגען. עס איִז געווען פרעהליִך, פלע-גען די אויפגעוועקטע בעלי-בתים אויך לאַכען.

בײַם טאַטען האָט פרײַטאָג צו נאַכט געברענט אַ מאַסע ליִכט און די שמחה, די הלולי וחינגא, וואָס עס איִז געווען בײַם טאַטען אַ גאַנץ

שבת'דיגען טאָג, איז אין לשער ולספר. איך ווייס ניט, צי עס איז ערגעץ געווען נאָך אַזאַ פּרעהליכקייט, ווי ביי אונז שבת.

קיין קאַמעניין פלעגען קומען חסידים—געסט פון די מפורסמים, אַ זעקס, אַכט אַ יאָהר, און אַלע זענען, פערשטעהט זיך, איינגעשטאַנען ביים טאַטען. יעדער האָט זיך פערבראַכט אַ וואָך צייט, און אין שטוב פלעגט דעמאָלט זיין אַ מין יום-טוב.

דער איז אַוועקגעפאָהרען, און אין עטליכע וואָכען אַרום איז שוין ווידער דאָ אַ צווייטער גאַסט. ווידער דאָסועלבע. און איינמאָל אין יאָהר פלעגט קומען דער רבי אַליין. צו זיין קומען פלעגט מען זיך גרייטען גאַנצע דריי וואָכען צייט, וואָרום עס פלעגען אָנפאָהרען חסידים פון בריסק און פון אַלע שטעדטלעך אַרום. און אַז ער פלעגט קומען, פלעגט דער פחד זיין אַזוי גרויס, פונקט ווי פאַר אַ קיסר. אַ פּאָר הונ-דערט מענשען זענען געלאָפען אַנטקעגען דער בויד, אין וועלכער דער רבי איז געפאָהרען, און אין שטאָדט פלעגט מען איהם אַריינפיהרען מיט אַ געוואַלדיגען פּאַראַד. איך האָב שוין געזאָגט, אַז יעדער חסיד האָט געציטערט פאַר'ן רבי'ן אימת המלכות. פערפאָהרען פלעגט ער צום טאַטען. אַזאַ מעשה פלעגט קאָסטען דעם טאַטען עטליכע הונדערט רובל. מען פלעגט אָנקוילען אָקסען, גענז און ענדיקעס און עס פלעגט זיין סעודות פאַר גאַנצע דריי הונדערט פערזאָן. מען האָט געגעסען, געהאַפט שיריים און געזונגען.

אין די עטליכע טעג, וואָס דער רבי פלעגט פערברענגען, האָט קיין איין חסיד ניט געטראַכט פון זיין געשעפט. דער איסגעהאַלטע-נער טאַטע פלעגט דאָסמאָל זיין פערהיצט מיט'ן אורח הגון, און עס איז מיר לחלוטין שווער איבערצוגעבען די שמחה מיט דער בעגייסטע-רונג פון די חסידים, יעדען חסיד האָט זיך געווים געדאַכט, אַז אַרום רבי'ן דרעהען זיך מלאכים און שרפים. עס האָט זיי געציטערט הענד און פיס פון ליעבשאַפט צו איהם, און געקוקט האָט מען אויף איהם, ווי אויף אַ גאָט.

און אַז דער רבי פלעגט אַוועקפאָהרען, פלעגען מיט איהם מיט-פאָהרען אַלע חסידים און דער טאַטע פלעגט אַנידערפאַלען טויט-מיעד, אַ קליינינקייט, ער האָט אָבגעהאָרעוועט אַכט טאָג צייט, סיי טאָג און סיי נאַכט.

חסידים האָבען זיך אין קאַמענעץ געמעהרט. בײַסלעכווײַז האָבען זיך צונויפגעקליבען אַ דרײַ מנינים חסידים, דאָס רוב סלאָנימער. עס זענען געווען אַ דרײַ קאָצקער, און אַ פיער קאַרלינער, אַ פּאָר כוחאָווי־זשער.

שטענדיג זענען בײַ זיי געווען עפּעס אַזוינע עסקים, וואָס פלעגען זײַן עהנליך אָן יום־טוב. דאָס איז דעם רבי'נס יאָהרצײַט, און דאָס איז יענעם רבי'נס, און דאָ איז משה רבינו'ס יאָהרצײַט. און דאָ איז חנוכה, ראש־חודש, עשרה בטבת, חמשה־עשר בשבט, פּורים, שושן־פּורים, פּסח, ל"ג בעומר, שבועות! תשעה־באב האָט מען אויסגעגאָסען עמער'ס וואַסער אונטער די זאָקען, מען האָט געהאַט גרייט אַזעלכע בערעלעך (שיסקעס), וואָס אַז מען האָט דאָס אַרײַנגעזעצט אין באָרד אַרײַן איז געווען שווער אָבצורײַסען. האָבען זיי שוין איינע די אַנדערע אין די בערד אַרײַנגעפּלאָנטערט אַזעלכע בערעלעך און מען פלעגט זיך קײַקלען לאַכענדיג. דערנאָך פלעגט מען געהן אויפ'ן בית־עולם. דאָרטען וואַקסען ווידער די בערעלעך, האָט מען זיך פון דאָס בײַ געפּלאָנטערט בערעלעך אין די בערד. און דער תשעה־באב איז געווען אַ טאָג פון געלעכטער און שטיפערײַען; חמשה־עשר באב — ווײַטער סעודות, צו די ערשטע סליחות אַ סעודה — קרופּניק.

ראש־השנה, האָבען די, וואָס זענען געפאָהרען צום רבי'ן, גאַנצע טעג געטרונקען ווײַן, פון נאָכ'ן דאַוונען ביז האַלבע נאַכט. יום־כפּור בײַנאַכט האָט מען געזונגען, סוכות, שמחת בית השואבה און דעם גאַנצען חול־המועד האָט מען גע'שכּור'ט און געזונגען, און דאָס אָרט איז אַלץ געווען בײַם טאַטען.

דער טאַטע האָט גערײַכערט אַ ליולקע. די ליולקע האָט ער נישט אַרויסגעלאָזען פון מויל גאַנצע טעג. אויפ'ן פּנים איז בײַ איהם געלעגען אַ שמײַכעל, און אָט דער שמײַכעל פלעגט נישט אַראָב פון זײַן פּנים סײַ אויף אַ שמחה און סײַ אין דעם גרעסטען טרויער. מען האָט איהם קיינמאָל נישט געזעהען ווײנענדיג. אוודאי האָט ער געטרויערט אין אַ טרויער, און שטאַרק געטרויערט, נאָר ער האָט עס קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזען.

אַ חסיד איז ער געווען לויט איבערצײַגונג, אַנ'אמת'ער און אַ

גוטער, און פאַר איין שעה זיין נעבען רבי'ן, וואלט ער אָבגעגעבען די גאַנצע וועלט.

מען האָט ביי איהם קיינמאָל נישט געזעהן קיין תמונה פון קיין כעס, און מיט דער ליולקע אין מויל פלעגט ער שטענדיג אַרומגעהן אַ שמייכלענדיגער, אַ גוטער און אַ האַרציגער. און קיין צבועק איז ער נישט געווען: מיט פרויען, מיידלעך, ווייבלעך איז ער געווען העפליך, פלעגט זיי מאַכען קאָמפּלימענטען, חוזק'ן און ווערטלען זיך.

קיין דאגות פרנסה האָט ער נישט געהאַט, דאָס הייסט, ער האָט נישט צוגעלאָזען קיין דאגות, ווארום ער האָט אינערליך געהאַלטען, אַז די וועלט איז אַ פּרוזדור, און די צרות, וואָס דער מענש האָט אויף דער וועלט און אויך דאָס גוטס מיט די אַלע גליקען — איז אַלץ הבל הבלים, און אַפילו אין געשעפט האָט ער דאָס נישט פער-געסען, און האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלטען, ווי אַ געשעפטס-מענש-

פִינפטֶעם קאַפִּיטעֶל.

ר׳ ישׂראל. — זיין געזאַנג. — זייַנעֶ קאָמפּאָזיציעֶס. — זיין ראָל צווישעֶן חסידים. — ר׳ ישׂראל אַלס מאַטעֶמאַטיקעֶר. — דאָס געֶוועֶט. — זיין פּוילישעֶר פּאַטריאָטיזם. — זייַנעֶ מאַרשעֶן לכבוד דעֶם פּוילישעֶן נצחון. — דעֶר אָבמאַך מיט אַ חסיד. — דעֶר געֶווינס. — ר׳ ישׂראל׳ס טויט.

איינעֶר פון די סאַמעֶ אינטעֶרעֶסאַנסטעֶ חסידים אין קאַמעֶניץ איז געֶוועֶן ר׳ ישראל. עֶר האָט געֶוואוינט בייַם זיידעֶן מיט אַ פרוי און אַ טאָכטער. דעֶר דאָזיגעֶר ר׳ ישראל האָט געֶהאַט אַ גאונ׳ישעֶן קאָפּ און יונגעֶלווייַז איז עֶר געֶהאַלטעֶן געֶוועֶן פאַר אַנ׳עלוי. נאָך פעֶרצייַטעֶן האָט עֶר געֶקראָגעֶן צוויי טויזעֶנד רובל נדן און קעֶסט פינף יאָהר, און דעֶם שווער, אַ גרויסעֶר גביר, האָט זיך געֶוואָלט צו האָבעֶן אַנ׳איידעֶם אַ רב. עֶר האָט זיך געֶריכט, אַז ישראל וועֶט זיין אַ רב אין אַ גרויסעֶר שטאָדט, וועט עֶר האָבעֶן פון זיין בת־יחידה נחת.

אָבעֶר ישראל איז גאָר געֶוואָרעֶן אַ קאָצקעֶר חסיד, האָט אַוועֶק־געֶוואָרפעֶן דאָס לערנעֶן, איז געֶפאָהרעֶן צום רבי׳ן און אָבגעֶוועֶזעֶן כמעט דאָס גאַנצעֶ יאָהר בייַם רבי׳ן. צוליעב זייַנעֶ גרויסעֶ מעלות און למדנות, צוליעב זיין זעֶלטעֶן קלאָרעֶן כאַראַקטעֶר און די אונעֶרהעֶרטעֶ פעֶהיגקייַטעֶן, איז עֶר געֶוואָרעֶן בייַם רבי׳ן דעֶר פיהרעֶר פון די חסידים.

איינס פון זיינע פעהיגקייטען איז געווען געזאַנג, מוזיק, קאָמפּאָזיציעס. ער האָט אַליין געקענט פערפאַסען אַ נגון. אַז דער רבי האָט געהייסען, ער זאָל צוגרייטען אַ נגון אויף שבת, האָט ער צוגעגרייט דריי נגונים, און יעדער נגון איז געווען גאַנץ, זעלבסט־שטענדיג און איינהייטליך. קיין נאָטען האָט ער נישט געקענט, און דאָך איז יעדער נגון זיינער געווען פערענדיגט און האָט בעצויבערט.

כל זמן ר׳ אליעזר, זיין שווער, האָט געלעבט, איז ר׳ ישראל געזעסען מעהר ביים רבי׳ן ווי אין דער־היים. אָבער נאָך ר׳ אליעזר׳ס טויט, האָט זיין ווייב שרה־ביילע גע׳ירשנ׳ט זעקס־טויזענד רובל. איהרע צוויי ברידער האָבען בעקומען מעהר — צו פופצעהן טויזענד. דעמאָלט האָט מען אין ליטא גאָרנישט געגעבען קיין ירושה אַ טאָכטער, נאָר דער פאָטער האָט זי דאָך נישט פערטיילט.

האָבענדיג די ירושה, איז זי געפאָהרען צום רבי׳ן בעטען, אַז יענער זאָל הייסען ישראל׳ן פאָהרען אַהיים און מאַכען עפּעס אַ געשעפט. האָבען זיי עפּעס יאָ „געמאַכט״ אַ טוך־געשעפט, אָבער אַזוי ווי ר׳ ישראל איז נאָר געלעגען אין חסידים־שטיבעל די גאַנצע וואָך און שבת ביי מיין טאַטען, און פון געשעפט האָט ער גאָרנישט געוואָלט וויסען, האָבען זיי גיך גע׳פטר׳ט דאָס געלד; האָט מען זיך געטאַ־טערט און טיילווייז האָט זיי געשטיצט די פאַמיליע.

איצט איז ער שוין צום רבי׳ן געפאָהרען נאָר צוויי מאָל אין יאָהר: אויף ראש־השנה און שבועות. דאָס חסידות האָט ער געפּראַ־ווועט אין דער־היים.

שרה־ביילע איז געווען זעהר אַ פרומע. זי פלעגט פאַסטען אַלע תעניתים מיט הפסקות און שובבי״ם ת״ת, ד. ה. יעדע וואָך פון די פרשות: שמות, וארא, בא, בשלח, יתרו, משפטים, תרומה און תצוה פלעגט זי פאַסטען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. ווייטער האָט זי געדאַ־ווענט מנחה און מעריב אין בית־המדרש, געציילט ספירה און געזאָגט סליחות, נישט פערפעהלט קיין איין סליחה און קיין מנחה אין מעריב, און שטענדיג געוויינט איבער׳ן תהילים און טייטש־חומש און דעם צאֶנה־וראנה.

און ער, ר׳ ישראל, האָט געדאַווענט אין שטיבעל. אין קנאַפּע צעהן מינוט האָט ער שוין אָבגעדאַווענט, און דער עולם האָט געוואַרט

און אַז ער האָט געענדיגט, האָט מען באַלד גענומען טרינקען לחיים און ר׳ ישראל האָט אַלע חסידים געמאַכט פרעהליך. ער האָט געזונגען זיינע נגונים און די חסידים האָבען געלעקט די פינגער. ער האָט אָבער אויך געקענט שען ריידען סיי פון וועלט-זאַכען און סיי פון תורה און חסידים פלעגען זיך אַרומשטעלען אַרום איהם און הערען זיין שע-נע חסידיש-לומדישע תורה.

ביי די לומדים אין שטאָדט האָט ער געשפּיעלט אַ בעזונדערע ראָליע. אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ שווערער מהרש״א, אָדער עפּעס אַ שווערע קשיא אין תלמוד צי אין פוסקים, איז מען געקומען צו ר׳ ישראל׳ן. מיט זיין גאונ׳ישען קאָפּ האָט ער אַלץ פערענטפערט, ווי דער שטייגער איז, מיט פשט׳לעך מיט שפּיצלעך, געדרעהט אַזוי הויך, אַז מען האָט קוים געקאָנט פערשטעהן זיינע הויכע געדאַנקען און סברות, אין יעדען פשט׳יל האָט מען געזעהן גרויסע גאונות און בקיאות.

די לומדים האָבען געהאַט גרויס הנאה פון זיינע פשט׳לעך, אָבער זיי האָבען נישט געהאַט מיט וואָס אַוועקצוגעהן. די קשיא איז ביי זיי געבליבען קשיא, נאָך שווערער ווי פריהער, און זיינע אַלע תרוצים און דריידלעך מיט די גאונ׳ישע סברות האָבען דעם רעכטען תמצית קיינמאָל נישט געקענט אינגאַנצען אַרויסגעבען, און די לומדים זענען אַוועקגעגאַנגען פון איהם זעהר געפאַלען ביי זיך: ער ווייס און זיי נישט, און קיין תירוץ האָבען זיי ערשט נישט.

ר׳ ישראל איז געווען אַ כעדלעצער, דאָס הייסט, אַ יוד פון פוילען, האָט ער געלעזען גוט פויליש און שטענדיג געלייענט וואַרשאָ-ווער פוילישע צייטונגען, און אַז ער איז אָנגעקומען אין ליטאָ, האָט ער אין אַ קורצער צייט פערשטאַנען גוט רוסיש, און האָט אויך געלעזען אַ רוסישע צייטונג. אין פּאָליטיק איז ער געווען אַ גרויסער מומחה און האָט ווירקליך געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט-דיפּלאָ-מאַטיע. אויסערדעם האָט ער געוואוסט, וויפיעל יעדע רעגירונג האָט מיליטער און די מינים פונ׳ם מיליטער: ווי אַרטילעריע, און גוואַרדיע, און פעהאָטע, און די אַלע גענעראַלען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין מלחמה, א. אַ. וו.

ער האָט געהאַט אַ לאַנד-קאַרטע און איז געווען קלאָר אין

געאָגראַפיע. אַז מען האָט איהם געפרעגט, וואו שטעהט די און די שטאָדט, האָט ער גלײַך מיט'ן פינגער אָנגעוויזען דאָס אָרט. דערצו איז ער נאָך געווען אַ געניאַלער מאַטעמאַטיקער. די גרעסטע חשבונות, די סאַמע שווערסטע אויפגאַבען און אויסמעסטונגען האָט ער געמאַכט אויפ'ן קאָפּ און אין אַ סעקונדע. נעהמען אַ פען דערצו איז פאַר איהם געווען איבעריג.

בעזונדערס האָט ער ליעב געהאַט צו זיצען בײַם זיידען אין שטוב, בעת עס זענען דאָרט געווען פיעל מענשען. דער זיידע האָט איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד און ליעב געהאַט מיט איהם צו פערברענגען אין פּאָליטיק. צוויי קלוגע מענשען, זענען זיי זיך איינע די אַנדערע געווען אינטערעסאַנט.

ער פלעגט זיך צוהערען, וועגען וואָס עס ווערט גערעדט אין שטוב און אַ שמייכעל פלעגט הענגען אויף זײַן פנים. אהרן-לייזער האָט פערשטאַנען, וואָס דער שמייכעל בעדײַט. דאָס האָט בעדײַט: ווי ניטיג די מענשען זענען און ווי נישטיג זענען זייערע געשעפטען און זייערע רייד.

איינמאָל, געדענק איך, איז געווען בײַם זיידען אַ פולע שטוב מיט מענשען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען די אַלע פני-העיר און די קאַמעניצער קלוגע קעפּלעך. האָט מען געשמועסט וועגען רעכענען. ר' ישראל האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט, אַז ער נעהמט זיך אונטער אין אַ געוועט צו מאַכען די גרעסטע רעכענונג, עס מעג זײַן ווי צודרעהט, מניה וביה, אין איין רגע. געדענק איך דאָס אַזוי — מען האָט איהם געפרעגט:

— ראָטשילד גיט אַוועק אַ מיליאָן מיט דרײַ הונדערט פינף-און-זעכציג טויזענד רובל אויף צוויי און-אַ-האַלב פּראָצענט אַ יאָהר. וויפיעל בעטרעפט דער פּראָצענט אַ חודש?

ישראל האָט אַ רגע אַ טראַכט געטהאָן און געזאָגט וויפיעל. האָט מען גענומען די פענעס און געשוויצט, אין גערעכענט, און געקנייטשט די שטערענס און אויסגערעכענט, אַז עס שטימט. האָט מען איהם ווידער אויפגעגעבען אַ חשבון:

— טויזענד פוד זאַפּרען צו פיער-הונדערט-פינף-און-צוואַנציג רובל אַ פוד. געלייזט האָט מען אַ לויט צו זיעבען-און-דרײַסיג מיט אַ האַלבען,

אַלט-און-דרייסיג מיט אַ האַלבּס און נײַן-און-דרײַסיג מיט אַ האַלבּס. ווי- פיעל האָט מען פערדינט אין כּלל?

ר׳ ישראל האָט בּולשטעבּליך בּ אַ ל ד געענטפערט, אפשר אַ רגע האָט געדויערט.

בּײַם טאַטען פלעגט ער זײַן כּמעט אַלע וואָכענד און פערברענ- גען מיט׳ן טאַטען אין חסידות בּיז נאָך האַלבּע נאַכט. פון פרײַטאָג צו נאַכט בּיז זונטאָג פריה פלעגט ער שוין כּמעט די גאַנצע צײַט זײַן בּײַם טאַטען. זינגען פלעגט ער נאָר זײַנע אייגענע נגונים, וועלכע דער גאַנצער כּולל האָט געזונגען, פון פרעמדע, נישט זײַנע, חסידישע נגונים פלעגט ער, ווי די מאָדע איז פון קינסטלער, נישט האַלטען.

בּײַם זינגען זײַנע נגונים מיט די חסידים, האָט ער געמאַכט מיט׳ן האַנד צו די זינגער און זיך אײַנגעהערט, טאָמער נעהמט עמי- צער נישט ריכטיג דעם טאָן, און האָט געטופּעט מיט׳ן פוס.

זײַנע נגונים זענען געווען געדרעהטע און הויך אַרויפגעצויגען, בּאַלד לאַנג און נידעריג און דערנאָך ווידער אַרויף, הויך, און אַזוי ווײַטער, און עס פלעגט זיך צוגיסען אין אַלע גלידער.

אַז דער טאַטע האָט איהם געבּעטען מאַכען אַ נגון אויף שבת- צו-נאַכט׳ס, אָדער אויף יום-טוב, האָט ער שוין געמאַכט; און אַמאָל פלעגט טרעפען, אַז דער טאַטע פלעגט איהם בּעטען, בּעת מען פלעגט זיצען צוזאַמען אַ סך חסידים, מאַכען עפּעס אַ שענעם נגון, עקספּראָמט, מיט אַמאָל, און נאָר אויף היינטיגע נאַכט צו זינגען. פלעגט ער אָנהויבּען אַרומצוגעהן איבּער׳ן שטוב הין-און-צוריק, געדרעהט מיט׳ן פינגער און אויסגעדרעהט אין אַ האַלבּע שעה צײַט אַ שענעם נגון, וואָס האָט ממש אַלעמען פער׳כּשופ׳ט. דאָס איז געווען אַ זעלטענער יוד און אַ זעלטענער מענש.

אין פּוילישען אויפשטאַנד פון דרײַ-און-זעכציגסטען יאָהר איז ער געווען דורכאויס בּונט. ער איז געווען אַ פערברענטער פּאָליאַק, אַ שרעקליכער פּוילישער פּאַטריאָט, און איז בּנוגע צו פּוילען געווען העכסט אָפּטימיסטיש געשטימט. ער איז געווען זיכער, אַז פּוילען וועט איצט ווערען נאָך אַ גרעסערע מלוכה, ווי זי איז געווען פריהער. ער האָט אַליין געלעגט האָפנונג אויף נאַפּאָלעאָן דעם דריטען. קוים, האָט ער געהאָפט, וועלען די פּאָליאַקען „פערמאַטערן" דעם רוס, וועט

קומען נאַפּאָלעאָן מיט זײַן מיליטער און העלפען די פּאָליאַקען אָבנעה־מען זייער לאַנד. דערבײַ וועט רוסלאַנד פערלירען אַ שטיק פון זײַן לאַנד...

די פּאָליאַקען, האָט געהאַלטען ר׳ ישראל, האָבען מיליאַרדען געלד. זיי האָבען שוין נאַפּאָלעאָנ׳ען געגעבען דרײַ־הונדערט־מיליאָן פראַנק און זיי וועלען אייםפיהרען זייערס. ער האָט געוואוסט, וואו עס שטעהט דאָס רוסישע מיליטער און וואו דאָס פּוילישע, און וויפיעל מאַן עס געפינט זיך אויף יעדען צד.

דאָס רוסישע מיליטער איז פראָסט און קען נישט קיין תּכסיסי מלחמה, און נאַפּאָלעאָן האָט שוין אַרײַנגעשיקט זײַנע אָפּיצירען צו די פּאָליאַקען, און די פּאָליאַקען וועלען דערגעהן צו זייער ציעל.

ער איז געווען בײַ זיך זעהר פעסט, ווען ער האָט געלעזען אין צייטונג, אַז די פּאָליאַקען האָבען געמאַכט בעסער אין זייערע צעוואָר־פענע שלאַכטען, האָט זיך געפרעהט, און האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ שמחה, ווי מען וואָלט אָבגענומען ירושלים, און אַז ער האָט געלעזען, אַז די פּאָליאַקען האָבען געהאַט ערגיץ אַ מפּלה, האָט ער געמורמעלט און האָט זיך דאָך נישט אונטערגעגעבען. ער האָט אַלץ גע׳טענה׳ט, אַז בײַ איהם איז זיכער, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז פּוילען וועט פאָרט געווינען די מלחמה.

און ער האָט שוין צוגעגרייט דרײַ מאַרשען פאַר׳ן נצחון פון די פּאָליאַקען. דער ערשטער מאַרש איז געווען פערפאַסט דערויף, ווען דער קיסר וועט אונטערשרײַבען, אַז ער גיט אָב פּוילען, און דאָס פּוילישע מיליטער וועט אַרײַן אין וואַרשאַ מיט נצחון; דער צווייטער מאַרש — צו בעגלייטען דאָס פראַנצויזישע מיליטער, ווען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען פון וואַרשאַ קײַן פראַנקרײַך, און דער דריטער מאַרש — צו דער פײַערונג פון פּוילישען קעניג מיט דער נייער קאָנסטי־טוציע...

און ער האָט שוין מבטיח געווען אַלעמען, אַז אין פּוילען וועט זײַן זעהר אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציע, פּונקט ווי זיי זענען געווען די ערשטע קאָנסטיטוציאָנאַליסטען אין דער וועלט.

צעהן וויאָרסט אַרום קאַמעניץ זענען אין וואַלד „טשעמערי״ פאָר־געקומען קליינע שלאַכטען צווישען רוסען און פּאָליאַקען און די שאָסען



פון די אַלע ר׳ ישראל׳ס קאָמפּאָזיציעס, וואָס זענען בײַ מיר פער־
בליבען אין זכרון, גיבען מיר דאָ איבער די נאָטען פון צוויי מאַר־
שען זײַנע, וועלכע זענען געווידמעט פוילען. דעם סמך, צוליעב וועל־
כען די דאָזיגע מאַרשען זענען פערפאַסט געוואָרען, וועט דער לעזער



געפִינען דערבײַ אויף די זײַטלעך פונ'ם בוך.

מיר געפִינען דאָ פּאָר נויטיג צו בעדאַנקען דעם ה' פּסח קאַפּ־לאַן, וועלכער האָט זיך געגעבען די מיה צו פֿערשרײַבען אין נאָטען די מאַרשען, וועלכע איך האָב איהם פֿאָרגעזונגען פֿון זכרון.

פון ביקסען האָבען זיך, געדענק איך, געהערט ביי אונז אין שטעד-
טיל.

אין ליטאָ האָט זיך אויסגעצייכענט דער פּוילישער אויפשטאַנד-
אָנפיהרער אָגינסקי. ער איז געווען אַ גרויסער בריה אין תּכסיסי
מלחמה, אַזוי, אַז ער האָט געוואָרפען אַ שרעק אויף דאָס רוסישע
מיליטער. אין טשעמערי זענען געווען צוויי פּאָלקען רוסישע זעלנער
מיט אַרטילעריע, וועלכע האָבען זיך געשלאָגען מיט דעמזעלבען אָגינ-
סקי'ן. אָגינסקי האָט, דאַכט זיך, געהאַט אינגאַנצען דריי טויזענד פּוילי-
שע זעלנער, אָהן האַרמאַטען. אָגינסקי'ן איז אַוועק שלעכט און ער
איז אַנטלאָפען, רייטענדיג אויפ'ן פערד, אין דריי קאָזאַקען האָבען
איהם נאָכגעיאָגט. ער האָט זיך אויסגעדרעהט, זיצענדיג אויפ'ן פערד,
און דערשאָסען אַלע דריי קאָזאַקען. אַנטלאָפען איז ער קיין פּינסק. די
רוסען האָבען גענומען אין געפאַנגעשאַפט די אַלע גרויסע חראַביעס,
וועלכע זענען געווען מיט אָגינסקי'ן. דאָס פּוילישע מיליטער האָט מען
אינגאַנצען אויסגע'הרג'עט און די פּוילישע אָפיצירען, געפאַנגענע, האָט
מען געבראַכט אין קאַמעניץ. איך געדענק, אַז מ'האָט זיי געבראַכט
אין אַ שענעם שבת'דיגען טאָג און זיי זענען געזעסען אויף דער ערד
אין מיטען מאַרק, אונגעפעהר ביי אַ זיבעציג מאַן, מיט געבונדענע הענד
און אַרום זיי זענען געשטאַנען רוסישע זעלנער.

אַז אין קאַמעניץ זענען אַריינגעקומען צוויי פּאָלקען זעלנער, מיט
דער אַרטילעריע, איז געווען פול די שטאָדט. און ר' ישראל, וואָס
האָט געזעהן די פּוילישע מפּלה מיט זיינע איינענע אויגען, האָט זיך
צעוויינט ווי אַ קינד. שבת-צו-נאַכט'ס, געדענק איך, איז געווען ביים
זיידען אַ סך מענשען און ר' ישראל האָט געמאַכט אויפ'ן טיש מיט
קרייד אַ רעכענונג פון דעם רוסישען און פּוילישען מיליטער אין די
ערטער, וואו עס ווערט געפיהרט דער אויפשטאַנד.

— דאָס איז איצט אַנ'אָנהויב, — האָט ער געזאָגט, — און די
איצטיגע טשעמעריער מפּלה איז גאָרנישט, די פריצים וועט טאַקי מו-
ראַוויאָוו אויפהענגען, אָבער עס איז גאָרנישט. געגען דער גרויסער
קראַפט און רייכקייט פון די פּאָליאַקען, — האָט ער גערעדט, מעקענ-
דיג מיט'ן האַנד דאָס רוסישע מיליטער, וואָס ער האָט פריהער אָנגע-
צייכענט מיט קרייד — זענען די רוסען גאָרנישט שבגאָרנישט...

דערווײַל זענען געקומען זעלנער און אָנגעקלאַפּט אין טהיר. זיי האָבען געוואָלט טרינקען שנאַפּס, און דאָ איז אַ שענק. די טהיר איז געווען פערריגעלט, און מען האָט בעדאַרפט עפענען; האָט מען אָבער מורא געהאַט נישט צו עפענען זיי. אַ קליינינקייט, סאָלדאַטען! האָט זיך ר' ישראל געשטעלט נעבען טהיר און נישט געלאָזט עפענען זי פאַר די רוסען. די סאָלדאַטען האָבען באַלד אויפגעריסען די טהיר און געטראָפען, פערשטעהט זיך, דעם ערשטען ר' ישראל'ן. דערפאַר האָט ער בעקומען פון זיי צוויי פעטש, אַז איהם איז אַרויס בלוט פון די צייהן.

אַז די סאָלדאַטען זענען שוין אַוועק, האָט עמיצער געזאָגט ר' ישראל'ן:

— איהר האָט דאָך איצט, ר' ישראל, געמאַכט אַ רעכענונג, אַז די רוסען זענען גאָרנישט, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין רוסישע סאָלדאַטען?...

— אפנים, דאָס איז אַ סאָלדאַט, וואָס? דאָס איז דאָך אַ ראַז-באָיניק! — האָט ר' ישראל ביטערליך און פערקלעמט געענטפערט.

דערנאָך, אַז די פּאָליאַקען האָבען בעקומען איין מפּלה נאָך דער אַנדערער און עס איז געוואָרען דייטליך, אַז עס איז שוין גאָר קיין האָפנונג נישטאָ, האָט עס ר' ישראל גענומען שטאַרק צום האַר-צען. ער האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו טרינקען בראָנפען, כדי אַרויס-צושלאָגען פון זיך די מרה-שחורה. דאָס האָט איהם פערשאַדט און ער איז געפאָהרען צום רבי'ן.

פון רבי'ן איז ער געקומען מיט שמחה. דער רבי האָט איהם געגעבען אַן עצה צו טרינקען בראָנפען מיט בוימאייל אינאיינעם, וועט זיין אי רפואת הנפש — ער וועט האָבען שמחה, אי אַ רפואת הגוף — דאָס בוימאייל וועט איהם היילען דאָס האַרץ. פלעגט שוין שטענדיג ר' ישראל ברענגען צום טאַטען אַ פלעשעלע בוימאייל, און ווען ער האָט געמאַכט מיט די חסידים לחיים, האָט ער זיך אַריינגע-גאָסען אין זיין גלעזעל אַ פּאָרציע בוימאייל. צוליעב דעם האָט ער נאָך מעהר געטרונקען און דערווייל געמאַכט נייע נגונים.

איינמאָל, זענענדיג אין קאָצק ביים רבי'ן, האָט ער מיט זיינעם אַ גוטען ברודער פון איין שטעדטיל פונאַנדערגערעדט זיך ביי אַ גלעזעל

וויַין. ווי דער שטייגער איז בײַ יודען, האָט ר׳ ישראל דערצעהלט, אַז ער האָט אַ מיידעלע, אַ בית-יחידה פון דרײַ יאָהר און מיט קיין קדש האָט איהם גאָט נישט בעשערט, וואָלט ער געוואָלט, אַז די טאָכטער, ווען זי וועט אויסוואַקסען, זאָל טהאָן עפּעס אַ רעכטען שידוך מיט אַן׳ערהרליכען יודען.

זאָגט יענער, אַז ער האָט אַ יונגעל פון אַ יאָהר דרײַ, וואָס האָט זעהר אַ גוט קעפּעל, בכן, זאָלען זיי שוין שליסען אַ שידוך, און פון דעם יונגעל, ווידער, וועט מען שוין מאַכען אַ רעכטען חסיד.

די זאַך איז ר׳ ישראל׳ן געפעלען געוואָרען. ביידע האָבען גע-מאַכט אַ תקיעת-כף, אַז דעם׳ס זוהן מיט יענעם׳ס טאָכטער זענען חתן-כלה, תנאים זאָל זיין בעת די קינדער וועלען אַלט ווערען צוועלף יאָהר, און אַז דוד, דער חתן, וועט ווערען בעל-מצוה זאָל זײַן די חתונה. אַזוי איז געמאַכט געוואָרען דער תקיעת-כף, וואָס איז פּער-טרונקען געוואָרען מיט עטליכע כּוסות גוטען וויין. דערנאָך איז מען אַוועק צום רבי׳ן, נעהמען אַ ברכה אויפ׳ן זיווג. ר׳ ישראל מיט דעם יודען, וואָס האָט געהייסען ברוך, זענען געוועזען פון די ערשטע חסידים בײַם קאָצקער רבי׳ן און זענען געזעסען שטענדיג אויבענאָן בײַם טיש. האָט דער רבי אַליין אָנגעגאָסען דרײַ כּוסות וויין און מען האָט געטרונקען לחיים, אַז דער זיווג זאָל עולה ליפה זיין, און דוד, דאָס יונגעלע, זאָל זײַן אַן׳ערהרליכער יוד און פון זיי זאָל אַרויסקומען אַ דור פון גאָלע חסידים און צדיקים.

ר׳ ישראל איז געקומען קיין קאַמעניץ פון רבי׳ן און אָבגעגעבען דעם ווײַב מזל-טוב פון דעם שידוך, וואָס איז בײַם רבי׳ן געשלאָסען געוואָרען. שרה-ביילע זײַן ווײַב, אַ ניכטערע יודענע, איז אין כעס גע-וואָרען, און פון גרוים אויפרעגונג האָט זי איהם געגעבען די ערשטע קללה:

— אַ שוואַרצער חלום אויף דײַן קאָפּ! משוגענער קאָפּ! דו נעהמסט דרײַ-יעהריגע קינדער, וואָס האָבען נאָך נישט געמאָזעלט און נישט געפּאָקט, — און ביזט משדך!

ר׳ ישראל איז אויך אַרוים פון געדולד און האָט דאָס ערשטע מאָל מסתמא אויפ׳ן לעבען איהר געזאָגט:

— דו ביזט אַ חצופה! אַז איך דערצעהל דיר, אַז דער רבי אַלײן האָט אונז געגעבען אַ ברכה, דאַרפסטו האָבען אמונה, דו חצופה אײנע!

איז מען געװאָרען ברוגז, און ר׳ ישראל האָט אָבגעטראָטען, איז אַװעקגעגאַנגען צו מײַן טאַטען און האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה. עס פערשטעהט זיך, אַז דער טאַטע האָט אויך געגעבען שרה-בײלע׳ן אונגערעכט דערפאַר, װאָס זי האָט נישט קײן אמונה אין רבי׳ן. נאָר דער טאַטע האָט געװאָלט מאַכען אַ שלום, װאָס ער האָט באין אופן נישט געקאָנט, און ר׳ ישראל האָט געזאָגט, אַז ער װעט אַװעק-פאָהרען צום רבי׳ן אין דאָרטען פערבלײַבען ביז די קינדער װעלען אויסװאַקסען. דעמאָלט װעט ער מאַכען שלום מיט דעם װײַב און חתונה מאַכען די קינדער.

דער טאַטע, װאָס האָט איהם משונה ליעב געהאַט, האָט אײַנגע-זעהן, אַז קוים װעט ר׳ ישראל אַװעקפאָהרען צום רבי׳ן, װעט ער שוין װירקליך צוריק נישט קומען. װאָרום דאָרטען װעט איהם טאַקע זײַן גוט, ער װעט זיך זיצען בײַם רבי׳נס טיש, װעט עסען, טרינקען, מאַכען נגונים און טאַנצען, און עס װעט איהם גאָרנישט פעהלען.

האָט איהם דער טאַטע פאָרגעלעגט צו זײַן בײַ איהם. ער װעט איהם אָבגעבען אַ צימער און זײ װעלען זיך זײַן צוזאַמען, װי פריהער. ר׳ ישראל׳ן איז דאָס געפעלען געװאָרען, ער האָט אויך ליעב געהאַט דעם טאַטען, און שנאַפּס, װידער, איז בײַ אונז געװען װי װאַסער, און הסידים האָבען אויך נישט געפעהלט בײַ אונז, אַלזאָ, איז ער געבליבען בײַם טאַטען.

דעם טאַטענס כונה איז דאָך געװען צו מאַכען האָטש מיט דער צײַט אַ שלום, װאָרום שרה-בײלע, זײַן װײַב, איז אײגענטליך געװען אַ זעלטענע יודענע, אַ קלוגע און אַ פרומע, און האָט פריהער געלעבט מיט׳ן מאַן זעהר גוט, האָטש אין דער יוגענד האָט זי געהאָפט, אַלס אַ גביר׳ס אַ טאָכטער, צו זײַן אַ רבי׳צין, װאָס האָט זיך איהר, נעבעך, טראַגיש נישט אײַנגעגעבען.

העלפט דער אױבערשטער און פאַר נײַ-יאָהר, אין חודש טבת, געװינט דער מחותן, ר׳ ברוך, פופציג-טױזענד רובל אויף דער פּױלי-שער לאָטערײַ. ער האָט באַלד דערפעשירט װעגען דעם. שרה-בײלע

האָט אָן אַלץ פּערגעסען און איז געקומען צולויפען צום מאַן, בײַ מײַן טאַטען אין שטוב, מיט אַ שמחה, און איבערבעטענדיג ר׳ ישראל׳ן, האָט זי אָנגעזאָגט די בשורה און געזאָגט:

— איצט גלויב איך אין דײַן רבי׳ן...

דעמאָלט איז געוואָרען שלום.

דער מחותן האָט געשיקט דער כלה גאָלדענע קייטעלעך און פינגערלעך און פּעריל און זײַדענס אויף קלײַדלעך. און דאָס דרײַ-יעה-ריגע מײדעלע, זיסעל, איז אויסגעפּוצט געוואָרען ווי אַ פּרינצעסין.

ר׳ ישראל איז געפאָהרען קיין מעזעריטש און פון דאָרטען זענען בײדע באַלד געפאָהרען צום רבי׳ן אין קאָצק. דאָרט האָט מען אָבגע-פּרישט דעם תקיעת-כף בײַם רבי׳ן, און ברוך האָט געגעבען דעם רבי׳ן צוועלף טויזענד רובל אַ מתנה. ר׳ ישראל איז געקומען צופאָה-רען אַהײם מלא שמחה און שרה-בײלע, פערשטעהט זיך, אויך דאָס-זעלבע.

אַז זיסעלע איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר, איז ר׳ ישראל מיט שרה-בײלע׳ן און דער כלה געפאָהרען אויף תנאים. דעמאָלט איז אָבער שוין דער מחותן נישט געווען רײַך; ער האָט געגעבען נדן טויזענד רובל. און אַז זיי זענען אַלט געוואָרען דרײַצעהן יאָהר איז געווען די חתונה אין מעזעריטש, און זיסעלע איז געבליבען בײַם שווער אויף קעסט. ר׳ ישראל מיט שרה-בײלע׳ן זענען געקומען אַהײם קיין קאַמע-ניץ. איצט איז ער געווען אינגאַנצען אַ פרײַער און האָט פערבראַכט גאַנצע טעג און נעכט בײַם טאַטען מיט די חסידים, געטרונקען שנאַפּס מיט בוימאײל און געמאַלט נגונים.

אַז שרה-בײלע איז געשטאָרבען, האָט ער אַוועקגעוואָרפען די חסידים מיט די בראָנפען, מיט די נגונים און גענומען שרײַבען אַ ספר: פשט׳לעך אויף מסכת פסחים. מיט דעם ספר איז ער געפאָהרען צו גרויסע רבנים נעהמען הסכמות. ער האָט אָבער נישט געקראָגען, ווײַל נײַנציג בלעטער זענען אינגאַנצען פערנומען געווען מיט זעקס פשט׳לעך. קיין רב האָט נישט געהאַט קיין גרויס איבערצו-לעזען איין פשט׳ל מיט זײַנע הויכע, טיפע און געדרעהטע סברות.

ר׳ אײַזיק, דער סלאָנימער רב, וואָס איז געווען אַ וויצלער, האָט איהם געזאָגט, אַז דער ספר איז פאַר מלאכים און נישט פאַר

קיין מענשען. האָט ער זיך גענומען צום האַרצען און פון צופיעל אַרבײַטען מיט'ן מוח, איז ער אין וואַרשאַ קראַנק געוואָרען און גיך געשטאָרבען. דער קאָצקער רבי איז געקומען צו דער פטירה מיט אַ סך חסידים זיינע, און אויך די וואַרשאָווער חסידים האָבען נישט געפעהלט אויף דער לויה.

זעְקסטעֶס קאַפּיטעֶל.

אונזעֶר משפּחה. — די׳ באָבעֶ. — אי׳הר לי׳עבעֶ צום מאַן. אי׳הר שטי׳ל און פרום בעֶנעֶהן זי׳ך מי׳ט מעֶנשעְן. — ר׳ יודעֶל. — שטאָדטי׳שעֶ ענינים. — ר׳ לי׳פּעֶ. — דעֶר תּקיעת־כּף.

דער זויידעֶ האָט לי׳עב געֶהאַט דאָס ווערטעֶל: „די׳ ערד זאָל די׳ בײנעֶר אַרויסוואַרפעֶן דעֶם, וואָס גי׳ט אָב אַ קי׳נד פון זי׳ך״. מי׳ט׳ן ברודעֶר האָט ער געֶלעֶבט אויסגעֶצײכענט, און דער ברודעֶר מי׳ט זײן בן־יחי׳ד און דעֶם בן־יחי׳ד׳ס קי׳נדעֶר זעֶנעֶן געֶוועֶן צוזאַמעֶן מי׳ט׳ן זויידעֶנס קי׳נדעֶר און אײני׳קלעֶך, אַלעֶ ווי׳ אײן מעֶנש, און אַז עמי׳צעֶר פון דעֶר פאמי׳ליעֶ איז קראַנק געֶוואָרעֶן, זעֶנעֶן אַלעֶ געֶוועֶן אַרום חולה. מעֶן האָט פשוט ני׳שט אָבגעֶטראָטעֶן פון אי׳הם.

אי׳ן אונזעֶר משפּחה האָט געֶהערשט אַ מאָדנעֶר אחדות, וואָס איז מי׳ט גרויס פײנקײט געֶפי׳הרט געֶוואָרעֶן פון דעֶר לי׳עבעֶר און אונפעֶרגעֶסלי׳כעֶר באָבעֶן, בײלעֶ־ראַשעֶ. בײ אַלעֶ קראַנקעֶ פון דעֶר פאַמי׳ליעֶ האָט זי׳ געֶוואַלט, ני׳שט אָבגעֶטראָטעֶן. אַ שנוהר איז געֶגאַנגעֶן צו קי׳נד, איז באַלד געֶקומעֶן די׳ שווי׳געֶר; אַ טאָכטעֶר — די׳ מאַמעֶ, אַ קי׳נה, אַנ׳אײני׳קעֶל קראַנק — די׳ באָבעֶ. דעֶם דאָקטאָר צי׳ דעֶם פעֶלדשעֶר — האָט זי׳ אַלײן געֶמוזט אויפנעֶהמעֶן, און האָט מעֶן בעֶדאַרפט עפּעֶס טהאָן דעֶם קראַנקעֶן, האָט זי׳ געֶמוזט זײן דעֶרבײ.

בײַ אִיהר אִין הויז אִיז געֶוועֶן שטעֶנדִיג גרײַט צו עֶסעֶן פאַר אַלעֶ קִינדעֶר און קִינדס-קִינדעֶר, און אַז עמִיצעֶר אִיז אַרײַנגעֶקומעֶן, האָט זִי באַלד געֶגעֶבעֶן עֶסעֶן. זִי האָט אַלײן נִישט געֶגעֶסעֶן און אַלץ געֶוואַרט, טאָמעֶר קומט דאָס קִינד, טאָמעֶר קומט יעֶנס אײנִיקעֶל, די שנוהר, דאַרף מעֶן אַלעֶמעֶן געֶבעֶן. און מִיט דעֶם אַלײן, וואָס אַנדעֶרעֶ האָבעֶן געֶגעֶסעֶן, אִיז זִי געֶוועֶן זאַט. מעֶן האָט זִי זעֶלטעֶן געֶזעֶהן עֶסעֶנדִיג. מאַכעֶנדִיג עֶפּעֶס אַ גוטעֶן מאכל, האָט זִי נאָר פון אִיהם פּעֶרזוכט, און דאָס אִיבעֶרִיגעֶ פונאַנדעֶרגעֶטײלט, און האָטש זִי האָט געֶהאַט צוויי דיענסטעֶן, פונדעֶסטוועֶגעֶן האָט זִי שטעֶנדִיג אַלײן געֶבאַקעֶן און געֶבראָטעֶן און געֶפּרעֶגעֶלט — און אִיז געֶוועֶן אַ זעֶלטעֶנעֶ קעֶכִין.

אויך האָט זִי געֶהאַט אַ טבע אַוועֶקצושִיקעֶן אַלעֶ טאָג אִין הקדש אַרײַן טעֶפּלעֶך מאכלים, דעֶרבײַ פלעֶגט זִי נִישט פעֶרגעֶסעֶן אָן געֶוועֶהנלִיכעֶ אָרִימעֶ-לײַט, וואָס האָבעֶן נִישט געֶהאַט קײן פרנסה. זײ פלעֶגט זִי שטִילעֶרהײד אויך אַרײַנשִיקעֶן און מחיה זײַן.

אַלײן אִיז זִי געֶוועֶן אַ מאָגעֶרעֶ און אַ קלײנִיטשקעֶ יודעֶנעֶ, וואָס די נשמה האָט זִיך אִין אִיהר קוים געֶהאַלטעֶן, און עֶנעֶרגִיעֶ האָט זִי אפשר געֶהאַט ווי אַנ׳אַנדעֶר מאַנסבִיל.

דעֶם מאַן, אהרן-לײזעֶר׳ן, האָט זִי געֶהאַלטעֶן טײַעֶר, ווי ווײַבעֶר זאָגעֶן: „ווי דעֶם טאָג פון שבת”. דעֶר זײדעֶ אִיז געֶוועֶן אַ גרויסעֶר מפונק און האָט לִיעב געֶהאַט גוט צו עֶסעֶן. האָט זִי פאַר אִיהם אַלעֶ טאָג געֶמאַכט בעֶזונדעֶרעֶ שפּײַזעֶן און דאָס גרעֶסטעֶ אומגלִיק אִיז פאַר אִיהר געֶוועֶן, ווען עֶר האָט, חס-ושלום, געֶפונעֶן אַ פלִיג אִין טעֶלעֶר. דעֶמאָלט האָט עֶר שוין נִישט געֶגעֶסעֶן און זִי אִיז באַלד אַוועֶקגעֶפלויגעֶן צו דעֶר שוועֶגעֶרִין: טאָמעֶר אִיז דאָרט פאַרהאַן עֶפּעֶס אַ גוטעֶר מאכל פאַר אִיהם. אַז דאָרטעֶן אִיז נִישט געֶוועֶן, פלעֶגט זִי צושטעֶהן צו אִיהם, אַז עֶר זאָל נאָר וואַרטעֶן אַ רגע, ועֶט זִי אִיהם שוין מאַכעֶן אַ טײַעֶרן מאכל. נאָר עֶר פלעֶגט ווי אויף צו להכעיס נִישט וועֶלעֶן דעֶמאָלט וואַרטעֶן, און זִי פלעֶגט האָבעֶן גרויס עגמת-נפש דעֶרפון.

עֶר האָט לִיעב געֶהאַט גוטעֶן טהײ, האָט זִי שוין אָבגעֶהִיט, אַז זײַן גלאָז טהײ זאָל זײַן שטאַרק און פײַן. און אַז עֶר פלעֶגט אַוועֶק-

פאָהרען צום פריץ, פלעגט ער איהר מוזען זאָגען, ווען ער וועט אנ׳ערך קומען. אויב עס איז מעגליך — אפילו די שעה, און זי פלעגט שוין דעמאָלט צוגרייטען דעם סאַמאָוואַר. און אַז ער האָט בעדאַרפט, למשל, קומען מאָנטאָג ביינאַכט, צוועלף אַ זייגער, האָט זי שוין דעם סאַמאָוואַר אַרויפגענומען צו זיך אויפ׳ן אויבערשטיבעל (דאָרט איז געוועזען זייער שלאָפצימער). די דינסט האָט שוין געשלאָפען, און די באָבע פלעגט זיצען נעבען סאַמאָוואַר אויפ׳ן אויבערשטיבעל און ווײַלע־ווייז צו־וואַרפען אַ קויהל, דער סאַמאָוואַר זאָל נישט אָפקיהלען, כדי אַז אהרן־לייזער וועט קומען, זאָל ער האָבען הייסען טהיי. אָט אַזוי האָט זיך ביי יודען געפיהרט אַמאָל אַ ווייב.

און אַזוי האָט זי אַלץ געהיט אַ גאַנצע נאַכט דעם סאַמאָוואַר, אַז ער זאָל כסדר קאָכען און אַז אהרן־לייזער וועט קומען, זאָל ער באַלד האָבען טהיי. עס האָט געטראָפען, אַז ער פלעגט זיך פערזאַ־מען ביי די פריצים עטליכע נעכט מיט אַמאָל. פלעגט זי די גאַנצע צייט דרעמלען אין די זאַכען און אַמאָל זיך אויפכאַפּען און צולעגען אַ קויהל צום סאַמאָוואַר, ער זאָל קאָכען, און ווידער אַנדרעמעלט ווע־רען. בייטאָג האָט שוין די דינסט געהיט דעם סאַמאָוואַר.

אהרן־לייזער איז געווען אַנ׳איינגעשפּאַרטער און האָט ער געזאָגט יאָ — איז געווען יאָ, און אַז ער האָט געזאָגט ניין, איז שוין קיין טענות ביי׳הר נישט געווען. און אַז ער איז געזעסען צווישען מענשען און זי האָט איהם גראָד בעדאַרפט האָבען, איז זי צוגעגאַנגען צו איהם מיט גרויס דרך־ארץ, און האָט איהם קודם־כל איבערגעבעטען, וואָס זי קומט איצט אין מיטען אַריין, ווען ער רעדט מיט מענשען. אין אַזוינע פאַלען פלעגט ער דאָס רוב אַנ׳אונגעדולדיגער אַ מאַך געבען מיט דער האַנד. דאָס האָט געהייסען, אַז זי זאָל אַוועקגעהן. זי פלעגט, פערשטעהט זיך, אַוועקגעהן און האָט זיך קיינמאָל נישט גע־פונען בעליידיגט.

נאָר פיעל מאָל פלעגט טרעפען, אַז מענשען פלעגען קומען פרעגען אהרן־לייזער׳ן אַ׳עצה און האָבען בעת מעשה פערלאַנגט, אַז זי זאָל אויך זיין דערביי. זי איז געווען בעוואוסט אין שטאָדט מיט איהרע עצות, פלעגט ער זי אַ רוף טהאָן.

— די יורען ווילען בײַ דיר פרעגען אַנ'עצה, — פלעגט ער איהר זאָגען.

האָט מען דערצעהלט די מעשה, און זי האָט געגעבען אַנ'עצה. אָבער פריהער האָט זי געזאָגט אַ שטיקעל הקדמה:

— איך בין דאָך אַפילו נישט מעהר, ווי אַ נאַרישע יורענץ, נאָר מיר ווײַזט אויס, אַז מען דאַרף טהאָן אַזוי און אַזוי.

און צו איהר עצה האָט מען דאָס רוב אײַנגעשטימט.

נעבען מאַן האָט זי זיך קײנמאָל נישט געזעצט, זי איז געשטאַנען פאַר איהם מיט דרך-ארץ, חאָטש זי האָט איהם זעהר, זעהר פיעל מיטגעהאָלפען אין זײַן געזעלשאַפטליכער קאַריערע און אַזוי אויך אין זײַנע געשעפטען מיט די פריצים. זי האָט זיך שטענדיג געסטאַרעט, אַז ער זאָל נישט בלײַבען צום נאַר אין זײַנע געשעפטען און אַלײן האָט זי זיך בכיון געמאַכט געגען איהם צום נאַר. ווי געזאָגט, האָט ער איהר אין אַ סך זאַכען געפאָלגט. אָבער זי האָט זיך גאָר נישט וויסענדיג געמאַכט, אַז זי ווײס, אַז ער פאָלגט איהר...

איהר פאָטער, ר' יורעל, איז געוואָרען אויף דער עלטער אַנ'אלמן, און קײן קינד האָט ער נישט געהאַט בײַ זיך. דרײַ זיהן זײַנע זענען געווען לומדים, אָבער נישט קײן נגידים, און זײ האָבען געוואוינט יעדער אין אַנ'אַנדער שטאָדט. די באָבע, בײלע-ראַשע, איז געווען אַנ'אײנציגע טאָכטער, האָט זי איהם געבעטען צו זיך אין געסט. ער איז געווען זעהר אַ קלוגער יוד און האָט זעהר אויסגענומען אין שטאָדט, אַזוי ווײַט, אַז אהרן-לײזער האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל שוין פערבלײַבען בײַ איהם כל-זמן ער וועט לעבען, וואָרום ער וועט איהם פאַר קײן פאַל נישט אָבלאָזען פון זיך. דער אַלטער האָט פערקויפט אין סעמיאַטיטש זײַן הויז מיט די אַלע כלי-בית און איז געקומען קײן קאָמעניץ צום אײדעם, און דער זײדע, אהרן-לײזער, האָט געהאַלטען דעם שוועהר טײַער ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

דער עלטער-זײדע, ר' יורעל, האָט זיך צוגעקוקט צו זײַן אײדעמ'ס געשעפטען און האָט אײַנגעפונען, וואָס איז אײגענטליך נישט שווער געווען, אַז די שטאָדטישע ענינים פערדרעהען איהם דעם קאָפּ. גאַנצע טעג און נעכט איז בײַ איהם די שטוב געפאַקט מיט מענשען, און אַלץ צוליעב שטאָדטישע ענינים. איהם, דעם אַלטען, האָבען באַנג

געטהאָן אהרן-לייזער'ס פעהיגקייטען, וואָס געהען אַוועק אויף אַזוינע ניש-טיגע, קליין-שטעדטילדיגע ענינים, וואָס קאָפּ-דרעהעניש דאַרף מען צו זיי האָבען מעהר, ווי צו גרויס-שטאָדטישע עסקים.

לכן, וואָלט געווען גלייכער פאַר איהם, ער זאָל אַוועקוואַרפען אינגאַנצען די שטאָדטישע ענינים און זאָל זיך בעסער פערנעהמען מיט די פריצים, ביי וועלכע מען קען עפּעס פערדינען, אָדער ער זאָל אַרויספאָהרען קיין בריסק, וואו ער וואָלט זיך באַלד געקענט מאַכען אַ נאָמען מיט זיין געשיקטקייט און שכל, און בעסער פון דאָרטען זיין דער מנהיג, איידער דאָ אין קאַמעניץ. דאָרטען האָט ער לכל הפחות עפּעס צו טהאָן מיט אַזאַ שטאָדט, מיט גבירים, חכמים, לומדים, נעבילדעטע לייט.

דער אַלטער, ר' יודעל, האָט געקנעלט מיט זיין טאָכטער ביילע-ראַשע'ן, אַז זי זאָל דאָס געבען אַזוי צו ערקלערען דעם מאַן. דער זיי-דע, אהרן-לייזער, האָט אָבער דערויף געענטפערט, אַז ער וועט בשום-אופן נישט פערלאָזען קאַמעניץ, וואו עס ליגען זיינע עלטערן און עלטערנ'ס עלטערן, וואו ער האָט שוין באַלד „אָבגעשטופּט" אַ וועלט, וואו ער האָט אַוועקגעלעגט זיין ענערגיע מיט זיין יוגענד, און אַז מען זאָל איהם געבען מיליאָנען, וועט ער פון קאַמעניץ נישט אַרויספאָהרען. וואָס אָנבעלאַנגט אָבער די שטאָדטישע ענינים, איז ער אַליין מסכים, אַז מען טאָר זיך דערמיט נישט פערנעהמען. דאָס איז צו-שווער; ער לעגט אַוועק אַ סך כוחות און איז דאָך אַלץ נישט יוצא.

דעמאָלט איז פון דאָס-ניי בעשלאָסען געוואָרען, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון אַלע שטאָדטישע ענינים. מען האָט נאָר בעדאַרפט האָבען עפּעס אַ שטיקעל געלעגענהייט דערצו. נאָר אַז מען האָט דערהערט אין שטאָדט, אַז אהרן-לייזער וויל זיך אָבזאָגען פון די שטאָדט-זאַכען, זענען זיך באַלד צו איהם צונויפגעקומען די פני-העיר און אַלע בעלי-בתים חשובים און געבעטען, ער זאָל בלייבען ווייטער. אדרבה, אויב איהם איז צו-שווער, זאָל ער זיי איבערגעבען אַ טייל אַרבייט, וועלען זיי איהם מיטהעלפען.

די בעלי-בתים האָבען אַ סך גערעדט און גע'טענה'ט און ער איז דערווייל פערבליבען אויף אַ פּראָבע, זעהן צי ס'וועט איצט זיין גרינ-גער. אַזוי איז אַוועק אַ צייט, און ער האָט זיך שוין אַליין אָנגעהויבען

אויפפיהרען אַנדערש. ער פלעגט שוין מאַכען אספּות און פּערופען די פני, וועלכע ער פלעגט אויסטײלען אַרבײט, און זײ האָבען געטהאָן, וואס עס איז זײ אַרויסגעגעבען געוואָרען.

ווידער איז אהרן־לײזער בעפּרײט געוואָרען פון אַ סך קאָפּ־דרע־הענישׁ דערמיט, וואָס זײַן שוועהר, ר׳ יודעל, וועלכער האָט נישט גע־האַט וואָס צו טהאָן, האָט זיך פערנומען מיט פיעל מענישען, וואָס פלעגען קומען דעם זײדענס שטוב. ער, ר׳ יודעל, פלעגט זײ שוין געבען עצות, אויסהערען זײערע טענות א. ז. וו.

די באָבע בײלע־ראַשע, וואָס פלעגט פריהער פון דרך־ארץ ווע־גען צום מאַן, זיך קײנמאָל נישט אַרײַנמישען אין מיטען זײַנע רײד, סײַדען אַז מען פלעגט זי אַרוף טהאָן, האָט איצט, ווען איהר פאָטער האָט זיך בעשעפטיגט מיט די יודען, אויך צוגעהאָלפען מיט אַן עצה, מעהר ווי פריהער, און אַזוי אַרום האָט מען דעם זײדען אינגאַנצען בעפרײט פון די דאָזיגע אַרבײטען.

דער זײדע האָט זיך ווידער אָבגעגעבען מעהר די פריצים, און די באָבע האָט זיך קײן נאַכט נישט אויסגעטהאָן און האָט נאָר האַלב געדרעמעלט. זי האָט בעדאַרפט אָפטער אַראָבקריכען פון בעט און צו־וואַרפען פרישע קױהלען צום סאַמאָוואַר, אַז ווען אהרן־לײזער וועט קו־מען, זאָל ער באַלד האָבען הײסען טהײ.

דער זײדע האָט געהאַט אַ שוואָגער, אַ גרויסען למדן, ר׳ ליפּע. דער דאָזיגער ר׳ ליפּע איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, און אײנמאָל האָט ער אַרײַנגעשיקט אַ בריעף צום זײדען, צום שוואָגער, הײסט עס, אַז ער זאָל זעהן איהם געבען עפּעס אַ פּרנסה. האָט דער זײדע גע־שיקט איהם רופען און געזאָגט, אַז ער האָט מיט איהם אָבצומאַכען אַ געשעפט, פון וועלכען ער וועט האָבען פּרנסה און עס וועט איהם קײן זאַך נישט פעהלען. ווידער איהם, דעם זײדען, וועט אויך אַרײַנפאַלען עפּעס דערפון. קוקט איהם ר׳ ליפּע אָן, נישט פערשטעהענדיג דאָס רעטעניש.

וואָס הײסט, ער וועט האָבען פּרנסה און אהרן־לײזער וועט אויך נישט צולײגען דערצו?

זאָגט איהם דער זײדע:

— לאָמיר „אָבמאַכען" אַזאַ געשעפט: איך וועל דיר געבען פּאַר

דײַן װײַב און קינדער פון אַלעם גוטען און דו זאָלסט זיך זיצען און לערנען. נאָר דו װעסט מיר אַרױסגעבען אַ קװיטעל, אַז דו גיבסט מיר אָב האַלב עולם-הבא פון דײַן לערנען. דאָס גאַנצע לעבען בין איך ברוך-השם אַ פּראָסטער עולם-הזה׳ניק, דאָס הײסט, קײן עולם-הזה האָב איך אויך נישט. אָבער לאָמיר חאָטש האָבען עולם-הבא! איך האָב מורא, אַז איך װעל קומען אויף יענער װעלט, װעט מיר זײַן ביטער און פינסטער, װאָרום דאָרט איז נישטאָ קײן איספּראַװניק און קײן אַסעסער...

ר׳ ליפּע האָט אָבער נישט געקענט געבען באַלד אַן ענטפער. בײַ איהם איז, אַפּנים, אויסגעקומען נישט גלײַך, אַז אהרן-לײזער, װאָס האָט אַזױ פיעל עולם-הזה, זאָל נאָך עולם-הבא אויך האָבען. ער האָט געזאָגט, אַז ער װעט זיך מישב זײַן מיט פוריען, זײַן װײַב, אהרן-לײזערס שװעסטער.

עס איז אַװעקגעגאַנגען אַזױ אַ פּאָר מאָנאַטען, און נישט ר׳ ליפּע און נישט זײַן װײַב — האָבען נישט געװאָלט אַװעקגעבען אהרן-לײזער׳ן האַלב עולם-הבא פון לערנען. זײ האָבען שטאַרק געליטען נויט, זענען געװען זעהר געדריקט, מיט קלײנע קינדער, װעלכע מען האָט בע-דאַרפט מאַכען קלײדלעך, שיכעלעך, מלבושים, געלד צאָהלען און נאָך אַזעלכע זאַכען, װאָס מען דאַרף האָבען צום לעבען. אהרן-לײזער האָט זײ לפי ערך צום עסען געגעבען, אָבער נאָר צום עסען. האָט מען זיך געמאַטערט און נישט געװאָלט מאַכען דעם שותפות-געשעפט מיט דעם עולם-הבא. אהרן-לײזער האָט שױן פערקלענערט די פּאָרציע. איצט האָט ער נאָר געװאָלט אַ העלפט פון ר׳ ליפּעס לערנען אַלײן און פון די אַלע מצװות זײַנע גאָרנישט.

געװיעהנליך, האָט עס אהרן-לײזער׳ן פערדראָסען. ערשטענס, האָט זיך איהם שטאַרק געװאָלט עולם-הבא, און, צװײטענס, איז ער גלאַט נישט צוגעװעהנט, אַז מען זאָל איהם אָבזאָגען. האָט ער געטהאָן אַ קלײניגקײט: ער האָט אויפגעהערט צו שיקען זײ אויף צום לעבען.

זענען, נעבעך, געבליבען ר׳ ליפּע מיט זײַן װײַב און קינדער אינגאַנצען אָהן ברויט. עס איז נישט געװען קײן שטיקעל ברויט אין שטוב, אַפילו אַ קאַרטאָפעל איז אויך נישט געװען, ממש חאָטש נעה־ און שטאַרב פון הונגער.

האָט מען זיך געמוטשעט, געראַנגעלט, זיך געוואָרפֿען, אָבער אַז מען האָט שוין מעהר נישט געקענט איבּערהאַלטען, איז שוין פּוריץ, ר' ליפּע'ס ווייב, מסכּים געוואָרען:

— געה שוין, גיב שוין דעם רשע אַוועק דיין האַלב עולם-הבא. מען קען דאָך מיט קינדער נישט שטאַרבּען פון הונגער.

איז ער געקומען אַ דערשלאָגענער צו אהרן-לייזער'ן און איבּער-געגעבּען, אַז ער בּעשטעהט שוין אויף זיין פאָרשלאָג. ער איז מסכּים...

אָבּער אהרן-לייזער איז שוין איצט געווען תקיף בּיי זיך. זאָגט ער:

— איצט וויל איך שוין נישט. דו האָסט מיר נישט געוואָלט געבּען האַלב עולם-הבא? ערשט איז פערפאַלען. געה אַוועק און גיב אָקאָרשט דיין ווייב פּרנסה.

אהרן-לייזער האָט, פערשטעהט זיך, זעהר געוואָלט די עולם-הבא. ער האָט אָבּער פערשטאַנען, אַז די גאַנצע מאַלערקע געגען שותפוּת איז געווען זיין שוועסטער און איהם האָט זיך געוואָלט, אַז די שוועסטער זאָל דוקא קומען און בּעטען זיך בּיי איהם, און ווידער זאָל זי אַליין זיך אויך חתמ'ענען אויפ'ן קוויטעל, אַז זי איז מסכּים צו דעם געשעפט.

ר' ליפּע האָט נישט פערשטאַנען אהרן-לייזערס כּוונה. קען מען זיך פאָרשטעלען מיט וואָס פאַר אַ האַרץ ער איז אַוועק אַהיים. עס איז געוואָרען אַ געוויין אין שטוב. קינדער ווילען עסען און נישטאָ וואָס צו געבּען. זענען זיי בּיידע געגאַנגען צו אהרן-לייזער'ן, מיט אַזאַ חשק ווי מען געהט צו דער שחיטה, און האָבּען געוויינט און געבּעטען, ער זאָל שוין מאַכען שותפוּת.

— גוט, — זאָגט רוהיג אהרן-לייזער, — לאָמיר געהן צום רב און אָבּשרייבּען זיך אויף דעם גאַנצען לעבּען. איך זאָל אייך געבּען פּרנסה גלייך ווי מיינע קינדער, און ליפּע זאָל מיר געבּען עולם-הבא פון זיין לערנען.

ר' ליפּע האָט אָבּער געוואָלט דריי יאָהר, נישט דאָס גאַנצע לעבּען, בּיז מען איז געבּליבּען אויף פינף יאָהר.

איז מען אַוועק צום רב און געמאַכט אַ כּתב אויף דעם, וואָס זיי האָבּען אָבּגערעדט, און ר' ליפּע מיט פּוריען האָבּען זיך גע'חתמ'עט

און דער רב מיט'ן דין האָבען זיך אונטערגעשריבען פאַר עדות, און מען האָט זיך געגעבען אַ תקיעת-כף באילה ובשבועה, אַז אהרן-לייזער דאַרף איהם מיט זיין געזינדעל אויסהאַלטען כיד הנגידים, און דערפאַר בעקומט ער פון ר' ליפען האַלב עולם-הבא פון זיין לערנען. ר' ליפע מוז אָבער לערנען דעם גאַנצען טאָג און טאָר קיין אַנדער זאַך נישט טהאָן, והכל שריר וקים.

אהרן-לייזער איז געקומען פון רב מיט אַזאַ שמחה, וואָס עס איז זיך שווער געווען פאָרצושטעלען. אַ קלייניגקייט, אהרן-לייזערס גליק! ווען מען זאָל איהם געבען פאַר דעם האַלב עולם-הבא כל הון דעלמא, וואָלט ער געווים נישט גענומען.

ר' ליפע מיט פוריען זענען שוין אַוועק אַהיים נישט אַזוי פרעה-ליך. דערפאַר אָבער האָט ביי ר' ליפען אין האַנד געבלישטשעט אַ פינף-און-צוואַנציגער.

איצט האָט אהרן-לייזער אָנגעהויבען שיקען זיי פון אַלדאָס גוטס, פון חלב ודבש. און אַז ר' ליפע האָט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען אָבגעגעסען צוזאַמען מיט זיין געזינדעל גאָר אַ געהויבענעם מי-טאָג, האָט שוין דאָס געשעפט געקראָגען גאָר אַן'אַנדער חן אין זיינע אויגען.

זיעבּעטעס קאַפּיטעל.

דער אַקציז. — דער באַראָן גינזבּורג. — דער בּן־יחיד. — דער סקאַנדאַל מיט'ן אַסעסאָר. — דער איספּראַווניק האַלט דעם זיידענ'ס צד. — ר' ליפּע צוריסען דעם תּקיעת־כּף.

אין יענער צייט איז דער אַקציז איבּערגעגאַנגען פון דער רעגי־רונג צום באַראָן יאָזשע גינצבּורג. איבּערגענומען האָט ער דעם אַקציז פאַר אַ געוויסע סומע געלד צו צאָהלען יעהרליך דער רעגירונג. און פאַר בּעאַמטע אין די אַקציז־קאַנצעליאַריעס און אַנשטאַלטען האָט ער גענומען נאָר יודען: פון דער העכסטער שטעלע בּיז אַ קליינעם פּלאַץ ערגעץ אויף אַ דאָרף.

דעמאָלט האָט שוין דער זיידע אויפגעהערט צו בּרענגען געגנב'עטע בּראָנפען פון פּוילען. ער איז געווען איבּעראַשט פון שמחה, וואָס אַ יודען האָט די רעגירונג איבּערגעגעבּען אַזאַ מין פּאָדריאַד, און ווי ער איז נישט געווען אַריינגעטהאָן אין פרנסה, האָט ער דאָך נישט געוואָלט אַריינבּרענגען גע'גנב'עטע בּראָנפען; טאָמער וועט, חלילה, פון אַזאַ מעשה בּאַנקראָטירען דער באַראָן!... דערפון קען אַרויסקומען אַ רעה פאַר אַלע יודען, וואָרום די שונאי־ישראל וועלען זאָגען, אַז אַלע יודען זענען גנבים.

ווידער האָט זיך דער באַראָן געשטעלט אַזוי פּיין און אָנגענומען יודען פאַר בעאַמטע, וואָס דערמיט גיט ער פּרנסה טויזענדער יודען. ווייטער איז גלאַט שען, וואָס יודען דינען אין קאַזנאַ. האָט שוין דער זיידע בסדר געקויפט בראָנפען אין די ברייזער, און די פּרנסה איז דעריבער שוואַך געוואָרען. פון די פּוילישע בראָנפען׳ס פלעגט ער פערדינען טויזענדער רובל אַ יאָהר!

און אַזוי ווי אַלע קינדער דעם זיידענ׳ס מיט׳ן ברודער האָבען געלעבט נאָר פון דער אַרענדע, און איצט איז מען געוואָרען גערדריקטער אין פּרנסה, האָט דער זיידע שוין אָנגעהויבען פערקלענערן די הוצאה.

פערקלענערענדיג די הוצאה, האָט דער זיידע איינגעפונען, אַז די פינף רובל, וואָס ער צאָהלט אַ מאָנאַט דעם אַסעסער, זענען איבעריג. וואָרום ערשטענ׳ס, גיט דאָך דעם פריצ׳ס פערוואַלטער זיינע פּויערים אַלס הילף צו דער אַרענדע און נאָר זעלטען דאַרף מען אָנקוימען צום אַסעסער. ווייטער האָט ער פאַר׳ן אַסעסער גלאַט קיין מורא נישט — ער האָט דאָך עפּעס דעם איספּראַווניק, געגען וועלכען דער אַסעסער וועט נישט געהן.

דעם אַסעסער האָט עס אַוודאי פערדראָסען, און איך געדענק, ווי דעמאָלט, איך בין נאָך געווען אַ קליין יונגעלע, איז אַריינגעקומען דער קלוטשוואָיט מיט דריי דעסיאַטניטעס און געבעטען אַ פלעשעל בראָנפען. עס איז געווען שבת-צו-נאַכט׳ס. ווי געוועהנליך איז ביים זיידען פול געווען די שטוב מיט מענשען און די באָבע האָט אַלעמען דערלאַנגט טהיי. אָט די מצוה איז שוין געווען איהר מצוה, חאָטש זי האָט געהאַט דינסטען, וואָס האָבען געקענט אָהן איהר דערלאַנגען, און זי איז נישט מיעד געוואָרען אונטערצוטראָגען יעדערן אַ צוויטע גלאָז טהיי, און אַ דריטע...

דעם זיידענ׳ס פלימעניק, דער בן-יחיד, פלעגט שוין שטענדיג היטען דעם פעטער, דאָס הייסט, מיין זיידען, און ער האָט איהם געפאָלגט אין פייער און אין וואַסער. דער זיידע האָט איהם ליעב געהאַט און ער איז געווען דער גאַנצער תקיף אין דער משפחה. האָט איינער פון דער פאַמיליע בעדאַרפט עפּעס בעטען ביים זיידען, האָט מען שוין

געזאָגט דעם בן-יחיד, אריה-ליב'ן, און אריה-ליב איז געווען דער פערמיטלער.

געווען איז ער אַ הויכער און אַ געזונדטער יונג, האָט אַפילו גע-קענט לערנען, נאָר געוואָלט האָט ער גאַנץ וועניג, און אַ גוטער. און אַז אריה-ליב האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין אויספיהרען ביים פעטער, האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס וועט מקוים ווערען. ווידער, אַז דער זיידע האָט בעדאַרפט עפּעס צום אַסעסער, האָט ער געשיקט אריה-ליב'ן, אַזוי אויך צום איספּראַווניק, און אַ צונג האָט ער געהאַט אַ געשליפענע, צוליעב וואָס ער איז געווען בעזונדערס געהייבען בײַ אַלעמען.

בשעת דער קלוטשוואָיט האָט געבעטען אַ פלעשעל בראָנפען, האָט אריה-ליב געפרעגט דעם פעטער, צי מען זאָל געבען. דער זיידע האָט געהייסען. און אַז מען האָט גענעבען, האָט דער קליוטשוואָיט געשווינד אַריינגעלעגט די פלאַש אין קעשענע אַריין און איז אַוועקגע-גאַנגען צוזאַמען מיט זיינע פּויערים. דאָס איז געוואָרען קשה'דיג, און אריה-ליב האָט געפרעגט דעם זיידען:

— זאָל איך לויפען אָבנעהמען?

— איך הייס יאָגען זיי און אָבנעהמען די בראָנפען מיט גוואַלד, — האָט דער זיידע געזאָגט.

גערעדט האָבען דעמאָלט ביי אונז אַ פּאָר געזונדטע „מענטשען": חצקיל און קיווקע. דער לעצטער איז געווען מפורסם פאַר אַ גבור, האָט אריה-ליב גענומען בײדען און געלאָפען יאָגען דעם קליוטשוואָיט מיט די דעסיאַטניקעס. אין אַ פירטעל שעה אַרום קומט אריה-ליב מיט גרויס שמחה, דאָס פלעשעל בראָנפען אין האַנד און דערביי אַ סימן — דעם קליוטשוואָיט'ס היטעל. ער האָט דערצעהלט, אַז געפּאַקט האָט מען די חברה-לײַט אַזש ביים אַסעסער אויפ'ן גאַניק. נאָך אַ רגע וואָלטען זיי שוין געווען אין שטוב, האָט מען זיי גוט אָנגעבראָכען די ביינער און אָט איז דעם קליוטשוואָיט'ס היטעל פאַר אַ סימן.

— האָב איך גוט געטהאָן, פעטער? — האָט געפרעגט אריה-ליב.

— גוט, — האָט דער זיידע געענטפערט.

זונטאָג פריה, אַז דער זיידע איז אַוועקגעפאָהרען צו די פּריצים,

איז דער אַסעסער געקומען מיטאָג-צייט מיט אַלצעהן דעסיאַטניקעס צום פעטער אין שטוב אַריין — מאַכען אַ פּראָטאָקאָל, אַז ער פיהרט אַ שענק אָהן אַ פּאַטענט, האָט אריה-ליב געגומען זידלען דעם אַסעסער און אָפען געזאָגט, אַז קוים וועט ער מאַכען דעם פּראָטאָקאָל, קריגט ער פעטש, און ער האָט אויפגעהויבען די האַנד...

געוועהנליך, וואָס טהוט אַנ'אַסעסער פאַר אַזאַ מעשה, בעת ער איז מיט אַלצעהן דעסיאַטניקעס? נעהמט מען אַזאַ בחור און מען בינדט איהם און מען פערארעסטירט, און מען שיקט אָב קיין בריסק. דער אַסעסער האָט עס אָבער נישט געטהאָן. ער האָט זיך, אַפּנים, דערמאָהנט אָן דעם איספּראַווניק מיט אהרן-לייזער'ן. דאָס איז אַ גרויסער כח. איז ער אַוועק און אָנגעשריבען אַ בריעף צום איספּראַווניק וועגען דער גאַנצער געשיכטע.

אָנשטאָט אַנ'ענטפער האָט דער איספּראַווניק אָנגעשריבען דעם אַסעסער אַ מוסר-בריעף, דהיינו: ווי זאָל דאָס אַ מענש אַזוי קיין שכל נישט האָבען און פערפיהרען קריג מיט אַזאַ קלוגען יודען. און דערביי האָט ער איהם אין בריעף געראַטען איבערבעטען דעם זיידען און מאַכען אַ שלום. און טאָמער וועט ער איהם נישט פאָלגען, טאָ זאָל ער וויסען זיין, אַז פון היינט אָן פערפאָהרט ער אין קאַמעניץ נאָר צו אהרן-לייזער'ן, און נישט צו איהם, ווי עס זענען זיך נוהג אַלע איספּראַווניקעס, און דאָס וועט זיין זעהר מיאוס פאַר'ן אַסעסער.

צום זיידען האָט דער איספּראַווניק געשריבען, אַז ער זאָל אָנגרייטען פאַר איהם אַ דירה, ווען ער וועט קומען קיין קאַמעניץ. דער זיידע האָט באַלד צוגעגרייט פאַר איהם אַ שטיבעל ביים ברודער, מרדכי ליב'ן, מיט אַ בעזונדערן איינגאַנג. און אַז דער זיידע האָט איהם געשריבען, אַז אַלץ איז שוין פאַרטיג, איז דער איספּראַווניק געקומען אויף פיער פערד מיט אַ גלאָק, און פערפאָהרען גלייך צום פעטער. דאָרט איז ער איינגעשטאַנען אויף שפּעטער — אַמאָל איין טאָג, אַמאָל צוויי טעג, ווי עס האָט זיך געמאַכט.

דער אַסעסער האָט בחרפתו געמוזט קומען צו איהם, און דער איספּראַווניק האָט עקסטרע אַריינגערופען דעם זיידען צו זיך. זאָל, הייסט עס, דער אַסעסער זעהן, ווי ער איז מקרב דעם זיידען. אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אָנדערטהאַלבען יאָהר צייט ביז דער אַסעסער האָט

זיך געמוזט אונטערגעבען און איבערבעטען דעם זיידען פאר'ן איספראווניק אין די אויגען. דעמאלט איז שוין פערפאהרען דער איספראווניק ווידער צום אסעסער, ווי שטענדיג.

אין דער צייט האט דער זיידע איינגעפיהרט, אז די פני פון שטאדט זאלען פיהרען אלע שטאדטישע ענינים און נישט ער אליין איינגאנצען. ער האט געבעטען דעם איספראווניק, אז ער זאל איבערגעבען דעם זיגעל מיט די ביכער אנ'אנדער איזבארשטשיק, און ער וועט זיך אויך צו-מישען, וואו מען וועט דארפען. ער וועט זיך אודאי סטארען, אז אלץ זאל געפיהרט ווערען אין ארדנונג, און אזוי איז געווען. דער זיידע איז שוין מעהר נישט געווען קיין איזבארשטשיק, נאר ער איז גלאט געבליבען דער בעל-יועץ פון איזבארשטשיק מיט די פני-העיר, און אז עס האט געטראפען עפעס א שווערע זאך, זענען געקומען צו איהם די פני און האבען זיך מיט איהם שואל-עצה געווען, און פון אלע זייטען איז געווען שלום ושלוה.

אז דער איספראווניק איז געקומען, איז שוין דער איזבארשטשיק געגאנגען צום זיידען, אויידער ער איז געגאנגען צום איספראווניק, און אז עס איז געווען א וויכטיגע זאך, איז דער זיידע געגאנגען מיט'ן איזבארשטשיק צום איספראווניק און געמאכט אלץ איז ארדנונג.

דער זיידע האט זיך געפיהרט זייגע געשעפטען מיט די פריצים, און ר' ליפע'ס האלב עולם-הבא האט זיך געמעהרט. דאס האט איהם געגעבען נאך מעהר מוט צו ארבייטען, ער איז געווען רוהיגער, די עולם-הבא האט איהם ביים לעבען דערהאלטען. אבער לאנג האט דעם זיידענס פערגניגען נישט געדויערט: זיין שוואגער, ר' ליפע, האט איהם אריינגעשיקט א בריעף ביים סוף פון פיערטען יאהר, אז ער זאגט זיך אב פון דער שותפות. ער ברעכט דעם תקיעת-כף, וואס איז געמאכט געווארען אויף פינף יאהר, ווייל ער איז געווארען דין אין שטאדט, נאך דעם געשטארבענעם דין, און איצט וועט ער שוין האבען פרנסה אהן דעם שותפות, און ער דארף שוין זיין האלב עולם-הבא נישט אוועקגעבען.

דער בריעף האט געמאכט אויפ'ן זיידען זעהר א שווערען איינדרוק, און כמעט א האלב יאהר צייט איז ער, אזא חלם א יוד,

געווען אין גרויס מרה-שחורה ביז יום-כפור. יום-כפור האָט ער זיך
גוט אויסגעוויינט און דערנאָך איז ער געבליבען רוהיג. אָבער מיט
דער שוועסטער איז ער געווען ברוגז דאָס גאַנצע לעבען. ער האָט
געהאַלטען, אַז זי איז שולדיג אין דעם אַלעם.

אַכטעֶס קאַפּיטעֶל.

מייַן עֶרשׁטעֶר מלמד. — מייַנעֶ קשיות. — דעֶר צווייַטעֶר מלמד. — מייַן פעֶטעֶר ישׂראל. — דעֶר עלוי ישׂראל. — ווי דעֶר עלוי ישׂראל האָט אונז געֶשמיסעֶן אין פעֶלד. — ביי מאָטעֶ דעֶם מלמד. — דעֶר גיהנם. — די ווינטעֶר-אָווענדען. — מעשׂיות מיט כּשוּף. — מייַן פרומקייַט. — דעֶר דבוק. — ר׳ ליפּעֶ צוקעֶרמאַן. —

אַז איך בין אַלט געֶוואָרעֶן צוויי-און-אַ האַלב יאָהר, האָט מיך די מאַמעֶ אָבגעֶגעֶבעֶן צו יעקב-בעֶר דעֶם דרדקי-מלמד. זי האָט קיין צייַט נישט געֶהאַט צו וואַרטעֶן ביז זומעֶר, ווען איך וועֶל אַלט ווערעֶן דריַי יאָהר, און אָבגעֶגעֶבעֶן מיך אין חדר נאָך סוכּות. איך האָב פון קינדווייַז אָן געֶהאַט חשק צום לעֶרנעֶן און האָב פון יעקב-בעֶר׳ן דעֶם מלמד נישט געֶוואָלט אָבטרעֶטעֶן, אַפילו געֶהן אַהיים. איך פלעֶג זיצעֶן ביי איהם אויפ׳ן אויווען, עֶס איז געֶוועֶן וואַרים, אַנגעֶנעֶהם. געֶלעֶרנט האָבעֶן ביי איהם אפשר אַ הונדעֶרט יונגלעֶך, און ווען די יהסנ׳ישעֶ קינדעֶר האָבעֶן נישט געֶוואָלט מעֶהר לעֶרנעֶן, זעֶנעֶן זיי געֶזעֶסעֶן אויפ׳ן גרויסעֶן אויוועֶן, און מעֶן האָט זיך דאָרט געֶשפּיעלט.

מיר איז געֶוועֶן אויפ׳ן אויוועֶן אַזוי גוט, אַז איך האָב נישט געֶוואָלט אַראָבגעֶהן, נאָר אַז מעֶן האָט אַראָבגעֶנומעֶן אַלעֶ יונגלעֶך, האָב איך שוין נישט געֶקענט אַליין בלייַבעֶן, פלעֶג איך געֶהן מיט׳ן בעֶהעֶלפעֶר אַהיים.

נאָר יעקב-בער דער מלמד איז פון מיר נישט געווען צופריעדען. איך האָב געהאַט פון קינדווייז אָן דעם פעהלער, וואָס איך בין געווען אַ מקשן, איך האָב נאָר געטהאָן און געפרעגט קשיות. און יעקב-בער, נעבעך, האָט מיר נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. צום ביישפיעל, אַז ער האָט אָנגעהויבען לערנען מיט מיר אלף-בית, האָט ער מיט מיר געלערנט: קמץ אלף — „אָ", קמץ „ב" — באָ און קמץ „ב" — באָ. פרעג איך ביי איהם, צו וואָס דאַרף מען צוויי מאָל קמץ „ב" באָ און קמץ „ו" — וואָ?

— אַז דו וועסט עלטער ווערען, — האָט געזאָגט דער רבי נישט צופריעדען. — וועסטו וויסען.

פאַרהאַן אַזעלכע קינדער, וואָס זיי פרעגען נאָר שאלות:

— טאַטע-מאַמע, צו וואָס דאַרף מען דאָס? צו וואָס דאַרף מען יענץ?

האָב איך געטהאָן און כסדר געפרעגט דעם רבי'ן:

— ווער מאַכט אַ טיש?

— אַ סטאָלאַר.

— און ווער האָט געמאַכט דעם סטאָלאַר?

— גאָט.

— און ווער האָט געמאַכט גאָט?

— גאָט! — האָט ער מיט כעס אַ געשריי געטהאָן — גאָט איז פון אייביג אָן און קיינער האָט איהם נישט געמאַכט.

— גאָט האָט זיך אַליין געמאַכט? — פרעג איך, און קוק דעם רבי'ן אין די אויגען אַריין.

— דו ביזט נאָך אַ קליינער יונגעל און אַ נאַר! — האָט ער מיט רציחה אויסגעשריגען.

דער רבי האָט דערצעהלט דעם טאַטען, אַז איך טהו און פרעג קשיות. האָט איהם דער טאַטע געראַטען, אַז ער זאָל זיך אויף מיר אָנבייזערן, ווען איך וועל עפּעס פרעגען.

— זאָלסט איהם זאָגען, — האָט דער טאַטע געראַטען, — אַז אַ יונגעלע טאָר גאָרנישט פרעגען, אַז אַ יונגעלע דאַרף נאָר לערנען און שווייגען.

אָבער דעם טאַטען זענען די קשיות פון דעם קליין יונגעלע אַריין

אִין נאָז, און עֶר האָט גערעכנט, אַז פון אַזאַ קִינד קען נאָך, חלילה, אַרויסקומען אַנ'אפיקורס. וואָלט זיין אפשר גלייכער, וואָס ווייניגער לערנען מיט'ן קינד און בעסער בעצייטענס איהם געבען צו מלמדים חסידים, וועלכע וואָלטען איהם געלערנט נאָר צו זיין אַ חסיד און אַנ'ערליכער יוד?...

ביי יעקב-בער'ן האָב איך געלערנט דריי זמנים. איך האָב שוין געדאַווענט גאַנץ גיך, ווי אַ גרויסער, און דעמאָלט האָט מיך דער טאַטע טאַקע אַוועקגעגעבען צו אַ מלמד אַ חסיד, שעיה-בצלאל, ביי וועלכען מען האָט געלערנט חומש און אָנפאַנגס גמרא.

ביי דעם רבי'ן האָב איך אָנגעהויבען לערנען חומש און דער טאַטע האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע חסידים. מען האָט געזונגען און געטרונקען בראָנפען לרוב און געגעסען דעם גאַנצען טאָג, אָהן דעם זיידען, מחמת ער איז מיט די חסידים צוזאַמען קיינמאָל נישט געווען. געלערנט האָב איך גוט, און דער רבי האָט מיט מיר אָנגעהויבען רש"י. איך האָב אַלץ גיך איבערגענומען, און צו זעקס יאָהר האָב איך שוין געוואָלט אָנהויבען לערנען גמרא. דער רבי האָט אָבער איינגעפונען, אַז עס איז נאָך צו-פריה.

— עס וועט זיין ציַיט, אַז דו וועסט אָנהויבען גמרא צו זיבען יאָהר.

פלעג איך שטעהן נעבען טיש, וואו די קינדער לערנען גמרא, און פלעג זיך איינהערן און נישט וועלען געהן שטיפען מיט די חומש-יונגלעך. אַזוי האָב איך מיך אַלץ איינגעהערט, און אַז עס איז געקומען דאָנערשטאָג, האָב איך געזאָגט דעם רבי'ן, אַז איך וועל איהם איבערזאָגען דעם גאַנצען שיער גמרא פון דער וואָך אויף אויסווענדיג. איך האָב געזאָגט ווי אַ וואַסער, געדענק איך, אַ שטיק פון לקח-טוב: אַז ראובן שגזל משמעון, אַז ראובן האָט גע'גזל'ט געלד פון שמעונ'ען? דער רבי איז נתפעל געוואָרען, און ביינאַכט איז ער געגאַנגען צום טאַטען און איהם דערצעהלט, וואָס פאַר אַ וואויל יונגעל ער האָט: נישט לערנענדיג, נאָר איינהערענדיג זיך, האָט ער געזאָגט דעם שיער אויף אויסווענדיג.

אָבער דער טאַטע האָט זיך מיט דעם גאָר ווייניג געפרעהט. ער איז געווען אַזאַ פאַנאַטיקער אַ חסיד, אַז ביי איהם האָט לערנען קיין

בעדייטונג נישט געהאַט. ער האָט געוואָלט, איך זאָל נאָר קענען חומש און אַ שטיקעל מדרש. מעהר דאַרף מען נישט, און איך זאָל נאָר זיין אַן׳עהרליכער יוד, דאָס הייסט, אַ חסיד.

שעיה-בצלאל האָט שוין אָנגעהויבען מיט מיר לערנען גמרא און איך האָב זעהר גוט געלערנט. איך האָב אַלץ גיך בעגומען. איך האָב געהאַט אַ תפיסה, אַלע דאָנערשטאָג האָב איך גוט געזאָגט דעם לקח-טוב, ווי אַ וואַסער.

אין אַ זמן אַרום איז שוין שעיה-בצלאל געווען פאַר מיר וועניג מיט זיין שטיקעל לקח-טוב. איך האָב שוין בעדאַרפט אַריבערגעהן צו אַ גרעסערן מלמד, וואָס לערנט שוין מיט יונגלעך אַן׳עמוד גמרא, אָדער אַ גאַנצע בלאַט גמרא.

אָבער דער טאַטע האָט זיך נישט געאייַלט. ער האָט מיך גע-האַלטען ביי שעיה-בצלאל׳ן ניין זמנים און איך האָב אַלץ געלערנט דאָס אייגענע צווישען קלייגע יונגלעך. דער טאַטע האָט איינגעזעהן, אַז לערנען וועל איך קענען און קיין סך דאַרף מען נישט, און איבער-הויפּט זאָל איך זיין אַ חסיד.

איך האָב געוויינט פאַר׳ן טאַטען, אַז איך וויל שוין לערנען גמרא, נישט קיין לקח-טוב, אַז איך וויל לערנען מיט גרעסערע יונג-לעך, אָבער דער טאַטע האָט נישט געוואָלט צוליעב דעם בעוואוסטען טעם.

געהאַט האָט דער טאַטע אַ ברודער ישראל, וואָס איז געווען אין איין עלטער מיט מיר. האָט דער זיידע איבערגעגעבען זיין יונגעל ישראל אונטער מיין טאַטענ׳ס השגחה, האָט ער אונז ביידען געגעבען אין איין חדר אַריין און געקליידט אונז אין דיזעלבע מלבושים, און מיר האָבען געשלאָפען צוזאַמען.

ישראל האָט נאָך געהאַט אַ בעסערן קאָפּ פאַר מיר. ער האָט אָבער נישט געוואָלט לערנען, און איהם האָט נישט געאַרט, וואָס אונזער רבי איז שעיה-בצלאל. פאַר איהם איז נאָך גלייכער געווען: ער האָט זיך נישט בעדאַרפט מאַטערן. מיט זיין גוטען קאָפּ האָט ער אַפילו דעם שטיקעל לקח-טוב דאָנערשטאָג נישט געוואוסט, וואָרום ער איז געווען אַריינגעטהאָן אין שטיפען.

אין אונזער פאַמיליע איז געווען נאָך אַ יונגעל ישראל, מיט צוויי

יאָהר עלטער פאַר מיר, וואָס האָט געהאַט אַ גאונ׳ישען קאָפּ. זיין פאָ-טער איז געווען ר׳ יוזיל ווישניאַק, אַ גרויסער למדן, אַ מושלם אין דעם זיידען ר׳ יודעל׳ס אַ ברודער׳ס זוהן. ער איז געווען אויף אַ שטעלע אין לובלין, און זיין ווייב באַשע-פייגע מיט די קינדער זענען געווען ביי איהר פאָטער ר׳ זעליג.

דער יונגעל זייערער, ישראל, האָט צו אַכט יאָהר אַלט פער-מאַטערט די בעסטע מלמדים. אויף יעדען שטיקעל גמרא האָט ער געפרעגט האַרבע קשיות און די לומדים האָבען איהם נישט געקענט ענטפערן. דערפאַר, פערשטעהט זיך, האָט איהם די גאַנצע פאַמיליע אונזערע זעהר ליעב געהאַט און ער פלעגט שטענדיג זיין ביי אונז, עסען און טרינקען און שטיפען מיט אונז, און צוליעב איהם האָט מען מיך מיט ישראל׳ן פערשטויסען. אַלע האָבען זיך געצאַצקעט נאָר מיט איהם און מיט איהם.

אָבער איך און מיין חבר ישראל, וואָס איז צו גלייכער צייט געווען אויך מיין פעטער, האָבען געהאַט צו איהם אַ שנאה אין האַר-צען, וואָרום ווען נישט ער, וואָלטען מיר דאָך געווען גאַנץ גוטע יונג-לעך: איך וואָלט אפשר געווען דאָס בעסטע יונגעל אין שטאָדט, און די פאַמיליע וואָלט מיך נאָכמעהר האָלט געהאַט.

אָבער נישט קוקענדיג אויף אונזער שנאה צו איהם, האָבען מיר דאָך דרך-ארץ געהאַט פאַר איהם, און ביי אונז איז געווען אַ זכיה, אַז ער האָט גערעדט מיט אונז. בטבע איז ער געווען אַ שלעכטער און אַלע יונגלעך פון שטאָדט האָבען פאַר איהם שרעקליך אָבשיי געהאַט. אַז ער פלעגט אונז שלאָגען, פלעגען מיר זיך לאָזען, אַזוי ווי תלמידים לאָזען זיך שלאָגען פון רבי׳ן.

איינמאָל, געדענק איך, אַ פרייטאָג, ווען מיר זענען געוואָרען פריי פון חדר, איז איהם איינגעפאַלען אויסקלייבען די בעסטע יונגלעך פון שטאָדט און פערהערען זיי אין אַ שטיקעל גמרא. האָט ער גע-נומען בבא מציעא, געדענק איך, און איז מיט אַ צוועלף יונגלעך אַוועק אויף די לאָנקעס צו ר׳ שמחה-לייזער׳ן.

עס איז געווען אַ שענער זומערדיגער טאָג. ישראל האָט אויסגע-ענ-טען מיט אַ קאָלייטשיקעל גוטע, ווייכע ריטער אין די לאָנקעס, און האָט גענומען די גמרא אין האַנד. יעדען יונגעל האָט ער געגעבען

אַ בעזונדער שטיקעל גמרא, און ווער עס האָט ניט געוואוסט, האָט זיך אַליין געמוטשעט אַנידערלעגען און ישראל האָט איהם געשמיסען מיט די וויַיכע ריטער, וויפיעל ער האָט אַליין געוואָלט; וויַינען האָט מען נישט געוויינט, מען האָט זיך אײַנגעהאַלטען, וואָרום מיר האָבען דאָס אָנגענומען פאַר ליעב, און בעת מעשה מיט אַנ'אמת געמיינט, אַז עס קומט אונז שמיץ. וואָרום מיר זענען אַזעלכע גוים און קענען נישט די גמרא, און ער, ישראל, איז אַזאַ למדן. אָבער אַז מען האָט שוין נישט געקענט איבערטראָגען די שמיץ, האָט מען אָנגעהויבען וויינען אויך, און ישראל האָט נישט געהערט און ווייטער געשמיסען. דערבייַ האָט ער געזאָגט:

— נאַ דיר, גוי איינער, נאַ דיר!...

און ער האָט אונז געמאַכט בלויע צייכענס, פערלאָפענע מיט בלוט.

מיר האָט ער געגעבען איבערזאָגען המפקיד. איך האָב אָבער נאָך דעמאָלט קיין גמרא גישט געלערנט, נאָר לקח-טוב, און איך האָב נישט אָנגעהויבען צו וויסען די משנה המפקיד. האָט ער מיר געגעבען אַכצעהן שמיץ, ח"ו שמיץ, צום לעבען—זאָגט ער, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז איך געדענק זיי נאָך היינט.

דערנאָך זענען מיר אַלע, אָבגעשמיסענע, געגאַנגען מיט דעם שמייסער אַהיים, מיט פערוויינטע אויגען, פערשעמטע, אַראָבגעפאַלענע, אָבער דאָך אָהן פרעטענזיעס: מיר האָבען דאָך עס פערדיענט! די יונגלעך האָבען שוין אָנגעהויבען מורא האָבען מעהר פאַר ישראל'ס שמיץ, ווי פאַר'ן רבי'נס, וואָרום דער רבי גיט פאָרט מיט רחמנות, און האָט גאָרנישט אַזעלכע ווייכע, פרישע און לאַנגע ריטער, ווי ישראל, וועלכע ער האָט אויסגעשניטען פון דער לאָנקע.

דער אויבערשטער האָט געהאָלפען און אין אַ קורצער צייט האָט ר' יוזעל ווישניאַק צוגענומען זיין יונגעל צו-זיך קיין לובלין, וואָרום דאָ אין קאַמעניץ, איז פאַר איהם נישט געווען קיין מלמד.

איז געוואָרען אויף אונז אַ שמחה: מיר זענען פטור געוואָרען פון דעם ישראל'ן!

אַז איך בין אַלט געוואָרען אַכט יאָהר, האָט מיך שוין דער טאַטע אָבגעגעבען צו מאָטע מלמד, וואָס איך האָב שוין בעדאַרפט

בײַ איהם לערנען מיט צװײ יאָהר פריהער. דאָס איז געװען אַ גומער מלמד. װידער האָט ער נישט אַזױ געשלאָגען די יונגלעך, און זײ האָבען געהאַט בײַ איהם אַ גוטע פעולה אין לערנען. געלערנט האָט ער מיט די יונגלעך גמרא און איז געװען אַ גרױסער פועל. איך פלעגט ער אַ שעה אין טאָג דערצעהלען די יונגלעך מעשיות פון גאונים און פון דעם אַלעם, װאָס עס טהוט זיך אָב אױף יענער װעלט, דהיינו: װי רשעים מאַטערן זיך נאָכ'ן טױט הונדערטער יאָהרען כסדר. װײַטער האָט ער דערצעהלט באריכות דעם מאַרשרוט פון די טױטע, װי אַזױ עס בעגעגענען אַ רשע די מלאכי-חבלה אױפ'ן װעג אין גיהנם, די מאָס פון גיהנם און װי מען ברענט די רשעים א. ז. װ.

לױט ער האָט דערצעהלט, מוז יעדער צדיק לײַדען חבוט הקבר (װעגען דעם האָב איך שױן אױבען געשריבען). נאָך דער פאַר-ציע הײסט מען איהם געהן אין גיהנם, און יעדער צדיק, אַפילו דער גרעסטער, מוז זײַן צװעלף חדשים אין גיהנם. אױפ'ן װעג אין גיהנם בעגעגענען איהם מלאכי-חבלה, װעלכע שמײַסען איהם מיט אײַזערנע ריטער און װאַרפען איהם אַרײַן אין אַ באַרג פײַער. פון באַרג פײַער װאַרפט מען איהם אַרױף אױף אַ באַרג אײַז. אַזױ װאַרפט מען איהם פון באַרג אײַז אין באַרג פײַער, און װידער צוריק. דערנאָך, אױב ער איז אַ גרױסער רשע, װאַרפען איהם די מלאכי-חבלה אײַנער צום צװײַטען אױף גאַנצע צװעלף הונדערט יאָהר די װײַטקײַט, דאָס הײסט, עס געדױערט צװעלף הונדערט יאָהר, ביז ער פאַלט אין יענעם באַרג פײַער. טאָמער איז דאָס װעניג, בעגעגענט ער אױפ'ן װעג ששים רבוי מלאכי-חבלה, און יעדער שלאָגט איהם מיט אײַזערנע און גע-ברענטע שטעקענס. דערנאָך הײסט מען איהם געהן אין גיהנם. דאָרט דאַרף ער זיך שױן אָבלײַטערן צװעלף חדשים. מעהר צײַט איז קײנער אין גיהנם נישט געװען. אַז מען קומט אין גיהנם, איז שױן גוט. אָבער אײדער מען קומט, מאַטערט זיך אָב דער מענש הונדערטער יאָהרען אין פײַער און אין װאַסער, און אין אײַז און אין אַנגסט...

און דער רבי אונזערער, װאָס האָט געװאָלט זײַן זעהר רעאַל, האָט אַפילו אױסגעצײכענט מיט טינט און פעדער אױף אַ פאַפיר די גרױס פון גיהנם. לױט זײַן רעכענונג, האָט דער גיהנם די לענג —

צוועלף הונדערט יאָהר גאַנג, און די ברייט — פיער-הונדערט יאָהר גאַנג.

נאָך אַ צרה איז מיט'ן גיהנם, וואָס דער מענש ווייסט נישט, וואו עס געפינט זיך די טהיר פון איהם. וואָלט ער געוואוסט, וואָלט ער געגאַנגען גלייך צום טהיר און אויסגעמידען דערמיט אַ סך קלעפּ פון די מלאכי חבלה. דרעהט ער זיך, אהין און צוריק, זוכט די טהיר און האַפּט קלעפּ דערביי.

און דער רבי ווייזט אונז אָן מיט'ן פינגער, אַז דער מענש שמיהט, דאַכט זיך, נעבען דער טהיר און געהט דוקא צוריק. האָט ער שוין צו געהן פיער הונדערט יאָהר די ווייטקייט אין איין זייט און צוועלף הונדערט יאָהר די לענג; און ווייטער פיער הונדערט יאָהר די ברייט און ווייטער עלף הונדערט ניין-און-ניינציג יאָהר מיט עלף חדשים. וואָרום די טהיר איז אַ שמאָלע אין עק. אַלזאָ, געהט ער נעבעך אַרום און אַרום דעם גיהנם, צווישען די מלאכי-חבלה, דריי טויזענד הונדערט ניין-און-ניינציג יאָהר.

אָבער אַ צדיק טרעפט דאָס רוב באַלד צו דער טהיר אין גיהנם און דאַרף נישט געהן אַרום און אַרום אַזוי פיעל יאָהרען לאַנג.

ווייטער האָט דער רבי ליעב געהאַט צו דערצעהלען נסים ונפלאות פון ווילנער גאון, אַז ער האָט געקענט אַלע שבע חכמות, אַז ער איז געווען אַ שטערען-זעהער און אַז ער האָט געוואָלט וויסען ווי גרויס איז אַ שטערען און וואָס טהוט זיך אויפ'ן שטערען, האָט ער אַראָבגענומען אַלע שטערען צו זיך אויפ'ן טיש און האָט זיי גוט בעטראַכט און אַרומגעקוקט.

אַמאָל, האָט דער דערצעהלט דער רבי, איז דער ווילנער גאון געגאַנגען אויף אַ חתונה צו אַ גרויסען גביר, האָט דער מחותן געבעטען דעם גאון, ער זאָל משמח זיין חתן-כלה.

— איך וועל זיך זעצען נעבען די כלי-זמר, — האָט דער גאון געזאָגט.

דער גאון האָט זיך געזעצט נעבען די כלי-זמר און זיך צוגעהערט ווי זיי שפיעלען. זאָגט ער דערנאָך, אַז ווען מען זאָל מאַכען אין דעם קלאַרנעט, אויף וועלכען דער כלי-זמר שפיעלט, אויף דעם

און דעם אָרט אַ לעבּעל, וועט דאָס שפּילען זעהר גוט, און אַלע געסט וועלען הנאה האָבען.

האָט מען געמאַכט אַ לעבּעל אויף דעם אָרט, וואו ער האָט אָנגעוויזען. האָט דאָס אָנגעהויבען אַזוי צו שפּילען, אַז פון זעקסיג האָבען אַלע אָנגעהויבען צו חלש'ען. האָט מען געמוזט פערשטאָפּען דאָס לעבּעל. אַזעלכע מעשׂיות האָט אונז מאָטקע דער מלמד אַלע טאָג דערצעהלט און מיר פלעגען זיצען, ווי פער'כּישופ'טע...

אין די ווינטער-אָווענדען פלעגען מיר קומען פון חדר אַלט, נײַן אַ זייגער. פלעג איך אָבעסען וועטשערע און אַוועקגעהן צו דער באָבע ביילע-ראַשע, אין צימער, וואו זי און די גאַנצע פאַמיליע זענען דאָרט דאָס רוב געזעסען. נאָר אַממייַנסטען האָבען זיך דאָרט געפינען ווייַבער מיט ליב'קען דעם שוהל-רופער, וואָס האָט געוואוינט ביי דער באָבען אין קיך, מיט זיין ווייַב, די קעלין. און אָט דער לייבקע פלעגט אויך דערצעהלען דאָס רוב מעשׂיות פון שדים און טײַוואָנים, און פון כּשוף-מאַכערס, און פון וואַסער-מענשען א. ז. וו.

ער האָט דערצעהלט, אַז אַמאָל איז געפאָהרען אַ בעל-עגלה מיט אַנ'עדה יודען. האָבען זיי דערזעהן אויפ'ן וועג אַ גאַנז, אַ דיקע און אַ שענע; געוועהנליך, האָט דער בעל-עגלה צוגענומען די גאַנז און האָט זי געבראַכט אַהיים. איז בייַנאַכט, בעת אַלע זענען געשלאָפען, האָט די גאַנז אָנגעהויבען אַלץ צו שלײַדערן און צו וואַרפען; האָט דער בעל-עגלה אָנגעצונדען אַ ליכט, האָט ער דערזעהן, אַז אָט די גאַנז, וואָס האָט איצט אויסגעזעהן האַלב מענש, האַלב גאַנז, שלײַדערט דאָס אַלץ אַרום. איז ער אַרויסגעלאָפען, נישט טויט נישט לעבעדיג, צום רב. האָט דער רב געשיקט אַ מנין מענשען און מען האָט געזאָגט תּהילים בּקול רם. און אַז מען האָט אָבגעזאָגט גאַנץ תּהילים, האָט די גאַנז אַ מאַך געטהאָן מיט די פליגלען און אַוועקגעפלויגען.

— שדים, האָט ער דערצעהלט — האָבען ליעב צו רייַטען אויף פערד, און נישט קיין פריצ'ישע פערד, נאָר דוקא יודישע. קומען די יודישע בעלי-עגלות אין דער-פריה אין שטאַהל אַרײַן, זעהען זיי, אַז די פערד זענען נאַס, עס גיסט פון זיי שווייס, און זיי סאַפּען און זענען אַזוי פערמאַטערט, פונקט ווי זיי וואָלטען געקומען איצט פון אַ ווייַטען וועג. און אַמאָל געפינט דער בעל-עגלה אין דער-פריה אין

שטאָהל דאָס פערד געפּגר׳ט, די רעדער פון וואָגען צובראָכען, די לייצעס — צוריסען...

מעשיות מיט כשוף האָט ער געהאַט גאַנצע פּעק. איינמאָל, האָט ער דערצעהלט, איז געווען אין קאַמעניץ אַ יודענע, וואָס דער מאַן איהרער, אַ שניידער, איז אוועקגעפאָהרען קיין אָדעס. לכתחילה האָט ער געשיקט געלד און בריעף. דערנאָך אָבער, האָט ער איהר אויפגעהערט צו שיקען — נישט קיין בריעף און נישט קיין געלד. איז זי געפאָהרען קיין שערשאָוו, אַ שטעדטיל נעבען קאַמעניץ, צו אַ מכשף, האָט ער איהר געזאָגט, אַז ווען זי זאָל איהם געבען צעהן רובל, וועט איהר מאַן קומען צו פאָהרען אויף אַ קאָטשערע. און אַזוי איז געווען. אויף מאָרגען ביינאַכט האָט דער מאַן אָנגעקלאַפּט אין פענסטער און געוויינט און געבעטען, אַז זי זאָל איהם גיכער אַריינגעהמען אין שטוב אַריין, וואָרום ער איז זעהר מיעד פון דער רייזע, אָט-אָט צום חלש׳ען. האָט זי איהם גיכער געעפענט די טהיר, איז ער אַריין צו איהר אויף אַ קאָטשערע און איז געפאַלען אויף דער ערד און גע׳חלש׳ט. האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד, זענען אָנגעלאָפען מענשען און מען האָט געזאָגט תהלים. איז ער אויפגעשטאַנען און דערצעהלט, אַז ביינאַכט האָט איהם אין אָדעס אָנגענומען אַ גרויסע אייזערנע האַנד און געגעבען אַ שלעפ פון בעט און איהם אַרויפגעזעצט אויף אַ קאָטשערע און געזאָגט:

— פאָהר אַהיים. איבער נאַכט זאָלסטו קומען צו דיין ווייב און איבערבעטען זי.

האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען, ווי וועט ער דאָס קענען איינפאָהרען אין איין נאַכט אַזאַ גרויסען מהלך? מען דאַרף דאָך פאָהרען אפשר זעקס וואָכען? איז איהם געזאָגט געוואָרען:

— מען הייסט!

האָט ער גענומען פאָהרען — נישט פאָהרען, נאָר פליהען איבער בערג און איבער טהאָלען, אויף דעכער און טייכען און אָט איז ער קוים מיט דער נשמה געקומען...

איין מעשה, געדענק איך, איז געווען זעהר אַ טשיקאַווע. אַמאָל איז איינער געשטאָרבען, און אַז ער האָט זיך אָנגעליטען הונדערטער יאָהרען פאַר אַלע זיינע עבירות, האָט מען איהם געבראַכט צום בית-דין של מעלה, זעהן, צי מען קען איהם שוין אַריינלאָזען אין גן-עדן.

אַריין. דער ראש בית-דין האָט שוין געוואָלט פסק'ענען, אַז ער מעג שוין געהן אין גן-עדן אַריין, נאָר אין דער רגע איז געקומען דער שטן און געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אַ גרויסען חטא, דהיינו, ער האָט אויפגעגעסען צוויי פּוד חלב. הויבט דער מענש אָן וויינען און זאָגט:

— סטייטש, איך, חלב צוויי פּוד? ווען, וואָס, דאָס איז דאָך אַנ'עלילת שוא?

האָט דער שטן אויפגעוויזען, אַז ווען ער האָט געראָלעוועט די ליולקע, האָט ער שטענדיג זי אָנגעצונדען ביי אַ ליכט, פון דעם ליכט האָט זיך שטענדיג אַריינגעקאַפּעט חלב אין ליולקע ביים פערראָוכערן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין זיין גאַנצען לעבען אָנגעזאַמעלט צוויי פּוד חלב. האָט מען איהם באַלד געגעבען אַ שטיים צו די מלאכי-חבלה און מען איהם אָנגעהויבען אויף דאָס נייע צו פּייניגען, ער זאָל אָבקוי-מען פאַר די צוויי פּוד חלב, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך מיט'ן רויך.

אָט אַזעלכע מאווים'דיגע מעשיות האָב איך זיך אָנגעהערט ביי דער קליינער באָבען פון לייבקען דעם שוהל-רופער. מען קען זיך איצט פאָרשטעלען אין וואָס פאַר אַ שרעק עס האָט אַרומגעשוועבט מיין יונג-געליש לעבען. מען איז עפּעס געווען אַזוי אָנגעשראָקען פון שדים און מזיקים און פון יענער וועלט, וואו די גרעסטע צדיקים מוזען ליידען חבוט-הקבר און צוועלף חדשים גיהנם, וואו מען ברענט און מען בראָט, מען הענגט אויף די צונגער און די פרויען פאַר די ברוסט און פאַר די האָהר, און מען פרעגעלט זיך אויפ'ן בראַנד-פייער, וואָס איז גרויס אַנ'ערך ביי אַ פיער הונדערט יאָהר גאַנג.

איינמאָל, געדענק איך, איז ביי מיר פּסול געוואָרען אַ ציצה, און איך האָב זיך פערגעסען ביטאָג אָנצומאַכען אַנ'אַנדערע, איך בין געווען פערשטיפט. און ביינאַכט, ביים שלאָפען געהן, האָב איך זיך אומגעקוקט, אַז איך טראָג נאָך אַלץ די פּסול'ע ציצה. דאָס איז געווען אַרום ימים-נוראים, און יום-כפור, אַ פרומער בין איך געווען, האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט פאַר מיין גרויסען זינד פון דער פּסול'ער ציצה.

יום-כפור ביינאַכט, אַז איך בין געקומען פון חסידים-שטיבעל און האָב געגעסען וועטשערע נאָכ'ן תענית, חאָטש איך בין אַלט געווען נישט מעהר ווי אַכט יאָהר, בין איך נאָך אַלץ געווען צוטומעלט פון

דעם הטא מיט דער פסול'ער ציצה. נאָך דער וועטשערע בין איך גע־
גאַנגען צום זײַדען. די הײַזער זענען געשטאַנען אײַנע נעבען די אַנדע־
רע בעגאָסען מיט ליכט, עס איז געװען אַ לבנה-שײַן, אַ ליכטיגע נאַכט,
און אַז איך בין געקומען צום זײַדענס שטוב, און װיל אַרױפגעהן אױפ'ן
גאַניק, האָב איך דערזעהן דעם שכן הערשיל מײַערטשעס שטעהט נע־
בען זײַן קלײַן גאַניק'ל פון זײַן הױז.

װערט מיר פרעהליכער, װאָס הערשיל מײַערטשעס שטעהט
נאָהענט פון מיר; נאָר װי איך װיל אַרױפשטעלען אַ פוס אױפ'ן גאַניק,
דערזעה איך, װי אָט דער הערשיל מײַערטשעס הױבט זיך, הױבט זיך
און װערט הױך-הױך, אַזש ביז איבערן דאַך און איז װײַס, װי שנײ.
איך האָב זיך דערשראָקען און געמײנט, אַז דאָס איז גאָר אַ שד און
נישט הערשיל מײַערטשעס. מיט די לעצטע כחות האָב איך גענומען
לױפען אױפ'ן גאַניק און נישט דערלױפענדיג אינגאַנצען, בין איך גע־
פאַלען און געחלש'ט. אין זײַדענס שטוב האָט מען געהערט דעם קלאַפּ
פון מײַן פאַלען, מען איז אַרױסגעלאָפען פון שטוב און מיך געפונען אַ
געחלש'טען. עס איז געװאָרען, פערשטעהט זיך, אַ גװאַלד, עס זענען
אָנגעלאָפען מענשען און מיך אָבגעמינטערט, אַרײַנגעלעגט אין בעט,
װאו איך בין אײַנגעשלאָפען. מען האָט געבראַכט דעם גרױסען דאָקטאָר
מיט יאָסלען דעם פעלדשער, װעלכער האָט נעבען מיר גענעכטיגט
צוזאַמען מיט דער באָבען. אױף מאָרגען איז מיר בעסער געװאָרען און
איך האָב דערצעהלט דער באָבען די גאַנצע מעשה מיט דעם שד, װאָס
איז פריהער געװען הערשיל מײַערטשעס, און דערבײַ האָב איך געזאָגט,
אַז איך װײס שױן פאַרװאָס דער שד איז צו מיר געקומען: איך בין
געגאַנגען אין פסול'ע ציצית...

אין יענער צײַט איז געװען דער בעװאוסטער אװאַראָקער דיבוק,
װאָס איז געזעסען אין אַ מױד און מען איז מיט איהר אומגעפאָהרען
צו אַלע רביים און גרױסע רבנים, אַז זײ זאָלען אַרױסטרײַבען דעם
דיבוק. פון דעם דיבוק האָט געקעהרט גאַנץ ליטאַ און פיל מעשיות
האָבען זיך געדרעהט אַרום איהם.

דאָ האָט דער דיבוק געזאָגט תהילים, דאָ האָט ער געלערנט
משניות, דאָ גמרא און מדרש, און אַזעלכע מעשיות זענען געגאַנגען
דערמאָלט אַ סך, מען האָט זי געפיהרט פון שטאָדט צו שטאָדט און

לסוף געקומען קיין קאַמעניץ צום רב. דער רב האָט אָבגעשיקט אויפ'ן בית-עולם און דאָרט איז געקומען די גאַנצע שטאָדט מענשען, מאַנסביל ווייבער און קינדער. און דער רב האָט געשיקט דעם שמש, ר' ביינוש, אַז ער זאָל דאָרט, אויפ'ן בית-עולם, זאָגען די און די פּסוקים און הייסען דעם דיבוק אַרויסגעהן מיט אַ גזרה פון רב און אין נאָמען פון אַלע רבנים.

איך האָב אויך געוואָלט געהן אויפ'ן בית-עולם—זעהען ווי דער דיבוק וועט אַרויס, אָבער דער טאַטע האָט מיך נישט געלאָזט געהן, וואָרום אַרום דיבוק זענען פאַרהאַן פיעל רוחות רעות.

דער שמש, ר' ביינוש, איז געקומען אויפ'ן בית-עולם און גע-זאָגט די פּסוקים מיט די אַלע גזירות, און דער דיבוק שרייט:

— איך וויל נישט אַרויס. מיר איז דאָ גוט.

איז מען אַוועקגעפאָהרען מיט דער מויד קיין בריסק צום רב, ר' יעקב-מאיר. ער איז געווען אַ גרויסער גאון און אַ צדיק. ר' יעקב-מאיר האָט אויך געהייסען אַוועקפיהרען דעם דיבוק אויפ'ן בית-עולם. זענען, געוועהנליך, ווי אומעטום, גאַנץ בריסקער יודען, אנשים, נשים וטף געקומען זעהן דעם וואונדערבאַרען דיבוק, וואָס האַלט זיך אַזוי לאַנג אין דער מויד און וויל בשום אופן נישט אַרויס.

ר' יעקב-מאיר האָט געשיקט דעם בית-דין-שמש, ר' ליב, צום דיבוק, און זאָל זאָגען בגזירות הרב דמתא, אַז ער זאָל די מינוט אַרויס. דער רב האָט אָנגעזאָגט ר' ליב'ן, אַז ער זאָל הייסען דעם דיבוק אַרויסגעהן דורכ'ן מינדסטען פינגער פון האַנד. אַזוי איז איבער-געגעבען בקבלה, אַז ביים דיבוק איז דאָס לייכטסטע אָרט אַרויסצוגעהן דורכ'ן מינדסטען פינגער.

האָט אַזוי ר' ליב געזאָגט דעם דיבוק. האָט דער דיבוק אָנגע-הויבען וויינען, אַז ער וויל נישט אַרויס. האָט ר' ליב איהם אויפ-געוויזען, אַז קוים וועט ער נישט פאָלגען, וועט דער רב מיט אַלע רבנים איהם מחרים זיין, ער וועט שוין אייביג פערפאַלען ווערען אין כף-הקלע, און קיינמאָל קיין תקומה נישט האָבען.

זאָגט דער דיבוק מיט גרויס געוויין:

— איך וועל שוין אַרויס, אָבער זאָל דער רבי מיר זאָגען, וואוהין זאָל איך אַריינגעהן...

איז ר׳ ליב געבליבען שטעהן און האָט אַליין נישט געוואוסט צו זאָגען וואוהין. האָט ער זיך אומגעקעהרט און וויל געהן צוריק צום רב און פרעגען, וואוהין דער דיבוק זאָל אַריין.

אָבער דערביי איז געשטאַנען ר׳ ליפּע צוקערמאַן, אַ גרויסער גביר, אַ יוד אַ למדן און אַ שטיקעל אפיקורס, וואָס איז צו יענער צייט זעהר געשעצט געווען ביים גובערנאַטאָר און איז בעזונדערס געווען בעריהמט מיט דעם, וואָס ער האָט געקענט כמעט אויסווענדיג עט-ליכע הונדערט בלאַט גמרא. איז זיך אָט דער צוקערמאַן, וואָס האָט אויך ליעב געהאַט אַ וויץ, אומישנע געקומען אויפ׳ן בית-עולם אַ ביסעל חוזק מאַכען. און אַז ער האָט דערהערט, ווי דער דיבוק וויינט און פרעגט, וואוהין זאָל ער אַריין און ר׳ ליב וויל לויפען פרעגען ביים רב, זאָגט פלוצלונג צוקערמאַן אַרויס:

— שטעה! שטעה! איך וועל איהם ווייזען, וואוהין ער זאָל אַריין. איך האָב אַ גוטען אָרט פאַר איהם...

און ער איז צוגעגאַנגען. עפענענדיג ברייט דאָס מויל, האָט ער געזאָגט:

— געה אַריין צו מיר, אין מויל אַריין.

דאָס מויל האָט ער געהאַלטען אָפען סאַמע נעבען דעם מיידעל׳ס פּנים.

ר׳ ליב האָט זיך דערשראָקען, אַז דער דיבוק זאָל נישט אַריין אין דעם אַפּיקורס, אָבער דער דיבוק ענטפערט גאָרנישט. עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער „וויל נישט״ אַריין צו איהם. אָבער די מענשען, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, זענען נבהל ונשתומם געוואָרען, אַז אַ יוד זאָל זיך איינשטעלען און זאָגען דעם דיבוק, ער זאָל אַריין צו איהם, און אָנשטעלען איהם זיין אָפען מויל!

און ווען דאָס וואָלט נישט געווען צוקערמאַן, וואָלט מען איהם גע׳הרג׳עט און בעגראָבען אויפ׳ן אָרט. פאַר צוקערמאַנ׳ען אָבער האָט די שטאָדט מורא געהאַט, און דעם רב האָט פערדראָסען, פאַרוואָס דער דיבוק איז טאַקי נישט אַריין צו דעם אַפּיקורס. זאָל ער וויסען ווי חוזק צו מאַכען. אַגב האָט זיך דער רב אַ ביסעל פערשעמט אויך. האָט ער געהייסען פאָהרען מיט׳ן דיבוק צום לעחעוויטשער רבי׳ן, און וואָס דער סוף איז געווען מיט דבוק געדענק איך שוין נישט.

נײַנטעס קאַפּיטעל.

די „חאַפּערס“. — אהרן־לייבעלע, חאַצקיל און מאָשקעלע. — יאָסעלע. — אַמאָליגע דיענסט. —

אַקוראַט צו מײַן אַכט־יעהריגער עלטער איז אַרויס דער בעריהמטער אוקאַז, אַז מען זאָל נעהמען זעלנער פון יודען אַכט־יעהריגע יונגלעך, כדי מען זאָל זיי קענען טויפען. אַזוינע עופה׳לעך האָט מען נאָר איין יאָהר גענומען. דערנאָך האָט מען זיך אַרומגעזעהן, אַז עס אַ שטיקעל טעות. אפשר איין פּראָצענט פון די אַלע קינדער האָט זיך געטויפט און דאָס איז אויך אָנגעקומען מיט גרויס נויט. מען האָט זיי אָנגעטהאָן גרויסע יסורים, ביז מען האָט געקענט פועל׳ן, אַז איינער אפשר פון הונדערט זאָל זיך טויפען.

די מוטערס פון די קינדער האָבען זיי פריהער מיט אַלע כחות צוגעגרייט צו דעם, אַז זיי זאָלען זיך נישט טויפען, און מיטגעגעבען יעדען קאַנטאָניסטעל אַ פּאָר תפילים׳לעך. עס איז ביי זיי געבליבען אין האַרצען דער מוטערס פערזאָג מיט׳ן געוויין און זיי האָבען אויף קיין פאַל נישט געוואָלט טוישען די יודישע אמונה.

דעמאָלט זענען געווען אין קאַמעניץ דריי „חאַפּערס” און איינער פון זיי, אהרן-לייבעלע, איז געווען ממש אַ מערדער, האָט לחלוטין נישט געהאַט אין האַרצען קיין פונק פון רחמנות. צו איהם זענען גע־ווען נאָך צוויי, אַ חצקיל און אַ מאָשקע; אָט די חאַפּערס האָבען בעראַרפט אויפחאַפּען אַ קליין אַלט-יעהריג יונגעלע פאַר אַ זעלנער.

ביי אונז אין חדר, ביי מאָטע מלמד, האָט געלערנט צווישען די גרויסע בעלי-בתי'שע יונגלעך איינער אַ יונגעל, אַ יתום פון אַ רייכען בעל-עגלה, יאָסעלע. מחמת ער איז געווען זעהר אַ גוט און אַ גראָ־טען יונגעל, און די מוטער די אַלמנה איז געווען אַ נגידה, האָט זי געצאָהלט טייער מלמדות-געלד פאַר איהר יונגעל, אַבי ער זאָל לער־נען ביי אַ גוטען מלמד, צווישען די יחסנ'ישע קינדער.

איינמאָל אין מיטען טאָג זענען אַריינגעקומען צוויי חאַפּערס צו אונז אין חדר; געעפענט די טהיר און געשטאַנען אויפ'ן שוועל און איבערגעקוקט די יונגלעך. איך מיט מיין פעטער ישראל האָבען באַלד פערשטאַנען, אַז זיי זענען געקומען נעהמען יאָסעלע'ן פאַר אַ זעלנער, האָבען מיר געחאַפּט דער רבי'צינס לייכטער און געוואָלט זיי וואַרפען אין די קעפּ אַריין. דערביי האָבען מיר געשריען צו זיי, אַז באם זיי וועלען קומען צו אונז אין חדר, וועלען מיר זיי פּלעטען די קעפּ. גע־כטראַשעט האָבען זיי קינדער, דאָך זענען זיי אַנטלאָפען.

נאָר איינמאָל זענען מיר, יונגלעך, געגאַנגען פון חדר מיטאָג עסען, האָט אהרן-לייבעל געוואָלט חאַפּען יאָסעלען. יאָסעלע האָט עס באַלד בעמערקט, האָט ער זיך אַרויפגעחאַפּט צו מיר אויפ'ן פּלייצע. האָט שוין אהרן-לייבעל אָבגעטראָטען. דערביי האָב איך אָבער אין איהם געוואָרפען אַ שטיין און געטראָפען אין פּלייצע, און ער האָט זיך לאַנג געהאַלטען מיט דעם קלאַפּ.

דערנאָך האָב איך שוין יאָסעלען אָנגענומען פאַר'ן האַנד און אַוועקגעפיהרט צו זיך אַהיים און געבעטען דער מאַמען, אַז זי זאָל איהם האַלטען ביי אונז אין שטוב, געבען איהם עסען, און שלאָפען וועט ער מיט מיר, ביז דער נאַבאָר וועט אַריבער. מיר אַלע יונגלעך, ווידער, האָבען זעהר ליעב געהאַט יאָסעלען פאַר זיין חכמה און וויל־קייט, אַגב איז ער געווען זעהר אַ שען יונגעלע, ממש בלוט און מילך.

די פּני האָבען אָבער פאָרט איבערגעגעבען די האַפּערס צו האַפּען נאָר יאָסעלע׳ן. און קיין אַנדערן אויף זיין אָרט האָבען די האַפּערס נישט געהאַט קיין רעכט צו האַפּען. האָבען זיי אַלין געלויערט אַרום יאָסעלע׳ן. איינער האָט זיך פערגנב׳עט און געזעסען אין אַ שטיבעלע גאַנצע איבער טאָג און נאַכט אין געהיט, טאָמער וועט יאָסעלע אַרויס פון משה, אהרן־לייזער׳ס שטוב, וועט ער איהם האַפּען.

דריי וואָכען איז יאָסעלע געווען בעהאַלטען ביי אונז אין שטוב, אָבער, ליידער, האָט זיך יאָסעלע׳ן פערבענקט נאָך דער מוטער און אַרויסגעכאַפּט זיך אין דרויסען. קיינער האָט איהם נישט בעמערקט און ער איז גיכער געלאָפען צו דער מוטער. דעמאָלט האָט איהם מאָשקע געכאַפּט. עס האָט שוין קיין זאַך נישט געהאָלפען. די מוטער, האָט פערשטעהט מען, ביטער געוויינט. מען קען זיך פאָרשטעלען: אַ קליין קינד געהט אַוועק צווישען זעלנער, גרויסע גוים, און ביז צוואַנציג יאָהר וועט ער דאַרפען ערגעץ פאַשען חזירים, דערנאָך ערשט וועט ער דינען פינף־און־צוואַנציג יאָהר!

אַ פּאָר וואָכען איז יאָסעלע געזעסען אין שטיבעל נעבען גרויסען בית־המדרש, וואו עס איז געווען אַ פענסטער מיט אייזערנע קראַטען און אַן׳אייזערנע טהיר. דאָרט פלעגען זיצען אַלע יאָהר די נאָוואָבראַנצעס, ביז מען האָט זיי אַוועקגעפיהרט קיין בריסק צום איספּראַווניק.

יאָסעלע האָט ביטער געוויינט אין שטיבעל, און די מוטער נעבען שטיבעל איז שיער נישט צוריסען געוואָרען וויינענדיג.

דערנאָך האָט דער אַסעסער גענומען דריי דעסיאַטניקעס מיט אַ פּוהר און אַוועקגעזעצט דאָס קליינע יונגעלע. פון קאַמער האָט ער נישט געוואָלט געהן, ער האָט זיך שטאַרק געריסען, האָט מען איהם געבונדען און דערביי נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ. די מאַמע איז ווילעוויי געפאַלען אין חלשות. זי האָט בעוויינט דאָס קינד און געקלאָגט דערויף, ער זאָל זיך, הלילה, נישט שמד׳ן, חאָטש מען זאָל איהם ברענען און בראָטען און שמייסען און רייסען זיין לייב מיט צוואַנגען; ער מוז אַלץ איבערטראָגען, ביז זיין הייליגע נשמה וועט אַרויף אויפ׳ן הימעל.

די געוויינען פון דער מוטער מיט׳ן קינד האָבען זיך געהערט אין גאַנץ שטאָדט. אין שטאָדט איז געווען אַ חורבן. אַלע ווייבער אין

שוואַכע מענער האָבען מיטגעווייִנט, און אַלע יונגלעך פון אונזער חדר (פון יענע חדרים האָבען די מלמדים נישט געלאָזען געהן) זענען אויך געקומען, ווען מען האָט איהם אַרויסגענומען פון שטיבעל אויפ'ן גרויסען וואָגען מיט אַ פּאָר פערד —— אַוועקצופיהרען.

די מוטער איז מיטגעפאָהרען קיין בריסק מיט אַן'אַנדער פוהר, און האָט אַ גאַנצען וועג גע'חלש'ט. די גוים האָבען איהר געמינטערט, דאָס קינד האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו וויינען און ער איז געלעגען אַ האַלב טויטער אין וואָגען. ווענגען דעם, אַז ער האָט שוין נישט פערזוכט פון עטליכע טעג קיין עסען, איז איבעריג צו דערמאָהנען.

אז מען האָט איהם געבראַכט קיין בריסק, האָט דער קליוטשוואָיט דערצעהלט דעם איספּראַווניק, וואָס ער מיט די העלפער האָבען אָנגעליטען פון דער מוטער מיט איהר וויינען און חלש'ען. דערויף האָט דער איספּראַווניק געהייסען אַ דעסיאַטניק אָבפיהרען זי באַלד קיין קאַמעניץ. אַז זי איז געקומען אַהיים, איז זי אָבגעלעגען צוויי טעג און געשטאָרבען.

ביים איספּראַווניק איז געווען אַ בעפעהל, אַז קיינער טאָר נישט וויסען, וואוהין ער שיקט אָב די קאַנטאָניסטען. אָבגעשיקט האָט מען זיי אין טיעף רוסלאַנד.

מיר האָט אַ געטויפטער קאַנטאָניסט דערצעהלט, ווי אַזוי מען האָט אויסגעטויפט אין סאַראַטאָוו מיט איין מאָל זעקס קאַנטאָניסטען פון דרייסיג. דאָס איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: אַז קיין שמיץ האָט נישט געהאָלפען, איז געפאַלען דער פאָלקאָווניק אויף אַ נייעם שכל ווי אַזוי צו נויטען, זיי זאָלען זיך טויפען: מען האָט אַריינגעפיהרט די דרייסיג קאַנטאָניסטען אין באָד און מען האָט אָנגעהויבען געבען „פּאַרע״ אַלעמאָל מעהר און מעהר. דאָס איז געווען אונמעגליך איבערצוטראָגען. זעקס האָבען נישט אויסגעהאַלטען און זיך געטויפט. די איבעריגע זענען געבליבען פער'חלש'טע. אַז מען האָט זיי דערנאָך אָבגעמינטערט, זענען דריי געבליבען טויט.

מיין קאַנטאָניסט איז געווען זעהר בייז אויף גאָט. לויט זיין מיינונג, האָט גאָר קיין גאָט נישט געקאָנט זיין, קוים האָט ער געקענט צוזעהן אַזוי פיעל יסורים און פּיין. און אויב עס איז דאָ אַ גאָט, איז

ער נאָר דער גאָט פון שלעכטס...

ווי געזאָגט, האָט מען אַלט-יעהריגע יונגלעך גענומען נאָר אין חדר". באַלד האָט מען זיך אַרומגעזעהן, אַז דאָס איז נישט פּראַקטיש פון איין זייט, און פון דער צווייטער — איז שווער צו טיפען אַ יודיש יונגעלע אַפילו אַן'אַלט-יעהריגעס. און דאָס איז בטול געוואָרען.

יאָסעלע איז פערפאַלען געוואָרען, ווי אין וואַסער אַריין, נאָר אין אַ יאָהר אַרום, חנוכה-צייט, איז געקומען קיין קאַמעניץ אַ ראָטע זעלנער, וואָס האָבען בעדאַרפט שטעהן דאָ אַ פּאָר חדשים, ווי עס איז שטענדיג איינגעפיהרט געוועזען. פלעגט אַלע צוויי, דריי מאָנאַטען קומען אַן'אַנדער ראָטע זעלנער, פערברענגען אַ פּאָר מאָנאַטען און אַוועקגעהן. אויף זייער אָרט ווידער אַן'אַנדער ראָטע זעלנער.

ווי ערשטוינט זענען מיר געוואָרען, ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז די ראָטע זעלנער האָט מיטגעפיהרט יאָסעלען, דעם יתום. אריה-ליב האָט גלייך געבעטען דעם אָפיציר, אַז יענער זאָל ערלויבען ברענגען יאָסעלען צו אונז. זענען עטליכע סאָלדאַטען געקומען מיט יאָסעלען צום זיידען אין שטוב אַריין. יאָסעלע איז אַריינגעקומען אַ באָרפעסער, אין אַ גרויסען גראָבען, גוי'אישען העמד, לאַנג ביז די טריט, אָהן הויזען, אין אַ פּעלציל. דאָס פּנים פערשוואָלען, בלאַס, ווי אַ טויטער. אַז מיר האָבען איהם דערזעהן, איז געוואָרען אַ געוויין און מעהר פון אַלעמען האָב איך געוויינט, ווייל איך האָב איהם ליעב געהאַט און ער איז מיין חבר געוועזען.

איך בין צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט:

— יאָסעלע, יאָסעלע...

אָבער יאָסעלע היינט, יאָסעלע מאָרגען, ער ענטפערט נישט, ער איז געוואָרען אַן'אידיאָט, און וואָס איך האָב נישט גערעדט צו איהם און געבעטען, און געוויינט:

— יאָסעלע! יאָסעלע! יאָסעלע!

איז געוועזען אין קול ואין עונה. אַז מען האָט איהם געגעבען טהיי מיט זעמיל, האָט ער נישט געוואָלט עסען און נישט טרינקען, און עס איז נישט געוועזען מיט וועמען צו רייעדן.

קען מען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ קלאָג עס איז געוואָרען אין גאַנץ שטאָדט. קיין סך מענשען האָבען איהם נישט געקענט זעהן,

ווייל דער אָפּיציר האָט אָנגעזאָגט, אַז קיין סך זאָל נישט קומען. און איך בין געבליבען אַ צובראָכענער און געוויינט נאָך איהם וואָכען און חדשים.

מען האָט געפרעגט דעם אָפּיציר, פון וואַנען קומט דאָס קאַנטאָניסטעל אהער, האָט ער דערצעהלט, אַז ווען מ'האָט אַוועקגעשיקט אַלע קאַנטאָניסטען אין טיעף רוסלאַנד, איז יאָסעלע געווען קראַנק, ווייל ער האָט נישט געוואָלט עסען און נאָר געוויינט, איז ער געלעגען אין לאַזאַרעט אין פעסטונג. געלעגען איז ער דאָרטען לאַנג, און פון נישט עסען און פון וויינען איז ער געוואָרען אַנ'אידיאָט.

מען דאַרף אָבער רעכענען, אַז מעהר פון אַלץ האָט אויף איהם געווירקט די שרעק פון די חאַפּערס. אַ קליינינקייט, אַ קינד פון אַכט יאָהר האָט שוין בעדאַרפט פיהלען, אַז ער דאַרף זיך היטען, אַנישט וועט מען איהם חאַפּען, ווי אַ קאַץ חאַפּט אַ מויז. דאָס איז נאָכמעהר ווי שרעקליך. פאַרוואָס מען וויל איהם חאַפּען, האָט ער נישט פערשטאַנען. ער האָט נאָר געפיהלט, אַז אָט וועט איהם חאַפּען, חאַפּען, חאַפּען.

אַז ער איז געוואָרען אַ תם, האָט ער שוין געקאָנט עסען און געהן אויף די פיס. דעמאָלט האָט מען איהם אויסגעשריבען פון לאַזאַרעט און מען האָט איהם אַריינגעגעבען צו די זעלנער. שלעפּט מען זיך מיט איהם אַרום, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט איהם אָבגעשיקט צוריק אין פעסטונג. וואָס וועט ער זיך אַרומשלעפּען מיט אַנ'אידיאָט. די סאָלדאַטען וועלען איהם נאָך פער'הרג'ענען, דעם „זשידאָטשעק".

אינ'ם צווייטען יאָהר (תר"טז) איז שוין דאָס געזעץ בטול געוואָרען, איז אָבער געקומען אַ צווייטע צרה אויף יודען: עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ פעראָרדנונג, אַז איין שטאָדט קען אָבגעבען פאַר זעלנער יודען פון אַנדערע שטעדט;

דעמאָלט איז געוואָרען אַנ'אמת'ע חאַפּעריי ביי יודען. מען האָט זיך געשפּיעלט אין חאַפּעריי. אָבער דאָס שפּיעל איז געווען אַ גראַנדיעזעס בלוט-שפּיעל. חאַפּערס זענען געקומען פון אַ וויַיטער שטאָדט און געחאַפּט זעלנער. זיי פלעגען קומען ביינאַכט און אַרויסנעהמען די רייכסטע און שענסטע יונגע-לייט, וועלכע האָבען שוין געהאַט צו עטליכע קינדער.

אָט די סצענעס זענען געווען פון די שוידערהאַפטעסטע סצענעס ביי
יודען. די האַפּערס זענען געקומען אין אַ שטאָדט בשתיקה, קיינער זאָל
נישט וויסען. געמאָלדען האָבען זיי זיך ביי דער פּאָליציי, מיט אַ פּאַ־
פּיר פון זייער איסבאָרשטשיק מיט'ן אַסעסער. אין פּאַפּיר איז געווען
געוויזען, אַז זיי זענען האַפּערס. פּאָליציי האָט זיי געגעבען דעסיאַטני־
קעס און סאָלדאַטען, וויפיעל זיי האָבען געפאָדערט און האַפּען פלעגען
זיי אין מיטען נאַכט, אָנקלאַפּענדיג אין טהיר.

און טאָמער האָט מען אַזוי גיך די טהיר נישט געעפענט, האָבען
זיי שוין מיטגעהאַט אַזעלכע אינסטרומענטען אויף צו האַקען טהירען מיט
שלעסער, זענען באַלד אַריין, אַרויסגעשלעפּט פּשוט און מיט גרויס
אַכזריות דעם יונגענמאַן און אַוועק.

און אַז מען האָט דערהערט אין אַ הויז, אַז פּאָליציי קלאַפּט אין
טהיר, איז געפאַלען אויף דער גאַנצער פאַמיליע אַ טויט־שרעק. אַמאָל
האָט מען זיך שטאַרק געוועהרט געגען די האַפּערס מיט דער פּאָליציי,
דעמאָלט האָט מען געחאַפּט אין די הענד העק, מעסערס, אייזענס,
האַמערס, אָדער מען האָט זיך שוין צוגעגרייט פון פריהער. און ווי זיי
זענען אַריינגעקומען, איז דאָס גאַנצע הויזגעזינד בעפאַלען די האַפּערס,
גע'הרג'עט זיי צום טויט.

אָבער די האַפּערס פון זייער זייט האָבען אויך נישט געשוויגען.
זיי האָבען געהאַט מיט זיך לאָמען און אייזערנע שטעקענס און אין
שטוב פלעגט פּאָרקומען אַנ'אמת'ע מלחמה. עס האָבען זיך געגאָסען
טייכען בלוט, מען האָט זיך געשלאָגען ביז די לעצטע קרעפטען, און
אויף וועמענס צד עס איז געווען מעהר כח, דער האָט מנצח געווען.
עס פערשטעהט זיך, אַז די האַפּערס האָבען דאָס רוב געזיגט.

האָבען זיי זיך שוין אָנגעזעצט אויף אַ יונגענמאַן איהם צונעהמען,
האָט שוין קיין זאַך נישט געהאָלפען. דאָס האָט געמעגט קאָסטען פיעל
קרבנות. די האַפּערס האָבען זייער לעבען איינגעשטעלט און אָדער זיי
האָבען גענומען, אָדער זיי זענען אַרויס קאַליקעס.

די מוטערס פון די רעקרוטען זענען דאָס רוב געשטאָרבען פון
גרויס צער, די פאָטערס זענען געבליבען קאַליקעס, די ווייבער קאַלי־
קעס — פון דער הויז־מלחמה. די געוויינעריי און די רייסעריי פון
דער שטוב־פאַמיליע האָט דערגרייכט ביז'ן הימעל. דערנאָך ערשט האָט

מען געהאַט אויף זיך קרימענעלע פּראָצעסען פאַר שטעלען זיך געגען פּאָליציי און הרג'ענען, שלאָגען זיך מיט אייזענס א. ז. וו.
איז מען געזעסען אין די טורמעס און מען האָט זיך גע'משפט. מען איז אָרים געוואָרען און אַ תּל פלעגט ווערען פון אַ גרויסער, צוּמאָל רייכער פאַמיליע.
אויסער אַלעמען איז קיין וואונדער נישט געווען, וואָס אַ פאַמיליע פלעגט איינשטעלען איהר לעבען מיט איהר האָב און גוטס, אַבי צו ראַטעווען דאָס קינד פון די זעלנער. דעמאָלט איז אַלעמען גוט בעקאַנט געווען די צרות מיט די אַכזריות, וואָס אַ זעלנער האָט בעדאַרפט אויסשטעהן אין זיינע פינף-און-צוואַנציג יאָהר דינסט.
איך געדענק, ווי ביי אונז איז געשטאַנען אַ האַלבע ראָטע זעלנער אין איך האָב געקענט זעהן, ווי אַזוי עס געהט צו דאָס מיליטער-דינסט פאַר ניקאָלאַי'ען.
די זעלנער פלעגט מען מושטירען אין מאַרק, און טאָמער האָט דער זעלנער נישט אַזוי גוט געמאַכט מיט דער ביקס, אָדער ער איז נישט אַזוי גוט געשטאַנען, האָט דער אונטער-אָפיציר גענומען דרעהען דעם זעלנער פאַר די אויערן, פאַר'ן נאָז און געפּאַטשט אָהן רחמנות, אַזוי, אַז מיר האָבען געמיינט, אַז דאָס אויער, די נאָז בלייבט ביי דעם אונטער-אָפיציר אין האַנד. אָדער ער האָט איהם מיט'ן אייזערנעם שטעקעל פון ביקס געשלאָגען מכות אַכזריות, אַז דער זעלנער האָט זיך געבויגען אין פיערען און איז אַזש געוואָרען בלוי.
געשמיסען האָט מען אַכזריות'דיג פאַר אַלעמען אין די אויגען פאַר אַ מינדסטע זאַך. די ריטער זענען געווען אַלע טאָג פרישע, ערשט אויסגעשניטען פון וואַלד און געבראַכט אין שטאָדט אַריין, און יעדער שמיץ פון אַזאַ רוט, פלעגט אויסרייסען אַ פּאַס פלייש פון לייב.
ביי מאָשקען אין קרעטשמע, געדענק איך, איז איינגעשטאַנען אַן'אָפיציר, אַ גרויסער מערדער. דאָס איז געווען אַ שען הויז מיט אַ גרויסע סטאָראָלע, וואו עס זאָלען קענען אַריינפאָהרען אַ סך פוהרען.
ביי מאָשקען איז דאָס אַלץ אָבגעדונגען געוואָרען פאַר די אָפיצירען. פלעגט מען אין מאָשקעס סטאָראָלע שמייסען די זעלנער. געדענק איך דייטליך די ריטער, און יעדען טאָג האָט מען געהערט דעם

קנאַל פון שמיץ. אַמאָל איין זעלנער, און אַמאָל דריי זעלנער מיט אַמאָל. און נאָכ׳ן שמייסען, אַז מיר יונגלעך, פלעגען זיך אַריינהאַפען אין סטאָדאָלע, פלעגען מיר געפינען די ערד אויסגעווייקט מיט בלוט.

איינמאָל האָט דער אָפיציר פערשמיסען דריי זעלנער צום טויט. ער האָט געהייסען געבען צו פינף הונדערט שמיץ, און ביי אַכציג, ניינציג שמיץ זענען זיי געבליבען טויט. דער אָפיציר אַליין איז געשטאַנען און געשריען:

— פּאָקרעפּטשע, שטאַרקער!

אַז ער, דער אָפיציר, האָט אַרויסגערעדט מיט׳ן מויל פינף הונדערט, האָט שוין געמוזט זיין פינף הונדערט. צוויי האָבען געשמיסען און איינער האָט געציילט די שמיץ.

דאָס זעלנערשע ברויט איז געווען גראָב, שוואַרץ, אָהן זאַלץ, אָהן טעם, און מען האָט נישט געקענט דאָס ברויט נעהמען אין מויל אַריין. די אָפיצירען האָבען געלעבט אַ גוטען טאָג, האָבען אינגאַנצען געגנב׳עט ביי די זעלנער, וועלכע מען האָט קיין פלייש נישט געגעבען, און אַז זיי האָבען שוין אַמאָל געגעסען פלייש, איז דאָס געווען ביינער פון פערד. די אָפיצירען האָבען אַלץ פערקויפט.

זיי האָבען געגעבען די פּאָדריאַדטשיקעס קוויטונגען, אַז זיי האָבען צוגענומען ביי זיי כך וכך מעהל, כך וכך פלייש, אָבער זיי האָבען נישט צוגענומען קיין דריטעל פון די עסען-פּראָדוקטען. די זעלנער זענען שטענדיג געווען טויט-הונגעריג.

און דעריבער זענען זיי געווען אַממיינסטען גנבים, עס האָט נישט געהאָלפען קיין שמיץ, ווייל זיי זענען געווען הונגעריג, פערמאַטערט פון וועניגען שלעכטען עסען און פון די קלעפ און שמיץ. צוזעהענדיג דאָס פינסטער, ביטער לעבען פון די ניקאָלאַיעווסקע זעלנער צוזאַמען מיט לאַנגע שווערע יאָהרען דינסט, איז שוין קיין וואונדער נישט, וואָס אַ גאַנצע פאַמיליע האָט זיך מוסר-נפש געווען אַבי נישט צו-צולאָזען זייערס אַ קינד אַריינפאַלען אין אַזעלכע אַכזריות׳שע הענד כמעט אויף אייביג.

דער סאָרט „חאַפּעניש״ דורך פרעמדע האַפּערס איז אויך מעהר נישט געווען ווי צוויי יאָהר, ביז מען האָט איינגעזעהן, אַז דאָס טויג נישט און מען האָט עס מבטל געווען. איצט האָט נאָר יעדע שטאָדט

בעדאַרפט געבּן זעלנער בּלויז פון איהרע נפשות און ניט פון קיין פרעמדע.

נאָר אַזוי ווי אַ סך מענשען האָבּען געוואוינט נישט אין זייער שטאָדט גופא, נאָר אין אַנדערע, האָט מען אַרויסגעשיקט פון יעדער שטאָדט חאַפּען זייערע נפשות. דאָ איז איינגענטליך צוגעגאַנגען שווינ־דעל. ווארום אַנדערע שטעדט האָבּען אָנגעגעבּן נעמען, וועלכע זענען בּיי זיי געווען פערשריבּען, וואס זענען בּכלל אין ערגעץ נישט פערשריבּען געווען, און מען האָט זיי געחאַפּט אַלס צוגעשריבּענע און אָבּגעגעבּן אין סאָלדאַטען. ווייטער האָט יעדער שטאָדט אַרויסגע־שטעלט אַ סך נעמען אין רייכטער. דאָ איז אויך געווען שווינדעל, און צוגעגאַנגען איז עס גאַנץ פּשוט. יעדער יוד האָט אַמאָל געהייסען, דאָס רוב, מיט צוויי, דריי נעמען. צום בּיישפּיעל, איינער האָט געהייסען יעקב־יאָסעל־ליב, האָט מען איינעם געגעבּן אַ פּאַספּאָרט: יעקב מינץ, דעם אַנדערן יאָסעל מינץ, דעם דריטען ליב מינץ, און אַ פיערטען האָט גלאַט אויסגעטראַכט אַ נאָמען. אַזוי האָט זיך געפיהרט די יודישע וועלט אין רוסלאַנד בּיז 1874־טען יאָהר.

און אַז מען האָט אָבּגעגעבּן פאַר אַ זעלנער אַזעלכען, וואָס איז נישט געווען אָבּגעפאָהרען, האָט מען איהם אויך בּעדאַרפט חאַפּען. אַליין שטעלען זיך האָט מען נישט בּעדאַרפט, נאָר אַז מען האָט איהם געחאַפּט איז געווען פערפאַלען. קען מען פערשטעהן די הריגות מיט די געשלעגערייַ, וואָס עס זענען פאָרגעקומען צווישען דער פאַמיל־יע פון רעקרוט מיט די חאַפּערס. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַ שטיינערנע הערצער עס האָבּען בּעדאַרפט האָבּען די חאַ־פּערס. זיי זענען געווען אַ סך עקעלהאַפטער פון אַ היינטיגען תּלין. מען האָט זיך שטענדיג בּעדאַרפט שלאָגען, הרג'ענען, און די געוויי־נערייַ פון די טאַטעס מיט די מאַמעס, שוועסטער און בּרידער און פון דער גאַנצער פאַמיליע — אָט די אַלע האַרצרייַסענדע סצענעס האָט זיי אויף אַ האָהר נישט גערירהרט.

דער חאַפּער אהרן־לייבּעל איז געווען עפּעס אַ חיה אין דער בּראה פון אַ מענשען. אויפ'ן פּנים איז געלעגען — רוצח. אַלע האָבּען איהם שרעקליך פּיינט געהאַט. מיט איהם האָט מען געסטראַשעט קינ־דער און ער האָט געדינט אַלס אַ העסליך בּיישפּיעל פאַר אַלעמען.

ויען איינער האט געוואָלט זידלען מיט די שמוציגסטע זידלערייען האט ער געזאָגט:

— דו ביזט דאָך אהרן-לייבעלע.

דאָס איז געווען אזא בעליידיגונג, וואָס עס איז זי שווער געווען צו שענקען.

איך האב שוין דערצעהלט, ווי איך האב „געקעמפפט" יונגעל-ווייז מיט די חאַפּערט, „געקעמפפט" פון זיך אַליין, פון עקעל, פון נישט קענען צוזעהן. אט איז נאָך אַ מעשה:

איינמאָל, געדענק איך, בין איך געשטאַנען נעבען דעם מגיד'ס שטוב מיט נאָך אַ פּאָר יונגלעך. אין דערזועלבער צייט איז מאָדנע האַסטיג פאַרביי געלאָפען דוד דער סטאָליאַר. דערפון האב איך באַלד פערשטאַנען, אַז אהרן-לייבעלע יאָגט איהם און וויל איהם געוויס האַ-פען פאַר אַ זעלנער. אַזוי איז טאַקע געווען. באַלד נאָך איהם איז גע-לאָפען העֶנדוס-פּענדוס אהרן-לייבעלע. אינסטינקטיוו, פון זיך אַליין, בין איך אונטערגעלאָפען און אונטערגעשטעלט אהרן-לייבעלע'ן אַ פוס. איז ער געפאַלען, און האט זיך צובלוטיגט די נאָז, ווי אַ חזיר. יענע יונג-לעך זענען בעת מעשה זיך צולאָפען, און איך בין געשטאַנען און גע-שריען:

—אהרן-לייבעלע, ווען וועסטו שוין אַ מיתה-משונה איינעהמען!...

ער איז אויפגעשטאַנען און האט זיך אָבגעווישט דעם טריפה'נעם דם מיט זיין גרויסען שמוציגען נאָז-טיכעל. און ער האט מיר נישט געוואַגט אַ וואָרט צו זאָגען. ער האט נאָר דערצעהלט מיין טאַטען דערפון, און דער טאַטע האט מיר געגעבען אַ פּאַטש און געזאָגט:

— ער איז טאַקע אהרן-לייבעלע, נאָר דו דאַרפסט איהם נישט אונטערשטעלען אַ פוס, ער זאָל פאַלען.

דער זיידע האט זיך בּיסלעכווייז אָבגעוועהנט אינגאַנצען פון די שטאָדטישע ענינים, נאָר אַז זיי האָבען בעדאַרפט עפּעס האָבען צום איספּראַווניק איז מען שוין פון די פּני געקומען בעטען דעם זיידען, אַז ער זאָל שרייבען צום איספּראַווניק. און יענער האט אַלץ געטהאָן, וואָס דער זיידע האט געבעטען.

נאָר בשעת רעקרוטען-צייט, איז די פאַמיליע פון דעם אַריינגע-פאַלענעם רעקרוט שטענדיג געקומען בעטען און וויינען ביי דער באָבע

בײלע-ראַשע, אַז זי זאָל פּועל'ן בײַם מאַן, מען זאָל בעפרײַען דעם רעקרוט. זײ זענען נישט געגאַנגען װײנען פאַר'ן איספּאָרשטשיק און נישט פאַר קײנעם פון די פּני, נאָר פאַר דער באָבען. װאָרום זײ האָבען געװאוסט, אַז חאָטש אהרן-לײזער האָט זיך נישט געמישט אין דעם נאַבאָר. און נישט ער װײס אַפילו װעמען מען האָט געהײסען נעהמען פאַר אַ זעלנער, נאָר אַז ער װעט זאָגען, אַז דעם דאָזיגען רעקרוט, װאָס מען האָט שוין צוגענומען, מוז מען בעפרײַען, װעט מען איהם גלײַך בעפרײַען אָהן שום טענה ומענה; עס װעט שוין געהן אַנ'אַנדערער אויף זײַן אָרט. עס זענען שוין געװען אַזעלכע פאַק-טען אײניגע מאָל, דעריבער האָט מען שטענדיג דער באָבען בעװײנט, און זי האָט פּשוט נישט געהאַט קײן כח צו לעבען.

צעהנטעס קאפיטעל.

זאסטאוויע. — די גרויסע מחלוקת. — די שבועה. — אויס־
געגארט. — דעם זיידענס קאמפף! — דער שלום. — די פריצים
מיט די פויערים. — דאס שמייסען פויערים. —

דער זאסטאוויער יונגער דור איז אין כלל בעשטאנען פון גרוי־
סע אינטריגאנטען. זיי איז געווען גוט אויפ'ן הארצען, זיי זענען געווען
נגידים, האבען זיך אויפגעפיהרט פראסט, גראב און קיין זאך האט זיי
נישט געפעהלט. מאכען אינטריגעס אין שטאדט — איז ביי זיי געווען
א מין ספארט.

האבען זיי נישט פערגונען, וואס אהרן-לייזער מיט אלע קינדער
לעבען פון דער ארענדע אזא ברייט לעבען, פארוואס זאל מען דאס
לאזען אהרן-לייזער'ן האבען אזא גוטס, בעת ער צאהלט פאר דער
ארענדע כמעט גאר קיין געלד נישט; און אז עס איז געקומען נאהנט
די צייט, וואס אסערעווסקי, דער פריץ, האט בעדארפט קומען צופאה־
רען, האבען זיי זיך צוגעגרייט א גאנצע קאמפאניע, געהן צו אסערעוו־
סקי'ן און זאגען, אז זיי גיבען איהם דריי טויזענד רובל א יאהר, אנ־
שטאט די צוועלף הונדערט, וואס אהרן-לייזער צאהלט. די קאמפאניע
האט זיך געשטארקט, וויל מען האט געוואוסט מיט וועמען מען

הויבט דאָ אָן צו שטרייטען. צו דער דאָזיגער קאָמפּאַניע זענען צוגע-שטאַנען אַלע עזות-פּנים'ער, אַלע תּקיפים, און געשלאָסען אַ שותּפות; און זיי זענען אַריין אין אַזאַ גדלות, אַז זיי האָבען זיך צוגעגרייט אָבּ-נעהמען די אַרענדע מיט גוואַלד, זיי מעגען צולעגען זייער גאַנץ פּער-מעגען און עס זאָל זיך אַפילו גיסען בלוט, אַבי די אַרענדע זאָל אָבּ-גענומען ווערען ביי אהרן-לייזער'ן.

אַז דערפון איז געוואָהר געוואָרען דער זיידע, איז ער געפאָהרען צום איספּראַווניק און איהם געזאָגט, אַז ער וויל ווערען איסבּאָרשטשיק. דער איספּראַווניק איז באַלד געקומען קיין קאַמעניץ, האָט אָבּגענומען דעם זיגעל מיט די ביכער ביים איסבּאָרשטשיק ב. און אָבּגעגעבען דעם זיידען. איצט האָט שוין דער זיידע אָנגעהויבען אַרבּייטען צום ערשטען, האָט ער געשיקט דעסיאַטניקעס שלעפּען ביי דער זאַס-טאַוויער „אָפּאָזיציע" די פּאַנען מיט די לייכטער, מיט די זייגערס — אַלץ, וואָס ביי זיי האָט זיך נאָר געפונען און זאָגאַר בעטגעוואַנד, וואָס דע-רויף איז גאָר קיין רעכט נישט געווען צו נעהמען. נאָר וועמען העדט דער זיידע? ער האָט דעם איספּראַווניק, דערביי האָט ער איינגעפונען אַלטע חובות, וואָס די שטאָדט איז געבליבען שולדיג, וויל ער, מען זאָל דאָס איצט אָבּצאָהלען און די גאַנצע סומע מיט אַמאָל. ווידער האָט ער צוגעשטעלט יעדערן זעהר גרויסע אָבּצאָהלונגען, וואָס איז זיי טיילווייז אונמעגליך געווען צו געבען. איז געוואָרען אין שטאָדט אַ מהומה, און מען האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז מיט אהרן-לייזער'ן איז זיך שווער צו ראַנגלען. אַגב זענען זיי זיך געגען איהם בעגאַנגען נישט גאָר יושר'דיג. אָבּנעהמען ביי איהם אומזיסט-אומנישט די אַרענדע.

האָבען זיי געשיקט דעם רב צו אהרן-לייזער'ן למען השלום בע-מען איהם, אַז ער זאָל ווערען אויס איסבּאָרשטשיק און זיי וועלען דערביי שווערען מיט כל השבועות שבעולם, אַז זיי וועלען די אַרענ-דע נישט אויסדינגען. דער זיידע האָט אַפילו נישט געוואָלט מאַכען קיין שלום, נאָר דער טאַטע מיינער מיט'ן פעטער מרדכי-ליב און אויך דער זיידע ר' יודעל מיט דער באָבע ביילע-ראַשען — אַלע האָבען זיך אַריינגעלעגט מען זאָל מאַכען שלום.

איז געבליבען, אַז די אַלע חברה-לייט, וועלכע האָבען געהאַט בדעה אויסצודינגען די אַרענדע, וואָס זענען בעשטאַנען, ווי דער זיידע

האָט אויסגערעכענט אויף אַ צעטעל, פון אַ זיבעציג פערזאָן, זאָלען שווערען אין גרויסען בית-המדרש אין טליתים און קיטלען מיט ספרי-תורות אין די הענד — מען זאָל בלאָזען שופר און אָנצינדען ליכט, — אַז זיי וועלען שוין מעהר זיך נישט אונטערנעהמען צו טהאָן אַזוינע עוולות דעם זיידען. דאָס איז געווען פון די שווערסטע שבועות.

איך געדענק, ווי די גאַנצע שטאָדט איז געקומען אין אַלטען בית המדרש. עס האָט געהאָגעלט מיט מענשען אַרום בית-המדרש, אויף דער גאַס. דער זיידע איז געקומען, ווען די „אָפּאָזיציע" איז שוין געווען און מען האָט אַזוי געשוואוירען, ווי דער זיידע האָט פאָרגע-לעגט. ביי דערזעלבער שבועה איז גערעדט געווען, אַז נישט בלויז זיי, נאָר קיינער טאָר נישט געהן צו אָסטראָוסקי'ן אויסדינגען די אַרענדע. אויף מאָרגען האָט דער זיידע אַריינגעשיקט אַ בריעף צום איספראַווניק, אַז ער וויל ווערען אויס איסבאָרשטשיק. דער איספראַווניק, וועלכער האָט גרייסאַרטיג געוואוסט פון אַלץ, האָט איינגעוויליגט.

דעם זיידען האָט מען אָבער דאָך אויסגענאַרט. אַז עס איז געקומען די צייט, און אָסטראָוסקי איז אָנגעפאָהרען, האָבען די זאַס-טאַווער געבראַכט צוויי יודען פון ביאַליסטאָק, וואָס זענען געגאַנגען צו אָסטראָוסקי'ן און געגעבען גלייך אַכצעהן הונדערט רובל פאַר דער אַרענדע.

אַז עס איז געקומען דער זיידע, פרעגט איהם אָסטראָוסקי:

— דו צאָהלסט אַכצעהן הונדערט רובל?

— יאָ — האָט דער זיידע געזאָגט.

האָבען די יודען באַלד געהעכערט:

— צוויי-טויזענד פיער-הונדערט רובל!...

נאָר אָסטראָוסקי האָט דעריויף געענטפערט:

— ביי מיר שפיעלט נישט קיין ראָליע די עטליכע הונדערט רובל. זאָל די אַרענדע בלייבען פאַר'ן אַלטען אַרענדאַר. ער האַלט שוין אַזוי לאַנג ביי מיר די אַרענדע, זאָל ער זי שוין האַלטען כל זמן איך וועל לעבען...

די אַרענדע איז, אַלזאָ, געבליבען ווייטער ביים זיידען שוין נישט אויף דריי יאָהר, נאָר אויף אייביג, דאָס הייסט, כל זמן אָסטע-ראָוסקי וועט לעבען, נאָר די זעקס הונדערט רובל מעהר, וואָס איז

איצט געהעכערט געוואָרען צוליעב די יודען האָט דעם זיידען זעהר שטאַרק באַנג געטהאָן און פערדראָסען. זיי האָבען דייטליך עובר שבועה געווען. דער זיידע איז ווידער געווען צוקאָכט, האָט ער אָנגעהויבען אויפצוזוכען אין קאָנטראַקט מיט'ן פריץ די אַלע אָבצאָהלונגען, וואָס שטאָדט דאַרף איהם צאָהלען.

אין קאָנטראַקט האָט ער געפונען אַנ'אָבצאָהל פון פעל, וואָס איז נישט אַריינגעטראָגען געוואָרען. דאָס האָט איהם פריי געמאַכט די הענד. ער האָט אַריינגעשיקט צו די קצבים, אַז באם זיי ווילען עפעס וואָס קוילען, זאָל מען קומען צו איהם נעהמען אַ קוויטעל דערויף און אָבצאָהלען ניינציג קאָפּיקעס פון אַ גרויסער בהמה און דרייסיג קאָפּיקעס פון אַ קאַלב. די קצבים האָבען שוין געוואוסט, אַז קיים האָט אהרן-לייזער געהייסען, וועט עס אַנדערש נישט זיין. האָבען די קצבים אויפ-געהויבען דעם פּריז אויף פלייש, וואָס האָט אַרויסגערופען אַזאַ בהלה אין שטאָדט, וואָס זינט קאַמעניץ שטעהט, איז נאָך אַזוינס נישט גע-ווען.

די זאַכטאַוויער „אָפּאָזיציע" האָט אויפגעבונטעוועט די גאַנצע שטאָדט. זיי האָט נישט אַזוי געאַרט, וואָס פלייש איז טייערער, ווי דער ענין פון טומעל און געשריי. אויב זיי האָבען נישט געקענט שטרייטען בעת דער אַרענדע, אין וועלכער זיי האָבען געהאַנדעלט נישט יושר'דיג, האָבען זיי דאָ געקענט מהאָן, וואָס זיי האָבען געוואָלט. דאָ נעהמען זיי זיך כלומר'שט אָן פאַר דער קריוודע פון דער גאַנצער שטאָדט. די מחלוקת איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז עס האָט ממש אויסגעזעהן ווי אַ מלחמה. מען האָט אויפגעהערט צו קויפען בראָנפען ביי אונז. אַ באַנדע פון פופציג נפשות איז אַרוים פון שטאָדט און אַריינגעפיהרט אַ פאַס בראָנפען, אַוועקגעשטעלט אין מיטען מאַרק און פערקויפט פריי פאַר אַלעמען.

אַרום דעם פאַס בראָנפען האָבען זיך אויפגעקליבען אַ פאָר הונ-דערט מאַן. מען איז געווען גרייט צו שלאָגען זיך אויף טויט און אויף לעבען מיט אהרן-לייזער'ס פּאָליציי. דער זיידע האָט גענומען ביים רושאָנצע אַ דרייסיג גוים און ביים אַסעסער אַ צעהן דעסיאַטניקעס און זיינע צוויי מענשען — חצקיל און קיווקע, און איז מיט זיי אַוועק אָב-געהמען דאָס פאַס בראָנפען. האָט מען זיך, פערשטעהט זיך, געשלאָגען,

וואָס עס האָט אויסגעזעהן אונגעהויערע הערליך פאַר ביידע צדדים.

דער זיידע האָט אראָנגעבראַכט עפּעס אַ שרייבער; איינעם אַ מוערסקי, וואָס האָט בעדאַרפט אַלע טאָג שרייבען פּראָטאָקאָלען און אוועקשיקען צום איספּראַווניק. דאָס פּאַס האָט מען פיעל מאָל ציבראָכען און אַרויסגעלאָזען די בראָנפען. אין אַ צוויי שעה אַרום איז שוין געשטאַנען אַ נייע פּאַס בראָנפען, אָבגעהיט פון אַ הונדערט מאַן, און אַלע טאָג האָט מען זיך געשלאָגען.

דער זיידע האָט געשיקט אַלע פּראָטאָקאָלען צום איספּראַווניק, לויט זיין פערלאַנג. זיי האָבען געשיקט מסירות צום גובערנאַטאָר, אַז אהרן-לייזער בעראַבעוועט די שטאָדט פון אַ צייט מיט יאָהרען; ער נעהמט ביי זיי געלד פאַר אַזעלכע זאַכען, וואָס דער פריין האָט דאָס נישט אין קאָנטראַקט א. ז. וו. דער גובערנאַטאָר האָט אָנגעפרעגט ביים איספּראַווניק, יענער האָט מסתמא אָבגעענטפערט, אַז דער אַרענדאַר איז גערעכט און זיי זענען בונטאָווטשיקעס. האָט מען אָנגעהויבען שרייבען מסירות אויף ביידען: אויף אהרן-לייזער'ן און אויפ'ן איספּראַווניק, אַז ביידע טיילען זיך מיט דעם אָנגעראַבעוועטען געלד.

דער קריעג האָט זיך אַזוי אַוועקגעצויגען אַ האַלב יאָהר צייט; גאַנצע טעג איז געווען געשלעגערייען. נאָר אויף אונז האָבען זיי מורא געהאַט אַ פינגער אַרויפצולעגען. אונזער גאַנצע פאַמיליע איז געגאַנגען אין גאַס און אין בית-המדרש און קיינער האָט נישט געוואַגט אונז צו ריידען אַ שלעכט וואָרט, וואָרום די אימה פאַר אהרן-לייזער'ן איז געווען זעהר גרויס.

פון גובערנאַטאָר איז דאָך געקומען אַ קאָמיסיע פון זעקס פערזאָן מיט'ן איספּראַווניק בראש, אויסצופאָרשען ווער איז דאָ שולדיג, און ווער נישט. געוועהנליך, אַ פאָר וואָכען פאַר דער קאָמיסיע האָט שוין דער איספּראַווניק געגעבען צו וויסען דעם זיידען, אַז ער זאָל זיך גוט צוגרייטען און מאַכען ביי זיך אַנ'אָרט אויף סטאַנציע פאַר צוויי פערזאָן פון דער קאָמיסיע: פאַר איהם און נאָך וועמען. פיער פערזאָן וועלען האַלטען קוואַרטיר ביים אַסעסער.

אינ'ם קאַמפּף האָט דער זיידע אויסגעניצט אַלע מיטלען. קודם כל האָט ער פעררופען צו זיך דעם המון, וואָס האָט שטענדיג געהאַלטען זיין צד און איז גרייט געווען צו געהן פאַר איהם אין פייער און

אין וואסער. האָט מען זיי געגעבען שנאַפּס לרוב. פערביסען האָבען זיי מיט געצוועגע „פאַלקעס" — עס איז געווען לידוהים. מען האָט מיט זיי איינגע'טענה'ט, ווי זיי זאָלען ריידען און מען האָט זיי אויך געגעבען פלעשלעך שנאַפּס אהיים.

דער בן-יחיד אונזערער האָט מיט זיי אַ גאַנצען טאָג געקנעלט, איינגעלערנט זיי, ווי צו ריידען און די, וואָס האָבען קיין רוסיש נישט געקענט, האָט מען זיי די עטליכע ווערטער, וואָס זיי דאַרפען זאָגען, אויך אויסגעלערנט. דער בן-יחיד האָט שוין געהאַט מיטהעלפער לעהרערס, וועלכע האָבען אַלץ געלערנט, ווי צו ריידען, און דער בן-יחיד איז געווען דער נאַטשאַלניק.

דער זיידע האָט געמאַכט אַ צעטעל פון אַלע זיינע עדות און אָוועקגעשיקט צום איספּראַווניק. זיי, ווידער, די געגנער, האָבען אויך געמאַכט אַ צעטעל פון זייערע עדות און דאָס געהאַלטען ביז עס וועט קומען די קאָמיסיע, פאַר וועלכער זיי וועלען פאָרשטעלען דאָס צעטעל.

די קאָמיסיע איז געקומען קיין בריסק און געמאָלדען זיך צום איספּראַווניק. דער איספּראַווניק האָט אָפּגעהאַלטען די געעהרטע געסט עטליכע טעג ביי זיך. האָט מען, ווי די מאָדע איז, געגעסען און גע'שכור'ט. און לסוף האָט ער מיט זיי איינגע'טענה'ט, ווי ער האָט בעדאַרפט.

ענדליך איז די קאָמיסיע געקומען. דער איספּראַווניק מיט איינעם פון דער קאָמיסיע זענען פערפאָהרען צום פעטער מרדכי-ליב'ן, און נאָך פריער פערזאָן צום אַסעסער. דעם ערשטען טאָג האָט דער אַסעסער געמאַכט אַן'אָפיציעלען מיטאָג פאַר דער קאָמיסיע, און אויף מאָרגען האָט זיך דאָסזעלבע איבערגע'חזר'ט ביים איספּראַווניק, ביי מרדכי-ליב'ן אין שטוב. דאָס געלד אויף דעם איספּראַווניק'ס מיטאָג איז, פערשטעהט זיך, געווען דעם זיידענס, און עס האָט איהם טאַקע געקאָסט געצוג, וואָרום ער האָט נישט געזשאַלעוועט אויף די טייערסטע געריכטען און די טייערסטע וויינען און קאָניאַקען.

אויפ'ן דריטען טאָג האָט די קאָמיסיע אָנגעהויבען צו פיהרען די אויספאָרשונג, צו וועלכער עס איז געקומען די גאַנצע שטאָדט מענשען. דער קליוטשוואָיט האָט אויסגערופען אַלע עדות לויט'ן

צעטעל, וואָס דער זיידע האָט איבערגעגעבען. די דאָזיגע עדות האָבען אָנגעפילט דעם אַסעסערס אַלע צימערן, דעם קאָרידאָר, און עס איז געווען געפּאַקט מיט דעם זיידען'ס עדות. איינציגווייז האָט מען זיי אַריינגערופען אין דעם קאָמיסיע-צימער, וואו מען איז זיך בעגאַנגען מיט זיי ווייך און איידעל: דעם זיידענס עדות!...

די שטאָדטישע עדות אָבער זענען געשטאַנען אויף דער גאַס, נעבען אַסעסערס הויז. דריי טעג זענען זיי אָבגעשטאַנען אויף די פיס אונטער'ן רעגען און ווינד — עס איז געווען הערבסט-צייט.

ביים אַסעסער אין הויף איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר די נייטיגע עדות שנאַפּס מיט גוטע פערבייסונג. די שטאָדטישע האָבען דאָס פערשטעהט זיך, נישט געהאַט, און זענען פערהונגערט און פערמאַטערט געוואָרען וואַרטענדיג. דאָס האָט געווירקט שלעכט אויף די עדות, און ווען מען זאָל נאָך צוגעבען, אַז מיט די שטאָדטישע עדות, נאָך אזא לאַנגען וואַרטען, איז מען זיך גראָב און שלעכט בעגאַנגען, אַז ביים אויסהערען זיי, האָט מען זיי געזידעלט און פערשריען — וועט ווערען קלאָר די שווערע לאַגע פון דעם צד פון שטאָדט.

אין שטאָדט איז געוואָרען חושך, און דעם שולדיגען אין דעם האָט מען איינגעפונען דעם איספּראַווניק. דאָס עדות זאָגען פון שטאָדט איז אינגאַנצען נישט אויסגעהערט געוואָרען.

דער האַס צום איספּראַווניק האָט דערווייל געוואַקסען, און איינמאָל, בעת דער איספּראַווניק איז געגאַנגען פון אַסעסער צו זיך אויפ'ן סטאַנציע, האָט מען איהם ביים כאַמע גאַניק פערוואָרפען מיט שטיינער און בלאָטע. דער איספּראַווניק האָט זיך שנעל אַרויסגעכאַפּט מיט'ן צווייטען טשינאָווניק אויפ'ן הויכען גאַניק אין שטוב אַריין, און די גאַנצע ווענד זענען געווען פערשמירט מיט קויט.

געוועהנליך, איז באַלד געקומען דער אַסעסער מיט דעסיאַטניקעס און זעלנער. דער איספּראַווניק איז אַרויס אויפ'ן גאַניק און געהייסען די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אויפ'ן מאַרק נעבען דער שטוב, בינדען און אָבשיקען קיין בריסק. דער ערשטען האָט מען געכאַפּט אַ מלמד, שלמה, אַ שלימזל און אַ קבצן. אַז מען האָט איהם גענומען בינדען, האָט ער זיך געמאַכט צו חלש'ען. דער עולם האָט גענומען שרייען, אַז שלמה מלמד איז געשטאָרבען. די דעסיאַטניקעס האָבען

איהם דער׳הרג׳עט ; דערמאָלט האָט דער איספּראַווניק געהייסען אַריינ-נעהמען דעם מלמד צו חצקיל דעם רופא, אַ דערבייאיינגער שכן. אַז מען האָט איהם אָבער נישט געקענט דערמינטערן ביים רופא, האָט דער איספּראַווניק געהייסען, אַז מען זאָל איהם נעהמען צוריק אין מאַרק אַריין און חצקיל זאָל איהם מאַכען אַ קליסטיר... דער מלמד האָט זיך באַלד אויפגעהאַפּט...

דער איספּראַווניק האָט זיך שוין מכין געווען אַוועקצופאָהרען. איצט, הייסט עס, האָט ער שוין נישט געהאַט צו טהאָן מיט אַנ׳אויכ-פאָרשונג, נאָר מיט „מיאַטעזשניקעס...״ אַלזאָ, איז עס גאָר אַנ׳אַנדער דיעלע.

זענען צוגעפאַלען אַלע בעלי-בתים צום זיידען, אַז ער זאָל זעהן די דיעלע צורייבען, אַז זיי בעטען איהם איבער, און דאָס געלד, וואָס ער האָט געהאַט היזק פאַר דער גאַנצער צייט און אויך די אַלע זיינע קאָסטען — וועלען איהם אומגעקעהרט ווערען.

דער זיידע האָט מיט זיי נישט געוואָלט אַריינגעהן אין קיין רייד וועגען שלום. זענען זיי צוגעפאַלען צו מיין טאַטען, צום פעטער, צום זיידען ר׳ יודעל און איבערהויפּט צו דער באָבע ביילע-ראַשען. זיי האָבען אַזוי לאַנג געאַרבייט און געבעטען ביי דער משפּחה, ביז מען איז געקומען צו אַ שלום. אין דעם דאָזיגען שלום האָבען זיך נאָך אַריינגעמישט זייטיגע מענשען אויך. די ערשטע פאַר שלום איז גע-שטאַנען די טייערע הארציגע באָבע ביילע-ראַשע.

נאָכ׳ן שלום האָט מען אהרן-לייזער׳ן אַריינגעטראָגען דאָס גאַנצע געלד, לויט דיים רעכענונג, וואָס ער האָט דערלאַנגט, און מען האָט אָנגעשריבען אַ כתב, אַז מען איז זיך מוחל איינע די אַנדערע. עס האָבען זיך אונטערגעשריבען אַ זעכציג פּערזאָן אונטער׳ן כתב, וואו עס איז געווען געזאָגט, אַז זיי וועלען איהם קיינמאָל נישט זיין דערגעגען אין קיין זאַך און וועלען נאָך איהם שטענדיג קומען צו הילף, ווען ער וועט זיי דאַרפען. דערמיט האָט זיך די מהומה געענדיגט און דער אָבצאָהל פון פעל איז אויך צוריבען געוואָרען נאָכ׳ן שלום.

איצט האָט דער זיידע געלעגט פיעל מיה ביים איספּראַווניק, אַז יענער זאָל זעהן דעם גאַנצען ענין מאַכען צו גאָרנישט ; די פּאַפּירען זענען נאָך געווען אַפילו אין בריסק, ווייל די קאָמיסיע האָט נאָך נישט

צונויפגעשטעלט דעם אויספאָרשונגס-מאַטעריאַל, און דער זיידע האָט געפּועל'ט ביים איספּראַווניק.

פון דעמאָלט אָן איז שוין דער שלום נישט געבראָכען געוואָרען. דער זיידע האָט זיך געפיהרט זיינע געשעפטען, און אַז די שטאָדט האָט בעדאַרפט עפּעס פערריכטען אַ שטאָדטישע זאַך, האָבען זיי דורך איהם אַלץ אויסגעפיהרט. מישען זיך אין שטאָדט-זאַכען, האָט ער זיך אַבסאָלוט אָבגעזאָגט.

אַזוי האָבען מיר געהאַלטען די אַרענדע ביז'ן פּוילישען אויפשטאַנד פון 1863-טען יאָהר, ווען עס זענען בטול געוואָרען אינגאַנצען די אַרענדעס פון די פּריצים.

ווי געזאָגט, האָט מיך דער זיידע ליעב געהאַט, ווייל איך בין געווען אַ יונגעל, וואָס האָט געהאַט אַ טבע זיך צו צוהערען וואָס גרויסע רייידען, וואָס דער זיידע רעדט מיט מענשען, און פאָלגען. אַלעמען איז געפעלען געוואָרען, וואָס איך שטעה און קוק יעדערן אין מויל אַריין, וואָס יענער רעדט, און האָב געוואוסט אַלע פּרטים פון דער גאַנצער מחלוקת.

אַז דער זיידע איז געפאָהרען צו אַ נאָהנטען פּריץ, האָט ער ליעב געהאַט מיך מיטצונעהמען און האָט אויך ליעב געהאַט מיט מיר צו רייידען און דערצעהלען, וואָס עס פּאַסט פאַר אַ קינד. געדענק איך, אַז מיר זענען אַמאָל געקומען קיין רימעניטש, אַזאַ הויף, צום פּריץ (איך האָב פערגעסען ווי מען רופט איהם). זענען מיר צוגעפאָהרען צום פּאַלאַציל אַ זייגער איינס נאָך מיטאָג, איז געשטאַנען דער קאָמיסאַר נעבען גאַניק, פרעגט דער זיידע:

— וואו איז דער פּריץ?

זאָגט יענער מיט אַ שמייכעל:

— ער שמייסט ערשט אַ גוי פאַר'ן עסען...

עס טרעפט אַמאָל, אַז דער פּריץ האָט נישט קיין אַפּעטיט צום עסען, שמייסט ער אָב אַ פּויער, עסט ער שוין דערנאָך געשמאַקער.

מען האָט אונז אַריינגעבעטען אין אַ צימער; מיר האָבען געוואַרט אַ שעה צייט. דער פּריץ איז געקומען אַ צוהיצטער און אַ רויטער, די אויגען האָבען איהם געברענט, נאָר אַז ער האָט דערזעהן דעם זיידען, איז ער פרעהליכער געוואָרען און האָט איהם געגעבען די האַנד.

— יאַק סיִע מאַ, פאַן קאָטיִק, מאָי קאָחאַני. ווער איז דאָס יונ-געלע?

— דאָס איז מײַנער אַנ'אייניקעל, — זאָגט דער זיידע. גיט מיר דער פריץ אַ גלעט פאַר'ן בעקעל און זאָגט:

— אַזוי יונג ביזטו און האָסט שוין אַזאַ שענעם אייניקעל. זיי זענען באַלד אַרײַנגעגאַנגען אין אַ צווייטען צימער און אָבגע-רעדט וועגען זיידע'ס געשעפטען. דערנאָך זענען מיר אַוועקגעפאָהרען. איך האָב נישט פערשטאַנען, וואָס דער קאָמיסאַר האָט דער-צעהלט דעם זיידען וועגען שמײַסען און איך האָב אויפ'ן וועג געפרעגט דעם זיידען:

— וואָס איז ער דאָס אַזוי אַרײַנגעקומען, דער פריץ, אַ רויטער און צוקאָכט? וואָס פעהלט איהם?

האָט מיר דער זיידע דערצעהלט אַ לאַנגע געשיכטע פון די פריצים און די פויערים, און איך האָב זיך דערוואוסט פון לייב-קנעכט און פון צרות, און פון דעם, ווי אַזוי מען שמייסט די פויערים אָהן אַ שום רחמנות און נאָך, און נאָך אַזוינע זאַכען. האָב איך געזאָגט צום זיידען:

— גלאַט שמײַסען אַ מענשען אומזיסט, ווי האָט ער דאָס קיין מורא נישט פאַר גאָט, און ווי האָט מען דאָס אַזאַ שטיינערן האַרץ. איך וואָלט מיט אַזאַ פריץ נישט געהאַנדעלט.

האָט דער זיידע געענטפערט:

— אויב אַזוי, דאַרף מען מיט קיין פריץ נישט האַנדלען. מען מוז אָבער, מײַן קינד לעבען, וואָס זאָל מען טהאָן?

איינמאָל בין איך געפאָהרען מיט'ן זיידען קיין פרוסקע, צו ווילי-ווינסקי'ן. אַז מיר זענען געקומען צופאָהרען, איז דער פריץ מיט'ן זיי-דען געגאַנגען אין ברויז, וואו מען האָט געמאַלט בראָנפען און איך בין מיטגעגאַנגען. נעבען ברויז האָט דעמאָלט אַ גוי געהאַקט האָלץ. נאָר ווי ער האָט דערזעהן דעם פריץ, האָט ער אין דער גיך אַוועק-געוואָרפען דעם האַק און האָט זיך געגעבען אַ שטעל-אויף אַ בלאַסער, אַ טויטער, מיט אַזאַ ציטערניש אין גוף, פונקט ווי ער וואָלט דערזעהן אַ וואָלף. דאָס איז עפּעס געווען אַ שרעקליכע סצענע און איך וועל עס קיינמאָל נישט פערגעסען. דעמאָלט האָב איך דײַטליך געזעהן,

וואָס הײַסט פּריץ און וואָס הײסט פּויער, לײַב-קנעכט.

און נאָך אַ שרעקליכען פאַל געדענק איך, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט נאָך אַ שטאַרקערן רושם, אַזוי, אַז מיך נעהמט נאָך איצט דורך אַ קעלט, אַז איך דערמאָהן מיך אָן איהם.

אין דעמזעלבען יאָהר, האָט דעם פּריצ׳ס קאָמיסאַר פּאַטשאָשקע, אַ הויכער און אַ גראָבער גוי (ער האָט געמיזט וועגען אַ צוועלף פוד), פערריכט די גרעבלע מיט די דרײַ בריקען, וואָס צווישען קאַמענײַץ און זאַסטאַווינע. ער האָט געהײסען אַרויספאָהרען פינף הונדערט פוהרען מיט ערד און צווײַגען, צו פערשיטען די גרעבלע, וועלכע האָט זיך איבערגעריסען פאַר פסח אין די גרויסע געוויסערס. שבת, געדענק איך, אַ זייגער צעהן, בין איך געגאַנגען זעהן, ווי מען פערריכט די גרעבליע, און ווי די אַלע פוהרען האָבען געבראַכט די נויטיגע מאַטעריאַלען. פּאַטשאָשקע איז געשטאַנען און האָט נאָכגעקוקט. נאָר איין פּויער איז געקומען שפּעטער מיט אַ שעה. באַלד האָט איהם פּאַטשאָשקע געהייסען זיך לעגען און, נעהמענדיג בײַ דעמזעלבען פּויער די בײַטש, וואָס יענער האָט געהאַט צום פערד, גראַדע אַ גוטע בײַטש, האָט איהם פּאַטשאָשקע אַליין אַרײַנגעשמיסען. בײַם פופציגסטען שמיץ איז דער פּויער געבליבען טויט. פּאַטשאָשקע׳ן האָט עס אָבער גאָרנישט גע-אַרט, און קאַלטבלוטיג האָט ער געהייסען דעמזעלבען פּויער׳ס זוהן מיט זײַן ווײַב, אַז זיי זאָלען אַוועקפיהרען אויף דערזעלבער פוהר דעם מת... קיינער האָט ניט געטאָרט וויינען און קרעכצען...

איך בין אַמאָל מיט׳ן זיידען געוועזען אין אַ הויף, אַ פּאָר וויאָרסט פון קאַמענײַץ. דער מאַיאָנטיק איז אַפילו אַ קלײנער געוועזען, ווענינג פעלדער מיט לאָנקעס, נאָר די ערד איז געוועזען „עפרות זהב“, אַ הונדערט דעסיאַטין, מיט גרויסאַרטיגע גערטנער, אַ קליין רײַן וואַסער׳ל מיט פיש און דאָס פּאַלאַצל אַפילו אַ קליינס, נאָר אַ שענס.

אַוועקפאָהרענדיג פון דעם הויפעל, האָב איך געזאָגט, אַז עס איז מיר זעהר געפעלען און עס איז אויך ניט ווײַט פון שטאָדט; האָט מיר דער זיידע דערצעהלט, אַז מיט נײַן יאָהר צוריק איז דאָ געווען אַן אַנדער פּריץ, וואָס האָט קיין קינדער ניט געהאַט, האָט ער

פאַר'ן טויט געשיקט רופען דעם גלח און דעם זיידען, צו שרייבען אַ צוואה אין זייער געגענוואַרט. דער דאָזיגער פריץ האָט נאָך געהאַט מאַיאָנטקעס אויסער דעם. האָט ער דאָס מאַיאָנטיק'ל „סטאַרשעווו" געוואָלט אַוועקשענקען דעם זיידען. דער זיידע האָט זיך אָבער ענטזאַגט. האָט איהם דער פריץ אָבגעשריבען דריי טויזענד רובל געלד.

— איצט, — זאָגט דער זיידע, — וואָלט איך געדונגען דעם מאַיאָנטיק אין אַרענדע, ווייל עס איז נעבען שטאָדט, און וואָלט געגעבען טויזענד רובל אַ יאָהר...

אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט האָבען אַזאַ שענעם מאַיאָנטיק אומזיסט, האָט דער זיידע געענטפערט, אַז עס איז עפּעס דעמאָלט געווען אַ חרפּה צו וואוינען אין אַ הויף, נישט אין שטאָדט. אין צוואַנציג יאָהר אַרום, נאָך דער פויערים-בעפרייאונג און נאָכ'ן פּוילישען אויפשטאַנד, האָט דאָס טאַקי דער זיידע געהאַלטען אין אַרענדע און געצאָהלט פופצעהן הונדערט רובל אַ יאָהר.

עֶלפטעֶם קאַפּיטעֶל.

מײַן מוטעֶר. — ר׳ לײַזעֶר. — מײַן מוטעֶר׳ס לײַדעֶן. — דעֶר קאַמעֶניִצעֶר רב. — דעֶר באָבּעֶ׳ס עֵצה.

מײַן מוטעֶר איִז געֶווען בײַם זײַדעֶן איִן הויז ווי אַנ׳אָנשיִקעֶניִש פון גאָט. זי האָט זיִך ניִשט געֶפּאַסט צו דעֶם הויז. זי איִז געֶהאָרעֶוועֶט געֶוואָרעֶן בײַ אַזאַ טאַטעֶן, ווי ר׳ לײַזעֶר גראָדנעֶר, וואָס עֶר האָט איִן עֶלטעֶר פון אַכט יאָהר שוין ניִשט געֶקוקט אויף ווײַבּעֶר, און בעת עֶר איִז געֶוועֶן איִן גראָדנעֶ מורה-הוראה, נאָך זײַן שוועֶהר ר׳ הלל פריִד, וואָס איִז געֶוועֶן ר׳ חיים וואָלאָזשיִנעֶרס איידעֶם, פלעֶגט איִהם איִן גאַס געֶהן אַ שמש פאָראויס און אַוועֶקטרײַבּעֶן אַלעֶ ווײַבּעֶר פון טראָטואַר.

און אַז דעֶר זײַדעֶ, ר׳ לײַזעֶר, פלעֶגט געֶהן אַלעֶ פרײַטאָג איִן באָד אַרײַן, האָט עֶר זיִך אויסגעֶטהאָן נעֶבּעֶן די אָריִמעֶ לײַט. און אַז עֶר האָט דעֶרזעֶהן בײַ אַנ׳אָריִמאַן צוריִסעֶנעֶ שטיִוועֶל, האָט עֶר זיִך מיִט איִהם געֶטוישט, אַזוי אויך מיִט אַ צוריִסעֶן העֶמד, הויזעֶן; עֶר האָט אַוועֶקגעֶגעֶבּעֶן דעֶם אָריִמאַן די אײגעֶנעֶ און אָנגעֶטהאָן דעֶם אָריִמאַנ׳ס. קומעֶנדיִג אַהײם, פלעֶגט איִהם די באָבּעֶ ניִשט דעֶרקעֶנעֶן, קרוי־

בלוע, אויסער די קאפאטע מיט'ן שטריימעל. דאס האט ער שוין נישט געטארט טוישען, אזוי האט ער געזאגט. די באבע, געוועהנליך, פלעגט פאר אזוינע מעשים אונטערשרייען, דאס איז געווען פאר איהר אזא הוצאה, וואס איז נישט געווען נאך די כחות נאך, ווארום שטארט האט אין יענער צייט געגעבען דעם רב ווענינ שכירות, אזוי, אז זיי האבען קוים געהאט צום לעבען; און אז זי וועט נעהמען מאכען דעם מאן אלע פרייטאג נייע מלבושים, וועט איהר אויף דעם דער קאפ נישט סטייען. ער פלעגט איהר אבער בערוהיגען דערמיט, וואס דער ארימאן דארף ביללער האבען גוטע שטיוועל איידער ער, ווייל יענער דארף, נעבעך, געהן פערדיענען געלד; אין א צוריסענעם מלבוש און צוריבענע הויזען קען ער דאך זיך, ערשטענס, פערקיהלען, און, צווייטענס, קען מען גאר אין אזוינע בגדים לאנג נישט זולען קיין ארבייט.

די באבע האט איהם נישט געוואלט מצער זיין, פלעגט זי אריין צו איהר אין צימער און וויינען. די זאך איז אבער בעוואוסט געווארען אין שטארט. האט זיך געפונען א גביר, וואס האט זיך געהאלטען פאר א קרוב און יענער פלעגט שוין דער באבען פרייטאג פאר-נאכט ארייננשיקען מלבושים, אויב דער רב האט זיינע צוטיילט.

ער האט געהאט א סך ספרים, וואס האבען דערגרייכט אין די טויזענדער רובל'ס. די דאזיגע ספרים האט ער גע'ירשנ'ט פון פאטער ר' יהזקאל און פון שוועהר ר' הלל, און זיי האבען פול געמאכט די שטוב.

דאס רוב פלעגט ער זיצען אין א צימער מיט א פערקייטעלטער טהיר און פלעגט לערנען. אין צימער איז געווען א קליין טהירעלע, וואס ער פלעגט עפענען, ווען זיין ווייב, די רבי'צין, האט אנגעקלאפט. ווען ווייבער זענען געקומען מיט א שאלה, האט די רבי'צין אויסגעהערט די שאלה און איבערגעגעבען דעם מאן דורכ'ן טהירעלע און ער האט שוין דערביי גע'פסק'ענט. אז עס איז געווען א טרפות-שאלה, אדער א שאלה מיט עופות, פלעגט איהם די רבי'צין דערלאנגען דורכ'ן טהירעלע דעם אביעקט פון דער ע"א"ה און ער האט אייבערגעזעהן און גע'פסק'ענט. די רבי'צין איז שוין דעריבער געווען א גרויסער בקי אין שאלות און אממיינסטען פלעגט זי אליין פסק'ענען.

דער מאן פלעגט זי אויסהערען און אויספרובען, זיין שפעטער

האָט ער איהר אַרויסגעגעבען סמיכה צו פסק'ענען די גרינגערע שאלות. זי האָט אויך געקענט גוט לערנען אַ בלאַט גמרא, מען האָט זי גע־האַלטען אַפילו פאַר אַ למדן.

דער זיידע ר' לייזער פלעגט נאָר קריאת-שמע און שמונה-עשרה דאַוונען מיט'ן עולם. דאָס איז אויך געווען פאַר'ן עולם שווער. מען האָט בעדאַרפט לאַנג וואַרטען, אַוודאי ביי אַ שעה צייט. די איבערי־גע תפילות האָט ער שטענדיג געדאַוונט „פאַר זיך”, און דאָס האָט געדויערט צוויי שעה. בענשען האָט ביי איהם געדויערט אַ שעה. ביי יעדען וואָרט האָט ער זיך פער'דבוק'עט מיט די אויגען צו גאָט און זיך איבערגעגעבען די כונות התפלות. ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין שאלות-ותשובות און צו איהם פלעגען קומען רבנים פון גאַנץ ווילי־נער אָקרוג. ווידער האָט ער געהאַט אַזעלכע ספרים בנוגע צו שאלות ותשבות, וואָס מען מען קריגט דאָס גאָרנישט אין ערגעץ צו קויפען.

שטענדיג איז ביי איהם געווען פול די שטוב מיט רבנים און לומדים. די גראָדנער לומדים האָבען ליעב געהאַט זאָגאַר צו ריידען מיט דער רבי'צין פון תורה, ווייל צו איהם איז זיי געווען שווער אָנצוקומען. זי האָט געהאַט זעהר אַ גלייכען שכל אין לערנען, און דאָס, וואָס איהר איז אויסגעקומען שווער, האָט זי דאס איבערגעפרעגט ביי איהם, ווען קיינער איז נישט געווען.

מיין מוטער האָט מען אָנגעהויבען ריידען שדוכים, ווען זי איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר; נאָר דער זיידע, וואָס האָט זיך פערשטאַ־נען אויף מענשען, האָט עפּעס נישט געקאָנט צוקלויבען. ער האָט, וואַהרשיינליך, געזוכט אַזאַ חתן, וואָס זאָל זיין אי גרויס אין למדנות, אי אין יחוס. און אַזאַ, אויב עס האָט זיך שוין געפונען, איז ער דער באָבען נישט געווען געפעלען. זי האָט נישט געוואָלט, אַז איהר טאָכטער זאָל האָבען אַ שלימזול פאַר אַ מאַן. זי פלעגט זאָגען, אַז אַ שלימזול'ניק אַ רב איז אויך נישט גוט פאַר אַ ווייב און קינדער.

זי האָט געהאַט אַ גרויסע דעה ביי איהם, איז געווען אַ גרויסע יחסנ'טע, אַ חכמה און דורך איהר האָט ער אייגענטליך געקענט זיין אַנ'ערליכער יוד, ווי ער האָט געוואָלט. זי האָט זיך פיעל אָנגעליטען פון זיין פרומקייט און גוטסקייט, און אַז אָרימע-לייט פלעגען קומען צו ־הם אין שטוב אַריין בעת'ן עסען, האָט ער זיי אַלעמען געגעבען צום

טיש און אַוועקגעגעבען די בעסטע חלקים. ער האָט געזאָגט, אַז דער אָרימאַן איז, נעבעך, אַזוי הונגעריג, איז נעבעך, אַזוי זשעדנע אַ שטיקעל ברויט, אַז עס נעהמט אָן אַ צער צו קוקען... און אַזוי האָט ער געקענט בעטען צום טיש אַ צעהן-צוועלף אָרימע-לייט. זענען אַלע שטוביגע אַוועק פון טיש הונגעריג, און טאָמער האָט נאָך פאַר אַ פּאָר אָרימע-לייט אויסגעפעהלט, האָט ער געשיקט דערקויפען ברויט מיט זעמעל און נישט אַוועקגעלאָזט זיי הונגעריג.

די רבי'צין האָט שטענדיג געוויינט און געקלאָגט, אַז זי קען קיינמאָל נישט אויסקומען מיט דער הוצאה, חאָטש זי האָט געהאַט פיעל שטיצע פון איהרע רבנים-משפחה, וואָס זיי האָבען געוואוסט די לאַגע, און גבירים זענען אויך געווען, וועלכע האָבען פיעל געשטיצט. אָבער עס איז אַלץ ר' לייזער'ן געווען ווענעיג פאַר זיינע אָרימע-לייט, וואָס ער וויל זיי מחיה זיין. זי מיט די קינדער האָבען כמעט געליטען הונגער.

אַז זיי האָבען געטהאָן מיט מיין טאַטען דעם שידוך, איז די טאָכטער שוין דעמאָלט געווען „אַנ'אַלט מיידעל": אַכצעהן יאָהר אַלט און אפשר אַ סברה אַז נייַנצעהן... די מוטער האָט געוויינט, ווי געוועהנליך פערציַיטען, אַז מען האָט אַזאַ אַלט מיידעל און נאָך אין אַ פאַמיליע פון לויטער גאונים. דעם שידוך האָבען זיי שוין מקבל באהבה געווען, ווייל דער חתן איז געפעלען געוואָרען ביידע צדדים, אי דעם רב, אי דער רבי'צין. נאָר איין חסרון: דער מחותן איז געווען אַ פּראָסטער בשר ודם, אַ בעל-הבית אַ תקיף, אַ פּרנס-חודש—דאָס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסער קלאַפּ, אַ שרעקליכער פלעק אין דער פאַמיליע.

אָבער צוליעב די צוויי וויכטיגע אורזאַכען: די טאָכטער איז שוין „אַנ'אַלט מיידעל" און דער ברודער וועט פערליהרען די רבנות האָט מען געמוזט זיך בעשליסען צו נעהמען דעם חתן אויף פערהער. האָט דער זיידע, ר' לייזער, איינגעזעהן, אַז דער חתן האָט אַ גוטען קאָפּ און קען אַרויסקומען אַ גרויסער למדן. דער טאַטע איז געווען אַ קלוג יונגעל און זיין טאַטע, דער זיידע אהרן-לייזער, האָט איהם אויסגעלערנט ווי ער זאָל זיך האַלטען ביים אָנקומען אין גראָדנע צום מחותן, און דער טאַטע האָט זיך געמאַכט פאַר אַ צדיק תמים, וואָס ווייס נעבעך

ניט צווײַ צו צײַהלען, אויסער די תורה און עבודת השם.

פאַ׳ן פאָהרען קײַן גראָדנע אויף די תנאים, דערמאָלט אַ צוועלף־יעהריג יונגעל, האָט ער איבערגעקוקט דעם גאַנצען ספר יסוד־שורש־העבודה און איז געקומען צום מחותן אַ פרומיטשקער, מיט אַנ׳איינגעקנייטשט פנימ׳ל, חאָטש ער איז געווען אַ פרישׁ און אַ געזונד יונגעל.

קורץ, ער האָט נושא־חן געווען אי בײַם מחותן ר׳ לײַזער׳ן, אי בײַ דער מחתנת. זי האָט געזעהן, אַז ער איז אי קלוג, אי שען, און זי איז געווען זיכער, אַז פון איהם וועט ביזווים אַרויסקומען אַ גוטער רב.

די מאַמע, וועלכע האָט זיך געהאָרעוועט אין אַזאַ פרומען הויז פון אַזעלכע גאונים און צדקים, איז, נעבעך, אַנגעקומען אין אַ הויז, וואו מען האָט ניט געהערט אַ וואָרט תורה. צווישען די מענשען, וועלכע קומען צום שוועהר, האָט מען ניט געזעהן קײַן איין רב, קײַן איין למדן, קײַן איין צדיק, נאָר אַלץ עפּעס יודען, יודען, יודען. און אַ יוד, ניט קײַן רב, האָט בײַ איהר קײַן ווערט ניט געהאַט. און נאָכמעהר, זי האָט זיך גאָר פאַר קײַן מענשען ניט געהאַלטען. גלאַט עס דרעהען זיך אַרום יודען און מען לערנט ניט און מען דאַווענט ניט, אָהן דרך־ארץ און יודישקײַט, פראָסטע שלש־סעודות׳ן, און מען רעדט נאָר פון ניבול־פה, פון לשון הרע און דערגלײַכען.

דערצו איז נאָך די מאַמע, זכרונה־לברכה, געווען ניט קײַן איבעריגע קלוגע, קען מען זיך פאָרשטעלען ווי זי האָט זיך ניט גע־פּאַסט צו אונזער הויז.

דעם מאַן האָט זי ליעב געהאַט, ווי איהרע עלטערן, וואָרום אויסער אַלעם איז ער געווען זעהר אַ גוטער, אַ גרויסער בעל־מידה און אַ שטילער. דער זײַדע אהרן־לײַזער האָט די שנוהר ניט איבעריג ליעב געהאַט, איז געווען מיט איהר פון ווײַטען. די באָבע בײַלע־ראַשע, ווידער, איז אויך געווען פון איהר ניט צופרידען. די מאַמע איז ניט געווען קײַן בריה, האָט ניט געקאָנט קאָכען און באַקען, ווי די פּער־צײַטישע ווײַבער האָבען געקענט, אַפילו די גרעסטע גביר׳טעס פלעגען אַליין קענען אַלץ טהאָן. זי האָט אַפילו ניט געקענט נײַהען, וואָס קלײַנע מײַדעלעך פלעגען אַמאָל קענען. די מאַמע האָט קײַן זאַך ניט געקענט.

דערפאַר איז זי אָבער געווען זעהר אַ פרומע, קיין גמרא האָט די מאַמע נישט געקענט, נאָר אין דעם חובת הלבבות און מנורת המאור איז זי געווען קלאָר, כמעט אויף אויסווענינ. שטענדיג האָט זי געלערנט דעם חובת הלבבות און איז געווען אַזוי פערטהאָן דערין, אַז איהר האָט כמעט גאָרנישט געאַרט, וואָס איהר מאַן איז געוואָרען אַ חסיד, און אַז דער טאַטע, וואָס איז געוואָרען אַ חסיד באַלד נאָך דער חתונה, האָט געזעהן, אַז דאָס ווייב שטערט איהם נישט, האָט ער זי בעזונדערס געשעצט דערפאַר.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז די מאַמע צוגעוועהנט געוואָרען צום הויז מיט אַלע זיינע בעזוכער, און כדי אָבצוהיטען די געסט פון לשון-הרע, רכילות, לצנות און ניבול-פה, פלעגט זי האַלטען דעם קליינעם חובת הלבבות ביי זיך, און ווי נאָר עמיצער האָט אָנגעהויבען צו ריידען לשון-הרע, פלעגט זי באַלד אַוועקלעגען אַ מוסר און אָבזאָגען אַ שטיק חובת הלבבות, אין וועלכען עס ווערט גערעדט פון דער גרויסער עבירה לשון-הרע. זי האָט פראָסט נישט געלאָזען זיי לעבען. פון אָנפאַנג איז זיי געווען שווער, אַ געשעפט מיט אַ פרומען ווייבעל! דערנאָך אָבער זענען זיי צוגעוועהנט געוואָרען און פלעגען זיך טיילווייז אָבהאַלטען פון די אַלע שלעכטע רייד.

אָפט פלעגט זי בעזוכען דער קאַמענעיצער רב, איהר פעטער. ער פלעגט פשוט קומען צו איהר אין שטוב אריין, וואָס דאָס איז געווען אַנ'אויסערגעוועהנליכע זאַך. ער פלעגט צו קיינעם נישט געהן. אַגב האָט איהם זיין ברודער געבעטען, אַז ער זאָל מקרב זיין זיין טאָכטער און זי בעזוכען. איהר פאָטער האָט פערשטאַנען, אַז זי איז אריינגעפאַלען אין אַ שטוב, וואָס דאַרף איהר זיין פרעמד, לויט איהר ערציהונג, און איהם איז געווען ווילטיג, אַז זיין ברודער זאָל אויף איהר אַכטונג געבען. מיט זיין אָפטען קומען האָט ער אפשר ווייכער געמאַכט דעם שוועהר'ס האַרץ, וואָס איז צו איהר נישט זעהר גוט נענויגט געווען.

אין דריי יאָהר אַרום האָט דער זיידע זיך שוין מיאש געווען פון זיין געדאַנק מתחתן צו זיין זיך מיט גרויסע רבנים. ער האָט געזעהן, ווי ער איז איינגענטליך אריינגעפאַלען מיט דער שנוהר, די בת-הרב, און האָט גלאַט איינגעפונען, אַז ס'איז נישט קיין יושר

צוליעב יחוס טהאָן אַ רעה זיינע זיהן און געבען זיי אַזעלכע שלימזלניצעס פאַר ווייבער.

מיט זיין יאָסעלען האָט ער שוין געטהאָן אַנ'אַריסטאָקראַטישען שידוך פון גרויסען שטאַנד. דאָ האָט ער שוין געזוכט בלויז וועלטליכע מעלות: שענקייט, גדולה, פעהיגקייט — און אַזאַ האָט ער געפונען.

דאָס איז געוועזען אַנ'אָנגעזעהענעם נישט־היגען סוחר'ס אַ טאָכטער און זעהר אַ שענע.

עס איז געוועזען מיט מזל די חתונה און די שענע שנור איז געקומען צופאָהרען קיין קאַמענעץ אין אַ קאַרעטע מיט פיער פערד, מעשה־פריצ'טע. אויף דער כלה'ס שענהייט איז געלאָפען קוקען די גאַנצע שטאָדט און מען איז געוועזען ענטציקט פון איהר ריין, פון איהר עלעגאַנטישקייט, פון איהרע טייערע ציהרונג, וואָס זי האָט געטראָגען. אהרן־לייזער'ס פרייד איז נישט מעגליך געוועזען אָבצושאַצען. דערצו איז זי געוועזען אַ קלוגע, אַ וואויל־ערצויגענע, אַ טאַקטישע, האָט זיך דעליקאַט בעצויגען צו מענשען און איז געוועזען אַ גרויסע בריה.

דער זיידע האָט זי משונה ליעב געהאַט, ער האָט זי שטענדיג געהאַלטען נעבען זיך און זי איז ביי איהם געוועזען טייערער פאַר אַלע קינדער.

מיט יוכבד'ס אָנקומען האָט זיך זעהר פערערגערט מיין מאַמע'ס לאַגע. אויב מען האָט זי פריהער נישט ליעב געהאַט, האָט מען זיך חאָטש מיט איהר גע'יחסנ'ט, און איצט אָבער, ווי די נייע שענע שוועגערין איז אָנגעקומען, האָט שוין דער רב אויפגעהערט צו בעזיכען זיין פלימעניצע און דער זיידע האָט זי אָנגעהויבען פשוט צו האַסען. איצט האָט ער געזעהן דעם אונטערשיעד צווישען דעם רב'ס טאָכטער מיט ר' שמעון דייטש'ס טאָכטער, און די לעצטע האָט איהם ממש פער'כשופ'ט.

דער מאַמען איז געוועזען אונערטרעגליך, אַגב אויך די קנאה, וואָס אַלע ליעבען די יונגערע שוועגערין, אַלע מאַכען איהר קאָמפּלימענטען, און דער שוועהר, וואָס צאַצקעט זיך מיט יוכבד'ן, וויל אַפילו אויף איהר קיין קוק נישט געבען. פלעגט זי שטענדיג זיצען און וויינען. זי האָט אויפגעהערט אַריינצוקומען אין שטוב אַריין, וואו דער

שוועדר מיט די אַלע קאַמעניצער לייט האָבען זיך געפונען. די קאַמע-ניצער לייט זענען גלאַט געווען צופריעדען, וואָס זיי זענען פּטור גע-וואָרען פון איהר, וואָס האָט שטענדיג זיי געשטערט דאָס לעבען און נישט געלאָזט ריידען, וואָס זיי האָבען געוואָלט.

די יונגע שנוהר האָט אריינגעבראַכט נייע אָרדנונגען אין שטוב און אין דער ווירטשאַפט, גאָר אויף'ן אַריסטאָקראַטישען אופן. זי האָט געמאַכט נייע גערילכטען מיט נייע פערשידענע געבעקסען און דערצו האָט זי נישט געקאָנט זיצען ליידיג. דאָ האָט זי געניייהט און דאָ גע-אַרבייט, פערריכט אַלעמענס וועש, גענייהט פּאַר ווייבער קליידער און פּאַר מאַנסביל הויזען. די שטוב האָט גאָר געקראָגען אַנ'אַנדער אויס-זעהן, עס איז געוואָרען ריינער און צילכטיגער אין שטוב און די גאַנ-צע פאַמיליע האָט זיך אָנגעטהאָן ריינער, פערפוצטער.

די מאַמע איז אַלעמאָל געלאָפען צום רב זיך אויסוויינען איהר האַרץ. און דער רב האָט איהר געטרייסט און איינגערוהיגט דערמיט, וואָס איהר מאַן איז אַ סך טייערער פאַר יוכבד'ס.

יאָסעל איז אַפילו אויך געווען אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן, אַנ'-אָרענטליכער, אַנ'עהרליכער, ער האָט אויך געקענט לערנען, אָבער משה, מיין פאָטער, איז געווען קליגער און בעגאַבטער פאַר איהם, און אַ גרעסערער בעל-מידה.

אַז די מאַמע האָט געוויינט ביי איהר אין צימער גופא, האָט זי דער טאַטע געטרייסט מיט דיזעלבע ווערטער, וואָס איהר פעטער, דער רב. עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. איז נעבליבען ביים טאַטען ער זאָל אַרויס איינגאַנצען פון פאָטער'ס הויז אין אַ בעזונדערע דירה, וועט זיך ענדיגען די גאַנצע שנאה מיט די קנאה. זי וועט זיך לערנען איהר חובת הלבבות מיט'ן מנורת-המאור און דעם ספר החסידים— און עס וועט זיין רוהיג אין שטוב.

האָט ער אָבער מורא געהאַט אויסצוגעבען דעם פאָטער אַזאַ זאַך און איז געגאַנגען צו דער מוטער זיך מישב זיין. געוואוסט האָט ער, אַז די מוטער האָט אַ גרויסען איינפלוס אויף'ן פאָטער און ער פאָלגט איהר אין גרעסערע זאַכען.

האָט די מוטער איהם געגעבען אַנ'עצה, אַז ער זאָל אָנשרייבען אַ גוטען בריעף צום פאָטער, דערצעהלען איהם, ווי זיין שרה וויינט ווי

טאָג, אַזוי נאָכט, און אַז ער וויל זיך אַרויסציהען אין אַנ'אַנדער דירה, אַלזאָ, האָט ער זעהר מורא פאַר איהרע טרערען, ווארום איהר פאָטער איז שוין געשטאָרבען, אַ יתומה, און לכן געפינט ער קיין אַנדער וועג נישט צו בערוהיגען זיין ווייב, ווי נאָר אַז זיי זאָלען אַרוים בעזונדער.

— דו שרייבּ אָן אַזאַ בריעף דעם טאַטען, — האָט זי איהם געראַטען, — וועט עס איהם אַריין אין הארצען. ער איז דאָך אַנ'עהר־ליכער יוד, און אַז דו וועסט איהם אַריינוואַרפען די ווערטער: טרעה־רען, געשטאָרבענע עלטערן, צדיקים, וועט דאָס אויף איהם שטאַרק ווירקען. ער וועט מיר אַוודאי דערצעהלען פון דעם בריעף, און וועט מיך געוויס פרעגען אַנ'עצה, וועל איך איהם שוין וויסען, וואָס צו זאָ־גען.

ער האָט אַזוי געטהאָן. דער זיידע האָט בעקומען אַ בריעף. פון אָנפאַנג איז ער געוואָרען בייז אויף זיין זוהן, וועלכער וויל ענדערן זיין כלל, צו וואוינען שטענדיג צוזאַמען מיט אַלע קינדער, וואָס אַז מען זאָל איהם געבען כל הון דעלמא, וואָלט ער פון דעם כלל נישט אָבטרעטען. נאָר די טרעהרען פון דער בת־גדולים איז איהם אַריין טיעף אין הארצען, און ער האָט מורא געקראָגען, ער זאָל, הלילה, נישט קריגען קיין קללה פון איהרע עלטערן, די צדיקים. ער האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבען און איז זיך געגאַנגען מישב זיין מיט זיין ווייב בײלע־ראַשע'ן.

ביילע־ראַשע די חכמה, האָט איהם דערויף געזאָגט אַז זי איז טאַקע אויך זעהר אונרוהיג, ווייל שרה וויינט שטענדיג און מען דאַרף זיך גלאַט רעכענען מיט אַזעלכע גרויסע צדיקים, עס זאָלען, חלילה, איהרע טרעהרען נישט אָנקומען צו זיי.

— איך ציטער זעהר פאַר זיי, — האָט די באָבע געזאָגט, — און אַגב איז דאָך אַ רחמנות אויף אונזער משה'ן. פאַרוואָס זאָל איהם פערשטערט ווערען זיין לעבען צוליעב איהרע טרעהרען?

דערנאָך האָט די באָבע געזאָגט, אַז מען איז מיט איהר אַריינ־געפאַלען אויפ'ן פיינעם אופן. זי איז דאָך אַ שלימזול און קען אַ קאַץ דעם ווײדעל נישט פערבינדען. נאָר וואָס זאָל מען טהאָן, פערפאַלען, דאַרף מען זעהן, אַז זיי זאָלען חאָטש לעבען אָהן צער.

די באָבע האָט געקענט ריידען און האָט געווירקט אויפ'ן זיידען, ווען זי האָט בעדאַרפט.

דער טאַטע האָט אויסגעפיהרט. ער האָט געדונגען אַ דירה ביי שלום יאָרעס: דריי צימערן מיט אַ קיך פאַר צוואַנציג רובל אַ יאָהר, און פאַר דער מאַמען האָט זיך געעפענט אַ נייע וועלט. איצט האָט זי אָנגעהויבען צו לעבען לויט איהר רצון און איהר געשמאַק, דאָס הייסט, זי איז שטענדיג געזעסען אויף איהרע ספרים און האָט נישט אָנגעזעהן אין די אויגען יוכבד'ן מיט'ן שוועהר, מיט די אַלע קאָמעניצער לייט. אַמאָל פלעגט זי געהן צו איהר פעטער און פלעגט שעה'ן-לאַנג פער-בּרענגען מיט דער רבי'צין.

די מאַמע האָט קיינמאָל נישט גע'דאגה'ט פאַר פרנסה, ווי אַנ-דערע ווייבער, און ס'איז איהר גלאַט קיין זאַך נישט אָנגעגאַנגען. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס עס קאָסט זיך מיטאָג, ווען וועט ער זיין פאַרטיג — דאָס איז נישט איהר עסק. וועגען נייהען און פערריכטען אַ העמד איז גאָר קיין רייד נישט. אַפילו שבת און יום-טוב איז אויך דורכגעגאַנגען אָהן איהר האַנד, פונקט ווי זי וואָלט גאָר קיין בעל-הבית'טע נישט געווען.

אַזוי האָט די מאַמע אָבגעלעבט מיט'ן טאַטען אַ יאָהר דרייסיג, רוהיג, רעגולער, ניין חדשים געשוואַנגערט, צוויי יאָהר געזויגען, אַלע דריי יאָהר פון דאָס ניי אַ קינד. זי האָט נאָר אַכטונג געגעבען אויף דאָס קינד, וואָס זי זויגט און אויפ'ן חובת-הלבבות.

דער טאַטע האָט מיט איהר קיינמאָל נישט גערעדט פון געשעפט און נישט געפרעגט, וואָס פאַר אַ מיטאָג וועט היינט זיין. ער האָט געוואוסט, אַז זי ווייס נישט, און אַז ער פלעגט קומען אַהיים פלעגט זי איהם דערציילען מעשיות פון מנורת-המאור, ווי אַזוי מען דאַרף דינען גאָט לויט דער חובות הלבבות און אַנדערע הייליגע ספרים. דער טאַטע פלעגט אויסהערען די מעשיות און שווייגען.

צוועלפטעס קאַפּיטעל.

די פּריצים. — בעריל בענדעט. — טשעכטשאָווע. — סיחאָווסקי. — בעריל בענדעט'ס טרייַקייַט. — דער בלבול. — דער קריעג צווישען דעם פּריץ מיט דער פּריצ'טע. — באָנאָסלאַווסקי. — דער סוף פון בלבול. —

דער זיידע האָט געוואָלט מחנך זיין זיינע זיהן צווישען די פּריצים. דאָס איז איהם נישט איינגעגאַנגען. מיין פאָטער האָט נישט געוואָלט קענען די פּריצים; ער האָט פיינט געהאַט די שאַרלאַטאַנעס און האָט נישט געוואָלט זייער פּרנסה. ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער אַרענדע. דער ברודער יאָסעל, ווידער, האָט אויך נישט געטויגט צו זיי. מאַכען קאָמפּלימענטען, חנפה'נען, ווי אַ הונד, די פּריצים האָט ער נישט געקענט און ער האָט זיך אויך געהאַלטען ביי דער אַרענדע.

דער זיידע האָט אָבער פאָרט געוואָלט איבערגעבען זיינעם אַ קינד די געשעפטען מיט די פּריצים, מאַכען בעקאַנט מיט זיי. האָט ער אויסגעקליבען פון זיינע צוויי איידעמס דעם עלטערן, בעריל-בענדעט'ן, וואָס האָט חתונה געהאַט אין דער בהלה צו עלף יאָהר. דאָס איז געווען אַ חוואַט אַ יונג. נאָך דעמאָלט איז ער געווען אַ גאַנצער פראַנט און האָט זיך געפּוצט און געצירט און געהאַט אַ גלאַט צינגעלע.

און דער זיידע האָט איהם אָנגעהויבען מיטנעהמען צו די פריצים, און בעריל-בענדעט האָט ביי זיי נושא חן געווען.

איינמאָל איז דער זיידע מיט איהם געווען אין הויף טשעלטשאָזוע, ביים פריץ סיחאָווסקי. ביי דעם דאָזיגען פריץ האָט בעריל-בענדעט זעהר אויסגענומען, אָבער אַזוי ווייט, אַז ער האָט איהם פאַרגעלעגט די שטעל פון אַ קאָמיסאַר איבער'ן הויף. ביז איצט איז די שטעל בעזעסען אַ קריסט, אַ שיכור, פון וועלכען דער פריץ איז אויסגעריסען געוואָרען. ער איז געווען אַ קלוגער פריץ, און איהם איז איינגעפאַלען נעהמען בעסער אַ יוד אויף זיין אָרט, אַ יוד איז שטענדיג ניכטער און בעריל-בענדעט איז פאַסיג דערצו.

דער זיידע האָט איהם, פערשטעהט זיך, פערלויבט בעריל-בענדעט'ן, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער בעמערקט דעם פריץ, אַז זיין איידעם איז נאָך צו-יונג פאַר אַזאַ שטעלע.

סיחאָווסקי איז דערמיט נישט מסכים געווען. ער, דער איידעם, איז זיך יונג, אָבער ער טויג און וועט טויגען.

— און, — האָט דער פריץ געזאָגט, — אויב דו ווילסט, טאָ פערבלייב דו מיט'ן איידעם ביי מיר אַ קורצע צייט. וועסט איהם די ערשטע צייט צו-ווייזען, חאָטש דאָס איז איינענטליך איבעריג. זאָל ער שוין בלייבען. און איך וועל אַרויסשיקען אַ קאַרעטע צו ברענגען זיין ווייב און די קינדער מיט די זאַכען. איך וועל איהם אָבגעבען דאָס הויז, וואו דער אַלטער קאָמיסאַר האָט געוואוינט, מיט דריי בהמות, דריי דיענסטען און אַ לאָקיי, און די קאַרעטע מיט פיער פערד פון יענעם קאָמיסאַר וועט זיין פאַר איהם.

דעמאָלט, אין יענער צייט, איז פאַר אַ ליטווישען מענשען געווען אַ חרפה צו וואוינען אין אַ דאָרף, זיין, הייסט עס, אַ ישובניק. נאָר אַזאַ שיינע שטעלע און נאָך ביים פריץ סיחאָווסקי'ן, וואָס ער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטען מענשען בכלל, — און פאַר אַ יודען-פריינד בפרט, איז דעם זיידען געפעלען געוואָרען. ער האָט אָבער געזאָגט סיחאָווסקי'ן, אַז ער מוז זיך וועגען דעם מישב זיין אין דערהיים מיט'ן מחותן זעליג אַנדאַרקעס און מיט די ווייבער, און די צווייטע וואָך וועט ער שיקען אַ בריעף מיט אַן'עקסטרע-מענשען.

אַז דער זיידע איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך באַלד מישב

געווען מיט זײַן ווײַב בײלע־ראַשע. איהר איז געפעלען געוואָרען די שטעלע, ווידער איז זי געווען זיכער, אַז בעריל־בענדעט וועט זײַן אַ גוטער בעל־הבית און וועט בײַ סיחאָווסקי'ן געוויס נושא חן זײַן. איז שוין איהר טאָכטער, הײַסט עס, פערזיכערט מיט פרנסה, ווי אַ פריצ'טע. ווײַטער איז גאָר קײן חרפה נישט צו זײַן אַ ישוב'ניק, עס איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען. שענער און בעסער אײדער צו האַלטען די אַרענדע און שטענדיג זיך רײַסען מיט דער שטאָדט, האָבען אַנ'עסק מיט די שענקערס, מיט שכּורים און אַלערלײ אויסוואורפען. דאָס אַלץ האָט אײַנגעפונען די באָבע און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצונעהמען די שטעלע.

דער זײדע האָט אַוועקגעשיקט אַ בריעף צו סיחאָווסקי'ן, אַז זײַן אײדעם נעהמט אָן די שטעלע. דער פריץ האָט געענטפערט, אַז דער יונגערמאַן זאָל זיך צוגרײטען מיט דעם ווײַב און קינדער צום פאָהרען, אין דרײַ טעג אַרום שיקט ער פוהרען נאָך זײ. מיטוואָך איז געקומען פון פריץ סיחאָווסקי אַ קאַרעטע מיט פיער פערד, און דרײַ פוהרען צו צוויי פערד פאַר די זאַכען. דער זײדע איז מיטגעפאָהרען.

אַז זײ זענען געקומען, האָט דער פריץ געשיקט דעם עקאָנאָם העלפען אײַנאָרדנען זײ אין דער נײַער וואוינונג. דערנאָך האָט סיחאָווסקי גענומען דעם זײדען צו זיך אין צימער אַרײַן און איבערגעגעבען איהם אַלע אַרבײטען, מיט וועלכע עס וועט זיך דאַרפען בעשעפטיגען דער אײדעם.

— קודם כּל, — האָט ער געזאָגט דעם זײדען, — בעדאַרף מען זיך האַלטען שטאָלץ מיט די עקאָנאָמען און מיט די פויערים, פונקט ווי ער וואָלט געווען אַליין דער פריץ. ער בעדאַרף זיך פערגעסען, אַז ער איז אַ יוד און דאַרף מוטהיג פיהרען די געשעפטען.

דער זײדע, וואָס איז געווען זעהר אַ הײסער צו זײַן פאַמיליע, האָט צוגעזאָגט דעם פריץ צו פערברענגען אַ וואָך צײַט מיט'ן אײדעם און אין דער צײַט וועט ער איהם צולערנען, ווי אַזוי מען בעדאַרף זיך אָבגעבען און אַרבײטען אויף אַזאַ שטעלע.

סיחאָווסקי איז געווען בטבע אַ רוהיגער מענש, ער איז געווען זעהר רײַך און האָט ליעב געהאַט צו לעבען אינגאַנצען רוהיג, ער זאָל גאָרנישט האָבען וואָס צו טהאָן און וועגען וואָס צו טראַכטען. די

איינציגע תאוה זיינע איז געווען — יאגד, צו וועלכער ער האט געהאט פערשידענע געוועהר, מיט הויכע גרויסע יאגד-הינד, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט אין דער גאנצער געגענד. צו דעם האט ער געהאט א בעזונדערע גרויסע שטוב, וואו די טייערע יאגד-אינסטרומענטען זענען געווען אויסגעהאנגען אויף די וואנד, אויף טייערע יאגד-קאוויארען, און צוויי שטאהלען מיט שפאנען און בעזונדערע יאגד-פערד, וואס האבען אבגעקאסט צעהנדליגער טויזענדער.

די פריצ'טע איז געווען זעהר א שלעכטע, א גרויסע ווירטין, האט פיינט געהאט א יודען און האט אבער ביים מאן קיין דעה נישט געהאט.

דער פאלאץ איז געווען גאר א פירשטליכער. אין גרויסען זאל האבען געקענט טאנצען א פאר הונדערט מאן. אויף די וואנד האט געבלישטשעט גאלד. שטענדיג זענען ביי זיי געווען געסט פון די ארומיגע הויפען, און מען האט גאנצע נעכט פערבראכט אין עסען און טרינקען, אבער שנאפס וועניג. דער פריץ האט פיינט געהאט שכורים, דאסזעלבע מיט קארטען. און האט מען געשפיעלט, האט ער זיך געסטארעט, אז מען זאל קיין כך נישט פערשפיעלען. ער האט גרויסארטיג גוט געשפיעלט מיט דעם ווייב ראיאל. אפט האט מען געטאנצט, און זיי האבען געשפיעלט.

ווי געזאגט, האבען זיי געפיהרט, לפי ערך, א שטיל לעבען, אלץ מיט א מאס און מיט א טאלק, און דעריבער זענען ביידע געווען געזונד ווי די שטיינער. געהאט האבען זיי נאר איין-איינציגען זוהן. אלע טאג נאך מיטאג האט ער מיט דער פרוי געריטען אויף צוויי שענע פערד, געריטען גלאט, פון געזונד וועגען, און מען האט געלעכט א טאג.

אויסער דאס גוט, אין וועלכען ער אליין האט געוואוינט, האט ער געהאט נאך צוויי גיטער מיט א סך פעלדער, וועלדער, שייערן, שפייכלער, אמבארען און א סך פויערים.

דער זיידע איז אבגעווען מיט בעריל-בענדעט'ן א וואך צייט און זיך מעהר אדער ווייניגער בעקאנט מיט'ן מאיאנטיק און מיט די פויערים, וואס עס פאדערט זיך פון א קאמיסאר. זיי האבען באלד ארויסבעגעבען די עקאנאמעס נייע פעראָרדנונגען און האבען אין אלץ אריינגע-

בראַכט נײַעס. אויך איז מען געקומען פון יענע צוויי הויפן נאָך פעראָרדנונגען. און דער ייִדע מיט׳ן אײדעם האָבען נישט געשלאָפען.

מיט זײַן קלוגען אויג האָט דער ייִדע באַלד איינגעזעהן, אַז בעריל־בענדעט איז פעהיג און טיכטיג און וועט גאָר גוט טויגען צום עסק, ער האָט איהם נאָך צוגעגעבען מוט, וואָס יענעם האָט עס, אַפנים, אַזוי אויך נישט געפעהלט.

דער פּריץ פון זײַן זײַט האָט זיי טעגליך בעזוכט און איז געוועזען צופריעדען. ער האָט געזעהן, אַז מען סטאַרעט זיך און אַז אין אַלץ ווערט אַרײַנגעטראָגען אַנ׳אָרדנונג, וואָס איז געוועזען פערלאָזען נאָך יע־נעם קאָמיסאַר.

ענדע וואָך איז בײַם ייִדען געבוירען געוואָרען אַ פּלאַן, אַז סי־חאָווסקי זאָל מאַכען ביי זיך אין הויף אַ ברויז פון בראָנפען און פון ביער, מחמת אין הויף איז דאָ אַ סך בורינקעס, וואָס שטעהען ליידיג און מען דאַרף קיין זאַך נישט בויען, נאָר אײַנריכטען אינוועניג, דער פּריץ וועט גוט פערדינען. קאַרטאָפּלעס האָט ער, און אַז מען וועט דאַרפען האָבען צום ברויז מעהר, איז בײַם פּריץ פאַרהאַן גענוג ערד, און גוטע, קען מען זייהען וויפיעל מען וויל. אַרבײַטער איז אויך פאַרהאַן גענוג — לייב־קנעכט, חאָטש באָד זיך! ער האָט זיי מעהר ווי אַרבײַט אין די פעלדער, אַגב וועט אפשר בעריל־בענדעט האָבען דאַרפען אַ בעזונדערע פּעולה. דער פּריץ האָט איהם בעשטימט פינף הונדערט רובל אַ יאָהר מזומן, אויסער אַלע פּראָדוקטען, וועט ער איהם אַצינד אַוודאי געבען טויזענד רובל אַ יאָהר, אָדער ער וועט איהם גע־בען אַ פּראָצענט פון עסער בראָנפען; עס וועט זיך גלאַט אָנהייבען אַ גרויס געשעפט, צו וואָס בעריל־בענדעט טויג זיך, און אַגב, אַז דעם פּריץ וועט צוקומען עטליכע טויזענד רובל פערדינסט אַ יאָהר, וועט ער אויך זײַן צופריעדען.

דער ייִדע האָט עס פאָרגעלעגט סיחאָווסקי׳ן, וואָס איז בעשטאַ־נען דערויף. מען איז באַלד צוגעטראָטען צו דער אַרבײַט און אין אַ משך פון איינינע חדשים איז פאַרטיג געוואָרען אַ פאָלקאָמענער ברויז. צום ערשטען האָט מען בעדאַרפט אײַנקויפען אַ זיבעציג אָקסען, וואָס זאָלען שטעהן אויף בראַגע און בעריל־בענדעט איז אין אַ זונטאָג גע־פאָהרען אויפ׳ן מאַרק אין קאמעניץ. מעשה־גראַף, אין אַ קאַרעט מיט

פיער פערד אין דער ברייט און איינגעקויפט די דאָזיגע אָקסען.

מיט דער קניה איז דער פריץ געווען צופריערען. בעריל-בענדעט האָט געקויפט ביליג און גוט, און איבערהויפט אָרענטליך, כשר. נאָכ-דעם, אַז זיי זענען געשטאַנען אַ וואָך צעהן אויף פּאַשע און מען האָט זיי פערקויפט, האָט מען פאַר יעדען אָקס גענומען נײַנציג רובל, בעת פריהער האָט אַן אָקס געקאָסט פיערציג רובל.

פאַר'ן ווינטער האָט מען צוויי מאָל געקויפט און פערקויפט אָק-סען און ביידע מאָל גוט פערדינט. דער עסק מיט בראָנפען איז גע-גאַנגען, און פאַר'ן ווינטער האָט דער פריץ פערדינט העכער צוואַנציג טויזענד רובל ריין געלד. דאָס איז געווען אַ היבשע סומע אפילו פאַר אַ רייכען פריץ!

עס פערשטעהט זיך, אַז ער איז געווען פון בעריל-בענדעט'ן זעהר צופריעדען און ער האָט איהם איבערגעגעבען דעם פערקויף פון אַלע תבואות. אויך די סוחרים, וואָס פלעגען שטענדיג קומען צום פריץ קויפען תבואה, פלעגט ער אָבשיקען צום יונגען יודישען קאָמיסאַר, און אַזוי איז ער געוואָרען אין הויף אי דער קויפער, אי דער פער-קויפער. סיחאָווסקי פלעגט זיך אומגעהן אין הויף מיט דער לאַנגער ליולקע אין מויל, אַ רוהיגער און אַ זאָרגלאָזער און די איינציגע אַרבייט זיינע איז געווען יאַגד און געסט צונעהמען.

די איינציגע, וואָס איז נישט געווען צופריעדען פון די אַלע גליי-קען, איז געווען די פריצ'טע. איבערהויפט האָט איהר געקרענקט, וואָס אַ יוד פיהרט דאָס גאַנצע רעדעל, איז עפּעס געוואָרען אַ מין פריץ און אַ גאַנצער בעל-הבית איבערן הויף. ווידער איז בערקע געווען זעהר אַ שענער יונג, אַ הויכער און אַ שלאַנקער, און געקליידט האָט ער זיך נאָך שענער פאַר'ן פריץ, וואָס האָט געהאַט אַ נאַטור נישט צו קוקען אויף זיך, איז אַרומגעגאַנגען אָבגעלאָזען און אַפּאַטיש און האָט זיך געפוילט אפילו צו נעהמען אַ מאָס ביים שניידער. דאָס האָט איהר אויך געשטאָכען די אויגען.

בעריל-בענדעט האָט אָבער מיט איהר געהאַט וועניג געשעפטען. ער האָט נאָר געהאַט עסקים מיט'ן פריץ — און נישט מעהר.

נאָר זי האָט נישט געשוויגען. זי האָט געזוכט אויף איהם בלבולים האָט גערעדט אויף איהם און האָט נאָכגעפרעגט ביים עקאָנאָם, ווי

עס פיהרט זיך אויף דער יונגער קאָמיסאַר, ציי ער גנב'עט נישט א. א. וו.

דער עקאָנאָם האָט דערהערט, אַז די פריצ'טע זוכט אויף בעריל-בענדעט'ן בלבולים, האָט ער פערשטאַנען, אַז זי וויל פון איהם פטור ווערען, און ער האָט שוין געפּעפנט דאָס מויל און אָנגערעדט אויף איהם הרים וגבעות, אַז ער איז דער גאַנצער פריץ, אַז ער האַלט זיך גרויס, אַז ער מיינט, אַז ער איז מעהר פריץ פאַר'ן אמת'ן, און אפילו די פויערים ווייסען שוין כמעט נישט ווער איז דאָ דער אמת'ער פריץ און ווער דער פאַלשער.

— טאָ זיי זשע אַ קלוגער און חאַפּ איהם ביי אַ גנבה — האָט איהם די פריצ'טע געגעבען אָנצוהערעניש, — דעמאָלט וועט בערקע נאָך קריגען געשמיסען.

דער עקאָנאָם האָט פערשטאַנען, אַז זי מיינט דאָ אַ פּשוט'ען בלבול. האָט ער אויפגעזוכט דריי קלוגע פויערים, וועלכע האָבען גע-פיהרט קיין קאַמעניץ בראָנפען פאַר'ן זיידען און האָט זיי אויסגעלערנט, אַז זיי זאָלען זאָגען, אַז אין אַלע פוהרען, אין וועלכע מען פיהרט די גרויסע קויפען בראָנפען צו אהרן-לייזער'ן, ליגען צו פאָר פעסלעך בראָנפען פאַר זיין אייגענעם טאַטען, זעליג אַנדאַרקעס, וואָס האָט אַ שענק. דער עקאָנאָם האָט געוואוסט, אַז אויב זיי וועלען זאָגען, אַז זיי פיהרען איבעריגע גע'גנב'עטע פעסלעך בראָנפען צו אהרן-לייזער'ן, וועט זיי דער פריץ נישט גלויבען, ווייל אהרן-לייזער איז שוין בעוואוסט געווען ביי די פריצים פאַר אַנ'אָרענטליכען און פאַר אַ מענשען, וואָס וועט זיך נישט לאָזען אויף אַזוינע נאַרישקייטען. נאָר אויף זעליג'ן וועט דער פריץ גלויבען, און דאָס וועט איננאַנצען בעשמוצען בעריל-בענ-דעט'ן. ער האָט זיי געגעבען יעדערן צו דריי רובל פאַר אַזאַ עדות-זאָגען, אַז זיי זאָלען טראָגען שטענדיג אַריין צו זעליג'ן פעס-לעך בראָנפען.

אַז דער עקאָנאָם האָט דאָס אַלץ אָבגעפאַרטיגט, איז ער געגאַנ-גען צו דער פריצ'טע און דערצעהלט אַזאַ און אַזאַ מעשה: די גוים פיהרען צו זיין אייגענעם טאַטען גע'גנב'עטע בראָנפען.

די פריצ'טע, וואָס האָט זיך כלומרשט דערפרעהט, האָט געהיי-סען ברענגען די גוים, וועלכע האָבען איהר בעשטעטיגט דאָסזעלבע,

אַז זיי אַליין פיהרען שטענדיג אין די וועגען, וואָס צו אהרן-לייזער'ן, פּעסלעך בראָנפען צו זעליג'ן.

— וועט איהר שווערען? — האָט געפרעגט די פריצ'טע.

— מיר שווערען, — איז געווען זייער ענטפער.

דער פּריץ איז בעת מעשה געווען אויף יאַגד און אַז ער איז געקומען, האָט איהם די פריצ'טע מיט התפעלות דערצעהלט, אַז דער קאָמיסאַר איז אַ גנב. דער פּריץ האָט געשיקט נאָך די פּויערים און זיי האָבען ווידער געזאָגט, אַז זיי האָבען געפיהרט גע'גנב'עטע בראָנפען. דעם פּריץ האָט עס זיך אָבער נישט געגלויבט, און צווייפלענדיג, האָט ער עס דערצעהלט בעריל-בענדעט'ן און דערביי געזאָגט:

— גלויבען, גלויבט זיך מיר נישט אויף דיר, אָבער בעווייז, אַז די פּויערים ליגען.

בעריל-בענדעט האָט זיך זעהר דערשראָקען און האָט זיך, אפנים, צום ערשטען פערלוירען. די גאַנצע מעשה איז עפּיס געווען אַ ווילדע, אַ נאַרישע און אַ מיאוס'ע, און ווי ווייזט מען דאָ אויף, אַז די גוים ליגען? און אַז ער האָט עס דערצעהלט דעם ווייב, האָט זי אָנגעהויבען וויינען און ס'איז געוואָרען אַ חורבן אין שטוב.

דעמאָלט איז בעריל-בענדעט'ס ווייב געפאָהרען און געבראַכט דעם פאָטער, טאָמער וועט ער דאָ קענען העלפען. דער זיידע איז געקומען און האָט קודם-כל אויסגע'מוסר'ט דעם פּריץ, פאַרוואָס ער גלויבט אין אַזעלכע ליגענס און בלבולים. ווייטער האָט ער איהם אויפגעוויזען מיט פאקטען, אַז ווען בעריל-בענדעט וואָלט וועלען גנב'ענען וואָלט ער געפונען ווילכטיגערע זאַכען צו צונעהמען, איידער פּעסלעך בראָנפען. פערקעהרט, ער איז אַזוי ריין און אָרענטליך, אַז ער פלעגט זיך אָבזאָגען פון מתנה-געלד, וואָס סוחרים האָבען איהם געגעבען און אפילו איינינגע מאָל האָט ער אָבגעשיקט טייערע פּריזענטען און האָט זאָגאַר אויפגעהערט צו האַנדלען מיט יענעם, וואָס האָט עס איהם אַריינגעשיקט.

— דו האָסט אַליין איינגעזעהן, — האָט דער זיידע גע'טענה'ט, — ווי דו ביזט ביי איהם טייערער פאַר זיין טאַטען און מאַמען, פאַר זיין ווייב און קינדער, אַלזאָ, דאָס איז אַ בלבול, וואָס שטאַמט פון עמיצען פון הויף — פּשוט, מען וויל איהם אונטערגראָבען...

— אָבער דריַי פּויערים שווערען דאָך, — האָט דער פּריַין גע־זאָגט, און דערנאָך צוגעגעבען:

— מיר גלויבט זיך טאַקע נישט. פאַרהאַן אַן עצה, געבען שמיַין די פּויערים... דעמאָלט וועט מען וויסען. שמיַיסען אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלען אויסזאָגען.

— די עצה איז אַ צו־שווערע, — האָט דער זיידע געזאָגט — איך וועל דיר געבען אַ גרינגערע עצה. דו גיב די דריַי פּויערים אַן אַרבייט ערגעץ אין אַ שפּיַיכלער, זיי זאָלען דאָרט אַרבייטען אַליין און קיינער זאָל מיט זיי נישט זיַין. דערביַי זאָלסטו אַוועקשטעלען עפּעס אַ קלוגען און אַן אָרענטליכען מענשען הינטער'ן שפּיַיכלער און ער וועט זיך איַינהערען, וואָס זיי ריידען. פּויערים, אַז זיי טהוען אָב בשותפות עפּעס אַן עולה, האָבען זיי ליעב צו ריידען שטילערהייד וועגען איהר. וועלען זיי מסתמא ריידען צווישען זיך אין שפּיַיכלער, אַז זיי האָבען געשוואוירען פאַלש.

דעם פּריַיץ איז דאָס געפעלען געוואָרען.

— איך אַליין וועל שטעהן הינטער'ן שפּיַיכלער, — האָט ער זיך אָנגענומען, — אַגב געהט עס מיר אום מיַין כבוד, וואָרום פּריצים לאַכען פון מיר, וואָס איך האַלט אַ יוד אַלס קאָמיסאַר, זיי זאָגען, אַז איך וועל זיך גוט בעצאָהלען דערפאַר.

דער פּריַיץ האָט באַלד געהייסען געבען די דריַי פּויערים אַרבייט אין אַ שפּיַיכלער נאָהענט פון זיַין פּאַלאַץ און אַליין האָט ער זיך גע־שטעלט הינטער'ן וואַנד — הערען, וואָס זיי ריידען.

געשטאַנען איז ער לאַנג, אַודאי אַ פּאָר שעה. פון אָנהויב האָבען די פּויערים גלאַט אַזוי זיך גערעדט צווישען זיך, גערעדט פון וואָס עס איז געקומען אויף דער צונג. דערנאָך אָבער האָט עמיצער פון זיי אויסגעדריקט זיַין חרטה איבער דעם, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פער־פיהרען דורכ'ן עקאָנאָם און האָט פאַלש אָבגעשוואוירען. אַגב איז ער אַ גאַנץ גוטער מענש דער קאָמיסאַר, טאָ פאַרוואָס קורט עס איהם? און אַזוי ריידענדיג, האָט מען אויפגעהויבען צווישען זיך די פראַגע, צי מען זאָל זיך אפשר נישט מודה זיַין, אַז דאָס איז געווען פאַלש אָבגעשוואוירען?

אויף די רייד איז דער פּריַיץ אַריַין גליַיך אין שפּיַיכלער. די

גוים זענען, פערשטעהט זיך, טויטע געוואָרען און זענען געבליבען שטעהן מיט אָפענע מײַלער.

— נו, איצט דערצעהלט אָקאָרשט, ווער האָט עס אײַך אָנגע־רעדט! — האָט ער זיך געווענדט צו זײ, — איך האָב געהערט, וואָס איהר האָט גערעדט.

זענען זײ איהם געפאַלען צו די פיס און געוויינט, און דער־צעהלט די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביז׳ן סוף.

דער פריץ האָט געשיקט רופען דעם עקאָנאָם. געקומען דער עקאָנאָם, האָט ער איהם געפרעגט:

— זאָג, דו האָסט עס אַליין אויסגעטראַכט, צי עמיצער האָט דיך אויסגעלערנט? זאָג נאָר דעם אמת, וואָרום אַנישט וועל איך דיך אַזוי לאַנג שמײַסען, ביז פון דיר וועט קיין גאַנצער ביין נישט בלײַ־בען.

דער עקאָנאָם, וואָס האָט זיך שרעקליך דערשראָקען, האָט באַלד געזאָגט, אַז דאָס איז, מחילה, די פריצ׳טע אַליין, אַז זי האָט איהם געשטויסען דערצו און אַז ער איז נישט שולדיג.

א פריץ האָט פײַנט לאַנג צו וואַרטען, און באַלד איז שוין געווען אַוועקגעשטעלט זײַן אײגען ווײַב, אויג אויף אויג געגען עקאָנאָם, און זי האָט זיך אויך מודה געווען, אַז זי האָט איהם געטריבען דערצו, מחמת זי האָט געוואָלט פּטור ווערען פון בערקען׳ן, וועלכען זי האָט נישט ליעב.

דער פינאַל פון דעם אַלעם איז געווען אַזוי: די פויערים האָבען געקראָגען צו זעלציג שמיץ, דער עקאָנאָם אויך דאָסזעלבע נאָך מיט אַ צוגאָב דערצו, וואָס ביי איהם איז אָבגענומען געוואָרען די שטעלע און מען האָט איהם געמאַכט פאַר אַ פּראָסטען לײַב־קנעכט, פון וואָס ער איז פריהער געווען בעפרײַט.

פאַר אַזוי פיעל צער האָט בעריל־בענדעט בעקומען פון פריץ אַ קוש אין קאָפּ, און דער פריץ האָט געזאָגט:

— פון הײַנט אָן, וועל איך אויף דיר קיינע מסירות נישט אָננעהמען.

ווי געזאָגט, איז סיחאָווסקי געווען זעהר אַנ׳אַנשטענדיגער מענש, און עס פערשטעהט זיך, אַז דעם ווײַב׳ס אויפפיהרונג האָט איהם

שטאַרק צוטרײַסעלט און ער האָט מיט איהר מעהר נישט געהערט און נישט געוואָלט וואיינען אינאיינעם. בעריל-בענדעט'ן האָט ער געהייסען אָבפרישען אַ הויז און מאַכען פאַר איהם אַ וואוינונג, און אויף דערווײַל האָט ער זיך איבערגעצויגען אין זײַן צווייטען הויף.

בעריל-בענדעט האָט איסגעפוצט אַ הויז און איז געפאָהרען קיין בריסק בעשטעלען ביי די מעבעל-סוחרים, אַז זיי זאָלען ברענגען פון וואַרשא דאָס טײַערסטע מעבעל. דאָס הויז איז אײַנגעאָרדענט געוואָרען מיט אַזאַ געשמאַק, אַז עס איז געפעלען געוואָרען די אַרומיגע פריצים. זיי האָבען זיך געוואונדערט, אַז אַ יוד זאָל האָבען אַזאַ געשמאַק אין אזוינע זאַכען.

דער פריץ איז אַלע טאָג געקומען צופאָהרען אין זײַן קאַרעטע צו בעריל-בענדעט'ן און די מוהמע האָט געמאַכט גוטע מיטאָגען פאַר איהם. פון דעמאָלט אָן איז שוין די מוהמע אויך געוואָרען טײַער ביי איהם. זי איז אַפילו געווען אַ קלײַניטשקע, אַזוי ווי זי איז געווען ביי דער התונה אין דער עלטער פון עלף יאָהר, אַ מאָגערע, אָבער זעהר אַ קלוגע און אַ געשיקטע. זי איז געווען דער היפוך פון מאַן, וואָס איז געווען הויך, דיק און שען, און געגען איהם האָט זי אויסגעזעהן, ווי אַ קינד.

סיהאָווסקי פלעגט זיך פאָהרען צו די פריצים אין געסט, אַליין צו זיך האָט ער נישט פערבעטען: אַלע פריצים האָבען שוין געוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע.

דער פריצ'טעס לאַגע איז געווען זעהר און זעהר נישט קיין אַנגענעהמע: דער מאַן האָט אָבגעטראָגען פון איהר און ביי אַלע פריצים אַרום קאָכט מיט דער געשיכטע.

דער פריצ'טעס פאָטער באָגאָסלאַווסקי איז געווען אַ רײַכער פריץ נעבען קאַמעניץ, אײַגענטליך אַ גאַנץ סאָלידער מענש, נאָר נישט אַזאַ גוטער און אָרענטליכער ווי דער איידעם, דערפאַר אָבער זעהר אַ קלוגער און ביי אַלע פריצים אַרום איז ער געווען דער גאַנצער בעל-יועץ. געהאַט האָט ער אַ זוהן, אַ גרויסער שאַרלאַטאַן, פון די בעריהמטע לעב-קינדער צווישען די פריצים און האָט דעם פאָטער פון אָנפאַנג פיעל געלד געפּטר'ט. אָבער דערנאָך האָט דער קלוגער פאָטער צוגענומען ביי איהם די גאַנצע מאַכט איבער'ן הויף און געגעבען אַלעמען

צו וויסען, סיי זיינע עקאנאמעס, סיי די אלע יודען, וועלכע האבען מיט איהם געפיהרט געשעפט, אז זיי זאלען איהם קיין גראשען ניט טרויען און ער וועט פאר איהם קיין גראשען ניט צאהלען.

און אט דער זוהן, דער פריצ'טעם ברודער, אז ער איז געוואר געווארען פון דער מעשה, איז ער געקומען קיין טשעלטשאיוע צו דער שוועסטער, מישב זיין זיך וואס צו טהאן. זי האט זיך פאר איהם גוט אויסגעוויינט און ער האט איהר אויפגעגעבען, אז ער וועט דערשיסען דעם קאמיסאר.

— ניש'קשה, דערשיסען א זשיד איז ניט קיין גרויסע סכנה — האט ער געזאגט.

זי האט איהם אבער אבגעהאלטען, מורא האבענדיג, אז ער זאל זיך נישט גוט בעצאהלען פאר אזא רעכט שטיקעל ארבייט. אגב וואלט זי דעם מאן מיט אזוינע מיטלען געוויס נישט צוגעצויגען.

דער שארלאטאן האט איהר נאכגעגעבען און זיי זענען ביידע געפאהרען צום פאטער.

דער פאטער האט ליעב געהאט סיחאווסקי'ן; ער, דער שוועהר האט געוואוסט, ווי דער איידעם איז געווען זעהר צופריעדען פון דעם יודי־שען קאמיסאר, און אז ער האט דערהערט פון דעם גאנצען טומעל, מיט'ן בלבול, וואס זיין טאכטער האט געזאלט מאכען אויפ'ן געטריי־ען קאמיסאר, האט עס איהם שטארק פערדראסען אויף זיין טאכטער, וואס האט דא געהאנדעלט זעהר ניט ארענטליך. ער האט זיך דע־ריבער געמאכט נישט וויסען און איז נישט געקומען צו דער טאכטער. ער האט געוואוסט, אז די טאכטער וועט סוף־כל־סוף מוזען קומען צו איהם, כדי ער זאל דא ווי עס איז מאכען א שטיקעל טאלק.

אז זיי זענען געקומען צום פאטער, האט ער זיך דערשראקען: אזוי האט זי זיך פערענדערט אויפ'ן פנים, ער האט זיך דאך געמאכט נישט־וויסען און געפרעגט:

— וואס ביזטו דאס געקומען אליין א הן סיחאווסקי'ן?

האט זי אראבגעלאזט דעם קאפ און געשוויגען. דא האט שוין דער ברודער אנגעהויבען דערצעהלען דעם פאטער די גאנצע מעשה, נאר געוועהנליך אזוי, אז עס זאל אויסקומען גוט פאר דער טאכטער, נאר דער אלטער האט איהם אבגעהאקט:

— זאָל זי מיר בעסער דערצעהלען, און דו געה אַרויס פון צימער! — האָט ער געהייסען.

געבליבען אַליין אין צימער, האָט איהר דער אַלטער געזאָגט מוסר און בעמערקט, אַז זי האָט אַ גאָלדענעם מאַן, אַז ער האָט זעהר ליעב איהר מאַן, אַז ער איז איהם טייערער פון אַן אייגענעם קינד, אַז איצט האָט ער שמערצען פון דער גאַנצער מעשה און אַז זי האָט נישט אָרענטליך געהאַנדעלט. וואָס וויל זי פון דעם יודישען קאָמיסאַר? פאַרוואָס האָט זי איהם געוואָלט אומגליקליך מאַכען? מיט וואָס איז ער ערגער פון אַ פּאָליאַק אַ שכור? א. ז. וו.

פון זיינע רייד איז די טאָכטער געריהרט געוואָרען, און ער האָט לאַנג גערעדט, און אפשר האָט זי איצט ווירקליך איינגעזעהן, וואָס זי האָט געטהאָן, און דאָס אומגליק פון דעם, וואָס איהר איז צושטערט געוואָרען דאָס לעבען מיט'ן מאַן, וואָס איז אַזאַ טרייער מאַן?

און זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט פאַר'ן פאָטער.

דער פאָטער האָט איהר דעמאָלט געגעבען אַן עצה:

— דו קענסט ווידער איינאָרדנען אַלץ. אָבער דו ווייסט דורך וועמען? דורכ'ן קאָמיסאַר... בעט איהם, וועט זיך אַלץ פערענדיגען.

נאָר דאָס איז שוין געוועזען צופיעל. בעטען דאָס יודעל, וואָס זי קען איהם נישט איבערטראָגען, איז, אַפּנים, געוועזן נישט נאָך איהרע כחות נאָך. נאָר דער אַלטער האָט זי בערוהיגט.

— דו דאַרפסט גאָר נישט געהן צום קאָמיסאַר, נאָר צו זיין שוועהר. יענער איז זעהר אַ קלוגער יוד, אָבער זעהר, וועט ער עס שוין איינאָרדנען.

דער שוועהר און נישט דער איידעם — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש, דאָס איז איהר שוין געפעלען געוועזען. נאָר איין זאַך האָט זי נישט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי וועט דאָס דער אַלטער אהרן-לייזער וועלען מאַכען שלום, בעת זי האָט געוואָלט אַזוי פיעל שלעכטס טהאָן דעם איידעם.

— נישט'קשה — האָט איהר דער פאָטער געזאָגט — דער אַלטער וועט וועלען. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער איז אַ קלוגער, זעהר אַ קלוגער יוד און ער וועט איינשטימען. אַגב וועט ער עס מוזען טהאָן, ווארום דעם קאָמיסאַר איז אויך נישט צום האַרצען אַזאַ לאַנגע

און ער וועט זיך נישט קענען לאנג האלטען, בעת דער מאן איז צו-קריגט מיט'ן ווייב צוליעב איהם.

— און נאך וואס: מיט'ן קאמיסאר זאלסטו זיך קיינמאל מעהר נישט בעגעהן אזוי. דאס איז אנ'ערשט מאל און א לעצט מאל. דאס זאלסטו געדענקען! בכלל דארף מען זיך קיין בעסערן קאמיסאר נישט ווינשען. א מענש פיהרט די גאנצע ווירטשאפט און איז אזוי איבערגע-געבען! לסוף האט דער פאטער איהר געהייסען מארגען אוועקפאהרען אהיים און ער וועט שוין שיקען נאך אהרן-לייזער'ן.

באגאסלאווסקי האט געשיקט א בריעף צום זיידען און געבעטען איהם קומען, נישט וועגען געשעפט, נאר וועגען עפעס א פערזענליכע זאך.

דער זיידע האט איהם געענטפערט, אז די וואך האט ער פאר קיין פאל קיין צייט נישט, ער איז זעהר בעשעפטיגט, נאר נאך שבת וועט ער קומען. דער זיידע האט פערשטאנען, אז באגאסלאווסקי וויל איהם בעטען, ער זאל מאכען א שלום, און ווידער האט ער געוואוסט פון זיין טאכטער, אז די פריצ'טע האט דעם טויט, וואס סיחאווסקי איז מיט איהר ברוגז און פערברענגט די צייט ביי בעריל-בענדעט'ן, און דערפון האט ער שטארקער איינגעזעהן, אז מען וויל דא מאכען א שלום; און אומישנע האט דער זיידע אבגעלעגט אויף נאך א וואך זיין קומען, כדי די פריצ'טע זאל נאך א וואך קרענקען פאר צער.

אז דער זיידע איז ענדליך געקומען, האט איהם באגאסלאווסקי זעהר ווארים צוגענומען, געשטעלט פאר איהם טהיי און די גוטע ציי-גארען, פונקט ווי א פריץ וואלט געקומען. דערנאך איז מען ארויפגעקומען אויף דעם שמועס וועגען דעם פריצ'ס טאכטער, און באגאס-לאווסקי האט איהם געזאגט, אז ער האט שטארק אויסגע'מוסר'ט זיין טאכטער, האט מיט איהר א סך גערעדט און א סך געגעבען צו פער-שטעהן, און אז זי האט איצט חרטה.

זי, די טאכטער, האט א סך געוויינט, אלזא, דארף מען זעהן מאכען א שלום, נאר אזוי ווי קיין פאסיגער מענש, וואס זאל מאכען א שלום איז נישטא, אויסער דעם זיידען, אויף וועלכען מען קען זיך פאלקאם פערלאזען, דארף ער זיך בענוצען מיט דער צייט, נישט פערציהען און שוין נעהמען טהאן דערין.

דעמאָלט האָט איהם דער זײדע אָבגעזאָגט אַ לאַנגע רעדע, אין װעלכער ער האָט בעדױערט די גאַנצע מעשה און אױפגעװיזען דעם פּריץ, אַז אױב ער װעט איצט מאַכען אַ שלום, איז ער דאָך ניט זיכער אױף װײַטער.

— װאָרום, לאָמיר זיך נישט נאַרען, — האָט דער זײדע געזאָגט, — אַז אַ יוד זאָל זײַן בײַ אַ פּריץ אַ קאָמיסאַר און האָבען די גאַנצע ממשלה, קענען דאָס די יונגע פּריצים, די שאַרלאַטאַנעס, נישט פערטראָגען, אָדער אַמאָל, זאָלסטו מיר מוחל זײַן, די פּריצ׳ישע װײַבער; זײ אַלע בעגרײַפען גאָרנישט, אַז עס זענען פאַראַהן אָרענטליכע יודען, װי מײַן אײדעם, צום בײַשפּיעל. װאָס אָנבעלאַנגט אײַער טאָכטער, פּיהל איך, אַז אין האַרצען האָט זי נישט ליעב קײן יודען און װעט מסתמא װײַטער עפּעס אױפזוכען אױף איהר קאָמיסאַר.

— נאָר פונדעסטװעגען, — האָט דער זײדע װײַטער גערעדט — דאַרף מען זעהן מאַכען אַ שלום, און איך זאָג זיך נישט אָב דערפון. אַ יוד האָט שלום בעזונדערס ליעב.

— און, — האָט דער זײדע צוגעגעבען, — איך װעל מיך סטאַרען דערפאַר, אָבער דו דאַרפסט אױס׳מוסר׳ן דײַן טאָכטער און זעהן, אַז זי זאָל זיך בעציהען בעסער צום קאָמיסאַר, זאָל איהם ערליך האַלטען לױט זײַן װערדע. דו גיב נאָר, פּריצ׳ל, אַ קוק װי עס זעהט איצט אױס דער הױף און װי האָט ער אױסגעזעהן פריהער. איצט איז ער אין אָרדנונג, עס איז אַ מחיה צו קוקען. װידער ברענגט ער אַרײַן אַזױ פיעל הכנסה, װאָס דער פּריץ האָט זיך אַלײן נישט געריכט דערױף.

— איך האָב איהר דאָס שױן אַלײן אַלץ גערעדט, — האָט דער אַלטער פּריץ געזאָגט, — און גענוג גע׳מוסר׳ט, איצט װעט זי זיך שױן אַנדערש פערהאַלטען.

דער זײדע איז אַװעקגעפאָהרען קײן טשעכטשאָװע און פערפאָהרען צום אײדעם. באַלד איז געקומען דער לאָקײ בעטען דעם פאַן אהרן-לײזער קומען צום פּריץ. דער זײדע איז אַװעק צו איהם.

סיחאָװסקי האָט איהם אױך זעהר העפליך צוגענומען. איצט האָט סיחאָװסקי געזאָגט, אַז ער האָט גרױס פערדרוס אױף זײַן פרױ, װאָס זי האָט געקענט אומברענגען בערקע׳ן מיט זײַן פאַמיליע, נאָר עס

איז פערפאַלען, אויפ'ן קאָמיסאַר אָבער וועט ער שוין קיינמאָל נישט גלויבען אַזוינע נאַרישקייטען, וועלכע קענען דאָך אומברענגען אַ מענשען.

ווי סיהאָווסקי איז נישט געווען בייז אויף זיין ווייב, פונדעסטוועגען האָט דער זיידע פערשטאַנען, אַז ער וואָלט דאָך געוואָלט מאַכען אַ שלום מיט איהר, עס איז בלויז נישטאָ דער מענש, וואָס וואָלט עס געקאָנט טהאָן.

און מיט סיהאָווסקי'ן האָט דער זיידע לאַנג גערעדט און זעהר אָפענהערציג, אָבער דערפיהרט האָט דער זיידע צו דעם, אַז מען ברויך דאָך מאַכען אַ שלום. ערשטענס, פאַסט עס נישט פאַר אַ פּריץ, און, צווייטענס, וועט זי זיך איצט מסתמא אַנדערש אויפפיהרען.

— עס קען אָבער זיין, — האָט איהם דער זיידע בעמערקט — אַז עס איז נישטאָ דער נויטיגער מענש דערצו, וועל איך דיר, פּריץ, זאָגען, אַז איך קען מיך דערין אַריינלעגען און דיין כבוד וועט, חלילה, נישט געמינערט ווערען אויף אַ האָהר.

דער פּריץ איז מסכים געווען, און כדי איבערצורייסען דעם אונאַנגענעהמען געשפּרעך, האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר ריידען וועגען אויסבויען אַ ביער-ברויז...

-- איך האָב מיך נאָך נישט צוגעגרייט צו דעם, — האָט דער זיידע געענטפערט, — מיר האָבען נאָך צייט.

דער זיידע האָט נאָך לאַנג גערעדט מיט'ן פּריץ, און אַז ער האָט זיך צוזעגענט מיט איהם, איז ער אַוועק צום איידעם.

דעם איידעם האָט דער זיידע געהייסען אויך ריידען מיט'ן פּריץ מכח אַ שלום. זאָל ווערען אַ סוף דערמיט, זאָל דער איידעם אויך אַרבייטען פון דער זייט, וועט עס גיכער מקוים ווערען.

דער זיידע איז אַוועקגעפאָהרען, און בעריל-בענדעט איז אַוועק צום פּריץ און איהם אויך צוגערעדט צו אַ שלום, וועט ער, בעריל-בענדעט, זי שעצען גלייך ווי דעם פּריץ, און וועט אינגאַנצען פערגעסען, וואָס איהם איז געטהאָן געוואָרען.

דער פּריץ האָט זיך כמעט ווי אַרויסגעזאָגט, אַז וואָס בעריל-בענדעט וועט פאָרנעהמען, וועט ער צושטימען.

בערקע איז אַוועקגעגאַנגען צו דער פּריצ'טע. ביי איהר איז דעמאָלט געזעסען איהר ברודער, דער שאַרלאַטאַן, וואָס איז ביי איהר

כּמעט די גאַנצע צײַט געווען, כּדי איהר זאָל נישט זײַן אומעטיג. דער ברודער, דערזעהענדיג דעם יודישען קאָמיסאַר, איז אין דער גיך אַרײַנגעגאַנגען אין צווייטען צימער, און די פּריצ'טע האָט העפליך איפּגענומען דעם פּאַן בערקען אין בײַ זיי איז אַוועק אַ שמועס. ער האָט זיך מיט איהר גוט דורכגערעדט און צום סוף האָט ער איהר בעמערקט, אַז ער איז אויף איהר מלמד זכות און איז גרייט אַלץ צו פערגעסען. זאָל זײַן אַ שלום, עס קאָסט איהם אַפילו געזונד דער ברוגז.

דערמאָלט האָט איהם די פּריצ'טע איבערגעבעטען.

— דו ביזט אַן אָרענטליכער מאַן, איך ווייס, און לאָמיר פערגעסען אָן דעם.

נאָכדעם האָט בעריל-בענדעט אַוועקגעשיקט דאָס ווײַב צו איהר פאָטער, אהרן-לייזער'ן, איבערגעבען איהם די אַלע געשפּרעכען, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם פּריץ און דער פּריצ'טע. אהרן-לייזער האָט שוין בײַ זיך אין געדאַנק צוזאַמענגעשטעלט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו מאַכען דעם שלום.

אַוועקגעפאָהרען איז ער באַלד צום פּריץ ווילעווינסקי, וואָס איז געווען אין זעהר גוטע בעציהונגען מיט סיהאָווסקי'ן און דער פרוי. אויך זייערע בײדענס ווײַבער האָבען געלעבט גוט צווישען זיך. סיהאָווסקי איז שוין אין דער צײַט פון ברוגז מיט זײַן ווײַב געווען אַ פּאָר מאָל בײַ ווילעווינסקי'ן. ווילעווינסקי איז אויך געווען פון די שטילערע פּריצים, דעריבער האָט ער זיך, אַפּנים, בעזונדערס גע'חבר'ט מיט סיהאָווסקי'ן, בײַ וועלכען מען האָט אין מאָס גע'שכור'ט און געשפּיעלט אין קאָרטען.

סיהאָווסקי האָט ווילעווינסקי'ן גאָרנישט דערצעהלט פון זײַן ברוגז מיט דעם ווײַב און ווילעווינסקי האָט עס אפשר געוואוסט פון אַנדערע, נאָר איצט האָט איהם דער זיידע איבערגעגעבען די גאַנצע געשיכטע אויספיהרליך, און בעמערקט, אַז זיי בײדע וואָלטען וועלען שלום ווערען, נאָר עס זענען אַלץ נישטאָ די פּאַסיגע בעדינגונגען דערצו.

— לכן, איז מײַן עצה, — האָט דער זיידע געזאָגט, — אַז דו זאָלסט איהם אײַנלאַדען צו זיך אויף אַ פערוויילונגס-אָווענד, דײַן ווײַב זאָל אײַנלאַדען די מאַדאַם סיהאָווסקי'ן; פריהער אָבער זאָל דײַן

ווייב שיקען נאָך איהר, און דערנאָך, אַז זי וועט שוין זיין, וועסטו שיקען נאָך איהם. ער דאַרף נישט וויסען, אַז זיין ווייב איז אויך איינגעלאַדען. אַז ער וועט קומען, וועסטו פערפיהרען מיט איהם אַ געשפרעך וועגען שלום און דאָ וועל איך שוין קומען צו הילף. פון דעם ברוגז, וועסטו זאָגען, האָסטו זיך דערוואוסט פון מיר.

ווילעווינסקי האָט אַזוי געטהאָן. סיחאָווסקי'ס פרוי איז געקומען פריהער, און דערנאָך סיחאָווסקי. ווילעווינסקי האָט איהם אַריינגעפיהרט אין אַ בעזונדער צימער און גענומען מיט איהם פּאָרזיכטיג קנעלען וועגען שלום, און דערביי איז שוין אונטערגעקומען דער זיידע, נאָר ער איז נישט אַריין צו זיי אין צימער. ווילעווינסקי האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— מיין פרוי איז עפּעס נישט געזונד, קומט אַריין צו איהר.

מען איז אַריין צוזאַמען אין יענעם צימער, וואו די ווירטין האָט געזאָלט זיין, און סיחאָווסקי איז איבעררשאַשט געוואָרען: נעבען ווילעווינסקי'ס ווייב איז געזעסען סיחאָווסטשיכע.

עס איז איהם געוואָרען עפּעס נישט הענדטיג און ער האָט געוואָלט אַרויסגעהן פון צימער, האָט מען איהם שוין נישט אַרויסגעלאָזט, און ער האָט זיך געמוזט אַנידערזעצען. האָט מען אָנגעהויבען דערלאַנגען אַהין אין צימער טהיי מיט צובייסונגען. ביים טהיי איז אַוועק אַ זייטיגער שמועס, און ווילעווינסקי האָט געזאָגט:

— איך האָב אויך איינגעלאַדען קאָטיק'ן, לאָמיר איהם אַריינרופען, מיט איהם איז אַנגענעהם צו פערברענגען.

באַלד איז אַריין אין צימער דער זיידע, וואָס האָט זיך אויך צוגעזעצט צום טיש. אין אַ ווייַלע אַרום האָט זיך ווילעווינסקי מיט דער פרוי אַרויסגעדרעהט מיט עפּעס אַנ׳אויסרייד, און דער זיידע האָט באַלד אָנגעהויבען צוטרעטען צו דער זאַך.

אָנגעהויבען האָט ער, פערשטעהט זיך, פון דעם, וואָס ער האָט גענומען פערטיידיגען זי, אַז זי איז שטאַרק נישט שולדיג א. ז. וו. און נאָך אַ לאַנגער און דיפּלאָמאַטישער רעדע האָט ער געענדיגט דערמיט, אַז סיחאָווסקי זאָל געבען זיין ווייב די האַנד אויף שלום. און אַ סוף זאָל ווערען דערמיט.

ווי אונגערן, האָט ער זיך כלומר'שט צוהוסט און באַלד דערויף

איז געקומען ווילעווינסקי מיט זיין פרוי. ווילעווינסקי האט גענומען סיהאָווסטשיכע'ס האנד און זי דעם כאנ'ס האנד, און מיט געוואלד צוגעפיהרט איינע צו די אנדערע. האט מען זיך געגעבען די הענד און זיך צוקושט. עס איז געוואָרען ששון ושמחה. מען האט געשפאנט פערד און אלע זענען אוועקגעפאָהרען גלייך צו סיהאָווסקי'ן אין פאלאץ. דאָרט האט מען איפּ'ן גרויסארטיגען אופן פערבראכט, און דערמיט האט זיך עס געענדיגט.

און פאר איינוועגס איז שוין ביי בעריל-בענדעט'ן אוועק א גוט לעבען מיט דער פריצ'טע. פון איצט אן האט ער אָנגעהויבען אריינקומען צו איהר מיט בעריכטען מכח דעם צושטאנד פון הויף און דער ווירטשאפט, און איהר בעציהונג צו איהם האט זיך אינגאנצען אומגעביטען. איצט האט זי זיך אפילו פערגונען פרעגען ביי איהם וועגען וועלט-נייעס, וואס שרייבט מען אין די צייטונגען און אזוי ארום פערברענגען מיט איהם שעה'ן-ווייז.

צו אלעם דעם האט ער זיך נאָכמעהר איבערגעגעבען צו דער ארבייט. ער איז געווען זעהר א האָרעפּאשנער מענש, און ווינטער פלעגט ער אויפשטעהן זעקס א זייגער פארטאג, זומער — פיער א זייגער און באלד זיך גענומען צו דער ארבייט, פיינט האָבענדיג צו פערלאָזען זיך אויפ'ן עקאָנאָם.

זומער פלעגט ער א גאנצען טאג ארומרייטען אויפ'ן פערד און איז אומעטום געווען, אלץ איבערגעזעהן, איבערגעקוקט און פעראָרדענט.

ווינטער איז ער כמעט שטענדיג געלעגען אין ברויז, וואו אלץ איז ביי איהם געווען אזוי ציכטיג, אז די אקציזניקעס, וואס פלעגען קומען, האבען זיך נישט געקענט אָבוואונדערן. די ציכטיגקייט איז געווען ארום און ארום: סיי אין דער ארבייט, סיי אין די אלע אָבטיילונגען, סקלאדעס, שפייכלערס און מאגאזינען.

אָט די ציכטיגקייט און אָרדנונג איז שוין געווען אזוי מפורסם, אז די ארומיגע פריצים, וואס האבען געהאט ברייזער, פלעגען קומען אנקוקען און אראָבלערנען זיך ווגם דערפון, און זיי האבען זיך שטענדיג בעקלאָגט פאר סיהאָווסקי'ן, אז זיי קענען באין אופן נישט איינ-

פיהרען בײַ זיך אין די בריזער אַזעלכע גוטע אָרדנונגען מיט אַזאַ ריינקייט און זויבערקייט.

און אַזוי ריין איז אויך געווען אין גאַנצען הויף, קיין אַרבײַטער האָבען נישט געפעהלט. מען האָט שטענדיג געקעהרט און געשאָטען מיט זאַמד. סיחאָווסקי פלעגט שטאָלצירען מיט דער ריינקייט פון זײַן הויף, מיט דער אָרדנונג פון זײַן ווירטשאַפט.

האַלטען יודען פאַר קאָמיסאַרען האָבען אייגענטליך אַ סך פריצים געוואָלט. עס האָט זיי אָבער נישט געפּאַסט, און אַנדערע האָבען דער־פון געהאַט נישט וועניג היזק.

די גאַנצע אַרבײַט אין די הויפען האָט זיך אַלץ געפיהרט אויפ׳ן אַלטען שטייגער. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל אויסקלערען, אַרײַנ־ברענגען אויסבעסערונגען, בכלל נייהײַטען אין דער אַרבײַט. בעריל־בענדרעט האָט אויסגעשריבען דײַטשע עקאָנאָמישע ווירטשאַפטס־צײַטונגען און האָט זיך אָפטער בענוצט מיט די עצות פון דאָרטען.

דריַיצעֶהנטעֶם קאַפּיטעֶל.

בּעֶריל־בּעֶנדעֶט׳ס לעֶבּעֶן. — זיַין טאָכטעֶר׳ס חתונה. — דעֶר פּוילישעֶר אויפשטאַנד. — געֶוואָלט שמיַיסעֶן די פּריצ׳טעֶ. בּעֶריל־בּעֶנדעֶט האָט זי אַרויסגעֶראַטעֶוועֶט. — שמואל. —

דעֶר פּעֶטעֶר האָט געֶהאַט פיער טעֶכטעֶר און איֵין זוהן. פאַר דעֶר עֶלטסטעֶר טאָכטעֶר, בּרכה, איז טאַטעֶ־מאַמעֶ עלטעֶר געֶוועֶן מיט צוועֶלף־און־אַ האַלב יאָהר. די פינף קינדעֶר האָבּעֶן זיי געֶבּוירעֶן אין פינף יאָהר, און מעֶהר האָבּעֶן זיי קיין קינדעֶר נישט געֶהאַט. געֶלעֶבּט האָבּעֶן זיי אין טשעֶכטשאָוועֶ פירשטליך, און נאָך דעֶר מעשה מיט׳ן בּלבּול איז איהם אַוועֶק אַזוי גוט, אַז עֶר איז אי בּיַי איהם און אי בּיַי איהר געֶשעֶצט און געֶאַכפּעֶרט געֶוועֶן, ווי גאָר אַ נאָהעֶנטעֶר מעֶנש. זיי האָבּעֶן איהם אַוועֶקגעֶגעֶבּעֶן די שליסלעֶן פון זייעֶר גאַנץ פעֶרמעֶגעֶן.

בּיַי בּעֶרקעֶ׳ן אין קאַבּינעֶט איז געֶשטאַנעֶן אַ גרויסעֶ דרעֶמבּעֶנעֶ שאַפעֶ מיט אַ קאַמאָד און דאָרטעֶן איז געֶלעֶגעֶן דעֶם פּריצ׳ס ציהרונג, וואָס איז נישט אָפט געֶנוצט געֶוואָרעֶן. אַפילו דאָס געֶלד האָט עֶר אויך געֶהאַלטעֶן בּיַי בּעֶרקעֶן.

בּעֶריל־בּעֶנדעֶט האָט דעֶם פּריץ געֶקלייִדט. דעֶר פּריץ האָט קיינ־מאָל נישט געֶוואוסט, ווען עֶר דאַרף האָבּעֶן אַ מלבּוש, בּעֶריל־בּעֶנדעֶט

פלעגט אַליין פאָהרען קיין בריסק און נעהמען סחורה פאַר'ן פריץ אויף מלבושים. אַמאָל פלעגט ער פאַר איהר אויך נעהמען מלבושים.

בעריל-בענדעט, אָדער פערקירצט: בערקע, האָט זעהר רייך געקליידט דעם פריץ מיט דער פריצ'טע, רייכער פון אַלע פריצים אַרום. יוען ער פלעגט פאָהרען קיין בריסק, פלעגט ער שטענדיג ברענגען דער פריצ'טע שמוק פאַר עטליכע הונדערט רובל, אַמאָל האָט ער איהר געבראַכט אַ בראָסליעט פאַר טויזענד-פינף-הונדערט רובל, אַמאָל קורלאַנער פעריל פאַר צוויי טויזענד רובל, און די אַלע צירונג איז געלעגען ביי בערקען אין קאַמאָר.

דערפאַר האָבען שוין דער פריץ מיט דער פריצ'טע געקליידט בעריל-בענדעט'ן, און אַז עס פלעגט קומען דער שניידער, פלעגען זיי שוין בעשטעלען קליידער פאַר בעריל-בענדעט'ן מיט דעם גאַנצען געזינדעל.

אַז בעריל-בענדעט'ס טאָכטער, ברכה, איז אַלט געוואָרען פופצען יאָהר, האָט שוין דער פריץ געזאָגט, אַז מען דאַרף טהאָן אַ שידוך מיט דער טאָכטער.

— און איך, — האָט דער פריץ געזאָגט, — וועל געבען טויזענד רובל נדן. (דעמאָלט איז געווען טויזענד רובל פון די רייכסטע נדן'ען). די גאַרדעראָב ווידער מיט אַלע הוצאות החתונה זאָלען אויך זיין אויף זיינע קאָסטען.

בעריל-בענדעט האָט געהייסען שדכנים רעדען שידוכים; דאָס איז צוגעגאַנגען שנעל, און באַלד האָט מען געשטעלט תנאים אין טשעכטשאָווע. דער פריץ האָט געראַטען איינלעגען די טויזענד רובל אין בריסק ביי אַ בטוח און געהייסען קויפען דעם חתן אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענע קייט פאַר הונדערט-און-פופציג רובל אויף זיין רעכנונג.

אויף די תנאים האָט מען אַרויסגעשיקט צוויי קאַרעטעס מיט דריי ווינגען צו ברענגען געסט. און בעת די תנאים גופא איז דער פריץ מיט דער פריצ'טע געזעסען ביי אַ טישעל און זיך בעטייליגט צוזאַמען מיט אַלע געסט אין דער שמחה.

אויף מאָרגען האָט דער פריץ פערבעטען צו זיך אויף אַ מיטאָג. מען האָט געבראַכט דאָס גאַנצע עסען אַהין, די געריכטען זענען

פֿערפֿערטיגט געוואָרען ביים פֿעטער, פֿון וואַנען זיי זענען אַריבערגע־טראָגען געוואָרען צום פּריץ.

די חתונה האָט מען אָבגעלעגט אויף ראש־חודש ניסן, די צייט, ווען דער ברויז בלייבט שטעהן, מחמת זומער קען מען נישט מאַכען קיין בראָנפֿען.

אויף דער חתונה בין איך אויך געקומען צופֿאָהרען מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע אויף פֿוהרען און קאַרעטעס, וואָס בעריל־בענדעט האָט אַרויסגעשיקט. איך געדענק, אַז עס זענען געקומען זעכצעהן פּאָר פֿערד, מיט פֿערשידענע בריטשקעס און קאַרעטעס און אַזוי פֿוהרען. צעהנדליגער סוחרים זענען געקומען אויף דער חתונה און בעריל־בענדעט האָט צוגעגרייט ערטער פֿאַר אַלעמען אויף צו שלאָפֿען: דערנאָך זענען געקומען קאָברינער כלי־זמר מיט שעבסלען בראש און מיט טודרוס דעם בדחן.

אונזער פֿאַמיליע איז געקומען צופֿאָהרען דריי טעג פֿאַר דער חתונה, ווען דער ברויז האָט אויפֿגעהערט צו געהן. גרויסע קאַדעס מיט וואַרימען וואַסער זענען געשטאַנען, און איך מיט דעם פֿעטערס אַ יונגעל, שמואל, און דעם טאַטענס ברודער ישראל, האָבען זיך גע־באָדען אין אַזאַ קאַד. נעבען אונז איז געשטאַנען אַ קאַד קאַלט וואַסער, האָט איינער פֿון די יונגע שקצים אויף אונז אַ שפּריץ געגעבען מיט אַ ביסעל קאַלטען וואַסער; מיר האָבען געלאַכט, נאָר שמואל'ן, דעם פֿעטער בעריל־בענדעט'ס בן־יחיד, האָט דאָס פֿערדראָסען און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דערצעהלען דעם טאַטען, וועט דער שייגעץ קריגען געשמיסען.

דער פֿויער האָט געמיינט, אַז שמואל לאַכט עס און ער האָט זיך געבהאָן דאָס זיַניגע, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין געלעכטער. שמואל דער בן־יחיד איז געקומען אַהיים און געוויינט פֿאַר'ן טאַטען, אַז אַנדריי דער שייגעץ האָט אונז געשפּריצט מיט קאַלטען וואַסער, ווען מיר זענען געזעסען אין אַ וואַרימען קאַד. ער האָט אונז אַוודאי געקענט פֿערקיהלען. דער פֿעטער האָט נישט געמאַכט קיין גרויסע טענות און געשיקט רופֿען דעם וואָיט און איהם געהייסען געבען אַנ־דריי'ען, דעם יונגען שייגעץ, פֿופֿצעהן ריטער. מ'האָט מקים פּרק געווען און אַנדריי איז געקומען פֿאַלען צו די פֿיס דעם קליינעם

שמואל׳קען, ער זאָל איהם מוחל זיין. דאָס איז געווען העסליך, אָבער
אונז האָט ענטציקט דעם פעטערס מאַכט.

די חתונה איז געווען גרויסאַרטיג, מיט די טייערסטע געריכטען.
קיין פערשיידענע פליישען האָבען אַוודאי נישט געפעהלט. דער פריץ
האָט געהייסען אַרויסנעהמען צו דער חתונה דאָס גאַנצע זילבער, עס
זאָל בעשענקען די שמחה.

דער פריץ מיט דער פריצ׳טע זענען געשטאַנען ביי דער חופּה
און די וועטשערע האָט זיך געצויגען פון זעקס אָווענד ביז זעקס אין
דערפריה. און אויף מאָרגען האָט דער פריץ געבעטען צו זיך דעם
גאַנצען עולם אויף מיטאָג מיט די כלי־זמר; ער איז געווען ענטציקט
פון שעבסלען מיט זיין שפּיעלען און געזאָגט, אַז זיין גאַנץ לעבען
האָט ער נישט געהערט אַזוי גוט שפּיעלען ווי שעבסלען. דער עולם
האָט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט ביים פריץ; ער האָט אויך געטאַנצט
מיט בערקען און מיט דעם סוחר ר׳ ישראל־שמואל פון בריסק, אַ יוד
אַ וויצלער, אַ געשיקטער און האָט זיך אַלץ מיט׳ן פריץ געוויצעלט, און
די פריצ׳טע מיט דעם גאַנצען עולם האָבען געלאַכט.

אויפ׳ן דריטען טאָג נאָך דער חתונה זענען אַלע סוחרים און די
ווייטערע פון דער פאַמיליע אַוועקגעפאָהרען. און מיר, די נאָהענטע,
ביי עטליכע מנינים מענשען, זענען געבליבען אויף די גאַנצע שבעת
ימי המשתה מיט שעבסלען און דער קאַפּעליע.

דער פריץ מיט דער פריצ׳טע זענען נישט מיד געווען פון פרע-
העהן זיך, און די פריצ׳טע האָט שוין געזאָגט, אַז זי האָט די יודען
גאָר נישט געקענט, מען האָט זי איינגעוויעגט אין דעם וויעגעלע: „זשיד
וועזמע וו טאָרבו״, דער יוד וועט נעהמען אין טאָרבע. זי האָט אַלץ
געהערט: „זשיד, זשיד״, האָט עס איהר אָנגעשראָקען. איצט אָבער
זעהט זי, אַז יודען זענען אַ ליעב פאָלק און מיט זיי איז פרעהליך.

נאָך די שבעת ימי המשתה זענען מיר זיך אַלע צופאָהרען און
שעבסיל האָט געקראָגען פון פריץ אַ הונדערטער און אַ רונג מיט בריל-
יאַנטען פאַר הונדערט-און-פופציג רובל. דערביי האָט ער איהם פער-
זאָגט, אַז ווען ער וועט שיקען נאָך איהם, זאָל ער קומען צופאָהרען.
פלעגט שוין שעבסיל מיט נאָך צוויי כלי-זמרים קומען צו סיחאָווסקי׳ן
אַ פיער מאָל אין יאָהר אויף זיינע בעלער און פלעגט בעקומען הונ-

דערט רובל פאַר איין מאָל. געגעסן האָבן זיי ביי בעריל־בענדעט׳ן.

דאָס האָט איהם געמאַכט זעהר פּאָפּולער און פיעל פּריצים האָבען איהם געבעטען צו זיך שפּיעלען. אָבער דאָס רוב פלעגט ער זיי אָבזאָגען מיט דעם אויסרייד, וואָס ער קען נישט איבערלאָזען אַ יודישע חתונה אָהן כּלי־זמר. דעם פאַן סיחאָווסקי׳ן אָבער טהוט ער עס צוליעב זיין גוטסקייט.

קיין בראָנפען האָט שעבסיל נישט געטרונקען, נאָר אַ קליין קעליטאַקעל זיסען בראָנפען, ווי אַ ווייבעל, ווייל אויך נאָר איין קעלישאָק, און געהאַט האָט ער אַ ליעבע מינע און געווען איז ער תמיד אַ שטילער, און גערעדט האָט ער געצעהלטע ווערטער; קיין געלעכטער האָט מען קיינמאָל פון איהם נישט געהערט, אַפילו ווען ר׳ אַבעלע דער קאָמיקער פלעגט וואַרפען וויצען, אַז אַלע פלעגען צוקייכט ווערען פון געלעכטער. אויף שעבסיל׳ס ליפּען האָט מען דעמאָלט געזעהן אַ קליין שמייכעלע, אַזוי ווי אויף מיין פאָטערס ליפּען.

אַזוי האָט דער פעטער בעריל־בענדעט געלעבט אין טשעכטשאָווע ביי סיחאָווסקי׳ן. אָבער דאָס איז נישט גאָר. דער אמת׳ער פערדיענסט בעריל־בענדעט׳ס איז געווען דערין, וואָס ער האָט געראַטעוועט דעם פּריץ אין דעם בעוואוסטען פּויילישען אויפשטאַנד, בעת אַזוי פיעל פּריצים זענען צוהאַנגען און צושאָסען געוואָרען. בשעת׳ן אויפשטאַנד האָט בעריל־בענדעט אָבגעהיט דעם פּריץ, אַז ער זאָל נישט געהן אין וואַלד און זאָל זיך דורכדעם נישט בעצאָהלען מיט זיין לעבען.

דער בעוואוסטער מוראַוויאָוו האָט איינגעאָרדענט, אַז אין יעדען אויעזד אין גאַנץ ווילנער אָקרוג זאָלען זיין צו צוויי וואָיענע נאַטשאַלניקעס מיט קאָזאַקען און זיי זאָלען אַרומפאָהרען איבער׳ן גאַנצען אויעזד איבער די הויפען און מאַכען אַנ׳אויספאָרשונג, וויפיעל פּריצים און וועלכע געפינען זיך אין דער־היים, זענען נישט אַוועק מיט די רעוואָלוציאָנערע שייקעס אין די וועלדער.

מוראַוויאָוו האָט געגעבען דאָס רעכט די וואָאינסקי נאַטשאַלניקעס צו שמייסען פּריצים און פּריצ׳טעס און זאָגאַר קינדער פון די פּריצים און מיט דער הילף פון שמיץ דערגעהן, וואו געפינען זיך די פּריצים, וועלכע מען וועט נישט טרעפען אין דער־היים. האָבען דעמאָלט

קאָזאַקען מיט זייערע נאַגײַקעס צושמיסען פּריצים, פּריצ'טעס און קינ-
דער פון צעהן יאָהר.

אַז דער שערשאָווער וואָאינסקי נאַטשאַלניק מיט פּופּציג קאָזאַקען
איז געקומען קיין טשעלטשאָווע, האָט ער נישט געטראָפען סיחאָווסקי'ן
אין דער-היים. דער לעצטער איז גראָד ערגעץ אַרויסגעגאַנגען פון
שטוב. דער וואָאינסקי נאַטשאַלניק האָט מיט כעס געפרעגט ביי דער
פּריצ'טע, וואו איז דער מאַן איהרער, דער „מיאַטעזשניק“? זי האָט
זיך דערשראָקען, איז בלאַס געוואָרען און האָט געענטפערט, אַז ער
איז איצט אַרויסגעגאַנגען און וועט באַלד קומען. האָט ער באַלד אַ
געשריי געטהאָן צו די קאָזאַקען:

— שמיץ! און אַזוי לאַנג שמייסען ביז זי וועט אויסזאָגען, וואו
דער מאַן איז.

די קאָזאַקען האָבען זי שוין צוגעגרייט צו שמייסען. אַ פיינע סצע-
נע! — און שוין געוואָלט אָנהויבען צייהלען די שמיץ, נאָר אין דער
מינוט איז אָנגעלאָפען בעריל-בענדעט און איבערגעגעבען דעם נאַטשאַל-
ניק, אַז דער פּריץ איז נאָר-וואָס אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, ער קומט
באַלד אַריין.

— איך בין ערב, — האָט ער מוטהיג געזאָגט, — האַלט מיך,
און אויב אין אַ פיערטעל שעה צייט קומט ער נישט אַריין, קענסטו
מיר דאָסזעלבע טהאָן און זאָגאַר דערשיסען.

און ער האָט אַוועקגעשיקט די דיענסטען, מען זאָל איהם וואָס
גיכער ברענגען; ער האָט געוואוסט וואו דער פּריץ געפינט זיך. יענער
פלעגט ליעב האָבען שטענדיג צו שפּאַצירען אין די אַלעען, הינטער'ן
הויף.

דער נאַטשאַלניק האָט אַ קוק געגעבען אויף בעריל-בענדעט'ן: אַ
הויכער, אַ דיקער, אַ שענער, שען געקליידט, איז ער איהם גלאַט
געפעלען געוואָרען, און בעריל-בענדעט האָט נאָך דערצו גערעדט גוט
רוסיש, וואָס כמעט מאַנכע פּריצים האָבען נישט געקענט, און ער
האָט איהם געפרעגט;

— ווער ביזטו?

— איך בין קאָמיסאַר אין הויף.

אויף דער פראַגע, צי ער איז אַ פּאָליאַק, האָט ער איהם

געענטפּערט, אַז אַ יוד. דאָס איז ווידער געפעלען געוואָרען דעם נאַטשאַלניק און ער האָט געהייסען די קאָזאַקען נישט טשעפּען דערווייל די פּריצ'טע. ער האָט זיך פונאַנדערגערעדט מיט'ן יודישען קאָמיסאַר און פאַר דער צייט איז געקומען דער פּריץ.

— דו האָסט צו פערדאַנקען דעם יודען, האָט דער אָפיציר געזאָגט סיהאָווסקי'ן, — ווען נישט ער, וואָלט שוין לאַנג דיין ווייב געשמיסען געוואָרען. דערביי האָט ער אָנגעזאָגט, אַז דער פּריץ זאָל זאָל זיך נישט וואַגען אַרויסגעהן פון שטוב, בעת ער וועט אַוועקפּאָהרען, וואָרום ער וועט זיכער אָנפּאָהרען פּלוצלונג, און קוים וועט ער נישט געפינען דעם פּריץ, וועט ער אַפילו קיין צעהן מינוט נישט וואַרטען און וועט גוט דורכשמייסען די פּריצ'טע מיט די קינדער.

— איך וועל אייך נישט שוינען, מיאַטעזשניקעס!

אָבּגעסענדיג און אָבטרינקענדיג צוזאַמען מיט די פערד, האָט מען מיטגענומען אַ פּעסעל שפּירט פון צעהן טעפּ און מען איז אַוועקגעפּאָהרען אין אַ צווייטען הויף.

די פּריצ'טע איז קראַנק געוואָרען פון שרעק און חרפּה, און איז געווען געפעהרליך. און בעריל-בענדעט האָט שטאַרק געאַרבייט, האָט אַלע טאָג געשיקט קאַרעטעס קיין בריסק נאָך דאָקטוירים. נאָך אַ פּאָר הדשים ליעגען איז זי געזונד געוואָרען.

דערנאָך האָט סיהאָווסקי געזאָגט דער פּריצ'טע פאַר'ן קאָמיסאַר אין די אויגען:

— זעהסטו, דיין גליק, וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבען דער בלבול אויף בערקע'ן. דו האָסט אידאי דעמאָלט געמיינט, אַז בערקע וועט קריגען געשמיסען און אַרויסגעטריבען, און איצט האָט אונז בערקע פּשוט מציל געווען. וואָס וואָלטען שוין די קאָזאַקען מיט זייערע דראַטענע נאַגייקעס פון דיר געמאַכט, ווען נישט בערקע?

סיהאָווסקי איז געבליבען זיצען אין דער-היים און שוין נישט אַרויסגעפּאָהרען די גאַנצע צייט פון אויפשטאַנד. בערקע האָט געפיהרט די הויפען מיט גערונגענע פויערים, און נאָר ער האָט געהאַט ביי זיי חן, און נאָר צו איהם זענען זיי געגאַנגען אַרבייטען אין די פעלדער, אויסבעטענדיג, פערשטעהט זיך, שרעקליך גרויסע פּרייזען פאַר דער

אַרבייט. אין די איבעריגע הויפען האָט מען גאָרנישט געזייהט און דאָ, וואו עס איז געווען געזייהט, האָבען זיך די קערנער אויסגעשאָטען פון די זאַנגען, און מען האָט נישט געקענט קריגען קיין שניטער, אַפילו פאַר געלד. די פויערים האָבען דאָס עקסטרע געטהאָן אויף צו להכעיס די פריצים. אין דער גאַנצער געגענד זענען זיי געקומען אין די הויפען, געבונדען זייערע פריצים און זיי אומגעקעהרט די שמיץ, וואָס דער פריץ האָט זיי פריהער געגעבען.

אין דער צייט פון אויפשטאַנד האָט בעריל-בענדעט געהאַט אפשר מעהר אַרבייט ווי אַלעמאָל. אויסער די פויערים, וועלכע מען האָט בעדאַרפט בערוהיגען, האָט ער בעדאַרפט זעהן, אַז די פריצים זאָלען סיחאָווסקי'ן נישט נעהמען אין וואַלד אַריין. אָנשטאָט רעאַלע טהעטיגקייט, וואָס די פריצים האָבען געפאָדערט פון סיחאָווסקי'ן, האָט ער זיי, אַ דאַנק בעריל-בענדעט'ס איינפלוס, געשטיצט מיט געלד. יעדעס מאָל צו צעהן טויזענד רובל, און אַזוי ער מעהר אָדער ווענינער געווען געזיכערט פון ביידע געפאַהרען.

עס איז זיך איצט נישט שווער פאָרצושטעלען, ווי טייער בעריל-בענדעט איז ביי זיי געווען, און נאָכ'ן אויפשטאַנד, ווען סיחאָווסקי איז שוין געפאָהרען אין אַן'אָפענער קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד, איז בערקע שוין אויך אַזוי געפאָהרען און אַזוי האָט ער אָבגעלעבט אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג. סיחאָווסקי האָט איהם חתונה געמאַכט זיינע פינף קינדער און נדן האָט ער שוין נעגעבען פינף הונדערט רובל, ווייל נאָכ'ן אויפשטאַנד איז ער שוין פערמאָגט געוואָרען.

בערקע איז געשטאָרבען אין עלטער פון עטליכע און פופציג יאָהר. ער האָט נישט געלאָזען אַזעלכע קינדער, וועלכע זאָלען קענען פערטרעטען זיין שטעלע. זיין זוהן שמואל איז געווען אַן'אָרענטליכער מענש, נאָר עס האָט איהם געפעהלט דעם פאָטער'ס שכל מיט דער ענערגיע.

סיחאָווסקי האָט אַוועקגעזעצט בעריל-בענדעט'ס זוהן שמואל'ן אין אַ צווייטען הויף, אַ קלענערן פון טשעכטשאָווע און יענער האָט מפרנס געווען די גאַנצע פאַמיליע. אָבער עס איז שוין נישט געווען דאָס לעבען, ווי פאַר'ן פאָטער.

אַז סיִחאָווסקיִ און שמואל זענען געשטאָרבען (שמואל איז זעהר יונג געשטאָרבען), האָט די פריִצ׳טע מיט׳ן זוהן געגעבען בעריִל־בעני־דעט׳ס ווייב דבורה׳ן פיִנף־הונדערט רובל און דבורה איז אַרויסגעפאָהרען קיין קאַמעניִץ. זיִ האָט נאָך בעקומען ירושה פון טוועהר אַ גרויס הויז און האָט זיך דאָרטען בעזעצט אויף שטענדיג.

פּירצעהנטעס קאַפּיטעל.

ראש־השנה און יום־כּפּור. — די אימה. — מלקות. — דאָס בענשען די קינדער. — דער פּחד אין די שוהלען. — בּיי די חסידים. — סוכּות. — שמחת־תּורה. — ימים־טובים בּכלל. — ווי אַזוי בּיי אונז פלעגט צוגעהן אַ יום־טוב.

בּעריל־בּענדעט מיט דער גאַנצער פאַמיליע פלעגט קומען צופאָהרען אויף ראש־השנה און יום־כּפּור קיין קאַמעניץ, אַזוי ווי אַלע ישוב׳ניקעס, און פערפאָהרען צום זיידען. פון זייערטוועגען פלעגט מען צוגרייטען דריי צימערן, און מיט זיך פלעגט ער בּרענגען אַ גאַנצען וואָגען מיט קיך־געשיהר, טיש־געשיהר און אַזוי האָבּען אַלע צוזאַמען פערבּראַכט די דריי טעג פון ראש־השנה און יום־כּפּור.

דעם זיידענס פאַמיליע איז בּעשטאַנען פון פינף טעכטער: דריי פערהייראַטע מיט די קינדער, און דריי זיהן: צוויי פערהייראַטע מיט די קינדער, און עס איז געווען פרעהליך.

קומענדיג ראש־השנה פון דאַונען, האָט שוין בּעריל־בּענדעט, וואָס האָט ליעב געהאַט צו עסען מיט זיין פאַמיליע בּעזונדער, אויך געמוזט זיין בּיים קידוש, און אויפ׳ן טיש פלעגען ליגען פערשיעדענע טאָרטען מיט פירעשקעס, אייערקיכלעך מיט מאַנדיל־בּרויטען און צוקערטויגלעך, וואָס די בּאָבּע פלעגט בּאַקען און וואָס האָבּען געהאַט

א שם אין שטאָדט פאַר זייער בע׳טעמ׳טקייט, און די שטוב איז גע-
ווען פול מיט מענשען — אַלץ די אייגענע משפחה.

ערב ראש-השנה בעגינען, דריי אַ זייגער, האָבען זיך צונויפגע-
קליבען צום זיידען אין שטוב אַריין אַלע קינדער און אייניקליך,
אַפילו זיבען-אַלט-יעהריגע און אויך דעם זיידענ׳ס ברודער׳ס פאַמילי-
יע. האָט מען דערלאַנגט טהיי מיט לעקעך און איינגעמאַלטס און זיסען
שנאַפּס, האָבען אַלע געגעסען און געטרונקען און דערנאָך זענען אַלע
געגאַנגען אין די בתי-מדרשים אויפ׳ן שוהל-הויף זאָגען סליחות. גע-
גאַנגען זענען פריהער די מאַנסביל מיט די יונגלעך, דערנאָך — די
ווייבער, טעכטער און שנוהר און אייניקלעך. איך געדענק נאָך, אַז
איך האָב איינמאָל איבערגעצעהלט די פּאַרשוינען פון אונזער משפחה,
וואָס זענען געגאַנגען צו סליחות.

— ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי, ביז ניט פיערציג...

עס איז געווען אַזוי פרעהליך דאָס געהן צו סליחות, עס האָט
אויסגעזעהן ווי זעלנער געהן, מען האָט שוין געזאָגט אין שטאָדט:
דער „צאַרסקער פּאָלק" געהט שוין. וואָרום מען האָט ניט גע-
וואגט אָנהויבען זאָגען סליחות אין שוהל-הויף און די בתי-מדרשים,
ביז עס איז ניט געקומען דער „צאַרסקער פּאָלק". אויפ׳ן שוהל-
הויף האָט זיך די משפחה צוטיילט: ווער עס האָט געזאָגט סליחות
אין דעם בית-המדרש און ווער אין א צווייטען.

דער זיידע האָט געזאָגט סליחות ערב ראש-השנה און ערב
יום-כפור אין אַלטען, גרויסען בית-המדרש. זיין שטאָדט איז געווען
נעבען רב אין מזרח, א צווייטע שטאָדט האָט ער געהאַט אין ווינקעל,
אַרויף אין מזרח, און א דריטע אין דרום זייט, ביים ערשטען פענ-
סטער.

ראש-השנה און יום-כפור האָט דער זיידע געדאַוונט אין שוהל.
דאָ האָט ער געהאַט דריי שטעדט אין מזרח: פאַר איהם מיט׳ן ברו-
דער מרדכי-ליב און מיט׳ן בן-יחיד.

בעריל-בענדעט האָט געדאַוונט אין נייעם בית-המדרש. דאָרט
האָט דער זיידע אויך געהאַט צוויי שטעדט: איינע אין מזרח און די
צווייטע אין דרום, אויך אַ יחסנ׳דיגער אָרט, נאָר דער טאַטע האָט
געפעהלט, ווייל ראש-השנה איז ער געווען ביים רבי׳ן.

אין דער נאַכט צו ערב יום־כּפּור איז קײנער פון דער פאַמיליע נישט געגאַנגען שלאָפען. די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך אויפגעקליבען צום זײדען שלאָגען כּפּרות, און די באָבע האָט שוין אײַנגעקויפט עטליכע טוץ הענער און היהנער. און זאָגאַר פרעמדע בכבוד'ע בעלי־בתּים פלעגען אַרײַנשיקען זײערע כּפּרות דעם אָװענד צום זײדען. װײַל דער שוחט, װאָס פלעגט גײן די גאַנצע נאַכט צו אַלע בכבוד'ע בעלי־בתּים קוילען די עופות, פלעגט צום ערשטען קומען צום זײדען. דערצו איז שוין געװען גרײט בײַם זײדען אַ גרויסער שטאַהל און אַ סך בעלי־בתּים פלעגען אַרײַנשיקען זײערע כּפּרות צום זײדען, געװעהנ־ליך, מיט זײַן װיסען.

אין דעם אָװענד איז געװען געגרײט אַ טיש מיט זיסע בראָנ־פענס, מיט לעקעך און אײַנגעמאַכטס, און דער עולם האָט אָנגעהויבען שלאָגען כּפּרות. אַנדערע האָבען געבענשט פאַר זיך און אַנדערע מיט די קלײנע קינדער.

דערנאָך האָט מען געטרונקען לחיים צוזאַמען מיט'ן שוחט און פערביסען, און דער שוחט איז געגאַנגען קוילען די כּפּרות. כּפּרות־שלאָגען האָט געדויערט אַ פּאָר שעה, און אַ זײגער פיער זענען אַלע אַװעקגעגאַנגען זאָגען סליחות, און די מײדלעך מיט די קינדער האָבען זיך געלעגט שלאָפען.

דער זײדע פלעגט מיך מיטנעהמען צו סליחות פון זיבען יאָהר אָן, מחמת איך האָב איהם שטאַרק געבעטען. זײַן אײגען יונגעל ישראל, אין אײן עלטער מיט מיר, האָט ער נישט גענומען. יענער האָט נאָר קײנמאָל נישט געװאָלט גײן צו סליחות, װאָס איז בײַ מיר געװען זעהר טײַער.

און אַז דער זײדע האָט מיט מיר געזאָגט ערב ראש־השנה די גרויסע סליחות, האָט ער שרעקליך געװײנט, און איך האָב, פאַר אײן ברירה, אויך געװײנט מיט'ן זײדען. פון מיר האָבען זיך געגאָ־סען טײַכען טרעהרען, און דער זײדע איז געװען צופריעדען, װאָס דאָס אײניקעל װײנט. דערפאַר װעט אפשר אין מײַן זכות גאָט העל־פען אונז אַלעמען.

נאָר דער זײדע פלעגט זיך אַזוי צעװײנען צו סליחות, אַז עס פלעגען איהם ציטערן די פיס. אַז איך האָב דערפיהלט, אַז דעם

ווײדענס קניע ציטערן, האָב איך עקסטרע אָנגעשפּאַרט מײַנע קניע צו זײַנע, אום צו דערוועקען אין מיר אויך אַזאַ ציטערניש. דאָס, געדענק איך, פלעגט אויף מיר שרעקליך ווירקען, און מײַן געוויין פלעגט דערגרייכען די העכסטע מדרגה. דאָס האָט, קענטיג, בעזונדערס אויס-גענומען בײַם ווײדען און ער פלעגט מיך שוין אַלעמאָל מיטנעהמען צו סליחות, אַפילו ווען איך האָב נישט געבעטען.

דער ווײדע, וואָס איז געווען אַ גרויסער בעל-בכי, האָט געמוזט צו מיר איבערגעבען בירושה אָט די אייגענשאַפט זײַנע און נאָך הײַנט אַפילו, אַז איך דערהער עפּעס אַ געוויין, נו, מאַלע פון וואָס, חאָטש פון אַ קלייניגקײַט, שטעלען זיך מיר באַלד טרערען אין די אויגען.

ערב יום-כפור, אַ ווײגער צוועלף, איז דער ווײדע געגאַנגען דאַוונען מנחה מיט דער גאַנצער פאַמיליע. דעמאָלט האָט דער ווײדע צוטײלט פופציג רובל, דער ברודער דרײַסיג רובל, און יעדערער — צו פופצען, צוואַנציג רובל, די ווײַבער בעזונדער, און אַזוי איז פון אונזער פאַמיליע אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ גרויסע צדקה.

אין שוהל פלעגט זײַן אויסגעשפּרייט היי און נעבען טהיר איז געלעגען אַ בערגעל היי, וואָס דאָרט האָבען זיך די בעלי-בתים חשובים צוגעלעגט, און דער ערשטער שמש, אָנגעטהאָן אין אַ קיטעל, מיט אַ גרויסען קאַנטשיק אין האַנד, איז געשטאַנען און געצעהלט יעדערן ארבעים מלקות. געצעהלט האָט ער אויף לשון-קודש: אחת, שתים, ביז ארבעים. דער יוד איז געלעגען אויסגעצויגען, אָנגעטהאָן אין אויבער-מלבוש, און דער שמש האָט געשמיסען, איין קלאַפּ אונטען און איין קלאַפּ אויבען, אויפ'ן פּלייצע, און די געשמיסענע פלעגען ליגענ-דיג שלאָגען זיך על-חטא בעת מעשה. די אָרימע לײַט האָבען נישט געהאַט קיין זכיה, אַז מען זאָל זיי שמײַסען, וואָרום פאַר דער עקוצע-קוציע האָט מען בעדאַרפט גוט אָבצאָהלען דעם שמש, און אַז עס פלעגען קומען אַ סך בעלי-בתים, פלעגען זיי שטעהן און וואַרטען. די חשוב'ערע בעלי-בתים האָט מען פריהער געשמיסען. אַז דער ווײדע איז געקומען אין שוהל, האָט ער זיך באַלד געלעגט, און דער שמש האָט אָנגעהויבען צעהלען. און מיך פלעגט שטאַרק פערדריסען, וואָס דער ווײדע לעגט זיך און דער שמש שמײַסט... וואָרום האַלב צוויי אַ ווײגער זענען מיר געקומען. באַלד איז מען געגאַנגען עסען די היהנער מיט

די לאָקשען. אָבגעגעסען אין דער-גיך און אָבגעבענשט, האָט דער זיידע געגומען בענשען די קינדער פון איין זייט שטוב, און די באָבע פון דער אנדער זייט.

ער פלעגט אָנהויבען אַרויסצורופען אַלע קינדער, יעדערן בײַם נאָמען, כסדר, פריהער פון די עלטערע, די טעכטער און די שנירה, דערנאָך — די טעכטערס טעכטער און די שנוהר׳ס שנוהר. מען האָט אפילו געבראַכט די קליינטשקע זויג-קינדער, עס האָט געמעגט אַלט זיין צוויי וואָכען, צום בענשען. אָנגעהויבען האָט ער פריהער צו בענשען די מאַנספערשוינען פון עלטסטען ביז אַ קינד פון צוויי וואָכען, וואָס די מוטער האָט דאָס געהאַלטען אין אַ קישעלע, און ער האָט אויפ׳ן קינד אַרויפגעלעגט די הענד און געבענשט, און דערנאָך האָט ער געבענשט די פרויען, אויך מיט אַזאַ סדר.

בײַם בענשען האָט ער אַזוי געוויינט, מיט אַזאַ ביטערן און יאָמערדיגען געוויין, אַז אַ שטיין וואָלט אויך געקענט צוגעהן. עס פלעגט זיך, אַז אַלע פלעגען נעהמען וויינען, די גרויסע מיט די קליינע און עס פלעגט זיך ווערען אַ מין מישמאַש פון פערשידענע געוויין-קולות; גראָבע און דינע און קוויטשענדיגע. פון דער זייט האָט מען געקענט מיינען, אַז אַ שטאָדט איז חרוב געוואָרען.

נאָך דעם זיידענ׳ס בענשען איז מען גלייך געגאַנגען צו דער באָבען. זי האָט נאָר געגאָסען מיט טרערען, אָבער קיין שום קול האָט מען פון איהר קיינמאָל נישט געהערט. זי האָט מעהר נישט אַרויפגעלעגט דאָס דאַרע הענדטעל אויפ׳ן קעפעל, און די טרערען האָבען זיך פון איהר געגאָסען שטיל, שטיל, שטיל... אַזוי האָט געדויערט די צערעמאָניע פונ׳ם בענשען איבער צוויי שעה, און דער זיידע הזט שטענדיג פערשפעטיגט, שטענדיג איז ער געקומען אין שוהל, ווען דאָרטען איז שוין געווען געפאַקט מיט מענשען און מען האָט גע-וואַרט אויף איהם מיט כל-נדרי.

אַמאָליגע יום-כפור׳ס... גאָט מיינער, וואָס האָט זיך דאָס אָבגעטהאָן!

אין שוהל, בײַ כל-נדרי, האָט אויסגעזעהן ווי אַנ׳עדה מענשען, דורכגענומען מיט אַ גרויסען פחד, שטעהען גרייט צו געהן אויף דער אמת׳ער וועלט. אַלע זענען אָנגעטהאָן אין די ווײַסע קיטלען מיט די

גאַרטלען, געהאָפטען פון זילבער און גאָלד, אין טליתים, אין יאַרמאָל־קעס, אויך געהאָפטענע פון זילבער און גאָלד. מײַן זיידענס יאַרמאָלקע מיט'ן גאַרטעל האָבען בעטראָפען אַ סך צעהנדליגער רובל, און געווען נאָך שענערע. און אַפילו די אָרימע־לײַט האָבען אויך געטראָגען ווײַסע יאַרמאָלקעס, אויסגענייהט מיט קאָליריטע זייד.

און די פיעל ליכט, וואָס האָבען געברענט אין אַלע הענגלײַכ־טער, וואָס זענען אַראָבגעהאַנגען אויף שטריק פונ'ם גאַנצען סופיט, און אויך צושטעלט אויף די טישען, אַרײַנגעשטעקט אין קאַסטענס מיט זאַמד! יעדער יוד וויל, אַז אַ ליכט זאָל ברענען פאַר זײַנע עלטערן — פון כל־נדרי ביז אויף מאָרגען אָווענד נאָך נעילה. די גרויסע ליכטיג־קײַט האָט געשפּיעלט אויף די גאָלדענע, זילבערנע און זיידענע יאַר־מאָלקעס, מיט די ווײַסע קיטלען און טליתים — און אויף אַלע פּנים'ער איז געלעגען עפּעס אַ הייליגקײַט. קיינער האָט דעמאָלט נישט געהאַט אין זינען קיין גשמיות, ערדישעס, וואָלענדיגעס.

דער עולם וויינט און בעט גאָט, ער זאָל מוחל זײַן אויף אַלע עבירות, ער זאָל שענקען אַ גוט יאָהר, אַ געזונד יאָהר, יעדער גיסט אויס זײַן האַרץ מיט טײַכען טרעהרען פאַר'ן רבונו־של־עולם.

און די געוויינען מיט די קולות און יאָמערן פון די ווײַבער געהען איבער אין מענער־שוהל, און צוברעכט זיי די הערצער, און די מאַנסביל צעוויינען זיך אויך ווי די ווײַבער.

עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען איצט, ווען דער גאַנצער יום־כפּור איז אָבגעשוואַכט געוואָרען און זײַן פּחד האָט אָנגעוואָהרען די שליטה איבער אונז, די אַמאָליגע כל־נדרי־נאַכט אין די שוהלען און די בתי־מדרשים!

די ווענד האָבען געוויינט, די שטיינער אין גאַס האָבען גע־קרעכצט און אַ פיש אין וואַסער האָט געציטערט, און דאַוונען דאָס די יודען, וואָס אַ גאַנץ יאָהר רײַסען זיי זיך פאַר אַ גראָשען פּרנסה!

קיין שנאה, קיין קנאה, קיין תאוה, קיין חניפה, קיין לשון־הרע, קיין רכילות, קיין עסען, קיין טרינקען. אַלעמענס הערצער און אויגען זענען אויפגעהויבען צום הימעל און עס איז בלויז רוחניות, נשמות אָהן גופ'ען.

און פון חזן בײַם עמוד פליסט מיט האַרציגע נגונים און צוגיסט זיך איבער אַלעמענס הערצער.

אין עלטער פון צוועלף יאָהר האָב איך אָנגעהויבען געהן צו כּל-נדרי מיט'ן טאַטען אין חסידים-שטיבעל. דאָ איז שוין געווען אַנ'אַנדער כּל-נדרי און בײַ זײַ איז מיר בעסער געווען געפעלען דאָס דאַווענען יום-כּפּור, איידער בײַ די מתנגדים.

אין חסידים-שטיבעל הערט מען נישט קיין געוויינען, קיין יאָמערן קיין פערכליפּען זיך וויינענדיג, נאָר מען דאַווענט מיט גרויס קוראַזש; ווער עס האָט אַ גוטען קול, דער דאַווענט הויך און פרעהליך, און ווער נישט — דאַווענט שטיל, נאָר מיט טעם, און אַלע זינגען איין האַרציגען נגון. קיין שום חזנים און חזנות איז נישטאָ. דער בעל תּפילה זאָגט די ווערטער מיט'ן האַרציגען נגון און אַלע זאָגען איהם נאָך.

נאָך כּל-נדרי פלעגען פיעל חסידים, יונגע און אַלטע, נעכטיגען אין שטיבעל. מען פלעגט זיך לעגען אויף די היי, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע. עס איז עפּעס געווען טשיקאַווע. און איך האָב זעהר ליעב געהאַט צו נעכטיגען נאָך כּל-נדרי אין שטיבעל אויף די היי. פלעגט מען ליעגען און אונטערברומען פערשיעדענע האַרציגע נגונים'לעך די גאַנצע נאַכט און עס פלעגט זיך עפּעס זיס אײַנשלאָפען.

אין די אויערן פלעגט אָבקלינגען דאָס זיסע אונטערברומען, און דער שלאָף פלעגט זײַן לײַכט, ווי אַ דרעמעל. מען האַפּט זיך אויף אויף אַ פּאָר מינוט און מען ווערט צוריק אַנטשלאָפען. און אַרום און אַרום זינגט זיך, זינגט זיך, שטיל, שטיל...

יום-כּפּור אַ זייגער צעהן אין דער-פריה האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען ווידער מיט אַזאַ געריוש, פּונקט ווי מיליטער אויף אַ פּאַראַד, און עס ראַווענט זיך מיט גרויס טעם. אַזוי זענען אַלע חסידים געשטאַנען גלײַך אויף די פיס, אָנהויבענדיג מיט איין אויסגעשרײַ, ביז צוועלף אַ זייגער.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען פּערקויפען די עליות, אַזוי ווי בײַ מתנגדים. אָבער פּערקויפט האָט מען אויך מיט טעם. די חסידים, די זינגערס, און די עלטערע האָבען זיך ווײַטער צולעגט אויף די היי און ווידער האָט מען אונטערגעברומט אַ נגונ'דיל, אָבער שוין נישט

אײַנס, נאָר עטליכע, אין דעם װינקעל אַזאַ נגון, אין דעם אַנדערן װינקעל — אַן׳אַנדער נגון, אַקוראַט נאָכ׳ן רבי׳ן נאָך — די קאַרלינער זײַערע נגונים, די סלאָנים׳ער זײַערן, און אײן-אײנציגער חסיד, װאָס האָט געהערט צום ליבאַװיטשער רבי׳ן האָט געזונגען זײַן נגון. די אַלע נגונים׳לעך, ברומענדיגע און האַרציגע, פלעגען זיך איפּגיסען אינאײַנעם און צוגיסען זיך אין אַלע אברים.

און דערנאָך האָט זיך אָנגעהױבען דער מוסף. פאַרהאַן פיעל חסידים, װאָס װילען גאָרנישט זאָגען קײן פיוט. זײ האַלטען מעהר פון האַרציגען פרומען געזאַנג, אײדער פונ׳ם דאַװנען, און זײ פלעגען זיך אונטערזינגען שטילערהײד.

און דער יום-כפור בײַ די חסידים איז מיר אַזױ געפעלען געװאָרען, אַז איך פלעג שױן געהן ראש-השנה אױך אין שטיבעל, האָטש אָהן טאַטען. (ער פלעגט אַװעקפאָהרען צום רבי׳ן).

יום-כפור בײַנאַכט, נאָך מעריב, האָבען אַלע קינדער און אײניקלעך געמוזט קומען צום זײדען. װידער לעקעך און בראָנפען, און אײַנגעמאַכטס, און דערנאָך האָט מען געגעסען די כפרות, דערנאָך איז געקומען דער ברודער מיט זײַן גאַנצער פאַמיליע און מען האָט זיך שטאַרק משמח געװען ביז האַלבע נאַכט.

נאָר דער טאַטע, װי איך האָב שױן געזאָגט, האָט געפעהלט ראש-השנה, װײַל ער איז געװען בײַם רבי׳ן, פריהער אין קאָברין און דערנאָך אין סלאָנים. ערב יום-כפור איז ער אַפילו געקומען זיך בענשען — און מעהר נישט. יום-כפור האָט ער געדאַװענט אין חסידים-שטיבעל. דערפאַר אָבער איז יום-כפור בײַנאַכט בײַם טאַטען געװען נאָך אַ גרעסערע שמחה. אַ זײַגער אַכט האָבען זיך שױן גענומען קלױבען חסידים צום טאַטען און מען האָט גע׳שכור׳ט און געזונגען, און געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט.

איך האָב זיך געהאַט צו פרעהען אױף צװײ טראַקטען: בײַם זײדען און בײַם טאַטען. װאו עס איז געװען די שמחה גרעסער, דאָרט בין איך געװען, און דאָס רוב בין איך געװען אין בײדע ערטער.

אױף מאָרגען נאָך יום-כפור איז שױן געקומען פון טשעכטשאָװע די קאַרעטע פאַר בעריל-בענדעט׳ן מיט דעם װײַב, בריטשקעס פאַר די קינדער מיט די דינסטען און אַ פורגאָן אױף די אַלע זאַכען און

קיך-געשיהר. צום געזעגענען זיך פלעגט קומען די גאַנצע פאַמיליע און עס איז ווידער געווען היימלעך.

די צייט פון יום-טוב בכלל האָבען אַלע געמוזט זיין ביים זיידען אין שטוב. די עלטערע האָבען געגעסען די צוויי סעודות ביי זיך — אָבער די קלענערע האָבען אַלע געגעסען ביים זיידען. עס איז אַ גאַנץ יום-טוב געווען פול געפאַקט די גרויסע שטוב מיט קליינע און גרויסע, מען האָט געגעסען און געטרונקען, און עס איז געווען אַזוי פרעהליך, אַז דער זיידע האָט זיך נישט פערגונען צו געהן ביי טאָג שלאָפען. ער איז געזעסען ביים טיש דעם גאַנצען טאָג און געשעפּט נחת פון אַלע זיינע קינדער; ליעב האָט ער געהאַט, אַז די קינדער זאָלען וואָס מעהר רוישען, וואָס מעהר שטיפען און מען האָט, דאַכט זיך, געקענט טויב ווערען פון די קולות, פון די געלעכטערס און שטיפע-רייען, די גרויסע ווי די קליינע — און ער האָט געשעפּט נחת. ער האָט זיך אָפטער איבערגעזעצט צו אַנ'אַנדער טיש, דערנעהנטערט זיך כסדר דאָ צו דער גרופּע קינדער, דאָ צו אַ צווייטער און געקוקט און געשעפּט נחת.

ניס האָט די באָבע געקויפט אויף יום-טוב גאַנצע זעק, און מען האָט אַלעמאָל געגעבען די קינדער צום שפּיעלען. האָט מען געשפּיעלט אין ניס און געקנאַקט מיט קנאַקערס, געלעגט אין די קעלישקעס וויין און עס האָט, מיט איין וואָרט, געראַשט.

נאָר ביים טאַטען איז געווען בלויז אַ חסיד'ישע שמחה. סוכות האָט זיך ביים טאַטען געהויבען די שטוב גאַנצע טעג און נעכט פון געזאַנג און טענץ. באַלד ווי די חסידים האָבען נאָר אָבגעדאַווענט אין שטיבעל און ווי-עס-איז אָבגעכאַפּט אין דער-היים די סעודה, זענען זיי גלייך געקומען צום טאַטען און עס איז אַוועק אַ טאַנצעריי מיט אַ געזינגעריי.

און שמחת-תורה איז שוין געווען איינגעפיהרט משנים קדמוניות, אַז צוויי קאָצקער חסידים, יאַנקעל און שעבסעל דער סופר מיט אַ פּאָר צעהנדליג יונגלעך זאָלען געהן איבער דער גאַנצער שטאָדט און אַרויסנעהמען פון אַלע אויוועגס די עסענס מיט די צימעסען, מיט די געבראָטענע גענז, מיט די געבעקסען—און ברענגען צו אונז, וואו מען האָט איבערגעקעהרט אַ וועלט.

איך בין מיך מודה, אז צווישען די יונגלעך-נאַלויפער, וואָס פלעגען העלפען מאַכען די חסידים אַ פּאָגראָם אויף די אויוועגס מיט׳ן געקעכטס, בין איך אויך געווען. איך געדענק ווי מיר פלעגען אַרײַנלויפען אין אַ שטוב, אַ וואָרף טהאָן זיך צו די אויוועגס און אַרויסנעהמען דאָס עסען. די בעלי-בית׳טעס פלעגען נישט לאָזען צונעהמען אינגאַנצען, אָבער ווער ווייס זיי הערען? האָט מען גענומען וויפיעל מען האָט געוואָלט און געלאָפען ווייטער. דאָס „אָנגעריבטע“ פלעגען די יונגלעך אַוועקטראָגען גלײַך צו אונז.

אַ פּאָר וואָכען פאַר חנוכה פלעגט נעהמען געהן אַ סדרה פון קאָרטען-שפּיעלען, אָבער דאָס שפּיעלען איז נישט געווען ווי, בעוונותינו הרבים, אין היינטיגער צייט: מען שפּיעלט אין קאָרטען מיט רציחה און סקאַנדאַלען. אַמאָל בײַ אונז פלעגט זיך אויפקומען די גאַנצע פאַמיליע צום זיידען און יעדער האָט גענומען שפּיעלען פאַר אַ קינד פון דער פאַמיליע. יעדערער האָט זיך גענומען אַנ׳אַנדער קינד צו שפּיעלען פאַר איהם, און וויפיעל ער האָט געוואונען, האָט ער עס דעם קינד אָבגעגעבען. אפשר האָט געקענט איינער אַמאָל פערשפּיעלען ביז אַ צעהן גילדען, אָבער דאָס האָט זעלטען געטראָפען. דאָס געוועהנליכע פערשפּיעלען איז געווען פון דרייסיג ביז פינף-און-זיבעציג קאָפּ.

אַזוי האָט זיך די פאַמיליע פערבראַכט די אָוועגדען ביז הנוכה צו פאָר שעה צייט, און חנוכה פלעגט מען שפּיעלען אפשר ביז צוועלף אַ זייגער בײַנאַכט; און אַלע אָווענד האָט מען אַזוי געשפּיעלט ביז ניטל: די נאַכט האַלט מען פאַר אַ מצוה צו שפּיעלען אין קאָרטען, אויך איז אַ מנהג די נאַכט נישט צו לערנען. אָבער נאָך ניטל, האָט מען אינגאַנצען אויפגעהערט צו שפּיעלען אין קאָרטען.

איך געדענק, ווי מיר פלעגט זיך וועלען בעטען איינעם פון דער פאַמיליע — ער זאָל שפּיעלען פאַר מיר. דער טאַטע האָט אָבער נישט דערלאָזען און האָט מיט מיר שטענדיג געמאַכט אין דעם פּרט געשעפט. ער האָט מיך געפרעגט:

— וויפיעל קענסטו געווינען, חצקיל, דרייסיג קאָפּ, אַ האַלב רובל און אַמאָל גאָרנישט. טאָ נאַ דיר אַ האַלבען רובל און זאָל זיך דיר נישט וועלען שפּיעלען.

קיין געלד האָט ער אָבער נישט געגעבען. אָנשטאָט דעם,

פלעגט ער מיר אויף מארגען קויפען עפּעס אַ חפץ, ווי אַ מעסער'ל, אַ טייכטעריל און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען געפּאַסט פאַר אַנ׳-אַכט-יעהריגען יונגעל.

די מיידלעך פלעגען צווישען זיך שפּיעלען דעם גאַנצען טאָג אין אָקע.

דער טאַטע האָט מיך שטענדיג אָבגעהיט פון שפּיעלען און האָט מיר בעצאָהלט גוט געלד, ד. ה. קויפען חפצים. אָט אַזוי האָט ער מיך איינגעוועהנט, און ביז היינטיגען טאָג ווייס איך נישט פון קיין קאָרטען-שפּיעלען, און האָב צו דעם קיין חשק נישט.

אַז איך בין געווען אַלט זיעבען, אַלט יאָהר בין איך געוואָרען אַ מפורסם פאַר אַ גרויסען בעל-חשבון. וואָס איז אַזוינס? איך האָב אויפ'ן קאָפּ גיך געקענט אויפרעכענען אַזעלכע חשבונות, ווי זעקס מאָל זעקס, אָדער פיערצעהן מאָל זיעבעצעהן, אַכצעהן מאָל ניין-און-צוואַנ-ציג, און דעסגלייכען; איך פלעג עס בערעכענען בניה וביה, אין איין סעקונדע.

איינמאָל, חנוכה, געדענק איך, האָט די פאַמיליע מיך גענומען פערהערען אין „מאַטעמאַטיק”, אויף דעם אָרט פון קאָרטען-שפּיעלען. אַרום מיר האָט זיך אַרומגעזעצט ביים זיידען אין צימער די גאַנצע פאַמיליע, און יעדער האָט מיר אויפגעגעבען אַ חשבון. איך האָב אַלע-מען גיך געענטפערט. דערמיט האָב איך דעמאָלט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע, יעדער האָט מיר געגעבען אַ קניפּ ביים בעקעל און דערלאַנגט אַ זילבערנע מטבע. מען האָט מיך געפרעגט וויפיעל סעקונדען איז אין אַ יאָהר און איך האָב עס אין אַ האַלבע שעה צייט געמאַכט.

נאָר דער זיידע ר׳ יודיל האָט מיך געפרעגט, וויפיעל איז דריט-האַלבען מאָל דריטהאַלבען, און דאָ האָב איך זיך אַ וועקגעשטעלט און האָב זיך בשום אופן נישט געקענט קיין עצה געבען, ווי מען הויבט דאָ אָן צו רעכענען. איך האָב זיך זעהר פערשעמט, און עס איז מיר געווען מיאוס נישט צו מאַכען אַזאַ קליינעם רעכענונג. האָט שוין דער טאַטע אויף מיר רחמנות געהאַט און מיך געטרייסט, זאָגענ-דיג, אַז גרעסערע בעלי-חשבון׳ס קענען דאָס נישט מאַכען, נאָר פונ-דעסטוועגען האָט ער מיר געוויזען ווי צו רעכענען דעם „דריטהאַל-בען” — און איך האָב זיך בערוהיגט.

פורים איז שוין געווען ביים ייִדען אַ חזקה צו פערבעטען צו דער סעודה אַ זיבען, אַכט מנינים מאַנסביל פון די קאָמענזיצער בעלי-בתים, דערביי, פערשטעהט זיך, האָט נישט געפעהלט די גאַנצע פאַמיליע דעם זיידענס, די גרויסע משפחה, מיט די שוועסטער און שוואָגערס, און שוועגערינס א. ז. וו. צום טיש זענען דערלאַנגט געוואָרען ווײַנען, פערשיעדענע בראָנפענס און אַלערליי געריכטען. און עס איז געווען אַזוי פרעהליך, אַז אַ הײַנטיגען מענשען איז עס זיך גאָר שווער פאָרצושטעלען.

צווישען עולם האָט זיך אויך געפונען דער שטאָדט-חזן מיט די משוררים. פורים-שפּיעלער האָבען בעוויזען זייער „אַרטיסטישע קונסט“, כלי-זמר האָבען געצימבעלט אויף זייערע כלים, און מען האָט געהערט, געגעסען, געטרונקען און משמח געווען זיך די גאַנצע נאַכט.

ראש-חודש ניסן האָט די באָבע אָנגעהויבען צו גרייטען פאַר דער גאַנצער פאַמיליע אויף פסח. שמאַלץ האָט זי נאָך פון ווינטער צוגעגרייט. זי האָט געזעצט געָנז, און דעם גאַנצען ווינטער האָט זי געפרעגעלט שמאַלץ פאַר אַלעמען, און באַלד נאָך פורים האָט זי אָנגעהויבען צו מאַכען מעד און ווײַן פאַר דעם „צאַרסקען פאָלק“. איהר מעד, ווי אַלץ, וואָס איז אַרויס פון איהרע הענד, האָט געהאַט אַ שם.

אַכט טעג פאַר פסח האָט די באָבע געבאַקען מצות פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. זי האָט פערנומען ביים מצה-בעקער דעם גאַנצען טאָג פון בעגינען ביז אָווענד און אָנגענומען אַרבייטאָרינס. עטליכע און דרייסיג אַרבייטער האָבען געאַרבייט, קיינער פון דער פאַמיליע, נישט די זיהן און נישט די איידעמס, האָבען נישט געוואוסט פון די אַלע זאַכען, וואָס מען בעדאַרף האָבען אויף פסח. די באָבע האָט שוין יעדערן אַרייַנגעשיקט פון אַלעם.

פאַר די מצות-באַקען האָט מען אויסגעוואַשען די פּאָדלאָגעס אין דער גרויסער עס-שטוב מיט נאָך צוויי גרויסע צימערן און מען האָט אויסגעשפרייט מיט שטרוי, וואָס עס איז געלעגען ביז ערב-פסח, און המץ האָט מען געגעסען אין אַנדערע חדרים. און דאָ אויף די שטרוי, אין דעם גרויסען חדר, האָבען זיך אַלע קינדער געקייקעלט. אַ דריי טעג פאַר פסח האָט מען פונאַנדערגעלאָזען די יונגלעך. אַך, וואָס

מיר פלעגען זיך דארט, אויף די שטרוי אויסקאַטשען! דאָס בעס־
טע שטיפען פון גאַנצען יאָהר איז געווען אין די שטרוי.

און דעם גאַנצען פסח איז די גאַנצע פאַמיליע געווען ביים זיידען
אַלע קינדער פון קליין ביז גרויס, מען האָט נאָר געגעסען לאַטקעס
און געטרונקען מעד מיט נים.

און די גאַנצע פאַמיליע איז געווען איינע מיט די אַנדערע גע־
בונדען, געשלאָסען און פעראייניגט, נישט ווי היינטיגע צייטען. אַלע
זענען געווען ווי איין מענש מיט איין נשמה. איז עפעס עמיצער קראַנק
געוואָרען, זענען אַלע פון דער משפחה געקומען צולויפען און טאָג ווי
נאַכט אָבגעווען ביים חולה. אַ דריי, פיער מענשען זענען געזעסען
אַרום קראַנקען, און די איבעריגע האָבען געשלאָפען אויף דער פאָדלאָ־
גע, אין די וויַטערע חדרים. טאָמער האָט מען עפעס בעדאַרפט
פאַר׳ן קראַנקען, זענען צעהן מענשען געלאָפען ברענגען.

און ווען דער קראַנקער איז געווען געפעהרליך, האָבען אַלע גע־
וויינט; און ווען געשטאָרבען, צי אַ קינד, צי אַ גרויסער, האָט די
גאַנצע פאַמיליע אויפגעהויבען אַ יללה ביז׳ן הימעל. ביים זיצען שבעה
איז שטענדיג געווען פול פון דער משפחה. מען האָט אומישנע ביים
אָבל געשלאָפען, אויסגעלעגט זיך אויף דער פאָדלאָגע אויף היי. דאָס
אַלץ איז געטהאָן געוואָרען, כדי די אבלים זאָל נישט זיין אומעטיג.

און, פערקעהרט, אַז עס איז געווען אַ שמחה, צי אַ ברית, צו
אַ ברית׳צע, אָדער אַ תנאים און ווער רעדט אַ חתונה, אָדער אָבוואַר־
טען אַ חתן צי אַ כלה — איז די שמחה געווען גרויס, וואָס ס׳איז זיך
גאָר שווער איצט אַזוינס פאָרצושטעלען. אַלע זענען געווען צוזאַמען
און אַלע זענען געווען משוגע פון פרייד.

ביים זיידען איז געווען אַנ׳אויבער־שטיבעל, אַ גרויסער חדר. אָט
דער חדר האָט געדינט פאַר׳ן זיידען ווי אַ מין זאַל, אויף צו צונעה־
מען געעהרטע געסט, ווי פריצים, אָדער מחותנים, אָדער אַזוי שענע
יודען. דער דאָזיגער חדר איז שטענדיג געווען גוט אויסגעמעבלירט און
זעהר שען צוגעפוצט, און די יונגע־ליַיט פון דער פאַמיליע האָבען זיך
דאָרט געלערנט טאַנצען.

אַז עס האָט בעדאַרפט זיין אַ חתונה ביי איינעם פון דער
משפחה, האָט מען זיך שוין געלערנט טאַנצען מיט דריי חדשים פרי־

הער. איך געדענק, אַז איך האָב גאָר נישט שלעכט געטאַנצט יונגעל־
וויַיז. אַ שמחה האָט בייַ אונז אָפטער געטראָפען: דאָס איז בייַ דעם
אַ ברית, דאָס איז בייַ יענעם אַ מיידעל געבוירען געוואָרען, און אַלע
האָבען זיך געפיהלט, ווי בייַ זייַ גופא וואָלט געטראָפען די שמחה.

און דער זיידע האָט, ווי געזאָגט, ליעב געהאַט, אַז אַלע קינ־
דער זאָלען איבערקעהרען די שטוב קאַפויר, דאָס איז געווען זיין פּער־
געניגען.

און טאָמער איז ער אַמאָל שבת, צי יום-טוב בייטאָג, אַ מידער
געגאַנגען צולעגען זיך, איז ער נישט געגאַנגען צו זיך אין שלאָף־
צימער, אויפ׳ן אויבער-שטיבעל, וואו ער האָט געהאַט אַ רוהיגע בעט,
נאָר ער האָט זיך געלעגט אין אַ צווייטען צימער, בייַ די קינדער,
נעבען דער גרויסער שטוב, וואו עס איז געווען פול מיט קינדער און
גרויסע, און האָט אומישנע געלאָזט אָפען די טהיר פון דעם צימער,
כדי ער זאָל קענען הערען די געשרייען מיט די געלעכטערס, מיט די
שטיפעריַיען פון אַלעמען.

נאָר אין דער גרויסער ליעבע פון זיידען צו דער משפחה איז,
ווי אין אַלץ, געווען אַ סך שולדיג די באָבע. דאָס האָט זי, די קלוגע,
וואוילע און האַרציגע יודענע זיך געסטאַרעט, אַז די גרויסע משפחה
אונזערע זאָל נישט צופאַלען, אַז אַלע זאָלען זיין טריַי איינע צו די
אַנדערע און אַז דער זיידע זאָל שטעהן איבער אַלעמען, ווי אַ הייסער
פאָטער.

און טאַקע נאָך דער באָבעס טויט איז אָט די טריַיקייט, אָט די
משפחה-הייסקייט טיילווייז קאַליע געוואָרען, און אין אַ סך זאַכען איז
שוין דעם „צאַרסקען פאָלק" נישט געווען צו דערקענען.

אַז דער זיידע האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער צי אַ זוהן, האָט
ער געהייסען מיין טאַטען, משה, און זיין ברודער׳ס בן-יחיד, אריה־
ליב, צונויפשטעלען אַ צעטעל, וואָס פאַר אַ קליידער מען דאַרף מאַכען
דעם חתן, אָדער דער כלה, אַזוי אויך פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.
זענען זיך ווידער אויפגעקומען אַלע קינדער און איינינקלעך, פון קליין
ביז גרויס, און יעדערער האָט געזאָגט, וואָס פאַר אַ מלבוש ער וויל
האָבען.

די געשרייען פון יעדען קינד: „זיידע איך וויל דאָס!"

און די קולות פון די דערוואַקסענע: „איך וויל אַזאַ מלבוש”, מיט די קולות פון די ווייבער און מיידלעך: „מיר אַזוינע מלבושים” — האָבען פערהילכט די שטוב, און איין געשריי איז געשטאַנען:

— זידע! זידע! זידע!

מען האָט אָבער נישט געקענט דערגעהן קיין טאָלק און מען האָט געמוזט אויפשרייבען אויף אַ צעטעל אַלע מאַנסביל, ביז דאָס קלענסטע יונגעלע פון צוויי יאָהר און דערנאָך אַלע פרויענצימער פון דער עלטסטער פרוי ביז דאָס קלענסטע מיידעלע — און נאָכ'ן צעטעל, ווי צום פריזיוו, אויסגערופען יעדערן בעזונדער און געפרעגט:

— וועלכע קליידער ווילסטו?

געוועהנליך, האָט יעדערער געבעטען מעהר, איידער מען האָט געקענט געבען און מען האָט זיך געדונגען:

— אַזוי פיעל נישט, שפּעטער וועט מען דיר מאַכען.

— איצטער!

און עס האָט זיך געקעהרט. אַנדערע פון די פערשטענדיגע קינדער זענען שוין פריהער געלאָפען און געבעטען דעם בן־יחיד, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע דעה ביי זיין פעטער אהרן־לייזער'ן, און האָט זאָגאַר אָפט געטהאָן, וואָס ער האָט געוואָלט, האָטש געגען דעם ווילען פון זיין פעטער, האָט ער אונז געקענט, פערשטעהט זיך, טהאָן דערין אַ טובה.

קויפען סחורה פלעגען פאָהרען מיין טאַטע מיט אריה־ליב'ן. געפאָהרען איז מען קיין בריסק. די סומע פלעגט אָפטמאָל אָנטרעפען זעקס, זיעבען הונדערט רובל, אויסער וואָס מען האָט צוגעקויפט אין קאַמעניץ.

מען דאַרף וויסען, אַז דעמאָלט איז געוועזען סחורה אַ קליין ביסעל ביליגער ווי היינט, דהיינו, די בעסטע וואָלענס האָבען געקאָסט דרייסיג, פיערציג קאָפּיקעס אַנ'איל, די בעסטע סאַמעט דריי רובל אַנ'איל, די בעסטע זיידענס, פון אַ רובל, ביז אַ רובל פופציג.

דער פעטער מרדכי־ליב האָט פערלאַנגט, אַז אויף די אַלע זאַכען, וואָס מען מאַכט דער גאַנצער פאַמיליע, זאָל ער געבען

העלפט און דער ברודער אהרן-לייזער ה ע ל פ ט , און אַזוי איז שוין געווען איינגעפיהרט שטענדיג, און אַז דער זיידע האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט דער פעטער געמאַכט די סעודות פון שבעת-ימי-המשתה אַ מ אָ ל א י ב ע ר אַ מ אָ ל, דער זיידע א י י ן טאָג און דער פעטער א י י ן טאָג.

פּופּצעהנטעס קאַפּיטעל.

מיין פאָטער מיט זיין חסידות. — מיינע מלמדים. — דער רבּי געשטאָרבען! — די מסירה. — טווערסקי. — ר' ליב. — דאָס קנס'ענען. —

בּיי מיין פאָטער זענען אַלע פאַמיליען־שמחות און אַלע פערגני־גענס אין דער וועלט געווען בּלא געגען זיינע חסיד'ישע פערגניגענס. זיין גרעסטער תּענוג איז געווען, ווען ער איז געזעסען מיט די חסידים בּיים טיש און מען האָט געזונגען די האַרציגע חסידישע נגונים — דע־מאָלט איז ער געווען בּעגייסטערט. זיין קאָפּ מיט אַלע זיינע געדאַנקען זענען געווען בּיים רבּי'ן, ר' משה קאָבּרינער, און דערנאָך ר' אברהם'יל סלאָנימער, וואָס לויט זיין מיינונג, רוהט די שכינה מיט אַלע מלאכים הקדושים אויף זיי.

בּיים טאַטען איז דער עיקר געווען חסידות. און דעריבּער האָט ער גאָרנישט געוואָלט, אַז איך זאָל קענען גוט לערנען, ער איז גע־ווען צופרידען, וואָס איך בּין געווען אַ פרום יונגעל, און האָט זיך נישט געסטאַרעט מיך אָבּצוגעבּען יעדער זמן צו אַ בּעסערן מלמד.

איך האָבּ געהאַט, ווי געזאָגט, נישט קיין שלעכט קעפּעל, און אַז איך האָבּ געלערנט בּיי איין מלמד אַ זמן, האָבּ איך שוין בּעדאַרפט

אַ צוויַיטיָן זמן האָבען אַ גרעֶסערן מלמד, און דער טאַטע האָט מיך אָבגעֶהאַלטעֶן ביַי אַ מלמד צו צוויַי יאָהר, דעריבער בין איך במעט נעֶשטאַנעֶן אויף איין אָרט און נישט געֶשטיגעֶן אין לערנעֶן נאָך מיַינעֶ פעֶהיגקיַיטעֶן נאָך. פאַר מיר איז עס אפילו געֶוועֶן אַ „טובה“, וואָרום איך בין שטעֶנדיג געֶוועֶן דער בעֶסטער תלמיד אין לערנעֶן, און האָב זיך נישט בעֶדאַרפט מאַטערן.

ביַי מאָטעֶ דעם מלמד האָב איך געֶלערנט צוויַי יאָהר. איך האָב ביַי איהם שוין געֶזאָגט אַליין אַנ׳עמוד גמרא מיט תוספות. נאָר ער האָט מיט אונז זעֶהר וועֶניג געֶלערנט, וויַיל ער האָט אַליין נישט געֶקענט.

איך האָב זעֶהר געֶוואָלט אָנהויבעֶן לערנעֶן תוספות, און אַז איך האָב עס געֶזאָגט דעם טאַטעֶן, האָט ער דערויף געֶענטפערט:

— וואָס דאַרפסטו תוספות? גמרא לערנסטו דאָך, זיַי נאָר אַנ׳עהרליכער יוד און געֶנוג...

דערפאַר אָבער האָב איך ביַי מאָטעֶ דעם מלמד געֶוואוסט פון דעם גאַנצעֶן גיהנם מיט זיַין אַרכיטעֶקטור אפילו, ווי דער גרעֶסטער אַרכיטעֶקטאָר, און האָב אויך געֶוואוסט פון אַלעֶ כף־הקלע׳ן, און אַלעֶ מלאכי־חבלה און פון אַלעֶ יסורים קשים ונוראים, וואָס די רשעים האָבעֶן אויף יעֶנער וועֶלט.

פון גן-עדן, אַלס זעֶהר אַ גוטעֶ איינריכטונג, האָט מאָטקעֶ דער מלמד געֶהאַט אַ קנאַפּעֶן בעֶגריף. איבעריגעֶנס, מיט׳ן גן-עדן בין איך בעֶקאַנט געֶוואָרעֶן פון „פּאַטשאָשניק“, אַ פּרוש, וואָס האָט אַלעֶ שבת ביַים פּעֶטשעֶר מרדכי-ליב׳ן פאָרגעֶשטעֶלט דעם גן-עדן: ברילִיאַנטעֶנעֶ שטוהלעֶן, טיַיערעֶ פּאַלאַצעֶן פון גין־גאָלד און מאכלים, מאכלים מאכלים, וואָס אַ מויל קען רייַדעֶן און נישט רייַדעֶן! בלויז די שמאַלץ אַליין, וואָס עס גיסט זיך פון רבה בר־בר חנה׳ס געֶנז, און די בוימלעֶן מיט דעם יין המשומר, מיט די וויַין-טרויבעֶן, וואָס פון יעֶדער טרויב קוועֶטשט זיך אַרויס וואַסער וויַין מען וויל!

פון שדים, טיַיוולאָנים און נישט־גוטעֶ, מיט וואַסער-מענשעֶן און כישוף-מאַכער׳ס האָב איך געֶוואוסט פון דער באָבעֶ׳ן מיט לייבקעֶ דעם שוהל־רופער, און אין די אַלעֶ זאַכעֶן בין איך געֶוועֶן אַ גאָן, אַ בקי. אין יעֶדעֶן פּיצעֶלעֶ פון די אַלעֶ שרעֶקליכעֶ נישט-האַרציגעֶ זאַכעֶן און

מעשיות מיט עין-הרע'ס בין איך געווען אויסגעצייכענט בעהאַוועגט.

ביי אונז זענען געווען צוויי מענשען, וואָס האָבען אָבגעשפּראָכען אַנ'עין-הרע אין שטעדטיל. איינער איז געווען דוד דער פיהרער, וואָס פלעגט פיהרען מעהל פון די מיהלען אין די געוועלבער. פלעגט ער אָבשפּרעכען עין-הרע מיט ביינדלעך פון אַטויטען מענשען. וואו ער האָט גענומען די דאָזיגע ביינדלעך, ווייס איך עד היום נישט. אַז ביי עמיצען איז געוואָרען געשוואָלען דאָס פּנים, דאָס הייסט, די באַקען, פון אַ צאָהן-געשוויר, ווי מען רופט דאָס, אָדער דער האַלז, פלעגט מען געהן צו אָט דעם דוד דעם פיהרער, פלעגט ער שוין נעהמען די ביינדלעך און אַרומטאַנצען מיט זיי איבער דעם געשווילעכטס און דערביי שעפּטשען עפּעס אין דער-שטיל. און דער חולה איז געווען בטוח, אַז אויב נישט היינט איז מאָרגען, איז איבער אַכט-טאָג, איז איבער צוויי, דריי וואָכען — און דאָס געשווילעכטס וועט אָבגעהן. פאַר יעדען אין שטעדטיל איז געווען „קלאָר", אַז אַ געשווילעכטס קומט פון עין-הרע.

אַ צווייטע אָבשפּרעכערין פון אַנ'עין-הרע איז געווען גאָלדע די מגיד'יכע, דעם מגיד'ס ווייב. ער, דער מגיד, איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ גדול בישראל, אַ בקי אין ש"ס און דאָס ווייב, האָט מען גערעדט, האָט אויך געקענט לערנען גמרא.

אָבשפּרעכען פלעגט זי שוין עין-הרע מיט צוויי אייער. מיט ביידע אייער און מיט ביידע הענד פלעגט זי אומשפּאַצירען איבער'ן געשווילעכטס פון פּנים און האַלז, און האָט אויך אַזוי געשעפּטשעט אין דער-שטיל.

די דאָזיגע „דאָקטאָריע" האָט געקאָסט ביליג — אַ צעהנער, און פאַר אַנ'אָרימאַן — אַ זעקסער. איך געדענק, אַז ביי מיר איז עטליכע מאָל געשוואָלען געוואָרען דאָס פּנים, וואַהרשיינליך, פון די צייהן, און מען פלעגט מיך פיהרען צו דוד דעם פיהרער. פון איהם האָט מען מעהר געהאַלטען, פלעגט ער מיר, געדענק איך, אַזוי קראַצען מיט די ביינדלעך, וואָס זענען געווען שפּיציג, נישט קיין פערפיילטע, אַז איך פלעג שיער נישט חלש'ן פון יסורים. געשווינד פלעגט ער לויפען מיט די ביינדלעך איבער'ן פּנים.

פלעג איך זיך בעטען, אַז מען זאָל מיך פיהרען צו דער

מגיד׳יִכלע: זי שפרעכט אָב מיט די אייער, איז אזוי „גלאַט״, אַז ס׳איז אַ מחיה, מען האָט מיך אָבער נישט געהערט.

— נאַרעלע, — האָט מען מיר געזאָגט — עס טהוט דיר אַפילו אַ ביסעל וועה, אָבער דערפאַר וועסטו דערפון גיך פטור ווערען, און ביי דער מגיד׳יכלע געדויערט זעהר לאַנג.

אַמאָל פלעגט מיר „אָבגליקען״: דוד דער פיהרער פלעגט נישט זיין אין דער-היים; ער פלעגט אַוועקפאָהרען מיט זיין פוהר אין די מיהלען אַריין, אָדער קיין בריסק — ברענגען מעהל, האָט מען מיך געפיהרט צו דער מגיד׳יכלע. דעמאָלט האָב איך זיך „געפרעהט״ און בין געווען איבער גליקליך: אַ קליינינקייט, לויפען מיט שפיציגע ביינדלעך איבער אַ געשווילעכטס!

צו ניין יאָהר האָט דער טאַטע מיך מיט ישראל׳ן, זיין ברודער, אָבגענומען פון מאָטקע׳ן און אָבגעגעבען צו ביינוש-ליב דעם מלמד. דאָס איז אַפילו געווען אַ יוד אַ למדן, אָבער אַ גרויסער פעפער. דעם גאַנצען טאָג פלעגט ער שלאָפען און חראָפען, זיצענדיג ביים טיש, מיט די תלמידים. מיר זענען געווען זעקס יונגלעך. געלערנט האָט ער מיט אונז גמרא און תוספות און גאַנץ גוט געלערנט, נאָר אין מיטען לערנען איז ער איינגעשלאָפען. אויך האָט ער געהאַט אַ פעהלער, וואָס ער פלעגט רש״י, וואָס לערנט דעם פשט פון יעדער שורה גמרא און גיט גוט צו פערשטעהן די קורצע און אָבגעהאַקטע ווערטער פון תלמוד, לערנען מיט אונז נישט צוזאַמען מיט׳ן ענין, נאָר בעזונדער: אָבגעלערנט אַ גאַנצע בלאַט גמרא און דערנאָך דאָס גאַנצע בלאַט רש״י. מיר האָבען שוין דעריבער נישט געקענט גרינדליך פערשטעהן דעם פשט פון די אַלע ענינים, וועגען וועלכע עס ווערט גערעדט אויף דעם גאַנצען בלאַט גמרא. תנאים מיט אמוראים האָבען זיך געקריגט, רש״י האָט ערקלערט זייער קריג. — און דער רבי האָט עס מיט אונז געלערנט נישט אויפ׳ן געהעריגען אָרט.

נאָר דאָך איז געווען גוט, וואָס ער איז איינגעשלאָפען ביים טיש אין מיטען לערנען. מיר האָבען אַפילו בעת מעשה געמוזט זיצען ביים טיש, וואָרום טאָמער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און נישט געטראָפען דאָס יונגעל נעבען דער אָפענער גמרא, האָט ער געקראָגען פעטש

און אַמאָל געשמיסען. פונדעסטוועגען איז מען פאָרט געווען פרייער, נישט אַזוי געדריקט.

אין קאַמעניץ פלעגט קומען אַלע יאָהר אַ משולח פון וואָלאָזשי־נער ישיבה, וואָס איז שרעקליך געריהמט געווען צוליעב די גרעסטע לומד'ישע יונגע־לייט, וואָס האָבען דאָרט געלערנט. וואָלאָזשין איז נאָך עד היום שטאַרק פּאָפּולערער צווישען יודען.

געדענק איך, אַז די וואָלאָזשינער משולחים האָבען דערהערט, אַז שרה (מיין מאַמע) האָט אַ גוט יונגעל, האָט מען זיך ביי איהר גע־בעטען, אַז זי זאָל מיך שיקען קיין וואָלאָזשין, מען וועט מיך דאָרט „האַלטען" ווי אַ קיסר. אָבער דער טאַטע האָט נישט געוואָלט הערען און געדענקען פון וואָלאָזשין, ווייל פון ר' חיימ'ען אָן זענען אַלע תלמידים פון וואָלאָזשינער ישיבה געווען גרויסע מתנגדים, און ביים טאַטען איז אַ מתנגד געווען פעררעכענט אַזוי, ווי אַן אַפּיקורס, ער מעג זיך אפילו זיין אַ רב.

און אומישנע האָט מיך דער טאַטע אַלץ געהאַלטען נעבען זיך, ס'הייסט נעבען די חסידים, און איז געווען צופריעדען, וואָס איך בין געווען צוגעקלעבט צו זיי, האָב זיך שטענדיג איינגעהערט אין זייער חסידות, און אַז איך זאָל קענען לערנען, איז גאָרנישט געווען זיין דאגה. ער האָט אַלץ געוואָלט פאַר מיר קריגען אַ חסידישען מלמד, אָבער צו מיין מזל זענען אין קאַמעניץ נישט געווען אַזעלכע, אויסער אַן אָנפאַנגער־מלמד, שעיה־בצלאל.

איינמאָל, געדענק איך, האָב איך געהערט אין חדר, אַז ר' משה'לע קאָברינער, דעם טאַטענס רבי, איז געשטאָרבען. איך האָב געמיינט, אַז דעם טאַטענס רבי איז אַזוי ווי מיין רבי, און בין שנעל געלאָפען אָנזאָגען דעם טאַטען די גוטע בשורה. איך בין אריינגע־לאָפען אין קאַנטאָר און האָב מיט גרויס התפעלות אויסגעשריען:

— טאַטע, דיין רבי איז געשטאָרבען!...

נאָר אַן איינדרוק האָט זיך בעקומען פונקט אַ פערקעהרטער: דער טאַטע איז בלאַס געוואָרען און שיער נישט גע'חלש'ט. ער איז באַלד אַוועקגעפאָהרען קיין קאָברין, וואו עס האָט זיך דעמאָלט צונויפגעקלי־בען דער גאַנצער קאָברינער כולל, און מען האָט אויסגעוועהלט פונ'ם כולל — אַנ'ערך ביי אַ זעקס טויזענד חסידים, — זעקס מענשען,

וואס זאלען אויסקלויבען א רבי. פון די זעקס איז אויך געוועזען דער טאטע. פינף וואכען איז ער דארט אבגעזעסען, און מען האט אויסגעקליבען ר' אברהם סלאנימער, א געוועזענער מלמד און א גרויסער למדן, חאטש א שטיקעל שוטה, זאל ער מיר מוחל זיין. פון אלע קאנדידאטען איז ער געווארען רבי.

נאר די קאברינער חסידים און די בריסקער „גרינגע" חסידים, ווי מען האט זיי גערופען, וואס זענען נאר געוועזען חסידים לפנים, האבען געוואלט האבען א נאהנטען רבי'ן. פאהרען אזש קיין סלאנים, איז פאר זיי געוועזען צו-ווייט, האבען זיי אויסגעטראכט, אז דער פערשטארבענער רבי האט געזאגט פאר דער פטירה, אז זיין אייניקעל נח איז ראוי צו זיין רבי; דאס איז געוועזען אנ'אויסגעטראכטער ליגען. און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דאס איז געוועזען א ליגען, וואס דאס בחור'ל איז געוועזען אינגאנצען אלצעהן יאהר אלט, וואס וועגען איהם זענען געגאנגען נישט קיין שענע קלאנגען, האבען איהם דאך א הונדערט חסידים געקרוינט פאר א רבי.

אז דער טאטע איז געקומען פון סלאנים, פון דעם רבי'ס „קרוינונג", האט ער, פרייטאג-צו-נאכטס ביים טיש, ווי שטענדיג, אנהויבענדיג עסען, איידער די חסידים קומען נאך אן, גערעדט מיט דער מאמען פון חסידות, כדי איך זאל הערען.

— וואס זאגסטו, שרה, — האט ער זיך געווענדט צו דער מאמען, — זיין זכרונו-לברכה'ס אייניקעל, נח, א יונגעל פון א יאהר אלצעהן, וואס אונזער חצקיל, גלויב מיר, קען בעסער לערנען פאר איהם, האבען די שקצים געמאכט פאר א רבי, אויסגעטראכט אזעלכע ליגענס, אז ער, זכרונו-לברכה, האט געזאגט, מען זאל איהם מאכען פאר א רבי. וואלסטו וויסען, וואס פאר א גארנישט ער איז!

עס פערשטעהט זיך, אז ווען ער, זכרונו-לברכה, וואלט געהייסען מאכען א בעדער, להבדיל, פאר א רבי'ן, וואלט מען אודאי געמאכט. אבער ער האט דאך נישט געהייסען!...

און דער טאטע האט נישט געוואוסט, אז די דאזיגע ווערטער, וואס ער האט איצט גערעדט, זענען געוועזען פאר מיר א מין זוימען, פון וועלכען עס איז דערנאך אויסגעוואקסען אין מיר א געגען-געפיהל צו חסידות מיט די רביים.

נאָר צו אַכט-ניין יאָהר בּין איך שוין געווען אַ פאַרטיגער חסיד. אַז די גרויסע חסידים, וואָס זענען אומגעפאָהרען פון רבּי'ן און האָבען אויפ'ן וועג זיך אָבגעשטעלט בּיים טאַטען, בּין איך פון זיי נישט אָבּ-געטראָטען, בעת איך בּין געווען פריי פון חדר; און דער טאַטע פלעגט טאַקע שיקען צו מיין רבּי'ן אַ צעטעלע, ער זאָל מיך בּעפרייען אויף דער צייט, וואָס די גרויסע אורחים זענען בּיי אונז געווען.

אין אַ האַלב יאָהר אַרום, נאָך ר' אברהמ'לעס קרוינונג, איז ער אַליין אומגעפאָהרען צו זיינע חסידים נאָך ארץ-ישראל-געלד, און ער איז בּיי אונז געווען שבת. איך בּין שוין נישט אָבגעטראָטען פון איהם, געשטאַנען נעבען איהם און געקוקט איהם אין די אויגען אַריין און געהאָרכט.

איינמאָל אין דער-פריה, צום פריהשטיק, בּין איך געשטאַנען נעבען איהם און געקוקט אויף איהם.

— חצקיל, האָט ער פּלוצלונג מיך אַ פרעגע געטהאָן, — דו קענסט לערנען? זאָג.

— יאָ, — האָב איך נאַאיוו געענטפערט.

— אַנ'עהרליכער יוד בּיזטו?

— יאָ...

און אויף אַלץ, וואָס ער האָט מיך געפרעגט, האָב איך געטהאָן און געענטפערט פשוט און הילכיג: יאָ.

די חסידים האָבען באַלד דערצעהלט דעם טאַטען, וועלכער איז געווען אין אַ צווייטען צימער און געזעהן, אַז מען זאָל דערלאַנגען דאָס עסען, אַז חצקיל האָט דעם רבּי'ן געענטפערט האַמעטנע, צו-פשוט, אַזוי ווי מען ענטפערט גלאַט אַ יודען: יאָ, יאָ, יאָ... אַזאַ יונגעל זאָל נישט וויסען, אַז מען דאַרף פאַר'ן רבּי'ן מורא האָבען. נאָכ'ן עסען, אַז איך בּין אַריינגעגאַנגען צום טאַטען אין צווייטען צי-מער, האָט ער מיר אָוועקגעלעגט אַ מוסר:

— חצקיל, דו בּיזט געשטאַנען אַנטקעגען רבּי'ן און געקוקט איהם אין די אויגען, אַזוי ווי מען קוקט אויף אַלע מענשען... דו ווייסט, אַז ווען דער רבּי גיט אויף מיר אַ קוק, שטעלען זיך מיר האָהר און נעגעל קאַפּויר! אַ קליינינקייט, אַ רבּי! ווידער, אַז ער פרעגט דיך, ענטפערסטו זיך — יאָ, יאָ... מיאוס! דעם רבּי'ן ענטפערסטו, אַז

דו בּיזט אַנ'עֶהרליכער יוד. דו ווייסט, וואָס בּיים רבּי'ן הייסט אַנ'עֶהר-ליכער יוד? דו האָסט נאָך אין דעם קיין השגה ניט. אַזאַ יונגעלע, ווי דו, דאַרף שוין אָבּער שכל האָבּען.

די דאָזיגע ריד האָבּען אויף מיר שטאַרק געווירקט, איך האָבּ מיך געפיהלט זינדיג, אַזוי ווי איך וואָלט אָבגעטהאָן דאָס גרעסטע פערבּרעכען, עס האָט מיר פערנומען בּיים האַרצען, און טרעהרען האָבּען זיך גענומען גיסען פון מיינע אויגען.

— וועל איך געהן איבּערבּעטען דעם רבּי'ן, — האָבּ איך גע-זאָגט דעם טאַטען מיט טרעהרען אויף די אויגען.

— דו דאַרפסט איהם ניט איבּערבּעטען, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — דער רבּי ווייסט שוין אין דעם דריטען צימער, אַז דו ווייסט און דו האָסט חרטה, און ער וועט דיר מוחל זיין. געדענק, אַז אַ רבּי איז ניט קיין קליינינקייט. וועסט עלטער ווערען, וועסט וויסען, וואָס אַ רבּי איז!...

איצט האָבּען די חסידים דערצעהלט דעם רבּי'ן, אַז דער טאַטע האָט מיך געמוסר'ט און איך האָבּ געוויינט, אַז איך האָבּ צער פאַר מיין גרויסען חטא, און ער האָט געהייסען מיך אַריינרופען. אַז איך בּין אַריין, האָט ער געזאָגט.

— דאגה ניט, מיין קינד, איך זעה, אַז דו וועסט זיין אַנ'-עֶהרליכער יוד...

פון דעמאָלט אָן בּין איך געוואָרען אַ הייסער חסיד. אַ כּח אין וכּוחים האָבּ איך שטענדיג געהאַט, פלעג איך אָפטער האַלטען וכּוחים מיט די מתנגדישע יונגע-לייט און אויפגעוויזען זיי, אַז זייער לערנען איז גאָרניט ווערט, און זייער דאַווענען איז גאָרניט ווערט, און איין קרעכץ פון אַ חסיד איז טייערער פון אַ מתנגיד'ס אַ דאַווענען מיט אַ פאַסטען.

איינמאָל, געדענק איך, אַ שבּת, איז ר' אברהם יצחק פון סלאָ-נימער רבּי'ן געווען בּיי אונז צו גאַסט, האָט בּיי אונז געווימעלט פון די שטאָדטישע חסידים. אין דער-פריה האָט דער גאַסט בּיים טיש געזאָגט פאַר זיי זעהר פיעל חסיד'יש, און איך האָבּ זיך צוגעהערט.

... און דער ריזשינער האָט געזאָגט, — האָט ער דער-צעהלט, — אַז ווען איך וואָלט געוואָלט זיין אַ גאון, וואָלט

איך געווען, נאָר עס איז נישט כדאי אָבצורייסען זיך פון גאָט חאָטש אויף איין שעה.

... און דער לעלוויטשער האָט געזאָגט, אַז ווען ר׳ שמעון בן יוחאי וואָלט נישט געמאַכט דעם זוהר, וואָלט איך געמאַכט דעם זוהר...

און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. די מעשיות האָבען דעמאָלט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיגען איינדרוק, אָבער אַזוי ווי איך בין, אַפּנים, געבוירען געוואָרען מיט נישט קיין חסיד׳ישער נאַטור, האָב איך לסוף פון די דאָזיגע מעשיות אַרויסגעטראָגען שטימונגען און איבערצייגונגען אַנטי-חסידישע...

אָבער עס מאַכט נישט אויס, יונגעלוויז בין איך געווען אַ פּערברענטער חסיד, האָב געקענט אַלע חסיד׳ישע נגונים ביז צוויי הונדערט שטיק, און געהאָפּקעט מיט די חסידים און געשעפּט נחת פון זיי, און דער טאַטע האָט געשעפּט נחת פון מיר. ער האָט, נעבעך, געמיינט, אַז איך וועל שוין אַזוי בלייבען אַ פייערדיגער חסיד.

אויפ׳ן צווייטען יאָהר איז געווען דער סלאָנימער רבי ביים טאַטען צו-גאַסט אויף שבת; עס זענען אָנגעפאָהרען איבער דריי הונדערט חסידים. האָט מען געמאַכט פאַר אַלעמען אַ גרויסאַרטיגען שבת. געקומען איז דער רבי, געדענק איך, אַרום דאָנערשטאָג און איז אָבגעווען ביז דינסטאָג. נאָר וואָס עס האָט זיך אין אָט די טעג ביי אונז אָבגעטהאָן, איז זיך שווער פאָרצושטעלען. חסידים האָבען געבראַכט מיט זיך וויינען, און בראָנפען האָט דאָך ביים טאַטען נישט געפעהלט, האָט מען עפּעס געהוליעט!

דינסטאָג זענען אַלע נישט-היגע חסידים אַוועקגעפאָהרען, און דער רבי מיט די קאַמענעצער חסידים איז געפאָהרען צו אַ רייכען ישוב׳ניק לייביל קרוהעל, פון קרוהעל. דאָס איז געווען אַ הייסער חסיד און אַ בעל-צדקה.

געווען איז דאָס דאָרף קרוהעל אַ צוויי מייל פון שטאָדט. עס פערשטעהט זיך, אַז לייבעלע האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר׳ן רבי׳ן מיט די חסידים. זיצט מען ביים טיש און מען עסט, און מען טרינקט און מען זינגט — קומט אַריין אין מיטען אַ זשאַנדאַרמסקער אָפיציר מיט אַ צעהן סאָלדאַטען, מיט דעם קאַמענעצער אַסעסער בראש, און

מען נעהמט אַרום די גאַנצע קרעטשמע. פרעגט דער אָפיציר:
— וואו איז דער רבי?
איז אויף אַלעמען אַרויפגעפאַלען אַ פחד. אַ רבי'ן קען מען דער־קענען, און דער אָפיציר האָט באַלד אַנידערגעשטעלט אַ וואַך נעבען איהם. מען האָט געמאַכט אַ רעוויזיע אין דעם רבי'ס זאַכען, אין זיינע טשעמאָדאַנעס און קעסטלעך, וואו עס איז געלעגען צוויי טויזענד פינף הונדערט רובל ארץ־ישראל־געלד, מיט ביכער, מיט חשבונות, מיט בריעף פון ארץ־ישראל א. ז. וו. האָט מען אַלץ פער'חתמ'עט און דעם רבי'ן האָט ער געהייסען אַוועקפיהרען קיין בריסק אין טורמע.
דער טאַטע האָט געבעטען דעם אַסעסער, מען זאָל דעם רבי'ן נישט פיהרען קיין בריסק, נאָר איבערלאָזען דאָ מיט סאָלדאַטען, וואָס זאָלען איהם היטען.
דער אַסעסער האָט איבערגערעדט מיט'ן אָפיציר, האָט גענומען אין יד אַריין אַ פופציגער און עס איז געבליבען רעכט.
דער זיידע, וואָס ער איינער וואָלט דאָ געקענט העלפען, איז גראָד אין דער־היים נישט געווען, און קיין בריסק איז געפאָהרען דעם טאַטען'ס ברודער יאָסעל. עס פערשטעהט זיך, אַז ער איז אַוועק צום איספראַווניק און געבעטען איהם, מען זאָל דאָס „צורייבען" און בע־פרייען דעם רבי'ן, דערביי האָט ער איהם אַריינגעלעגט אין יד אַריין צוויי הונדערט רובל, נאָך וואָס ער האָט באַלד בעקומען אַ פאַפיר, אַז ער ווערט בעפרייט.
יאָסעל האָט געפרעגט דעם איספראַווניק, פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט דער גאַנצער טומעל מיט'ן אַרעסט, און דערויף האָט איהם דער איספראַווניק דערצעהלט, אַז דעם רבי'ן האָבען גע'מסר'ט יודען גופא, אַז ער, דער איספראַווניק, האָט בעקומען אַ פאַפיר, אונטער־געשריבען פון אַ יוד, אַז אין קאַמעניץ געפינט זיך אַ רבי, וואָס קלייבט געלד פאַר פאַלעסטינא. דאָס שמעקט מיט טורמע און דאָס געלד דאַרף קאָנפיסקירט ווערען.
— און ווען נישט דיין טאַטע, — האָט ער געזאָגט, — וואָלט איך איהם בשום אופן נישט בעפרייט.
יאָסעל האָט געבראַכט דאָס פאַפיר און מען האָט בעפרייט דעם רבי'ן. פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו פאָהרען אַליין

קלויבען א״ץ-ישראל-געלד, נאָר אָנשטאָט איהם פלעגען אַרומפאָהרען משולחים.

די געשיכטע האָט זעהר פערדראָסען די חסידים און איבערהויפּט מיין טאַטען; ערשטענס, די שרעק, וואָס דער רבי האָט געהאַט, און, צווייטענס, איז געווען איינגעפיהרט אַזאַ מין טראַדיציע, אַז דער רבי זאָל קומען אַלע יאָהר קיין קאַמעניץ. איצט אָבער וועט שוין דער רבי קיינמאָל נישט קומען, און דאָס איז איהם געגאַנגען אין לעבען. עס איז נישט קיין קליינינקייט.

ביי די חסידים איז געבליבען, מען זאָל דערגעהן דעם מסור און זיך גוט אָבּרעכענען מיט איהם. דער מסור האָט זיך געפונען, אָבער דאָס איז געווען זעהר אַנ׳איינגענאַרטיגער מסור.

ביי אונז אין קאַמעניץ איז געווען איינער אַ שרייבער, וואָס האָט געהייסען טוועֶרסקי. איהם האָט דער זיידע אַראָבגעבּראַכט (אויב דער לעזער געדענקט) פון בריסק צו זיך, ווען די שטאָדט האָט זיך געבּונ-טעוועט געגען דער אַרענדע. דעמאָלט האָט ער בעדאַרפט האָבען אַ שרייבער, וואָס זאָל צונויפשטעלען אַלע טאָג די פּראָטאָקאָלען מכּח די בונטאָווּשטשיקעס, אַז זיי ברענגען אַריין בראָנפען מחוץ לתחום, נישט צאָהלענדיג קיין אַרענדע א. ז. וו. און דערנאָך, אַז עס איז געוואָרען דער שלום, איז טוועֶרסקי פערבליבען אין קאַמעניץ און האָט זיך בעֶ-שעפטיגט מיט שרייבען פּראָשעניעס פאַר די קאַמעניצער יודען, און אָפטמאָל אפילו פאַר די פּריצים, בעת זיי האָבען זיך צוקריגט, צו-ליעב אַ קערטיל אָדער אַ מיידעל.

אַליין איז טוועֶרסקי געווען אַ געוועזענער גמרא-לערנער, האָט געהאַט אַ גאָלדענעם קאָפּ, איז געווען קלאָר אין ש״ס און אין אַלע מדרשים. נאָר דערנאָך איז ער „אַראָב פון וועג", איז געוואָרען אַנ'-אפיקורס, ווי אַמאָליגע משכילים, און האָט זיך גענומען צו קענטעניש. ער האָט זיך אָבער צו קענטעניש גענומען שפּעט. ער איז שוין געווען אַלט דרייסיג, און איז געבליבען אין מיטען וועג. איצט האָט ער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו מאַכען פון פּראָשעניעס-שרייבען אַ פּראָפעסיע און לעבען דערפון.

אין דעם פּרט איז איהם גאַנץ גוט אַוועק. אין ווילנא האָט מען איהם אָנגעהויבען צו ניצען צו די גרעסטע דיעלעס און זיין נאָמען איז

געווען פּאָפּולער אין גאַנץ ווילנער אָקרוג, אַזוי, אַז אויב עמיצער האָט געהאַט עפּעס אַ שווערע דיעלע, האָט מען איהם אַראָבגעבראַכט צו זיך אין שטאָדט, צו שרייבען פּראָשעניעס און ברענגען אַלע פּאַפּירען אין אָרדנונג.

קיין פערמעגען האָט ער אָבער נישט געקענט מאַכען. ערשטענס, איז ער געווען זעהר עהרליך פון נאַטור, און אַנ'אידעאַלען כאַראַקטער האָט ער געהאַט, און האָט זיך נישט געקענט דינגען מיט זיינע קליענ-טען. וויפיעל מען האָט איהם געגעבען, אַזוי פיעל האָט ער צוגענו-מען שטיל, אָהן ווערטער.

און, צווייטענס, האָט ער ליעב געהאַט צו פער'פטר'ן וויפיעל ער האָט פערדיענט, האָט פיינט געהאַט איבערצולאָזען אויף מאָרגען, נאָר אַלץ היינט פערלעבען, און טאָמער האָט ער פּאָרט נישט געהאַט וואו אַהינצוטהאָן דאָס פערדיענטע, האָט ער עס אַוועקגעגעבען אַלע נויט-בעדערפטיגע. מען האָט איהם שוין געקענט און צו איהם האָבען זיך געצויגען אַלע שווערע הערצער.

ער האָט געקענט אַוועקגעבען איינעם די לעצטע קאָפּיקע — און זיך נישט לאָזען אַפילו אויף עסען. אַז ער האָט געהאַט געלד, האָט ער ליעב געהאַט צו עסען אַ פיערטעל גענזענס, אַ פּופּיק, אַ גלאָז ביער און אַז ער האָט נאָר קיין געלד נישט געהאַט, האָט ער געקענט עסען ברויט מיט פּוטער, מיט טהיי, און אַז נישט קיין פּוטער — איז אָהן, און אַז נישט קיין טהיי — איז מיט וואַסער, און מיט אַ מינוט פריהער, האָט ער אַוועקגעגעבען אַ גוטען ברודער, צי גלאַט אַ נויט-בעדערפטי-גען אַ דריי רובל אָדער פינף, צעהן, און עס האָט איהם נישט אויס-געמאַכט.

ווי אַלע דעמאָלדיגע משכילים, האָט זיך איהם זעהר געוואָלט פערשפּרייטען צווישען יודען בילדונג, אויפקלערונג, אָבשוואַכען דעם „פאַנאַטיזם” און אַרויספיהרען יודען אין דער וועלט אַריין.

זענענדיג קלאָר אין ש"ס און אין מדרש, בעלעזען אין אַלע העברעאישע השכלה-ביכער, ווי אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור און דערצו נאָך מיט אַ גוטען מענה-לשון, פלעגט ער אומעטום, וואו ער איז נאָר געווען, דערצעהלען שענע, אינטערעסאַנטע מעשיות פאַר קופּקעלעך יודען און דער עולם האָט פון איהם געלעקט די פינגער.

ער האָט אָבער קיינמאָל אין איין טאָג נישט געענדיגט זיין מעשה, וואָס ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען, און אַמאָל פלעגט ער אָבהאַלטען דעם עולם אפילו דריי טעג. דער סוף פון זיינע מעשיות איז אָבער שטענדיג געווען גאָר אַנ׳אונערוואַרטעטער: אַזוי, פּאַמעלעך, שטילערהייד פלעגט ער אַרויפקומען מיט זיין מעשה אויף אַפּיקורסות... און דאָ פלעגט ער שוין פשוט לייקענען אין אַלץ, וואָס געהערט צו רעליגיע, פלעגט מאַכען אַש און בלאָטע פון אַלע תנאים און אמוראים און פון רבנים אַודאַי, און דער עולם פלעגט צולויפען, פערשטאָפּענדיג זיך די אויערן...

נאָר די מעהר יונגערע און מעהר נייגעריגערע פלעגען אַמאָל אָבשטעהן ביז׳ן סוף און האָרכען, און האָרכען...

אין זיין גרויסער מלחמה געגען רעליגיע האָט ער נאָר פון צוויי, אפילו גאַנץ פערשיעדענע רעליגיע-פאַרשטעהער, געהאַלטען: פון ר׳ הילל הזקן און פון ווילנער גאון. וויטער האָט ער פון אַלעמען געמאַכט עפר ואפר.

ווי וויט ער איז בכלל געווען פעהיג און געשיקט, קען מען זעהן דערפון, וואָס דער בריסקער שטאָדט-פיהרער ר׳ יודיל האַקאַדיר, האָט איהם אַראָבגעבראַכט פון ווילנא קיין בריסק צו זעהר אַ גרויסע און קלינגענדיגע דיעלע, וואָס שטאָדט האָט געהאַט. דאָס איז געווען עפּעס אַ שרעקליכע געשיכטע מיט פאַלשע פּעסער און מיט שענע יודען און מיט מסירות. נאָר טווערסקי מיט זיין גוטען קאָפּ און געזעץ-קענטעניסען האָט געמאַכט צו גאָרנישט די גאַנצע דיעלע, וואָס שטאָדט האָט זיך דערפאַר געשראָקען.

פאַר אָט דעם פּראָצעס איז ער ווערט געווען עטליכע טויזענד רובל, און געגעבען האָט מען איהם דריי הונדערט רובל, וועלכע ער האָט אויך באַלד צוטיילט צווישען גוטע ברידער. זיך האָט ער נאָר איבערגעלאָזען פינף-און-צוואַנציג רובל און האָט דאָס פערלעבט אין איין וואָך. אויף דער צווייטער וואָך האָט ער שוין געליטען הונגער ביז אַ וויטערדיגען פערדיענסטעל.

די מעשיות זיינע פלעגט ער דאָס רוב דערצעהלען ביים פעטער מרדכי-ליב׳ן אין שטוב, „וואָס איז געווען גרויס ווי אַ פעלד״. אין שטוב פלעגען זיך געפינען אַ סך מענשען און ער פלעגט אָנהויבען דערצעהלען

דרײַ אַ זײַגער בײַטאָג און ענדיגען זיבען, אַלט אַ זײַגער אין אָווענד. אַנדערע פלעגען זיך אויף אַ רגע אָבריַיסען און קומען ווידער, אויב עס האָט נאָך נישט געהאַלטען בײַ די אַפּיקורסות...

אינטערעסאַנטער פון אַל'ן איז געווען די מעשה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע...

און אײַנמאָל, געדענק איך, האָט ער אָנגעהויבען צו רײדען אויף אַלע אונזערע הײליגע פון אַברהם אבינו אָן... איז מען זיך אַלע צולאָפען, נאָר מײַן פאָטער אַלײן איז געבליבען. איהם האָט קײנמאָל נישט געאַרט אָט די אַפּיקורס'ישע רײד. עס איז אַזוי ווי נישט געווען זײַן דאגה, בעת טווערסקי האָט אַפילו געמאַכט צו בלאָטע זײַן רבי'ן אברהמ'לע. איהם, דעם טאַטען, איז גראַדע געווען געפעלען דער אַפּיקורס טווערסקי, וואָס האָט אַ גוט האַרץ, שענקט אַ סך צדקה, איז אַנ'ערהליכער מאַן און אַ קלוגער. טווערסקי, ווידער, האָט ליעב געהאַט דעם טאַטען מײַנעם פאַר זײַן טאַקטישקײַט, פאַר זײַן קענען פערלײַדען אַ מענשען נישט קײן פרומען און פאַר זײַן האַרציגקײַט.

נאָר דעם טאַטען איז אײַנמאָל אײַנגעפאַלען, אַז די מסירה אויפ'ן רבי'ן מוז שטאַמען פון טווערסקי'ן, הגם ער האָט בײַ זיך נישט געקענט פועל'ן, אַז טווערסקי זאָל זײַן אַ מסור. יעדענפאַלס, האָט דער טאַטע גערעכענט, אַז טווערסקי מוז וויסען פון וואַנען עס שטאַמט די מסירה.

וואָרום אײַנמאָל, בעת עטליכע הונדערט חסידים האָבען זיך אויפגעקליבען מיט'ן רבי'ן, האָט ער אַלײן געהערט ווי טווערסקי האָט געזאָגט, אַז עס האָבען זיך אויפגעקליבען עטליכע הונדערט בהמות אָבצוגעבען כבוד אַזאַ טיפּש. דאָס האָט דעמאָלט געמאַכט אויפ'ן טאַטען זעהר אַ שווערען אײַנדרוק.

נאָך אַ געוויסער קווענקלעניש, האָט דער טאַטע פעררופען טווערסקי'ן צו זיך און איהם געבעטען, ער זאָל זאָגען דעם אמת, ווער האָט עס גע'מסר'ט דעם רבי'ן. אויב ער אַלײן האָט עס געטהאָן, טאָ זאָל ער זיך מודה זײַן פאַר'ן טאַטען.

— נו, איך האָב דאָס געטהאָן... — האָט טווערסקי רוהיג געזאָגט.

דער טאַטע איז נשתומם געוואָרען.

— ווי פאַלט דיר איין צו טהאָן אַזאַ געמיינע זאַך ? — האָט דער טאַטע אַ צוטרייסעלטער געפרעגט, — דו ביזט דאָך עפּעס אַנ׳-אָרענטליכער מענש, סטייטש, וואו איז דיין מה דעלך לא סני לחברך לא תעביד ?

טווערסקי האָט פשוט געענטפערט :

— קומען קומט אברהמ׳לען גוט אָבצושמייסען, זאָל ער נישט פערפיהרען טויזענדער מענשען און נישט אויסנאַרען ביי זיי די לעצטע גראָשענס. אָבער איך בין מיך מודה, אַז איך וואָלט עס נישט גע-טהאָן, חאָטש עס איז אַ „מצוה" דאָס צו טהאָן. צו דעם האָט מיך געבראַכט איינער אַ מענש, וואָס דער רבי האָט איהם אומגליקליך גע-מאַכט. אַ מענש — אַ פיינער. בין איך מיט איהם איינמאָל געווען ביי דוד-יצחק׳ן אין ווינשענק און ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געגעבען פינף-און-צוואַנציג רובל, ווען מען זאָל געבען דעם רבי׳ן פינף-און-צוואַנ-ציג שמיץ, און דערפון האָט זיך עס גענומען...

דער טאַטע האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז ר׳ לייב מאיר׳ס אַרבייט. און ער האָט פעררופען אַלע חסידים אויף אַנ׳אספּה מכּח דעם. ר׳ אָרעלע, דער פיהרער פון די חסידים, איז דעמאָלט געווען דין אין שטאָדט און ער איז אויך געווען אויף דער אספּה. עס איז געבליבען ביי זיי צו פער׳מסר׳ן דעם ר׳ לייב מאיר׳ס פאַר „איהם", זאָל געזונד זיין, און אַז עס איז אַ מצוה איהם אָנצוטהאָן כּל הצרות.

מיט וואָס האָט איהם אומגליקליך געמאַכט דער רבי, וועלען מיר הערען ווייטער.

דער דאָזיגער ר׳ לייב מאיר׳ס איז געווען אַ זאַסטאַווער. זיין פאָטער ר׳ מאיר איז געווען אַ יוד, אַ גדול בישראל, און האָט פער-מאָגט צוואַנציג טויזענד רובל. דער זוהן לייבע, אַ למדן און אַ גוטער העברעער, אַ יוד אַ קלוגער און אַ נגיד אויך, איז געווען אַ פערקאָכטער מתנגד. געהאַט האָט אַ זוהן, הערשעל, אַ געראָטענער יונגערמאַן, אַ פיינער לערנער און אַ וואויל קינד, און אָט דער הערשיל איז געוואָרען אַ סלאָנימער חסיד. באַלד נאָך זיין חתונה איז ער אַוועקגעפאָהרען צום רבי׳ן קיין סלאָנים, איז דאָרט אָבגעזעסען צוויי חדשים און געקומען אַהיים אַ פערברענטער חסיד.

געקומען איז ער פון סלאָנים אהיים ביינאַכט און האָט אָנגע-

קלאַפּט אין טהיר. אַז מען האָט אין שטוב דערקענט זיין קול פון יענער זייט טהיר, האָט דער פאָטער איהם נישט געוואָלט אריינלאָזען, און דאָס ווייב האָט איהם געעפענט גענען דעם ווילען פון שוועהר. אַז ער האָט זיך געלעגט שלאָפען אין זיין בעט, האָט ער דערפיהלט, אַז די פערענע איז ווארים, און אַז ער האָט געפרעגט, ווער האָט דאָ פריהער געשלאָפען, האָט דאָס ווייב געזאָגט, אַז זי. האָט ער באַלד געהאַפּט די פערענע, איז דערמיט אַרויס אין דרויסען און אויסגעקאַט-שעט זי אין שניי, כדי עס זאָל אַראָב די וואַרימקייט פון דער פערע-נע, וואָס דעם ווייב'ס גוף האָט אויסגעוואַרעמט.

פון דער דאָזיגער מעשה האָט דאָס ווייב אָנגעהויבען וויינען. דאָס געוויין האָט דערהערט דער פאָטער, און אַז ער איז אריין אין צימער פרעגען, וואָס זי וויינט, האָט זי איהם דערצעהלט, וואָס זיין זוהנעלע, דער חסיד, האָט געטהאָן. דאָסמאָל האָט איהם דער פאָ-טער גוט אָנגעשלאָגען, און ער איז ווידער אַנטלאָפען צום רבי'ן קיין סלאָנים.

דאָס ווייב האָט איהם אָבער האָלט געהאַט און האָט געוויס חרטה געהאַט אויף איהר דעמאָלטדיגען וויינען, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער פאָטער האָט איהם איסגעפּאַטשט און ווער ווייס, ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען. זי איז געפאָהרען קיין סלאָנים און געבע-טען דעם רבי'ן, ער זאָל הייסען איהר מאַן פאָהרען מיט איהר אַהיים. דער רבי האָט געהייסען, ער איז געפאָהרען אַהיים און האָט זיך אַפילו איבערגעבעטען מיט'ן טאַטען.

אָבער הערשיל איז געווען זעהר אַ הייסער חסיד. ווינטער איז ער געגאַנגען אין דער קאַלטער מקוה אַלע טאָג, אַ פערקיהלטער, און ער האָט נאָר געדאַוועגט און גע'דבוק'עט זיך. אין דאַוונען האָט ער געשריען מיט אַלע כחות און איז קראַנק געוואָרען מיט'ן האַרץ און מיט'ן האַלז פון די קאַלטע מקואות און פון אַזאַ שרייען אין דאַוונען. טאָג און נאַכט האָט ער פערבראַכט אין חסידות, האָט זיך אָבגעשיידט פון דעם ווייב, האָט אַרומגעשוועבט צווישען הימעל און ערד און איז פון אַזאַ פערקאָכטקייט לסוף משוגע געוואָרען. זיין קראַנקהייט האָט אָב-געקאָסט דעם פאָטער אַ שלל מיט געלד, און ער איז געשטאָרבען.

דערזועלבער ר׳ לייב האָט געהאַט אַנ׳איידעם, אַ מתנגד׳ס אַ זוהן — און דער איז אויך געוואָרען אַ חסיד. ער האָט אַוועקגע־וואָרפען דאָס ווייב, איז מעהר געווען ביים רבי׳ן ווי אין דער־היים.

זעהענדיג, ווי עס ווערט אַ תל פון זיין גאַנצער פאַמיליע, האָט ר׳ לייב געוואָלט אויסלאָזען זיין כעס אויפ׳ן רבי׳ן, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, צונישטערט זיינע קינדער. פון רבי׳ן האָט ער, פערשטעהט זיך, נישט געהאַלטען, און גאָר נישט ווילענדיג האָט איהם דער כעס דערפיהרט צו אַזאַ אומגעלומפּערטען און מיאוס׳ען געדאַנק: ווי מסר׳ן.

נאָר די חסידים, וואָס האָבען בעשלאָסען אויף דער אספה, אַז מען מעג איהם אָנטהאָן כל הצרות שבעולם, האָבען איהם אָבגעטהאָן גאָר אַ קלייניגקייט.

דער דאָזיגער ר׳ לייב, וואָס איז געווען גאָר אַ גרויסער סוחר פון מעהל און האָט געהאַט קאָמיסיאָן פון די גרעסטע מיהלנערס, פלעגט צוטיילען די מעהל אין קאַמעניץ, אין ברינסק און נאָך וואו אויף קרעדיט. דאָס איז שוין געווען אַ מין טראַדיציע — ער גיט אָהן געלד, און דערנאָך, אַז מען האָט איינגעצאָהלט, האָט מען ווייטער גענומען סחורה. קען מען, הייסט עס, אויף אַזאַ אופן טהאָן אַ גרויסע רעה ר׳ לייב׳ן: אויפגעבען אַלע קרעמער, אַז זיי זאָלען נישט צאָה־לען, וועט ר׳ לייב מוזען באַנקראָטירען, און ער וועט האָבען אַ ווי־סטען סוף. זיי, די קרעמער, וועלען סחורה אַלעמאָל האָבען, וואָרום די מעהל וועט דאָך נישט בלייבען אָהן אַ קאָמיסיאָנער.

איז געפאָהרען אַ חסיד פון קאַמעניץ אין שליחות צו די בריס־קער חסידים, אַנ׳עדה פון מעהר ווי צוויי הונדערט מאַן, זעהן צו פערווירקליכען דעם בעשלוס.

דער בעשלוס איז דורכגעפיהרט געוואָרען גרויסאַרטיג, וואָרום אַז ר׳ לייב איז באַלד נאָכדעם געקומען קיין בריסק און איז געגאַנגען צו די קרעמער איינמאָהנען געלד און ווייטער מאַכען בעשטעלונגען, האָט איהם קיינער נישט געגעבען קיין גראָשען און אָנשטאָט דעם האָט מען אויף איהם געשריען:

— מסור, אַרויס פון קראָם! אַ יוד זאָל מסר׳ן אַ רבי׳ן!

און טאָמער איז ער נישט אַזוי גיך אַרויסגעגאַנגען פון קראָם, זענען שוין באַלד אָנגעקומען אַלע חסיד׳ישע יונגלעך און מען האָט

איהם פערוואָרפען מיט שטיינער און מיט בלאָטע, נאָכלויפענדיג נאָך איהם איבער אַלע גאַסען, וואו ער איז געגאַנגען, אַזוי, אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפען פון בריסק. פון דעם שפּיעל האָט ער געהאַט היזק גאַנצע זעקס טויזענד רובל!

איינגען געלד האָט ער געהאַט, און באַנקראָטירען האָט ער נישט געוואָלט, האָט ער אָבגעצאָהלט אין די מיהלען, וויפיעל עס האָט געקומט. נאָר אַזוי ווי ער האָט שוין נישט געקאָנט פערקויפען קיין מעהל מחמת דעם „באָיקאָט", האָט מען אָבגענומען ביי איהם די אַלע קאָמיסיאָנען פון מעהל, און ר' לייב איז געבליבען אָרים. אין בריסק האָט ער נישט געטאָרט קומען, וואָרום מען האָט איהם געסטראַשעט מיט'ן טויט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ער אַריינגעשיקט אַ גרויסען בריעף צו מיין טאַטען, געשריבען אויף לשון-קודש. דער בריעף, קלוג צונויפגעשטעלט, וואָס האָט געקענט מאַכען אַנ'איינדרוק, האָט גערעדט וועגען שלום, אַז ער, ר' לייב, וועט זיך פערלאָזען אויף מיין טאַטען מיט ר' אָרעלען, און וואָס זיי וועלען איהם צו'פּסק'ענען, וועט ער מקיים זיין.

דער טאַטע האָט פעררופען צו זיך די קליינערע חסידים מיט ר' אָרעלען בראש, צו בעראַטען זיך. ביי די חסידים איז געבליבען, אַז ר' לייב זאָל פאָהרען צום רבי'ן קיין סלאָנים און מיטנעהמען מיט זיך זיינע דריי יונגלעך אין עלטער פון צעהן ביז פופצעהן יאָהר, זאָל אַריינקומען צום רבי'ן אין זאָקען און איהם איבערבעטען, דערביי דאַרף ער אומקעהרען פיער הונדערט רובל געלד, וואָס האָט געקאָסט שוחד מיט הוצאות און פינף הונדערט רובל קנס אויף ארץ-ישראל — צוזאַמען ניין הונדערט רובל, און ער דאַרף שווערען אויף זיין הן-צדק, אַז ער וועט פאָהרען אַלע יאָהר קיין סלאָנים צום רבי'ן און מיטנעהמען די יונגלעך ביז נאָך דער חתונה. דערנאָך וועלען זיי שוין אַליין פאָהרען צום רבי'ן... פאַר די קאַמעניצער חסידים, ווידער, דאַרף ער איינגעבען אַ נייע ספר-תורה אין שטיבעל אַריין, און ער מוז קומען פון זאַסטאַוויע אַלע שבת דאַווענען אין שטיבעל. דאָס הייסט: ער מוז ווערען אַ חסיד! גאָר ווי מען נויט עמיצען שמד'ען זיך...

אויף דאָס געלד איז ער בעשטאַנען, חאָטש ער האָט שוין קיין געלד נישט געהאַט. ווען ער פּערקויפען די ציהרונג: זיין ווייב'ס, די שנוהר און טעלטערס, אָבער פאָהרען קיין סלאָנים אַלע יאָהר — דערויף האָט ער באין אופן נישט געקענט בעשטעהן.

און ער איז געלאָפען דורכרייַדען זיך מיט'ן טאַטען. טרעהרען האָבען זיך איהם געגאָסען פון די אויגען.

— משה, — האָט ער געזאָגט. — דו ביזט דאָך אַ קלוגער. דו פערשטעהסט דאָך יאָ עפּעס אַ מענשען און אַ האַרץ האָסטו אַ גוטע, זאָג מיר, איך בעט דיך, אדרבה, אויג אויף אויג, צי קען איך נאָך מיינע אַלע אומגליקען און צרות ווערען אַ געצוואונגענער חסיד? צי קען מען בכלל ווערען עפּעס פּלוצלונג און געצוואונגען, בפרט נאָך, אַז איך האַלט נישט און האַלט נישט פון חסידות. און מיין בלוט איז עס גאָרנישט פאַרהאַן. איך זאָג דיר אָפען, דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב נאָר געערעדט פאַר טווערסקי'ן, און ריידען איז דאָך נישט טהאָן. איז נישט גענוג, וואָס איהר האָט מיך געמאַכט פאַר אַן'אָרימאַן, אָהן פרנסה, ווילט איהר נאָך ביי מיר צונעהמען מיין מתנגדות, וואָס איז ביי מיר אַזוי טייער, ווי ביי דיר דאָס חסידות. געלד וועל איך געבען, חאָטש דאָס לעצטע און צום רבי'ן איבערבעטען וועל איך אויך פאָהרען, און דאָס דאַרף זיין גענוג, וואָס וויל מען נאָך? משה, דו האָס אַ גוט האַרץ, דו דאַרפסט מיך פערשטעהן און זעה טהו מיר דאָ אַ טובה.

דער טאַטע, וואָס האָט איצט ווירקליך אויף איהם רחמנות געהאַט, האָט איהם צוגעזאָגט אויסצופיהרען ביי די חסידים דאָס, וואָס ער פערלאַנגט.

נאָך שווערע מיה און מאַטערניש איז ענדליך געבליבען, אַ דאַנק מיין טאַטען, אַז מען דאַרף איהם פערלייַטערן, אָבער צום רבי'ן מוז ער דאָך פאָהרען, חאָטש איין מאָל: אויף ראש־השנה...

זעכצעהנטעס קאַפּיטעל.

מיין לערנען. — אַמאָליגע מוכרי־ספרים. — מיין ערשטע חברה. — ישראל ווישניאַק. — דאָס עקזאַמענירען ישראל'ן. — ישראל'ס קאַריערע. — ביי וואָס ער איז געבליבען שטעהן.

צו צוועלף יאָהר האָב איך ליעב געהאַט זומער פאַר־נאַכט, צו מנחה, ווען מען ווערט פריי פון חדר, געהן אין בית־המדרש, און צווישען מנחה און מעריב, זיך זעהן מיט אַלע בחורים, וואָס לערנען אין בית־המדרש, זיך בעקענען מיט נייע פּרושים און אויך מיט די בעלי-בית'לעך, וואָס האָבען אָקאָרשט חתונה געהאַט און ריידען מיט זיי פון פערשיעדענע יודישע זאַכען און אַזוי ענינים פון לעבען. איך פלעג עפּענען אַ גמרא און אַן'אָווענד ביי דעם טיש ריידען דעם גאַנ-צען בין-מנחה און מעריב, און אַ צווייטען אָווענד ביי אַן'אַנדער טיש. דאָס איז געווען אַנגענעהם.

דאָ האָב איך אָפטער געהאַט וכוחים וועגען חסידות. איך האָב שטענדיג געהאַט אַ נאַטור צו קלעפּען זיך צו גרעסערע, האָב זיך גע-סטאַרעט זיין מיט זיי חבר און מיר האָט נישט געאַרט, וואָס איך בין ביי זיי דער קלענסטער, ווייל איך האָב הנאה געהאַט צו הערען דעם שכל פון די עלטערע, און אָט די איינגענשאַפט מיינע האָט מיר געגעבען

מוט צו דיספוטירען מיט זיי וועגען חסידות, און ווייל איך האָב געהאַט אַ כח און וכוח, האָב איך אָפטמאָל מנצח געווען.

אין בית־המדרש זענען געווען זעהר פיעל ש״ס׳ען, אָבער צוריסענע, און דאָס איז געווען, געדענק איך, אַ ברענענדיגע פראַגע דעמאָלט: די יונגעלייט מיט די פרושים האָבען זיך בעקלאָגט, אַז זיי קענען נישט לערנען אין קיין גמרא: אַלע גמרות צוריסענע.

אַמאָל פלעגען די מוכרי־ספרים אומפאָהרען אויפ׳ן לאַנד מיט אַ שקאַפע: מענדעלע מוכר־ספרים׳ס קליאַטשע, אין וואָגען פלעגען ליגען פערשיעדענע ספרים און מעשה־ביכלעך, און פערפאָהרען פלעגען זיי אין בית־המדרש אויפ׳ן הויף. בייַנאַכט פלעגען זיי אַריינפאָהרען ערגעץ אין אַ ביליגער קרעטשמע; אין דער־פריה צום דאַוונען איז שוין אַזאַ מוכר־ספרים׳ניק ווידער געשטאַנען מיט זיין „פערד און וואָגען״ אויפ׳ן שוהל־הויף. צייטענווייז פלעגט אַזאַ מוכר־ספרים אָבדינגען אין גרויסען בית־המדרש אַ טיש בייַם טהיר פאַר אַ פּאָר רובל און זיך דאָרטען אויסגעלעגט מיט די ספרים, און זיין שותף (אַמאָל האָט ער געהאַט אַ שותף) פלעגט דערווייל אַרומפאָהרען מיט אַ טייל ספרים אַרום די דערפער.

די דאָזיגע מוכרי־ספרים פלעגען אָפטמאָל מיט זיך פיהרען אַנאָנסען וועגען פערשיעדענע שס׳ען מיט פערשיעדענע מפרשים אויף גרויס־אַרטיגען פּאַפּיר. איינמאָל האָט אַ מוכר־ספרים געבראַכט אַ מודעה פון די סלאַוואוטער דרוקער, אַז זיי גיבען אַרויס ש״ס׳ען בהדרת יופי, מיט אַלע מפרשים אויף זעהר אַ גוטען פּאַפּיר און שענעם דרוק. דער פּרייז פון ש״ס — צוויי־און־זיבעציג רובל, אויסצאָהלען אין אַ יאָהר צייט צו זעקס רובל אַ חודש.

און מיר איז דעמאָלט איינגעפאַלען צו מאַכען אַ חברה יונגלעך, וואָס יעדערער זאָל געבען אַ פיערער אַ וואָך, און מיר וועלען קויפען דעם סלאַוואוטער ש״ס פאַר׳ן גרויסען בית־המדרש. דער מוכר־ספרים האָט אונז טאַקע געוויזען אַ מסכתא — איז דאָס געווען אַ יופי!

די חברה איז געגרינדעט געוואָרען, און יאָסעלע, דעם גביר׳ס זוהן, איז געווען קאַסיר, איך — גבאי און איבער יעדע צעהן יונגלעך האָבען מיר געמאַכט איינעם פאַר אַ „דעסיאַטניק״, ער זאָל אויפקלויבען ביי זיי אַלע וואָך די פיערערס און אָבגעבען יאָסעלען דאָס געלד,

איינער האָט געפֿיהרט דאָס בוך און אַלע יונגלעך האָבען פּינקטליך געצאָהלט. דאָס געלד האָבען מיר דערנאָך אַוועקגעגעבען דעם מגיד׳ס זוהן, משה־אהרן, האָט ער עס שוין אַוועקגעשיקט קיין סלאַוואוטע און מיר האָבען בּאַלד בעקומען די מסכתות, וועלכע מיר האָבען איינגע-בונדען אין אַ שענעם בונד. אזוי האָבען מיר שוין געהאַט בעקומען זעקס כּרכים.

דאָס איז געוועזען די ערשטע חברה, וואָס איך האָב געגרינדעט אין מיין לעבען און ווי איך זאָל נישט וועלען זיין בעשיידען און פֿער-באָרגען, מוז איך דאָך מודה זיין, אַז אָהן מיר האָט זי לאַנג נישט געקענט עקזיסטירען. איך האָב נאָר בעדאַרפט קראַנק ווערען — און מיין חברה איז צופֿאַלען געוואָרען. יאָסעל מיט אברהמ׳לען, דעם שרייבער, האָבען נישט געקענט פֿיהרען, און אין בית־המדרש זענען געבליבען די זעקס כּרכים אַלס זכר, מעהר האָבען מיר נישט אויס-געשריבען.

ישראל ווישניאַק, דער עילוי, וואָס האָט אונז, אַלע יונגלעך, געשמיסען פֿאַר׳ן נישט קענען לערנען, ווי ער, איז אין לובלין אין אַ פֿיער יאָהר צייט געוואָרען אַ גרויסער מפורסם. ער האָט געלערנט בּיים לובלינער רב, ר׳ הערשעלע, וועלכער האָט אין זיין שאלות-תשובות געשריבען: „תלמידי הגאון ר׳ ישראל״, מיין תּלמיד דער גאון ר׳ ישראל. „אַלט״ איז דער ר׳ ישראל געוועזען דעמאָלט צוועלף יאָהר, און ער האָט זיך געוואָלט מאַכען אַ רייזע צו זיין זיידען קיין קאַמעניץ, ר׳ זעליג אַנדראַרקעס.

פֿאָהרענדיג מיט די בעלי־עגלות, איז ער אָבגעשטיגען אין אַלע גרויסע שטעדט, אויפ׳ן וועג, צו די רבנים, רעדען מיט זיי פֿון תּורה, אַוועקשטעלען זיי קשיות, אַז זיי זאָלען נישט וויסען, וואָס צו ענטפֿערן.

ער איז אויך געוועזען אין בּריסק בּיים רב, ר׳ הערשעלע דער לעמבערגער, אויך אַ גרויסער גאון. און ישראל האָט איהם דריי שעה אָבגעהאַלטען אין תּורה; דער רב איז נתפּעל געוואָרען פֿון זיינע חריפֿות. דערנאָך איז ישראל געקומען קיין קאַמעניץ, עס האָט גע-

קאָלט אין שטאָדט פון דעם קליין גאון׳דיל.

דעמאָלט האָט איהם שוין נישט געפּאַסט צו רײדען מיט די קאַמענעצער פּראָסטע יונגלעך. ער האָט זיך אויסגעקליבען עטליכע פון די בעסערע, צווישען וועלכע איך בין אויך געווען. אָבער מיר האָבען פאַר איהם גרויס דרך-ארץ געהאַט, עס איז געווען אַ גרויסע זכיה, אַז ער האָט מיט אונז געשטיפט. אין מיטען שטיפען זענען אָפטמאָל געקומען צו איהם לומדים רײדען פון תורה, און ער האָט זיי פער-וואָרפען מיט קשיות אין גמרא, און זיי האָבען נישט געוואוסט, ווגָס צו ענטפערן.

ווי זײן שטייגער איז געווען, האָט ער אויך בעזוכט דעם קאַמע-ניצער רב און איהם געפרעגט אַ קשיא. דער רב האָט איהם אַזוי גיך נישט געענטפערט, איז ער אַרויפגעקראָכען צום רב אויף די קניה, אַ קלײנער איז ער געווען, האָט אָנגענומען דעם רב׳ס גרויסע ווײסע באָרד אין זײנע בײדע הענדטלעך און, פיהרענדיג אַזוי די באָרד פון אויבען אַראָב, האָט ער זיך געזאָגט:

— אַ שענער רב זענט איהר, אַז אַ יונגעלע פון צוועלף יאָהר פרעגט אײך אַ קשיא און איהר קענט נישט ענטפערן קײן תירוץ...

דאָס איז באַלד בעוואוסט געוואָרען אין שטאָדט, און ישראל׳ס העזה געגען דעם אַלטען רב, וואָס איז געווען אַ בעוואוסטער בקי אין ש״ס, האָט אויפגערעגט אַלע קאַמעניצער גרויסע לומדים. זיי האָבען זיך אויפגעקליבען בראש מיט ר׳ משה כ״ץ און ר׳ יאָסעלע, דעם קאַרלינער רב׳ס ברודער, אַ גרויסער מופלג, און ר׳ לייב מאיר׳ס, מיט אַנ׳אָבמאַך — שטעלען איהם, ישראל׳ן, עפּעס גאָר אַ גרויסע גמרא-קשיא, און אויב ער וועט זי באַלד נישט פערענטפערן, וועט מען איהם אָבשמײסען.

דעם אָרט פאַר׳ן עקזאַמען האָט מען געמאַכט דעם גרויסען בית-המדרש. מען האָט איהם בעשטעלט, אַז ער זאָל קומען אויף מאָרגען, צווײ אַ זײגער בײטאָג. דאָס געפיהל פאַר בעריהמען זיך איז בײ איהם געווען זעהר שטאַרק ענטוויקעלט, און אויף אַזאַ קשיא, איז ער געווען אַ גרויסער בעלן.

ישראל איז געווען בײ זיך שטאָלץ, אַז פאַר איהם זענען גלאַט קײן קשיות נישטאָ. ער קען שוין פערענטפערן די האַרבסטע קשיות.

אָבער דאָך טיעף אין הארצען האָט ער עטוואָס מורא געהאַט — מאָ-מער וועט ער זיך פערפלאָנטערן און וועט קריגען גוט געשמיסען?...

אין אַזאַ מינוט איז ער געקומען צולויפען צו מיר אין געבעטען, אַז איך זאָל קומען איהם העלפען — נישט צו דערלאָזען אירם שמייסען. געוועהנליך, האָב איך זיך פון דעם נישט אָבגעזאָגט, אין געבראַכט מיט זיך אין אַלטען בית-המדרש, איינס אַ זייגער, אַלט געזונדטע יונגלעך...

נעדענק איך, ווי היינט, אַז אין בית-המדרש האָבען זיך צונויפ-געקליבען אַלע קאַמענציער לומדים, פרושים און אַלע קעסט-בעלי-בית׳לעך, וואָס לערנען אין בית-המדרש. עס איז געווען אַ גרויסער עולם. און ישראל, דאָס קליינע יונגעל, איז געשטאַנען מיט אונז בעזונדער. דערנאָך אָבער, אַז עס איז געקומען ר׳ משה כ״ץ און ר׳ יאָסעלע, האָט מען איהם גענומען אויפ׳ן פערהער. זיי האָבען אויפגע-מישט אַ גמרא אין פסחים דף ס״ו, געדענק איך, עמוד ב׳, האָבען איהם געהייסען איבערקוקען דעם עמוד גמרא און די תוספות׳ן, און פרעגען דערנאָך אַ קשיא. ישראל איז אַרויפגעקראָכען אינגאַנצען אויפ׳ן טיש און גענומען פיהרען מיט די קליינע פינגער איבער דער גמרא פון אויבען אַראָב גאַנץ גיך, און דערנאָך די תוספות׳ן. עס האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט און ער האָט געזאָגט די קשיא, די לומדים זענען נבהל און נשתומם געוואָרען פון דעם יונגעל, און אָנ-שטאָט שמיץ האָט מען איהם אָנגעהויבען קושען.

— אָבער ווי האָסטו אַזוי גיך איבערגעקוקט דעם גאַנצען עמוד גמרא מיט די תוספות׳ן, — האָט מען זיך געוואונדערט איבער איהם.

— ווייזט מיר די שווערסטע שאלות-תשובות, — האָט ער גע-ענטפערט,—וועל איך אייך אויך אַזוי פיהרען מיט די פינגער איבער׳ן עמוד און וועל אייך זאָגען באַלד אויף אויסווענינ. און אַז מען האָט איהם געגעבען אַ פני יהושע, האָט ער אויך אַזוי גיך מיט די פינגער געפיהרט איבער דעם עמוד און געזאָגט גלייך אויף אויסווענינ.

נאָכדעם האָט שוין די גאַנצע שטאָדט פאַר איהם מורא גע-האַט און זיין גאוה איז געווען אין לשער, ער האָט געהאַלטען אַלע-מען פאַר פראָסטע עמי-הארצים, וואָס האָבען אין זיך נישט די פעהיג-קייט צו קענען עפּעס טיעף און גוט.

אין קאַמענייץ איז ער אָבגעווען עטליכע וואָכען, די גאַנצע צייט האָט מיט איהם געקעהרט די שטאָדט, אַלע האָבען נאָר גערעדט פון דעם יונגעלע ישראל, וואָס איז אַזאַ גאון!

דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָהרען צום פאָטער קיין לובלין און שוין אָנגעהויבען לערנען קבלה. אַזוי ווי ש"ס און פוסקים איז ביי איהם שוין געווען אַ קלייניגקייט, האָט ער זיך גענומען צו קבלה און דאָס איז געווען זיין אומגליק. ווען ער וואָלט ווייטער לערנען ש"ס און פוסקים און שאלות-תשובות, ווי אַלע גאונים לערנען, וואָלט ער אפשר געווען דער צווייטער ווילנער גאון, אַ חד בדורו.

לײדער, האָט ער זיך צו-פריה גענומען צו קבלה. אין אַ יאָהר אַרום האָב איך בעקומען פון איהם אַ קבלה-ספר, וואָס ער האָט פער-פאַסט און געדרוקט צו זיין דרייצעהנטען יאָהר. איך האָב גענומען לעזען דעם ספר און האָב נישט פערשטאַנען קיין איין וואָרט. פאַר מיר איז קבלה אינגאַנצען פרעמד געווען און דאָס איז געווען אַ טיפּיש קבלה-ספר'ל.

אין סעמיאַטיטש, גראָדנער גובערניע, איז געווען דעמאָלט אַ גביר ר' דוד דער ברייטער. דעם נאָמען „ברייטער" האָט ער בעקומען צוליעב זיין ברייטע פיהרונג. ער האָט געלעבט ווי אַ פּירשט. איהם האָט זיך פערוואָלט נעהמען פאַר זיין טאָכטער אַ חתן, אַן עלוי. פון דעם עלוי ישראל'ן האָט ער געהערט, און ער האָט געשיקט אַ שדכן צו ישראל'ס פאָטער, ר' יוזעל ווישניאַק, אַ יוד אַ למדן און זעהר אַן אָנגענומענער בּיַעַנש, אַז ער וויל נעהמען זיין זוהן ישראל'ן פאַר אַן איידעם. ער גיט פינף טויזענד רובל נדן און צעהן יאָהר קעסט.

ר' יוזעל האָט זיך נאָכגעפרעגט און דער שידוך איז געשלאָסען געוואָרען. ר' דוד ברייטער האָט בעשטימט אַ טאָג אויף צו מאַכען די תנאים, און האָט פערבעטען פון גאַנץ ליטא די גרעסטע רבנים און גאונים, צו קומען אויף די תנאים אויף זיינע הוצאות. איצט האָט ער טאַקי אַרויסגעוויזען זיין גאַנצע ברייטקייט: ער האָט געוואָלט, אַז אַלע רבנים זאָלען וויסען, וואָס פאַר אַן איידעם ער נעהמט.

אויף די תנאים זענען געקומען ביי אַ פּאָר מנינים גרויסע רבנים, און ישראל, דער חתן, האָט גערעדט מיט די רבנים פון אַזוינע גרויסע פּלפּולים, אַז זיי זענען ערשטוינט געוואָרען פון זיין גאונ'ישען קאָפּ.

זײַ זענען געװען איבער גליקליך, װאָס זײַ איז בעשערט צו הערען פון אַ פערצעהן־יעהריגען יונגעל אַזאַ חריפות. די תנאים זענען אראָב פיר־שטליך און צו ר׳ דוד דעם ברײַטענ׳ס שמחה איז קײַן גלײַכען נישט געװען.

די כלה איז נאָך אויך געװען זעהר יונג, אויך אַ יאָהר פערצעהן, האָט ר׳ דוד געבעטען אָבלעגען די חתונה אויף צװײַ יאָהר. איהם האָט זיך נאָר געװאָלט „אַרײַנחאַפּען” דעם גרויסען עלוי, אָבער איצט קען ער שוין װאַרטען. פאַר זעכצעהן יאָהר האָט ער נישט געװאָלט חתונה מאַכען די טאָכטער.

דערװײַל האָט זיך אונטערגערוקט דער פּוילישער אויפשטאַנד. אין סעמיאַטיטש זענען אַרײַנטראָטען פּאָליאַקען צו פערנעהמען די שטאָדט. באַלד איז אָנגעקומען דאָס רוסישע מיליטער, עס איז געװאָ־רען אַ שיסערײַ, אין װעלכער עס איז דער׳הרג׳עט געװאָרען דוד דער ברײַטער. זײַן גאַנץ פערמעגען מיט די אַלע געשעפטען, װעלכע ער האָט געהאַט מיט די פּריצים, זענען כמעט פערפאַלען געװאָרען אין דעם אויפשטאַנד. אינגאַנצען איז געבליבען בײַ אַ דרײַסיג טויזענד רובל געלד. זענען אָבער געװען אַ סך קינדער, זיהן און טעכטער, װאָס דאָס געלד האָט צװישען זײַ בעדאַרפט פערטײַלט װערען. די יורשים האָבען חתונה געמאַכט די שװעסטער, געגעבען פינף טויזענד רובל נדן, שוין אָהן קעסט.

ישראל האָט חתונה געהאַט און איז אַרויסגעפאָהרען װאוינען אין בילסק, אַנ׳אויעזדנע שטאָדט, גראָדנער גובערניע, נעבען זײַן פעטער ר׳ לײַזשע װישניאַק, װאָס איז געװען אַ גביר און אַ גרויסער למדן.

ער, ישראל, האָט גאָר נישט געקלערט פון קײַן געשעפט מאַ־כען, און אפילו נישט אַװעקגעגעבען זײַן געלד אויף צינזען. ער האָט נאָר געדונגען אַ גרויסע דירה, האָט געבעטען דעם רובל און געגעסען. ער האָט גאָרנישט געקלערט, אַז דאָס געלד װעט דאָך סוף כל סוף אויסגעהן.

דערװײַל האָט ער אָנגעהויבען צו פיהרען אַ שטאַט פון אַ רבי, צו איהם זענען געקומען לומדישע יונגע־לײַט הערען זײַן תורה, זײַנע שאַרפע פשט׳לעך און ער איז געװאָרען פ ע ר ה י י ל י ג ט אין שטאָדט. אפילו זײַן פעטער ר׳ לײַזשע האָט איהם אויך גערופען רבי.

וואָס אַ טאָג — איז ער אַלץ מעהר מפורסם געוואָרען פאַר אַ גאון, פאַר אַ צדיק און אַ בעל-קבלה. ער האט ענטדעקט אַ נייעם דרך אין קבלה און האָט געוואָלט גרינדען אַ ישיבה אויף צו לערנען קבלה. טאָג און נאַכט איז בּיי איהם געווען פול די שטוב מיט לומדים, יונגע-לייט זענען „געשטאַנען אויף די קעפּ" צו הערען זיינע תורה מיט זיינע קבלה.

און געלעבט האָט ער אַלץ פון גרייטען רובל. דאָס ווייב האָט אַפילו אָנגעהויבען צו דאגה'ן, אַז געלד ווערט אַלץ וועניגער און וואָס וועט זיין דערנאָך. אָבער ער איז געוואָרען אַ קדוש און מיט איהם איז געווען שווער צו ריידען אַ וואָרט. ער האָט גאָר פון קיין וואָכעדיגע זאַכען נישט געוואָלט ריידען, און אַמאָל פלעגט זי וויינען בּיי זיך אין צימער.

ער איז שוין געוואָרען אַזוי אַריינגעטהאָן אין זיינע קבלה, אַז ער האָט אָנגעהויבען טראָגען אויפ'ן קאָפּ צוועלף פּאָר תּפילין, כדי יוצא זיין לכל הדעות. ער האָט געמאַכט קליינע תּפילים'לעך און האָט אַרויפגערוקט אַלע צוועלף פּאָר תּפילין אויפ'ן קאָפּ און אַזוי איז ער געגאַנגען איבּער'ן גאַס. און יונגע-לייט זענען איהם נאָכגעגאַנגען און געהיט, אַז מען זאָל פון איהם נישט לאַכען.

אין שטאָדט, ווי געזאָגט, איז ער געוואָרען זעהר פערהייליגט. מען האָט אָנגעהויבען געהן צו איהם, אַזוי ווי צו אַ רבי, בעטען זיין ברכה, אָבער אַזעלכען האָט ער אַרויסגעטריבען און האָט גאָרנישט געוואָלט ענטפערן.

און פון טאָג צו טאָג איז פוסטער געוואָרען אין קעשענע. צו-ליעב דעם איז בּיי איהם אַוועק אַ שלעכט לעבען מיט דעם ווייב. באַלד איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו לעבען און זי האָט זיך נישט געקענט צוזאַמענריידען מיט איהם. ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערען פון אַזעלכע זאַכען און אַז זי האָט אָנגעהויבען שטרענגער, האָט ער זי אָנגערופען:

— חצופה!

און ער האָט געשיקט רופען דעם רב צו שרייבען אַ גט. דאָס ווייבעל האָט געוויינט, און ביים נעהמען דעם גט האָט זי געח'לש'ט.

נאָכדעם איז זי אַוועקגעפאָהרען קיין סעמיאַטיטש צו איהרע ברידער און וואָס איז מיט איהר געוואָרען, ווייס איך ניט.

ישראל איז דערנאָך צובראָכען געוואָרען. ער האָט זיך ניט געקענט אויסקלערעווען: קיין רבנות ניט, קיין רבי ניט, קיין סוחר ניט, קיין געשעפטען ניט, טאָ וואָס דען?

און ער האָט אָנגעהויבען אַריינפאַלען אין אַ מורה-שחורה. פון אַ סך קלערען איז ביי איהם פערבליבען, אַז ער וועט זיך גאָר אָנהויבען צו צוגרייטען אין אוניווערזיטעט, ווערען אַ פראָפעסאָר, ווארום ביי איהם איז דאָס אַ קליינינקייט. אין איין יאָהר מאַכט ער דורך אַלע קלאַסען פון אַ מיטעל-שול.

ער האָט געקויפט אַ רוסיש ווערטער-בוך, און בולשטעבליך אין איין חודש האָט ער שוין געקענט אַלע רוסישע ווערטער אויף אויסווענייג.

דער פעטער זיינער, ר' לייזשע, האָט געזעהן, אַז ישראל האָט זיך גענומען גאָר אויף אַ געפעהרליכען דרך, האָט ער טעלעגראַפירט צום פאָטער, דער פאָטער איז געקומען און האָט איהם צוגענומען, אַ פערמאַטערטען און צוטומעלטען, צו זיך אין לובלין, אַוועקגעפיהרט איהם צום רבי'ן, ר' לייבעלע אייגער, און האָט איהם געמאַכט פאַר אַ חסיד. דער רבי, ר' לייבעלע, האָט זיך מיט איהם געפרעהט, און ישראל איז געוואָרען אַ חסיד.

איצט האָט ער זיך איבערגעגעבען אינגאַנצען צו חסידות, האָט פון דאָסניי חתונה געהאַט. דאָס ווייב האָט געמאַכט אַ קראָם, מען האָט אָנגעהויבען לעבען פשוט, ווי אַלע יודען, און אָט אַזוי איז גע־וואָרען פון אַ גאון'ישען יונגעל אַן'איינפאַכער יוד.

זיבענצעהנטעס קאַפּיטעל.

די וויַטערדיגע מלמדים. — ר' אפרים דער מלמד. — זייַנע „נייַע" מעשיות. — אַמאָליגע מלבושים. — די גרויסגעטריבע־נע רבנים. — אונזער ליעבע צום רבי'ן.

פון בינוש־לייב'ן דעם מלמד, בייַ וועלכען איך בין כמעט גע־שטאַנען אויף איין אָרט. בין איך אַרייַן צו דוד דעם בלינדען. ער איז געווען בלינד אויף איין אויג. דאָס איז געווען דער צווייטער רוצח פון דוד מיט די קאָלטענעס.

בייַ איהם האָב איך געלערנט דרייַ זמנים און געהאַט אַ גרויסע פּעולה אין לערנען. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער פּועל. זיין לערנען איז געווען „גרונטאָוונע". און איך בין אַרויס פון איהם מיט אַ נאָמען פון אַ גוטען לערנער. פון איהם בין איך אַרייַן צו מיין פעטער ר' אפרים, אַ גרויסער מופלג און אַ חכם און האָט גע־שריבען העברעאיש זעלטען גוט.

ער האָט נישט געהאַט קיין גליק אין געשעפטען, האָט נישט געטויגט צו די פּריצים, וויַיל ער האָט נישט געקענט זיי חנפה'ענען און איז, נעבעך, געווען אָרים. דער זיידע אהרן־לייזער האָט איהם געשטיצט, אָבער וואָס קען מען זיך דערלעבען פון אַ מענשען'ס גאָב צ

רערצו האָט ער געהאַט פינף דערוואַקסענע טעכטער, און האָט געמוזט זיערען, ווי אַלע קבצנים, אַ מלמד. ער איז אָבער געווען פון די בעסטע מלמדים. מיר האָבען געלערנט בײַ איהם זאַלבעפיערט און האָבען זיך גערעכענט פון די בעסטע אין שטאָדט.

בײַ איהם האָב איך געלערנט צוויי זמנים די גמרא „חולין״ מיט תוספות, מיט מהרש״א און אַלע מפרשים און אויך פוסקים — מגן-אברהם, מיט׳ן מחצית השקל.

פאַר דער גאַנצער צײַט פון מײַן לערנען אין די חדרים, האָב איך אין ערגעץ נישט געהאַט אַזאַ הנאה, ווי בײַם פעטער. ערשטענס, האָט ער מיט אונז געלערנט פערשטענדליך גמרא און געגעבען אונז גוט צו פערשטעהן, מיט געלאַסענקייט, מיט ווייכע גוטע רייד, בעת מיר האָבען אָפטמאָל בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן דעם גרויסען פלפול אין די שיטות און האָט אונז נישט בעוויזען קיין סימן פון כעס. ער האָט זיך געסטאַרעט אונז געבען צו פערשטעהן דורך קלאָרע רייד, פערגלייכונגען און משלים.

און עס איז געווען וואונדערליך זיס און אַנגענעהם צו לערנען מיט איהם. און אַז מען האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט בײַם לערנען די גמרא מיט די פוסקים, פלעגען מיר אָברוהען, און ער האָט מיט אונז פערבראַכט אין וועלט-זאַכען. ער איז געווען זעהר אַנ׳אָנגעלייענטער, און האָט געהאַט אַ ידיעה אין חכמת הטבע, ער האָט אויך אַמאָל געלעזען אַ רוסיש בוך, נאָר אין רוסיש פלעגט איהם דאָס ווײַב, וואָס איז געווען, זאָל זי מיר מוחל זיין, זעהר אַ נאַרעשע יודענע, שטערען.

ער האָט אייגענטליך פאַר איהר גאָר קיין מורא נישט געהאַט, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר איהר נ א ר י ש ק י י ט. אַז זי האָט דערזעהן בײַ איהר מאַן ר׳ אפרים עפּעס אַ זאַך, וואָס איז איהר נישט געווען געפעלען, פלעגט זי באַלד איבערדערצעהלען פאַר דער גאַנצער פאַמיליע און פאַר אַלע ווײַבער. און אַזוי ווי דעמאָלט איז געווען אַ פערברעך צו לעזען אַ רוסיש בוך, פלעגט ער זיך אָבהאַלטען דערפון.

אָבער ו ע ד ל י ג זיין צײַט, האָט ער געוואוסט אַ סך, און אָט בײַם אָברוהען פון דער גמרא, פלעגט ער אונז געבען צו ערקלערען פערשיעדענע וויסענשאַפטליכע זאַכען און פלעגט אונז אָפט דערצעהלען מעשיות פון די פערצײַטיגע דורות, נאָר אַלץ אמת׳ע, ריאַלע מעשיות.

געהאַט האָט ער אַ זמן נײַנציג רובל פון פיער תּלמידים: צוויי האָבען געצאָהלט צו צוואַנציג רובל און פאַר מיר מיט ישראל׳ן פופציג רובל. געוועהנליך, איז ער נעבעך געווען אַ גרויסער אָרימאַן און ער פלעגט זיך פאַר אונז קלאָגען אויף דעם היינטיגען יקרות און דערמאָהנען מיט התפעלות זיינע יונגעלשע יאָהרען, בעת עס האָט געקאָסט וועקס רובל אַנ׳אָקס, דריי רובל אַ בהמה, אַלצעהן גראָשען אַ גאַנז, וועקס — אַלט גראָשען אַ הוהן, אַ גראָשען — פינף אייער, זעקס גראָשען אַ פונט פוטער און צוויי גראָשען אַ טאָפּ מילך... דעמאָלט האָט זיך יעדער יוד, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ פּאָר קאָפּיקעס, געמאַלט זיך אַ קליין ברויזעלע פון בראָנפען מיט עטליכע בהמות אויף ברייטע און עס איז געווען מילך חאָטש צו באָדען זיך.

און מלבושים זענען אַמאָל געווען פון אַזעלכע שטאַרקע שטאָפען, אַז אַ מלבוש איז איבערגעגאַנגען בירושה אויף קינד׳ס־קינדער. עס איז געווען אַ סאָרט, וואָס האָט געהייסען ר ע ג ע ן - ק אַ מ נ ע ט, איז דאָס געווען שטאַרק ווי שטאָהל, און גראָב און האַרט, כמעט ווי אַ בלעך. אַז מען איז געגאַנגען אין אַ רעגען־קאַמנעטענע קאַפּאָטע, אָדער אויבער־מלבוש, האָט געקנאַקט יעדער קנייטש פון איהם און פאַר אַ מייל האָט מען געהערט, אַז אַ מענש געהט.

דער רעגען־קאַמנעט איז געווען פון פערשידענע קאָלירען און פערשידענע פּרייזען; דאָס ביליגסטע איז געווען פערציימענם זעכציג קאָפּיקעס אַנ׳איל. די שטאַרקייט איז געווען די אייגענע; קיין מענש האָט נישט געקענט צורייסען דעם מלבוש. אפשר אין אַ פופציג יאָהר אַרום איז דאָס עטוואָס קאַליע געוואָרען, אָבגעקראָכען, האָט דאָס גע׳ירשנ׳ט אַ זוהן און עס איז געווען אַ יחוס צו טראָגען אַנ׳אָבגעבלאַקירטע קאַפּאָטע, אַלס זכר פונ׳ם געשטאָרבענעם. דערנאָך, אין אַ עטליכע צעהנדליג יאָהר אַרום, איז דאָס שוין געוואָרען שטאַרק אָבגעקראָכען, האָט מען דאָס שוין צוגענוצט צו וואָכעדיגע אַרבייטען און צו שלעכטע וועטערן. אָבער צוריסען און צוהאַקט איז דאָס קיינמאָל נישט געוואָרען.

איך געדענק נאָך די רעגען־קאַמנעטענע קאַפּאָטעס, וואָס די עלטערע יורען האָבען געטראָגען. איך אַליין האָב געטראָגען אַ רעגען־קאַמנעטענע קאַפּאָטקע, בעת איך בין אַלט געווען אַ יאָהר אַכט. מען

האָט עס מיר איבערגעגייהט פון דעם זיידענס אַ קאַפּאָטע, וואָס ער האָט דאָס אויך געירשנ'ט פון זיין פאָטער.

אויך איז געווען אַ שטאָף מיט'ן נאָמען „לאַסט". היינט רופט מען עס „האַלב-לאַסט", אָבער דער היינטיגער איז גאָר נישט ענליך אין יענעם. לאַסט האָבען שוין געטראָגען גביר'ישע מאַנסלייט. דאָס זענען געווען די שטאָפען פאַר מאנסביל: פיער מינים רעגען-קאַמגעט, צוויי מינים לאַסט, דריי מינים סאַמעט, פיער מינים אַטלעס און עטליכע מינים זיידענס.

די ווייבער האָבען געטראָגען ציץ צו זיבען, אַכט קאָפּיקעס אַנ'איל און וואָהל אַם-העכסטען — דרייסיג קאָפּיקעס אַנ'איל. וואָהל האָבען שוין געטראָגען די רייכערע.

פון פוטערוואַרג האָט מען געטראָגען די טייערסטע פיזעם, פיי, שורקעס און באָבער. די ווייבער האָבען געטראָגען פיקס, סייבעל און מאַרדער.

די ציהרונג איז בעשטאַנען בלויז פון פעריל. כמעט די געמיינסטע האָבען געטראָגען פעריל אויפ'ן האַלז פאַר אַ וואָסערע דרייסיג רובל. געטראָגען האָט מען אויך פינגערלעך און אַ גאָלדענע בראָשקע, אַזוי גרויס ווי אַ רובל, אָנגעטהאָן אויפ'ן האַלז.

מיין פעטער, דער רבי, פלעגט אונז דערצעהלען מעשיות פון אונזערע גאונים, אָבער נישט קיין גוזמאות און נישט קיין אוננאַטירליכע זאַכען, נאָר אַלץ מעשיות פאַקטישע, קלאָרע און נאַטירליכע. ער האָט געוואוסט וויפיעל שכירות האָבען גענומען אַמאָליגע רבנים און די גרויסע גאונים. דאָס איז געווען עפּעס ביז אַכציג גראָשען אַ וואָך. אַזוי פיעל פלעגט נעהמען אַ מינסקער רב און אַזוי דער ווילנער גאון, און אַז מען האָט געהעכערט דעם רב'ס שכירות, איז עס געווען צעהן גראָשען אויף דער וואָך.

אויך האָט ער דערצעהלט, ווי די פרנסי-חדשים האָבען געוועלטיגט אויף די רבנים און עס פלעגט טרעפען, אַז מען האָט דעם גרעסטען גאון אַרויסגעטריבען פון אַ שטאָדט, וואו ער איז געווען רב, פאַר אַ מינדסטע קלייניגקייט. פשוט דער פרנס-חודש האָט גערופען די רעדעלפיהרער, די פני-העיר און פאָרגעלעגט בעשטראָפען דעם רב.

אַמאָל האָט מען גע'פּסק'ענט, אַז מען דאַרף איהם אַרויסטרייבען, און מען האָט איהם אַרויסגעטריבען.

אין מינסק, צום ביישפּיעל, האָט מען אַרויסגעטריבען דעם שאגת-אריה. ער איז געווען כמעט דער גרעסטער גאון ביי יודען, נאָך דעם ווילנער גאון. מען האָט איהם אַרויסגעטריבען זומער, פרייטאָג צווועלף אַ זייגער, מיט גרויס שאַנד. דהיינו, מען האָט איינגעשפּאַנט אַ פּאָר אָקסען אין אַ וואָגען און מען האָט איהם אַזוי אַרויסגעפיהרט פון שטאָדט. דערצעהלט דער פעטער, אַז אַ יודענע איז אַרויסגעגאַנגען אונטער'ן שטאָדט, צום רב, און איהם געבראַכט דריי חלות אויף שבת. האָט ער זי געפרעגט, ציּ איהר מאַן ווייס פון די חלות, זאָגט זי:

— ניין.

זאָגט ער:

— טאָר איך נישט נעהמען.

מען האָט איהם דערווייל צוגעפיהרט צו אַ יודישע קרעטשמע; דער אַרויסגעטריבענער רב האָט נישט געוואָלט, אַז דער ישובניק זאָל וויסען, אַז ער איז מינסקער רב. די ענערגישע יודענע אָבער איז געלאָפען צו-פוס אין דאָרף אַריין און אָנגעזאָגט, אַז דאָס איז אונזער רב, דער גרויסער גאון, און דער פּרנס-חודש, ימח שמו, האָט איהם אַרויסגעטריבען.

אין בריסק האָט מען אַרויסגעטריבען דעם גאון, וואָס האָט געמאַכט אויף ש"ס דעם גרויסען פּירוש, מיט'ן נאָמען דער ב"ח. ער איז געווען דאָרט רב. איז געווען איינמאָל אַ מעשה. שבת-צו-נאַכטס זענען געזעסען דער פּרנס-חודש מיט די פּני-העיר אין קהל-שטוב אויף אנ'אספה, איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט צווועלף אַ זייגער ביינאַכט, און מען האָט נישט געקענט קריגען קיין פייער אין גאַנץ בריסק. מען האָט שוין אומעטום געשלאָפען. האָט דער פּרנס-חודש געזאָגט די שמשים, מען זאָל געהן צום רב און דאָרט אָנצינדען אַ ליכט אין לאַמטערנע און ברענגען. זענען זיי געקומען צום רב. אָבער ווי פערוואונדערט זענען זיי געוואָרען, אַז בײם רב איז אויך געווען פינסטער. ער האָט

שוין אויך געשלאָפֿען. האָבען זיי דערצעהלט די מעשה אויף דער אספה, איז געבליבען ביים פּרנס־חודש מיט די פּני־העיר, אַז אַ רב קען צוועלף אַ זייגער ביינאַכט שלאָפֿען, דאַרף מען איהם אַרויסטרייבען, און מען האָט איהם אַרויסגעטריבען פֿון בריסק.

אַכטצעהנטעס קאַפּיטעל.

מײַן „רבי" ר' יצחק־אשר. — אונזער „לערנען". — מײַן ערשטע רעוואָלוציע. — עס וואַקסט מײַן נאָמען אין שטאָדט. — דער פינאַל.

געוועזן אין קאַמעניץ אַ צרה'דיגער חסיד, אַ קבצן און אַ מוראַ'דיגער פרומאַק. טהאָן האָט ער גאָרנישט געטהאָן. האָט איהם דאָס ווײַב נישט געלאָזט לעבען, ער זאָל ווערען, וואָס אַלע שלימזל'ניקעס ווערען — אַ מלמד, און אַז ער האָט עס דערצעהלט מײַן טאַטען, איז מײַן טאַטען בעת מעשה אײַנגעפאַלען אין קאָפּ אַרײַן, אַז יצחק־אשר קען זײַן פאַר זײַן חצקל'ען אַ גוטער מלמד, צי חצקיל וועט זיך בײַ איהם עפּעס אויסלערנען, איז אַ ספק, אָבער דערפאַר וועט חצקיל בײַ איהם ווערען אַ גרויסער חסיד, ווײַל איך, חאָטש איך בין געוועזן אין האַרצען אַ חסיד, האָב איך דאָך „ליעב געהאַט עולם הזה", ווי דער טאַטע פלעגט זאָגען. איך פלעג זיך שטענדיג געפינען בײַם זיידען, וואו איך האָב אָפטער געגעסען שבת און יום־טוב. אַזוי האָב איך שוין אויך געדאַווענט מיט'ן זיידען בײַם פעטער מרדכי־ליב'ן, און צעהן אַ ווײַגער זענען מיר שוין געוועזן אָבגעדאַווענט.

בײַם זיידען האָט נישט לאַנג געדויערט דאָס עסען, און אַרום

צוועלף אַ זייגער איז דער טאַטע געקומען אַהיים פון שטיבעל, בין איך ווידער געגאַנגען אַהיים עסען. וואו עס איז מיר געווען בעסער, דאָרט בין איך געווען. דערפאַר האָט מיך דער טאַטע שטענדיג גערופען „בעל עולם-הזה'ניק״, און ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט מיך אָבגעגעבען לערנען צום פעטער ר' אפרים, וואָס איז געווען אַ מתנגד, און נאָך אַ „פילאָזאָף״, ווי מען האָט איהם געהאַלטען. איז ער דאָך אַודאי אַ פערבאָרגענער אַפיקורס. אויך האָט ער איינגעזעהן, אַז איך האָב אָנגעהויבען צו-פיעל צו וויסען, עפּעס וויים איך שוין פון וועלט-זאַכען און דער טאַטע האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז איך זאָל נישט ווערען, חלילה, ביים פעטער אַנ'אפיקורס.

ער וואָלט מיך געוויס אָבגענומען פון פעטער. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר זיין טאַטען אהרן-לייזער'ן, און אַזוי האָט ער געזוכט עפּעס אַ געלעגענהייט, אַז ער זאָל מיך קענען אָבנעהמען פון חדר און דער זיידע זאָל נישט האָבען דאַגעגען.

נאָר אַז עס האָט זיך אונטערגערוקט יצחק-אשר, האָט ער שוין אין אַלע געלעגענהייטען פערגעסען, און ער איז גאָר געווען ענטציקט פון דעם, וואָס ביי דעם מלמד וועל איך ערשט ווערען אַ רעכטער חסיד. און צוזאַמען מיט נאָך אַ יורען אַ חסיד האָט ער גענומען יצחק-אשר'ן פאַר אַ מלמד. פאַר צוויי יונגלעך: פאַר מיר און פאַר מרדכי שמואל-שלום'ס האָט מען איהם בעשטימט פופציג רובל אַ זמן. און לערנען זאָל ער אין ר' הערשעלעס בית-המדרש, אויפ'ן שוהל-הויף. דאָרט לערנט קיינער נישט דעם גאַנצען טאָג, נישט קיין פרוש און נישט קיין ישיבה-בחור, עס איז שטיל, וועט מען קענען האָבען אַ פעולה.

דעם איינענעם ברודער זיינעם, מיין חבר ישראל'ן, האָט דער טאַטע נישט אָבגענומען פון אפרים'ן.

אויף מאָרגען, נאָך סוכות, אַ זייגער ניין אין דער-פריה, בין איך געקומען אין ר' הערשעלעס שטיבעל לערנען מיט'ן נייעם מלמד: דאָס איז געווען די צייט, ווען מען געהט אין אַלע חדרים.

דער רבי איז נאָך נישט געווען און איך מיט'ן חבר האָבען געוואַרט. אַ זייגער עלף איז ער געקומען פון מקוה און גענומען דאַווענען, טופענדיג מיט די פיס איבער דער פאָדלאָגע און קלאַפּענדיג מיט די

הענד אָן וואַנד, ווי זײַן שטײַנער איז געווען אין דאַוונען. אַזוי האָט ער אַ גאַנצע שעה צוזעצט די פּאָדלאָגע מיט די ווענד, צוריסען דעם גאָרגעל שרײַענדיג, און נאָכדעם, אַרום האַלב אײנס, האָט ער גענו־מען לערנען מיט אונז די מסכתא קדושין. עסען פרישטיק עסט ער נישט, ווײַל פאַרטאָג עסט ער ערשט די וועטשערע.

מיר האָבען אָנגעהויבען לערנען די גמרא, וואָס איז אונז געווען בעקאַנט נאָך פון פריהער. מיר לערנען אָב אַ גאַנצע בלאַט גמרא, און ער קוקט זיך אַזוי פאַר זיך — צי ער הערט, צי ער טראַכט עפּעס פאַר זיך, ווײסען מיר נישט.

אַז מיר האָבען זיך שוין גענומען צום תוספות, איז ער שוין נישט אַזוי נייטראַל געזעסען און האָט אלײן אַרײַנגעקוקט אין די קלײנע אותיות׳לעך. דער תוספות איז אונז אויך געווען בעקאַנט, און ער, אַרײַנקוקענדיג אין איהם, האָט געשעפּטשעט פאַר זיך און האָט איהם, קענטיג, נישט פערשטאַנען. זיצט ער אַזוי אונטערגע־שפּאַרט מיט ביידע הענד זײַן קלײן קעפּעלע מיט׳ן שמאָליטשקען שטע־רענדיל און שעפּטשעט פאַר זיך דעם תוספות. אָבער מיר פיהלען, אַז ער פערשטעהט נישט, און ער קלערט אַלץ, און רעדט נאָכאַמאָל איבער פאַר זיך, און קלערט אַ האַלבע שעה, ביז עס ווערט אונז נמאס און מאוס צו זיצען, זאָגען מיר:

— רבי, מיר וועלען אײַך זאָגען דעם תוספות, עס איז זעהר אַ גרינגער תוספות.

טהוט ער אַ געשרײַ:

— בײַ אײַך איז אַלץ גרינג, בײַ מיר אָבער איז אַלץ שווער! און קלערט ווײַטער.

האָבען מיר זיך דערווײַל אַרויסגערוקט און אַוועקגעגאַנגען אין גרויסען בית־המדרש.

אין בית־המדרש האָבען מיר זיך פערדעט מיט די בחורים, און אַז מיר האָבען אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן זײגער, האָבען מיר געזעהן, אַז עס איז שוין אַוועק אַ שעה צײַט.

חאָטש מיר האָבען פאַר דעם שלימזל, דעם רבי, באמת קײן מורא נישט געהאַט, נאָר כדי ער זאָל נישט דערצעהלען דעם טאַטען,

אַז מיר געהען אַוועק פון מיטען לערנען אין בית-המדרש, האָבען מיר זיך דאָך צוגעאײַלט און אַוועק אין שטיבעל לערנען.

מיר קומען אַרײַן אין שטיבעל, זעהען מיר ווי ער זיצט נאָך אַליין אָנגעשפּאַרט דאָס קלײנע קעפּיל אויף זײַנע בײדע הענד און איז טיעף פערטראַכט. זענען מיר אַוועקגעגאַנגען אַהײם עסען מיטאָג, און אַז מיר זענען געקומען צוריק, האָבען מיר איהם ווידער געטראָפען אין דערזעלבער פּאָזע. איצט האָבען מיר שוין איבערגעשלאָגען זײַן קלערען און געפרעגט:

— וואָס קלערט דער רבי אַזוי לאַנג? מיר ווייסען דאָך שוין פון לאַנג דעם תוספות, מיר האָבען דאָך איהם געלערנט!...

ווי עס ווייזט אויס, האָט ער נאָך אַליין נישט פערשטאַנען, נאָר ער האָט זיך, אַפּנים, געשעמט און געמאַכט אַ שוויַיג. דערוויַיל האָבען מיר אָבגעלערנט נאָך אַ פּאָר תוספות'ן און ער האָט שוין געשוויגען. נאָר עס איז געוואָרען מנחה צייט, און ער האָט זיך גענומען גרייטען צום דאַוונען מיט זײַנע אײַנגענאַרטיגע הכנות...

און מיר זענען זיך ווידער אַוועקגעגאַנגען אין בית-המדרש אַרײַן און אַרומגעשטיפּט דאָרטען מיט אַלע יונגלעך און חברים. יצחק-אשר האָט אויסגערעדט מיט'ן טאַטען, ער זאָל לערנען מיט אונז נאָר ביז מנחה, נישט אַזוי ווי אין אַלע חדרים ווינטער, ביז נײַן אַ זייגער אָווענד. האָבען מיר איבערגעקעהרט דעם בית-המדרש, געלערנט עטוואָס די מאָרגענדיגע גמרא מיט אַ פּאָר תוספות'ן, און וואָס מיר האָבען נישט געוואוסט, האָבען מיר געפרעגט בײַ די פּרושים.

אויף מאָרגען, אַז מיר האָבען פון דאָס-נײַ אָנגעהויבען לערנען, האָט ער זיך ווידער אָבגעשטעלט ווי נעכטען און גענומען קלערען דעם תוספות. זענען מיר שוין אַוועקגעגאַנגען אויף גאַנצע דריַי שעה און געקומען אַקוראַט אַ האַלבע שעה פאַר זײַן מנחה-דאַוונען... האָבען מיר איהם ווידער איבערגעזאָגט דעם תוספות און ער האָט געמאַכט אַ שוויַיג. אָט אַזוי האָט זיך געפיהרט דעם גאַנצען ווינטער.

דערוויַיל בין איך געוואָרען אַ תושב אין גרויסען בית-המדרש און זיך בעקאַנט מיט אַלע ישיבה-בחורים און פּרושים און די יונגערע בעלי-בית'לעך. איך האָב געפיהרט מיט זיי וכוחים, און גערעדט פון פערשידענע זאַכען און פאַר נישט האָבען וואָס צו טהאָן, האָב איך

געמאַכט אַ שטיקעל „רעוואָלוציע״. די מעשה איז אַזוי געווען.

אין בית־המדרש, ווי איך האָב שוין געשריבען, זענען אַלע ש״ס׳ען געווען צוריסען, און שבתי-היִרש, אַנ׳אַלטער מאַן, וואָס איז שוין געווען גבאי אַ יאָהר דרייסיג, האָט די גוטע ש״ס׳ען געהאַלטען פערשלאָסען אין שטיבעל, מיט די אייזערנע גראַטען אויף די פענסטער און מיט דער אייזערנער טהיר, וואָס דאָרט פלעגט מען מיט עטליכע יאָהר צוריק אַריינזעצען די רעקרוטען. דערנאָך האָט מען אַזאַ מין אַרעסט-הויז פאַר זיי געמאַכט נישט אויפ׳ן שוהל־הויף, וואו אַלע מענ־שען זאָלען הערען די געוויינען מיט די געשרייען, נאָר נעבען אַסעסער, אָט דאָרטען, אין אָט דעם שטיבעל האָט שבתי-היִרש בעהאַלטען די בעסטע ש״ס׳ען מיט די בעסטע ספרים און אין בית־המדרש האָט ער איבערגעלאָזען די צוריסענע. און אַז איך האָב געבעטען, ער זאָל אַרויסנעהמען אונזער סלאַוואוטער ש״ס און אַרויסגעבען אונז אין בית־המדרש, האָט ער אָבגעזאָגט.

האָב איך איהם געטהאָן אַ קלייניגקייט: איך האָב אונטערגעהעצט די אַלע פרושים, ישיבה-בחורים און בעלי-בית׳לעך, וואָס עסען קעסט, אַז זיי זאָלען פאָדערן ביי שבתי־היִרש׳ן די אַלע גוטע ש״ס׳ען מיט די ספרים. פאַרוואָס גיט ער אונז די צוריסענע? מיר קענען נישט לערנען, עס איז אַלץ צוריסען!

— דאָרט, אין קעמערל, האַלט מען, אַפנים, פאַר די מייז די גוטע ספרים! — האָב איך געשריען.

— קיין אַנדער עצה איז נישטאָ צו איהם, —- האָב איך גע־העצט — ווי נאָר מיר אַלע לערנערס זאָלען זיך אַריבערציהען אין אַנ׳אַנדער בית-המדרש. אין נייעם בית-המדרש קען מען נישט—שבתי־היִרש׳ס זוהן איז דאָרט גבאי, לאָמיר זיך אַריבערציהען אין אַדראָלינער בית־המדרש. דאָרט איז גבאי ר׳ משה־ראובן, וועט ביי איהם זיין אַ גרויסע שמחה, וואָס אין זיין בית-המדרש וועט מען זיצען און לערנען! טאָמער וועט צו-פעהלען ש״ס׳ען, וועט ער שוין נישט רוהען, ער וועט אָנלייהען אין דער גאַנצער שטאָדט און וועט אונז געבען, וואָס מיר דאַרפען.

אויף די אַלע אַגיטאַציעס האָב איך געהאַט צייט. ווארום מיין דבי, יצחק-אשר, האָט נאָר געטהאָן און געקנייטשט דעם שטערן

איבער׳ן תּוספות און וועט איהם שוין מסתּמא קיינמאָל נישט אויסקנייט־שען, בּיז איך וועל נישט קומען און וועל איהם נישט זאָגען דעם פּשט פון תּוספות. אַ פיינער רבּי!...

בּין איך מיר אַוועקגעגאַנגען צו ר׳ משה־ראובנ׳ען און איהם דער־צעהלט די גאַנצע מעשה. אַזוי און אַזוי, מען גיט אונז צירים־סענגע ש״ס׳ען, ווילען מיר איבערגעהן צו איינך. עס איז אַפילו ווייטליך צו געהן, אָבער דערפאַר זענען דאָ בּיי איינך נייע גוטע גמרות און וואָס עס וועט אויספעהלען, וועט איהר אונז מסתּמא שאַפען.

ר׳ משה־ראובן האָט זיך דערפרעהט מיט אַזאַ גוטע בּשורה און האָט געזאָגט, אַז די שטאָדט וועט מסתּמא נישט לאָזען דעם גרויסען בּית־המדרש בּלייבען אָהן לערנערס און סוף כּל סוף וועט מען אונז איבערבּעטען און נאָכגעבען, נאָר ער וועט האָבען גרויס נחת, ווען זיין בּית־המדרש וועט זיין געפּאַקט מיט יודען, וואָס ווילען לערנען. האָטש נאָר אַ פאָר טעג בּיי איהם לערנען — איז דאָס אויך שוין פאַר איהם גענוג, איז דאָס אויך שוין פאַר איהם אַ גרויסע שמחה!

און אויף מאָרגען, אין מיטען טאָג, האָב איך אַרויסגענומען אַלע לערנערס. עס איז נישט געבּליבּען קיין איינער, און איך האָב זיי אַלעמען געבּראַכט אין בּית־המדרש אַריין, בּיז איבער עטליכע און פופציג יונגע־לייט, אָרימע, רייכע, עלטערע, יונגערע! די פרייד פון ר׳ משה־ראובנ׳ען איז געוועזען אונבּעשרייבּליך. מיר האָבען איהם בּאַלד איינגע־געבּען אַ צעטעל, וויפיעל גמרות מיר דאַרפען האָבען און וויפיעל מפרשים, שאלות־תשובות א. ז. וו.

ר׳ משה־ראובן האָט גענומען מיט זיך דריי בּחורים פון אַראָלינגע און איבער׳ן טאָג אָנגעבּראַכט אַלץ, וואָס מיר האָבען בּעדאַרפט. בּיז צעהן אין דער־נאַכט האָט מען כּסדר געטראָגען ספרים און אויף מאָר־גען איז דאָרט געוועזען אַ לערנעריי מיט די שענע האַרציגע נגונים, אַז עס האָט פערהילכט גאַנץ אַראָלינע. איך האָב אַזוי אָנגערעדט אַלע לערנערס, אַז דאָ זאָל מען נישט ריידען, נאָר לערנען, און הויך לער־נען, יעדער ווי ער קען, און גאַנץ אַראָלינער ווייבּער און קינדער זע־נען געקומען אַרום די פענסטער קוקען אויף די גוטע זינגענדיגע לער־נער. מיר האָבען פערנומען די ווייבּער־שוהל אויך צום לערנען, אויסער

אין דער-פריה, ווען עס קומען די צוועלף צדקניות'ן דאַוונען — און ר' משה-ראובן האָט געשעפּט נחת אָהן אַ שיעור.

און אַז ר' שבתי-הירש, דער גבאי, איז געקומען מנחה דאַוונען אין בית-המדרש, איז איהם געוואָרען פינסטער אין די אויגען. דער גרויסער בית-המדרש איז פּוסט, עס איז חושך, פינסטער, מען הערט נישט קיין קול פון לערנען, און דערנאָך, אַז עס זענען אָנגעקומען די בעלי-בתים, זענען זיי גאָר מבולבול געוואָרען. זיי האָבען נישט געוואוסט פון דער גאַנצער איבערקעהרעניש. זיי האָבען געמיינט, אַז עפּעס אַן'אומגליק האָט געשעהן, און מבולבול'ע האָבען זיי געפרעגט שבתי-הירש'ן:

— וואָס איז דאָ אַזוינס?

שבתי-הירש האָט זיי דערצעהלט, אַז משה אהרן-לייזער'ס יונגעל האָט געמאַכט אַ בונט און אַרויסגענומען אַלע לערנערס פון דאַנען און איבערגעפיהרט זיי אין אַדאָלינע צו ר' משה-ראובנ'ען.

— פאַרוואָס? עס מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם? גלאַט אָהן אַ טעם קען דאָך נישט זיין.

— איהם האָט זיך פערוואָלט, דעם יונגאַטש, — האָט ר' שבתי-הירש גערעדט אַ צוקאָכטער — אַז איך זאָל איהם אַרויסגעבען דעם נייעם זשיטאָמירער ש"ס. איך דאַרף נאָר אַרויסנעהמען, וועט מען דאָס אין דריי וואָכען צוריסען, אַזאַ טייערער ש"ס.

עס איז געוואָרען אַ מהומה, און זיי האָבען איהם נישט געגלויבט. פאַר זיי איז דאָס עפּעס געווען צו-ווענינ.

איך האָב געוואוסט, אַז ווען די בעלי-בתים וועלען קומען צו מנחה, וועט ווערען אַ מהומה. צווישען מנחה און מעריב וועט זיך קאָכען ביי די בעלי-בתים מיט שבתי-הירש'ן, און איך בין אומישנע צו מעריב געקומען אין בית-המדרש. אַז זיי האָבען מיך דערזעהן, איז געוואָרען אַ געשריי:

— שאַ! שאַ! חצקיל איז דאָ. זאָל ער ריידען, וועלען מיר הערען!

ביי זיך בין איך נישט אַראָבגעפאַלען און האָב גענומען די גרע-סערע בעלי-בתים, צוגעפיהרט זיי צו די פּאָליצעס, וואָס זענען געווען

אַרום אַלע ווענד, איבער די טישען, געפּאַקט מיט ספרים און האָב זיי אַראָבגענומען אַלע גמרות און געוויזען:

— נאַט, זעהט. צי עס איז דאָ אפילו איין גמרא אַ גאַנצע, וואָס מען זאָל קענען אין איהר לערנען? אַלץ צוריסען. נו, איז דאָס ביי אייך רעכט, אַז שבתי-הירש זאָל האַלטען פערשלאָסען צוועלף גוּטע ש"ס'ען, מיט אַזוי פיעל גוטע מפרשים, שאלות-תשובות, און דאָ האַלטען די צוריסענע? פאַר וועמען בעהאַלט ער דאָס, די גוטע ש"ס'ען? וואָס זשאַלעוועט ער?

יעדען יאָהר שטאַרבען אַ פּאָר נגידים, וואָס לאָזען איבער ש"ס'ען אין גרויסען בית-המדרש, און ער פּאַקט אַהין, אין שטיבעל אַריין, און פערשליסט אויף דער אייזערנער טהיר.

אויסהערענדיג מיך, האָבען אַלע געזאָגט, אַז חזקיל איז גע- רעכט און אַז שבתי-הירש זאָל עפענען דעם קהל-שטוב און אַרויסנעה- מען פון דאָרט ספרים, וויפיעל די יונגע-לייט וועלען אויסקלויבען.

אָבער שבתי-הירש, אַנ'אַלטער מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און זיבעציג, וואָס איז דאָ טאַקע אַ גאַנצער קיסר, האָט זיך נישט געוואָלט אונטער- געבען, און איבערהויפּט האָט איהם פערדראָסען, וואָס אַזאַ יונגעלע פון פערצעהן יאָהר, זאָל אויספיהרען געגען איהם. קיינמאָל האָט קיי- נער נישט געוואַגט איהם זאָגען אין עפּעס אַ דעה, און ער האָט נישט געקענט ביי זיך פועל'ן אונטערצוגעבען זיך.

און אַ מהומה איז געווען אין בית-המדרש אַלע אין דער-פריה ביים דאַוונען און ביי מנחה און מעריב. די גאַנצע שטאָדט איז געקו- מען זעהן, ווי דער גרויסער בית-המדרש איז פּוסט און אַלע האָבען געזאָגט, אַז חזקיל איז גערעכט. מחמת אַלע האָבען מיר גערעכט געגעבען און ער האָט זיך נאָך אַלץ גע'עקשנ'ט, האָט מען זיך מיט איהם געקריגט און ער האָט נישט געהאַט קיין איינעם, וואָס זאָל שטעהן אויף זיין צד. אָבער ער איז אַלץ געווען איינגעשפּאַרט.

שבת האָבען בעלי-בתים מעכב הקריאה געווען און דער רב האָט געזאָגט, אַז ווען חזקיל וואָלט געווען מיט איהם אַ פרעמדער, וואָלט ער באַלד געזאָגט, אַז חזקיל איז גערעכט, נאָר אַזוי ווי ער איז זיין ברודערס אַנ'אייניקעל, מוז ער, דער רב, שווייגען. אַז די בעלי-בתים האָבען דערהערט דעם רב'ס ווערטער, איז געבליבען ביי אַלעמען

שבת צו-נאַכט מאַכֿען אַנ'אספה רבה און אַראָבוואַרפֿען פֿאַר אייַנוועגס שבתי-הירש'ן פֿון די גבאות. נאָר באַלד איז אַרויפֿגעגאַנגען שבתי-הירש אויף דער בימה, ווי שטענדיג צום לייענען, האָט אַ פּאַטש געטהאָן און געזאָגט:

— רבותי! איך גיב איבער דעם שליסעל פֿון די ספרים דעם רב, זאָל ער טהאָן מיט די ספרים, וואָס ער וויל, און מען זאָל געהן לייענען.

און אַזוי האָט ער געטהאָן. שבת בייַטאָג האָט ער אַרייַנגעשיקט דעם שליסעל צום רב און דער פֿעטער האָט מיך געשיקט רופֿען.

— איך האָב זעהר הנאה, מייַן קינד — האָט ער געזאָגט — וואָס דו פֿיהרסט אַ מחלוקת לשם-שמים, עס איז טאַקע אַנ'עולה פֿון שבהי-הירש'ן, איך האָב שוין לאַנג געהערט די מסירות אויף איהם, אַז אין בית-המדרש איז נישטאָ קיין איין גאַנצע גמרא... נאָר שבתי-הירש האָט מיר אַרייַנגעשיקט דעם שליסעל און איך וועל מאָרגען שיקען בייַנוש דעם שמש מיט'ן שליסעל אַרום עלף, צוועלף אַ זייגער און דו קענסט שוין קומען מיט אלע לערנערס אין בית-המדרש. נאָר פֿונדעסטוועגען, מייַן קינד, דאַרף מען קיין מחלוקת נישט האַלט האָבען, בעסער זיי אויסמייַדען, מייַן קינד...

שבת צו נאַכט בין איך געגאַנגען צו ר' משה-ראובנ'ען און דערצעהלט איהם, וואָס דער פֿעטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל ברענגען אַלע לערנערס אין בית-המדרש.

— אַז דער רב האָט געהייסען, מוז אַזוי זייַן, — האָט ער צוגעשטימט.

זונטאָג אין דער-פֿריה, זענען מיר אַלע געקומען אין בית-המדרש. מיר האָבען אויסגעקליבען פֿון אונז צעהן יונגע-לייַט, וואָס זאָלען געהן אויסקלויבען ספרים, און אַז מיר זענען אַרייַן אין שטיבעל, וואו די ספרים זענען געלעגען, איז אונז געוואָרען ליכטיג אין די אויגען. עס איז געווען נישט קיין צוועלף ש"ס'ען, נאָר זיבעצעהן, מיט די טייַערסטע שאלות-תשובות!

האָבען מיר דאָרט, ווי געזאָגט, געפֿינען אַ גאַנצען אוצר, וואָס האָט אונז שרעקליך געפֿרעהט. צווישען די ש"ס'ען האָבען מיר געפֿונען אַנ'אנטיקעל — אַ ש"ס נאָך פֿון קאָפּוסטער דרוק, וואָס איז אַלט געווען

מעהר פון דריי הונדערט יאָהר. דאָרט האָבען מיר געפונען אָריגינעל די גאַנצע מעשה פון יעזוס כריסטוס באריכות, פון אָנהויב ביז'ן סוף, איצט האָבען בעניים דעם בית־המדרש נייע גמרות. גאַנצע צוועלף ש"ס'ען, וואָס מיר האָבען אַריינגעטראָגען און נאָך פיעל טייערע כפרים, שאלות־תשובות און פוסקים, טייערע עשרים־וארבעה. די פרייד אין דעם טאָג איז געווען אין לשער ולספר.

געגומען, וואָס מיר דאַרפען, האָבען מיר צוריק פערשלאָסען די טהיר, און דער פעטער האָט אָבגעשיקט דעם שליסעל צוריק צו שבתי־הירש'ן. פון דער מעשה אָן בין איך געווען בעוואוסט אין שטאָדט.

פון טאַטען'ס מלמד דעם חסיד, איז מיר אַרויסגעקומען פון איין זייט אַ רעה, וואָס איך האָב גאָרנישט געלערנט, און פון דער צווייטער זייט אַ גרויסער טובה. ביי ר' אפרים'ן וואָלט איך געקענט בעסער לערנען, אָבער איך וואָלט געמוזט זיצען דעם גאַנצען טאָג אין חדר; ביי דעם חסיד אָבער, בין איך געווען פריי דעם גאַנצען טאָג און איך האָב מיך גענומען אינטערעסירען מיט אַנדערע ענינים, לויט מיין גייסט, וואָס איז געווען פאַר מיר זעהר ווילטיג.

איך האָב זיך גענומען צו חקירה, און צו דעם צוועק האָב איך אַרויסגענומען אַלץ פון דעם פערשלאָסענעם שטיבעל: אַלע חקירה־ספרים, ווי דעם מורה־נבוכים, דעם כוזרי, אַלע חכמת־ישראל'ס, דעם בחינות־עולם מיט גוטע פרושים, דעם חובות־הלבבות מיט אַלע דרוש־ספרים, און האָב אָנגעהויבען שטאַרק צו לערנען.

דעם רבי'ן פלעג איבערלאָזען אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענד, קלערענדיג אַלץ וועגען דעם תוספות. אין אַ צעהן מינוט האָב איך איהם אָבגעלערנט, און אַז איך האָב נישט געוואוסט, האָב איך זיך שטאַרק נישט געמאַטערט, איך האָב נאָר אַ פרעג געטהאָן אַ לערנער, און יענער האָט מיר שוין געזאָגט. מיר איז געווען אַ שאָד די צייט צו פערברענגען אין גמרא מיט תוספות. איך האָב זיך אַריינגעלאָזען אין חקירה־ספרים און צו־געצויגען צו זיך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יונגע־לייט, בחורים לערנערס און פרושים.

ביי טאָג האָבען מיר געלעזען די חקירה־ספרים און האָבען שטענדיג געפיהרט וכוחים און פילאָזאָפירט. צו דעם האָב איך געקראָגען צוויי גוטע חברים, יאָסעל דעם גביר'ס און שמואל מיירים'ס, זיי

האָבּען געהאַט טייערע קעפּ אין לערנען, זענען געוועזען זעהר פרומע און גוטע. פלעגען מיר גאַנצע טעג פערבּרענגען אין חקירות, און אין די אָוועגדען פלעגט מען עפּענען אַ גמרא און ריידען. קיינער האָט נישט געטאָרט וויסען, אַז מיר לערנען חקירה-ספרים.

דערנאָך האָט יאָסעל אויפגעגעבּען: צו וואָס זאָלען מיר דאָ לערנען די חקירה-ספרים און מורא האָבּען פאַר די אַלטע בּהמות (מיר האָבּען שוין אַ נאָמען געגעבּען די אַלטע בּעלי-בּתים — „אַלטע בּהמות״), אַמעהר בּעסער געהן צו איהם, צו יאָסלען. בּיי זיין טאַטען איז דאָ אַ בּיבּליאָטעק, נאָך אַ רייכערע, ווי אין שטיבּעל. בּיי זיי איז דאָ ממש פון פייגעל-מילך. ווען מיר לערנען וויפיעל מיר ווילען און אויפ'ן לעצטען אופן קענען מיר אַוועקגעהן צו זיי אין שייער און פיהרען דאָרטען אונזערע וכוחים.

אָט אַזוי איז בּיי אונז געוואָרען אַ קרייזעל, און מיר פלעגען שטאַרק לעזען און פיהרען וכוחים. אין דעם גאַנצען קרייזעל זענען געוועזען שטאַרק נאָר מיר, אַ דריי יונגלעך, וואָס האָבּען זיך גוט אַריינגעטהאָן און מיר פלעגען זיך אַזוי אַריינלאָזען אין די וכוחים, אַז מיר פלעגען פערגעסען עסען.

ניינצעהנטעס קאַפּיטעל.

דער נישביצער חסיד. — „מי השלח“. — מיין קשיא. — דער ענטפער פון די חסידים. — די בעקאַנטשאַפט מיט'ן מגיד'ס זוהן. — דער „המגיד“. — דער קלאָין־זעגער. — אונזערע פער־זאמלונגען. דער אָנהויב פון מיינע געזעלשאַפטליכע אַרבייטען.

דער טאַטע האָט צוגענומען צו זיך איינעם אַ י. וו. צו העלפען פיהרען די ביכער און נאָך אַזוינע זאַכען, וואָס זענען דעם טאַטען נויטיג געווען. דער דאָזיגער י. וו. איז געווען אַ נישביצער חסיד. מען האָט איהם אָבגעגעבען אַ וואוינונג טאַקע ביי אונז אין דער גלח'עשער קרעטשמע, וואו מיר האָבען געוואוינט. דאָרט איז אויך געווען אונזער בראָנפען־שפּייכלער, און ער האָט געוואוינט מיט אונז אַ טהיר נעבען אַ טהיר. דאָס איז געווען אַ קלוגער און ענערגישער פּאַרשוין, נאָר אַ גרויסער עזות־פּנים און אַ צולאָזענער.

און דער מאַמען מיינער פלעגט ער שטענדיג אויסצאַפּען דאָס בלוט, פאַר איהרע זיידעס, די גאונים א. ז. וו. ער פלעגט, צום ביישפּיעל, זאָגען אויף איהר זיידען, ר' חיים וואָלאָזשינער:

— ר' חיים זכרונו לסרחה...

ביי אונז איז געהאַנגען דעם ווילנער גאונ'ס בילד, האָט ער גענעבען אַ פּיק אין נאָז פון בילד.

די מאַמע פלעגט פיעל מאָל וויינען פון דעם שווייגעץ, אָבער דער טאַטע, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט געשמייכעלט און געזאָגט:

—נאַרעלע, וואָס אַרט דיך, וואָס מעהר דיר אַרט, אַלץ מעהר טהוט ער דיר צו־להכעיס.

אַגב האָט דער טאַטע מיטגעהאַלטען מיט איהם. פאָרט אַ חסיד!

דער טאַטע איז געווען זעהר צופריעדען פון איהם, ווייל ער האָט זיך געקענט מיט איהם אין אַלץ שאַפען, ער האָט אַלץ אויסגעפיהרט אויפ׳ן בעסטען אופן.

ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט. זיין דאַווגען האָט געדויערט צעהן מינוט און געטרונקען האָט ער אַ סך שנאַפּס און געשפּיעלט אין קאָרטען. נאָר צום געשעפט האָט עס נישט געהאַט.

איינמאָל שבת בייטאָג בין איך אַריינגעגאַנגען צו איהם אין שטוב. ער האָט דעמאָלט געשלאָפען אויפ׳ן קאַנאַפּע און נעבען איהם איז געלעגען דער נישביצער ספר „מי השלח״. איך האָב אַ נעהם געטהאָן דעם ספר און אַ קוק געגעבען אינוועניג.

מיין אויג איז געפאַלען אויף די סדרה פנחס. דאָרט איז געווען געשריבען, אַז זמרי בן סלוא האָט געטהאָן כדת וכדין בנוגע צו כזבי בת צור, ווייל ער האָט געזעהן, אַז זי איז זיין זיווג מששת ימי בראשית. ווייטער איז דאָרטען געווען גערעדט וועגען פנחס׳ן, אַז ער האָט איהם געשטאָכען נישט ווימענדיג אַקוראַט פון דער מעשה, און אַז משה רבינו האָט געמאַכט פנחס׳ן גערעכט, ווייל ער איז געווען זיינער אַ פעטער. דאָס האָב איך שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגען. האָב איך געליהען דעם ספר און גלייך אַוועקגעטראָגען צום פעטער׳ן עם רב, בעטענדיג איהם, אַז ער זאָל מיר דאָ זאָגען דעם פשט דערפון.

דער רב האָט דאָס איבערגעלעזען, און האָט זיך די האָהר געריסען. סטייטש, אַז אַ רבי (דער מחבר פון ספר) זאָל מאַכען אַזוי פון משה רבינו, טאָ וואָס איז שוין אַ פשוט׳ער יוד!

— זעהסט, מיין קינד, — האָט ער אויפגערעגט געזאָגט, — ווי ווייט די חסידים זענען פערפיהרט. איבערמאָרגען שבת זאָלסטו דאָס ווייזען דעם טאַטען, ווען ער וועט זיצען מיט די חסידים ביים טיש— זאָל ער דיר דאָ זאָגען דעם פשט.

שבת בײַטאָג זענען געווען בײַם טאַטען אַלע חסידים, עס איז געװען אַ גאַסט ר׳ שלמה-איציל, אַ קלוגער חסיד און אַ נגיד. מען איז געזעסען אַרום גרויסען טיש, געטרונקען וויין און גערעדט חסידות. איך בין אַרויס פון טיש, האָב גענומען דעם נישבּיצער ספר „מי השלח״ — די הענד האָבען זיך מיר געטרייסעלט, — האָב צוגעטראָגען דעם ספר, אויפגעמישט די סדרה און געפרעגט:

— טאַטע, זאָג מיר דאָ דעם פשט, איך פערשטעה נישט.

דער טאַטע האָט איבערגעלעזען און האָט זיך עטוואָס פערלוירען. ער איז געווען זעהר אַנ׳עהרליכער מאַן, פערדרעהען יענעם אַ קאָפּ קען ער נישט, בפרט זיין אייגען קינד. די חסידים האָבען זעהר געוואָלט וויסען, וואָס דאָ איז אַזוינס, און שלמה-איציל דער אורח, אַ יוד זעהר אַ היטרער, האָט פערשטאַנען אָן טאַטענס פנים, אַז ער האָט נישט קיין לשון, און ווייס נישט זיין יונגעל וואָס צו ענטפערן.

דער טאַטע האָט איהם געגעבען דעם ספר. יענער האָט עס איבערגעזעהן און אָנגעהויבען צו פּאַטשען מיט די הענד אָן טיש.

— עס איז רעכט! עס איז רעכט! — האָט ער געשריען.

און געגעבען דעם ספר די איבעריגע חסידים. יענע האָבען באַלד אויך אָנגעהויבען שרייען:

— עס איז רעכט.

און אַז איך האָב געפרעגט, וואָס איז רעכט, האָט מען מיר געענטפערט, אַז איך וועל עלטער ווערען, וועל איך וויסען. זיי האָבען אין מיר געהאַט אַ גרויסען טעות. איך האָב נישט געקענט וואַרטען ביז איך וועל עלטער ווערען, און אָט דאָס פּאַטשען מיט די הענד און שרייען: „ס׳איז רעכט״ אויף אַ זאַך, וואָס איז מיר אויסגעקומען שרעקליך קרום, גראָב און ווילד, האָט מיר, אַפּילו אונבעוואוסטזיניג, געגעבען אַ שטאַרקען שטויס פון חסידות.

און יעדע חסידישע תורה האָט זיך מיר פון דעם מאָל גענומען שטעלען אין האַרצען אין דער לענג און אין דער ברייט, און איך האָב זיך נישט געקענט בערוהיגען. איך האָב אָנגעהויבען איבערקלערען פאַר זיך אַלע זייערע ווערטליך און עס האָט זיך מיר אַלץ געשטעלט קאַפּויר, משונה, און איך האָב גענומען ציהען צוריק, „השיבנו באַזאַר״.

איך האָב אָנגעהויבען אַרייַנגעהן צום מגיד אין שטוב. דאָרטען האָבען זיך געפונען אַלע פערביסענע מתנגדים; זיין זוהן משה־אהרן, אַ גרויסער עילוי, איז געווען אַ פערברענטער מתנגד און האָט שטענדיג פּראָפּאַגאַנדירט מתנגדות.

ווייל איך בין געווען אַ הייסער חסיד, האָב איך זיך שטענדיג דערווייטערט פון דעם מגיד'ס הויז, פון זיינע זיהן, חאָטש זיי זענען געווען די גרעסטע לומדים אין שטאָדט, און איך פלעג נישט קענען הערען, ווי ער מאַכט אַ תל פון חסידים מיט די רביים, מיט'ן בעל־שם צוזאַמען.

אָבער איצט האָב איך אויסגעזאָגט דעם מגיד מיט'ן זוהן אַ סוד, אַז איך קען שוין מעהר קיין חסיד נישט זיין, אַז זיי זענען גערעכט מיט זייער מתנגדות, און איך האָב זיך אָנגעהויבען צו חבר'ן מיט משה־אהרנ'ען, וואָס איז נאַר־וואָס געקומען פון מינסק, וואו ער איז געווען ראש־ישיבה אין דער עלטער פון צוואַנציג יאָהר. אַז ער איז קראַנק געוואָרען, איז דער מינסקער רב, ר' גרשון־תנחום, וואָס איז געווען ביים פראַנקפורטער ראָטשילד אַ גרויסער חשוב, געפאָהרען מיט איהם קיין פראַנקפורט, און פאָרגעשטעלט משה־אהרנ'ען פאַר'ן באַראָן ראָטשילד, וועלכער האָט מיט איהם פערבראַכט אין לערנען אַ פּאָר שעה צייט.

משה־אהרן איז איהם געפעלען געוואָרען, און ראָטשילד האָט איהם אװעקגעשיקט אין אַ באַד אויף זיין רעכענונג. דערנאָך האָט ער איהם אַוועקגעשיקט צוריק קיין קאַמעניץ, און מיטגעגעבען איהם וואסער צום טרינקען. די דאָקטוירים האָבען איהם נישט געהייסען לערנען, ווייל זיין מוח איז צו־שאַרף און עס קען איהם שאַרען. האָט משה־אהרן בעדאַרפט שפּאַצירען און טרינקען וואַסער.

איצט האָט ער בעדאַרפט האָבען אַ מענשען, מיט וועמען צו געהן שפּאַצירען און ער האָט מיך גענומען, חאָטש איך בין יונגער געווען פאַר איהם מיט אַ יאָהר זעקס, זיבען. איך בין איהם, אַפנים, געפעלען געוועזען. ער האָט געזעהן, ווי איך רייס זיך צו פערשטעהן, צו געפינען דעם אמת'ן וועג און ער האָט מיט מיר אַ סך גערעדט.

דעם זומער בין איך געבליבען אויף ווייטער ביי יצחק־אשר'ן, ער האָט זיך ווייטער געקנייטשט דעם שטערן אין תוספות און געפּראַוועט

זײַנע „פרומקײַטען״, און עס איז נישט געווען מײַן טאַטענס דאגה. איך האָב מיר געהאַט צײַט אויף אַלץ, און אויף שפּאַצירען מיט משה־אהרנ׳ען אַ צוויי שעה צײַט — אַוודאי און אוודאי.

און משה־אהרן האָט מיר אָנגעוויזן די אַלע ערטער אין תּלמוד, וואָס זענען געגען דער שיטה פון דעם חסידיזם. אַ סך צײַט האָב איך אויך פערבראַכט בײַ יאָסעל דעם גביר׳ס אין פילאָזאָפיע און אין חקירה און אויף אַ שעה אין טאָג פלעג איך קומען צום שמאָלען שטערענדיל, צו יצחק־אשר׳ן, מײַן רבי, אָבזאָגען פאַר איהם דעם עמוד גמרא מיט די תּוספות׳ן — און אַ גוטען טאָג.

אַקוראַט צו יענער צײַט האָט ר׳ שמחה־לייזער, יאָסעל׳ס פאָטער, געהאַלטען דעם „המגיד״ און מיר פלעגען שטענדיג לעזען די צײַטונג. דורך איהר האָבען מיר אָנגעהויבען אַ ביסעל צו וויסען, וואָס עס טהוט זיך אין דער יודישער וועלט. אין „המגיד״ זענען דעמאָלט גע־גאַנגען גאַנצע פּראָיעקטען וועגען קויפען קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל און עמיצער האָט דאָרטען אַפילו אויסגערעכענט, אַז מיט זעקס הונ־דערט רובל קען מען האָבען אין פּאַלעסטינע אַ גאַנצע קאָלאָניע. דאָס האָט מיך גאָר איבערראַשט, און איך מיט יאָסלען האָבען אויפגעקלי־בען אין קאַמענעץ בײַ אַ זעלציג בעלי־בתּים, וועלכע זענען געווען גרייט צו פערקויפען זייערע הײַזער און פאָהרען קיין ארץ־ישראל. צווישען זיי זענען געווען יודען, וואָס האָבען געקענט צונויפשלאָגען אַ סומע פון דרײַ טויזענד רובל.

געדענק איך, אַז איך מיט יאָסלען האָבען גענומען אַרבייטער, יונגע־לײַט, צווישען זיי איינער, וואָס זעגט קלעצער, אַ למדן אַ יוד, און „אָרגאַניזירט״ אַ קרייז אויף פּאַלעסטינע.

דער דאָזיגער קלאָץ־זעגער איז געווען בעזונדערס אינטערעסאַנט. ערשטענס, האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אונזער „פילאָזאָפיע״ און „חקירה״ און, צווייטענס, האָט ער געצויגען דערמיט, וואָס ער, אַ יוד שוין, חבר׳ט זיך מיט אונז, און פיעל מאָל, געדענק איך, אַז מיר פלעגען געפינען אַנ׳ענטפער אויף אַ חקירה־פראַגע, וואָס דער זעגער האָט זי בעריהרט, און מחמת די פראַגע האָט אונז פריהער געפּײַניגט, פלעגען מיר איצט מיט שמחה לויפען זוכען דעם קלאָץ־זעגער. געפי־נען פלעגען מיר איהם, שטעהענדיג אויפ׳ן קלאָץ און ציהענדיג די

גרויסע־ זעג אין קלאָץ, און מיר פלעגן איהם דערצעהלען צופריעדע-
נע, אַז די פראַגע וועגען דאָס און דאָס האָבען מיר היינט געפונען
אין אַ ספר, און אַז דאָרטען רעדט זיך וועגען איהר באריכות און עס
ווערט געגעבען קלאָרע און דייטליכע ערקלערונגען. פלעגט ער אַראָב-
קריכען פון דעם קלאָץ און אויסהערען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.
אַמאָל פלעגען מיר איהם ברענגען דעם ספר גופא, ווארום ער האָט
ליעב געהאַט צו זעהן שוואַרץ אויף ווייס און מיר פלעגען זיך בעת
מעשה שטעלען אונטער'ן קלאָץ און ער האָט געהאַלטען די זעג אין
האַנד...

אָט דער זעגער (צו מיין גרויסען פערדרוס האָב איך פערגעסען
זיין נאָמען) איז געווען שטאַרק פערהיצט אין דער אידעע צו קאָלאָני-
זירען ארץ־ישראל. ער איז געווען זעהר אַ גוטער אַגיטאַטאָר, אַ מויל—
שוועבעל און פעך, און אַ דאַנק איהם האָבען מיר דעמאָלט אויפגערו-
דערט די גאַנצע שטאָדט. כמעט אַלע וואָלטען מסכים געווען צו פער-
קויפען די בעבעלעס און אַרויספאָהרען קיין ארץ-ישראל.

אַז מיר זענען געוואָרען מוטהיגער, האָבען מיר געגעבען אַ דע-
פעש קיין לוק צום „המגיד", ער זאָל אונז ענטפערן, צי עס הויבט
זיך שוין אָן דאָרט די אַרבייט, דערביי האָבען מיר איהם אַוועקגעשיקט
אַ צעטעל פון די אַלע פאַרשוינען, וואָס זענען גרייט שוין אַרויסצושי-
קען געלד, אויב עס איז דאָ אַ וויכטיגע בטוחות.

אַזוי האָבען מיר אָבגעאַרבייט אַ פּאָר חדשים. ביי יאָסלען איז
געוועזען דער זאַמעלפונקט. עס איז שטענדיג געווען געפאַקט מיט מענ-
שען, יונגערע, עלטערע, און מיר האָבען גערעדט מיט היץ און
התלהבות. און אַז דער זעגער פלעגט געהמען ריידען, פלעגען אַלע
וויינען און אין איין קול זאָגען:

— בנעורינו ובזקנינו נלך, קוים האָבען מיר שוין דערלעבט, אַז
מיר קענען קויפען ארץ-ישראל.

פונ'ם „המגיד" האָבען מיר אָבער נישט בעקומען קיין ענטפער.
די צייטונג איז פלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען, און אונזער גאַנצער אַר-
בייט האָט מיט אַמאָל אַ ציטער געטהאָן. איך בין געגאַנגען צום פע-
טער ר' אפרים, ער זאָל אונז צוגרייטען אַ בריעף פאַר'ן „המגיד", אין
וועלכען ער זאָל אויספיהרליך איבערגעבען, וויפיעל געלד מיר האָבען,

וויפֿיל מענשען זענען גרייט צו פֿאָהרען א. ז. וו. אָבער די רעדאַקציע האָט אונז ווידער נישט געענטפֿערט. איצט האָב איך שוין אָנגעהויבען צו צווייפֿלען אין דער גאַנצער מעשה. דאָך איז געבליבען, אַז מיר זאָלען אַרויסשיקען אַ מענשען אויף אונזערע הוצאות אין רעדאַקציע אַריין. קיין פֿאַסיגערן מענשען פֿונ'ם זעגער האָבען מיר נישט געפֿונען. מען האָט געמאַכט אַ רעכענונג, וויפֿיל געלד מען בעדאַרף האָבען אויף זיין רייזע, ווי אויך פֿאַר זיין ווייב און קינדער, פֿאַר דער צייט אויף צום לעבען און יעדערער פֿון אונזערע זעכציג מיטגלידער האָט אַסיגנירט דערויף צעהן גילדען. אַזוי איז שוין געווען אַ רובל נײַנציג, און מיר האָבען גאַר געוואָלט דערקלויבען נאָך עטוואָס געלד, אָבער צו אונזער גרעסטען טרויער און פֿערדרוס האָט דער „המגיד“ פּלוצלונג געמעלדעט, אַז דער גאַנצער ענין איז דערוויייל אָבגעלעגט געוואָרען.

דער זעגער האָט זיך, נעבעך, גענומען צוריק צו די קלעצער און אין די פֿרייע שעה'ן פּלעגט ער קומען צו מיר מיט יאָסלען פֿילאָזאָפֿירען און בעקלערען די וועלט. און איך געדענק, ווי מיר פּלעגען אַוועקגעהן זומער אין די לאָנקעס, אַנ'ערדע יונגלעך אונזערע, און דאָרטען פֿערברענגען אין זעהר טיפֿע שמועסען. מיר דאַכט זיך אָפּטער, אַז ווען איך וואָלט געהאַט אַנ'אויסערגעוועהנליכען זכרון און געדענקען די אַלע אונזערע שמועסען, וואָלט איך איצט געקענט אָנשרייבען אפשר אַנ'אונגעהויער אינטערעסאַנט בוך וועגען אַמאָליגע יודישען, קינדערשען טרוימען...

מיין פֿאָטער איז זיך געווען צופֿרידען מיט זיין יצחק-אשר'ן, און האָט גאָר נישט געוואוסט פֿון דער גאַנצער מעשה מיט מיין לערנען און אין וואָס איך פֿערברענג די צייט, וואָס איך טהו און וואָס איך טראַכט, אַז איך בין שוין איינגאַנצען אַ בן-בית ביים מגיד אין הויז, וואָס דאָרטען זענען די גרעסטע מתנגדים מיט די גרעסטע כחות געגען די חסידים. מיט מיין אַרבייט פֿאַר ארץ-ישראל איז ער געווען צופֿרידען, און ווייטער האָט ער נאָר פֿון מיר נישט געוואוסט. אַמאָל פּלעגט ער אַ פֿרעג טהאָן יצחק-אשר'ן:

— נו, וואָס זאָגסטו אויף מיין חצקל'ען?

רעמאָלט האָט דער רבי געענטפערט:

— ער איז אַ גוטער יונגעל, ער האָט אַ װאױל קעפּעל.

און דאָס איז שױן געװען אַ געניגענדער ענטפער פאַר׳ן טאַטען. די גאַנצע װאָך איז ער געװען פערנומען מיט דער אַרענדע און מיט די חסידים.

צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

מען רעדט מיר שוין שדוכים. — דאָס פערהערען מיך. — ר׳ יחזקאל דעם רב׳ס זוהן. — דער יחוס. — מיין אונבעקאַנטע כלה. — זער בריעף. — די פּעטש. — מיין פעטער. — דאָס לעבען מיט איהם. — דאָס גרייטען זיך צום וכוח. —

דער טאַטע האָט שוין אָנגעהויבען קלערען וועגען אַ שידוך פאַר מיר, און דער שדכן האָט איהם שוין אָנגעהויבען פאָרצולעגען פערשיעדענע שדוכים מיט נגידים יחסנים, וואָס ווילען מיר געבען טויזענד רובל, און צוויי טויזענד און פינף יאָהר קעסט, צי צעהן יאָהר קעסט. דער טאַטע האָט אָבער אַלץ געוואָלט אַ מחותן אַ חסיד, נאָר אַז מען האָט גערעדט שדוכים מיט חסידים, האָט דער זיידע נישט געוואָלט. דערווייל איז אַוועקגעגאַנגען אַ היבשע צייט און עס האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט קיין שידוך, דאָס הייסט, אַז עס זאָל ביידען געפעלען: אי דעם טאַטען, אי דעם זיידען. איך בין שוין געוואָרען אַן׳אַלטער בחור פון . . . פופצעהן יאָהר, און עס איז מיאוס פאַר לייטען. אַלע מיינע חברים זענען שוין חתנים און בעלי-בית׳לעך געוואָרען.

די מאַמע האָט נישט געלאָזט צו-רוה דעם טאַטען, פאַרוואָס ער טהוט מיט מיר קיין שידוך נישט. ער קען דאָך נעהמען אַ סך געלד מיט קעסט.

— דו ווילסט, — האָט זי גע'טענה'ט — אַז חצקיל זאָל האָבען אַ שוועהר, אַ חסיד, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז דער שוועהר וויל קיין חסיד נישט פאַר קיין מחותן, וועט ער דאָך אויספיהרען. חצקיל ווערט עלטער, עס איז דאָך אַ חרפה פאַר לייטען...

זי האָט אַלץ גע'טענה'ט און דער טאַטע, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט אַלץ געשוויגען. ער זאָגט נישט אָב און זאָגט נישט צו. ער שמייכעלט נאָר פאַר זיך. ווערט יענער אַ ביסעל אָבגעקיהלט. אָבער די מאַמע האָט דאָס שוין נישט געקענט אריבערטראָגען. ווי די מאָדע איז, איז זי געגאַנגען זיך בעקלאָגען פאַר'ן פעטער דעם רב.

— דו זאָלסט זעהן — האָט איהר דער רב אָנגעזאָגט — אַז חצקיל זאָל אַריינפאַלען צו אַ מתנגד, אַ נגיד, וואָס גיט אַ סך יאָהרען קעסט. ער איז אַ וואויל יונגעל אין לערנען, אַז ער וועט האָבען אַ סך קעסט, וועט ער קענען לערנען, קענסטו האָפען, אַז חצקיל זאָל ווערען אַ רב.

דער רב האָט געהאַט אַ זוהן יחזקאל (מיר הייסען ביידע נאָך איין זיידען), דער דאָזיגער יחזקאל איז געווען אַ גרויסער עילוי און האָט שוין געקענט ווערען אַ רב אפילו אין אַ גרויסער שטאָדט. ער איז אָבער געווען אַ חסיד און דערפאַר איז ער נאָר געווען בלויז דין אין קאָברין.

און אָט דער יחזקאל פלעגט אַרומפאָהרען נאָך ארץ-ישראל-געלד. דער סלאָנימער רבי, פון זינט מען האָט איהם גע'מסר'ט, פלעגט שוין אַליין נישט פאָהרען, און אַז ר' יחזקאל פלעגט קומען קיין קאַמעניץ, איז געווען, געוועהנליך, ביים טאַטען ששון ושמחה, הילולא וחינגא. די חסידים האָבען זיך בעזונדערס געפרעהט מיט איהם: ער איז געווען דעם רב'ס זוהן, און איך האָב נישט אָבגעטראָטען פון טיש און געהאָרכט וואָס מען רעדט. איצט בין איך שוין געזעסען ביים חסיד'ישען טיש גאָר מיט אַנ'אַנדער צוועק. איצט האָב איך שוין אויסגעהערט זייערע רייד, כדי איך זאָל זיי דערנאָך קענען קריטיקירען.

ר' יחזקאל האָט מיך ליעב געהאַט. ער האָט מיך געהאַלטען פאַר אַ שטיל יונגעל, און איינמאָל גיט ער מיר אַ קניפּ אין בעקעל און זאָגט:

— חצקיל, אז דו וועסט זײַן אַ שענער חסיד, וועל איך דיר געבען אַ שענע כּלה.

איך בין רויט געוואָרען און געשוויגען. אין האַרצען האָב איך שוין לאַנג מקנא געווען מײַנע חברים: יענע זענען שוין חתנים און בעלי-בית׳לעך און איך, צוליעב דעם קריגערס צווישען טאַטען מיט׳ן זײדען, בין איך נאָך אַלץ קײן חתן נישט.

יחזקאל האָט אַרײַנגערופען נאָכ׳ן עסען דעם טאַטען אין אַ צימער און איבערגעגעבען איהם, אַז ער האָט פאַר מיר אַ וואוילען שידוך, אַנ׳אײַ-גענע זאַך, זײַן ווײַב׳ס אַ שוועסטער. זי האָדעוועט זיך בײַם שוואָגער, אהרן צײַלינגאָלד, אַ שענער חסיד, אַ למדן און אַ נגיד, וואָס איז בע-ליעבט בײַ ר׳ אהרן קאַרלינער.

— דאָס, ווײַזט מיר אויס, איז אַ זיווג מששת ימי בראשית — האָט ער גערעדט.

דעם טאַטען, ווי דאָס איז נישט מאָדנע, איז געפעלען געוואָרען דער שידוך, מחמת די כּלה איז אַ יותמה, אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען... דאָ וועט שוין דער זײדע אהרן-לײזער נישט זײַן דערגעגען. וואָס די שוואָגערס זענען חסידים, מאַכט שוין נישט אויס, איבערהויפּט דער מחותן זאָל נישט זײַן קײן חסיד; יחוס, ווידער, איז דאָ אויך פאַרהאַן, וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז דעם רב׳ס שנוהר, הרדם, איז געווען פון גרויס יחוס.

האָט דער טאַטע געזאָגט חצקלען, אַז דאָס איז בײַ איהם נישט אָבגעפּרעגט, ווי זײַן שטײַגער איז געווען צו ענטפערן וועגען אַ זאַך. וואָס עס איז איהם געפעלען געוואָרען, און ר׳ חצקיל האָט געגעבען אַ גמרא צו פערהערען מיך. ער האָט טאַקע געהערט, זאָגט ער, אַז איך בין אַ גוט יונגעל, נאָר פונדעסטוועגען דאַרף ער מיך פערהערען. בײַ איהם מיט דער כּלה׳ס שוועסטער, זאָגט ער, איז פערבליבען צו נעהמען פאַר דער שוועסטער אַ חתן אַ למדן, נישט אַנדערש.

ר׳ חצקיל האָט אַרויסגענומען אַ גמרא קדושין און, צו מײַן גליק, אויפגעעפענט אַקוראַט אויף דער מסכתא קדושין, וועלכע איך האָב נאָך געלערנט מיט דעם בלינדען, און איצט מיט יצחק-אשר׳ן, און אַלײן געלערנט. און בין געווען געניט קלאָר אין דעם תוספות און אין דעם מהרש״א, און ער האָט מיר זאָגען די משנה מיט׳ן תוספות.

איך זאָג דאָס אָב גאַנץ גלאַט. הייסט ער מיר פרעגען דעם מהרש״א׳ס קשיא, פרעג איך, מאַכט ער צו די גמרא און ניט מיר ווייטער אַ קניפּ אין באַק און זאָגט:

— איך האָב שוין פאַר דיר אַ שיינע כלה.

איך בין ווייטער רויט געוואָרען, און ער איז אַוועק מיט׳ן טאַטען אין אַ צווייטען צימער איבערריידען שוין פון אַלע פרטים, פון נדן א. ז. וו. דער טאַטע האָט געשיקט ר׳ חצקלען צום זיידען.

חצקיל איז אַוועק, און אַז ער האָט דעם זיידען פאָרגעלעגט דעם שידוך, האָט דער זיידע געזאָגט:

— מיין חצקיל איז זעהר אַ גוט יונגעל. די מוטער זיינע איז אַ גרויסע יחסנ׳טע, זי איז פון ר׳ חיים וואָלאָזשינערס אייניקלעך, וויל איך נישט פערשעמען דעם יחוס. איך מעג זיך אפילו פערלאָזען אויפ׳ן רב, אַז ער האָט דעם שידוך געטהאָן מיט אייך, וואָס איהר זענט דאָך אַ גרויסער למדן, מסתמא איז דאָך דאָס גוט, פּאַסט דאָס דאָך פאַר מיר אויך, נאָר פונדעסטוועגען דאַרף איך וויסען איער ווייב׳ס פאַמיליע באריכות.

דאָס האָט חצקיל געטהאָן. ער האָט דערצעהלט דעם גאַנצען יחוס באריכות:

זיין שוועהר האָט געהייסען ר׳ הירש-יואל רייצעס, וועמעס פאָטער, ר׳ מרדכי, פון אַסטרע (וואָהלין) האָט געשפּילט אַ ראָליע אין וואָהלין, ווי דער פרומער ראָטשילד אין פראַנקפורט. ער פלעגט נאָך פערצייטען אַרומפאָהרען אין אַ קאַרעטע מיט פיער פערד. דער שפאַן און קאַרעטע זענען געווען כמעט בלויז פון זילבער. ביי איהם פלעגט מען וואַשען רענדלעך אין זילבערנע מולטערס. ער איז געווען אַ חסיד, און האָט אויסגעהאַלטען אַלע וואָהלינער רביים. ביי איהם אין הויז זענען שטענדיג געווען רביים. דער רבי איז אַוועקגעפאָהרען, און אַ צווייטער איז געקומען. ער האָט זעהר גרויס געלעבט און געזעסען איז מען ביי איהם חדשים-ווייז. דאָס הויז האָט גערוישט פון די חסידים מיט די רביים, — מיט איין וואָרט, ביי איהם איז געווען אַנ׳אמת׳ער חסיד׳ישער גן-עדן אויף דער וועלט.

געהאַנדעלט האָט ער מיט וואַלד; נאָר איינמאָל האָט איהם געטראָפען אַנ׳אומגליק. ער האָט געשיקט קיין דאַנציג פאַר זעקס הונדערט

טויזענד רובל האָלץ. זענען די פליטעס צוריסען געוואָרען אויפ׳ן וואסער איינציגוויז, — און צושוואומען. עס איז געווען אַ גרויס געוויסער, ביי קראָקע אויפ׳ן ווייסעל, און קיין דאַנציג האָט ער קיין איין פליטע האָלץ ניט געקענט ברענגען. אויסערדעם איז אין דאַנציג דאָס יאָהר געווען קליין דער מקח פון האָלץ און ער האָט געהאַט פיעל סחורה אין דאַנציג פון פריהער, האָט ער צוגעלעגט צו יענע האָלץ פיעל געלד. און אַזוי האָט ער, ר׳ מרדכי, דערלעגט אין איין יאָהר ביי זיבען אַכט הונדערט-טויזענד רובל.

נאָר פונדעסטוועגען איז ער נאָך געבליבען אַ גביר, זיין הויז האָט זיך נאָך געפיהרט מיט צדקה און מיט הכנסת-אורחים, אָבער שוין ניט אַזוי ווי פריהער. די רביים האָט ער קיין געלד ניט גע-געבען און זיי פלעגען שוין צו איהם אַזוי אָפט ניט קומען.

איין זוהן זיינעם, הירש-יואל, האָט ער חתונה געמאַכט מיט׳ן דובנער רב׳ס טאָכטער. ער האָט געוואוינט מיט׳ן פאָטער צוזאַמען, איז געווען אַ גרויסער למדן און אויך זעהר אַ גוטהערציגער. ער איז אָבער ניט געווען נוטה צו הסידות. אַז דער פאָטער איז געשטאָרבען, האָט דער זוהן גע׳ירשנ׳ט אַ געוויסע סומע געלד. נאָר אַזוי ווי אין וואַלד-געשעפט איז דער פאָטער צום סוף בדלות געוואָרען, האָט ער זיך דערמיט ניט געוואָלט בעשעפטיגען. ער האָט זיך בעסער גענומען צו פאָדריאַדען. דעמאָלט האָט ער אָנגענומען, אַלס פאָדריאַד, דעם בעוואוסטען אַקציז פון באַראָן גינזבורג, אָנגענומען אויף צוויי אויעזדען: ביאַליסטאָקער און בילסקער. געוואוינט האָט ער אין ביאַליסטאָק.

ער האָט געהאַט צוויי טעכטער מיט אַ זוהן, די עלטסטע טאָכ-טער הדס, איז טאַקע זיינס, יחזקאל׳ס, אַ ווייב און ער האָט געגעבען אַ סך געלד נדן און קעסט.

אין ביאַליסטאָק האָט ער געשפיעלט אַ גרויסע ראָליע, ער האָט זיך געפיהרט, ווי דער פאָטער אין ענין צדקה און הכנסת-אורחים, נאָר דער פאָטער איז געווען פאַר חסידים און ער פאַר מתנגדים. אַלע שבת האָבען געמוזט זיין צעהן אורחים הגונים, די שענסטע מענשען, וועלכע מען האָט נאָך צוגעצאָהלט, אַז זיי זאָלען עסען, און יעדער טאָג זענען ביי איהם געווען אַמוועניגסטענס דריי אנשים נכבדים צו מיטאָג.

געוועזן איז ער אַ בעריהמטער מוהל. כמעט אין דער גאַנצער שטאָדט איז ער געוועזן מוהל און אַנ׳אָרימער בעל-ברית פלעגט נאָך קריגען ביי איהם צוגעצאָהלט, אַזוי, אַז די קינפּעטאָרין האָט געהאַט אויף אַ חודש צום לעבען. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ צעטעל פון פינף טויזענד קינדער, וועלכע ער האָט מל געוועזן.

ער איז געוועזן אַזוי גע׳שעצט אין ביאַליסטאָק, אַז ביי די גרעסטע לייט אויף די חתונות האָט מען איהם מכבד געוועזן מיט מסדר קדושין זיין. דאָס איז דעמאָלט געוועזן איינער פון די שענסטע כבודים ביי יודען און מ׳ען פלעגט אויסזוכען די שענסטע יודען אויף דעם כבוד.

דער פּאָדריאַד פון אַקציז האָט זיך ביי איהם נישט לאַנג געהאַלטען, ווייל דער באַראָן האָט זיך אָבגעזאָגט צו טיילען דעם אַקציז אין לאַנד אויף קליינע טיילכלעך אין די הענד פון די פּאָדריאַדטשיקעס. איצט האָט דער באַראָן אַליין געוואָלט האַלטען דעם אַקציז אין יודישען תחום, און דער שוועהר איז אַריינגעפאָהרען קיין בריסק, וואו ער איז געוואָרען פּאָדריאַדטשיק אין פעסטונג. ער האָט אויך געפּענט אין שטאָדט אַ גרויסען ווייןשענק פאַר די אָפיצירען פון פעסטונג און געמאַכט זעהר גוטע געשעפטען. האָט ער ווייטער געפיהרט זיינע צדקות מיט די הכנסות-אורחים מיט די מוהל׳שאַפט פאַר די אָרימע-לייט, וועלכע ער האָט גוט געצאָהלט.

אין פינף-און-פופציגסטען יאָהר, בעת סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה, זענען אַוועק אַלע פּאָלקען פון פעסטונג אין מלחמה אריין. די אָפיצירען האָבען איהם געבעטען, ער זאָל מיטגעהן מיט זיי אין סעוואַסטאָפּאָל.

איינער אַ גענעראַל האָט איהם געוואָלט אָבגעבען אַ סך פּאָדריאַדען אין מלחמה און צוגעזאָגט אויפ׳ן מלחמה-פּלאַץ ממש בעגילטען, נאָר ער האָט נישט געוואָלט געהן מאַכען געשעפטען אין אַזאַ אָרט, וואו מען פערוואונדעט, קאַלעטשעט און דער׳הרג׳עט מענשען.

דערווייל אָבער האָבען איהם אַלע אָפיצירען באַנקראָטירט אַ סך געלד. אויף איינינע פון זיי האָט ער געהאַט ביז דריי טויזענד רובל וועקסלען, און ער איז דעמאָלט אַ ביסעל צו רואינירט געוואָרען.

געהאַט האָט ער אַ זוהן פון זיבעצעהן יאָהר, אַ זוהן אַ צאַצקע,

אַנ׳אויסחאַפּ, אַ זעלטענער עילוי, און דערצו אַזאַ בעהארצטער, אַז ער האָט איבערגעשטיגען דעם זיידען, ר׳ מרדכי, מיט׳ן פּאָטער. אַז ער איז געוואָרען אַ חתן, איז ער אַ חודש פאַר דער חתונה קראַנק געוואָרען און אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבען. אויף זיין לויה האָט די גאַנצע שטאָדט געטרויערט; מען האָט פערמאַכט אַלע בריסקער קראָמען אין דער צייט פון דער לויה.

דאָס האָט דעם פּאָטער זיינעם אינגאַנצען דערשלאָגען, און אין צוויי וואָכען אַרום איז ער געשטאָרבען, די מוטער ווידער האָט זיך געפּיינינגט עטליכע מאָנאַטען נאָכאַנאַנד און איז אויך געשטאָרבען. נאָך זייער טראַגישען טויט איז דאָס מיידעלע זייערס, מיין קינפטיגע כלה, אַלט געווען אינגאַנצען זעקס יאָהר. דעמאָלט האָט זי גענומען צו זיך די עלטערע שוועסטער אין פּינסק, נאָך גאָר אַ יונג ווייבעל, אַ גביר׳ס אַ שנוהר. דער מאַן איהרער, אהרן צייליגנגאָלד, אַ למדן און אַ מושלם, איז געווען אַ גרויסער נדבן, אַנ׳איש נכבד אי ביי רבי׳ן, ר׳ אהרן קאַרלינער, אי אין דער גאַנצער שטאָדט.

נאָך אָט דעם גאַנצען אומגליק מיט די אַלע שטאַרבענישען, איז דאָס גאַנצע פערמעגען פערשוואונדען געוואָרען, און ס׳איז פון אַל׳ץ געוואָרען אַ תל. דערנאָך האָט מען עטייאָס אויפגעזאַמעלט פון דעם פערפאַלענעם פאַר דער יתומה צוזאַמען מיט עטליכע וועקסלען.

דאָס אַל׳ץ האָט יחזקאל דערצעהלט דעם זיידען, וועלכער האָט איצט, נאָך דער געשיכטע, שוין צוגעשטימט, און אויף מאָרגען איז דער שידוך געשלאָסען געוואָרען. איך בין דעמאָלט אַלט געווען ביי פופצעהן יאָהר, און ר׳ יחזקאל האָט געשריבען אַ בריעף קיין פּינסק צו דער שוועגערין פעשע, איז זי געקומען קיין קאַמעניץ, און מען האָט געשריבען תנאים.

קיינער פון דער פאַמיליע האָט נישט געזעהן דער כלה און איך אודאַי נישט. דאָס האָט מיך געקרענקט. איך האָב זי, דאַכט זיך, שוין ליעב געקראָגען, אָבער איך ווייס נישט וועמען איך האָב ליעב, איך קען דאָס פּנים נישט... איך האָב גאָרנישט געהערט ריידענדיג חעגען איהר, צי זי איז אַ שענע, צי אַ מיאוס׳ע, צי אַ קלוגע, צי אַ נאַר, און איך האָב נישט געטאָרט אַפילו פרעגען אויף דער כלה.

דער זיידע האָט געקויפט אין בריסק צוויי דימענטענע פינגערלעך

און געגעבען פעשע׳ן, זי זאָל אַוועקפיהרען דער כלה א מתּנה.

און אין אַ מאָנאַט ציַיט האָב איך ערהאַלטען פון שוואָגער, אהרן צייטלינגאָלד, אַ מתּנה: אַ זילבערנעם הדס און משניות׳ן מיט׳ן תּפארת־ישראל, שען געבונדען, און פון דער כלה אַנ׳אויסגעהאָפטען זיַידען תפילים־זעקעל. האָט דער טאַטע געהייסען, אַז איך זאָל שרייבען אַ בריעף צום מחותן, דאָס הייסט, צו איהר שוואָגער, מיט אַ דאַנק פאַר דער מתּנה.

לשון־קודש האָב איך דעמאָלט געקענט ווי טערקיש, בין איך נעגאַנגען צום פעטער, ר׳ אפרים, און ער האָט מיר אָנגעשריבען אַ בריעף מיט פערצייטישער מליצה. איך געדענק נאָך דעם אָנהויב, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען. מיר איז געפעלען געוואָרען דער „הויבער״ געדאַנק. אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבען:

„קול אומר אלי קרא, ואומר מה אקרא, ואת אשר לא יעדתי איך אכני לתאר את רום כבודו, אולי אקלה בשערה מכבודו הרמה והנשאה ואחטא, והשיבותי אל לבבי, אשר בודאי לפי רוב גדולת כבודו שם רוב ענוותנותו, ובודאי לא יאשימינו אם הבל יפצה פי״.

אין יודיש:

„אַ קול האָט מיר געזאָגט, איך זאָל רופען, זאָג איך, וואָס זאָל איך רופען, און דעם, וואָס איך קען נישט, ווי קען איך פאָרשטעלען זיין הויכען דערהויבענעם כבוד, טאָמער וועל איך מאַכען גרינג מיט אַ האָהר פון זיין הויכען כבוד, וועל איך זיין זינדיג״ א. ז. וו. וויַיטער געדענק איך שוין נישט, וואָס איך האָב דאָרט געשריבען, נאָר דאָס געדענק איך, אַז גאַנצע דריי טעג האָב איך געשריבען דעם בריעף, אַלעמאָל געשריבען און צוריסען, ביז, גאָט צו דאַנקען, עס איז אַרויסגעקומען אַ געדרעקסעלטער לשון־קודש־בריוועלע צום מחותּן.

גראָד דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ שרייבער, וואָס האָט געלערנט קינדער שרייבען יודיש און רוסיש. ער פלעגט קומען צום זיידען אין שטוב אַלע טאָג לערנען שרייבען זיינע מיידלעך, נאָר מיך האָט דער טאַטע נישט געוואָלט אָבגעבען צום שרייבער. פלעג איך אַליין קומען אין דער ציַיט, ווען ער האָט געלערנט דעם טאַטענ׳ס שוועסטער און האָב זיך דערוויַיל צוגעלערנט אָהן דעם טאַטענס וויסען. איינמאָל האָט דער שרייבער מיר געזאָגט:

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט שרײַבען אַ גרוס דער כלה ?

דאָס איז מיר געפעלען. איך האָב איהם געגעבען אַ האַלבען רובל און ער האָט מיר אָנגעשריבען אַ גרוס. דאָס איז שוין געווען אין יודיש:

„איך גריס הערצליך מײַן ליעבע ברויט איך דאַנק דיר פאַר'ן טײַערן פריזענט פון מיר דײַן ליעבען ברויטיגאַם יחזקאל".

כדי דער גרוס זאָל אַרויסקומען געדרעקסעלט, האָב איך ווידער געטהאָן און איבערגעשריבען די עטליכע ווערטער. דאָ האָט זיך געמאַכט אַ קלעק מיט טינט און דאָ איז דאָס וואָרט נישט גוט אַרויסגעקומען, האָב איך אַלץ איבערגעשריבען. איך האָב זיך געמאַטערט פינף טעג און געמאַכט פאַרטיג; דעמאָלט האָב איך געגעבען דעם טאַטען, ער זאָל צושרײַבען אַ גרוס. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן שטיקעל פאַפיר און מאָמענטאַל דערלאַנגט צוויי הייסע פעטש.

— אַדײַטש־מאַן ביזטו שוין גאָר געוואָרען — האָט ער געריסען דאָס בריוועלע אויף שטיקלעך — און זאָג מיר אָקאָרשט, ווער האָט דאָס דיר אָנגעשריבען?

איך האָב נאאיוו אויסגעזאָגט — ווער.

— אַזוי, ער וועט אײַך גאָר מאַכען פאַר דײַטשען!...

און ער האָט פערזאָגט, אַז קיינער פון דער פאַמיליע זאָל זיך נישט לערנען בײַם שרײַבער. אין אַ קורצע צײַט אַרום איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דער שרײַבער מאַכט אַלע קינדער פאַר אַפּיקורסים, און מען האָט איהם משלח געווען פון קאַמעניץ.

דער קאַמעניצער רב האָט געהאַט אַ זוהן אין פינסק, וואָס איז אײַנמאָל געקומען צופאָהרען צום פאָטער צו גאַסט און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ מיידעל פון אַ יאָהר זעכצעהן. אַז מײַן מאַמע איז געווען בײַם פעטער און געפרעגט דאָס דאָזיגע מיידעל, צי קען זי אין פינסק חצקיל'ס כלה, האָט דאָס מיידעל געענטפערט, אַז זי קען די כלה גוט: די כלה איז אַ מיאוס'ע מיט אַ געשטופּעלטען פּנים, איז פאָנפאַטע, אַ שלימזול'ניצע.

די מאַמע האָט אָנגעהויבען וויינען, אָבער פערפאַלען. דעמאָלט איז אָבשיקען תנאים ערגער געווען ווי גט'ן, און זי האָט עס דערצעהלט דעם טאַטען.

— וואָס אַרט דיך, אַז זי איז אַ מיאוס'ע? — האָט זי דער טאַ-טע געפרעגט -- זאָלען זיי נאָר האָבען מזל, וועט זי שוין זיין שעֶן.

ביי דאָס וואָרט אַ „שלימזול'ניצע״ האָט ער אָנגעהויבען שמייכלען, און געזאָגט:

— צווישען זיך רייַדענדיג, ביזטו אַ בריה?

און ער האָט זיך אויסגעלאַכט. די מעשה איז געוואָרען בעוואוסט ביי דער גאַנצער פאַמיליע, און עס איז אָנגעקומען צו מיר. מיין צער, וואָס איך האָב געהאַט, איז נישט צו בעשרייבען. איך האָב שטענדיג מקנא געווען יענעם, וואָס האָט געהאַט אַ שעֶן וויַיב און אויף די בעלי-בית'לעך, וואָס זייערע ווייַבער זענען געווען מיאוס'ע, האָב איך געקוקט מיט רחמנות. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס לעבען איז גאָר קיין לעבען נישט, ווען מען האָט אַ מיאוס ווייַב.

די פאַמיליע האָט זיך דאָך אָנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט מיין כלה, צי זי איז טאַקע אַזאַ מיאוס'ע, און נאָך אַלע אויספאָרשונ-גען איז מען דערגאַנגען, אַז די כלה איז גראַדע אַ שענע... דערצו קען זי אַלע האַנד-אַרבייט, איז אַ גרויסע בריה. דערגאַנגען איז מען דאָס אָבער אין אַ יאָהר נאָך די תנאים. אַ גאַנץ קייַלעכדיג יאָהר אָבער האָב איך געהאַט קרענקונג צום טויט. איך האָב ביי קיינעם נישט געטאָרט פרעגען און דערמאָהנען דער כלה'ס נאָמען.

די תנאים מיינע האָבען זיך געצויגען ביי אַ צוויי און אַ האַלב יאָהר. זי איז געווען, ווי געזאָגט, אַ יתומה און ביי זיי אין דער-היים האָט מען זיך פאַרגעשטעלט, אַז די קאָטיק'ס, אַזאַ גרויסע פאַמיליע, מוזען גערן זעהר שען געקלייַדט, מוזען זיין פראַנטען, און מען האָט זיך דאָרטען געשראָקען פאַר דער גאַרדעראָבע... און ווער רעדט נאָך — אייַנלעגען דעם נדן, איז געווען גאַנץ שווערליך...

און פון אונזער זייט איז אויך געוואָרען אַ מניעה. אין דער צייט זענען בטל געוואָרען לייב-קנעכט, די פריצים זענען אָרים געוואָרען, עס האָט זיך אונטערגערוקט דער פוילישער אויפשטאַנד און די אַרענדע איז בטל געוואָרען — זענען מיר אַלע געבליבען אָהן פרנסה, און די חתונה האָט זיך שוין געמוזט פערציהען.

פריהער האָב איך געהאַט גענוג קרענקונג, וואָס מיין כלה איז אַ מיאוס'ע און דערנאָך, אַז מען האָט מיר פערזיכערט, אַז זי איז אַ

שענע, איז אָבגעלענט געוואָרען, צו מײַן גרויסען פּערדרוס, די חתונה, און מיר האָט זיך אָנגעהויבען צו בענקען נאָך אַ מענשען, וואָס איך קען איהם נישט, און עס האָט זיך, בחרפּתי, איך בין מיך מודה, אַזוי געוואָלט חתונה האָבען! ביני לביני האָב איך נאָר געהאַט עגמת־נפש, אַז איך האָב שוין לערנען נאָר נישט געקענט און נישט געקענט קוקען אין אַ חקירה־ספר.

איך האָב מיך נאָך אַלץ געלערנט בײַ יצחק־אשר'ן „דעם שטערן־קנײַטשער“, ווי איך מיט מײַן חבר האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען. נאָר צו דער צײַט זענען בײַם פעטער, דעם רב, קאַליע געוואָרען די אויגען, ער איז געפאָהרען קײַן וואַרשא און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז די אויגען זענען איהם קאַליע פון צופיעל קוקען אין ספרים. איצט מוז מען איהם איין אויג אינגאַנצען קאַליע מאַכען, און דאָס צווייטע אויג, אויב ער וועט נישט לעזען, וועט דינען נישקשה.

אין וואַרשא האָבען איהם קרובים געקויפט אַ גרויסע שטוהל צום לערנען, און ער איז געפאָהרען מיט דער שטוהל אַהיים. איצט האָט ער בעדאַרפט האָבען איינעם אַ מענשען, וואָס זאָל לערנען פאַר איהם ש"ס און פוסקים און שאלות־תשובות. ער וועט דאָך נישט זיצען אַזוי און גאָרנישט לערנען. קריגען אַזוינעם אָהן געלד איז געווען שווער, און צאָהלען געלד האָט ער נישט געקענט. דעמאָלט איז איהם אײַנגעפאַלען נעהמען מיך, אַז איך זאָל פאַר איהם לערנען. קיין געלד וועל איך דאָך איהם נישט קאָסטען. דאָס איז געווען פאַר איהם אַ גוט געשעפט. און איך האָב פאַר איהם געלערנט און גוט געזעצט די ווערטער, און ער איז געזעסען אין דער הויכער לעדערנער שטוהל, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף די הענד און צוגעשאָקעלט ווײַלעווײַז מיט'ן קאָפּ. דאָס הייסט: „גוט, גוט“, און ער האָט מיך אַזוי געטריבען מיט'ן קאָפּ ווײַטער, איך בין געלאָפען און געזעצט אַלץ: גמרא, תוספות, שאגת־אריה, פּני־יהושע — אַלץ, איך האָב געזעצט און ער האָט מיר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. איך האָב נישט געהאַט קיין צײַט צו בעטראַכטען אַזעלכע שווערע ענינים, אַזעלכע הויכע פערוויקעלטע סברות, ער האָט דאָס אַלץ געקענט כמעט ווי אויסווענדיג, און איך בין געווען בײַ איהם נישט מעהר, ווי אַ גוטער זאָגער. אָבער לויפענדיג אַזוי אין דער גמרא, האָב איך פאַר מיר נישט

געקענט משיג זיין, וואס איך זאג, און דערווייל איז מיר אלץ בגז־שערט געוועזן צו פטר'ן די יונגע יאהרען מיינע מיט א גוטען קאפּ אין גארנישט, וואס עס טהוט מיר עד היום שטארק, שטארק לייד.

א גליק איז געוועזן, וואס מען פלעגט קומען צום רב מיט דינ־תורות. אנדערע פלעגען צו איהם קומען שואל-עצה זיין מכח זייערע געשעפטען און ער האט דעריבער געמאכט, מיר זאלען לערנען זעקס שעה אין טאג. די איבעריגע צייט פלעג איך שוין פערברענגען אמ־מיינסטען ביי משה-אהרנ'ען, וואו איך האב זיך צוגעגרייט צו א גרויסען וכוח געגען די חסידים.

אז איך בין געווארען א חתן, האב איך אנגעהויבען צו דאווגען אין חסידים־שטיבעל און מיטזינגען מיט אלע חסידים די נגונים. איך האב דאס געטהאן צוליעב דעם טאטען, ווייל ער האט געמיינט, אז איך בין א חסיד און וועל נאך דער חתונה אנהויבען פאהרען צום רבי'ן. געוועהנליך, האב איך פאר דער חתונה נאך בעדארפט א סך אנגיזען צום טאטען, און נאך דער חתונה האט דער טאטע געמיינט, וועל איך איהם צוליעב טהאן און פאהרען צום רבי'ן, וועט ער שוין זיין מיט מיר זיכער.

איך האב אפילו בעשלאסען גלאט איצט נישט אריינגעהן מיט איהם אין קיינע מחלוקת'ן. ערשטענס, האט עס נישט געפאסט און, צווייטענס, האב איך איהם געשאנעוועט. דאס אלץ האב איך אָבגע־לעגט אויף נאך דער חתונה. דעמאלט וועט ביי מיר געפיהרט ווערען מיט איהם א וכוח. און אזוי ווי איך האב איהם געהאלטען פאר א וואוילען און א למדן, וועט ער מיך פערשטעהן און איך וועל זיך מיט איהם לאנג נישט דארפען ראנגלען. אבער דאך האב איך זיך געשראקען פאר'ן וכוח, אויף וועלכען עס וועלען געוויס זיין אזוינע לומדים-חסידים, ווי ר' ארעלע און דעם פעטערס זוהן, און איך האב זיך שטארק דערצו צוגעגרייט.

צוויי יאהר צייט האב איך זיך אלץ אזוי געגרייט צום וכוח, און געקוקט אין תלמוד און אין אנדערע גרויסע ספרים, וואס זענען געגען דעם דרך החסידות.

איין־און־צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

דער מאַניפעסט פון דער פּויערים־בעפרייאונג. — דאָס שמייסען די פּויערים. — דער רושם פון מאַניפעסט אויף די פּריצים. — די שווערע צייט פאַר יודען. — מיין זיידע מיט די פּריצים. — דער פּוילישער אויפשטאַנד. — „וויזענטאַ ראָסיאַ. — די פּוילישע בונטאָוושטשיקעס. — די בעציהונגען פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן צו יודען. — אָגינסקי. — די אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד. — די נקמה פון די פּויערים. —

אין תרכ״א, 1861־טען יאָהר, איז אַרויס דער בעריהמטער מאַניפעסט וועגען פּויערים־בעפרייאונג. דאָס איז עפּעס אויסגעפאַלען צו שבת, און שבת איז געקומען צופאָהרען קיין קאַמעניץ דער איספּראַווניק. זונטאָג, צוועלף אַ זייגער, ווען דער מאַרק איז געווען פול מיט פּויערים, איז געקומען דער איספּראַווניק מיט׳ן אַסעסער און מיט׳ן קליוטשוואָיט, וואָס האָט געהאַלטען אַ מעשענע „מעדניצע״ מיט אַ האַמער און געפּויקט מיט׳ן האַמער אין מעדניצע, און אַז עס האָבען זיך אויפגעזאַמעלט אַלע פּויערים, האָט דער איספּראַווניק געלעזען דעם מאַניפעסט.

נאָכ׳ן לעזען זענען די פּויערים אַוועקגעפאָהרען אַהיים. אַרבייטען האָבען זיי שוין גאָרנישט געוואָלט, וואָס זיי האָבען נאָך בעדאַרפט דעם זומער לויט׳ן מאַניפעסט. זיי האָבען נישט געוואָלט וואַרטען ביז נאָכ׳ן זומער. דער פּריץ ווידער האָט זיי שוין נישט געקענט מעהר שמייסען, און די פּויערים האָבען זיך צובונטעוועט.

די פריצים האָבען געגעבען צו וויסען דעם איספראַווניק, און ער איז נעקומען מיט אַ ראָטע זעלנער קיין קאַמעניץ. ער האָט פונאַנדער-געשיקט די סאָלדאַטען מיט דעסיאַטניקעס ברענגען די פויערים פון די דערפער, און נאָך ריטער צום שמייסען האָט ער אַוועקגעשיקט אַ גאַנ-צע פוהר אין וואַלד.

דער איספראַווניק האָט געפרעגט די פויערים, צי זיי ווילען אַרבייטען זומער. דערויף האָבען זיי געגעבען אַנ׳ענטפער, אַז ניין. האָט מען אָנגעהויבען צו שמייסען צו דריי פויערים מיט אַמאָל אין רעכטען מיטען מאַרק, די קולות האָבען זיך געהערט פאַר אַ מייל און מען האָט אַזוי לאַנג געשמיסען, ביז זיי האָבען געזאָגט, אַז זיי װעלען שוין יאָ אַרבייטען.

ביי די פריצים איז ממש געוואָרען אַ טרויער. נאָר אַ קליינינקייט, זיי האָבען מיט איין מאָל בעדאַרפט פערלירען אַלע זייערע לייב-קנעכט, װאָס האָבען געהאָרעוועט אויף זיי ווי פערד, ווי אייזלען, וואָס האָבען צוגעבראַכט דעם פריץ אַזוי פיעל אַרבייט, בלוט און שוויים!

דאָס, וואָס איז געווען שלעכט פאַר׳ן פריץ, איז אויך טיילווייז געווען נישט גאָר גוט פאַר די דעמאָלטיגע יודען. זיי האָבען דאָך כמעט אַלע געלעבט פון פריץ, און איצט האָט זיך עס אויך אָבגערו-פען אויף זיי. מילא, די פריצים, ווי די פריצים, „עפּעס" איז זיי נאָך געבליבען פון אַזאַ חורבן. אָבער פאַר די יודען, איז ווירקליך דעמאָלט געווען אַ שרעקליכע צייט.

פאַר זיי איז דעמאָלט אויפגעשטאַנען אַ גרויסע לעבענס-פראַגע: וואָס טהוט מען? וואוהין קעהרט מען זיך? וואוהין געהט מען? און אָט די פראַגע איז געשטאַנען נישט נאָר פאַר די אָרימע קלאַסען, נאָר אויך פאַר די סאַמע פערמעגליכע, וואָס האָבען פריהער אַזאַ ברייט לעבען געפיהרט, וואָס האָבען פון קיינע צרות נישט געוואוסט. און אפשר נאָר פאַר די פערמעגליכע האָט זיך די נייע פראַגע אַוועקגעשטעלט אין איהר גאַנצער גרויס.

און אַזוי האָט זיך אַוועקגעצויגען אַ דלות; אַ סך יודישע פאַמיל-יעס זענען געבליבען אָהן ברויט. די, וואָס האָבען נאָך געהאַט געלד, האָבען געגעסען פון גרייטע רובל, און די, וואָס האָבען גאָר קיין געלד נישט געהאַט, זענען געבליבען אָהן ברויט. עס האָט זיך דעמאָלט

גערעדט, אַז דער קוואַל פון יורישע פרנסות, וואָס האָט יודען גע-שפּייזט הונדערטער יאָהרען, האָט אינגאַנצען אויסגעטריקענט און קיין נייע אויסזיכטען אויף פרנסה איז נישטאָ און וועט אפשר נישט זיין, און מען האָט געמיינט, אַז מען איז שוין פערלוירען אויף אייביג.

נאָר די פריצים האָבען אויך דאָסזעלבע געמיינט, און אַנדערע פון זיי האָבען זיך נישט געשעמט צו וויינען מיט טרעהרען.

די גאנצע פרנסה איז איצט געבליבען בלויז ביי די שענקערס, וועלכע האָבען פריהער אויך געלעבט פון די פויערים, וואָס פלעגען קומען אַלע זונטאָג אין מאַרק ברענגען וואָס צו פערקויפען און פער-שכור'ן. איצט איז נאָך זייער פרנסה שטאַרקער געוואָרען, די פויע-רים האָבען זיך שוין פערגונען טרינקען מעהר בראָנפען, פאַר די פרי-צים האָבען זיי מעהר קיין מורא נישט געהאַט, טאָמער וועלען זיי זיין שכור מאָנטאָג אויך און וועלען קריגען געשמיסען. אָבער נישט דאָס גאַנצע פאָלק יודען זענען שענקערס; נאָר פונדעסטוועגען זענען די פויערים געווען אַ שטיצע נישט בלויז פאַר די שענקערס אַליין.

אַז עס איז געקומען דער ערשטער פרייער ווינטער און די פויע-רים האָבען נישט געהאַט וואָס צו טהאָן, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען לער-נען פערשידענע אַרבייטען, ווי באָנדעריי, טעפעריי און דעסגלייכען, און די פויערטעס האָבען געשפּונען און געוועבט האַנטעכער, טישטי-כער, לייוועגדען אויף ספּאָדניצעס און האָבען אָנגעהויבען פערדינען געלד. און זונטאָג, אַז זיי פלעגען קומען אויפ'ן מאַרק, האָבען זיי זיך ביסלעכווייז אויסגעלערנט צו קויפען לוקסוס-זאַכען, ווי סטענגעלעך, פּאַטשערקעס, טיכלעך און האָבען אָנגעהויבען אָפּטמאָל צו טראָגען שטיוועל אָנשטאָט לאַפּטיעס.

און ביסלעכווייז האָט מען אין קאַמעניץ צוגעבויט נאָך אַ דרייסיג קראָמען און ווער עס האָט געהאַט אַ הויז, האָט געעפענט אַ שענק און מען האָט געלעבט אין דחקות. עס פערשטעהט זיך, יענע יודען, וואָס זייער פרנסה איז געווען נאָר פון די פריצים, זענען געבליבען אינגאַנצען אָהן פרנסה.

אין אַ יאָהר אַרום, תרכ"ב, איז אומגעפאָהרען אַ קאָמיסיע פון דער רעגירונג צו בעטיילען די פויערים מיט ערד און צו בעשטעטיגען אויף יעדען פויער די בעוואוסטע קאָנטריבוציע, וואָס ער דאַרף אויס-

צאָהלען אין קאַזנאַ פאַר דער ערד אין אַ משך פון פיערציג יאָהר צײַט.

דאָס ביסעל יודען, וואָס האָבען, ווי איך האָב שוין געזאָגט, געלעבט גרויסאַרטיג און האָבען געשפּיעלט אַ נגיד׳ישע ראָליע, זענען געוואָרען געדריקט. מען האָט שוין אויפגעהערט צו פיהרען אַ ברייט לעבען, און די קרעמער, וואָס האָבען געהאַלטען לוקסוס-זאַכען פאַר די פּריצים, זענען געבליבען מיט זייער סחורה, חאָטש וואַרף דאָס אַרויס אויף דער גאַס.

דער זיידע איז אומגעפאָהרען צו די פּריצים „טרייסטען זיי". זיי זענען, נעבעך, אַראָבגעשליידערט געוואָרען פון הימעל אויף דער ערד. איבערהויפּט אָבער האָבען דאָס נישט געקענט איבערטראָגען די פּריצ׳טעס. אַ קלייניגקייט, מען האָט ביי זיי צוגענומען אַזאַ ממשלה! זיי האָבען ממש געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.

די פּריצים האָט, אייגענטליך, מעהר געקרענקט דאָס, וואָס די פּויערים, וועלכע זענען פריהער געקראָכען אויף דער ערד פאַר זיי און ער, דער פּריץ, האָט זיך פערגונען צו שמייסען אַ גאַנצע פאַמיליע, אַ פאָטער מיט אַ מוטער, מיט זיהן און שניהר, און טעכטער און איידעמ׳ס אויף איין מאָל, אין איין הויז, און וואָס דערנאָך זענען זיי, די אָבגעשמיסענע, אויפגעשטאַנען און געקושט דעם פּריץ די פיס און איהם איבערגעבעטען, — זאָלען זיי, די פּויערים, איצט אַרומגעהן פרייע און פרעהליכע און מען זאָל נישט קענען מעהר אַרויפלעגען אויף זיי אַ פינגער. חאָטש איין שמיצעלע!

איצט, אַז אַ פּויער וועט וועלען, וועט ער אפילו פאַר׳ן פּריץ דאָס היטעל אויך נישט אַראָבנעהמען, און דער פּריץ וועט זיך בעדאַרפען ביי איהם בעטען, אַז ער זאָל איהם פעראַרבייטען זיינע פעלדער פאַר געלד, און וויפיעל דער פּויער וועט זיך הייסען געבען, וועט ער איהם מוזען בעצאָהלען.

אָבער דער זיידע האָט זיי געטרייסט און געזאָגט, אַז דאָס איז טאַקע „סטראַשנע", נאָר אַלץ פון אָנפאַנג, איידער מען ווערט געוועהנט.

— איהר האָט נאָך גענוג פערמעגען, איהר האָט נאָך גענוג ערד — האָט ער זיי בערוהיגט — און איהר וועט טאַקע דינגען די

פּויערים צו אַרבּייטען אויך פאַר געלד. אָבער דאָס איז נאָר שרעקליך פון אָנהויב. גלויבט מיר, זיי וועלען בּלייבען דיזעלבּע קנעכט, ווי געווען, וואָרום איצט וועט בּיי זיי זיין דער האַר די קאָפּיקע, און זיי וועלען געהן פאַר אייך אויף אַלע פיער.

— אדרבה, נאָך מיין מיינונג — האָט ער זיי אַלץ „געטרייסט״ — איז פאַר אייך אַ טובה אָט די פּויערים-בעפרייאונג. איהר וועט אָנהויבען לעבען אַ סאָליד לעבען, איהר וועט פיהרען אייער מאַיאָנטעק, איהר וועט אַליין דאַרפען אומעטום זיין און פילעווען די אַרבּייטער. איהר וועט היטען, מען זאָל אייך נישט בּע׳גנב׳ענען, איהר וועט נישט שפּיעלען אין קאָרטען. איהר וועט נישט פראַווען קיין אומזיסטע און איבּעריגע בּעלער, און אייער לעבען וועט אַוועק נאָך בּעסער.

אהרן-לייזער׳ס ווערטער האָט זיי אַ בּיסעל בּערוהיגט. זיי האָבען געפּיהלט אַ סך אמת אין די ווערטער. אַנדערע פּריצים, וואָס האָבען נישט געקאָנט איבּערטראָגען די איבּערקעהרעניש, האָבען אומישנע געשיקט נאָכ׳ן זיידען, ער זאָל זיי אַ בּיסעל בּערוהיגען.

און אַזוי איז ער כּמעט אַ גאַנץ יאָהר אומגעפאָהרען צו אַלע פּריצים, זיי מנחם געווען און געמאַכט אַ בּיסעל גרינגער דאָס האַרץ. און ער אַליין, דער זיידע, האָט גאָרנישט געהאַט קיין האַרץ צו ריידען מיט זיי וועגען געשעפט און האָט מיט זיי קיין געשעפט דעם גאַנצען יאָהר נישט געמאַכט. ער האָט נאָך בּיי די געמיינערע פּריצים געהאַט איבּערגעלאָזען זיין געלד, בּיז זיי וועלען זיך בּערוהיגען.

און בּיי אונז אין דער פאַמיליע האָט מען שוין אָנגעהויבען צו שפּירען אַ שלעכטע צייט. עס איז מעהר נישט געבּליבּען ווי נאָר דער איין געשעפט—די אַרענדע. דערפון דאַרף לעבען אַ פאַמיליע אפשר פון אַ זעכציג נפשות.

און בּאַלד איז ארויסגעשפּרונגען דער אויפשטאַנד אין פּוילען און ליטאָ אין אָנפאַנג פון׳ם 1863-טען יאָהר. דאָ איז שוין גאָר געוואָרען פאַר די יודען אַנ׳אומגליק. די פּריצים און די שליאַכטעס זענען אַרויס מחנות׳ווייז אין די וועלדער מיט געוועהר, האָבען אָנגעהויבען צו געהן „איינגעהמען״ די קליינע שטעדטליך, וואו עס איז נישט געווען קיין פּוס פון קיין רוסישען זעלנער. אַז זיי זענען אַריין אין אַ שטעדטיל האָבען זיי צום ערשטען אַראָבּגעריסען דעם רוסישען אָדלער פון

וואָלאָסט, אױפגעהאַנגען אַ פּױלישען הערב און דערבײַ געשריבען: „וויענטאַ ראָסיאַ". די פּריצים־רעוואָלוציאָנערען זאָגען זיך דערבײַ זעהר „אײַנגענאַרטיג" בעגאַנגען מיט יודען.

אין שטאָדט איז געפאַלען אויף די יודען אַ שרעק, מען האָט מורא געהאַט אַרױסצוגעהן אױף דער גאַס, און דער יוד, וואָס איז געגאַנגען אין גאַס און געזעהן אַ פּױלישען זעלנער, דאָס הײסט אַ שליאַכטשיטש, ניט זאָגאַר קײן אָפיציר, וואָס איז געווען אַ פּריץ, האָט ער געמוזט אַראָבנעהמען דאָס היטעל און זיך אײַנבויגען אין דרײַען, מיט הכנעה, און ווער רעדט — אַנ'אָפיציר, דאָ האָט ער געמוזט פאַלען אויף אַלע פיער, זיך בויגען און בוקען, און טאָמער איז דעם פּריץ ניט געפעלען געווען דעם יודענ'ס בוקען זיך, האָט מען איהם באַלד צוגענומען, געשלעפּט איהם פאַר דער באָרד, גע־בראַכט צום פּאָלקאָווניק, יענער זאָל איהם משפּט'ן. דערווײַל האָט מען געמאַכט חוזק פון דעם יודען, פון זײַנע ציצית און פון זײַן באָרד און פּאות, מען האָט איהם געריסען, אומגעשלײַדערט און אומגעוואָר־פען, און דער יוד האָט עס אַלץ בעדאַרפט אויסשטעהן, ביז דער פּאָלקאָווניק האָט געהײסען אָבלאָזען דעם זשיד, וואָס האָט דאָ אויפ'ן אָרט געמוזט שווערען צו זײַן געטרײַ דער פּױלישער רעגירונג.

לאַנג פערבלײַבען אין אַ שטעדטיל האָבען די מיאַטעזשניקעס ניט געקענט. אין אַ צוויי, דרײַ טעג אַרום פלעגען קומען רוסישע סאָלדאַטען, קאָזאַקען מיט אַרטילעריע, און די פּריצים פלעגען אַנטלױ־פען. פיעל האָבען זיך בעהאַלטען בײַ די יודען אויף די בױדעמ'ס, אין די קעלערס, אין די „פּאָפּיעצען" פאַר היהנער, אין די אױוועגס; און די בעהאַלטענע פּריצים האָבען אָבער מורא געהאַט, אַז די יודען זאָלען ניט אַרױסגעבען, וואו זײ ליגען בעהאַלטען, ווען די סאָלדאַ־טען וועלען די יודען נױטען, און די פּריצים האָבען מיטגענומען מיט זיך אין „פּאָפּיעץ", אָדער ערגעץ אױפ'ן בױדעם אין אַ לאָך — אַ יודען פאַר אַ משכון. עס איז ניט קײן לעגענדע, וואָס מען דערצעהלט, אַז די פּריצים, ליגענדיג בעהאַלטען אין די לעכער מיט די פּער־משכונ'טע יודען, האָבען געפאָדערט בעת־מעשה פונ'ם יודען, אַז ער זאָל אַראָבנעהמען דאָס היטעל און ליגען בעהאַלטען מיט אַ בלויזען קאָפּ, ווארום ער ליגט מיט אַ פּריץ! און אַפילו קײן יאַר־

מאָלקע האָט דער יוד נישט געטאָרט טראָגען אויפ'ן קאָפּ.

דאָס רוסישע מיליטער האָט געיאָגט די פּריצים, צוהאַנגען און צושמעטערט זיי, נאָר מאַכען מיט איין מאָל אַ סוף איז געווען שווער. קוים זענען די רוסישע סאָלדאַטען אַרויס פון שטאָדט, האָבען זיך ווידער בעוויזען נייע מחנות פּריצים. דאָס גאַנצע יאָהר איז געגאַנגען אַ קאַמפּף צווישען די רוסען און פּאָליאַקען.

אויף די פּויערים איז געפאַלען אַנ'אימה מיט אַ פּחד, אַז די פּאָליאַקען זאָלען נישט איינגעהמען רוסלאַנד. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז דעמאָלט, אויב דאָס וועט מקוים ווערען, וועט צוריק איינגעפיהרט ווערען לייב־קנעכט. זיי האָבען אויך מורא געהאַט אַרויסצוגעהן פון דאָרף, מען זאָל זיי נישט נעהמען מיט געוואַלד אין אויפשטאַנד אַריין.

די פּויערים האָט מען אָבער נישט גענומען, מען האָט זיך אויף זיי נישט אָנגעטרויט. נאָר אַז מען האָט געחאַפּט איינצעלנע פּויערים אויפ'ן וועג, אָדער אין וואַלד, האָט מען זיי צוגענומען און געגעבען זייטיגע אַרבייט, נישט מיט'ן ביקס.

אָבער מיט יודען איז צוגעגאַנגען טויזענד מאָל ערגער. אַז מען האָט געחאַפּט אַ יודען, וואָס איז געגאַנגען אין די הויפען, אָדער געפאָהרען ערגעץ פערדינען, האָט ער שוין געהאַט דעם אמת'ן טויט־שרעק. קודם־כל, האָט מען איהם אָנגעזאָגט, אַז מען וועט איהם הענגען, דערנאָך האָט מען זיך גוט אָנגעלאַכט פון „זשיד" און אַז ווייטער חוזק'ן האָט מען שוין נישט געקענט, האָט מען גענומען אַ שטריק, לאַנגזאַם אָנגעטהאָן דעם יודען אויפ'ן האַלז און געהייסען איהם זאָגען וידוי, דערביי איז מען, פערשטעהט זיך, צופאַלען אויף דער ערד, לאַכענדיג.

דער יוד האָט געזאָגט וידוי ביי זייער חיה'שען געלעכטער. דאָס איז צוגעגאַנגען שרעקליך לאַנגזאַם, אינקוויזיטאָריש, טיראַניש. אין אַ פּאָר שעה אַרום, אַז דער יוד האָט מיט טייכען טרעהרען געענדיגט זיין וידוי און האָט שוין נישט געהאַט קיין כח מעהר צו וויינען, האָט מען איהם אָבגעבונדען די שטריק און געזאָגט:

— זשיד, דו ווייסט דאָך, אַז מיר זענען גוטע מענשען. האָסטו געמיינט, אַז מיר וועלען דיך הענגען? דאָס קען דער רוס, אָבער

נישט מיר, פאָליאַקען. שווער, אַז דו וועסט אונז זײַן געטרײַ? און טאָמער וועסטו בעגעגענען אויפ׳ן וועג דעם רוס, זאָלסטו נישט זאָגען, וואו מיר געפונען זיך — און גנה! . . .

פלעגט קומען דער יוד, אָדער די עטליכע יודען אַהײַם מיט טויטע פנים׳ער, אָהן אַ טראָפּען לעבען און מיט זייער איוסזעהן דער-שרעקען ביז׳ן טויט דאָס ווײַב מיט די קינדער. אַנדערע זענען אַפילו גיך געשטאָרבען פון אַזאַ „שפּיעל״ פון די „גוטע״ פּאָליאַקען.

דער קאַמפּף איז געגאַנגען אַזוי. אויב די פּאָליאַקען זענען געוועזען אין דרײַ מאָל, צי אין פיער מאָל אַזוי פיעל איידער די רוסען, דע-מאָלט איז געוועזען אַ שטאַרקע שלאַכט, ביז די רוסען, ווי אַ נאָרמאַל מיליטער, האָבען זיי מנצח געוועזען, אָדער גענומען אין געפאַנגענשאַפט. אויב אָבער די פּאָליאַקען זענען געוועזען נישט פיעל מעהר, האָט מען זיך לאַנג נישט געשלאָגען. די פּאָליאַקען האָבען זיך באַלד אונטערגע-געבען, אָדער צולאָפען. נאָר אָפּטמאָל פלעגען די רוסען בעפאַלען דעם גאַנצען וואַלד, אַרומנעהמען איהם און ביסלעכווײַז נעהמען אַלע פּאָליאַקען אין געפאַנגענשאַפט.

איינמאָל האָבען די פּאָליאַקען נעבען שטעדטיל טשערנאַוטשיטש, נישט ווײַט פון אונז, אָנגעטהאָן אַ יודען אַ שטריק אויפ׳ן האַלז, ווי זייער שטייגער איז. בעת מעשה איז אָנגעקומען אַ גאַנצער באַטאַליאָן רוסישע זעלנער מיט אַנ׳עסקאַדראָן קאָזאַקען. פּאָליאַקען זענען אינגאַנ-צען געוועזען אַ פּאָר הונדערט און צווישען זיי האָבען זיך געפונען די גרעסטע יחסנים פּריצים. מען האָט זיי אַרומגערינגעלט, און אַז די רוסען זענען געקומען נעהנטער, האָבען זיי דערזעהן, ווי די פּאָליאַקען האַלטען אין הענגען אַ יודען. דעם יודען האָבען זיי באַלד בעפרייט פון דעם שטריק און דער רוסישער פּאָלקאָווניק, וואָס האָט דערקענט דעם פּוילישען פּאָלקאָווניק, האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו דעם יודען געוואָלט הענגען?

— מיר האָבען זיך געוואָלט לוסטיג מאַכען, — האָט דער פּוי-לישער פּאָלקאָווניק גענטפערט.

עס פערשטעהט זיך, אַז דעם רוסישען פּאָלקאָווניק האָט זיך איצט געוואָלט לוכטיג מאַכען איבער דעם פּוילישען פּאָלקאָווניק . . .

גענעראַל מוראַוויאָוו איז געוואָרען דיקטאַטאָר איבער גאַנץ ליטאָ,

די אַלע געפאנגענע פריצים האָט מען אָדער פערשמיסען, אָדער געהאנגען און דערשאָסען, אָדער אַרייַנגעזעצט אין טורמע, אין נאַס'ן קעלערס, וואו מען האָט אַרייַנגעלאָזט צו זיי מייז און פאַצוקעס. מען האָט זיי אַזוי געפייניגט, אַז קיינער האָט מעהר ווי דרייַ חדשים נישט געקענט אויסהאַלטען.

צעהן וויאָרסט פון קאַמעניץ, אין טשעמעריער וואַלד, איז געווען אַ גרויסע מחנה פאָליאַקען. אין דער מחנה האָט זיך דעמאָלט געפונען דער גאנצער אָנפיהרער פון אויפשטאַנד, וועלכען איך האָב שוין איין מאָל דערמאָהנט, דער פריץ אָגינסקי מיט זיין סוויטע, וואָס איז בעשטאנען פון די גרעסטע חראַביעס פון ליטאָ. אָגינסקי איז געווען קאָנדיראַט אויפ'ן פוילישען טראָהן.

פון ערגעץ האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, נאָך ראש־השנה, אַז די פאָליאַקען וועלען אַרייַן צו כל־נדרי אין קאַמעניץ און וועלען אויסשעכטען אַלע יודען אין שוהל און אין די בתי־מדרשים, אַזוי ווי אין חמעלניצקי'ס צייטען, אין גזירות ת"ח. האָט מען זיך שטאַרק דערשראָקען. נאָר דער זיידע אהרן־לייזער האָט מעהר אָדער וועניגער בערוהיגט דעם עולם.

— מיר האָבען נאָך נישט געהערט — האָט ער אייַנגע'טענה'ט מיט'ן עולם, אַז די פאָליאַקען זאָלען טהאָן די יודען שלעכטס. עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז זיי שרעקען איבער אַ יודען מיט'ן טויט, אָבער זיי זענען נישט קיין רוצחים, בשום אופן נישט, און מען זאָל אין דעם נישט גלויבען. גאוה האָבען זיי האָלט — דאָס יאָ...

דערנאָך זענען געקומען צוויי פאָלקען רוסיש מיליטער בראש מיט עפּעס אַ בעריהמטען פאָלקאָווניק, וואָס איז געשיקט געוואָרען ספּעציעל פון פעטערבורג צו חאַפּען אָגינסקי'ן, וואָס האָט זיך זעהר אויסגעצייכענט געגען די רוסען, און וועגען איהם זענען אַפילו פאַרהאַן לעגענדעס בייַ יודען, וואָס וואוינען אין די ערטער, וואו דער אויפשטאַנד איז געווען.

דער רוסישער פאָלקאָווניק האָט איהם געוואָלט חאַפּען לעבעדיגערהייד, וואָס דאָס האָט מען זיך וואַהרשיינליך, געוואונשען אין פּעטערבורג. און אָט האָט אויסגעבראָכען די שלאַכט אין טשעמעריער וואַלד. דאָס שיסען האָבען מיר געהערט אין קאַמעניץ. עס האָט לאַנג

געדויערט, און די רוסען האבען מנצח געווען. נאר אגינסקי איז אנטלאפען. זיין זעבעל האט דאס רוסישע מיליטער געפונען, און איך אליין האב איהם געזעהן. דאס איז געווען זעהר אנ'אויסטערלישער זעבעל, נישט קיין גרויסער און האלב א רונדער, אזוי ווי א היבישער סערפ, בעזעצט מיט גרויסע פערל. דער רוסישער פאלקאווניק האט איהם געהאלטען.

דער פאלקאווניק מיט די צוויי פאלקען און פיער עסקאדראנען קאזאקען האט זיך געלאזט ווייטער נאך אגינסקי'ן, ביז ער איז געקומען קיין פינסק. דארט האט זיך ווידער אנגעהויבען א שלאכט. די פאליאקען האבען פערלוירען דעם שלאכט און אגינסקי איז ווידער אנטלאפען. אנטלאפען איז ער אין א דארף צו א פויער, האט דעם פויער געגעבען צעהן הונדערטער, אז יענער זאל איהם פערבעהאלטען ביי זיך. דער פויער האט איהם ארייננעלאזען אין אוויוען און אליין האט ער אבער באלד געשיקט קיין פינסק, צום רוסיש מיליטער, אנזאגען, אז ביי איהם האט זיך בעהאלטען אגינסקי. אויף מארגען האט מען איהם גענומען ביי דעם פויער. איידער מען האט איהם גענומען, האט ער צוריסען צוויי הונדערט טויזענד רובל פאפיר-געלד, וואס ער האט געהאט בעהאלטען ביי זיך. אזוי איז ער געפאנגען געווארען, און מען האט איהם געבראכט קיין פעטערבורג. נאכדעם ווי מען האט געכאפט אגינסקי'ן, האבען די פאליאקען פערלוירען דעם מוטה און זיי האבען שוין נישט ארויסגעשטעלט קיין גרויסע ארמעע אויף א פלאץ, נאר אין די וועלדער, צו ביסלעכווייז, און אזוי האט זיי מוראוויאוו דערשטיקט.

מיין פעטער, ר' ליפע'ס א זוהן, איז געווען א סעמיאטיטשער איידעם און האט דארטען געוואוינט. מיט אמאל איז ארויס א קלאנג, אז אהין זענען געקומען פאליאקען א טויזענד פינף הונדערט מאן, ווי דער שטייגער איז, איבערגעביטען די אדלערס און שוין איינגענומען רוסלאנד. אין גיכען איז געקומען א גאנצער פאלק זעלנער מיט קאזאקען און ארומגערינגעלט גאנץ סעמיאטיטש, צושאסען אלע יודען מיט די פאליאקען צוזאמען. אזא קלאנג איז ארויס. איז געווארען ביים פעטער אין שטוב א געוויין. דער פעטער האט זיך איינגעשטעלט און געפאהרען קיין סעמיאטיטש. ער איז געקומען אהין צוויי טעג נאך דער שלאכט, און אז ער איז אריין אין שטאדט, איז ווירקליך געווען

עהנליך אָן דעם. אומעטום איז געווען וויסט און לעער, מען האָט נישט געזעהן קיין לעבעדיגען נפש אין די אויגען. אויף יעדער שריט און טריט האָבען זיך געוואַלגערט גע'הרג'עטע פּאָליאַקען. אַנדערע האָבען זיך נאָך געוואָרפען אין אַגאָניע. ער געהט אַ ביסעל ווייטער, דערזעהט ער אַ יודען, געהענדיג. פרעגט ער, אַ טויט דערשראָקענער:

— וואו זענען אַלע סעמיאַטיטשער איינוואוינער?

זאָגט דער יוד:

— זיי ליגען אַלע אויפ'ן בית-עולם.

און דער יוד האָט איהם אַוועקגעפיהרט אַהין. דאָרט האָט ער געפונען זיין זוהן מיט דער שנוהר און קינדערליך. דאָס איז געווען אַזוי: דאָס רוסישע מיליטער האָט אַרומגערינגעלט די שטאָדט. די פּאָליאַקען, אַז זיי האָבען דערזעהן דאָס רוסישע מיליטער, האָבען זיי זיך גאָר נישט געשלאָגען און דער פּאָלקאָווניק האָט געהייסען אַלע איינוואוינער פון שטאָדט, אַז זיי זאָלען פערלאָזען זייערע הייזער און אַרויף אויפ'ן בית-עולם. האָט מען אַזוי געטהאָן: יודען זענען אַרויף אויף זייער בית-עולם, און די פּראַוואָסלאַוונע אויף זייער בית-עולם. און איצט האָט זיך אָנגעהויבען די שלאַכט, אין וועלכער עס זענען געפאַלען אַלע פּאָליאַקען ביז איינעם. דער פּאָלקאָווניק האָט געהאַט אַ בעפעהל נישט צו נעהמען געפאַנגען, ווייל אַלע טורמעס זע-נען שוין געווען פול געפּאַקט. בעסער הרג'ענען.

און די איינוואוינערס האָבען געוואַרט אויף די בית-עולם'ס, ביז דער פּאָלקאָווניק וועט זיי הייסען אומקעהרען זיך אַהיים. אויפ'ן דרי-טען טאָג האָט ער געהייסען אַלעמען געהן אַהיים.

דער פעטער האָט דערצעהלט, אַז עס האָט קיינעם נישט גע-שאַט, נאָר איין יוד, ר' דוד דער ברייטער, איז גע'הרג'עט געוואָרען, איך האָב שוין געשריבען וועגען איהם.

די פּאָליאַקען האָבען זיך העלדיש, מיט גרויס מוטה געראַנ-געלט. בשעת די יודען זענען געגאַנגען פון בית-עולם, האָבען זיי געזעהן אויף דער ערד ליגענדיג געטויטעטע און פערוואונדעטע פּאָליאַ-קען. איין פּאָליאַק, האָט דערצעהלט דער פעטער, איז געלעגען אויף דער ערד מיט אַנ'אויפגעשניטענעם בויך. ער האָט גע'גוסס'ט און האָט דאָך געשעפּטשעט מיט די לעצטע כחות:

— יאַ יעֶשטשעֶ ניעֶ פּאָדאַמסאַ.

מוראַוויאָוו האָט אַרײַנגעֶשיקט אין יעֶדעֶן אויעֶזד צוויי אָפיציִרעֶן, וואָאינסקעֶ נאַטשאַלניִקעֶם. יעֶדעֶר רוסיִשעֶר אָפיציִר'ל איז אַרומגעֶפאָהרעֶן, אַרומגעֶרינגעֶלט מיט אַ סאָטניעֶ קאָזאַקעֶן. אין זײַן קאַרעֶטעֶ איז עֶר געֶזעֶסעֶן בעֶהאַנגעֶן אַרום זיך מיט אַ סך געֶוועֶהר, געֶפאָהרעֶן איז עֶר איבעֶר אַלעֶ הויפעֶן קאָנטראָליִרעֶן, וועֶלכעֶ פּריִציִם זעֶנעֶן דאָ אין דעֶר-הײַים, און וועֶלכעֶ ניִשט, און אַז עֶר האָט אַ פּריץ ניִשט געֶטראָפעֶן, האָבעֶן די קאָזאַקעֶן געֶשמיִסעֶן די פּריִצ'טעֶם מיט די טעֶכטעֶר, אַז זיי זאָלעֶן אויסזאָגעֶן, וואו דעֶר פּריץ איז.

אויך האָבעֶן די אָפיִציִרעֶן געֶהאַט בײַ זיך מעֶדאַלעֶן פון מוראַוויאָוו'ן, צו געֶבעֶן יעֶנעֶ פּריִציִם, וועֶלכעֶ וועֶלעֶן אויסזאָגעֶן, וואו עֶס געֶפיִנעֶן זיך די שײַקעֶס פון פּאָליאַקעֶן.

פון אָנפאַנג, ווי געֶזאָגט, האָבעֶן די פּויעֶריִם מורא געֶהאַט פאַר די פּאָליאַקעֶן. זיי האָבעֶן מורא געֶהאַט אַרויסצוטרעֶטעֶן פון דאָרף, טאָמעֶר וועֶלעֶן זיי די פּאָליאַקעֶן מיט געֶוואַלד נעֶהמעֶן אין שלאַכט אַרײַן. אָבעֶר צום סוף, אַז עֶס האָט אָנגעֶהויבעֶן ווערעֶן וואָס ווײַטעֶר ווענִיגעֶר שטרײַטעֶנדעֶ פּאָליאַקעֶן און זיי האָבעֶן שוין אויך קײַן מוטה ניִשט געֶהאַט און אַהײַים האָבעֶן זיי ניִשט געֶקעֶנט קומעֶן, ווײַל זיי זעֶנעֶן שוין געֶוועֶן פּ עֶ ר צ י כ עֶ נ ט בײַם וואָאינסקי נאַטשאַלניִק, אַז זיי געֶפיִנעֶן זיך אין וואַלד — האָבעֶן די פּויעֶריִם אָנגעֶהויבעֶן צו נעֶהמעֶן נקמה אָן די פּריִציִם. זיי פלעֶגעֶן קומעֶן צו זײַעֶר פּריץ בײַנאַכט, אַרויסגעֶשלעֶפּט איהם פון בעֶט, געֶבונדעֶן איהם, אָבגעֶשמיִסעֶן, און דעֶרנאָך אַוועֶקגעֶפיִהרט צום וואָאינסקי נאַטשאַלניִק און געֶזאָגט, אַז זיי האָב איהם געֶפונעֶן אין וואַלד. וואָס מעֶן האָט דעֶם פּריץ געֶטהאָן דעֶרפאַר, איז פעֶרשטעֶנדליִך.

אַזוי האָבעֶן די פּויעֶריִם געֶנומעֶן נקמה אָן זײַעֶרעֶ פּריִציִם. אַ סך פּריִציִם זעֶנעֶן אַרײַנגעֶפאַלעֶן צו זײַערעֶ פּויעֶריִם, געֶוועֶזעֶנעֶ לײַב-קנעֶכט, אין די העֶנד אַרײַן, און זיי האָבעֶן מיט זיי געֶטהאָן, וואָס זיי האָבעֶן געֶוואָלט.

אַ געֶוואַלדיִגעֶ צאָהל פּריִציִם איז צוניִשטעֶרט געֶוואָרעֶן: צוהאַנגעֶן, צושאָסעֶן, צו'מוזיק'ט, צושטיִקט, צושיִקט אין סיִביִר און אין אַלדעֶ

שוואַרץ יאָהר. א סך הויפּען איז קאָנפיסקירט געוואָרען, און רוסישע אָפיציִרען האָבען אָבגעקויפט די גרעסטע מאַיאָנטקעס מיט אַ הונדערטער. פאַר אַ מאַיאָנטעק, וואָס מען האָט דערנאָך געצאָהלט דריי טויזענד רובל אַ יאָהר אַרענדע, האָט דער רוס געגעבען אַ קליינינקייט, אָדער גאָרנישט.

דער חורבן פון די פּאָליאַקען — איז איינס פון די שרעקליכסטע גרוילען פאַר די לעצטע פאָר הונדערט יאָהר.

צוויי־און־צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

מיין פעטער אַלס בעל־מופת. — בעדיל־בענדעט און סיחאָוו־סקי. — דער קראַנג וועגען מופת. — זיין שם אין דער סביבה. —דעם זיידעג׳ס פּלאַן. —די לאַגע פון יודען נאָכ׳ן אויפשטאַנד.

אין דער צייט פון אויפשטאַנד, ווי געזאָגט, איז די יודישע לאַגע געוועזען אויסערסט שלעכט. עס איז נישט געוועזען קיין פּרנסה, די קראָ־מען האָבען געפּוסטעוועט. פּריצים און פּויערים זענען נישט געקומען אין שטאָדט. די לעצטע האָבען מורא געהאַט פאַר די באַנדעס פּאָליאַ־קען — און דער יודישער דלות איז געוועזען אין לשער. יודען האָבען מורא געהאַט אַרויסצוגעהן פון שטעדטיל און אַלע קוואַלען פון פּרנסה האָט זיך אויסגענומען.

בעלי־מלאכות זענען צופאָהרען קיין אָדעס און אין וואָהלינער געגענד, מען האָט פערקויפט הייזער אויף ברויט, מען האָט פערקויפט און פערזעצט, וואָס איינער האָט געהאַט, אַבי צו דערהאַלטען זיך ביים לעבען.

די איינציגע האָפנונג איז געוועזען, אַז דער נישט־גלייכער שטרייט וועט לאַנג נישט דויערן: דער שטאַרקער רוס וועט מסתמא מנצח זיין די פּאָליאַקען, און דערנאָך וועט זיך אפשר ווידער אָנהויבען אַ לעבען,

און נאָט וועט ווידער העלפֿען, אַזוי ווי ער האָט ביז איצט נישט פֿער־לאָזען. אַזוי האָבען די יודען מסדר געווען אין די בתי־מדרשים.

אָבער דערוויַיל האָבען די יודען, נערוועזע, געפּאַלענע, צוּרוּ־דערטע, אַרומגעבלאָנקעט אין דרויסען, גערעדט כסדר פון אויפשטאַנד און זיך צוגעהערט צו יעדער פּאָליטישער נייַעס.

איך האָב דעמאָלט געלערנט מיט מיַין פעטער, דעם רב. און אין דער ציַיט, געדענק איך, איז צום רב געקומען צופאָהרען דער פעטער בעריל־בענדעט, שרעקליך אויפגערעגט און פערסאָפּעט, און דערציעהלט, ווי צו זיַין פּריץ סיחאָווסקי'ן איז געקומען היינטיגע נאַכט אַ שיַיקע פּריצים, געגעסען און געטרונקען און נאָך צוגענומען ביַי איהם דריַי טויזענד רובל. ווענען דעם האָט ער, וועלענדיג ריין מאַכען דעם פּריצ'ס נאָמען, געמעלדעט דעם וואָאינסקי נאַטשאַלניק אין שערשאָוו און לויט'ן אוקאַז פון מוראַוויאָוו'ן קומט דעם פּריץ אַ מעדאַל. נאָר דער וואָיאינסקי נאַטשאַלניק, אָנשטאָט צו שיקען אַ מעדאַל, האָט גע־שיקט נאָך דעם פּריץ דריַי קאָזאַקען, אַז זיי זאָלען איהם ברענגען, און בעריל־בענדעט האָט מורא, אַז מען זאָל קיין שלעכטס נישט טהאָן דעם פּריץ.

על־כן זאָל דער רב בעטען, אַז דער פּריץ זאָל בעפריַיט ווערען און אַז דעם רב'ס תפילות וועלען אָנגענומען ווערען, גיט ער, בע־ריל־בענדעט, אויף ר' מאיר בעל־הנס אַכצעהן רובל.

אָבער דער רב, וואָס איז געווען אַ חכם, האָט אַפּנים פערשטאַ־נען, אַז מען וועט דעם פּריץ קיין שלעכטס נישט טהאָן און ער האָט מעהר נישט געפרעגט:

— וויפיעל מייל איז פון הויף טשעכטשאָווע קיין שערשאָוו און וויפיעל מייל קיין קאַמעניץ.

— פון הויף קיין שערשאָוו — צוויי מייל און דריַי מייל קיין קאַמעניץ.

— נו, — האָט געזאָגט דער רב — אַז איהר וועט קומען אַהיים, וועט איהר שוין אַוודאי טרעפען דעם פּריץ מיט אַ מעדאַל.

אין עטליכע שעה אַרום איז טאַקע געקומען צום רב ישראל־אהרן, בעריל־בענדעט'ס איידעם, מיט אַ שמחה, אַז דער שווער האָט

שוין געטראָפען דעם פּריץ מיט אַ מעדאַל און ער גיט דעם רב אַלצעהן
רובל אויף ר׳ מאיר בעל-הנס.

אין גיכען איז בעקאַנט געוואָרען די מעשה, און דעם רב׳ס פאָר-אויסזאָגונג איז אָנגענומען געוואָרען פאַר אַ מין מופת.

נאָר אין שטאָדט און אין דער אומגעגענד האָט מען צוטראָגען דעם „מופת" נאָך מיט אַלצעהן ליגענס און דערפון איז פלוצלונג דער רב אויסגעוואַקסען געוואָרען פאַר אַנ׳געבטען בעל-מופת. מען האָט איהם שוין נישט געלאָזען רוהען. איז אַ ווייבעל געגאַנגען צו קינד, איז מען געקומען בעטען און וויינען פאַר׳ן רב, ער זאָל מתפלל זיין און אין עטליכע שעה אַרום איז מען געקומען אָבגעבען מזל-טוב דעם רבי, אַז דאָס ווייבעל האָט געלונגען געהאַט אַ יונגעל צי אַ מיידעל. און אַז עמיצער איז קראַנק געוואָרען, האָט מען זיך באַלד געווענדט צום רב און ער האָט שוין געשטעלט אַ פושקע אויף ר׳ מאיר בעל-הנס, וואוהין מען פלעגט אַריינוואַרפען ווי איינער האָט געקענט; נאָר דער קראַנקער איז געזונד געוואָרען, און דעם רב׳ס נאָמען האָט געקלונגען און געקלונגען, אַז ער איז פראָסט מחיה-מתים און מהוט כל הוואונדער.

דערווייל האָט מען שוין איבערגעשלאָגען דאָס לערנען, און איך בין שוין אויך געוואָרען אַ מין בעל-מופת אַרום פעטער. מחמת איך פלעג נישט קענען הערען פון די ווייבער זייערע רייידעניש מיט די בעטעניש און מיט׳ן טויזענדער מאָל איבער׳חזר׳ן איין זאַך, פלעג איך זיי זאָגען מעשה בעל-מופת:

— דער רב גיט דאָך אייך אַ ברכה, טאָ געהט אייך אַהיים, גאָט וועט מסתמא העלפען. העלפען...

נאָכ׳ן אויפשטאַנד, וואָס האָט געמוזט צוליעב׳ן טומעל אויפהאַלטען דעם רב׳ס פּאָפּולאַריטעט אַלס בעל-מופת, האָט מען אָנגעהויבען קומען צום רב פון בריסק ממש אויף צעהנדליגער בריטשקעס. מען האָט זיך געשאָטען פון אַלע זייטען אַזוי, אַז מיר האָבען שוין נישט געקענט לערנען. האָט שוין דער רב געמאַכט, מיר זאָלען לערנען פיער שעה אין טאָג, פון צוועלף ביז פיער. דערמאָלט האָב איך פער-קוויטעלט די טהיר און געלערנט פאַר איהם, און דער גאַנצער שוהל-הויף איז געווען שוואַרץ פון מענשען. דאָס האָט מען געוואַרט

אויפ׳ן בעל־מופת, און וואָס אַ טאָג ווייטער איז דער עולם גע־וואָרען אַלץ איינגער און געדיכטער. מען האָט שוין אָנגעהויבען פאָהרען פון ביאַליסטאָק און עס איז אוועק אַזוי ווייט, אַז דער רב האָט גע־מוזט שיקען נאָך זיין זוהן שמחה׳ן פון פינסק. יענער איז געקומען צופאָהרען מיט זיין ווייב און קינדער, און אָנגעהויבען האָט זיך שוין מיט קוויטלעך און מיט צעטלעך, וועלכע דער זוהן האָט שוין געשרי־בען און מען האָט אויך בעדאַרפט האָבען נאָך אַ מענשען, וואָס זאָל אַרומגעהן אַרום די קליענטען. דער מענש, בייניש דער שמש, איז שוין אָבער באַלד אויך וועניג געווען, האָט מען צוגענומען זיין זוהן, יענער זאָל איהם העלפען שטעהן ביים טהיר, נישט אַריינלאָזען אַלע־מען מיט אַמאָל — און די אוננאַטירליכע מופתים האָבען זיך גע־מעהרט.

אין יענער צייט האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע פון אַ בעל־מופת דער סיהעוויזשער רבי. איז ער געווען דער גרעסטער בעל־מופת פון אַלע רביים. באַלד איז אָבער געוואָרען דער קאַמעניצער רב דער גרעסטער און איך האָב שוין נישט געלערנט מיט איהם. איך האָב מיט קיינעם נישט געלערנט, נאָר געהאַלטען אין איין צוגרייטען זיך צו אַ וכוח מיט׳ן טאַטען און מיט אַלע הסידים וועגען חסידות און מתנגדות.

נאָכ׳ן אויפשטאַנד האָט די רעגירונג בטל געמאַכט אַלע פּריצ׳י־שע פּראָפּינאַציעס און בתוכם אויך די קאַמעניצער אַרענדע. זענען מיר שוין געבליבען איננגאַנצען אָהן פּרנסה, נאָר באַלד איז געוואָרען ליילטער אין יודישען תחום, עס האָט אַ וועהע געטהאָן מיט אַ פריי־ען ווינדטעל, סיי אין מאַטעריעלען, סיי אין גייסטיגען זין און ביי יודען האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע עפּאָכע. אָנשטאָט וואָס פריהער האָבען יודען בלויז בעדאַרפט זיך דרעהען אַרום פּריץ, וועלכער איז געווען די איינציגע קוועלע פון יודישער פּרנסה, זענען איצט די פערמעגלי־כע יודען געוואָרען אַליין פּריצים: גרויסע וואַלד־סוחרים און תבואה־סוחרים, מען האָט זיך אין כלל געגומען צום גרויסען מסחר.

נאָכ׳ן אויפשטאַנד זענען כמעט נייַנציג פּראָצענט הויפען געבלי־בען ביי די פּריצ׳טעס אין די הענד. די פּריצים זענען טראַגיש אומ־געקומען און די פּריצ׳טעס, וואָס זענען געבליבען אַליין, האָבען נישט

עוואוסט און נישט געקענט אנהויבען פיהרען זייערע הויפען מיט די געדונגענע ארבייטער פויערים, וועלכע זענען פריהער געוועזן זייערע לייב-קנעכט. די דאָזיגע דאַמען, וואָס זענען געוועהנט געוועזן צו לעבען אַ ברייט לוקסוס-לעבען און זענען לויטער געוועזן פערנומען מיט בעלער און קאָקעטעריי, האָבען בשום אופן נישט געקענט ווערען מיט אַמאָל אָן נאָך אָהן די מאַנען גוטע בעלי-הבית'טעס און האָבען אָנ'ערנכטען בעגריף אין לאַנד-ווירטשאַפט.

דעם זיידען איז דעם ערשטען איינגעפאַלען דער פּלאַן קומען צו הילף די פּריצ'טעס, וואָס וועט שוין אין איין גאַנג זיין אַ פּעולה פאַר יודען אויך. דהיינו, יודען וועלען נעהמען ביי די פּריצ'טעס אין דער ארענדע הויפען, וועלכע די פּריצ'טעס קענען נישט פיהרען, זיי וועלען ממש דערמיט געהאָלפען ווערען, וועלען בעקומען אַ יעהרליכע זיכערע אבצאָהלונג און וועלען נישט זיין געצוואונגען צו זאָרגען פאַר די צו-נישטערטע הויפען. עס וועט זיי אַראָב אַ שטיין פון האַרצען.

דער זיידע איז באַלד אַרויסגעפאָהרען צו זיינע בעקאַנטע פּריצים און האָט פאָרגעלעגט זיי דעם אויבענדערמאָהנטען פּלאַן. ער האָט זיי געגעבען צו דערקלערן, אַז ביי דער איצטיגער שווערער צייט איז זעהר גלייך, אַז זיי זאָלען פערדינגען זייערע מאַיאָנטקעס די יודען, און די פּריצ'טעס וועט פּינקטליך אַריינגעטראָגען ווערען אַ געוויסע הכנסה. דאָס-זעלבע אויך מיט דער קליינער צאָהל פּריצים, וואָס זענען געבליבען נאָכ'ן אויפשטאַנד צובראָכענע אין דער-היים. יענע האָבען פון צובראָ-כענקייט נישט געקענט אנהייבען פיהרען די ווירטשאַפט מיט די אַרבייטער-פּויערים, זייערע געוועזענע לייב-קנעכט, און פאַר זיי איז אויך גלייכער געווען צו פערדינגען די מאַיאָנטקעס אין אַרענדע. עס פערשטעהט זיך, אַז די עצה איז געווען דערמאָלט פאַר די פּריצ'טעס און פּריצים זעהר אַ גוטע, ממש דאָס לעבען אַליין האָט עס דיקטירט.

דער זיידע האָט טאַקע באַלד געדונגען עטליכע הויפען, פאַר יעדען קינד אַ בעזונדערן הויף. פאַר זיך האָט ער געדונגען דעם הויף „פּרוסקע", (פאַרהאַן צוויי „פּרוסקעס": איינע האָט געהערט צו אָסערעוו-סקי'ן און איינע צו ווילעווינסקי'ן) ביי ווילעווינסקי'ן, פיער וויאָרסט פון קאַמעניץ, אַ הויף מיט אַ גרויז צוזאַמען. די ערשטע יאָהרען האָט זיין פאַמיליע געוואוינט אין שטאָדט און ער אַליין איז דאָרט געזעסען מיט

אַ מענטשען כמעט די גאַנצע וואָך, נאָר אויף שבת פלעגט ער קומען אהיים.

און אַזוי האָבען אָנגעהויבען די פערמעגליכע יודען צו דינגען הויפען און אין אַ קורצער צייט זענען די הויפען פון גראָדנער גובערניע, אוראי בײַ אַ פינף-און-זעכציג פראָצענט בעזעצט געוואָרען מיט יודען, און מען קען זאָגען, אַז די פריצ'טעס מיט די עטליכע פריצים זענען געווען זעהר צופרידען פון די יודען, די פריש-אויסגעבאַקענע ערד-בעזיצער.

פון אָנפאַנג האָט מען געדונגען די הויפען ביליג, דערנאָך אָבער, אַז עס האָט אָנגעהויבען צו שטײַגען דער מקח אויף תבואות, האָט מען די אַרענדע אויף הויפען אַרײַנגעטריבען אין אַזעלכע גרויסע פרײַזען, אַז אין אַ צעהן יאָהר אַרום האָבען שוין די יודישע אַרענדאַטאָרען געמאַכט נישט אַזוינע גוטע געשעפטען פון זייער ערד-אַרבייט.

אויך האָבען די פריצ'טעס מיט די פריצים אָנגעהויבען פערקויפען די וועלדער און מאַכען אַלץ צו געלד. דאָס האָט אויך נישט אויסגעמידען קיין יודען, וואָס זענען געוואָרען גרויסע וואַלד-סוחרים. זיי האָבען געקויפט פערשידענע וואַלד-געהילץ סײַ צו פערקויפען אויפ'ן אָרט גופא, סײַ צום בויען הײַזער. בוי-מאַטעריאַלען האָבען זיי געליפערט אין אַלע גרויסע שטעדט, און עס איז אַוועק אַ לעבעדיג געשעפט. גרויסע געהילץ-טראַנספּאָרטען האָבען זיי אויך געשיקט קײַן דאַנציג.

מיט וואַלד איז אויך געווען ווי מיט מאַיאָנטקעס. פון אָנפאַנג האָט מען געקויפט די וועלדער זעהר ביליג, דהיינו, צוויי, דרײַ הונדערט רובל האָט געקאָסט אַ דעסיאַטין גוטער וואַלד. אָבער אין עטליכע יאָהר אַרום האָבען די וואַלד-פרײַזען שרעקליך געשטיגען. די יודען אַליין האָבען געהעכערט די פרײַזען. קויפען אַ וואַלד זענען געקומען צעהנדליגער סוחרים און די קאָנקורענץ האָט טײַלווײַז קאַליע געמאַכט דעם האַנדעל. איצט האָט אַ דעסיאַטין וואַלד געקאָסט נישט צוויי, דרײַ הונדערט רובל, נאָר — גאַנצע צוועלף!...

און אין דער צייט האָט קאַזנאַ אויך אָנגעהויבען צו פערקויפען איהרע וועלדער, דעסיאַטינעס-ווײַז און אויך די קאָנפיסקירטע וועלדער פון די פריצים. קאַזנאַ האָט זיך דעמאָלט נישט אַזוי בעצויגען צו די

יודען, ווי איצט. און האָט געהאַנדעלט מיט יודען, ווי מיט נישט יודען.

נאָל'ן אויפשטאַנד האָט מוראַוויאָוו אַרויסגעגעבען אַנ'אוקאַז, אַז פּאָליאַקען טאָרען נישט קויפען קיין ערד אין ליטאָ. ער האָט אָבער אויך נישט פערגעסען אָן יודען, וועלכע טאָרען אויך נישט קויפען, לויט זיין אוקאַז, און דאָס האָט געשטעלט די יודען אַ צוים אויפ'ן וועג צום לעבען און צו פּרנסה.

נאָר גענוג איז, אַז יודען האָבען אין דער דאָזיגער אינטערע־סאַנטער צייט אין אַ סך ערטער אויפגעשטעלט ברויזען פון בראָנפען און ביער, גרויסע וואַסער־מיהלען, ווינד־מיהלען, פערד־מיהלען, אָליוו־נעם, מאַליאַרנעס א. ז. וו. זיי האָבען געלאָזט האָדעווען גרויסע סטאַ־דעס פון פיה: שעבסען, בהמות, אָקסען א. ד. ג. די סטאַדעס האָבען פעטער געמאַכט די ערד דורך זייער מיסט און אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער, פאַר די פריצים, האָט די ערד אַרויסגעגעבען פיער שאָק סנאָפּעס פון מאָרג, האָט זי איצט אַרויסגעגעבען זעקס שאָק סנאָפּעס. יודען האָבען געהאַט גרויסע פאַקטען, אויך האָבען זיי געהאָדעוועט פערד און זיך געסטאַרעט צו קריגען די בעסטע סאָרטען פערד, כדי עס זאָל אַרויס אַ גוטער דור. אויך האָבען זיי אויסגעשריבען מאַשינעס צו אַקערן די ערד, מיט פערשיעדענע פערפאָלקאָמענהייטען, וואָס האָט זיי אין אַ סך פּרטים פערלייכטערט און פערשנעלערט די אַרבייט.

די מאַיאָנטקעס האָבען גאָר געקראָגען אַנ'אַנדער אויסזעהן. די ערד איז פעטער געוואָרען און פון יעדער קלייניגקייט האָבען זיי גע־מאַכט געלד. די תבואה אַליין איז געווען אַ קלייענער פּראָדוקט אַנטקעגען די אַלע פערשיעדענע פּראָדוקטען, וואָס יודען האָבען אַרויסגעצוי־גען פון די מאַיאָנטקעס מיט זייער ענערגיע, פעהיגקייט און אַרבייט. זיי זענען געלעגען אין געשעפט טאָג און נאַכט, האָבען אַלץ געזוכט מיטלען ווי אַזוי אַרויסצוציהען מעהר יניקה פון דער נאַטור מיט פער־שיעדענע קאָמבינאַציעס.

די פריצים, וואָס זענען געקומען אין אַ געוויסער צייט אַרום צו־ריק אַהיים, אויסגעמוטשעטע און אויסגעפּייניגטע פון די טורמעס און סיביר, האָבען נישט דערקאָנט זייערע אייגענע גיטער. אַלץ האָט גאָר

געהאַט אַנ׳אַנדער מראה: שען, ריין, ציכטיג, מיט פיעל נייע בודינ-קעס, נייע מאַשינען און נייע שטאַהלען.

די פריצים האָבען זיך מטש גע׳צלמ׳ט. קוקענדיג אויף דעם גן-עדן, וואָס די „זשידעס״ האָבען געמאַכט פון זייערע מאַיאָנטקעס. די פריצ׳טעס, ווידער, האָבען געלויבט פאַר די מאַנען די יודישע ענערגיע. אַלע אַרבייטען. ער, דער מאַן, אַרבייט טאָג און נאַכט, זיינע זיהן אַרבייטען, זיינע שניהר, טעכטער און איידימ׳ס אַרבייטען. אַלץ אַרבייט און קיין זאַך געהט נישט ביי זיי לאבוד. נישט ווי ביי זיי, די פריצים. וואָס האָבען זיי געוואוסט? זיי האָבען זיך נאָר פערלאָזט אויפ׳ן עקאָנאָם, דעם שכור.

די פריצ׳טע דערצעהלט, אַז זי נעהמט שוין היינט פאַר׳ן מאַיאָנטעק דריי טויזענד-פינף-הונדערט רובל אַ יאָהר, אָנשטאָט דעם, וואָס פון אָנהויב האָט זי גענומען טויזענד, צוויי הונדערט.

אַנדערע פריצים האָט אָנגענומען אַ קנאה, האָבען זיי אָבגעזאָגט די יודען און אַליין זיך גענומען פאַר דער אַרבייט. זיי האָבען זיך צוגעקוקט צו די אַלע אָרדנונגען, צו דעם פיהרען פון יודען און האָבען אויך אַזוי גענומען פיהרען. אָבער ס׳האָט נישט געדויערט קיין צוויי, דריי יאָהר און אין מאַיאָנטעק איז געוואָרען אַנ׳איבערקעהרעניש. עס איז נישט דאָס, עס טויג נישט, עס איז שוין אָבגעלאָזט און עס ווערט וואָס ווייטער ערגער און זיי האָבען צוריק פערדונגען די הויפען צו יודען.

די דאָזיגע צייט צייכענט זיך אָבער אויס נישט בלויז מיט מסחר אַליין, וואָרום אין דערזעלבער צייט האָבען יודען זיך אויך גענומען צו בילדונג. די רעגירונג האָט געעפענט פאַר די יודען אַלע לעהר-שולען. מאַסען יודען זענען געוואָרען דאָקטוירים, יוריסטען, אינזשענערען. די רעגירונג האָט צוגעלאָזען די יודען אפילו צו רעגירונגס-שטעלען, און אין פיעל שטעדט זענען יודען געווען סלעדאָוואַטעלעס, דאָקטוירים מיט טיטולען פון פאָלקאָווניקעס, גענעראַלען א. ז. וו.

עס איז זיכער, אַז דאָס איז געווען די בעסטע צייט פאַר יודען אין רוסלאַנד-גלות. יודען זענען דעמאָלט צופאָהרען אין אַלע רוסישע גרויסע שטעדט און האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען אומעטום גרויסע געשעפטען. אין מאָסקווע איז אין אַ קירצע צייט געוואָרען אַ גרויסע

יודישע קהלה פון אַ פופציג טויזענד יודען, וואָס האָבען אַ סך אויפ־געטהאָן פאַר דער ענטוויקלונג פון דער מאָסקווער אינדוסטריע.

אין קיעוו האָט כאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען אַ יוד מורא געהאַט צו געהן אין גאַס. די בערלינטשיקעס פון פינסק קיין ניקאָלאַיעוו, פאַרביישוויטענדיג קיעוו אויף'ן דנעפּר, האָבען געשלאָפען אין די קאַ־יוטעס. זיי האָבען מורא געהאַט צו געהן נעכטיגען אין אַ האָטעל אין שטאָדט, און טאָמער האָט עמיצער פאָרט גענעכטיגט אין אַ האָטעל, האָט ער מורא געהאַט אַרויסצעווייזען דעם קאָפּ אין אַנ'אָפענעם פענס־טער. אַז אַ יוד איז געגאַנגען זונטאָג קויפען סחורה, געווענליך, בּיי אַ רוס, וואָרום קיין יודישער קרעמער איז דאָרט נישט געווען, האָט ער באַלד געמוזט צאָהלען אַקוראַט אַזוי פיעל, וויפיעל דער קרעמער האָט געבעטען, און טאָמער האָט ער זיך ערלויבט צו זאָגען עטוואָס ווענינגער, איז שוין געווען אַז־אָח־און־וועה צו איהם. ער האָט באַלד געקראָגען אין די צייהן, אָדער מען האָט איהם באַלד צובלוטיגט און צושעדיגט, און דער אומזיסט־געשלאָגענער האָט נישט געטאָרט רייד ען אַ וואָרט. וואָרום ער טאָר דאָך דאָ, אויף דעם אָרט, נישט שטעהן! ... כמעט פונקט דאָסזעלבע, וואָס מען זעהט איצט.

אָבער שפּעטער, פאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, איז אין קיעוו געוואָרען אַ יודישע קהלה פון אַ פופציג טויזענד נפשות. צווישען זיי זיינען געווען מיליאָנערן, צוקער־פאַבריקאַנטען. די גרעסטע באָקאַליי־געשעפטען האָבען דעמאָלט אין קיעוו אויפגעבליהט.

נאָכ'ן אויפשטאַנד, אַז די אַרענדע פון די שטעדט איז בטל געוואָרען, האָבען מיר אָנגעדונגען הויפען, זיך גענומען צו בעאַרבייטען פעלדער, און מען האָט קוים געצויגען חיונה, וואָס מיר זע־נען גאָר נישט געוואָהנט געווען. דאָ האָט שוין דעם זיידענס חכמה נישט געהאָלפען. נישטאָ קיין פריצים! דער זיידע האָט זיך קיינמאָל נישט פערזאָרגט מיט געלד, ער האָט געמיינט, ער וועט אייביג האָבען די שטאָדטישע אַרענדע מיט די פריצים.

אין די הויפען זענען מיר נאָך נישט אַרויסגעפאָהרען. ס'איז נאָך געווען אַ שאַנדע צו וואוינען אין דאָרף. האָבען מיר געהאַלטען מענ־שען אין די הויפען און אַליין פלעגען מיר אַלע טאָג צופאָהרען אהין.

דריי-און-צוואנציגסטעם קאפיטעל.

ערב מיין חתונה. — נעזעהן די כלה. — דאס שטעלען פריהער דעם פוס. — „גלייך, גלייך!" — אנ׳עסק מיט חסידים און מתנגדים ביי מיין חתונה. — די דרשה. —

אין תר״כה (אין 1865-טען יאהר) האט דער טאטע אנגעהויבען צו-טרייבען, אז מען זאל מיך גיכער חתונה מאכען, ווארום איך בין שוין אנ׳אלטער בחור, זיבעצעהן יאהר אלט, אז ס׳איז פשוט א שאנדע פאר לייטען. מען האט אבגעלעגט די חתונה אויף אלול. די חתונה זאל זיין ביי אונז, ווייל די כלה איז א יתומה, אהן א טאטען און אהן א מאמען. דארף מען מיר אנהויבען מאכען א גארדעראבע. ווילט זיך דעם טאטען, אז איך זאל געהן צו דער חופה אין פאנטאפעל און זאקען מיט אנ׳אטלעסענער קאפאטע. דערצו וויל ער אויסמיידען די קאברינער כלי-זמר, ווייל טודרוס דער בדחן איז א מתנגד. בעסער וויל ער נעהמען די בריסקער כלי-זמר, וואס ביי זיי שטעהט אין דער שפיץ א בעוואוסטער כלי-זמר, א חסיד, מיט א בדחן א חסיד. האב איך א פאר חדשים פאר דער חתונה געארבייט און געקאכט זיך און גע-וויינט, אז איך זאל נישט געהן אין פאנטאפעל און זאקען צו דער חופה, און אז נאר שעבסעל׳ס כלי-זמר זאלען זיין אויף דער חתונה.

מיט גרויסע שווירינקייטען און מיט דער הילף פון דעם בן-יחיד אריה-ליב האָב איך אויסגעפיהרט, אַז איך זאָל געהן אין שטיוועל צו דער חופה, און שעבסעל'ס כלי-זמר זענען געקומען דאָנערשטאָג, אַ טאָג פאַר דער חופה.

דאָנערשטאָג איז אויך געקומען די כלה מיט די מחותנים. זיי זענען פערפאָהרען צום פעטער מרדכי-לייב, וואָס ביי איהם האָט בעדאַרפט זיין די גאַנצע חתונה. דעמאָלט איז געווען אַ מנהג, אַז אין דעם טאָג פון דער חופה, צוועלף אַ זייגער, פלעגען זיך צונויפקומען ווייבער מיט מיידלעך טאַנצען, און די כלי-זמר שפּיעלען עטליכע שעה. דאָס איז ביי דער כלה. דערנאָך, פאַרנאַכט, פלעגען זיך צונויפקומען די מאַנסביל און פלעגען געהן מיט די כלי-זמר צום חתן אויפ'ן קבלת-פנים, און דער חתן פלעגט זאָגען אַ דרשה, דערביי עסט מען לעקעך מיט איינגעמאַכטס און מען מאַכט אַ שנעפּסיל. דערנאָך פיהרט מען דעם חתן מיט די כלי-זמר אין גאַס אַריין צו דער כלה-בעדעקען, דערנאָך פיהרט מען דעם חתן מיט כלי-זמר אין בית-המדרש אַריין צו דער חופה, און פון דער חופה געהט דער גאַנצער עולם מיט די כלי-זמר צו דער כלה אַהיים. דאָרטען קומט שוין די וועטשערע מיט די טענץ און מען הוליעט אָב ביז טאָג.

און אַז די חתונה איז פרייטאָג פאַרנאַכט, פיהרט דער עולם מיט די כלי-זמר אָב חתן-כלה פון דער חופה אַהיים און דערנאָך געהט דער עולם אַוועק דאַווענען, און קומט זיך דערנאָך צונויף אויף שבעת-ימי-המשתה. נישט אַלע, פערשטעהט זיך, קומען. אויף מאָרגען, שבת, קומען אַלע גוטע פריינד מיט די מחותנים צום חתן און מען פיהרט איהם אין בית-המדרש אַריין, וואו מען „רופט איהם אויף" צו קריאת התורה און די טענץ מיט דער וועטשערע מאַכט מען שבת-צו-נאַכט.

מיין טאַטע, דער חסיד, האָט נישט געפונען פאַר נויטיג מיר צו ווייזען די כלה פאַר דער חופה. אַז זי איז געקומען צופאָהרען, איז די גאַנצע פאַמיליע, פון קליין ביז גרויס, געגאַנגען זי זעהען, אויסער מיך. אַלע זענען איינגענטליך געלאָפען זעהן די כלה, די גאַנצע שטאָדט, און אַלע זענען געקומען מיר אָנזאָגען די שמחה, אַז די כלה איז זעהר אַ שענע... זי האָט נישט קיין איין שפּרינקעלע אויפ'ן פנים,

עֶס זֶענֶען אָבֶער גֶעוועֶן אַזוֹינֶע, וואָס האָבֶּען זִיךְ גֶעשְׁפַּארט, אִיז נֶע־בְּלִיבֶּען מֶען זאָל נאָכאַמאָל גֶעהן אָנקוקֶען דִי כַּלה, און ווִידֶער אִיז מֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַ שמחה און בֶּעשְׁטֶעטִיגט, אַז קֵיין אֵיין שְׁפְּרִינקֶעלֶע אִיז נִישְׁטאָ אוֹיפ׳ן פנים, און אִיךְ האָבּ גֶעהאַט קרֶענְקוּנג, וואָס מ׳ווייַזט מִיר נִישְׁט דִי כַּלה.

אִיךְ האָבּ גֶעבֶּעטֶען דֶעם בן־יחיד אריה־לֵיבּ׳ן, דעַר אֵיינְצִיגֶער מֶענש, וואָס קאָן טהאָן אַ טובה אין אַ נויט, גֶעהן מִיט מִיר צוּם פֶעטֶער זֶעהן דִי כַּלה. און אוֹיף מאָרגֶען פרִיה, אֵיידֶער דִי ווייַבֶּער זֶענֶען זִיךְ צוּנוֹיפ־גֶעקוּמֶען, האָבּ אִיךְ גֶעזֶעהֶן דִי כַּלה בַּיים פֶעטֶער אִין שטוּבּ. זִי אִיז ווִירקלִיךְ גֶעוֶוען אַ שֵׁענֶע. אִיךְ האָבּ זִיךְ עֶטוואָס פֶערלוֹירֶען און דאָךְ האָבּ אִיךְ אִיהר מוּטהִיג גֶעזאָגט מזל־טוב און גֶעפרֶעגט, וואָס זִי מאַכט... אִיךְ האָבּ זִיךְ גֶעוואָלט אַנִידֶערזֶעצֶען, כּדי אִיךְ זאָל נאָךְ אַ בִּיסֶעל קֶע־נֶען קוּקֶען אוֹיף אִיהר שֵׁען גֶעזִיכט, אָבֶּער אריה־ליבּ האָט מִיךְ אָנגֶע־נוּמֶען פַאר דֶער האַנד און גֶעזאָגט:

— קוּם, זִיצֶען אִיצט בַּיי דֶער כַּלה טאָר מֶען נִישְׁט...

און אַנ׳אוּמֶעטִיגֶער בִּין אִיךְ אַוועֶקגֶעגאַנגֶען צוּ זִיךְ אוֹיפ׳ן „סטאַנ־ציע״, דאָס הֵייסט, צוּם זֵיידֶען אִין שטוּבּ.

אוֹיפ׳ן קבלת־פנים אִיז גֶעוועֶן דֶער פֶעטֶער, דֶער רב, און אִיךְ האָבּ גֶעזאָגט אַ דרשה. גאַנץ קאַמעֶנִיץ האָט גֶעקאָכט מִיט דֶער דרשה, און עֶס אִיז גֶעוועֶן פרֶעהלִיךְ.

אוּנטעֶר דֶער חופה האָבּ אִיךְ גֶעקראָגֶען אַ טראָט אִין פוּס פוּן דֶער כַּלה און אִיךְ האָבּ גֶעמֵיינט, אַז דאָס אִיז אוּנגֶערן. פוּן דֶער חופה האָט דֶער כַּלה׳ס צד גִיכֶער גֶעהאַפּט דִי כַּלה און אַוועֶקגֶעפִיהרט, כּדי זִי זאָל קעֶנֶען פרִיהעֶר אַריינגֶעהן אִין שטוּבּ, אֵיידעַר אִיךְ. דאָס אִיז בַּיי זֵיי גֶעוועֶן אַ מִין סגולה, אַז זִי זאָל הֶערשֶׁען אִיבֶּער מִיר. דעֶרפוּן האָט מֶען דעֶמאָלט שטאַרק גֶעהאַלטֶען. ווֶער פוּן חתן־כַּלה עֶס שטעֶלט אַריין פרִיהעֶר אַ טרִיט אִין שטוּבּ, פוּן דֶער חופה גֶעהעֶנדִיג, דֶער הֶערשט אִיבֶּער׳ן אַנדֶערן. אָבֶּער אריה־לֵיבּ מִיט מֵיין צד, וואָס זֶענֶען גאָר נִישְׁט גֶעוועֶן פוּן דִי נאָכגֶעבֶּער, האָבֶּען גִיכֶער גֶעטוּמֶען פֶערלוֹיפֶען דֶעם וועֶג, כּדי אִיךְ זאָל פרִיהעֶר אַריינגֶעהן אִין שטוּבּ. דֶער כַּלה׳ס צד ווִידֶער האָט נִישְׁט גֶעוואָלט פֶערלִירֶען דִי „הֶערשוּנג״ און עֶס אִיז גֶעוואָרֶען אַ לוֹיפעֶרייַ, אַז גאָט זאָל אָבּהִיטֶען. אִיךְ האָבּ

דעמאָלט גענטראָגען אַ קיטעל אויף דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און אויבען אַ פּאַלטאָ. אָבער יהודה-לייב דער שניידער האָט מיר פערשמעלט דעם פּאַלטאָ און, לויפענדיג, האָט ער זיך פערקאַטשעט. עס האָט זיך אַרויסגעזעהן דער קיטעל און איך האָב זיך זעהר געשעמט.

די כלה מיט איהר צד זענען שוין דערווייל געווען אויפ'ן גאַניק און איך בין נאָך געווען פאַר'ן גאַניק, וואָס האָט געהאַט זעקס שטיגלען. דעמאָלט האָט אריה-ליב אַרויסגעזאָגט, אַז די כלה מוז אַראָבגעהן צוריק פון גאַניק און חתן-כלה מוזען אַרייַנגעהן ביידע גלייַך אין טהיר.

עס האָט נישט געהאָלפען. די כלה מיט די מחותנים האָבען געמוזט צוריק אַראָבגעהן פון די שטיגען און פון ביידע זייטען האָט מען געהיט, אַז חתן-כלה זאָלען גלייַך איבערטרעטען די שוועל. געהען מיר אַרויף אויפ'ן גאַניק און פון די זייַטען שרייַט מען:

— גלייַך! גלייַך!...

אָבער די כלה גיט אין דער-גיך אַ שטעל אַרייַן איהר פיסעל איבער'ן שוועל פון שטוב, און אָט וועט זי הערשען איבער מיר!... דאָס האָט אָבער אַלץ דער שטאַרקער אריה-ליב דערזעהן און נישט דערלאָזען, געהייסען ווידער אונז ביידען אַרויפגעהן גלייַך און פון ביידע זייַטען האָט מען ווידער געשריען:

— גלייַך! גלייַך!

אַזוי ווי מען מושטירט זעלנער. איך האָב זיך אין האַרצען אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער מעשה, און האָב איהר טאַקע עקסטרע געלאָזען אַרייַנגעהן פריהער. זאָל זי הנאה האָבען. און מייַנע האָט טאַקע ווייַטער געגעבען אַ האַפּ דאָס פיסעל אין טהיר. דאָ איז שוין אריה-ליב גאָר בייז געוואָרען און געזאָגט, אַז חתן-כלה זאָלען אַהער נישט אַרייַנגעהן, נאָר מען בעדאַרף זיי אַוועקפיהרען צום חתנ'ס סטאַנציע, דאָס הייסט, צום זיידען, און אויב זי וועט ווייַטער פּרובען אַרייַנגעהן פריהער פאַר'ן חתן, מעג אַפילו דויערן אַ גאַנצע נאַכט, וועט ער דאָס נישט דערלאָזען. האָט מען אונז געפיהרט מיט די כלי-זמר נאָך אַ שטיקעל וועג צום זיידען. דאָרט איז אָבער אויך אַזאַ הויכער גאַניק. אָבער די מחותנים פון איהר צד, וואָס זענען שוין געווען מיד און האָבען, קענטיג, פערלוירען דעם מוט צו שטרייַטען מיט

אריה-ליב'ן, האָבען זיך שוין מעהר נישט נעסטאַרעט, מען האָט דאָ אויך געשריען:

— גלייך, גלייך!

און מען האָט נעקוקט אויף די פּיס, נאָר עס איז מיט מול דאָסמאָל אַדורכגעגאַנגען און מיר זענען אַריין אין שטוב גלייך.

איצט האָט מען געבראַכט די גאָלדענע יוך פאַר חתן-כלה פון פעטער צום זיידען אין שטוב, וואָרום סיי-ווי דאַרף מען דאָך חתן-כלה מיחד זיין נאָך דער חופה אין אַ באַזונדער צימער, און ביים זיידען האָבען מיר געגעסען די בערימטע יוך. די כלי-זמר האָבען זיך צוּ-טיילט: אַ פּאָר כלי-זמר מיט שעבסלען האָבען געשפּיעלט ביים זיידען און עטליכע ביים פעטער. באַלד איז געוואָרען שבת, מען האָט גע-בענשט ליכט. דער פרעמדער עולם איז אַוועק אין שוהל אַריין און מיר האָבען געדאַווענט אין דער-היים.

דער זיידע איז געווען מחולק מיט'ן טאַטען. ער האָט נישט גע-וואָלט, אַז די חסידים זאָלען זיין אויף מיין חתונה, און דער טאַטע האָט אָבגעמאַכט מיט'ן זיידען, אַז פריי‌טאָג-צו-נאַכט'ס, שבת פריה, ביז שבת-צונאַכט'ס, זאָלען זיין בלויז חסידים. די חסידים האָבען געזונגען, גערעדט פון חסידות און איך האָב זיך איינגעהערט, וואָס זיי רעדען. אָבער זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז איך בין שוין אַ זאַ מתנגד און זיי זעהען אויס ביי מיר מאָדנע מיט זייער חסידות. די כלי-זמר האָבען געשפּיעלט כמעט אַ גאַנצע וואָך. אַלע טאָג האָט מען געמאַכט גרויסע סעודות פאַר דער גאַנצער שטאָדט, ווי עס פלעגט זיך פיהרען אַמאָל.

פיער-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

ראש-השנה צום רבי'ן. — דער כעס פון טאַטען, וואָס איך בין נישט געפאָהרען צום רבי'ן. — מיינע צרות צוליעב חסידות. — דער קאַמפּף מיט חסידות. — דער וכוח. — דער רושם פון וכוח אויף די הויזיגע.

אויף ראש-השנה איז דער טאַטע געפאָהרען קיין סלאָנים צום רבי'ן. באַלד נאָך דער חתונה האָט ער זיך מיט מיר אָנגעהויבען פיהרען זעהר ערנסט. ער האָט מיר קיין איין מאָל נישט געזאָגט, וואָס איך האָב צו טהאָן. ער האָט געהאַלטען, אַז איך פערשטעה שוין אַליין און ער האָט צו מיר שטענדיג גערעדט מיט די אויגען, דאָס הייסט, איך האָב איהם געקוקט אין די אויגען אַריין און האָב פערשטאַנען, וואָס איך דאַרף טהאָן, אָדער וואָס רייֶדען. ער האָט געהאַלטען פאַר איבעריג מיר צו זאָגען, אַז איך זאָל פאָהרען צום רבי'ן, וואָרום נאָך דער חתונה פאָהרען אַלע חסידישע קינדער צום רבי'ן, און דאָ, אַז ער פאָהרט. האָט ער געמיינט, וועל איך מיך באַלד אָנחאַפּען:

— טאַטע, איך וויל אויך פאָהרען.

אָבער איך האָב דאָס איהם נישט געזאָגט. דאָס האָט איהם געמאַכט אַ וואונד אין הארץ און ער איז אַליין אַוועקגעפאָהרען צום רבי'ן.

ער האָט זיך דאָרט זעהר שטאַרק געשעמט פאַר׳ן רבי׳ן, וואָרום ער האָט דאָך נישט געקענט פערשווייגען פאַר איהם, אז צעהן מאָג אין אלול האָט ער חתונה געמאַכט זיין זוהן, וואָס דער רבי האָט מיך גוט געקאָנט און האָט אויף מיר געזאָגט נביאות, אַז איך וועל זיין אַ שענער חסיד, און איצט קומט ער אָהן דעם זוהן. דאָס איז איהם געוועזען זעהר שווער.

און נאָך ראש-השנה, אַז ער איז געקומען פון סלאָנים, איז ער געוועזען שטאַרק ברוגז אויף מיר. ער האָט מיך פראָסט געבּרענט מיט זיינע קורצע ווערטער, און אַלץ צוגעוואָרפען פון דער זייט, פאַרבּיי-געהענדיג:

— עולם-הבּא וועל איך האָבּען פון דיר.

דעמאָלט איז בּיי מיר פערבּליבּען איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכען אַן עק, האַלטען מיט איהם אַ וכּוח און מיר וועלען זיך בּיידע נישט פיינינען. אַ וכּוח איז שוין עפּעס אַנדערש. איך בּין געוועזען בּטוח אין נצחון. זאָל ער וויסען, אַז איך בּין אַ מתנגד, אַז איך וועל שוין קיינמאָל קיין חסיד נישט זיין — און ער וועט צוגעוועהנט ווערען.

דאָס איז אָבּער גאָר נישט געוועזען, ווי איך האָבּ בּאַלד אַרויסגע-זעהן, פון די גרינגע זאַכען. בּפרט נאָך מיט אַזאַ טאַטען, ווי מיינער איז געוועזען, אַ מענש אַ מלאך, וואָס האָט מיך שטענדיג ערצויגען מיט׳ן בּליק, מיט די אויגען. ווי קען מען דאָס אַ טאַטען, און אַ זאַ טאַטען, זיין כּנגד, שטעלען זיך געגען איהם און אויפוויזען, אַז זיין דרך איז אַ פאַלשער איינגאַנצען? איז מיר געוועזען שווער בּיז׳ן טויט!

און איך האָבּ שטענדיג געזוכט עפּעס אַזאַ געלעגענהייט, וואָס זאָל מיר געבּען מוט און פרייהייט אין אַזאַ שווערען ענין.

מיין יונג שען ווייבּעל איז, צום אומגליק, אויך געוועזען אַ חסיד׳אַצ-קע. זי האָט זיך געהאָדעוועט בּיי איהר שוואָגער, אַ הייסער קאַרליבּנער חסיד, און האָט אָפטער דערציילט, אַז ר׳ אהרן, קאַרליבּנער רבּי, איז געוועזען בּיי איהר שוואָגער צו גאַסט, האָט זי געקאָכט פאַר איהם פיש (די פינסקער צייכענען זיך אויס מיט פיש קאָכען), האָט דער רבּי געגעסען די פיש (ער איז געוועזען, קיין עין-הרע, נישט קיין קליי-נער עסער). האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אַזעלכע גוטע פיש שוין לאַנג נישט געגעסען.

— ווער האָט דאָס געקאָכט ? — האָט ער געפרעגט.
האָט מען איהם געזאָגט — ווער.
אַ יתומה אַ מיידעל פון פופצעהן יאָהר האָט דאָס געקאָכט, און ניט גראַדע פיש, נאָר אַלץ וואָס זי קאָכט האָט דאָס כל הטעמים. האָט ער איהר געגעבען אַ ברכה, אַז זי זאָל האָבען אַ מאַן אַ גרויסען חסיד. מען קען פערשטעהן מיין ווייבעל'ס עגמת-נפש, ווען זי האָט דערזעהן, אַז איך בין נישט קיין חסיד און בין ניט געפאָהרען צום רבי'ן.
מיין ווייבעל האָט געשפּילט אין דער פאַמיליע אַ גרויסע ראָליע. אַלע האָבען זי געליבט פאַר איהר שענקייט, פאַר איהר בריה'שאַפט, פאַר איהר שכל, און דער טאַטע האָט געלעגט אויף איהר גרויס האָפנונג, אַז זי וועט מיך געוויס מיט איהר שענקייט און שכל דערפיהרען צו חסידות.
אויף שבת און יום-טוב האָט מיך מיט דעם ווייבעל דער זיידע פערבעטען צום טיש. געוועהנליך, ווען איך וואָלט געווען אַ חסיד, וואָלט איך דעם זיידען אַזאַ נחת נישט אָנגעטהאָן, נאָר איצט בין איך געווען צופרידען מיט דער געלעגענהייט, און פלעג קומען צום זיידען עסען פריה, ווי ביי מתנגדים. נאָכ'ן עסען פלעג איך זעהן דורכ'ן פענסטער, ווי דער טאַטע געהט פון שטיבעל. ער פלעגט פאַרביינגעהן פאַר'ן זיידענ'ס שטוב. פלעג איך מיט ליבע'ן, מיין יונג ווייבעל, געהן אַהיים, און דער טאַטע האָט מיט איהר גערעדט פון חסידות, און מיר האָט ער אַלעמאָל געגעבען שטעך-ווערטער, אַז עס פלעגט מיר נישט גוט ווערען.
און מיין גוטער טאַטע, ווערלענדיג, אַז דאָס ווייב זאָל מיך מאַכען פאַר אַ חסיד, פלעגט געהן אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט מיך פאַר דאָס ווייב שטאַרק אַראָבוואַרפען, כדי איך זאָל זיין געגען איהר געפאַלען. איהר, ווידער, האָט ער אויפגעהויבען געגען מיר, און דאָס פלעגט מיר פערשאַפען בעזונדערע שמערצען. ער האָט נישט פערשטאַנען, אַז מיט אַזוינע דרכים קען ער נאָר מאַכען אַ שלעכט לעבען צווישען מיר מיט דעם ווייב. עס איז געווען עהנליך דערויף, ווי ביי איהם וואָלט אויסגעקומען, אַז אויב נישט קיין חסיד, טאָ זאָל איך טאקע האָבען אַ שלעכט לעבען.

שמחת־תורה האָב איך מיט ליבע'ן געגעסן ביים זיידען, און אז איך מיט'ן ווייב זענען געגאַנגען פון זיידען אַהיים, האָט שוין דער טאַטע איינס אַ זייגער געפיהרט אַלע חסידים צו זיך. היינט וועט שוין יאַנקעל עסיג־מאַכער און שעבסיל דער סופר אַרויסנעהמען פון אַלע אויוועגס אין שטאָרט דאָס גאַנצע עסען און וועט אָנברענגען צום טאַטען פאַר די חסידים. אַך, ס'אַרא ליבער טאָג!

איך האָב דערזעהן דעם טאַטען מיט די חסידים און דערהערט יאַנקעל'ס קול. מען איז שוין געווען שכור'לעך. זיי זענען געגאַנגען אַ גאַנצע האָפטע צו אונז, און איך מיט ליבע'ן זענען געגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט. יאַנקעלע, וואָס האָט מיר געוואָלט אַריינלאָזען שפּילקעס, ראָט איבער דער גאַנצער גאַס געשריען, ווי הויך ער האָט געקענט, די דאָזיגע ווערטער:

—על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו.

און נאָך העכער:

— הונד־טאַטע, הונד־מאַמע, דבק באשתו, מיט דער פרוי.

און נאָכאַמאָל דאָס איבערגע'חזר'ט:

— הונד־טאַטע, הונד־מאַמע, ודבק באשתו, מיט דער פרוי.

און אַזוי ווייטער, ביז מיר זענען אַריין צום טאַטען אין שטוב.

אין שטוב האָב איך געפרעגט דעם טאַטען, ווי אַזוי ערלויבט ער דאָס יאַנקלען מיך צו בעליידיגען? נאָר יאַנקעל האָט זיך אַריינגעמישט אין מיטען:

— וואָס? ווען? איך האָב איהם פערטייטשט אַ שטיקעל חומש, ווי דער דעסער אַפּיקורס טייטש.

דאָס האָט ער געמיינט דעם תרגום אשכנזי פון ר' משה מענדעלזאָהן, וועלכען מען האָט גערופען ר' משה דעסער.

— אונד טאַטע, אונד מאַמע, — האָט ער געלייגט.

— איהר האָט דאָך אָבער געשריען „הונד" — האָב איך איהם בעמערקט.

— ניין. אונד, אונד... — האָט ער זיך געוויצעלט.

„נו, מען מוז היינט מאַכען אַ סוף", האָב איך אַ טראַכט געטהאָן — „מען בעדאַרף זיך גוט אָנ'שכור'ן און פערפיהרען אַ וכוח". אז מען איז שכור, איז מען שטאַרק ביי זיך".

שמחת-תורה בײַנאַכט מאַכט שטענדיק דער מגיד אַ סעודה פאַר אַלע שטאָרט-בעלי-בתים, פאַר שטאָרטישע געלד. מען קומט זיך אויף צום מגיד שמחת-תורה פאַר מנחה, און מ'פראַוועט דאָרט גאָר אַ גרויסע סעודה מיט געבראָטענע גענז, מיט פרוכטען, מיט שנאַפסען און ווײַנען. בעלי-בתים שיקען אַרײַן ווײַנען נאָך ערב שמחת-תורה און ס'איז בײַם מגיד לעבעדיק. דעם גאַנצען שמחת-תורה ביז צוועלף בײַנאַכט עסט מען און מען טרינקט, און מען זינגט, און מ'טאַנצט. דאָס איז שוין געוועזען אַזאַ טראַדיציע משנים קדמוניות, מדי שנה בשנה.

דעם מגיד'ס זוהן מיט'ן איידעם מאַכען אויך אַ סעודה שמחת-תורה, בעזונדער פאַר די לומדי'שע יונגע-לײַט, און דאָרטען הוליעט מען ווידער אָב אַ טאָג, אויך מיט גוטע שנאַפסען, ווײַנען און געבראָטענע גענז.

מיט איהם, מיט משה-אהרנ'ען, האָב איך אָבגערעדט, אַז איך זאָל הײַנטיגען שמחת-תורה אַוועקוואַרפען דעם טאַטען מיט די חסידים, און הוליען עפענטליך בײַ איהם מיט אַלע אונזערע יונגע-לײַט די לערנערס.

דערווײַל האָט בײַם טאַטען אָנגעהויבען צו זײַן פרעהליך. מען האָט זיך גענומען אַרומזעצען בײַם טיש. איך האָב זיך אויך אַנידערגעזעצט, אָבער איך בין שוין געזעסען, ווי אויף שפּילקעס, און נישט לאַנג וואַרטענדיג, בין איך אַרויסגעגאַנגען פון טיש און אַוועקגעגאַנגען צו משה-אהרנ'ען, וואו אַלע אונזערע יונגע-לײַט האָבען זעהר גוט פערבראַכט. איך מוז זאָגען, אַז דאָס איז בײַ מיר איינער פון מײַנע בעסטע טעג אין מײַן גאַנץ לעבען. ווענין טעג האָב איך געהאַט אַזוינע. מיר אַלע, אַ צוועלף יונגע-לײַט, די בעסטע לערנערס, האָבען געטאַנצט, זיך געקושט און געזונגען. עס האָט עפּעס גײַסטיג געצויגען איינער צו דעם אַנדערן, עס האָט זיך געוואָלט נאָכאַנאַנד קושען... אַזוי האָבען מיר אָבגעהוליעט ביז עלף אַ זייגער בײַנאַכט, און דערנאָך זענען מיר אַרײַנגעגאַנגען בגלופינ'דיג צו די בעלי-בתים און געמאַכט מיט זיי אַ טענצעל.

איך געדענק, אַז איך האָב געחאַפּט אַ יוד, אַ בעל-הבית, ר' שמעריל, מײַן חבר'ס אַ פאָטער, וועלכען איך האָב ליעב געהאַט, אַרומגענומען איהם און צוגעשטיקט צו זיך פון גרויס ליעבע. איך

בין געווען זעהר אַ געזונדט יונגעל און איך האָב איהם שיער ניט דערשטיקט. ער האָט זיך נישט געקענט אַרויסרייסען פון מיינע הענד און עטליכע מענשען האָבען איהם קוים אָבגענומען ביי מיר. נאָכדעם בין איך באַלד געפאַלען אויף דער ערד, ווי דאָס איז נישט מיאוס, טויט-שכור, מען האָט מיך אַריינגעטראָגען אין אַ צימער, וואו מען האָט מיך געלעגט שלאָפען. אַ זייגער איינס ביינאַכט האָט מיך משה-אהרן אויפגעוועקט געהן אַהיים.

אַז איך בין געקומען אַהיים, האָבען די חסידים ערשט געהאַלטען ביי די פיש, און עס איז געווען פרעהליך. יאַנקעלע, דער קאָצקער חסיד, וואָס איז, געוועהנליך, געווען שכור ווי לוט, האָט מיך באַלד דערזעהן און געזאָגט:

— חצקיל, דו געהסט פון משה-אהרנ׳ען, אַ רוח אין זיין טאַטען אריין.

דערויף האָב איך פלוצלונג און מיט אַמאָל אַרויסגעשאָסען:

— אַ רוח אין דיין רבי׳ס טאַטען אריין!

אַ יודיש גראָב ווערטיל...

ווען די חסידים וואָלטען נישט מורא געהאַט פאַר׳ן זיידען, וואָלטען זיי מיך אַלע אויפ׳ן אָרט געשלאָגען מכות רוצח און דער טאַטע וואָלט געווען צופריעדען. נאָר מען האָט מורא געהאַט פאַר׳ן זיידען, האָט מען פערקוועטשט די צייהן און געשוויגען. זיי האָבען בכלל מעהר אַ וואָרט נישט גערעדט. עס איז געוואָרען אַ שטיל-שווייגעניש.

איך בין באַלד אַריין צו מיר אין שלאָפצימער. דאָרט איז געלעגען מיין יונג ווייבעל און געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. איך האָב די חסידים, לויט איהר מיינונג, פערשטערט די גאַנצע סעודה. זיי וואָלטען נאָך אָבגעהוליעט די גאַנצע נאַכט. אַ שרעק נעהמט דורך די ביינער, ווען איז צו די אויערן, וואָס הערן אַזוינס, אַז משה אהרן-לייזער׳ס זוהן זאָל שילטען אַ רבי׳ן אין טאַטען אריין.

מיין ווייב איז זיך מיט מיר אַדורכגעגאַנגען אַ הינטער גאַס צום פויליישען קלויסטער-צו און האָט אויפ׳ן וועג אַזוי געוויינט, אַז איך האָב געקענט שטאַרבען נעבען איהר. איך האָב נישט געקענט איבערטראָגען איהר ביטער געוויין.

— איך האָב דיך ליעב, חצקיל — האָט זי געזאָגט מיט טרעה־רען — נאָר איצט וואָלט איך געוואָלט אַריינגעהן בעסער אין דער ערד אַריין, איך קען שוין מיט דיר נישט לעבען. מיין נישט, אַז איך וויל זיך גט'ן, גאָט בעהיט, נאָר אַז דו האָסט געקענט שילטען יאַנ־קעלע'ס רבי, דעם קאָצקער, אין טאַטען אַריין, האָב איך מורא צו לעבען מיט דיר...

און זי הויבט אָן אַלץ מעהר און מעהר צו וויינען. איך האָב איהר נישט געענטפערט, און זי האָט אַ לאַנגע צייט געוויינט מיט אַזעלכע שרעקליכע חליפּערייען, וואָס האָבען מיך ממש געגרוילט.

אַז מיר זענען צוריקגעגאַנגען צו אונז אין שטוב, האָב איך גע־הערט די קולות פון די חסידים. זיי זענען שוין געגאַנגען אַהיים. זיי האָבען אַלץ גערעדט פון זייער „אומגליק" און האָבען נישט געזונגען אויפ'ן וועג, אַזוי ווי שטענדיג. מיין וואָרט האָט אויף זיי געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם. איך האָב זיי באמת פערשטערט די שמחה.

אַז איך בין אַריין צוריק אין שלאָפצימער, האָט מיך דער טאַטע אַ רוף געטהאָן:

— חצקיל, זיץ — האָט ער געזאָגט.

און מיין ווייב האָט ער געהייסען געהן שלאָפען.

— וואָס איז מיט דיר, חצקיל, וואָס איז דאָס מיט דיר נעוואָ־רען? — האָט ער שטיל און ציטריג געפרעגט.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף זיין פּנים און האָב זיך דערשראָ־קען. דאָס פּנים בלאַס, די אויגען רויט. איך האָב איהם קיינמאָל אַזעלכען נישט געזעהן. קיין כעס האָב איך נישט בעמערקט אויף זיין געזיכט. דער מין כעס האָט ביי איהם אַבסאָלוט נישט עקזיסטירט, נאָר פערטרויערט איז ער געווען. איך האָב איהם געזעהן, ווען ס'איז ביי איהם געשטאָרבען אַ קינד, אַ שוועסטער. אָבער איך האָב נישט געזעהן אין זיין געזיכט אַזאַ שרעקליכען אויסדריק.

איך האָב איהם געוואָלט קושען און וויינען, בעטען רחמים, ער זאָל מיר מוחל זיין. איך בין געווען גרייט פאַר איהם אַוועקצוגעבען מיין לעבען, איך וואָלט בעסער געוואָלט, אַז עמיצער זאָל מיר אַריינ־שטעכען אַ שפּיז אין האַרצען, איידער צו זעהן מיין טאַטען מיט אַזאַ פּנים. איך ווייס דאָך יאָ, ווי ווייט מיין ליעבער טאַטע, וועלכען

איך האָב ממש פערהײַליגט און פערהײליג ביז הײַנטיגען טאָג, װיפיעל געזונד איהם האָט עס געקאָסט, און װאָס איז ער, נעבעך, געװעזען שולדיג.

און איך בין מיך מודה, אז װען מיר פערװילט זיך אמאָל טהאָן עפּעס אַנ׳עולה, מאַלע, װאָס אַ מענשען פאַלט איין, שטעל איך מיר באַלד פאָר די געשטאַלט פון מײַן טאַטען און איך האַלט מיך שנעל אָב דערפון. אָבער, לײַדער, נישט אַלעמאָל קומט מיר פאָר דער טאַטע אין זכרון.

איך װאָלט איהם געשענקט מײַן לעבען, מײַן גוף, מײַן בלוט, אָבער װאָס טהוט מען מיט מײַן נשמה, װי קען איך גלויבען אין דעם, אין װאָס איך גלויב נישט? און װי קען איך איצט הרג׳ענען אַזױנע צװײ ליעבע מענשען, װי מײַן טאַטע און מײַן שען יונג װײַבעל?

— װאָס שװײַגסטו, — האָט ער מיך ענדליך געפרעגט — רײד, אדרבה, רײד. בײַ מיר איז געבליבען איין מאָל זיך דורכרײדען מיט דיר, און זאָלסט מיר אַלץ רײדען, װאָס דו האָסט אין האַרצען. איך בין אַלײן שולדיג, װאָס איך האָב מיט דיר װעניג גערעדט פון חסידות. איך האָב פון דיר צופיעל געהאַלטען, איך האָב דיך שטענדיג געהאַלטען פאַר אַ יונגעל מיט פערשטאַנד, אַז דו פערשטעהסט אַלײן און מען דאַרף מיט דיר קײן סך נישט רײדען. איצט זעה איך אַרױס מײַן פעהלער. איך האָב מיט דיר קײנמאָל נישט פערבראַכט אין חסידות. װאָלט איך אָבער מיט דיר גערעדט, װאָלט איך פון אָנפאַנג נישט דערלאָזען דערצו.

עס איז שױן געװען נאָך האלבע נאַכט, די לאָרענס זענען גע-װען צוגעמאַכט, און אַ ליכט האָט געברענט. איך האָב אָנגעהױבען רײדען... איך האָב לאַנג גערעדט, און אַז ער האָט נאָר גענעפענט דאָס מויל מיר צו ענטפערן, האָב איך שױן פערחאַפּט און געזאָגט, װאָס ער װיל זאָגען. איך האָב מיך שרעקליך צוהיצט, און דער טאַטע איז געזעסען, װי אַ פערשטײנערטער, האָט זיך גוט אײַנגעהערט און מיך נישט איבערגעשלאָגען. דאָס איז געװען זײַנע אַ בעזונדערע מעלה, און אַז איך האָב געענדיגט, איז שױן געװען גרױסער טאָג. איך האָב אַ קוק געטהאָן אױפ׳ן זײגער: זיבען אַ זײגער!

איצט בין איך גאָר אַ נײַער געװען פאַר איהם. פון װאַנען נעהמט

זיך עס? ער האָט מיך אָבגעגעבען צו יצחק-אשר'ן און געמיינט, אַז ער איז יוצא, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס אין מיר האָט זיך אָנגעקליבען פאַר דער גאנצער צייט. ער האָט מיך טאַקע געהאַלטען פאַר אַ קאָך-לעפעל, נאָר ער האָט געהאַט אַ קלייגעם טעות: ער האָט געמיינט, אַז איך וועל זיין אַ חסיד אַ קאָך-לעפעל און איך בין נאָר אַ מתנגד אַ קאָך-לעפעל, און ער איז געפאַלען אויפ'ן בעט, ווי אַ פער'חלש'טער און אַ גרויסען זיפץ געטהאָן.

מיך האָט פערנומען ביים הארצען, איך בין אַרויסגעגאַנגען פון זיין שלאָפציממער און האָב זיך גוט פונאַנדערגעוויינט. עטוואָס בערוהי־גענדיג זיך, האָב איך אויסגעווישט די אויגען, אַז מיין ווייב זאָל נישט דערקענען אַז איך האָב געוויינט, און אַז איך בין אַריין אין שלאָפצי־מער, איז מיר ערשט פינסטער געוואָרען אין די אויגען: מיין שען זונג ווייבעל ליעגט אין בעט און וויינט די גאַנצע נאַכט, אַז די קי־שענס זענען שוין נאַס פון טרעהרען, און אַז זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי זיך ערשט פונאַנדערגעוויינט אויפ'ן קול, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען אַריינגעלאָפען דערשראָקענע. אַז דער טאַטע האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך, און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען צו זיך.

איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס זי צו בערוהיגען. גאָט מיינער! מיין טאַנץ האָב איך שוין אָבגעטאַנצט, דער וכוח מיט'ן טאַטען, וואָס דאָס האָט מיר אָבגעקאָסט אָנדערטהאַלבען יאָהר צייט און איך האָב גאָרנישט געטהאָן: נישט געלערנט, נישט גע'חקירה'ט, איז שוין אויך אַדורכגעגאַנגען: וואָס איז איצטער? איך האָב געמיינט, אַז דער טאַטע וועט זיך דערנאָך בערוהיגען, וועט עס אַראָבשלינגען און מיר וועלען זיך איינלעבען. איך וועל זיך נעהמען צום לערנען, ווי איך האָב דעם טאַטען געזאָגט. ביי מיר איז פערבליבען, אַז איך זאָל זיך ערשט נעהמען צום לערנען בהתמדה. קעסט האָב איך, פאַר מיין ווייב דאגה איך נישט. דער טאַטע האָט זי ליעב, ווי דאָס לעבען, וועט איהר זיין גוט און איך וועל קענען זיצען און לערנען, אַזוי לאַנג לערנען ביז איך וועל האָבען סמיכות אויף רבנות. און פאַר מיר אַ שטאָדט אויף רבנות איז געווען זעהר לייכט צו בעקומען. אין מיינע צייטען האָבען ר' חיים וואָלאָזשינער'ס אייניקלעך געשפיעלט אַ גרויסע ראָליע

בײַ יודען, און די װאָלאָזשינער ראש־ישבות װעלען מיר שױן געבען אַ שטאָדט און מײַן שען יונג װײַבעל װעט זײַן אַ רבי׳צין.

איך האָב עס פעסט בעשלאָסען, חאָטש איך האָב געהאַט כמעט דעם טויט פון איהר װײנען. אָבער איך האָב נעקלערט, אַז איהר װײנען װעט אויך מײַדען און האָב זיך געמאַלט האַרץ און אַװעקגעגאַנגען אין בית־המדרש אַרײַן דאַװנען.

דאָס איז געװען אַ שװערע נאַכט, װאָס האָט זיך מיר בעזונדערס טיעף אַרײַנגעשניטען אין זכרון.

פינף-און-צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

דער וכוח מיט די חסידים. — איך וויל פאָהרען קיין וואָלאָזשין. — דער פאָטער איז נעגען. — דאָס אונטערהעצען דאָס ווייב נע־נען מיר. — מיין ווייב ווערט קראַנק. — מיר זענען ברוגז. — אונזער שלום. — מיין איבערגעבען זיך צו לערנען. — „קלייבט, קינדערלעך, רענדלעך!". — דער „פּאַלאַץ". — „חאַצקעל'ס דור".

מיין ווייב האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהר טהאָן צוליעב און דאַווענען אין שטיבעל. פרייטאָג-צו-נאַכט'ס, ביים דאַווענען, האָט מיך געבעטען דעם פעטער'ס זוהן, ר' שמחה, קומען צו איהם האַל־טען אַ וכוח מיט חסידים. איך האָב איינגעשטימט. עס זענען געקומען דריי מנינים חסידים, מיט ר' אָרעלע'ן בראש. זיי האָבען זיך צוגע־גרייט צום וכוח עטליכע טעג. דאָס צוציהען מיך צו חסידות האָט ביי זיי, אויסער אַלעמען, געהאַט אַ בעזונדער בעדייטונג. זיי האָבען מיך געהאַלטען פאַר אַ קאָך-לעפעל, פאַר אַ יונגעל מיט ענערגיע, וואָס האָט ליעב קהל'שע אַרבייט און וואָס וואָלט געוויס געמאַכט פאַר חסידים יענע יונגע-לייט, וואָס האָבען היי-יאָהר חתונה געהאַט. זיי האָבען אויך מורא געהאַט פאַר מיר. זיי האָבען געוואוסט, אַז חען

איך בלייב מתנגד, וועט זיך מיט מיר ענדיגען אין קאמעניץ די חסידות צווישען דער יוגענד און דאס איז זיי געגאנגען אום לעבען.

דעם וכוח האב איך געהאט און האב זיי „פשוט מנצח״ געווען. אויף אלע זייערע פראגען האב איך באלד געענטפערט, און וואס איך האב זיי געפרעגט, האבען זיי קיינער קיין תירוץ נישט געקענט געבען.

— דער רבי וועט דיר ענטפערן אויף אלע דיינע פראגען — האט מיר ר׳ שמחה א זאג געטהאן א פער׳בעס׳טער.

זאג איך:

— וואס דארף איך אננעהמען דאס חסידות און פרעגען קשיות, און זוכען ווער עס זאל מיר ענטפערן, בעת דאס הארץ מיינס ציהט נישט צו דעם. אמעהר איז דאך גלייכער, אז איך האלט זיך מיט׳ן אלטען וועג און נישט דארפען פרעגען.

— און וואס געהט עס דיר דאס פרעגען? — זאגט ר׳ שמחה.

— אט פאהרען צו א רבי׳ן.

— איך גיב דיר פופציג רובל אויף הוצאות, — מאלט ר׳ שמחה — און פאהר קיין קארלין צום רבי׳ן, ר׳ אהרן. ער וועט דיר אויף אלץ ענטפערן.

און ער האט מיר געגעבען א תקיעת-כף, אז ווען איך וועל איהם זאגען, אז איך פאהר קיין קארלין צום רבי׳ן, גיט ער מיר פופציג רובל. דערמיט האט זיך געענדיגט דער וכוח און איך בין ארויס ווי א „זיגער״, און אלע האבען פאר מיר דרך-ארץ געהאט. זיי האבען מיך געהאלטען פאר זעהר א געראטענעם.

שבת האב איך געדאווענט אין שטיבעל און א גאנצע וואך אין נייעם בית-המדרש, וואו אלע גוטע יונגע-לייט דאווענען. נאכ׳ן דאווענען האב איך גאנצע טעג געהאלטען רעדעם וועגען חסידות און אלע האבען געוואוסט פון מיין נצחון. אין נייעם בית-המדרש פלעגען אנקומען אלץ מעהר און מעהר יונגע-לייט, פעראינטערעסירטע מיט מיין וכוח. איך האב זיי איבערגעגעבען די ארגומענטען פונ׳ם חסידות און מיינע טענות געגען, דערנאך האט מען מיך פערבעטען אין אלטען בית-המדרש. דארטען האב איך אויך אלץ איבערגעגעבען פון דאסניי און, איך מוז מיך מודה זיין, אז אין א משך פון א פאר צעהנדליג יאהר איז אין קאמעניץ נאך דער מעשה קיין איין חסיד נישט צוגעקומען. און ס׳איז

פערבליבען אַ פערברענטע מתנגד'ישע שטאָדט עד היום הזה.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך געהאַט אַ טעות מיט מיין זכות. איך האָב געמיינט, אַז נאָכדעם וועט דער טאַטע באין ברירה שלום ווערען מיט מיין מתנגדות און וועט זיך צוגעוועהנען. דאָס איז אָבער געווען נישט אַזוי. דער טאַטע האָט זיך אָן מיר גענומען נוקם זיין, וואָס איז גאָרנישט געווען אין זיין כאַראַקטער, האָט מיך שטענ־דיג פערוואָרפען מיט שטעך־ווערטער, און נאָך גענומען צו הילף מיין ווייב, וואָס איז שוין גאָר געווען נישט יושר'דיג. איהם האָט עס גאָר־נישט געאַרט, וואָס ער קען מיר קאַליע מאַכען דאָס גאַנצע לעבען מיט מיין ווייב, וועלכעס איך האָב האָלט געהאַט.

אַז איך האָב דערזעהן, אַז עס געהט אַלץ צו ערגער און ער־גער, אַז דער טאַטע האָט זיך אַזוי ווי אָבגעלעגט דערויף צו מאַכען אַ שלעכט לעבען צווישען מיר מיט דעם ווייב, האָב איך בעשלאָסען אַוועקצופאָהרען קיין וואָלאָזשין לערנען. סיי־ווי־סיי האָב איך דאָך גע־וואָלט זיין אַ רב! אין וואָלאָזשין וועט מיר גאָר נישט פעהלען און עס וועט נעהמען אַנ'עק. דעם אמת געזאָגט, האָט זיך מיר נישט געוואָלט אַוועקוואַרפען מיין אַכצעהן־יעהריג שען יונג ווייבעל, מיט וועלכע איך בין ערשט געווען צוזאַמען אַ פאָר חדשים — נאָר פערפאַלען, לעבען ווייטער אַזוי איז געווען אונמעגליך.

פאָהרען האָב איך געוואָלט מיט אַ פאַספאָרט. איך בין געווען ביי זיך גדול'דיג און נישט געוואָלט אַוועקלאָזען זיך צווישען מענשען אָהן אַ פאַס, וואָס איז דעמאָלט גאָר נישט נויטיג געווען. דעם ערשטען פאַספאָרט גיט מען אָבער נישט אָהן פאָטער'ס ידיעה. נאָר איך בין דאָך עפּעס — איך, אַנ'אָנגעזעהענער יונגערמאַן, וועט מיר מסתמא יעקב דער איספּראַווניק אַרויסגעבען אַ פאַס, נישט אָנפרעגענדיג ביים טאַטען. דער איספּראַווניק האָט מיר טאַקע צוגעזאָגט, אָבער הינטען אַרום האָט ער געשיקט פרעגען ביים טאַטען. איך האָב שוין דערנאָך פערשטאַנען מיין נאַרישקייט, אַז איך בין געווען צו־גרוים ביי זיך, אַז ער וועט געוויס אָנפרעגען ביים טאַטען, און דער טאַטע האָט מיר גלייך טאַקע אַ פרעג געטהאָן:

— הצקיל, צו וואָס דאַרפסטו אַ פּאַספאָרט?

— פאָהרען קיין וואָלאָזשין . . . — האָב איך אַראָבגעלאָזט די אויגען .

ביי איהם האָט, קענטיג, געפלאַצט די געדולד און פאַר מיין וויַיב אין די אויגען האָט ער מיר אַראָבגעלאָזט צוויי הייסע פעטש.

— אַ פּאָר חדשים נאָך דער חתונה — האָט ער זיך צושריען — ווילסטו שוין אַוועקוואַרפען דאָס וויַיב ! אַ פּרוש ווילכטו ווערען ?

אין דער מינוט איז ער אפשר געווען נישט אַזוי אויפריכטיג און גיכער פון אַלץ מסתמא האָט ער געוואָלט אויפהעצען מיין וויַיב געגען מיר.

און ער האָט שוין גערעדט און גערעדט:

— סטייטש, אַ וויַיב אַ יתומה ווילסטו אַוועקוואַרפען ? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען ? דאָס איז דאָך אַ רציחה ! און בכלל, וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו צו טהאָן אַזא אַזא גרויסע זאַך, נישט פרעגענדיג ביים טאַטען ? מילא, זאָל שוין זיין ביים טאַטען נישט. אָבער ביי אַ וויַיב ?... בּיזט דאָך אַ פרומער, זאָגסטו, דו ווייסט דאָך, אַז עס שטעהט אין דער תורה: שנה אחת יהיה בביתו, אַפילו אין צייט פון מלחמה! ווילסטו אַוועקוואַרפען דאָס וויַיב צוליעב לערנען ? נאָר ניין, דאָס איז נישט צוליעב לערנען, וואָרום לערנען קענסטו אין דער-היים אויך. קיינער וועט דיר נישט שטערן. דאָס מוז זיין עפּעס אַנ׳אַנדער זאַך. אפשר האָסטו פיינט דאָס וויַיב ? — פרעגט ער מיט אַ דיפּלאָמאַטישען שמייכעל און מיר פאַלט איין דאָס בלוט.

אַזאַ שען וויַיבעל, איך האָב זי אַזוי ליעב, וואָס איך וואָלט דאָס גאַנצע לעבען אָבגעגעבען פאַר איהר—שיט ער מיר נאָך זאַלץ אויף די וואונדען ! . . .

און דער טאַטע האָט אַלץ גערעדט פאַר איהר אין די אויגען, כדי זי צו העצען געגען מיר. אַזוי האָט ער מיר עטליכע שעה נאָכאַנאַנד גענומען דאָס לעבען, געמאַכט מיך פאַר דעם ערגסטען מענשען אין דער וועלט. וואָרום, אַז מען קען וועלען אַוועקוואַרפען אַ וויַיב באַלד נאָך דער חתונה, איז אַ סימן, אַז מען איז גאָר קיין מענש נישט, און ער ווייס נישט ווי מען רופט מיך אָן דערפאַר.

מיין וויַיב האָט זיך געוועהנליך פונאַנדערגעוויינט, און דער

טאַטע, חאָטש ער האָט זי ליב געהאַט ווי דאָס לעבען און האָט אַודאַי נישט געקענט צו־קוקען ווי זי וויינט, האָט דאָך נישט געשאַנע־וועט איהרע טרעהרען און האָט כסדר אונטערגעלעגט פייער. נאָר אַז זי האָט זיך אַזוי צעוויינט, אַז זי איז שיער נישט געפאַלען אין חלשות און האָט בעקומען אַ וועהטאָג אין קאָפּ, און דאָס פנים האָט איהר אָנגעהויבען צו ברענען. — האָט זיך דער טאַטע דערשראָקען און תיכף געשיקט נאָך יאָשקע דעם רופא. דער „דאָקטאָר" איז אָבער נישט גע־ווען אין דער־היים, און עס האָט זיך געטהאָן. די גאַנצע פאַמיליע איז זיך צונויפגעלאָפען און מען האָט זי אַריינגעלעגט אין בעט אַריין, און איך בין געוואָרען בלאַס, ווי דער טויט. איצט האָב איך דייטליך איינגעזעהן, ווי ווייט דער טאַטע האָט געהאַסט מתנגדות און ווי גרויזאַם ער האָט זיך בעצווינגען צו מיר.

אַז מען האָט געחאַפּט גנב'ענען יצחק-בער'ן, וועלכער האָט געהאַט אַ צוגעמאַכטען שליסעל צו דער קאַסע און האָט, ווער ווייס ווי לאַנג, בע'גנב'עט אָט די קאַסע, איז דער טאַטע געוועזען אַזוי קאַלט־בלוטיג, אַזוי רוהיג, און ער האָט נישט גערעדט קיין מינדעסט שלעכט וואָרט געגען דעם גנב, נאָר קאַלטבלוטיג, גלייכגילטיג געזאָגט:

— זאָגט מיר חאָטש, ר' יצחק-בער, ווי לאַנג האָט איהר שוין דעם נאָך־שליסעל, און צי האָט איהר מיך בע'גנב'עט מיט רחמנות.

דערנאָך האָט ער זיך מיט איהם אויפ'ן בעסטען אופן אָבגערע־כענט, און אַז יצחק-בער האָט געזאָגט, אַז ער וועט איצט בלייבען אָהן ברויט און וועט נישט האָבען מיט וואָס צו פאָהרען אַהיים קיין בריסק, האָט איהם דער טאַטע געגעבען אַ הונדערטער און צוגעוואונ־שען איהם גליק און הצלחה א. ז. וו. מיט אַזאַ פריינדליכען טאָן, פונקט ווי יענער וואָלט געווען אַ צדיק און נישט קיין גנב.

אָבער אין דעם טאַטען'ס בעציהונג צו מיר האָב איך איצט דאָס ערשטע מאָל דייטליך געזעהן קאַלטע רציחה און נקמה. יעדענפאַלס, בין אין דאָך עפּעס נישט געוועזען קיין גאַס־יונגעל, איך האָב דאָך גע־האַט אַ שם אין שטאָדט, לייט האָבען מיר דאָך אָבגעגעבען כבוד, טאָ פאַרוואָס בענעהט ער זיך מיט מיר אַזוי אַכזריות'דיג? ממש ער וויל מיך אַוועקקוילען!

נאָר אַז איך האָב זיך גענומען איינטראַכטען, האָב איך אויף

איהם מלמד זכות געווען. ערשטענ׳ס, האָב איך איינגעזעהן, אַז פון אַ מתנגד אַ חסיד קען מען ווערען, אָבער צוריק בשום אופן נישט. אַ מתנגד איז סתם אַ פרומער יוד, אָבער אַ חסיד מיינט, אַז דער הי־מעל און גאָט און דער גן־עדן איז נאָר פאַר איהם, און אויף וויפיעל זיי איז טייער דאָס חסידות, אויף אַזוי פיעל פערהאַסען זיי דאָס מתנגדות. קוקט מען שוין נישט אויף אַנ׳איינגען קינד, איז עס שוין גאָר קיין קינד נישט, ווען עס גיט זיך איבער צו דעם פערהאַסטען מתנגדות, און אַזוי ווי איך בין נאָך געווען דער בכור און אונטער מיר זענען געווען נאָך פיער יונגלעך, האָט דער טאַטע פשוט מורא געהאַט, אַז איך זאָל איהם נישט קאַלעטשען די ברידערלעך מיינע מיט מתנגדות. און ער איז געווען גערעכט, וואָרום אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. מיינע ברידער זענען אַלע מתנגדים.

און צו מיין אומגליק, ווי געזאָגט, איז דאָס ווייב מיינס געווען אַ גרויסע חסיד׳אַצקע און דער טאַטע האָט דורך איהר געשטרייט מיט מיר. וואָלט זי געווען נישט קיין שענע, וואָלט ער פערבייסען מיט די ליפען און וואָלט זיך איינגאַנצען פון מיר מיאש געווען. אָבער דער טאַטע האָט פערשטאַנען, אַז זי איז מיר אונגעהויער געפעלען און אַז זי איז אין דעם פרט אַ קראַפט פאַר איהם נעגען מיר.

מיין וועלען אַוועקפאָהרען, ווידער, האָט דעם טאַטען אָבגעשראָקען. אַזוי האָט ער נאָך געהאַט אַ שטיקעל האָפנונג מיט דער הילף פון מיין שען ווייבעל אומקעהרען מיך צו חסידות. וועל איך אַוועקפאָהרען, איז דאָך שוין אַלץ פערפאַלען.

נאָר ווי אַלעמאָל אין אַזוינע פאַלען צווישען אַ טאַטען מיט אַ קינד, האָט ער, דער טאַטע, גאָרנישט געוואונען און האָט בלויז מיר קאַליע געמאַכט דאָס בלוט און דאָס לעבען. און אָנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל ווערען ווייכער, בין איך נאָכמעהר פערהאַרטעוועט געוואָרען.

און דער קלוגער טאַטע מיינער האָט נישט פערשטאַנען, אַז אַזוי ווי ער וועט נישט אַוועקגעבען זיין חסידות פאַר כל הון דעלמא, אַזוי וועל איך נישט אַוועקגעבען מיין מתנגדות פאַר אַלץ אין דער וועלט. פעלשען, אָבנאַרען, לייגען, פערמאַסקירען זיך, ווי אַנדערע טהוען, האָב איך נישט געקענט. דאָס איז נישט אין מיין נאַטור. טהוען דאָך אַנדערע אַזוי, געהען דאָך אַנדערע חסידים לאַנג געקליידט, פאָהרען

צום רבי'ן, טראָגען שטריימלעך — אַלץ צוליעב אַ ווייב, צוליעב אַ טאַטען, צוליעב אַ שווער, אַ פּרינציפּ — און אין הארצען איז מען דער היפוך: מען רויכערט אַ סיגאַר אום שבת, מען טהוט אָב כּל הפּסלנות, אַבי קיינער זאָל ניט זעהן. איך האָב עס אָבער נישט געקענט.

דער טאָג, ווען איך האָב געוואָלט נעהמען אַ פּאַספּאָרט, איז געוועזען פון מיינע סאַמע ביטערסטע טעג אין מיין לעבען. מיין ווייב איז געוועזען קראַנק עטליכע טעג. דער טאַטע האָט זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו מאַכען זי געזונד. זי איז געלעגען אין בעט און האָט נאָר געוויינט. מיט מיר האָט זי נישט גערעדט. עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב געוואָלט איינלעגען פאַר איהר די וועלט. איהר קראַנקהייט האָט מיך לחלוטין צוטרייסעלט. אָבער דער טאַטע האָט מיך צו איהר נישט צוגעלאָזען. און אַזוי האָט זיך די גאַנצע פאַמיליע נעבען איהר געדרעהט, יעדערער האָט איהר מיט עפּעס צוגעהאָלפען און איך — נישט!

דערנאָך, אַז זי איז געזונד געוואָרען, איז זי שוין ווייכער געוואָרען צו מיר. זי האָט, ווייזט אויס, אויף מיר רחמנות געהאַט. צופיעל האָט מיר שוין דער טאַטע פערגעבען. עס האָט איהר, קענטיג, באַנג געטהאָן מיין וואָגלעניש, בעת איך האָב ערשט חתונה געהאַט און האָב קיין הנאה נישט פון מיין לעבען.

מיר האָבען זיך איבערגעבעטען... איך האָב איהר געגעבען צו פערשטעהן, אַז דער טאַטע האָט נישט קיין רעכט צו רודפ'ען מיך אַזוי. ער קען מיך פאָרט פאַר אַ חסיד נישט מאַכען, בעת מיין הארץ ליעגט נישט דערביי. אַלזאָ, דאַרף ער צו מיר קיין פּרעטענזיעס נישט האָבען און נישט בעגעהן זיך מיט מיר אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן.

— ער בעליידיגט מיך פאַר דיר אין די אויגען, ער מיינט, אַז איך וועל ביי זיך אַראָבפּאַלען, אַז איך וועל זיך פיהלען נידערשלאָגען — האָב איך מיט איהר איינגעטענה'ט. — ניין, מיין ליעב ווייבעלע, אַלץ קען איך טהאָן, אָבער גלויבען אין דעם, אין וואָס מיר גלויבט זיך נישט, קען איך נישט.

— און ווייטער, מכּח דעם, וואָס איך וויל אַוועקפאָהרען קיין חאָלאָזשין — האָב איך איהר געזאָגט — און דיך איבערלאָזען, ווייסטו

דאָ׳, אַז נפשי קשורה בנפשך, מײַן נשמה איז צוגעבונדען צו דײַן נשמה און טאַקע דעריבער האָב איך געוואָלט אַוועקפאָהרען. איך וויל, אַז דיר זאָל זײַן גוט פאַר מיר, אַז דו זאָלסט, חלילה, נישט לײַדען בײַ מיר קײַן מאַנגעל. קײַן סך געלד האָבען מיר נישט, קײַן נײַע געשעפטען זענען אויך נישטאָ און מיט אַזאַ קלײַנעם קאַפּיטאַל, ווי מיר האָבען, קענען מיר גאָרנישט האָפען, אַז מיר זאָלען זיך צושלאָגען צו עפּעס אַ פּרנסה. איך קען דאָך זיך נישט נעהמען צו עפּעס אַ קלײַנע זאַך און מאַכען אַ פּרנסה, ווי אַלע קאָמעניצער טהוען. אײַן האָפנונג איז יאָ דאָ פאַר מיר, אַז איך זאָל ווערען אַ רב. און פרעג, אַדרבה, מײַן ווײַבעלע, דעם פעטער אונזערן, דעם רב, וועט ער דיר אויך זאָגען, אַז פאַר מיר איז נאָר אײַן גוטער וועג פאַראַן — ווערען אַ רב. דאָס האָב איך צו פערדאַנקען דעם טאַטען, וואָס ער האָט מיך נישט אַוועקגעשיקט קײַן וואָלאָזשין נאָך מיט דרײַ יאָהר צוריק. איך וואָלט שוין איצט געהאַלטען בײַ ווערען אַ רב. אָבער איך האָב נאָך מײַן האָפנונג נישט פערלוירען; איך בין איצט אַלט אַכצעהן יאָהר. מיר האָבען נאָך קעסט גאַנצע דרײַ יאָהר און עס דאַרף גאָר נישט אויסמאַכען, טאָמער וועלען מיר זיך צושײַדען אויף אַ געוויסער צײַט. בײַם טאַטען וועט דיר גאָרנישט פעהלען, אַלע האָבען דיך ליעב. ניש׳קשה, אין אַ יאָהר פיער, פינף אַם־העכסטען, וועל איך מיט גאָט׳ס הילף געוויס האָבען סמיכות אויף רבנות, און דו וועסט זײַן אַ שענע רבי׳צין.

קורין, מײַן פלונית׳טע וואָס איז אײַגענטליך געווען פון נאַטור אַ פּראַקטיש ווײַבעל און האָט מעהר פון אַלץ געוואָלט פּרנסה, איז מסכים געוואָרען און האָט מיר געגעבען פאָלקאָם גערעכט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט אויף קײַן האָהר נישט געצווײַפעלט אין מײַן טרײַהײַט און מײַן איבערגעגעבענקײַט.

און דער טאַטע, ווי עס טרעפט שטענדיג, אַז ער האָט פערשטאַנען, אַז בײַ אונז איז געוואָרען אַ פאָלקאָמענער שלום, האָט אויפגעהערט האָבען מיט מיר צו טהאָן.

מײַן געדאַנק — צו לערנען גמרא און פוסקים, ביז איך וועל קריגען סמיכות אויף רבנות, האָב איך נישט אַוועקגעוואָרפען. איך האָב אָנגעהויבען צו לערנען אין נײַעם בית־המדרש מיט גרויס הסמדה און

האָב זיך געפֿיהרט אַזוי: נאָך מעריב, דאָס הייסט, פֿון אָנהויב אָווענד, האָב איך געלערנט ביז אַכט אַ זייגער, נאָכדעם האָב איך זיך געלעגט שלאָפֿען נעבען אויווען מיט אַן'אַלטען טלית צו־קאָפּען, בעטענדיג פֿריי־ הער די יונגע־לייט, אַז ווען זיי וועלען געהן אַהיים אַרום צעהן, עלף אַ זייגער, זאָלען זיי מיך אויפֿוועקען. און ווען אַלע זענען אַוועקגעגאַנ־ גען, בין איך איינער געבליבען און גענומען לערנען. איך פֿלעג מיר שטעהן ביים בעלעמער און פֿלעג לערנען ביז'ן גרויסען טאָג אַריין. אַז איך פֿלעג אויפֿהויבען דעם קאָפּ פֿון דער גמרא, פֿלעג איך דער־ הערען, ווי דער בעל־תּפילה זאָגט שוין די ברכות פֿונ'ם דאַווענען, און עס איז טאָג. אַזוי האָב איך געלערנט דעם גאַנצען ווינטער.

געשלאָפֿען האָב איך אין בית־המדרש אַ דריי שעה אין טאָג, נישט מעהר, און די איבעריגע צייט געלערנט. נאָר פֿרייטאָג־צו־נאַכט'ס פֿלעג איך שלאָפֿען אין דער־היים, ווי דער דין איז פֿון אַ תּלמיד־ חכם.

איך האָב אָבער מורא געהאַט צו זיין איינער אַליין אין אַזאַ גרויסען בית־המדרש. איך האָב דעמאָלט געגלויבט אין שדים און מזיקים און דעמאָלט איז אויך געווען ביי אונז אין שטאָדט אַ משוגענע יודענע, ראַשעלע האָט זי געהייסען. איהר שגעון איז געווען, וואָס זי פֿלעגט אומגעהן גאַנצע נעכט איבער די גאַסען, און אַז זי האָט דערזעהן, אַז אַ מאַנסביל האָט ערגעץ געעפֿענט אַ טהיר און אַרויס אויף אַ ווײַלע אין דרויסען, פֿלעגט זי אין דער־גיך אַרײַנחאַפּען זיך דורך דער טהיר גלייך צו יענעם אין בעט אַריין. געוועהנליך, פֿלעגט וועדען אַ געוואַלד מיט אַ טומעל ביז מען האָט זי קוים אַרויסגעיאָגט. אין דעם איז בעשטאַנען איהר משוגעת. און איך האָב מורא געהאַט, אַז ראַשעלע זאָל אָפּטט נישט אַריינקומען צו מיר אין בית־המדרש. איך האָב גלאַט מורא געהאַט פֿאַר שדים. האָב איך געטהאָן און גע־ צונדען ליכט אין אַלע הענג־לייכטער, וואָס זענען געווען אין בית־ המדרש. אַכט גרויסע הענג־לייכטער, געדענק איך, מיט אַכט, צעהן און צוועלף רעהרען, אויף אַריינצושטעלען ליכט שבת און יום־טוב. אַזוי פֿלעג איך פֿערברענען צוויי פֿונט ליכט אַ נאַכט און קיינער האָט נישט געוואַגט צו ריידען מיר אַ וואָרט. אַלע בעלי־בתים פֿון בית־ המדרש, ווי יודען בכלל, זענען געווען זעהר צופֿרידען פֿון מײַן לערנען

איינער אַליין. אַ גאַנצע נאַכט מיט דער גמרא — אַ קליינינקייט!

און פאַר איין גאַנג האָב איך וואָס אַ טאָג ווייטער אָנגעהויבען ווערען פרימער און פרימער. אין אַ קורצער צייט בין איך געוואָרען אַזוי פרום, אַז אַ גאַנצע וואָך האָב איך נישט געגעסען קיין פליישׁ, בכלל גאָרנישט, אויסער שוואַרצען ברויט מיט געקעכטס, אָהן פּוטער, און דערביי האָב איך אָנגעהויבען צו לייענען אַלע מסור-ספרים, מיר איז זעהר געווען נעפעלען דער יסוד-שורש-העובדה און ביים דאַוונען האָב איך מיך געפּיהרט, ווי ער האָט געהייסען: אין אַנדערע ערטער פון דאַוונען האָב איך געוויינט, און אין אַנדערע ערטער האָב איך זיך געפרעהט.

און האָב שוין געהאַלטען ווי רבי זאָגט: אל יחזיק אדם את ידו למטה מאבנטו, אַ מענש דאַרף נישט האַלטען די האַנד נידעריגער פון גאַרטעל. איך געדענק, אַז איך פלעג געהן אַהיים און צוריק, פלעג איך קוקען אויף די אַלע מענשען אין גאַס מיט עפּעס אַ רחמנות. וואָס ווייסען זיי? און וואָס לערנען זיי? און אַז איך פלעג אַ קוק געבען אויפ'ן הימעל, וואו עס פלעגען לייכטען אַזוי פיעל שטערענדלעך, פלעגט מיך אָננעהמען אַ שרעק פאַר דעם גרויסען גאָט, און דער פרוש, דער פאַטשאָשניק, האָט געהאַלטען אַלע טאָג אין איין ריידען:

— קלויבט, קינדערלעך, רענדלעך...

אַז אַ מענש געפינט אויף דער גאַס רענדלעך, וועט ער זיך געוויס נישט פערגינען אויסצוריידען מיט אַ מענשען אַ וואָרט, אָדער עפּעס מפסיק זיין אין מיטען. ער וועט אַלץ קלויבען די רענדלעך.

— קלויבט, קינדערלעך, רענדלעך...

מיט די מצוות, וואָס אַ מענש טהוט, בויט ער דאָרט, אויף יענער וועלט, אַ פּאַלאַץ. טאָר מען נישט מפסיק זיין אויף איין סעקונדע, וואָרום מען קען נאָך, חלילה, אין אָט דער סעקונדע, וואָס מען לערנט נישט, אַוועקשטאַרבען, וועט אויך אויף יענער וועלט פעהלען אַ גאַניק, אָדער אַ געזימס, צי אַ פענסטער. דערפאַר דאַרף מען אָהן אַנ'אויפהער בויען און בויען ביז דעם לעצטען אָטעם, ביז דעם לעצטען שוויים.

האָב איך איהם געפאָלגט און געבויט דעם פּאַלאַץ און זיך נישט פערגונען צו ריידען מיט עמיצען אַ וואָרט, און איך האָב געקליבען

רענדלעך, געטהאָן ווי דער יסוד-שורש-העבודה האָט געשריבען און דאָך בין איך אַלץ נישט געווען יוצא. איך האָב אַלץ גע'דאגה'ט, ווי אַזוי ווערט מען נאָך פרימער.

נאָר מיין טאַטען האָט מיין לערנען נישט געריהרט און ער האָט נאָך אַלץ געזאָגט:

— הלואי וואָלט איך געווען געשטאָרבען, הלואי וואָלט חצקיל געשטאָרבען, איידער איך האָב דאָס דערלעבט. זיין לערנען מיט זיין פרומקייט איז ביי מיר גאָרנישט ווערט, אַז ער האלט נישט פון רבי'ן.

אין שטאָדט האָבען אַלע בעלי-בתים אָנגעהויבען צו מוסר'ן זייערע זיהן און זייערע איידעמס, פאַרוואָס זיי לערנען נישט, ווי חצקיל לערנט. יענע האָבען מקנא געווען משה אהרן-לייזער'ס, וואָס האָט אַ זוהן אַזאַ מתמיד און אַזאַ צדיק. און די יונגע-לייט גופא האָבען זיך אָן מיר מתקנא געווען און ביסלעכווייז, אַרום חנוכה-צייט, האָבען אָנגעהויבען צו צוקומען אין בית-המדרש אַלעמאָל מעהר יונגע-לייט, ביז דער גאַנצער בית-המדרש איז געוואָרען געפּאַקט מיט יונגע-לייט און בחורים, וואָס האָבען געלערנט גאַנצע נעכט אַזוי ווי איך. מען האָט זיך איבערגעטראָגען פון גרויסען בית-המדרש אַהער, אין נייעם בית-המדרש, און איך בין שוין נישט געווען אַליין און די ליכט האָבען שוין נישט געברענט אין די הענג-לייכטער, נאָר אין די טעשענע שטעהענדיגע לייכטער, אויף די טישען, נעבען די גמרות.

און מיר פלעגען לערנען מיט אַזוינע האַרציגע נגונים, אַז ווען איך דערמאָהן מיך איצט, געהט מיר אַדורך אַ זיסקייט איבער די גלידער. אַזוי האָט מיט מיר דעם ווינטער געלערנט די גאַנצע שטאָדט בחורים און בעלי-בית'לעך, און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם פלעגט מען שטענדיג זאָגען:

— חצקיל'ס דור!...

און עס איז ווירקליך נאָך אַזאַ דור נישט געווען אין קאַמעניץ. איצט בין איך אינגאַנצען געווען אַ הימעל-מענש. פורים, געדענק איך, פלעג איך מיך אָנ'שכור'ן, אַזוי ווי דער דין איז, און שכור'רערהייד האָב איך געשריבען, אַז איך האָב אַ פּאַספּאָרט אויף יענער-וועלט. איך

האָב אָבגעלערנט די דריַי בבא׳ס: בבא קמא, בבא מציעא, בבא בתרא.

נאָר ניבֿטערערהייד האָב איך אַלץ געבעטען גאָט, ער זאָל מיר געבען פרנסה, כדי איך זאָל קענען שטענדיג אַזוי זיצען און לערנען.

זעקס־און־צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

די קראָם. — מײַן פאָהרען קײַן קאָברין. — ר׳ יאָשע׳ס הויז. — די אײַדעמ׳ס: דער משכיל לײַזער און דער עלוי זלמן־סענדער. — צווײַ הײַזער. — דאָס ערשטע מאָל בעקען איך מיך טיפער מיט׳ן תנ״ך. — דער רושם פון תנ״ך. — די פערענדערונג אין מיר. — דאָס פאָהרען אַהײַם. — מײַנע הויכע מחשבות. — די קראָם געהט קאַפּויר. — השכלה־ספרים. — ווידער מײַן טאַטע.

בײַ אונז אין דער פאַמיליע האָט מען שוין געהאַלטען, מחמת מײַן איבערגעגעבענקײַט צום לערנען, אַז איך וועל נישט קענען געבען אַ ווײַב און קינדער עסען. און אַזוי ווי מײַן ווײַב איז אַ בריה, איז געבליבען, מען זאָל זי מאַכען פאַר אַ קרעמערקע. מיר זאָלען אַרויס־נעהמען אונזער נדן און מאַכען אַ קראָם, און איך וועל איהר אין אַ פרײַער מינוט קענען אַ ביסעל צו העלפען.

צו מײַן אומגליק מאַכט זיך, אַז אײַנער וויל איבערגעבען אַ קראָם פון צעלניק מיט בשמים צוזאַמען. יענער פאָהרט אַרויס פון קאַמעניץ, וועלען מיר האָבען פרנסה. האָט מען אין דער־גיך געחאַפּט, אַז אַנ׳אַנדערער זאָל דאָס נישט אויסחאַפּען, און געבראַכט דעם קרעמער צום טאַטען, און מען האָט בעשלאָסען איבערצונעהמען חול־המועד פסח די קראָם. דער טאַטע האָט געגעבען פופציג רובל האַנד־געלד, און חול־המועד בעדאַרף מען איהם אַרײַנטראָגען דאָס גאַנצע געלד.

דערווײַל האָט מען מיך אָבגעריסען פון דער גמרא און געהייסען פאָהרען קיין קאָברין צו ר׳ יאָשע מינקעס, דעם פעטער׳ס איידעם, אַרויסנעהמען אונזער נדן, וואָס איז בײַ איהם געווען אײַנגעלעגט. מיר האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקוואַרפען דאָס לערנען מיט׳ן דאַווענען מײַנעם, אָבער איך האָב געמוזט: מײַן ווײַב האָט זיך זעהר געוואָלט ווערען אַ קרעמערקע, אַז נישט קיין רבי׳צין.

בין איך געפאָהרען קיין קאָברין.

ר׳ יאָשע׳ס הויז איז געווען מפורסם אין גאַנץ גראָדנער גובערניע אַלס דאָס ערשטע הויז פון תורה וגדולה במקום אחד. זי, אסתר-גיטעל, דעם קאַמעניצער רב׳ס טאָכטער, איז געווען אַ חכמה און אַ גרויסע בריה. זיי האָבען געהאַט אַן אײַנפאָהר-הויז און אַ ווײַנשענק, ווי בײַ אונז אין קאַמעניץ חײַטשע טרינקאָווסקי. נאָר דער אונטערשיעד איז געווען דער, וואָס קאָברין איז אַן אויעזד, אַ גרויסע שטאָדט, און קאַמעניץ — אַ קליין שטעדטעל.

די פריצים פון׳ם גאַנצען אויעזד זענען געווען בײַ איהר אין פריצ׳ישען גאַסט-הויז און אין ווײַנשענק. מעבעל איז בײַ איהר געווען רײַכעס, שענעס און געווען איז בײַ איהר אויך אַ טאַנץ-זאַל מיט אַ פּיאַנע פאַר די פריצים. זיי פלעגען ממש שעפען גאָלד אַמאָל, פאַר׳ן פוילישען אויפשטאַנד.

געווען זענען זיי אויך גרויסע בעלי-צדקות און צו זיי קיין קאָברין פלעגען קומען פון דער גאַנצער גובערניע אָרימע-לײַט, פאַר וועלכע מען פלעגט אויסבאַקען ביז צעהן פוד ברויט.

עס איז איבעריג צו דערמאָהנען, וואָס פאַר גרויסע בעלי-הכנסת-אורחים זיי זענען געווען! מיט איין וואָרט, מען האָט קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט מיט לעדיגען. נאָך אַזאַ הויז פון צדקה און הכנסת-אורחים איז נישט געווען אין גאַנץ ליטא.

אסתר-גיטעל האָט געהאַט, נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי צוויי-און-צוואַנציג קינדער, פון וועלכע דרײַצעהן זענען געשטאָרבען, פון די נײַן געבליבענע זענען געווען דרײַ זיהן און זעקס טעכטער. פאַר די טעכטער האָט מען גענומען די גרעסטע עלוים.

איין איידעם זײַנער, לייזער, אַ געוועזענער עילוי, האָט נאָך דער חתונה נישט געוואָלט לערנען. ער איז געוואָרען אַ ביסעל „געהאַפּט

אין דער מעשה", ווי מען פלעגט זיך אמאל אויסדריקען. מען האט איהם געהאלטען פאר אנ'אפיקורס, א משכיל, און ער האט אבגעצויגען צו זיך פון לערנען קאברינער יונגע-לייט. און אזוי איז ביי איהם געווארען א הויז פון השכלה. ביי איהם אין שטוב פלעגט מען חוזק'ן פון רבי'ן מיט די חסידים, פון פאנאטיקער א. ז. וו. ווי דער מנהג איז געווען פון די אמאליגע משכילים.

דער דאזיגער לייזער, אויסער וואס ער איז געווען א גרויסער למדן און א משכיל, האט ער אויך געקענט גוט רוכיש, האט געהאט א גרויסע ביבליאטעק מיט השכלה-ביכער: העברעאישע און רוסישע, און א צונג איז ביי איהם געווען — שוועבעל און פעך. וואס ווייטער, האט ער אלץ מעהר צוגעצויגען צו זיך יונגע-לייט.

ר' יאשע האט געהאט נאך אנ'איידעם, טאקע מיינער א קרוב, ר' חיים וואלאזשינער'ס אנ'אייניקעל. ר' יאשע איז פשוט געפאהרען קיין וואלאזשין און האט אויסגעקליבען דעם בעסטען בחור צווישען די לערנערס. קענענדיג גוט לערנען, האט ער אליין פערהערט די חתנים. נאר דעם התן איז ער שוין נישט געווען אימשטאנד צו פערהערען: דאס יונגעל האט געקענט מעהר פאר ר' יאשע'ן. היינט איז שוין דאס יונגעל א יוד, ר' זלמן-סענדער, וואס איז קריניקער רב. ער האט א שם פאר א גדול און מען האלט איהם זאגאר פאר א בעל-מופת.

ר' יאשע האט דעם עילוי געבראכט צו זיך, בעקלייידט און בענעהט איהם און געלעגט דריי טויזענד רובל נדן מיט פינף יאהר קעסט. עס איז געווען די חתונה אין דער אייגענער צייט פון מיין חתונה. דער איידעם זלמן-סענדער האט זיך אויפגעשריבען אין תורה מיט די גרעסטע רבנים פון רוסלאנד און האט געפיהרט פאר זיך א הויז, וואוהין עס פלעגען קומען יונגע-לייט לומדים. זיין הויז איז שוין געווען פונקט דער היפך פון זיין שוואגער.

אזוי זענען געווען צוויי הייזער פון ר' יאשעס קינדער. אבער די דאזיגע הייזער זענען געווען פייער מיט וואסער. די משכילים האבען געלאכט פון די פרומע פאנאטיקער און די פרומע האבען געמאכט אש און בלאטע פון לייזער'ן מיט זיינע משכילים. אבער לייזער איז געווען שטארק בעליבט אין שטאדט און אויסגעצייכנט מיט'ן איספראווניק, מיט'ן מיראווא פאסרעדניק און מיט דער גאנצער „נאטשאלסטווע".

אַפילו בײַ די פּריצים איז ער געווען געשעצט.

ר׳ יאָשעס הויז און די הײַזער פון זײַנע צוויי אײדעמס זענען געווען דאָס גײַסטיגע צענטרום אין שטאָדט. עס האָט זיך אומעטום בעוועגט און געלעבט. בײַ ר׳ יאָשען אין הויז איז געווען פרעהליך. די טעכטער זענען געווען די גרעסטע אַריסטאָקראַטקעס, חאָטש ר׳ יאָשע איז נישט געווען זעהר רײַך. מען איז געגאַנגען גרויסאַרטיג גע־קלײדט און „געשטאָלצירט״.

קײַן קאָברין בין איך געקומען נאָך פורים. אָבער ר׳ יאָשע, וואָס האָט געהאַלטען מײַן נדן, האָט, נעבעך, נאָר קײַן געלד דעמאָלט נישט געהאַט, און מחמת איך בין דאָך עפּעס אַ קרוב און אַ לַמדן, און אַ יונגערמאַן דערצו, האָט מען וועגען מײַן נדן מעהר געשוויג־ גען און אָנשטאָט דעם בעסער מיך געשטאָפּט מיט גוטע זאַכען און זיך געפרעהט מיט מיר.

אין שטוב בײַ זײַ איז געווען זעהר פרעהליך, און איך בין מיך מודה, אַז, בדיעבד, האָב איך אמת הנאה געהאַט, וואָס זײַ האָבען קײַן געלד נישט געהאַט פאַר מיר.

מען האָט מיר געזאָגט:

— פערברענג... בײַ אונז איז פרעהליך.

און איך האָב פערבראַכט.

איך האָב שוין ווי פערגעסען אין מײַן גמרא מיט מײַן יסוד־ שורש־העבודה, האָב אויפגעהערט צו קלויבען די רענדלעך און בויען דעם פּאַלאַץ אויף יענער וועלט, אַז עס זאָל חלילה נישט פעהלען קײַן אײן געזימסעלע...

זענענדיג פון נאַטור אַ היציגער, אַ קאָך־לעפעל, האָב איך מיר איבערגעגעבען דעם פרעהליכען מישמאַש פון די דרײַ הײַזער. אַ ביסעל האָב איך פערבראַכט בײַ אסתר־גיטלען מיט די קינדער, וואו עס איז געווען הו־האַ, אַ ביסעל בין איך געגאַנגען צו ר׳ זלמן־סענדערן מיט די לומדישע יונגע־לײַט, וואָס זענען אַלע געווען מתנגדים און אַ ביסעל האָב איך געהאַט הנאה צו פערברענגען בײַ לײַזערן, דעם עלטערן אײדעם, מיט זײַנע משכילים, וואָס זענען געווען הײַסע יודען און נישט קײַן רעליגיעזע, וואָס האָבען זעהר שטאַרק געהאַלטען פון תנ״ך, וואָס

בײַ זײַ איז נאָר געווען דער עיקר דאָס מענשליכע, שבין אדם לחברו, מענשען-פרײַנדשאַפט, כלל-גליק און עולם-הזה.

איך האָב קײנמאָל קײן תנ"ך ניט געלערנט. אין יענע צײַטען, ווי איך האָב שוין ערגעץ געזאָגט, איז לערנען תנ"ך געווען געהאַלטען פאַר אַפּקורסות, איבערהױפּט בײַ חסידים און טױזענד מאָל מעהר בײַ מײַן טאַטען, וואָס איז געווען אַרײַנגעטהאָן אין חסידות אַריבער'ן קאָפּ. נאָר בײַ מאָטע דעם מלמד האָב איך געלערנט יהושע, שופטים און שמואל, מעהר נישט. לערנען עשרים-וארבע אין בית-המדרש האָב איך מורא געהאַט פאַר'ן טאַטען. און איך האָב כמעט נישט געוואוסט די בעדײַטונג פון די נביאים, די פּאָעזיע פון זײַער וואָרט און דאָ, ערשט איצט, הער איך עפּעס אַזױנע שענע טיעפע ווערטער, וואָס פער'בשופ'ען מיך אינגאַנצען.

ישעיה הנביא זאָגט אין גאָט'ס נאָמען: מי בקש מידכם רמוס חצרי — ווער בעט בײַ אײַך, איהר זאָלט טרעטען אין מײַן הױף, חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי — אײַערע חדשים און ימים-טובים האָט פײַנט מײַן זעלע, גם כי תרבו תפילה אינני שומע — אפילו אַז איהר דאַווענט אַ סך, הער איך נישט. כי ידיכם דמים מלאו—וואָרום אײַערע הענד זענען בעפלעקט מיט בלוט. רחצו הזכו — וואַשט זיך, רײַניגט זיך, למדו משפט — לערנט גערעכטיגקײַט א. ז. וו.

און נאָך:

... הכזה צום אבחרהו, — צי דאָס זאָל איך רופען אַ תענית? הלכף כאגמון ראשו, בלבוש שק, אײַנבױגען דעם קאָפּ און אָנטהאָן אַ זאַק? אַזאַ תענית זאָל זײַן בעווילינגט בײַ גאָט? הלוא זה צום אבחרהו? נײַן, זאָגט דאָס, אָט דעם תענית וועהל איך אױס: אױפבינדען די שטריק פון יאָך, אַלע דערשלאָגענע מאַכען פרײַ, פערשפרײַטען דײַן ברױט פאַר די הונגעריגע. אָרימע-לײַט און נױטבעדערפטיגע זאָלען קומען צו דיר אין הױז אַרײַן. אַז דו וועסט זעהן אַ נאַקעטען, זאָלסט איהם אָנקלײַדען. דעמאָלט וועט שײַנען דײַן ליכטיגקײַט ווי דער מאָרגענשטערן און דעמאָלט, אַז דו וועסט מיך רופען, וועל איך ענטפערן: אָט בין איך...

לײַזער'ם משכילים האָבען אַזױ געלערנט מיט די חסיד'ישע יונגע-לײַט, וועלכע זענען פערבאָרגענערהײַד אַרײַנגעפאַלען צו זײַ. איך האָב

זיך אײַנגעהערט און טראַכט מיר בעת מעשה: וואָס מאַכט מען אַזוי חוזק בײַ זלמן-סענדער'ן אין הויז פון די משכּילים, מען רופט זײ אַפּיקורסים ימח שמם, פערקעהרט, דאָ רעדט מען דאָך אַזוי שײן, קלוג און גוט! און איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז אַ נביא זאָל גאָר רײדען אין נאָמען פון גאָט, אַז ער, גאָט, איז מוחל די יודען „זײער דאַוונען און זײערע שבתים, און זײער שרײַען, און זײער אויסשפּרײטען די הענד, און זײער פאַסטען". נאָר דאָס פערלאַנגט גאָט: העלפען אײנע די אַנדערע, צובּרעכען דעם יאָך, וואָס די רײַכע לעגען אַרויף אויף די אָרימע — דאָס האָט מיך ממש איבּערראַשט און אין דער רגע זענען בײַ מיר שוין די אַלע צדקות'ן פון יסוד-שורש-העבודה געוואָרען עפּעס פלאַך, פלאַך און נישטיג...

און לײזער'ס משכּילים זענען געוואָרען טײַער בײַ מיר. איצט האָב איך מיך בּעטראַכט ווי ווײַט איך בּין געווען פערנאַרט. איך האָב נאָר געלערנט און גע׳דאַווענט, און געווײנט, און געפאַסט, און געפּײַניגט זיך. איך האָב געמײנט, אַז דאָס פערלאַנגט גאָט. איצט אָבער ווער איך געוואָהר, אַז נישט דאָס פערלאַנגט גאָט פון מענשען, ער וויל גאָר, אַז מענשען זאָלען זיך העלפען, אײנע די אַנדערע טהאָן טובות, פערלײַכטערן אײנעם דעם אַנדערן און איך האָב זיך גאָר קײנמאָל נישט אומגעקוקט אויף די אָרימקײַט, וואָס האָט געשוויבּעלט און געגריבּעלט אין קאַמעניץ. עס איז גאָר קײנעם'ס דאגה נישט, אַלע אַרבּײטען נאָר פאַר זיך און אײנער וויל אײַנשלינגען דעם אַנדערן. אַז אײנער האָט פּרנסה, פערגינט מען איהם נישט, און אַז אײנער שטאַרבּט פון הונ-גער, אַרט דאָס קײנעם נישט. קורץ, איך בּין אינגאַנצען איבּערגע-דרעהט געוואָרען, און בײַ מיר איז געבּליבּען, אַז ווען איך וועל קומען אַהײם, זאָל איך זיך אָקאָרשט אַ נעהם טהאָן פאַר די אָרימע, העלפען די געדריקטע. ניש'קשה, ענערגיע פעהלט מיר נישט און מיך וועלען פאָלגען אַלע יונגע-לײַט.

דאָס געלד האָט מען מיר, ענדליך, פאָרט אָבגעגעבּען און איך בּין אַוועקגעפאָהרען פון קאָבּרין גאָר אַן׳איבּערגעאַנדערשטער. איך האָב קײנמאָל נישט געזעהן אַזעלכע אינטערעסאַנטע קרײַזלעך ווי דאָרט איז פאַרהאַן: אי תורה, אי גדולה און אמת'ע פרומקײַט מיט השכּלה, און

נאָך מײַן שכל נאָך האָט נעשטימט אַלץ צוזאַמען. בײַ מיר איז װערט געװען מײַן זײַן אין קאָברין כל הון דעלמא.

אַז איך בין געקומען קײַן קאַמעניץ מיט דעם נדן, האָב איך בעשלאָסען בײַ זיך דאָס ערשטע צו געבען מעשר פון דעם געלד. נאָר דער טאַטע האָט געװאָלט, אַז איך זאָל געבען דעם סלאָנימער רבי פופציג פּראָצענט פון דעם מעשר. איך האָב אָבער גאָרנישט געװאָלט הערען. צעהן רובל האָט ער יאָ בײַ מיר אויסגעריסען פאַר זײַן רבי'ן און דאָס איבעריגע האָב איך צוטײלט און מיט אַ טאָלק: איך האָב אויפגעזוכט אַזעלכע בכבוד'ע געדריקטע מענשען און אײַנגעטײלט צװישען זײ שטילערהײד דאָס געלד. דערנאָך האָב איך בעצאָהלט דעם קרעמער, און מײַן װײַב די בריה האָט איבערגענומען די קראָם.

פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבען אַ נײַע עפּאָכע. אַלע טאָג בין איך געגאַנגען דאַװנען, נאָכ'ן דאַװנען געלערנט אַ שעה גמרא און צװישען מנחה און מעריב אויך אַ שעה. די איבעריגע צײַט בין איך געזעסען מיט מײַנער אין קראָם. געלײזט האָבען מיר װעניג, װײַל מעהר װי פויערים זענען קײַן קונים נישט געװען. עס איז געװען באַלד נאָכ'ן אויפשטאַנד. פון אַ פּריץ איז קײַן זכר נישט געװען. טאָמער בעװײַזט זיך יאָ אַמאָל אויף אַ רפואה אַ שטיקעל פּריץ מיט אַ פּאָר פערד, איז די קאַרעטע געװען אײַנגעשמירט, די פערד פערשמוצטע, נישט קײַן אָבגעװאַשענע, און ער האָט זיך דורכגעטראָגען װי אַ שאָטען איבער'ן שטעדטיל. איך האָב געהאַט לוקסוס-זאַכען אין קראָם, האָט מען עס אָבער איצט געמעגט זיכער אַרויסװאַרפען.

איך האָב אויפגעהערט צו קלויבען רענדלעך און בויען דעם פּאַלאַץ, אָבער אויך פון דעם, װאָס איך האָב אויף זיך גענומען, פאָהרענדיג צוריק פון קאָברין, אַז איך זאָל אָנהויבען אַרבײַטען לויט'ן פּראָגראַם פון ישעיה הנביא, איז אויך גאָרנישט געװאָרען. איך האָב זיך באַלד, פערשטעהט זיך, פערדרײַהט דעם קאָפּ מיט דער קראָם, װאו עס איז געלעגען אַלטע און אוננוציגע סחורה, עפּעס מאָרנע רעשטלעך, אויף װעלכע עס איז לחלוטין קײַן סוחר נישט געװען. פאַר די אַלע שמאַטעס האָבען מיר, מענשען נישט קײַן געניטע, אָבגעצאָהלט אַ ס ך ה ו נ ד ע ר ט ע ר און אײַן גאָט װײס, װען מען װעט עס פערקויפען. צו דעם דאַרף מען ערשט האָבען פון דאָס נײַ פּריצישע

סחורה, אַנדערע, פּראָסטע פֿאַר די פּויערטעס, און מײַנע סחורה אַוועקשיקען ערגעץ אין אַ מוזעאום פֿון אַלטע אַנטיקען. עגמת נפש איז געווען גענוג, און דערווײַל איז דער זיידע מיט'ן טאַטען אויך געבלי־בען מיט ווייניג פּרנסה.

דאָס ווײַב האָט מיך שוין אָנגעהויבען צו „יאָדען", פֿאַרוואָס בין איך אַזאַ שלימזל'ניק און טויג נישט צו קיין מסחר, און אַז זי מוז, נעבעך, זײַן אַ קרעמערקע אין קאַמעניץ, אומשטיינ'ס געזאָגט, פֿאַר וועמען? קיין פּריצים זענען נישטאָ און מיט פּויערטעס האָט זי גאָר קיין חשק נישט צו האַנדלען. מען דאַרף זײַן צו זיי פּראָסט, מען דאַרף זיי אײַנרייִדען און זי איז דאָך עפּעס אַ גאַנצע „יאַ טעפּיע דאָם".

קורץ, מיר איז שוין געוואָרען גוט שלעכט. איך עס אַפֿילו קעסט אָבער דעם טאַטען איז אויך נישט זעהר גוט. מיר וואָלטען וועלען זיך אָבזאָגען פֿונ'ם קעסט, מעג מען שוין אָבער נאָך אונזער ביסעל געלד, וואָס מיר האָבען אַרײַנגעלעגט אין קראָם, זאָגען אַ רבנן-קדיש. אַז עס איז אָבער געוואָרען נאָך ערגער, האָב איך שוין גאָר אַוועקגעוואָרפֿען מײַנע געדאַנקען צו ווערען אַ רב, אָדער צו העל־פֿען אריִמע-לײַט, נאָר ביי מיר איז געבליבען צו ווערען אַ ראַבינער. קודם כל האָב איך גענומען לערנען תנ"ך, אָהן דעם טאַטענס וויסען. אַ צעהן מאָל דורכגעלערנט איהם אויף אַזאַ אופן: איך האָב אָנגעהוי־בען פֿון ערשטען קאַפּיטעל ביז אַנ'ערך צעהן קאַפּיטלען, דערנאָך האָב איך ווידער אָנגעהויבען פֿון ערשטען, פֿון צעהנטען, ביז דעם צוואַנ־ציגסטען און ווידער פֿון צעהנטען א. ז. וו. אַזויערנאָך האָב איך אָב־געלערנט גאַנץ עשרים-וארבע. פֿון עשרים-וארבע בין איך באַלד איבערגעגאַנגען צו השכלה-ספרים. יאָסעל דעם גביר'ס האָט געהאַט אַ סך השכלה-ספרים און מיר האָבען שטאַרק גענומען לעזען. מיר פלע־געג שיקען קיין ביאַליסטאָק נאָך השכלה-ביכער אויף ניט-געלד.

געווען דעמאָלט אַ גרויסער משכיל, ר' אליעזר האַלבערשטאַם, ר' איצעלע זאַבלודאָווסקי'ס אַנ'איידעם. יענער האָט געשטיצט די השכלה־בעוועגונג, און ביאַליסטאָק האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אַ גרויסער השכלה־שטאָדט.

פֿאַנאַטישע יונגע-לײַט האָבען אַוועקגעוואָרפֿען דאָס לערנען און

זיך גענומען צו השכלה מיט דער שטיצע פון האלבערשטאם. דאס איז געווען די בעריהמטע צייט פון גט׳ן צווישען מאן און ווייב צוליעב דער השכלה. „שוועהרען האבען אבגע׳גט זייערע אייַדעם׳ס״ מחמת די טעכטער האבען קיין דעה נישט געהאט. דער טאטע האט געזאגט, אז איהר מאן איז געווארען אנ׳אפיקורס, מוז מען איהם אב׳גט׳ן.

אין אט דער צייט האבען מיר גענומען אויסשרייבען אלע השכלה־ספרים און פלעגען צאהלען גוט געלד פאר׳ן לעזען. איבערגעלעזען א בוך — אוועקגעשיקט נאך א צווייטס. מען האט אונז אריינגעשיקט א געשריבענעס קאטאלאג פון אלע נייע השכלה-ספרים. איך האב געוואלט אנהויבען לערנען רוסיש, נאר אין קאמעניץ איז נישט געווען קיין לעהרער און דער טאטע וואלט מיך דאס אודאי נישט געלאזען.

צו דער צייט האב איך שוין געקענט שרייבען לשון־קודש און האב זיך „אויסגעצייכענט״ מיט מיין לשון. דעם טאטען האט דאס שרעקליך געקרענקט. ער האט אבער געזעהן, אז ער קען גארנישט העלפען, און די האפנונג, וואס ער האט געלעגט אויף דער שנוהר, אז זי וועט מיך מאכען פאר א חסיד, איז אינגאנצען צורונען געווארען. פערקעהרט, מיין ווייב איז געווארען אבגעקיהלט צו הסידות. איהרע רעיונות, וואס האבען זיך נאר געדרעהט ארום פרנסה און מאכען א לעבען, האבען איהר אונטערגעזאגט, אז די ווייבער, וואס האבען מאנען חסידים, ווערען ממש פערשווארצט. די מאנען ליגען גאנצע טעג און נעכט אין הסידים-שטיבעל, טאנצען און זינגען, עסען און טרינקען, און די ווייבער שטארבען פון הונגער. זי האט געזעהן, ווי חסידים האבען געהוליעט ביי מיין טאטען דעם גאנצען שבת-צו-נאכט, געגעסען און געזונגען און די ווייבער מיט די קינדער זייערע זענען געלעגען אין דער-היים כמעט ווי הונגעריגע, פער׳חשכ׳טע.

זי האט אויך געזעהן, אז איך וואלט וועלען פערדיענען געלד, אז איך וויל זיך איינארדנען א רעכט לעבען, און אט דער חשק וואלט ביי מיר קיינמאל נישט געווען, ווען איך וואלט געווען א חסיד. און איצט האט זי אויך שולדיג געמאכט מיין טאטען, וואס האט מיך נישט בעזארגט מיט עפעס א תכלית, אז איך זאל קענען געבען א ווייב פרנסה.

בעת בײַ יודען האָט זיך שטאַרק גענומען ענטוויקלען בילדונג און פיעל יודען האָבען אָבגעגעבען די קינדער אין גימנאַזיע, אין יענער צײַט, ווען מען האָט שוין געזעהן יודישע דאָקטוירים, אינזשענערען, יוריסטען — האָב איך זעהר געקלאָגט דערויף, וואָס דער טאַטע האָט מיך אומגליקליך געמאַכט. נישט קיין רב און נישט קיין דאָקטאָר. נאָר אין רעכטען מיטען דאגה׳נען האָט זיך אונטערגערוקט אַ נײַע צרה, נאָך אַ גרעסערע, און מען האָט שוין פון פרנסה גאָר נישט געקלערט. איך מיין דאָ די גרויסע חאָלערע פון 1866-טען יאָהר, וואָס האָט פערצוקט דרײַ מיליאָן מענשען אין אַ פּאָר חדשים צײַט.

זיעבּען־און־צוואַנציגסטעם קאַפּיטעל.

דיא חאָלערע. — אַמאָליגע סגולות צו חאָלערע. — דעם רב'ס טויט. — דער קלאַנג, אַז ער איז לעבּעדיג געוואָרען.—איך זוך אַ בּעלן אויף דיזר יראָם. — וואַכנאָוויטש. — איך וויל ווערען ראַבּינער. — פּעטש. —

די חאָלערע איז פון בּריסק, פּונקט ווי אַ לעבּעדיג בּעשעפּעניש, גלייך געקומען קיין קאַמעניץ. די עפּידעמיע האָט זיך שרעקליך פערשפּרייט. אין בּריסק זענען געשטאָרבּען פון אלול בּיז כסלו מעהר פון צוויי טויזענד מענשען, און אויך אין קאַמעניץ איז געווען נישט וועניגער שרעקליך. פון די ערשטע איז געשטאָרבּען דעם רב'ס אַנ'אייניקעל, ר' שמחה'ס טאָכטער, אַ ווייבּעל, און נאָך איהר האָט מען גענומען שטאַרבּען אין דעם קליינער קאַמעניץ צו צוויי, דריי אַ טאָג. אַמאָל האָט דערגרייכט בּיז אַכט אַ טאָג. אַז מען איז אויפגעשטאַנען אין דער־פריה, האָט מען שוין געהערט פון נייע געשטאָרבּענע.

עס איז, פערשטעהט זיך, קיין וואונדער נישט, וואָס מען איז אַזוי פיעל געשטאָרבּען. פון דעזינפעקציע האָט מען נאָך דעמאָלט קיין שום בּעגריף נישט געהאַט, די מגפה־מתים האָט מען מטהר געווען אין דער־היים, און נישט אויפ'ן בית־עולם. געוועהנליך, האָט מען

מטהר געווען מיט וואַרימען וואַסער, וואָס פלעגט זיך צוטראָגן אומעטום, און עס איז מעהר וואונדער, וואָס אַלע זענען נישט אויסגעשטאָרבען. מען איז אָבער אַזוי אויך געניג געפאַלען.

בײַם טאטען איז געשטאָרבען אַ שוועסטער פון פערצעהן יאָהר און אַ טאָכטער'ל פון צוויי יאָהר. יודען האָבען אַפילו נאָך דעם אַלעם אנגענומען זעהר ווילטיגע מיטלען, דהיינו, מען האָט חתונה געמאַכט אויפ'ן בית-עולם אַ שטומע מויד, אַ קאַליקע, מיט אַ בלינדען בחור. דאָס האָט מען געשטעלט אויפ'ן בית-עולם אַ חופה, אַז פון זיי זאָל אַרויסקומען אַ גוטער דור. ווידער איז מען געגאַנגען, געדענק איך, פרײַטאָג איבער דער גאַנצער שטאָדט מיט ספרי-תורות, להבדיל, אַ מין פראָצעסיע, און מען האָט געזאָגט קטורת. די אַלע סגולות האָבען אָבער נישט געהאָלפען.

מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט פון די לעצטע סגולות, וואָס זענען געברויכט געוואָרען אין פוילען, אין לובלין, מיט אַ פופצעהן יאָהר צוריק, ווען ס'איז געווען די חאָלערע. דעמאָלט האָבען זיך אַלע אָנגעטהאָן פינגערלעך פון אַ לולב און מען האָט אײַנגעשפּאַנט פיער מײַדלעך אין אַ סאָכע און פעראַקערט אַ שטיק ערד אין דער זײַט שטאָדט, פון וואַנען די חאָלערע איז געגאַנגען. מען האָט אויך אַוועקגעשטעלט אַ גוי אויפ'ן בית-עולם, געצאָהלט איהם דרײַ רובל אַ טאָג, אַז ער זאָל שטעהן בײַם טויער פון בית-עולם, און ווען מען וועט ברענגען אַ מת, זאָל ער זאָגען:

— טו ניעמאַ מיעסטאַ.

האָט דער גוי, ער האָט דאָך אַ גויעשען קאָפּ, געזאָגט פונקט פערקעהרט, ווען מען האָט געבראַכט אַ מת:

— טו יעסט דאָסיטש מיעסטאַ, איהר קענט ברענגען אַלע ושידעם אַהער.

אָבער בײַ אונז אין קאַמעניץ, ווי געזאָגט, האָט מען פון דעם פעראַקערן אַ זײַט שטאָדט מיט מײַדלעך נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט און אַפילו פון לובלינער פינגערלעך האָט מען אויך נישט געוואוסט, און דער אַסעסער מיט'ן איספּראַווניק האָבען אַזוי געוואוסט וואָס פאַרצונעהמען, ווי מיר ווייסען געני, וואָס עס טהוט זיך אויף דער לבנה. נאָר איך קען מיך נישט אײַנהאַלטען און מוז דערצעהלען ממש פון אַ

וואונדער: אין זאַסטאַוויע איז קיין איין מענש נישט געשטאָרבען, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אָבגעצוימט פאַר'ן מלאך המות, ער זאָל אַהין נישט קענען קומען. דאָס איז עפּעס אַ מאָדנע אונפערשטענדליכע ער-שיינונג געוועזן. פון דער אַנדער זייט, אין וויסאָקי, איז געוועזן די חאָלערע גרוים, אין קאַמעניץ נישט קלענער, און די זאַסטאַוויער פלעגען אַ גאַנצען טאָג זיין אין קאַמעניץ, נאָר בייַנאַכט פלעגען זיי געהן אַהיים שלאָפען, און אַלע זענען געוועזן גאַנץ...

דעם ערשטען טאָג סוכּות איז אין אַ שעה צייט געשטאָרבען פון חאָלערע מיין פעטער דער רב. געוועהנליך, איז געקומען די גאַנצע שטאָדט און מען האָט פערגאָסען טייכען טרעהרען. ביים פעטער איז געוועזן פול די שטוב, און איך געדענק, אַז אַ פינגער האָט זיך ביי איהם אַ ריהר געטהאָן, האָט מען אָנגעהויבען צו שרייען, אַז דער צדיק לעבט נאָך. די פענסטער זענען געוועזן אָפען און איבער'ן שטאָדט האָט זיך באַלד פערשפּרייט דער קלאַנג, אַז דער צדיק איז לעבעדיג געוואָרען. אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום איז געוועזן די לויה.

אַז איך בין געקומען אַהיים, האָט מיך געפרעגט די באָבע ביילע-ראַשע, מיט איהר האַרציגען קול:

— חצקיל, דו ביזט דאָך געווען נעבען פעטער. ס'איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז דער רב האָט זיך אויפגעזעצט און געזאָגט: ווייַנט נישט, קינדערלעך, מיט מיר וועט פערשלאָסען ווערען די ערד?

איך דערצעהל איהר, ווי דאָס איז געוועזן. אָבער עס האָט נישט געהאָלפען, די גאַנצע שטאָדט האָט בעשטעטיגט דעם קלאַנג. נאָר אין דער נאַכט זענען געשטאָרבען פופצעהן מענשען מיט אַמאָל און ס'האָט זיך ערשט רעכט אָנגעהויבען צו פערגרעסערן די חאָלערע. איבער דעם איז די מעשה מיט'ן רב פערשטיקט געוואָרען. געדויערט האָט די עפּידעמיע אפשר ביז חנוכה-צייט. אַלע מענשען זענען געשטאַנען ביים טהיר פון טויט. אָט שטעהט מען דאָ און אָט איז מען שוין אויפ'ן עולם האמת.

די גאַנצע צייט האָט קיינער אין זינען נישט געהאַט קיין פרנסה, אַלע האָבען געגעבען צדקה פאַר אָרימע-לייט, און אַ סך האָבען פער-קויפט פון זיך דאָס לעצטע העמד אויף ברויט.

שטאָדט האָט אַפילו געהאַט אַ שטוב, מיט טעפּ הײַסע וואַסער און עס איז געווען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע „רײַבער", וואָס האָבען געאַרבייט גאַנצע טעג און נעכט, געריבען און געוואַרימט די קראַנקע. אָבער די גאַנצע קאָמפּאַניע איז אויסגעשטאָרבען ביז איינעם צוזאַמען מיט'ן רעכטען אָנפירער פון דער דאָזיגער קאָמפּאַניע „רײַבער", יאָסעל, אַ גרויסער גבור. נאָך דער חאָלערע איז שטאָדט געבליבען כמעט ווי לעדיג.

אָבער אַ צרה — אַ צרה און פּרנסה מוז מען דאָך האָבען, האָט מען פון דאָס־נײַ אָנגעהויבען זוכען פּרנסה, און דער טאַטע האָט, נעבעך, געמוזט אַוועקוואַרפען זײַנע חסידים מיט דעם חסידים־שטיבעל און אַרויספאָהרען אין הויף וואַכנאָוויטש, וואָס דער זיידע האָט געדונגען בײַם טירנער גראַף, דרײַ מײַל ווײַט פון קאַמעניץ.

און איך בין פערבליבען אין קאַמעניץ מיט מײַן קרעמעל. אָבער מיר האָבען אײַנגעזעהן, אַז מיר וועלען אַזוי זיצען אין קראָם ביז מיר וועלען אויפעסען דאָס גאַנצע געלד. נישט מיר האָבען געהאַט סחורה פאַר'ן פויער, און נישט מיר האָבען איהם געקענט שלעפּען פאַר'ן אַרבעל, ווי עס האָט געפאָדערט. מיר האָבען געמוזט וואַרטען ביז די פּויערים וועלען אַליין אַרײַנקומען, און עס איז געגאַנגען קאַפּויר.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר זענען געווען קנאַפּע בעלי־הוצאות, ווײַל פון אַלע עסען־פּראָדוקטען האָט דער טאַטע אונז צוגעשיקט פון הויף און מיר זענען געווען אינגאַנצען זאַלבענאַנד מיט אַ דיענסט, דאָך איז בײַ אונז אַוועק פיעל געלד. איך האָב קיינמאָל נישט געוואוסט פון קאַרגען. אַזאַ „פאַמיליען־פעהלער" האָב איך שוין געהאַט, און עס איז געווען דײַטליך, אַז מיר וועלען ווײַטער נישט קענען עקזיסטירען.

גאָט וואַרפט נישט אַראָב דעם מענשען אַ בײַטעל געלד פון הימעל, און ברויט וואַקסט אויך נישט אויף בוימער פאַר די מענשען. איידער דאָס ברויט קומט צום מענשענס מויל, דאַרף מען אויף דעם גוט אַרבײַטען, אַקערן און מיסטיגען, זייהען, שנײַדען, טריקענען און דרעשען און ווײַטער טריקענען, און מאָהלען, און זיפּען, און קנעטען, און באַקען — און ערשט דעמאָלט קומט אַרויס פאַרטיגעס ברויט. ווי עס זעהט אויס, מוז דער מענש גוט אַרבײַטען ביז ער בעקומט דאָס

שטיקעל ברויט, און אַז מיר זיצען דאָ אין קראָם און קוקען איינע אויף די אַנדערע און די פּויערים מיט די פּויערטעס ווילען מיר ניט שלעפּען פאַר'ן ארבעל — וועלען מיר אַודאי נישט לייזען, און וועלען דאַרפען צאָהלען קראָם-געלד און דירה-געלד סתם, אַזוי, אין דער וועלט אַריין.

פונדעסטוועגען האָבען מיר זיך געהאַלטען אין דער קראָם. איין „רעפּאָרמע״ האָבען מיר געמאַכט: מיר האָבען צוגענומען א מיידעל, וואָס זאָל שלעפּען די פּויערטעס אין קראָם אַריין. אָבער דאָס האָט קנאַפּ וואָס געהאָלפען.

צו דער צייט האָט מיין ווייב געבוירען דאָס ערשטע קינד. און דער ברית, וואָס איז געפּראַוועט געוועזען אויפ'ן גרויסען שטיינער מיט וויינען און נדבות, האָט געמאַכט אַ קבר פון דער קראָם. די קראָם איז שוין אינגאַנצען אָבגעלאָזט געוואָרען. מיר האָבען זיך פערלאָזען אויף דאָס מיידעל, וואָס האָט, אַ פּנים, געהאַט גאַנץ לאַנגע הענד, זאָל זי מיר איצט מוחל זיין, און ביני לביני, איז געווען נישט גוט. מיין ווייב האָט שוין אַ קינד און קען שוין נישט אַזוי אַרבייטען אין קראָם. און איך האָב געהאַלטען, אַז אַזאַ מין געשעפט איז גלאַט פאַר מיר נישט פּאַסיג, אַז איך קען מיך נישט צוגעוועהנען צו די פּוי-ערים מיט די פּויערטעס, עס האָט מיר געעקעלט פונ'ם פדיון מיט די קונים, און ביי מיר איז געבליבען, מיר זאָלען פערקויפען די קראָם און אַרויספאָהרען צום טאַטען אין הויף. מיין כונה איז געווען, איך זאָל זיך נעהמען צו שטודירען אויף ראַבינער, און וועגען דעם קיינעם נישט דערצעהלען, מיין ווייב אויך נישט...

איך האָב געזוכט אַ בעלן אויף דער קראָם און נישט געפונען. נאָך גרויסע צרות האָב איך ווי עס איז אַוועקגעגעבען מיינער אַ קרובה דאָס ביסעל סחורה פאַר אַ דריטעל געלד, וואָס זי האָט מיר ערשט אָבגעצאָהלט צו ביסלעכווייז און איך בין אַרויסגעפאָהרען צום טאַטען אין הויף קיין וואָלנאָוויטש.

דעם טאַטען, ווי אַ הייסען חסיד, איז שרעקליך אומעטיג געווען אויפ'ן ישוב. פלעגט ער פריי־טאָג-צו-נאַכט און אַ גאַנצען שבת מאַכען זיך אַליין פרעהליך. אַז אָח-און-וועה! ער פלעגט זינגען און די קינדער פלעגען טאַנצען. די שמחה איז געווען אַ געמאַכטע, און דעם שמייכעל

זײַנעם האָט ער שוין פֿערלאָרען און מען האָט געזעהן, אַז ער צאַנקט ער געהט אויס ווי אַ ליכט אין דעם פֿערגליווערטען דאָרף-לעבען, אָהן די חסידים.

איך האָב זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ, אַז איך זאָל מיך צוגרייטען צום עקזאַמען אויף אַ ראַבינער, און איך בין געפֿאָהרען קײַן בריסק, האָב זיך דאָרטען בעקאַנט מיט אַ שרײַבער, אַ בעוואוסטער משכיל, וואָס האָט געשטיצט די אַלע יונגע-לײַט, וועלכע האָבען זיך גענומען צו השכלה. איך בין איהם געפֿעלען געוואָרען. נאָר די רוסישע שפּראַך מוז איך קענען. ער האָט מיר אָנגעוויזען, וועלכע ביכער איך זאָל לערנען און האָט מיר אַפילו אײניגע ביכער געגעבען. איך האָב אויך געקויפֿט אַ רוסיש ווערטער-בוך און בין געקומען אַהיים. מען דאַרף זיך ערנסט צוגרײַטען. איך האָב געוואוסט, אַז דער טאַטע וועט זײַן דאַגעגען, וואָס איך לערן זיך רוסיש, ווער רעדט, זײַן אַ ראַבינער אַודאַי און אַודאַי נישט. אָבער איך האָב גערעכענט, אַז ער וועט זיך דאָך שטאַרק נישט שטעלען. נאָר אַז ער האָט פֿאָרט בעמערקט, אַז איך לערן מיך רוסיש, האָט ער מיר געגעבען צוויי פּעטש און געזאָגט:

— מיר לעבען, גאָט צו דאַנקען, און מיר קענען נישט קײַן רוסיש. דו ווילסט רוסיש. פֿאַר קײַן פֿאַל וועל איך דיך נישט לאָזען!...

אַכט-און-צוואַנציגסטעם קאַפּיטעל.

מײַן באָבעס פלעצליכער טויט.—דער רושם פונ'ם טויט אויף דער משפחה און אויף דאָס שטעדטעל. — איהר לויה. — דעם זיידעג'ס יאָמער. — דאָס זיצען שבעה. — דער באָבעס גרויסער נאָמען. — איהרע שענע מעשים. — אונזער משפחה צופאַלט זיך נאָך איהר טויט. —

נאָך פאַר'ן אַרויספאָהרען קיין וואָלאָזשין האָבען מיר איבערגע-לעבט אַ גרויס אומגליק.

איינמאָל, בייןנאַכט, האָט מען אונז אָנגעקלאַפּט אין די לאָדען:

— משה! משה! שטעה אויף, די מאַמע איז פאַרביי!

עס איז געוואָרען אַ געוויין און מיר אַלע, טויט-דערשראָקענע, האָבען זיך גענומען אין דער-גיך אָנטהאָן: אָבער די הענד ציטערן, ווי ווערען ווי פּאַראַליזירט. דער טאַטע, די מאַמע, איך און מיין ווייב און אַלע ברידער, שוועסטער — האָבען דאָך ווי עס איז אַרויסגעחאַפּט די זאַכען אויף זיך, וויינענדיג אויפ'ן קול. נאָר דער טאַטע וויינט נישט. בלאָס איז ער, די אויגען בלישטשען מיט אַ פּייַנלטקייט. מיר לויפען גיכער צו דער טייערער באָבען. פון גרויס געלויף פאַלט מען אויף די שטיגען פון גאַניק, מען הויבט זיך אויף און מען לויפט

ווייטער אין שטוב. נאָר דער באָבען האָבען מיר שוין געפונען אַ טויטע. פלוצלונג האָט איהר גערטראָפען אַ בלוט-שטורץ. דאָס גאַנצע בלוט איז איהר אַרויס פון האַלז מיט איין מאָל, און אין אַ פיערטעל שעה איז זי שוין געווען טויט. אין שטוב האָבען מיר געפונען אַלע קינדער מיט די איינינקלעך, קליינע און גרויסע. דעם זיידענ'ס ברידער'ס און די שוועס-טער'ס פאַמיליע. אַלע זענען שוין געווען, און די געוואַלדען מיט די געוויינען האָבען אויפגעהויבען כמעט די גאַנצע שטאָדט. עס זענען זיך צונויפגעקומען פרעמדע ווייבער און דאָס געוויין איז גרעסער געוואָרען, פונקט ווי אַ גאַנצע שטאָדט וואָלט אויסגעשאָלטען געוואָרען פון אַ שונא.

דער זיידע טהוט נאָר און חלש'ט, ווערט נאָך אַ גרעסער געשריי מיט אַ געוויין — אַלע לויפען מינטערן דעם זיידען. יאָשקע דער רופא מיט די איבעריגע צוויי רופאים לאָזט מען שוין נישט אַרויס פון שטוב. ווי דאַרפען היטען דעם זיידען, ווען ער הויבט אָן צו חלש'ן. די באָבע ליעגט אויף דער ערד און דער זיידע פאַלט אויך אויף דער ערד. ער לעגט זיך אין דער בריים, אַנטקעגען דער באָבען, שפאַרט אָן זיין קאָפּ אויף איהר קאָפּ און בעגיסט זי מיט טייכען טרעהרען. ער איז שטענדיג געווען אַ בעל-בכי. נאָר איצט האָט זיך עפּעס געעפענט אַ גאַנצער קוואַל, וואָס גיסט און וויל נישט אויפהערען. און ויין פערחליפּען זיך צורייצט נאָך מעהר די גאַנצע פאַמיליע. די געוויינען און די געוואַלדען שטאַרקען זיך פון מינוט צו מינוט און איצט שלאָפט שוין נישט די גאַנצע שטאָדט, אַלע קרעכצען אויף דער צדקת און דער הכמה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין איין שונא אין לעבען.

פאַרטאָג איז שוין געווען די גאַנצע שטאָדט אַרום שטוב און אין שטוב. אויפ'ן גאַניק און אַרום אַלע פענסטער, און די געוויינען האָבען די הימלען געריסען.

דער טאַטע האָט באַלד אַוועקגעשיקט אַ רייטער קיין טשעלטשאָ-ווע נאָך דער שוועסטער מיט'ן שוואָגער בעריל-בענדעט. אין אַ דריי שעה אַרום איז שוין געקומען צופאָהרען בעריל-בענדעט מיט דבורה'ן און אַלע זייערע קינדער און איינינקלעך, וועלכע האָבען צוגעגעבען פרי-שע טענער צום געוויין.

און עס איז איינענטליך געווען אויף וואָס צו קלאָגען, וואָרום אָט

די דאַרעטשקע, קליינע יודענע האָט געהאַלטען פעסט אין אחדות די גאַנצע פאַמיליע אונזערע, דאָס האָט איהר גוטער גייסט אַריינגעגעבען אין יעדען פון אונז שלום, דאָס האָט זי אונז געלערנט, אַז מען דאַרף ליעבען איינער דעם צווייטען, דאָס האָט זי אַכטונג געגעבען, אַז אונזער גרויסע משפחה זאָל זיך האַלטען שען, ציכטיג און גוט. דאָס האָט זי מיט אונז איינגע'טענה'ט, אַז מען דאַרף קיינמאָל נישט געברויכען קיין כעס, אַז מען דאַרף דאָס רוב אַלץ אָננעהמען פאַר ליעב, און אַז מען דאַרף האָפען און די האָפנונג נישט פערלירען! און אָט ליעגט זי, די ליעבע, טייערע באָבע מיינע, אַ צוגעדעקטע מיט שוואַרצען און מעהר וועט זי שוין נישט אויפשטעהן פון דער ערד.

עס איז געוואָרען טאָג, אָבער ביי אונז אַלעמען איז אַ פינסטערע נאַכט, נישטאָ קיין מענשליכע כחות איבערצוטראָגען די מאוים'דיגע סצענע, ווי די באָבע ליעגט אויף דער ערד און דער זיידע ליעגט דערנעבען, מיט'ן קאָפּ אויף איהר קאָפּ און גיסט מיט טרעהרען ווי פון אַ קוואַל, און חליפּעט ווי אַ קליין קינד, און אַלע וויינען מיט.

דער זיידע ווערט אַלעמאָל אַנטשוויגען, לויפט מען צו אַ קוק טהאָן, זעהט מען, אַז ער האָט גע'חלש'ט. ווערט אַ גרויס געוויין, לויפען שוין די רופאים מיט די פלעשלעך און מיט קאַלט וואַסער. זיי מינטערן איהם, ער קומט צו זיך און פאַלט ווידער אויף דער ערד צו קאָפּען דער באָבען און גיסט ווידער מיט טרעהרען, ווי פון אַ קוואַל און חליפּעט ווידער ביז עס ווערט שטיל.

דערנאָך זענען געקומען ווייבער פון „חברה-קדישא" מטהר זיין. מען האָט בעדאַרפט לעדיג מאַכען די שטוב און אַלע הייבען אָן אַרויסצוגעהן. אָבער מען קען דעם זיידען נישט אָבּרייסען פון דער טויטער באָבען, פונקט ווי זיין קאָפּ וואָלט צוגעשמידט געוואָרען צו איהר קאָפּ. ער האָט זיך נישט געלאָזען נעהמען און איז לאַנג געלעגען. אַלעמאָל איז ער בלאַסער און בלאַסער געוואָרען און מען האָט געזעהן בחוש, אַז ער קען דאָ אויסגעהן. דעמאָלט איז שוין צוגעגאַנגען דער בן-יחיד אריה-ליב און בעריל-בענדעט, צוויי געזונדטע יונגען, און מען האָט איהם מיט געוואַלד אַראָבגענומען פון איהר קאָפּ. אָבער ער חלש'ט. עס ווערט דער געוואַלד אַזוי גרויס, אַזוי ווי ביי אַ שרפה,

און מענשען זענען אַרומגענומען פון פײַער. צו דעם געוואַלד זענען אַרײַנגעלאָפען אַלע יודען פון דרויסען, מיט גרויס מאַטערניש האָט מען דעם זײדען אַוועקגעטראָגען אין אַנ'אַנדער חדר און אַרײַנגעלעגט אין אַ בעט. ער האָט זיך אָבער אַראָבגעוואָרפען אויף דער ערד און האָט נאָר געוואָלט ליגען אויף דער ערד, שרײַענדיג:

—איך וויל געהן אין דער ערד אַרײַן צוזאַמען מיט מײַן בײַלע־ראַשען.

אז מען האָט איהר צורעכט געמאַכט כרין וכרת, האָט זיך דער־נאָך אָנגעהויבען אַ נײַע שרעקליכע סצענע מיט'ן געזעגענען זיך פון דער גאַנצער פאַמיליע. אַלע זענען צוגעפאַלען צו איהר און מען האָט אָנגעהויבען צו בעטען איהר מחילה, ווי דער שטײגער איז, אַז זי זאָל זײַן אַ גוטע בעטערין אויף יענער וועלט, ווי זי איז געווען דאָ אויף דער וועלט. און דער זײדע האָט זיך ווײַטער געלעגט אויף דער נאַסער ערד, וואָס איז געווען דורכגעווייקט פון טהרה־וואַסער, זײַן קאָפּ אויף איהר קאָפּ. דאָס איז עפּעס געווען אַ שרעקליכע שעה.

צו דער לויה איז געקומען די גאַנצע שטאָדט. אַלע קראָמען, אַלע שענקען זענען צוגעמאַכט געוואָרען, און עס איז נישט געבליבען איין פרוי אין שטוב אפילו פון זאַסטאַווע. פריהער האָט מען געטראָ־גען דער באָבען און דערנאָך האָבען אַלע זיהן, אײדעמ'ס, שוואָגער'ס און ברידער געטראָגען דעם זײדען נאָך איהר, אונטער די הענד, האַלב פּער'הליש'ט, און די רופאים זענען נאָכגעגאַנגען בײַם זײַט מיט פלעשלעך אין די הענד.

אין מײַן לעבען אין קאַמעניץ האָב איך געזעהן צוויי גרויסע לויות. איינע — דעם פעטער'ס, דער קאַמעניצער רב, וואָס איז גע־שעהן סוכות־צײַט, און עס איז, פערשטעהט זיך, געווען די גאַנצע שטאָדט. די צווייטע איז געווען דער באָבעס לויה, נאָך אַ גרעסערע דערמיט, וואָס להלוטין אַלע ווײַבער זענען געקומען צו דער לויה, וואָס דאָס איז נישט געווען בײַם רב, מחמת דעם אַמאָליגען מנהג, צוליעב וועלכען פרעמדע ווײַבער פלעגען נישט געהן אויף אַ מאַנסביל'ס לויה.

בײַם אַרײַנלעגען דעם מת אין קבר איז פאָרגעקומען וואָס שרעק־ליכעס. דער זײדע האָט זיך עפּעס אַזוי ווי געריהרט פון זינען, האָט

זיך מיט אמאל אַ וואָרף געטהאָן צום קבר און האָט נישט געלאָזען זיין בײַלע־ראשען אַרײַנלעגען אין דער ערד אַרײַן. מיט גרויס שווערינקייטען איז אָנגעקומען אָבצורײַסען איהם פון איהר, און אַז מען האָט זי אַרײַנגעלעגט אין קבר, האָט ער זיך נאָכאמאָל אַ וואָרף געטהאָן צו איהר און געשריען מיט געוואלדיגע קולות:

— איך וויל זײַן אין דער ערד מיט בײַלע־ראשען!...

און האָט געחלש'ט. דאָס האָט געהאָלפען, און מען האָט איהם אָבגעריסען פון קבר.

צוריק פון דער לויה האָט מען ווײַטער געטראָגען דעם זיידען ביז אין שטוב אַרײַן און מען האָט איהם געלעגט אין אַ בעט אַרײַן. אָבער ער האָט זיך ווײַטער אַ וואָרף געטהאָן אויף דער ערד און האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט נעהמען אין בעט אַרײַן. און אַזוי האָט ער אַ האלב פער'חלש'טער אײַנגעשלאָפען. די רופאים האָבען געזאָגט, אַז מען זאָל איהם לאָזען איבערשלאָפען, די ווײַטיגע זענען אַרויס פון דעם חדר און איבערגעלאָזט נעבען איהם די זיהן, טעכטער, שניהר און אײַדעמס. איצט האָט מען געווײנט שטילערהייד, און אַזוי וויינענדיג, איז מען אָבגעשוואַכט געוואָרען. דערמאָלט האָט מען זיך צולעגט אויף דער ערד און די טרעהרען האָבען זיך געגאָסען און געגאָסען.

דער זיידע האָט זיך אַלעמאָל אויפגעכאַפּט און האָט געשריען, אַז מען זאָל איהם בעגראָבען צוזאַמען מיט בײַלע־ראשען. אפנים, אַז ער האָט בעקומען היץ, און פון היץ האָט ער אָפטער אויסגעשריען:

— ראַזבאָיניקעס! וואָס האָט איהר בעגראָבען בײַלע־ראשען אָהן מיר!

דעם גאַנצען פינסטערן מעת־לעת האָט קײנער פון דער פאמיליע נישט גענומען עפּעס אין מויל אַרײַן, אפילו אַ גלעזעל טהײ נישט. אפילו קלײנע קינדער, זעקס־יעהריגע, האָבען אויך נישט טועם טעם געווען פון קײן עסען און טרינקען.

די צווייטע נאַכט איז אַזוי שרעקליך געווען ווי די ערשטע. מעהר פון זיבעציג נפשות זענען געלעגען אויף דער ערד און האָבען אַלץ געווײנט. די טרעהרען האָבען זיך געגאָסען אויף דער פאָדלאָגע און האָבען פּײַכט געמאַכט דאָס האָלץ.

די נאַכט האָט דער זיידע עטוואָס געשלאָפען און פאַרטאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. איהם איז עטוואָס גרינגער געווען.

— אָבער, בײלע-ראַשע, — הויבט ער אָן צו שרייען — נעהם מיך צו דיר, דו ביזט דאָך געווען אַזאַ געטרײַע ווײַב מיט'ן לײַב און לעבען! ווײַז מיר איצט דײַן לעצטע געטרײַשאַפט און בעט בײַ גאָט, ער זאָל מיך צונעהמען אַהין, וואו דו ביזט!

און ווידער וויינט ער, און ווידער חליפעט ער, און ווידער צאַפּעלט ער זיך און נאָך איהם די גרויסע מיט די קליינע און די געחײַנען מישען זיך אַזוי צוזאַמען, פונקט ווי ערב יום-כפור צום בענשען.

דער זיידע האָט בײדע טעג נישט געדאַוועט. די קינדער, וואָס האָבען געהאַט אַן'אײַגענעם גרויסען מנין, האָבען געדאַוועט אין דער-פריה און מנחה און מעריב. בײַם דאַווענען האָט מען אויך געוויינט. דער טאַטע האָט געדאַוועט פאַר'ן עמוד. ער, וואָס האָט געקענט זײַן שטאַרק און נישט וויינען, האָט געזאָגט די ווערטער שטיל און האַרציג, וואָס וואָלט געקענט ריהרען מעהר ווי געוויין. געדאַוועט האָט מען אויפ'ן אויבער-שטיבעל אין דער באַבעס שלאָף-צימער, און אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען שוין געדאַוועט אונטען, אין דער גרויסער שטוב. וואָרום דער זיידע וואָלט נישט געקענט איבערטראָגען דאָס דאַווענען אין שלאָף-צימער. איצט האָט ער אָנגעהויבען דאַווענען פאַר'ן עמוד, אָבער ער פלעגט זיך דאָך פערגעהן וויינענדיג, ווי אַ קליין קינד, און פלעגט אָנהויבען חלש'ען. מען האָט איהם געמוזט צונעהמען פון עמוד.

מען האָט דאָך געמוזט אויסגעפונען אַ תרופה צו די געוויינען. וואָרום מען האָט פשוט געקענט שטאַרבען פון צער און אַנגסט. די שטאָדט-בעלי-בתים זענען געקומען מנחם-אבל זײַן און האָבען פעראָרדענט, אז די דינסט זאָל שטעלען דעם גרויסען סאַמאָוואַר, מען האָט אָנגעהויבען דערלאַנגען אַלעמען טהײַ מיט זעמעל. אָבער מען האָט קוים גע'פועל'ט, אז מען זאָל טרינקען טהײַ. דער זיידע האָט זיך פון טהײַ אויך אָבגעזאָגט.

— איך וויל שטאַרבען, — האָט ער גע'טענה'ט. — איך וויל זײַן נעבען בײלע-ראַשען.

ביי דער דריטער נאַכט האָט ער אפילו איינגעשלאָפען, אָבער ער איז געווען נאָר שלאַף אין געזונד, און יאָשקען דעם רופא האָט מען נישט אָבגעלאָזען. די משפחה, נישט קענענדיג איינשלאָפען, האָט זיך אויסגעזועצט אויף דער ערד און יעדער האָט בעזונדער אָנגעהויבען דערצעהלען מעשיות פון דער באָבע בילע-ראַשע, פון איהרע זעלטענע מעלות, פון איהר גרויסען האַרץ, פון איהר הייסקייט און איבער-געגעבענקייט צו אייגענע און צו פרעמדע. מען האָט דערצעהלט, ווי זי האָט איינגעפלאַנצט שלום צווישען אַלעמען.

אַז עס האָט חתונה געהאַט אַ טאָכטער, צי אַ זוהן אָדער אַן אייניקעל, האָט זי באַלד נאָך שבעת-ימי-המשתה געבעטען צו זיך דאָס פאָרל, נאָר יעדען פון זיי בעזונדער. פאַר דער טאָכטער, דאָס יונגע אייבעל, האָט זי לאַנג גערעדט וועגען דעם, אַז דער מאַן איז דער קאָפּ פון שטוב, ער דאַרף געבען פרנסה, ער דאַרף ערציהען די קינדער, און דער גאַנצער כבוד פון דער פרוי איז אויך נאָר דער מאַן.

— דאַרפסט, — האָט זי איינגעטענה'ט מיט'ן קינד צי מיט'ן אייניקעל — אויסערדעם וואָס דו האָסט ליעב דעם מאַן, אויך איהם אייזען די ליעבע. געוועהנליך, דעם וואָס מען האָט ליעב, וויל מען איהם נאָר פערשאַפען פערגעניגען, און מען וויל איהם, חלילה, ניט מצער זיין. ער דאַרף אָבער זעהן און שפירען, אַז ער איז ביי דיר טייער, ווי דאָס אויג פון קאָפּ, און טאָמער איז ער, חלילה, צו דיר שלעכט און ווייזט דיר נישט קיין געטריישאַפט, זאָלסטו אויף דעם נישט קוקען און זיך נישט רעכענען מיט דעם, וועט ער סוף כל סוף מוזען ווערען צו דיר גוט, ווען ער זאָל אפילו זיין דער ערג-סטער. אויך זאָלסטו מבטל זיין דיין דעה אַנטקעגען דיין מאַנ'ס דעה, חי עס שטעהט אין פרק, אַז דו זאָלסט מבטל זיין דיין דעה געגען דיין חבר'ס דעה, כדי ער זאָל מבטל זיין זיין דעה געגען דיין דעה— און בפרט אַ מאַן! אויב דו ווילסט, אַז דיין מאַן זאָל זיך איננאַנצען צו דיר איבערגעבען, זאָלסטו פריהער ווערען איננאַנצען צו איהם איבערגעגעבען, און וואָס ער רעדט, זאָל זיין ביי דיר קודש-קדשים... אַז ער זאָגט נאַכט און דו זעהסט, אַז עס איז טאָג, זאָלסטו אויך זאָגען נאַכט... וועט ער פאָרט פערשטעהן זיין פעהלער, מחמת דיין

גוטסקייט און וועט דיך האַלט האָבען ווי דאָס לעבען. צו אַ מאַן דאַרף מען ריידען מיט וועלכע רייד און מען דאַרף איהם נישט אַרויסווייזען דעם שכל, דאָס הייסט, מען דאַרף זיך פאַר איהם נישט חנ׳דלען מיט׳ן שכל, וועט ער שטענדיג זאָגען, אַז דו ביזט אַ קלוגע, און דו וועסט טאַקע זיין אַ קלוגע. טאָמער וועסטו איהם ווייזען אין עפּעס אַנ׳ענין אַ גלייכע זאַך און ער וועט דיך נישט פאָלגען און טהאָן אַקוראַט קרום און נאַריש, אַזוי, אַז ער וועט זיך פאַר דיר מודה זיין, אַז ער האָט חרטה — זאָלסטו נישט ווייזען, אַז דיר טהוט דאָס הנאה און זאָלסט איהם, חלילה, נישט ערגערן, נישט אויסעסען דאָס האַרץ, נאָר אַדרבה, שטאַרקען איהם, טרייסטען איהם, מוטהיגען איהם — וועט ער שוין אַליין בעסער איינזעהן, אַז ווען מען פאָלגט נישט, האָט מען חרטה. דו דאַרפסט זעהן דיין מאַן בעטשענען און בעקרוינען און שטאַרקען איהם, ער זאָל הּ׳בען מוטה צו פיהרען זיינע געשעפטען. ווען, חלילה, דאָס געשעפט געהט נישט גוט און ער קען, חלילה, קיין פרנסה נישט געבען, זאָלסטו איהם, חלילה, קיין שלעכט וואָרט נישט ריידען, אַדרבה, זאָלסט איהם טרייסטען און שטאַרקען, ער זאָל ביי זיך נישט זיין געפאַלען. וואָרום טאָמער, חלילה, ריידסטו איהם אַ שלעכט וואָרט אָדער דו פּייניגסט איהם, פערליהרט ער זיין מוטה און עס קומט צו אַ שלעכט לעבען.

אָט אַזוי האָט זי גערעדט מיט יעדער יונגער פּרויענצימער — אַ טאָכטער צי אַ שניהר, צי אַנ׳אייניקעל. דערביי האָט זי אויך געבעטען, אַז זי זאָל איהר שטענדיג דערצעהלען, ווי דער מאַן פיהרט זיך מיט איהר, און האָט אַלץ פערגלעט, פערפיינערט, ווען עס איז נישט געגאַנגען גוט.

מיט די מאַנסבּיל נאָך זייער חתונה האָט זי ווידער גערעדט אויף אַנ׳אַנדער שטייגער, אַז ער דאַרף האַלטען טייער דאָס ווייב ווי „אַנ׳אויג אין קאָפּ״, ער דאַרף שטענדיג געדענקען, אַז דאָס ווייב ליידט, נעבּעך, מיט׳ן טראָגען און מיט׳ן האָבען, וואָס דאָס זענען אַזעלכע יסורים, וועלכע אַ מאַנסבּיל קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלען.

— דו מאַכסט זיך דערנאָך אַ ברית, דו ווערסט אַ טאַטע אָהן וועהטאָג, אָהן יסורים, אָבער וויפיעל קאָסט עס דעם ווייב? הייסט דערנאָך — זויגען דאָס קינד, וויפיעל נעכט קען זי נישט שלאָפען?

דאָס ליגענט אַלץ אויף איהר! דו געהסט זיך אַוועק אין גאַס, אין געשעפט, פערגרעדסט זיך מיט מענשען, געהסט אין בית-המדרש, דאַוועגסט און לערנסט, און רעדסט און פערברענגסט זיך די צייט, און דאָס ווייב זיצט צוגעבונדען אין שטוב נעבען קינד. דאָס קינד ציהט איהר אַרויס דאָס בלוט, דעם מארך פון די ביינער, און אַז טאָמער ווערט, חלילה, קראַנק אַ קינד, וויפיעל געזונד נעהמט עס ביי איהר צו? ניט זי עסט, ניט זי טרינקט און ניט זי שלאָפט. דיר קאָסט עס אַפילו אויך גענוג געזונד, אָבער ווי קען מען דאָס פערגלייכען מיט איהרע יסורים? הויבסט זיך אויף און דו געהסט זיך גאָר אַוועק. און ווי איז נאָך, אַז גאָט העלפט מיט עטליכע קינדער? וואָס ווערט פונ'ם ווייבעל? אַפילו צו ליעבע דאַרף מען דאָס אַלץ גוט פערשטעהן, וועסטו רעכט שאַנעווען און טייער האַלטען דאָס ווייב. אַז מען איז טריי דעם ווייב, איז דאָס לעבען זיס.

ביידען צוזאַמען, ווידער, האָט זי געזאָגט, אַז אין שטוב דאַרף זיין שטיל און די קינדער טאָרען קיינמאָל ניט בעמערקען קיין קריג צווישען מאַן און ווייב. חלילה וחס! דאָס מאַכט קאַליע דעם כאַראַק- טער פון די קינדער און אגב וועלען זיי אויפהערען צו פאָלגען און צו אַכטען די עלטערן.

עס פערשטעהט זיך, אַז מיט מיר האָט זי אויך איינגעטענה'ט דאָסזעלבע. נאָר איך האָב מיך געוואָלט קליגען פאַר איהר און האָב איהר געזאָגט, אַז איך האָב געפונען אַ ספר, אין וועלכען עס ווערט זעהר גוט גערעדט וועגען דעם, ווי אַזוי מאַן און ווייב דאַרפען לעבען. דער דאָזיגער ספר הייסט „קרית סופר" פון מרדכי-אהרן גינצבורג. דאָרט זענען פאַרהאַן בריעף, וועלכע איינער שרייבט צו זיין חבר, וואָס איז אַ חתן געוואָרען, ווי אַזוי ער זאָל זיך פיהרען מיט דעם ווייב. איך האָב איבערגעלעזען די בריעף פאַר דער באָבען און זיי זענען איהר זעהר געפעלען געוואָרען. זי האָט מיר גערעטען, איך זאָל דאָס איבערלעזען פאַר מיין יונג ווייבעל און איך האָב איהר גע- פאָלגט.

אַזוי האָט יעדער דערצעהלט, ווי די באָבע פלעגט איינפלאַנ- צען שלום צווישען מאַן און ווייב, און איהר ארבייט האָט געהאַט אַ גרויסע פעולה. אין אונזער משפחה איז טאַקע געווען אַ גוט-לעבען

צווישען מאַן און ווייב. מען האָט, חלילה, קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט פון איינעם צום צווייטען.

ביסלעכווייז האָט זיך דער זיידע גענומען אויסצולען, קומען צו זיך. ער האָט שוין געקענט טרינקען אַ גלאָז טהיי, אָבער ביי יעדען זופּ האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט.

— בּיילע-ראַשע ליעגט אין דער ערד, און איך קען נאָך טרינקען טהיי.

די אַלע פון שטאָדט, וואָס זענען פריהער געקומען מנחם-אָבל זיין, זענען גאָרניט צוגעגאַנגען צום זיידען. איצט, אַז ער איז עטוואָס געקומען צו זיך, האָט מען זיך שוין געפּרובט נעהמען צו איהם, ווירקען אויף איהם, בעוויזענדיג, אַז ער איז זינדיג מיט דעם, וואָס ער איז אַזוי מתרעם געגען גאָט. אַ מענש טאָר זיך אַליין דאָס לעבען ניט נעהמען. ה' נתן, ה' לקח, גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט צוגענומען. דוד המלך האָט געוויינט, ווען דאָס קינד איז געווען קראַנק, אָבער דערנאָך, אַז דאָס קינד איז געשטאָרבען, האָט ער זיך איינגעוואַשען און האָט געהייסען שפּיעלען. דער זיידע האָט שוין ווייניגער געוויינט און אַלץ דערצעהלט וועגען איהרע שבחים, ווי זי האָט איהם בעהאַנדעלט, וואָס פאַר אַ גאָלדען ווייב דאָס איז געווען, ס'אַרא האַרץ זי האָט געהאַט א. ז. וו.

דעם זעקסטען טאָג איז דער זיידע שוין אויפגעשטאַנען אַ ביסעל רוהיגער. מען האָט געמאַכט טהיי און אַלע האָבען צוגעביסען. ער האָט שוין אויך עפּעס געגעסען. אין שטאָדט האָט מען שוין געוואוסט, אַז אהרן-לייזער איז עטוואָס רוהיגער. ער ליעגט שוין ניט איין אַזוי די וועלט. מען קען שוין פרייער קומען צו איהם מנחם-אָבל זיין, מען וועט שוין קענען רייידען, אויסרייידען אַ וואָרט מיט איהם און איהם חאָטש דערצעהלען עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך פון זיין בּיילע-ראַשען גאָרניט געוואוסט.

האָבען אָנגעהויבען צו געהן מאַסען מענשען פון עלף אַ זייגער אָן. איבער'ן טאָג זענען געקומען הונדערטער מענשען, מאַנסביל און ווייבער, מנחם-אָבל זיין.

איינער פון די, וואָס זענען געקומען מנחם-אָבל זיין, האָט דערציילט דערצעהלט, ווי איינמאָל האָט ער ניט געקענט דורכקומען מיט

זײַן ווײַב. עס איז אַוועק אַ קריעג און ער איז געקומען צו בײַלעראַשען זיך בעקלאָגען אויף זײַן ווײַב.

—מיט איהר חכמה, האָט זי מיר געמאַכט ווײַלער דאָס האַרץ און אגב האָט זי מיר דעם ווײַב'ס חטאים געמאַכט פיעל גרינגער. דערבײַ האָט זי מיר אַזוי מאָדנע גוט געראַטען און פאַרגעשטעלט די זיסקײַט פון אַ גוט לעבען צווישען מאַן און ווײַב, דאָס פערגעניגען דערפון, און פערקעהרט, דעם גיהנם פון אַ שלעכט לעבען, די האַרצ-וועהעניסען מיט די פלאָגען, אַז איך האָב געזעהן בחוש, אַז איך מוז צוין די רגע גוט ווערען מיט דעם ווײַב, וואָס מיט אַ מינוט פריהער איז בײַ מיר רעכט געווען זי צו גט'ן. און אַז איך בין אַוועקגעגאַנגען, האָט זי געשיקט בעטען מײַן ווײַב אויף אַ בעשטימטע שעה, ווען אהרן-לײַזער איז נישטאָ אין דער-היים, און האָט מיט איהר אויך אַזוי אײַנגע'טענה'ט מיט איהר חכמה, אָנגעזאָגט, ווי זי זאָל זיך פיהרען ווײַטער און עס איז בײַ אונז אַוועק אַ בעסער לעבען. מיר האָבען זיך בײַדע אומגעקוקט, אַז מיר קריעגען זיך פאַר גאָרנישט. אַמאָל בין איך אומגערעכט, אַמאָל זי. צוליעב וואָס? פאַרוואָס? און פון דעמאָלט אָן לעבען מיר זיך גאָט צו דאַנקען זעהר אַ גוט לעבען שוין נײַן יאָהר. מיר זענען בײַדע געקומען איהר בעדאַנקען. זאָל איהר גאָט געבען אַ ליכטיגען גן-עדן. זי האָט אונז ממש געראַטעוועט מיט איהר חכמה און צדקות.

אַזוינע מעשיות האָבען זיי אָנדערצעהלט פיעל. מען האָט געזאָגט, אַז אין איהר צײַט איז קיין גט אין קאַמעניץ נישט געווען. זי האָט אַלץ אָבגעהיט דערפון, נישט דערלאָזען צו דעם און האָט אַלץ געזוכט שלום צווישען אַלעמען. איצט, בעת גט'ן מעהרען זיך, ווי שוואוימען נאָך אַ רעגען, בעת די שטימונג איז אַזאַ, אַז יעדערער וויל צורײַסען מיט אַמאָל אַ געלעגטערטען אָרט, אײַדער צו פערלאַטען עס, ווי מען האָט זיך אַמאָל געפיהרט — איצט, זאָג איך, קלינגט די מעשה מיט דער באָבע אַ ביסעל נאַאיוו, אָבער זי האָט פאָרט געהאַט גרויס טאַלענט און גרויסען כח צו פערגלעטען, פעררעכטען און אויפשטעלען אַ שלעכט לעבען. צו איהר פלעגען קומען דערוואַקסענע קינדער זיך בעקלאָגען אויף אַ שטיף-מוטער. דעמאָלט האָט זי געשיקט רופען די שטיף-מוטער און מיט איהר חכמה און האַרציגקײַט

געווירקט, אז יענע זאל בעסער ווערען, זאל זיך נישט שטעלען אזוי געגען יתומים און די קינדער זאגען דערנאך געקומען בעדאנקען בײלע-ראשען.

אט אזוי איז בײ איהר געוועזן פול די שטוב מיט אזוינע ענינים. דער — אריין, דער ארויס—דעם גאנצען טאג, אבער אלין אין דער צײט, ווען אהרן-לײזער איז געוועזן בײ די פריצים. זי האט געבעטען, אז ווען איהר מאן איז אין דער-היים, זאלען זײ צו איהר אזוי אפט נישט קומען, ווײל זי וויל איהם נישט שטערען די רוה אין די עסקים זײנע.

אויך האט מען אנגעהויבען דערצעהלען פון איהרע שטילע צדקות, וואס זי האט געגעבען און דער מאן האט נישט געוואוסט. זי האט נישט געוואלט, אז מען זאל וויסען. זי האט געשטיצט געפאלענע בעלי-בתים, וועלכע זענען געבליבען אהן ברויט. זי פלעגט זײ שוין ארײנשיקען פון אלע „יארזשינעס”, וואס די פריצים פלעגען איהר ארײנשיקען גאנצע פוהרען: קארטאפעל, קרויט, בוריקעס, מערען, ציבעלעס, פרוכטען א. ד. גל.

די באבע האט אלעמאל געזאגט דעם זײדען, אז ס'איז שוין נישטא מעהר קײן יארזשינעס און ער האט שוין געזעהן, אז מען זאל צושיקען פון דאס-נײ פון פריץ. בעקומענדיג נײע יארזשינעס, פלעגט זי באלד ווידער צושיקען אלע בכבוד'ע געפאלענע בעלי-בתים. אויך האט זי אין הקדש ארײנגעשיקט שטענדיג פון אלץ. אין הקדש פלעגט זי אויך שיקען פלײש. בײם זײדען פלעגט מען איבער'ן ווינטער קוילענען א גאנצען אקס, א סך שעפסען און קעלבער, קײן פלײש האט כמעט גארנישט געקאסט, און זי פלעגט באלד מאכען א סך הכל מיט דעם: צוטײלען דער פאמיליע, די בכבוד'ע ארימע יודען, אין הקדש א. ז. וו.

דער זײדע האט זיך קײנמאל נישט געחאפט, וואס בײ איהם פלעגט עפעס אלין אוועקגעהן אזוי פיעל. ער איז געוועזן זעהר א פערנומענער מענש.

אויך פלעגט זי זעצען פיעל גענז און פרעגלען שמאלץ, און אין דערזעלבער צײט, ווען זי האט צוטײלט דער פאמיליע, האט זי נאך מעהר געטײלט די ארימע.

זומער פלעגט זי אָנפּרעגלען פיל אייַנגעמאַכטס און פערשידע־נע סאָקען. אויף אייַנגעמאַכטס אַליין פלעגט בייַ איהר אַוועקגעהן גאַנצע זעכציג פונט צוקער! און אַז עמיצער איז קראַנק געוואָרען אין שטאָדט, איז מען געקומען צו איהר נאָך אייַנגעמאַכטס. דער דאַרף דאָס צו קאָמפּאָט, אַ צווייטער צו דערקוויקען דאָס הארץ. און אָט אַזוי האָט זי אַלץ עוסק געווען אין דעם אַלעם.

זי האָט געהאַט די גאַנצע שטאָדט אויפ'ן קאָפּ מיט די אַלע נעפאַלענע און נויט־בעדערפטיגע. נאָר געלד האָט זי ווייניג געגעבען צדקה, זי האָט בעדאַרפט האָבען אַ סך געלד פאַר דער גאַנצער פאַ־מיליע און דער מאַן האָט איהר נישט געגעבען אַזוי פיעל, וויפיעל זי האָט בעדאַרפט. אַז זי האָט איהם אַמאָל געזאָגט:

— אהרן-לייזער, איך דאַרף האָבען פינף־און־צוואַנציג רובל.

— איך האָב נישט! — פלעגט ער זיך קענען דערויף אַ זאָג טהאָן, בעת ער האָט איהר יאָ געקענט געבען.

און זי האָט איהם שוין דאָס אַנדערע וואָרט נישט גערעדט, האָט זיך געמאַכט אַ פרעהליכע מינע, ווי ס'איז גאָרנישט געשעהן, ווי זי האָט גאָר אויף איהם קיין פערדראָס נישט. זי האָט דאָך אָבער פאָרט בעדאַרפט האָבען געלד, פלעגט זי לייהען בייַם שוואָגער מרדכי־ליב'ן. אָנשטאָט געלד פלעגט איהר אהרן־לייזער אַרייַנשיקען צום שענק אַ פאַס בראָנפען פאַר הונדערט רובל, און אַז זי האָט איהם אין עטלי־כע טעג אַרום געזאָגט, אַז זי דאַרף האָבען ווידער בראָנפען, פלעגט ער שוין באַלד הייסען ברענגען פון פריץ. און מיט בראָנפען פלעגט זי צאָהלען דעם שוואָגער די גמילת־חסדים.

דעם מאַן איז זי קיינמאָל נישט געווען דאַנקען—נישט מיט אַ וואָרט און נישט מיט אַ תנועה. האָט ער געזאָגט יאָ — איז יאָ, האָט ער געזאָגט ניין — איז ניין, און דערפאַר פלעגט זיך איהם ווע־לען פאָלגען איהר שטענדיג, און אַז ער פלעגט בעגעהן געגען איהר אַנ'עולה, פלעגט ער זי איבערבעטען:

— איך זאָג דיר דעם אמת, מיין ליעב ווייַב, אַז ווען איך פאָלג דיך נישט, פאַל איך שטענדיג מיאוס אַריין.

און זי האָט איהם באַלד פערגלעט מיט אַ ווערטיל, מיט אַ שמייכעלע.

— ניש'קשה, דו האסט קיין עין-הרע נענוג שכל. מען דארף דיך, חלילה, נישט לערנען און אזא יורענע, ווי איך, דארף דיך אודאי נישט לערנען. נאר א מענש, דער קליגסטער אפילו, קען אמאל טהאן א נארישקייט... א מענש איז נישט קיין מלאך. ניש'קשה, ניש'קשה...

אט אזא ווייב האט געהאט דער זיידע און נישט אומזיסט האט ער אזוי איינגעלענט די וועלט, ווען זי איז געשטארבען.

אז מען איז אויפגעשטאנען פון שבעה האט די גאנצע פאמיליע געהאט געשוואלענע אויגען פון וויינען און טויטע פנים'ער, פערמארעטע פון הונגער...

אט אזוי האט זיך אמאל געפיהרט און געלעבט א יודישע פרוי, וואס פון די אונגעהויערע מעלות איהרע איז ביי די היינטיגע יודישע פרויען כמעט קיין זכר נישט געבליבען. זיי זענען אמאל געוועזען נישט קיין סך, היינט גארנישט.

איך האב שוין ערגעץ גערעדט וועגען דער בעדייטונג פון מיין שטילער און הארציגער באבען אין אונזער משפחה. די בעדייטונג וועט אבער ווערען מעהר קענטיג פאר'ן לעזער, ווען איך וועל זאגען, אז נאך דער באבעס טויט איז צופאלען געווארען אונזער גרויסע משפחה. עס איז צורונען געווארען דער אחדות, מען איז געווארען קעלטער און פון „צארסקען פאלק״ איז געווארען א תל... אויב דער „צארסקער פאלק״ האט געהאט א פאלקאווניק, וואס אהן דעם וואלט ער, פערשטעהט זיך, נישט זיין קיין צארסקער פאלק — איז דאס געוועזען א שטילער, אונבעמערקטער פאלקאווניק — מיין באבע ... וואס האט געהיט איהרע סאלדאטען מיט מסירת נפש. און דער זיידע איז נאר געוועזען א בראווער, א גוטער און א רוישיגער קאפיטאן!

ניין־און־צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

חסידות און מתנגדות. — וואָס פאַר אַ רייץ ליגט עס אין חסידות, וואָס האָט אויפגעריהרט די גאַנצע יודישע וועלט? — מתנגדות אַלס שיטה. — דער שולחן־ערוך. — די חסרונות פון מתנגדות. — חסידות. — דער בעל־שם. — די צוגענגליכקייט פון חסידות פאַר אַלע שיכטען פון פאָלק. — ר׳ משה־חיים לוצאַטו. — מסילת ישרים. — די דעמאָקראַטישע אויפפיהרונג פון חסידים. — דער רבי און די חסיד'ישע שמחות. — די חסרונות פון חסידות. — דער סך־הכל.

מיט מיין באָבעס טויט האָט זיך איינענטליך בעדאַרפט שליסען דער ערשטער טייל פון מיינע זכרונות. איך פיהל אָבער, אַז עס מוז וואָס געזאָגט ווערען וועגען חסידות און מתנגדות. ווי דער לעזער האָט בעמערקט, איז אין מיין בוך אַ סך מאָל בעריהרט געוואָרען דער קאַמפף צווישען חסידות און מתנגדות. אָט דער קאַמפף, וועלכען איך האָב אַליין בעדאַרפט דורכטראָגען אויף מיינע פּלייצעס, האָט מיר געקאָסט נישט ווייניג געזונד, און דעריבער, ווילענדיג נישט ווילענדיג, מוז איך דאָך איין מאָל שטעלען אין כלל די פראַגע: וואָס פאַר אַ רייץ ליגט עס אין דעם חסידות, וואָס האָט אויפגעריהרט די גאַנצע יודישע וועלט און וואָס האָט איבערגעצויגען צו זיך אַ געוואַלדיגע צאָהל יודען אין די שטעדט און שטעדטלעך? אין וואָס פאָרט ליגט

זײַן קראַפט? פאַרוואָס האָט דער חסידיזם געקענט אַפילו בײַ מתנגד'ישע רבנים צונעמען די קינדער און אָנמאַכען אַנ'אמת'ן חורבן אין אַ מתנגד'ישער משפחה? איך וועל מיך פּרובען נאָך מײַנע כחות נאָך צו פערענטפערן די דאָזיגע פראַגע. מחמת נישט אַלע ווייסען בכלל דעם תמצית פון חסידות און אַפילו פון מתנגדות, וועלען מיר פּרובען דעם ענין עטוואָס פערברייטערן און קלאָרער מאַכען.

מתנגדים פיהרען זיך לויט דעם שולחן-ערוך, אין וועלכען עס קומען אַרײַן אַלע דינים פון תורה שבכתב און תורה שבעל-פה. דאָס זענען אַלץ דינים-מעשים, וואָס דער מענש דאַרף טהאָן און וואָס ער דאַרף נישט טהאָן; אָבער דער שולחן-ערוך האָט נישט געשריבען, וואָס דער מענש דאַרף טראַכטען און דענקען, ווי די גמרא זאָגט, רחמנה לבי בעי, דאָס הייסט, גאָט פאָדערט דאָס האַרץ, וועגען דעם איז אין שולחן-ערוך גאַרנישט דערמאָהנט. אין אַזוי האָבען די גאונים נאָכ'ן שולחן-ערוך געשריבען, וואָס אַ יוד דאַרף טהאָן, ווי ער דאַרף זיך פיהרען און אַלץ שווערער געמאַכט די שווערע יודישע דינים, וואָס איז געווען אונמעגליך איבערצוטראָגען.

הגם דער בערימהמטער ספר חובת-הלבבות, וואָס איז פערפאַסט פון רבינו בחיי הזקן, מיט אַלט הונדערט יאָהר צוריק און רעדט אַרום מיט זעהר קלאָרע און דײַטליכע ווערטער, ווי אַזוי דער מענש דאַרף נאָר רייניגען דאָס האַרץ מיט גוטע מדות, דאָך נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער ספר איז זעהר אָנגענומען, מײַער און פּאָפּולער בײַ יודען ביז היינטיגען טאָג, האָט דער שולחן-ערוך, וואָס איז אַרויס פיעל שפּעטער פון חובת-הלבבות, פונדעסטוועגען פערנומען בײַ יודען דעם הויפּט-פּלאַץ. דער שולחן-ערוך איז געוואָרען בײַ זיי דער גאַנצער עיקר פון יודישקייט און געוויזען מצוות-מעשים, דאָס הייסט נאָר טהאָן מצוות בפועל ממש, אָבער נישט דענקען. די מצוות, וואָס זענען שייך צו דער נשמה, צו דער פּסיחיק פון מענשען, ווי גאוה, ענוה, אהבה, שנאה, קנאה, כעס, חניפה, שלום וריב ומדומה, לויט דעם זין פון דער תורה און נביאים זענען געוואָרען בײַ יודען אַ תפל, אַ מין בײַ-זאַך, אויף וועלכע מען קען קוקען מיט פערדראָס, מיט האַרץ-וועהטאָג, אָבער דאָך פאַרבײַלאָזען פאַרבײַ אויג.

לויט דעם שולחן־ערוך מיט די איבעריגע גאונישע ספרים, דאַרף אַ יוד דאַוונען און לערנען, און פאַסטען, און זיך פּייניגען און גאָר קיין הנאה נישט האָבען פון דער וועלט, אַזוי ווי מען דערצעהלט פון ווילנער גאון, וועלכער האָט געפיהרט אַ גרויסע מחלוקת מיט די חסידים, אַז ער פלעגט אָבריכטען גלות, פלעגט ער ברויט נישט עסען, נאָר שלינגען, כדי ער זאָל קיין טעם פון עסען נישט פיהלען.

און די פרומע מתנגדים האָבען טאַקע געדאַוונט פיעל און געלערנט פיעל, און געטהאָן מצוות פיעל, און האָבען זיך פיעל געפּייניגט, און פיעל געוויינט, און נאָך אַלעם זענען זיי געווען אין גרויסען שרעק פאַר די מלאכי־חבלה, וואָס פּייניגען דעם מענשען אויף יענער וועלט מיט די שרעקליכסטע יסורים, וואָס אַ מויל קען נאָר אויסריידען.

דער פרומער מתנגד איז שטענדיג געווען פערטרויערט, פערחושכ'ט און דערשלאָגען: פון דער וועלט האָט ער נישט געטאָרט געניסען און פאַר יענער וועלט האָט ער מורא געהאַט, און ער איז קיינמאָל נישט יוצא געווען פאַר'ן שולחן־ערוך און פאַר די ספרים פון די גאונים. ער איז שטענדיג געווען הינטערשטעליג אין אמונה־זאַכען און האָט זיך געשראָקען פאַר דער הינטערשטעליגקייט.

און ווער רעדט — יענע מתנגדים, וואָס האָבען נישט געהאַט קיין שטאַרקע פרומע נאַטורען, זענען אַודאי געווען דערשלאָגען פון זייער שוואַכער יודישקייט און האָבען שטענדיג געלעבט אין איין אימה און פּחד פאַר דעם דין וחשבון פון בית־דין של מעלה, וועלכער בעשטראָפט שרעקליך פאַר יעדע מינדסטע עבירה.

אַזוי האָט זיך יעדער מתנגד אַרומגעטראָגען מיט זיין אמונה־צער, און קיין ברעקעל שמחה איז ביי זיי נישט געווען צו זעהן. אַ פערצאָגט פאָלק, וואָס ליידט גלות און צרות, און אויסערדעם האָבען זיי אַ יענע וועלט, נאָכ'ן טויט, נאָך מיט גרעסערע יסורים, וואָס די יסורים פון דער וועלט זענען אַ טראָפּען אין ים אַנטקעגען יענע.

לויט דער שיטה פון מתנגדים קען אַן עם־הארץ, אַ יוד, וואָס קען נישט לערנען, אַודאי קיין ערליכער יוד נישט זיין. ער מוז

לערנען און וויסען אט די אלע דינים, ער דארף בכלל לערנען, לערנען און לערנען · עס פערשטעהט זיך, אז אנ׳עם-הארץ האט ביי קיינעם קיין ווערט נישט, ער ווערט געהאסט, און אויב ער איז אנ׳א-רימאן, וואס צוליעב דעם דארף מען איהם געוויס מוחל זיין זיין עם-הארצות, ווערט ער נאך דערצו געהאלטען פאר א געמיין בעטע-פעניש. אזא יוד איז ביי זיך געגוג געפאלען, ווארום ער איז נישט מעהר ווי א בן-אדם, און די איבעריגע זענען בני-אלהים.

אין אט דער נידריגער מדרגה האבען זיך שטענדיג געפונען בעלי-מלאכות. בעלי-מלאכות זענען פון ארימע עלטערן. די ארימע עלטערן האבען אבגעגעבען די קינדער יונגע צו דער ארבייט. די קינדער האבען דעריבער נישט געקענט לערנען, זענען געווען עם-הארצים און נאך ארימע-לייט! איז ביי מתנגדים א בעל-מלאכה פער-רעכענט געווען ווי א געמיין בעשעפעניש. עס פערשטעהט זיך, אז פון אזא בעציהונג צו א פשוט׳ען יודען, וואס האט זיך, נעבעך, צוליעב דלות געמוזט אברייסען פון לערנען, האט זיך ביי די מתנגדים גע-מוזט שטארק ענטוויקלען דאס געפיהל פון גאוה.

הערשט טאקע שרעקליך דאס געפיהל פון גאוה ביי מתנגדים. א קליינינקייט—כבוד! יאגען זיי זיך נאך כבוד אויף אלערליי אופנים. יעדער מתנגד מעסט מיט א מאס זיין יחוס און דעם חבר׳ס יחוס. דער יחוס בעשטעהט פון צוויי סארטען: רייכקייט-יחוס און תורה-יחוס. געהט עס אזוי: ווער עס קען בעסער לערנען, צי ווער עס האט טויזענד רובל האלט זיך גרויס געגען דעם, וואס האט הונדערט רובל, און דער, וואס האט צעהן טויזענד רובל, האלט זיך גרויס געגען דעם, וואס האט טויזענד א. ז. וו.

איצט איז פערשטענדליך די נידריגע און דערשלאגענע מדרגה, אין וועלכער עס געפינען זיך אין די שוהלען און בתי-מדרשים די ארימע-לייט (סוף כל סוף פאלט די חרפה פון עם-הארצות נאר אויפ׳ן ארימאן, ווארום אן די עם-הארצות פון גביר פערגעסט מען צוליעב זיין געלד). מיט זיי שעמט מען זיך צו רייד׳ען, פאר זיי זענען אויס-געטיילט ערטער נעבען טהיר און מען קוקט זיך נישט אום אויף זיי.

אויך פעהלט ביי מתנגדים די מדה פון אחדות און שלום. יע-דערער לעבט פאר זיך און קיינער וויל נישט וויסען, וואס דער

אַנדערער מאַכט. אַז דאָס געפיהל פון גאוה איז שטאַרק ענטוויקעלט, ענטוויקעלט זיך שוין במילא דאָס געפיהל פון קנאה, און אַזוי פּער־ גינט מען נישט ביי מתנגדים איינער דעם אַנדערן נישט יענעמס געלד נישט יענעמס כבוד, נישט יענעמס יחוס. און שטענדיג איז ביי זיי קריעג און מחלוקת סיי אין די שטאָדטישע ענינים, סיי אין פּריוואַטען לעבען און סיי אין די בתי־מדרשים.

די בתי־מדרשים זענען ביי יודען דער איינציגער אָרט, וואו מען קלויבט זיך צונויף. אַמאָל פלעגט מען פערברענגען דעם גרעסטען טייל צייט אין בית־המדרש. דריי מאָל אין טאָג דאַוונען, לערנען און גלאַט שמועסען. אַזוי איז דער בית-המדרש דער איינציגער „קלוב״ ביי יודען. נאָר צוליעב דער מתנגד'ישער שיטה איז איינגעפיהרט, אַז יעדער האָט זיין בעשטימטען אָרט, וועלכען ער קויפט פאַר געלד, און אַז ער קומט אין בית־המדרש צום דאַוונען, שטעלט ער זיך אויף זיין פלאַץ, וואָס הייסט „שטאָט״. יעדער האָט אין בית־המדרש זיין שטאָט, וואָס גיעהט איבער צו די קינדער בירושה. די „שטעט״ שפּיע־ לען אַ גרויסע ראָליע אין דעם ענין פון כבוד און יחוס. אַ מתנגד קען זיך אָנטהאָן די גרעסטע שוועריגקייטען, אַבי ער זאָל האָבען אין בית־המדרש אַ העכערע שטאָט פון זיין חבר, אָדער האָטש נישט קיין קלענערע.

אין די שטעדטלעך, אין מיינע קינדערשע יאָהרען, געדענק איך, אַז דער פּרייז פון אַ שטאָדט אין מזרח איז געווען אַזוי גרוים ווי דער פּרייז פון אַ הויז. די דאָזיגע „שטעט״ האָבען נישט וועניג בלוט קאָליע געמאַכט דעם מתנגד, און דער, וואָס וועט אַמאָל שרייבען די גע־ שיכטע פון זיי, וועט האָבען אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס וועט איהם גיכער דערמאָהנען אין אַ דראָבנער העסליכער מלחמה, איידער אין אַנ'ענין, וואָס איז שייך צו אמונה, צו אַ שוהל.

די אָרימע־לייט, ווי געזאָגט, שטעהען ביים סאמע טהיר. זיי האָבען נישט קיין אָרט, וואו צו זיצען, פונקט ווי זיי וואָלטען געווען שטיינער און נישט קיין מענשען. און קיין איין מתנגד האָט זיך זיי־ כער — חאָטש אויף אַ רגע'לע — נישט פערקלערט, צי איז דאָס פּאַסיג פאַר גאָט'ס הויז, אַז מענשען זאָלען דאָרט געטיילט ווערען אויף „שענער״ און אויף „מיאוס'ער״, אויף רייכער און אויף אָרימער.

אַפילו בײַ די עליות צו דער תּורה איז ווײַטער כּבוד. מען טײלט די בעלי-בתּים עליות און אין די עליות זענען אויך דאָ מדרגות, ווי למשל, שלישי, ששי, וואָס זענען די העכסטע מדרגות. און שביעי, אחרון, מפטיר, וואָס זענען שוין פון אַ קלענערער מדרגה, און רביעי, חמשי — פון נאָך אַ קלענערער. דער גבאי, וואָס שטעהט בײַ דער תּורה און טײלט די עליות, וועגט דעם כּבוד פון יעדען בעל-הבית און קנײטשט גוט דעם שטערן, צי פּאַסט די און די פּרשה פון אונזער הײליגער תּורה, וואו יעדעם וואָרט איז אַן אוצר, פאַר דעם און דעם בעל-הבית, ווי משונה דאָס איז! און דאָס רוב מסתּמא „פּאַסט" זי נישט, קריגט מען זיך, שלאָגט מען זיך אַפילו, און מיט שנאה-קנאה איז אָנגעפילט די אַטמאָספערע פון אַ מתנגדים-שוהל.

עליות זענען פאַרהאַן אינגאַנצען אַלט, צווישען די פּאָר הונדערט דאַוונער זענען אָבער פאַרהאַן אין יעדער שוהל בײַ עטליכע צעהנדליג גבירים נגידים, גרויסע בעלי-בתּים און „שײנע" יודען, וואָס ווילען אונבעדינגט אַן עליה — צוטײלט מען בײַ מתנגדים די פּסוקים פון דער תּורה און מען רופט אויף נאָך ששי נישט פּרשה'ווײַז, נאָר פּסוקים'ווײַז.

די אָרימע-לײַט ווערען כּמעט קײנמאָל נישט אויפגערופען צו דער תּורה. ווי יודען און ווי פרומע יודען, פערשאַפּט עס זײ, פערשטעהט זיך, אַ סך צער און פערדרוס, און דערפון מסתּמא האָט זיך דאָס גענומען, וואָס דאָס רוב האָבען אָרימע מענשען און בעלי-מלאכות אײַנגעאָרדענט מנינים פאַר זיך, וואו זײ קענען געניסען אַן עליה און אָבאָטעמען פרײַ פון די חרפּות, וואָס זײ האָבען אויסצושטעהן אין די שוהלען און בתּי-מדרשים.

אַלזאָ, איז אין בית-המדרש בײַ די מתנגדים נישטאָ קײן אחדות און קײן שלום, און קײן שמחה. אַזוי ווי אין דער-וואָכען, אַזוי איז שבת און יום-טוב. יעדער מתנגד געהט נאָכ'ן דאַוונען אַהײם, עסט אָב מיט זײַן פאַמיליע און געהט שלאָפען. מען זינגט נישט, מען טאַנצט נישט. מען פרעהט זיך נישט. אָדער געדאַווענט, אָדער געלערנט, אָדער עפּעס געטהאָן, אָדער געגעסען, אָדער געשלאָפען. ויילען, וואָס זאָלען זײַן אויסער דאַוונען, אויסער לערנען, אויסער

עסען און שלאָפען, טאָרען נישט זיין. עס פערשטעהט זיך, אַז פון דעם אַלעם איז דער מתנגד אַריינגעפאַלען אין אַ שרעקליכער טרוקענ־קייט, אין אַ מין וויסטעניש, וואו שמחה, עקסטאַז און אמת'ע לעבענס־בעגייסטערונג האָבען גאָרנישט געקענט זיין.

דאָס זענען אין קורצען די חסרונות פון מתנגדות, אַלס אזעלכעס: אָבגעזונדערטקייט, אָבגעטיילטקייט, אימה פאַר יענער־וועלט, אַבסאָלוט אָהן דער וועלט, האַס און פעראַכטונג צו אונשולדיגער עם־הארצות, וואָס איז געפאַלען בלויז אויפ'ן אָרימאַן, מחמת דעם גביר, דעם עם־הארץ, האָט מען מוחל געוועזען. האַס און פעראַכטונג צום אָרימאַן בכלל, אַלס אזעלכען, גאוה, קנאה, שנאה, מחלוקת, יחוס, און איבערהויפט, טרוקענקייט, לעבענסלאָזיגקייט, אָהן שמחה, אָהן פרייד, אָהן עקסטאַז, — אָט די אַלע זאַכען, וואָס זענען שטענדיג אַזוי צום האַרצען די דעמאָקראַטישע טיילען פון פאָלק. עס פערשטעהט זיך, אַז בייַ אַזוינע בעדינגונגען האָט ביי יודען געמוזט אַרויסשפּרינגען עפּעס אַ נייע שיטה, אַנ'איבערקעהרעניש, אַ נייעס, וואָס איז טאַקע באַלד געקומען.

געקומען איז עס מיט אַ הונדערט־זיבעציג יאָהר צוריק, — מיט'ן בעל־שם, וועמען עס האָט געלונגען צו זיין דער פאָטער פון דער איבערקעהרעניש. דער בעל־שם האָט געאַרבייט אין צוויי פּונקטען: פון איין זייט האָט ער פערגרינגערט דעם יאָך פון אמונה, וואָס איז געוועזען אונמענליך אַריבערצוטראָגען, און אַז מען האָט איהם שוין יאָ אינגאַנצען אָבגעהיט און געטראָגען אויף זיך, איז מען נאָך אַלץ נישט געוועזען זיכער מיט יענער וועלט; פון דער צווייטער זייט, ווידער, האָט ער געזעהן צו פערשטאַרקען דאָס יודענטום אין דעם זין, אַז די אייראָפּעאישע בילדונג, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבען אַריינצושפּאַרען צו אַלע פעלקער, זאָל נישט קאַליע מאַכען די יודען אַלס פאָלק.

און נאָך דעמאָלט האָט דער גאון'ישער בעל־שם פערשטאַנען די אונגעהויערע בעדייטונג פון דער תלמוד'ישער פראַזע, וועלכע ער האָט אָבגעפרישט און פערשפּרייט צווישען זיינע אָנהענגער: בעבור שלשה דברים נגאלים ישראל, עבור שלא שינו את בגדיהם ולשונם,

ושמותיהם. צוליעב דריי זאכען זענען יודען אויסגעלייזט געווארען, ווייל זיי האבען נישט אומגעביטען זייער שפראך, זייערע נעמען און זייערע קליידער.

דער בעל-שם האט זיך אויך בעצויגען מיט זיין שיטה אויף דער תורה, נביאים, כתובים און תלמוד.

קודם-כל האט דער בעל-שם צובראכען די שווארצע וואנד, וואס מתנגדים האבען אוועקגעשטעלט צווישען יודישקייט און שמחה, צווישען אמונה און לעבען. ער האט געזאגט, אז גאט האט הנאה פון שמחה, פון לעבען און אז אפילו עסען און טרינקען איז אויך לשם שמים. די כהנים, צום ביישפיעל, האבען בעדארפט עסען די קרבנות אין היילינגען ארט, אין אוהל-מועד. אז א יוד דארף דינען גאט מיט שמחה, שטעהט אין דער תורה אין דברים ביי דער תוכחה אין פסוק מ"ד: תחת אשר לא עבדת את ה' אלהיך בשמחה ובטוב לבב, ווייל דו האסט נישט געדינט גאט מיט שמחה אין מיט הארץ, דער־פאר האסטו די תוכחה. אויך געפינען מיר אין שמואל: ופגעת חבל נביאים יורדים מהבמה ולפניהם נבל, ותוף, וחליל, וכנור — והמה מתנבאים. שמואל האט געזאגט צו שאול'ן: אז דו וועסט געהן, וועסטו בעגעגענען א מחנה נביאים געהען פון הייליגען ארט, און ביי זיי איז א פויק מיט א פייפעל און א פידעל, און זיי זאגען נביאות. ווייזט דאך אויס, אז די נביאים האבען אנדערש נישט געקענט נביאות זאגען, נאר ווען זיי האבען געשפיעלט. אין דברי-הימים איז אויך פארהאן: ווען דוד האט מנדב געווען פיעל גאלד און זילבער אויפ'ן בית-המקדש, האט ער געזאגט אין זיין תפילה: ועתה עמך הנמצא פה ראיתי בשמחה להתנדב לך: דיין פאלק, וואס געפינט זיך דא, האב איך געזעהן, אז זיי זענען זיך מיט שמחה מנדב צו דיר. אין תהילים מ"ג: ואבואה אל מזבח אלהים אל אל שמחת גילי, ואודך בכנור אלהי, תרננה שפתי כי אזמרה לך, ונפשי אשר פדית. איך וועל קומען אין מזבח פון גאט מיט מיין פרייד און איך וועל לויבען מיט מיין פידעל דיך, גאט. מיינע לעפצען וועלען זינגען און מיין נפש וועט זינגען צו דיר, וואס דו האסט מיך אויסגעלייזט. נאך איז פאר־האן אין תהילים ס"ח: צדיקים ישמחו, יעלצו לפני אלהים וישישו בשמחה, די צדיקים פרעהען זיך פאר גאט און פרעהען זיך אין שמחה,

אויף דעם זאָגט דער מדרש: כשתהיה עומד להתפלל יהא לבך שמח עליך שאתה מתפלל לאלהים שאין כיוצא בו. כי זאת היא השמחה האמתית. יהי לבי של אדם עלז ואין השכינה שורה אלא מתוך שמחה של מצוה.

ווען דו ווילסט שטעהן און דאַווענען, זאָל דיין האַרץ אין דיר זיך פרעהען, וואָס דו דאַווענסט צו אַזאַ גאָט, וואָס איז זיין גלייכען נישטאָ, ווארום נאָר דאָס איז די אמת'ע שמחה, ווען דאָס האַרץ פון מענשען איז דורכגעדרונגען מיט פרייד. אין תהילים ק׳: עבדו את ה׳ בשמחה באו לפניו ברננה. דינט גאָט מיט שמחה און קומט פאַר איהם מיט געזאַנג. דערויף זאָגט די גמרא אין שבת ס׳ו: אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה של מצוה. די שכינה רוהט נישט אַנדערש, נאָר בעת דער שמחה פון אַ מצוה. תהילים ק״ד: יערב עליו שחי ואנכי אשמח בה׳. פאַר גאָט זאָגען זיס מיינע רייד און איך פרעה מיך מיט גאָט. אין תהלים קמ״ט: ישמח ישראל בעושיו בני ציון יגילו במלכם, ישראל פרעהט זיך מיט זיין בעשעפער, די בני-ציון פרעהען זיך מיט זייער מלך. שיר השירים: משכני אחריך נרוצה, הביאני המלך חדריו, נגילה ונשמחה בך: ציה מיך, גאָט, איך וועל דיר נאָכלויפען. דער מלך האָט מיך געבראַכט אין זיינע חדרים, וועלען מיר זיך פרעהען און פערגעניגען האָבען מיט דיר.

דער בעריהמטער ר׳ משה-חיים לוצאַטו, וואָס איז נאָך געווען פאַר'ן בעל-שם, האָט געשריבען אין זיין „מסילת ישרים״, אַז אַ יוד דאַרף נאָר רייניגען דאָס האַרץ פאַר גאָט. שוין אין דער הקדמה זאָגט ער: „שידמו רוב בני אדם, שהחסידות תלוי באמירת מזמורים הרבה, ודוים ארוכים מאוד, צומות קשים — כלם דברים, אשר אין השכל נח בהם ואין הדעת שקטה, והחסידות האמתית הנרצה והנחמד רחוק מציור שכלנו״. דאָס רוב מענשען מיינען, אַז חסידות איז אָנגעווענדט בלויז אויף זאָגען פיעל מזמורים מיט לאַנגע ודוי'ס, מיט שווערע תעניתים — אַזעלכע זאַכען, וואָס דער שכל איז זיי נישט משיג.

אין פרק י״ח ביי דער ערקלערונג פון מדות חסידות, זאָגט ער, אַז מענשען האָבען קאַליע געמאַכט דעם רוח החסידות אין די אויגען פון המון און אויך ביי די משכילים, ווילכע מיינען, אַז חסידות

בעציהט זיך צו אזעלכע נארישקייטען, אדער אזעלכע זאכען, וואס דאס איז געגען שכל הישר. זיי גלויבען, אז דאס גאנצע חסידות בעלאנגט נאר אין זאגען פיעל בקשות, אין געוויינען, אין בוקעניש מיט משונה׳דיגע פייניגונגען, וואס דער מענש זאל זיך טויטען דורך וויי. ניין, נישט דאס איז חסידות! און ער רעכענט אויס די גוטע מדרגות, וואס דער מענש דארף בעזיצען, און אז דאס וואורט חסיד איז די העכסטע מדרגה, העכער פון צדיק, און חסידות איז דורך שמחה מיט׳ן הארץ, מיט׳ן גייסט. ואמרו חז״ל: אין השכינה שורה לא מתוך עצבות, די גמרא זאגט: די שכינה רוהט נישט אויף טרויער.

און דער בעל־שם האט פערטיעפט און פערברייטערט דעם גע־דאנק, אז א יוד דארף דינען גאט נאר מיט שמחה, דער מענש טאר גאר נישט צולאזען קיין מרה־שחורה, קיין טרויער. ער דארף שטענ־דיג זיין לוסטיג און פרעהליך, און דאס הייסט מיט אן׳אמת דינען גאט. ווייטער דארף א יוד זיך דערווייטערן פון אלע שלעכטע מדות, בעזונדערס פון גאוה, וואס דאס איז די מוטער פון אלע שלעכטע מדות. יודען דארפען לעבען אין אחדות און שלום. עס דארף נישט זיין קיין גרעסער, קיין קלענער — און דעמאלט וועט קומען די גאולה.

אבער אזוי ווי יודען לעבען נישט דערווייל אין זייער לאנד, זיי זענען צעווארפען איבער מדינות און שטעדט, זאל יעדער טייל, יעדער קבוץ יודען אויסקלויבען פאר זיך א רבי, וואס זאל שטעהן אבּ־סאלוט בראש פון דעם קבוץ און זיינע ווערטער דארפען זיין הייליג פאר אלעמען! מען טאר איהם נישט ווידערשפעניגען אויף א האהר. ווי די גמרא זאגט: ראש השנה כ״ה ע״ב „ירובעל בדורו כמשה בדורו דן בדורו כאהרן בדורו, יפתח בדורו כשמואל בדורו, ללמדך שאפילו קל שבקלים ינתמנה פרנס על הציבור, הרי הוא אביר שבאבירים״— ירובעל אין זיין דור איז ווי משה אין זיין דור, דן אין זיין דור איז ווי אהרן אין זיין דור, יפתח אין זיין דור איז ווי שמואל אין זיין דור— פון דאנען איז גענדרונגען, אז אפילו א קל שבקלים, דער גרינגסטער (דער קלענסטער) מענש, אז ער ווערט אויפגענומען פאר א פיהרער ביי א צבור, איז ווי דער גרעסטער מענש.

יעדער געדאנק פון א יודען, וואס געפינט זיך אין קבוץ דארף נאר זיין געציגעלט צו אט דעם מענשען, פאר איהם דארפען זיי ענט־דעקען אלע זייערע סודות, פאר איהם דארפען זיי עפענען זייערע ליי־דען און פריידען, זייער הארץ און נשמה, און נאר אזוי וועט קענען ביי יודען זיין אחדות און שלום. און אויף שלום שטעהט די וועלט.

עס פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע ווערטער זענען געוועזען אקו־ראט צוגעפאסט צו דער טרוקענער, מרה־שחורה׳דיגער מתנגד׳ישער צייט. זיי זענען געוועזען ווי א גוטער רעגען אויף א פערטריקענטען פעלד. און יודען האבען זיך א שאט געטהאן צו חסידות. די זעלבע אמונה, דערזעלבער דת, דערזעלביגער שולחן-ערוך, נאר א לייכטערער, א לייכטערעס לעבען, א לייכטערער אמונה־יאך מיט שמחה, התפעלות און עקסטאז. אין איבערהויפט — אלע גלייך, אלע גלייך — נישטא קיין יחוס.

איצט דארף מען זיך נישט פייניגען ביז אין טויט אריין און זיך נישט מצער זיין, נאר פערקעהרט, עסען די בעסטע מאכלים און טרינקען די בעסטע ווייגען — אבי זאל נאר זיין. מיט׳ן עסען און טרינקען די בעסטע ווייגען קען מען אזוי גוט דינען גאט, ווי מיט׳ן דאווגען און מיט׳ן לערנען, אבי מען עסט נאר לשם־שמים, מיט א פרעהליך הארץ, מיט שמחה, תענוג. א יוד דארף תמיד זיין לוסטיג און פרעהליך, א יוד דארף נישט זיין ביי זיך געפאלען מיט זיין יודיש־קייט, ווען ער קען אפילו נישט לערנען. מען קען דינען גאט מיט׳ן געדאנק, מיט׳ן געפיהל, אפילו מיט א קרעכץ.

ביי די מתנגדים זענען אפילו די לומדים געפאלען ביי זיך אין די ענינים פון יודישקייט. זיי האלטען פון דעם, וואס דער תנא ר׳ זירא האט געזאגט אין דער גמרא שבת קי״ב: אם ראשונים בני מלאכים אנו בני אנשים, ואם ראשונים בני אנשים אנו כחמורים, ולא כחמור של ר׳ דוסא ור׳ פנחס בן יאיר, אלא כחמורים סתם״.—אויב די ערשטע זענען קינדער פון מלאכים, זענען מיר קינדער פון מענ־שען, און אויב די ערשטע זענען קינדער פון מענשען, זענען מיר חמורים, אייזלען, און אפילו נישט דער אייזעל פון ר׳ חנינא בן דוסא און פון ר׳ פנחס בן יאיר, נאר פראסטע אייזלען...

אבער לויט דער שיטה פון בעל-שם, זענען יודען זעהר גרויס,

מען דאַרף אייגענטליך, נישט האָבען קיין גאונית און קיין אויסערגע־וועהנליכע פעהיגקייטען. זענען זיי דאָ, איז אַודאי גוט, אַנישט — שאַדט אויך נישט. אַלע יודען קענען זיין צדקים, די עמי־הארצים ווי די לומדים, נאָר אַ גוט האַרץ פערמאָגען איז שוין גענוג. די מתנגדים האַלטען פון דעם פסוק: „ולא עם־הארץ חסיד”, אַן עם־הארץ קען קיין חסיד נישט זיין, דאָס איז נישט ריכטיג. אַן עם־הארץ מיט אַ גוט האַרץ קען זיין אַ גרעסערער יוד, אַ גרעסערער חסיד, איידער דער גרעסטער תלמיד־חכם.

ווי געזאָגט, האָבען זיך יודען אַ שאָט געטהאָן צו חסידות. פאַר פראָסטע יודען איז דאָך דאָס חסידות געוועזען ממש אַ גליק. זיין אַקציע האָט זיך איצט אינגאַנצען געהויבען. אויסערדעם, איז ער פריהער אין בית־המדרש גאָר קיין מענש נישט געוועזען, נישט ביי זיך און נישט ביי אַנדערע. און דאָ, אין חסידים־שטיבעל, ווי מען רופט דעם חסידי־שען בית־המדרש, איז ער גלייך מיט'ן גרעסטען תלמיד־חכם. אָרימע־לייט ווידער זענען גלייך מיט די גרעסטע גבירים. לומדים מתנגדים האָט דאָס חסידות אויך צופרידענגעשטעלט דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך געקענט בעפרייען פון מרה־שחורה, זענען געוואָרען רוישענדיגער, ריהרעוודיגער און טיעף־דענקערישער, וואָס זיי האָבען פריהער נישט געקענט. פאַר זיי האָט זיך אויך געעפענט אַ נייע פעלד פון מיסטיק און קבלה, וואָס די פּאָעזיע פון דעם טרינקט אָן ווי מיט גוטען וויין.

און נאָך אַלעמען האָט געריי‌צט און געצויגען די פרייע חסידישע שטימונג. אַ מתנגד טהוט שטענדיג און דאגה'ט. אַז עס קומט פאַר יום־טוב, מוז ער זיך מאַכען אַ שענעם מלבוש, וואָרום אין בית־המדרש קוקט מען שטאַרק אויף מלבושים. טאָמער האָט אַ מתנגד נישט קיין שענעם מלבוש, שעמט ער זיך פאַר דעם צווייטען, וואָס געהט אין אַ שענערן מלבוש. ביי די חסידים איז די דאגה פון מלבושים אַראָב אינגאַנצען, ווי בכלל דאגות. דאָרט, אין חסידים־שטיבעל, שפּיעלען שענע קליידער קיין ראָליע נישט. מען קוקט זיך גאָר נישט אום אין וואָס פאַר אַ קאַפּאָטע דער אָדער יענער חסיד געהט. אַלע זענען גלייך.

אין חסידים־שטיבעל איז נישטאָ קיין חוקה־שטעט, נישטאָ

אינגאַנצען קיין שטעט, יעדערער שטעלט זיך דאַוונען, וואו עס קומט איהם אויס און אין כלל שטעהט מען נישט ביי חסידים אויף איין אָרט ביים דאַוונען. מען דרעהט זיך, מען וואַרפט זיך, דער טעמפּעראַמענט לאָזט נישט איינשטעהן. מען מוז זיך בעוועגען. געהען טאַקע אום חסידים בשעת זיי דאַוונען. איינער שטעהט פריהער אין מזרח, דערנאָך ביים טהיר, דערנאָך אין דרום, אין צפון — מיט איין וואָרט, מען דרעהט זיך.

און אויך היטען זיי נישט דאָס דאַוונען בצבור, די האַלטען „ברוך שאמר", און יענע „ישתבח", און די „שמונה עשרה", און דער רויכערט אַ לולקע. רויכערן איז ביי זיי אויך אַ מצוה.

און דאָ אין אַ ווינקעל שטעהען עטליכע חסידים. איינער האַלט אין האַנד אַ פלעשעל בראָנפען מיט אַ קעליש־אָק און טרינקט מיט אַנ'עדה יודען לחיים — די האָבען שוין אָבגעדאַוונט נאָך פאַר'ן עולם. קאָצקער חסידים קענען זיך מאַכען לחיים, אפילו נאָך פאַר'ן דאַוונען, אין מיטען קומט נאָך איינער אָן מיט אַ נגונ'דיל און עטליכע יונגלעך העלפען איהם צו — און עס איז פרעהליך.

גאווה איז בכלל ביי חסידים נישט פאַרהאַן, אַזוי ווי דאָס וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געוועזען. אלע זענען גלייך, אָרימע מיט רייכע, עמי־הארצים מיט לומדים, יונגערע מיט עלטערע. דאָס רוב „דוצען" זיך חסידים, און זיי קענען גאָר נישט פערליידען, אז מען אירצט זיך. אירצען זיך איז ביי זיי אַ מין אַנטי־חסידות.

נאָר דער, וואָס קען גוט זאָגען, האָט אַ זיסען קול, מיט האַרץ מיט כונה, ווערט זעהר געשעצט ביי חסידים. אויך דער, וואָס האָט אין זיך אַ סך שמחה, קען מאַכען אַ שנאַפּס און חאַפּען אַ טענצעל, ווערט אויך שטאַרק געליעבט. און אז איהם פערווילט זיך טאַנצען, שלעפּט ער מיט אלע חסידים און מען געהט. ער מעג זיין אַ יונגערמאַן, אָדער אַנ'אָרימאַן, אָדער אַ פּראָסטער יונג. עס מאַכט נישט אויס. ער שלעפּט שוין אַריין אין טאַנץ דעם גרעסטען גביר, דעם גרעסטען למדן, דעם עלטסטען זקן, און מען טאַנצט אין אַ גלאַטען מיטוואָך, און טאָמער פוילט זיך צו אַמאָל אַ רייכער זקן, וואָס דאָס טרעפט איינענטליך זעלטען, קריעגט ער אַ קלאַפּ אין פּלייצע און מען ציהט איהם פאַר דער באָרד ביז ער נעהמט טאַנצען. און ער מוז

מאַכען אַ שנאַפּס אויך, ווערט ער שוין בגלופנ׳דיג און טאַנצט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

ביי די חסידים איז שטענדיג יום־טוב און שטענדיג פרעהליך. ווען איינער האָט יאָהר־צייט, רייסען שוין ביי איהם די חסידים אין שטיבעל שנאַפּס. טאָמער איז ער אַן אָרימאַן, גיבען די נגידים פאַר איהם שנאַפּס, און ווען אַ שטיקעל נגיד האָט יאָהר־צייט, מוז ער שוין געבען שנאַפּס לרוב, און דער עולם טרינקט נאָכ׳ן דאַוונען און עס איז לעבעדיג. אין גרונד איז ביי זיי יעדער טאָג אַ מין יום־טוב. דאָ איז יאָהר־צייט נאָכ׳ן רבי׳ן, מאַכט מען אַ סעודה און מען טרינקט, און מען עסט און מען זינגט, דאָ איז אַ גאַסט — איז ווידער דאָס־זעלבע, דאָ פערווילט זיך גלאַט איינעם הוליען א. ז. וו.

דער שבת וואָס פאַר סליחות, בעת אויף אַלע מתנגדים ציהט זיך אַרויף אַ גרויסע מרה־שחורה און מען ריכט זיך אויפ׳ן יום־הדין, בעת מען זאָגט פאַרנאַכט אין די בתי־מדרשים דעם יאָמערדיגען למנצח, איז דאָ, אין חסידים־שטיבעל, ערשט אַנ׳אמת׳ע שמחה. אין דעמזעלבען שבת פאַרנאַכט זינגט מען ביי די חסידים זמירות ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, נאָך שפּעטער ווי אַלע שבת, און שבת־צו־נאַכט׳ס ווערט געקאָכט אַ קרופּניק מיט פלייש, מען ברענגט שנאַפּס מיט ביער (דעם קרופּניק קאָכט מען אין חסידים־שטיבעל, אָדער ביי אַ שכן) און דער עולם זינגט פערשידענע נגונים דעם גאַנצען אָווענד ביז האַלבע נאַכט. דעמאָלט קומען זיך שוין אויף אַלע חסידים, מען זאָגט סליחות קורין און מונטער, און אין אַ האַלבע שעה איז מען שוין פאַרטיג מיט׳ן סליחות. דערנאָך גרייט מען צום טיש. אויב דער קרופּניק איז פאַרטיג, געהט מען עסען, אַניש זינגט מען און מען טאַנצט מיט כונה.

און אַזוי הוליעט מען אָב ביז פאַרטאָג. אין דער נאַכט איז מען מסדר דאָס פאָהרען צום רבי׳ן, וויפיעל פוהרען מען וועט דאַרפען האָבען א. ד. ג. די אָרימע רוקען זיך צו די רייכערע. יעדער אָרימער בעשטעלט זיך אַ רייכען אויף צו פאָהרען, און אינטערעסאַנט: דער אָרימאַן קלויבט אויס דעם נגיד און נישט דער נגיד דעם אָרימאַן, און אז דער אָרימאַן קלויבט זיך אויס, לאָמיר זאָגען, חיים׳ען, טאָר איהם שוין חיים נישט אָבזאָגען. פערקעהרט, דער נגיד ניט איהם

נאָך אַ קלאַפּ אין פּלייצע, דער אָרימאַן ניט איהם צוריק און מען מאַכט זיך אַ געלעכטער. צום גרעסערן נגיד רוקען זיך צו צוויי אָרימע חסידים, און גאָר צו אַ גרויסען נגיד — אַ דריי, פיער. מיין פּאָטער האָט שוין געהאַט זיינע חזקה־חסידים׳לעך: אברהם, הירש און מאָטקע, וואָס זענען שוין מיט איהם געפאָהרען אַלע ראש־השנה צום רבי׳ן.

צום רבי׳ן פאָהרען אויף ראש־השנה מעהר ווי אַ דריטעל חסידים, און די איבעריגע, וואָס פאָהרען נישט, קומען זיך אַלע אויף צום בעגלייטען די אַוועקפאָהרער. מען גיט זיי מיט קוויטלעך־בקשות צום רבי׳ן, אין וועלכע עס ווערען אויסגעשריבען די בקשות, וואָס דער אָדער יענער פערלאַנגט פון רבונו־של־עולם.

און ווי אַזוי חסידים לעבען אַ גאַנץ יאָהר, האָב איך, דאַכט מיר, גענוג בעשריבען אויפ׳ן נעהעריגען אָרט אין מיינע זכרונות.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז דאָס חסידות צוגעפּאַסט פאַר אַלע טיילען און קלאַסען פון פאָלק, פאַר׳ן אָרימאַן, פאַר׳ן גביר, פאַר׳ן עם־הארץ און פאַר׳ן למדן, פאַר׳ן אַלטען און פאַר׳ן יונגען, דעם נגיד׳ישען חסיד איז ממש מקנא צו זיין. איהם איז בעסער פאַר׳ן גרעסטען גביר פון מתנגדים. און נישט נאָר ביי יודען, אַ רייכער און פרומער קריסט האָט געוויס נישט דעם תענוג פון אַ רייכען חסיד, ביי דעם לעצטען איז די שטוב פול מיט געזאַנג, מיט עקסטאַז און גרויסער שמחה.

נאָר איך האָב דאָך קיין חסיד נישט געקענט ווערען. צו חסידות איז נישט געלעגען מיין הארץ. ערשטענס, האָט מיך אָבגעשטויסען פון חסידות דער ענין רבי, וואָס איז שרעקליך פרעמד דעם כאַראַקטער פון אַ מתנגד. אַ רבי אַן און פאַר זיך איז נאָך אפשר צו דערלויבען. נאָר דער קאָך, וואָס אַרום איהם, די אונגעהויערע בעדייטונג זיינע און דאָס, וואָס די רבי׳שאַפט געהט איבער בירושה, ווי ביי אַ קיסר, שטויסט אָב אינגאַנצען. איך קען בשום אופן נישט גלויבען, אַז עס זאָל זיין אַ מענש, נישט נאָך קיין אויסגעקליבענער, נאָר בירושה, פאַר וועלכען מען זאָל קענען אויסריידען דאָס האַרץ, פערטרויען אַלע פעהלערען, וואָס קומען דורך דער נאַטור, אָדער דורך

געוועהנהײַט, און אָט דער מענש, ווידער, זאָל איהם לערנען ווי אַזוי זיך אויסצובעסערן, אָבצוגעוועהנען זיך פון זײַן שלעכטער נאַטור, פון זײַנע שלעכטע געוועהנהײַטען א. ז. וו. און עס זאָל זיך ווילען איהם פאָלגען.

ווידער האָט מיך אָבגעשטויסען פון חסידות יונגעלווײַז דאָס, וואָס איך האָב מיך אָנגעזעהן בײַ אָרימע חסידים דאָס שלעכטע לעבען פון זײַערע ווײַבער. די מאַנען, די חסידים, זענען שטענדיג פרעהליך, לוסטיג, עסען, טרינקען, טאַנצען און זינגען מיט חסידים, און זײַערע ווײַבער און קינדער זיצען אין דער־הײם אין קעלט און אין הונגער.

געוועזען חסידים אַרבײַטער, וואָס פלעגען פערדינען אינגאַנצען צעהן גילדען אָדער צוויי רובל אַ וואָך. זיי פלעגען וואַשען שעכסענע פעלכלעך בײַם טײַך אום ווינטער און די ווײַבער מיט די קינדער זײַערע פלעגען לײַדען הונגער און קעלט. אָבער נאָך דער אַרבײַט פלעגען זיי, די מאַנסלײַט, געהן אין שטיבעל, פלעגען זיך מאַכען פרעהליך, הוליען און זינגען, און זיי האָבען זיך, אַפנים, ווענִיג מצער געווען דערפון, וואָס דאָס ווײַב און קינדער זיצען אין אַ קאַלטער דירה און הונגערן.

און דאָס האָט מיר פערשטערט די שמחה. פסיכאָלאָגיש איז אפשר דער קבצן גערעכט: וואָס וועט שוין זײַן, אַז ער וועט זיצען אין דער־הײם מיט די פערקומערטע ווײַב און קינדער? וועט ער זיי דערן דערוואַרימען? וועט ער זיי פרעהליכער מאַכען? אָבער אויף מיר האָט עס שטאַרק געווירקט, און מיר זענען בעסער געווען געפעלען די חמאַרנע מתנגדים, וואָס פרעהען זיך נישט, וואָס טאַנצען נישט און זינגען נישט, אָבער דערפאַר זענען זיי מעהר נעבען זײַערע ווײַבער און קינדער, און טראָגען אויף זיך דעם שווערען יאָך פון פרנסה.

געגען חסידות האָב איך געהאַט, פערשטעהט זיך, טעאָרעטישע אַרגומענטען אויך, ווי איך האָב שוין געשריבען, נאָר דאָ איז וויכטיג צו דערמאָהנען די פראַקטישע זײַט, צוליעב וועלכער איך האָב, אַפנים, הויפטזעכליך נישט געקענט מושוה ווערען מיט דער שיטה. און נאָך וואָס: מען דאַרף זיך קענען פערגעסען אָן דעם פראַקטישען לעבען און איבערגעבען זיך אינגאַנצען צו געזאַנג און זאָרגלאָזיגקײַט. איך

האָב דאָס ניִשט געקענט, און פון מיִר האָט קיין חסיד ניִשט געקענט אַרויס.

נאָך אַ פעהלער איִן חסידות מוז איִך דערמאָהנען, וואָס האָט אויף מיִר דעמאָלט שלעכט געוויִרקט. בּײַ חסיִדיִם האָבען קיין גרויסע למדניִם ניִשט געקענט אַרויסקומען. אַ גוט חסיִדיִש יונגעל מיִט אַ גוט קעפּיִל איִז פערפאַלען געגאַנגען. ער האָט ניִשט געלערנט, בּײַ איִהם זענען אוועק די טעג איִן גאָרניִשט און דאָס האָט זעהר וועה געטהאָן.

מתנגד'יִשע קיִנדער האָבען אָבער אַ סך געלערנט, האָבען טאַקע אַ סך געקענט און מיִט זיי האָט מען זיִך געצאַצקעט. אַ מתנגדיִש יונגעל האָט געהאָרעוועט. און מיִר האָט זיִך אויך געוואָלט האָרעווען און קענען. און איִך בּיִן אַזוי איִנגאַנצען דערווײַטערט געוואָרען פון חסידות...

אין בוכהאנדלונג א. גיטלין,

ווארשא, נאלעווקי, איוואנאווסקי באזאר

טעלעפאן 31–59 (גענענאיבער קראכינסקי'ס גארטען).

געפינט זיך שטענדיג אויף לאגער א גרויסער אויסוואהל פון די נייעסטע אויך פון אלטע ליטעראטור און אלע פערלאגען. איגלענדישע און אויסלענדישע אין פערשידענע שפראכען, ווי: העברעאיש, יודיש, יודיש-רוסיש, יודיש-דייטש, (יודאיקע).

א ספעציעלער זעהר גרויסער אויסוואהל פון קינדער-ליטעראטור פון אלע פערלאגען.

אין בוכהאנדלונג א. גיטלין קען מען צו יעדער צייט בעקומען פערשידענע געשאנקען (מתנות) ווי פאר קינדער אין עלטער פון 5–6 יאהר, זא פאר עלטערע מענשען אין פראכט-בענדער, אין פערשידענע שפראכען צו בילינע פרייזען. אין בוכהאנדלונג א. גיטלין געפינט זיך א גרויסער אויסוואהל פון פערשידענע יודישע נאטען פאר פיאנא און פידעל, אויך 64 מוסט. פאסט-קארטען, טעקסט מיט נאטען פאר פידעל, פיאנא און זינגען צו 3 קאפ.

אין בוכהאנדלונג א. גיטלין איז שטענדיג צו בעקומען א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע יודישע פיעסען (טעאטער שטיק) אפערעטקעס, דראמען פון אלע נייעסטע, אויך אלטע אויסגאבען, אינלענדישע און אויסלענדישע, אויך פעגנזורקעס פון אלע פיעסען, אויך נאטען פאר כאר און ארקעסטער צו בילינע פרייזען.

אין בוכהאנדלונג א. גיטלין געפינט זיך דער גרעסטער אויסוואהל פון לעהר-ביכער (ספרי חנוך) אין אלע שפראכען פון אלע פערלאגען.

אין בוכהאנדלונג א. גיטלין געפינט זיך א גרויסער אויסוואהל פון פערשידע-נע יודישע און אלגעמיינע פאסט-קארטען (ווידאקען), אויך גרויסע און קליינע וואנד-בילדער ספעציעל יודישען אינהאלט פון 36 קאפ. ביז 4 רובל פער שטיק. אויך איז ביי אונז צו בעקומען (ספרי רומ"ל), ווי: סדורים אין פראכט-בענדער, געשאנקען פאר כלות און איינפאכע סדורים, אויך חומשים עשרים וארבע, ש"ס בכרך אחד מיט רש"י, מחזורים פערשידענע מיט איבערזעצונג אין פערשידענע שפראכען. אלץ חוץ אנבעלאנגט צום מסחר פון ספרים איז ביי אונז צו בעקומען פון די שענסטע צו בילינע פרייזען.

זעהר חילכטיג פאר צייטונגס-פערקויפער! אלע יודישע פעריאדישע אויסגאבען וועלכע ערשיינען נאר, איז ביי אונז צו בעקומען צו די בילינסטע פרייזען.

אין בוכהאנדלונג א. גיטלין ווערט אנגענומען אבאנענטען און אנאנסען כמעט אויף אלע צייטונגען.

בוכהענדלער, ביבליאטעקען און לעהרער בעקומען גרויסען ראבאט!

אין בוכהאנדלונג א. גיטלין איז דער הויפטפערקויף

אויף גאנץ פוילין פון פערלאג „מוריה" אדעססא.

קאטאלאגען פון פערלאגס-בוכהאנדלונג א. גיטלין ווערען געשיקט פראנקא.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען:

Книж. Магаз. Э. ГИТЛИНА, Варшава, Налевки Ивановскій Базаръ

דער שילער קלוב
פון דער מאָראָנטער
נאַציאָנאַלע-ראַדיקאַלע שולע

דער שילער קלוב
פון דער מאָ...
נאַציאָנאַלע-ראַ...

[illegible]
פון דער [illegible]
נאציאנאל-ראדיקאל[illegible]
שולע

3 1761 06989569 6